STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09474

FILADELFYER FRAYNT FUN YISROEL YOR-BUKH UN KONTSERT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספאנסאָרס פון „פילאדעלפיער אידישע אנשטאלטען און זייערע פיהרער"

★ ◆ ★

הרב דוב אריה הכהן לעווינטאל
ריכטער לואיס ע. לעווינטהאל
ריכטער לעאפאלד ס. גלעס
דר. מייער סאלים קאָהען
ראבאי סיימאָן גרינבערג
ראבאי אייברעהעם א. ניומאן
הרב אפרים אליעזר הכהן יאלעס
ראבאי סאלאמאן ברזל
סענאטאר ישראל שטיפעל
האנארייבל בענדזשאמין מ. גאָלדער
דזשאָזעף אמינסקי
קאונסילמאן לואיס שווארטץ
דייוויד וועבער
דזשייקאָב בראדסקי
מאיר ליכטענשטיין
ראבאי אהרן דעקטער
וויליאם פּאָרטנער
ב. פּ. מילער
אדאלף וואקס
ניסן פייגען
ארטור לעפקאָ
ראבאי מאיר לאסקער
אדו"מר יעקב ראבינאוויטץ
(מאנאסטרישטשער רבי)
אדו"מר משה צבי טווערסקי
(טאָלנער רבי)
אב. סילווער
סעמועל פּאליי
דזשאָזעף ס. עליקמאן
מאקס פיינגאָלד

סעמועל נעצקי
דזשאָזעף קאופמאן
דזשייקאָב טיקאסקי
סאל לעווינסאָן
ס. לעוויטיעס
הערי קעסלער
מ. מ. סילווער
חיים ריקלין
אפרים בראונשטיין
נייטען סילווערמאן
דייוויד אווערבאך
נייטען קאדראף
נייטען פּערילשטיין
היימאן לואיס
פישער בראָדערס
(פישער מעמאָריאל פּארק)
גאָלדע נעמיראווסקי
דאָרא סילווערשטיין
יוסף פאול
משה טשערקאסקי
אלעקס וואלקין
אב. קארסאָן
יהושע לאנדאווי
יעקב ראָזענבלום
מאקס און דזשיען וויים
גדליה שיינפעלד
גדליה ראבינאוויטץ
אהרן שטיינבערג
פרענק בראון

פילאדעלפיער
אידישע אנשטאלטען
און זייערע פיהרער

יאָר־בוך פאר

1942 - 1943

תשרי, ה״תשג

יוד לאמעד מאלאמוט

רעדאקטאר און ארויסגעבער

ערשטער בוך

דאָס אידישע געזעלשאפטליכע לעבען אין פילאדעלפיא

★

(הקדמה)

★

דאָס דאָזיגע בוך „פילאדעלפיער אידישע אנשטאלטען און זייערע פיהרער,״ פרעטענדירט ניט צו גיבען אַ פולשטענדיגע געשיכטע פון די אידען אין פילא־דעלפיא.״ אזא ארבייט פאָדערט יאָהרענלאַנגע פאָרשונגען, און קען קיינמאָל ניט געשאַפען ווערען פון איין פערזאָן.

דער צוועק פון דעם דאָזיגען בוך איז צו גיבען מעהר אָדער ווינציגער א קלאָה־רען באַגריף פון דעם וואָס די אידען אין פילאַדעלפיא האָבען אין אַ משך פון די לעצטע דריי דורות געשאַפען אויף דעם געזעלשאַפטליכען געביט, סאציאַל, פּאָ־ליטיש און עקאָנאָמיש.

אַזוי ווי אַלץ האָט זיך ביי אידען אָנגעהויבען פון די שוהלען און קאנגרע־גיישאָנס, דעריבער פאַרנעמען די שוהלען דעם אויבענאָן.

נאָך די שוהלען קומען די ישיבות און קאַלעדזשעס, די גייסטיגע אינסטי־טוציעס וואָס האָבען געהאָלפען אנטוויקלען די אידישע יוגענט, פורעמען און צעמענטירען דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין פון דער אידישער יוגענט, וואָס איז געבוירען און אויפגעצויגען געוואָרען אויף דעם אמעריקאנער באָדען.

באַזונדערס האָבען מיר אין דעם בוך געוואָלט פעסטשטעלען, אַז דער פריהער־דיגער אימיגראַנטען דור, די אידען פון מזרח אייראָפּא, וואָס זיינען געקומען אַהער מיט פופציג און זעכציג יאָהר צוריק, האָבען ניט געלעבט אומזיסט. זיי זיינען טאַקע געקומען אהער פון פינסטערע גלות־לענדער כדי זיך צו ראַטעווען פון אַ ביטערער נויט, פאַרפאָלגטע און געקריוודעטע פון טיראַנישע רעזשימען, פּאָגראָ־מירטע און געשענדעטע, אָבער אַזוי שנעל ווי זיי האָבען זיך געראַטעוועט פון די גיהנום־לענדער, פון קישינעוו און ביאַליסטאָק, פון האמעל און סאקאליפקע, פון אָדעס און פון יאַסי, און פון צענדליגער אַנדערע פּאָגראָמירטע שטעט, האָבען זיי גלייכצייטיג ווי זיי האָבען גענומען ארבייטען פאַר אַ שטיקעל ברויט, אויך גענומען זאָרגען פאַר אַ אידיש געזעלשאַפטליך שענער לעבען.

זיי האָבען אָנגעהויבען בויען שוהלען און צענטערס, וואוילטעטיגע אנ־שטאלטען און קולטורעלע אינסטיטוציעס.

דאָס דאָזיגע בוך שטעלט פעסט, אַז דער נעכטיגער אימיגראַנט, וואָס האָט באַקומען אין דעם הכנסת אורחים דעם ערשטען נאכטלעגער און מאָלצייט, האָט אַזוי שנעל ווי ער האָט באַקומען ארבייט, אַליין שוין אָנגעהויבען זאָרגען פאַר דעם „גרינעם״ וואָס דאַרף קומען נאָך איהם, און זיך איינאָרדנען.

די מאַטעריאַלען וועגען הכנסת אורחים, דעם „האיאַס,״ די פאַקטען וועגען די מושבי זקנים, בתי יתומים, ישיבות, שפּיטאַלען און סאניטאריומס, זיינען עדות אַז מיר קענען שטאָלץ זיין אויף אונזער פאַרגאַנגענהייט.

דער נעכטיגער אָרימאַן, איז דער היינטיגער בעל הבית. דער אמאָליגער „נעמער״ פון צדקה, איז דער היינטיגער „געבער.״

דער עיקר האָבען מיר געוואָלט פעסטשטעלען דעם פאַקט, אַז רוסישע, פוי־לישע, רומענישע און גאַליציאַנישע אידען, האָבען דאָ ניט געוואָלט לעבען אין דעם זכות פון זייערע ברידער, די דייטשע „יאהודים."

קיינער קען ניט אוועקנעמען פון די „יאהודים" דעם קרעדיט פאַר דעם „דזשואיש האָספיטאַל," די היברו סאָנדעי סקוהלס און דערגלייכען, אָבער מיר ווילען אָנווייזען, אַז אין די פאַרגאַנגענע פופציג יאָהר האָבען אונזערע אידען, די „אסט יודען," פון מזרח אייראָפּא, געשאַפען וואונדערליכע אנשטאַלטען, וואָס זיינען מאָנומענטאַל, און ריידען פאַר זיך אַליין.

ישיבת משכן ישראל און ישיבת אהל משה און תורה מציון, דער אַפּטאַון מושב זקנים, און דאַון טאַון מושב זקנים, דער נאָרטהערן ליבערטיס האָספּיטאַל, און דער דאַון טאַון בית יתומים, דער דעבארא סאַניטאַריום, און די אידישע דעי נוירסערי, די דאָזיגע און צענדליגער אַנדערע אידישע אינסטיטוציעס, זיינען אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס אונזערע רוסישע און פוילישע, רומענישע און גאַלי־ציאַנישע אידען האָבען דאָ געשאַפען דורך זייערע פרייוויליגע ביישטייערונגען און דורך פיהלען דאָס אחריות וואָס די געזעלשאַפט האָט ארויפגעלייגט אויף זיי, אַלס אַן אָרגאַניזירטער קיבוץ.

מיר זיינען דאָ אויסגעוואַקסען ניט נאָר אין צאָהל, פון אַ קליין הייפעלע ביז צו אַ פערטעל מיליאָן אידישע נפשות, (כן ירבו), נאָר מיר זיינען אויך רייכער געוואָרען גייסטיג און קולטורעל, און מיר קענען מיט שטאָלץ אָנווייזען, אַז מיר האָבען דערפילט אונזער סאָציאַלען חוב צו דער געזעלשאַפט.

עס איז שוין לאַנג אַוועק יענע צייט, ווען אונזערע דייטשע ברידער זיינען געוועזען די צדקה געבער, און די רוסישע אידען די נעמער. מיר זיינען היינט גלייכע שותפים און טראָגען אַ געמיינזאַמע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר אונזערע נויטען, און בשותפות שטרעבען מיר צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די נויט־באַדירפטיגע, לינדערען דעם עלענט און די נויט, די קראַנקהייט און אַלע אַנדערע איבלען אין דער געזעלשאַפט.

עס איז שוין אויך לאַנג אָפּגעשליידערט געוואָרען די באשולדיגונג אויף אונז, אַז „רוסישע אידען" קענען ניט זיין אָרגאַניזירט און פאַראייניגט, און פאַרמאָגען ניט קיין סיסטעמע אין זייערע אָרגאַניזאַציעס.

אויף דעם זאָגען עדות ניט נאָר די אנשטאַלטען וואָס מיר האָבען דאָ געשאַפען און באַפעסטיגט, נאָר אויך אונזערע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס און בענעוואָלענטס, דער ברית שלום, און ברית אחים, די באַסלאַווער און די סמילער, דער אהבת אחים און די רומעניען היברו, און מיט זיי הונדערטער אַנדערע אידישע לאַנדס־מאַנשאַפטען און פרויען אָרגאַניזאַציעס. זיי אַלע זיינען לעבעדיגע עדות אויף אונזערע קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען.

דער פאַקט וואָס די סמילער פייערען שוין אַ פופציג יאָהריגען יובילעאום, די באַסלאַווער אַ פערציג יאָהריגען יובילעאום, און וואָס צענדליגער אַנדערע אָרגאַ־ניזאַציעס ציילען שוין דריי און פיער צענדליג יאָהר, באַווייזט, אַז מיר האָבען שוין אין פילאַדעלפיאַ געשאַפען געשיכטע.

איז וויכטיג, אַז דאָס אַלעס זאָל קאָאָרדינירט ווערען, דער מאַטעריאַל זאָל

אפגעקליבען ווערען, און ארויסגעבראכט ווערען קאלעקטיוו אין איין בוך, וואס זאל דינען, אויב ניט אלס געשיכטע פון די אידען אין פילאדעלפיא, איז כאטש פאר מאטעריאל צו דער געשיכטע.

מיר האבען איצט אפגעשלאסען א תקופה פון א האלבען יאהר הונדערט. אונזער אידיש ארגאניזירט לעבען אין פילאדעלפיא האט זיך אנגעהויבען אין די אכציגער יאהרען פון דעם פארגאנגענעם יאהרהונדערט. אין יענער צייט האט זיך אין פילאדעלפיא ניט געפונען קיין איין מקום קדוש אין דעם גאנצען דאון טאון. היינט צו טאג שטייען אזעלכע מאנומענטען ווי די בני אברהם שוהל, די ניעזשינער אהבת אחים שוהל, די בני ראובן, די פועלי צדק שוהל, די ווילנער שוהל, און דאס אייגענע טרעפט איהר אין סטראבערי מענשאן, די כרם ישראל, די בני ישורון, און דאס זעלבע אין אלע אנדערע טיילען פון דער שטאדט.

די בויער און שאפער, די גרינדער און בויעשטייערער זיינען אלץ געווען שוין אונזערע אייגענע „גרינע" אידען, די וועבערס און די בראדסקים, די פערילשטיינס און שאפיראס, און מיט זיי הונדערטער אנדערע וואס האבען אריבערגעבראכט מיט זיך אידישע טראדיציעס און מנהגים, אידישע אידעאלען פאר וועלכע זיי האבען געארבייט אזוי שנעל ווי זיי האבען אויסגעגלייכט דעם רוקען, און זיך דערפיהלט, אז אמעריקא איז א ברכה פאר יעדען איינעם וואס וויל ארבייטען און לעבען זעלבסטשטענדיג אלס איד און מענש.

גלייכצייטיג ווילען מיר אויך פעסטשטעלען, אז אויף דעם פאליטישען געביט זיינען מיר דא געווען פונקט אזוי נוציליך און דערפאלגרייך, און אז מיר האבען דא ארויסגעגעבען א צאהל חשובע פערזענליכקייטען, ריכטער און געזעצגעבער, דאקטוירים און אדוואקאטען.

עדות דערויף זיינען די סולצבערגער און די לואיסעס, די קליינ'ס און קוהנ'ס, די לעווינטהאל'ס און די גלעס'עס, די ניומאנ'ס און אנדערע.

עס איז פאקטיש ניטא קיין איין געביט אויף וועלכען אונזערע אידען האבען זיך ניט אויסגעצייכענט אין פילאדעלפיא.

אויב דאס דאזיגע בוך זאל בלויז דאס פעסטשטעלען, וועלען מיר אויך פיהלען, אז מיר האבען ניט פארפעהלט אונזער ציעל.

פיהלען מיר דעריבער, אז די קורצע סקיצען און אפהאנדלונגען וועגען אונזערע אידישע אנשטאלטען, וועלען לייסטען פאר דעם צוקונפטיגען היסטאריקער א האנטבוך, וואס וועט איהם געבען א קאלאדייסקאפיש בילד פון דעם דור, וואס האלט שוין ביים אוועקגעהן.

עס איז א גרויסער שאד, וואס אזא ארבייט איז שוין לאנג ניט אונטערגענומען געווארען. עס זיינען שוין איצט געבליבען זעהר ווינציג פערזאנען, וואס זיינען באמת געשטאנען ביי דעם רודער פון דעם ארגאניזירטען אידישען לעבען אין פילאדעלפיא.

די גרעסטע צאהל אידישע תושבים, וואס זיינען געקומען אהער ביי דעם סוף פון דעם פריהערדיגען יאהר הונדערט, זיינען שוין ניטא מעהר צווישען די לעבעדיגע.

איז דעריבער כדאי כאָטש צו גיבען אַ בילד פון יענער צייט, און דאָס דאַרף זיך שאַפען דורך די אנאלען פון די שוהלען און זייערע גרינדער, די פראַ־טערנאלע אָרגאניזאציעס, און דורך די ביאגראפיעס פון די חשובע פּערזאָנען וואָס שטייען איצט ביי דעם רודער פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, אַלס פּרע־זידענטען און געוועזענע פרעזידענטען, טרעזשורערס און סעקרעטאַרען.

געזעלשאַפטליכע ארבייט טוט זיך ניט פון זיך אַליין. ארום יעדער וויכ־טיגער אקציע געפינען זיך תמיד געציילטע פּערזאָנען, וואָס אָהן זיי וואָלט די ארבייט קיינמאָל ניט אָפּגעטאָן געוואָרען.

האָפען מיר, אַז דאָס בוך וועט פיהרען דערצו, אַז געזעלשאַפטליכע ארבייט וועט אָפּגעשעצט און דערמוטיגט ווערען. גייסטיגע פיהרערשאַפט וועט באַלוינט ווערען מיט כבוד און דרך ארץ, געלערזאמקייט וועט רעספּעקטירט און געאַכטעט ווערען.

דער עיקר וועלען אונזערע קינדער נאָך אונז האָבען פאַר זיך אַ ווערק, אויף וואָס זיי וועלען קענען אָנווייזען מיט שטאָלץ און זאָגען:

—אָט דאָס זיינען געווען אונזערע טאַטעס און זיידעס.

זיי זיינען געקומען אהער מיט ליידיגע הענט, און ניט נאָר האָבען זיי זיך דערוואָרבען עשירות און מאַטעריעלע רייכטימער, זיי זיינען ניט נאָר געוואָרען באַקאַנטע אינדוסטריאַליסטען און קאַפּיטאַליסטען, מיליאָנערען, נאָר זיי זיינען אויך געוואָרען פּראָפעסאָרען און ריכטער, סענאַטאָרען און לעגיסלאַטאָרען. זיי האָבען קיינמאָל ניט פאַרגעסען אַז די געזעלשאַפט לעגט אויף זיי ארויף אַ גרויס אחריות.

אין דער צייט, ווען אונזערע ברידער זיינען גערודפט געוואָרען אין רוסלאַנד, רומעניע און צענדליגער אַנדערע לענדער, האָבען מיר דאָ דערפיהלט, אַז דאָס בלוט פון אונזערע ברידער שרייט צו אונז און רופט און וועקט אין אונז דאָס אחריות געפיהל.

מיר האָבען געשאַפען מיליאָנען פאַר צענטראַל און פּיפּלס רעליעף נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, און די „דזשאָינט" און איהרע פאַרטרעטער זיינען עדות דערויף.

מיר האָבען געשאַפען דעם קרן היסוד, דעם קרן קימת, און האָבען בייגע־שטייערט מיליאָנען פאַר דעם עלאַיד דזשואיש אַפּיל, פאַר דעם געווערקשאַפטען קעמפּיין, און פאַר צענדליגער אַנדערע נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע אנשטאַלטען.

עס איז וויכטיג, אַז עס זאָל פעסטגעשטעלט ווערען, אַז אונזערע אידישע מאַנופעקטשורערס זיינען ניט נאָר אָנזאַמלער פון מאַטעריעלע רייכטימער, נאָר אַז זיי זיינען אויך בעלי צדקה און פילאַנטראָפּען.

די עליקמאַנ'ס און פאַליי'ס, די פיינגאָלד'ס, די נעצקי'ס, און מיט זיי די דאַראַף'ס און עליס'עס, האָבען ניט נאָר געמאַכט אַן עשירות, נאָר זיי האָבען אויך צוטיילט צדקה מיט דער פולער האַנט און פרייגיביג. געבען איז ביי זיי געוואָרען אַ פּרינציפּ, אַ פּריווילעגיע. זיי האָבען געגעבען ווי פילאַנטראָפּען, ניט ווי מען וואָלט פאַר זיי מכניע זיין.

און דערפאר האָבען מיר געפונען פאר נויטיג צו געבען דעם ביאגראפישען טייל אין דעם בוך.

זאָל דאָ אויך באמערקט ווערען, אז דער מאטעריאל וועגען די ערשטע שוה־לען און טעמפלען איז געפונען געוואָרען אין ס. וו. מאראיע׳ס בוך „אידען אין פילאדעלפיא,״ וואָס איז דערשינען אין 1894. מיר האָבען אויך באנוצט די צוויי ביכער פון מאָזעס פריהמאן, וועלכער איז באזונדערס געווען געטריי דער באוועגונג פון דעם אמעריקאנער אידישען קאנגרעס.

עס מוז אָבער אויך באמערקט ווערען, אז א גרויסען דאנק פארדינען כמעט אלע אידישע פיהרער, רבנים, כלל טוער און פרעזידענטען פון אָרגאניזאציעס, סעקרעטארען און דעסטגלייכען פאר זייער הונדערט פראָצענטיגער קאאפעראציע וואָס זיי האָבען געגעבען בכבוד׳יג דעם רעדאקטאר פון „אידישע אנשטאלטען און זייערע פיהרער.״ אָהן זייער קאאפעראציע וואָלט דאָס בוך איבערהויפט ניט געווען מעגליך.

עס זאָל אויך פארצייכענט ווערען, אז דאָס דאָזיגע בוך דערשיינט אין דער קריטישסטער צייט פון אונזער אידישער געשיכטע, ווען בלוט פליסט איבער אלע טיילען וועלט ווי וואסער. אידיש האָב און גוטס און גייסטיגע רייכטימער איבער דער וועלט ווערט חרוב און אָפּגעווישט ווי נאָך א מבול.

זעהר ניט קיין גינסטיגע צייט פאר אזא ארבייט, און עס האָט זיך געפּאָ־דערט אסך מוט און ענערגיע אָפּצושטופען דעם ביטערען יאוש און שרעקליכען פעסימיזם וואָס פעהלט ביי אונז ניט אפילו אין די בעסטע צייטען.

מיר האָבען געפיהלט, אז מיר שליסען אָפּ א תקופה, און אז נאָך דעם איצ־טיגען חורבן וועט זיך אָנהויבען א ניי, אידיש לעבען אויף דעם געזעלשאפטליכען ווי אויף דעם סאציאל־עקאָנאָמישען געביט.

עס האָט זיך שטארק ניט געוואָלט אוועקלעגען די אָנגעהויבענע ארבייט נאָכדעם ווי אונזער לאנד איז אריינגעטריבען געוואָרען אין דער וועלט מלחמה.

אונזערע אידישע אָרגאניזאציעס האָבען אָנגעהויבען מאביליזירען אלע זייע־רע כוחות צו שאפען פאָנדען פאר „מלחמה באנדס,״ פאר הילף צו סאָוועט רוס־לאנד, דורך דעם קאנסיל פון אידישע אָרגאניזאציעס פאר „ראָשען וואָר רעליעף,״ אזוי, אז קיינער האָט מעהר ניט געהאט קיין אויער, צו שיינקען אויפמערקזאמקייט פאר דער דאָזיגער אונטערנעמונג.

נאָך א פאקט טאָר ניט פארזעהן ווערען:

דער ביטערער שיקזאל האָט דוקא געוואָלט, אז גראד נאכדעם ווי די ארבייט איז אונטערגענומען געוואָרען, בשותפות מיט די ארויסגעבער פון די „אידישע וועלט,״ האָבען די ארויסגעבער געמוזט צוליב דער מלחמה לאגע ליקווידירען זייער געשעפט. עס איז דאן אנטשטאנען א פראגע, אָדער צו אנטוישען יענע חשוב׳ע פערזאָנען, וואָס האָבען געמאכט זייערע ביישטייערונגען פאר „אידישע אנשטאלטען און זייערע פיהרער,״ אָדער עקשנות׳דיג פאָרטזעצען די דאָזיגע ארבייט ארויסצוגיבען דאָס בוך, ווי עס איז געפלאנעוועט געוואָרען.

איז עס א באזונדער שטאָלץ צו קאנסטאטירען דעם פאקט, אז טראָץ

דעם אונטערגאנג פון דער לאקאלער צייטונג, צום טראָץ דער ביטערער מלחמה לאגע, און דאָס גיסען קאלטע וואסער פון אונזערע אייביגע פעסימיסטען, דער־שיינט דאָס בוך אין צייט ווי עס איז געפּלאנעוועט געוואָרען.

א באזונדערע און זעהר וויכטיגע ראָלע אין דער געשיכטע פון די אידען אין פילאדעלפיא האָבען אלעמאָל געשפּילט די אידישע ארבייטער מאסען, און זייערע פאַרדינסטען ווערען אין דעם בוך אָפּגעשפּיגעלט אין די ארבייטען פון אונזער חשובן קאָלעגע, אב. זוסמאן.

ניט ווינציגער פאַרדינסטען האָבען אונזערע אידישע פרויען, ווי מען קען דאָס זעהן אין די איבערבליקען וועגען פרויען פאַראיינען און אָרגאניזאציעס, געשריבען פאַר דעם בוך פון מערי גרינבערג.

געוויס ווייסען מיר אליין אויך אז דאָס דאָזיגע בוך איז ווייט פון צו זיין פולשטענדיג. דאָס איז אָבער אויך טיילווייז דערפאַר, ווייל א צאָהל פּערזענ־ליכקייטען האָבען ניט געוואָלט קאאָפּערירען. נאָר אַזוי ווי דאָס איז דער ערש־טער פאַרזוך, ווייסען מיר, אז כל התחלות קשות. עס איז זעהר מעגליך, אז מיר וועלען איינגיכען האָבען א צווייטע, אויסגעבעסערטע אויסגאבע וואָס וועט זיין מעהר צופרידענשטעלענד ניט נאָר פאַר די לייענער, נאָר אויך פאַר די ארויס־געבער.

י. ל. מאלאמוט, רעדאקטאר און ארויסגעבער

ערב ראש השנה, ה׳ תש״ג.

אידען אין פילאדעלפיא פאר דער אמעריקאנער רעוואָלוציע

אין די שטורמדיגע טעג פון אונזער צייט, ווען די וועלט געהט אָפּ אין בלוט און ווערט גדראָעט פון פאשיסטישע הענקער און בלוטיגע נאצי-מערדער, וועמענס ציל איז קודם כל צו פארסמן אמעריקע דורך ארויסרופען ראסען-האס און גיפטיגען אַנטיסעמיטיזם, ברייננען מיר דאָ אַ היסטארישען דאקומענט וועגען פּראָמינענטע אידישע משפחות וועמענס עלטער-עלטער-עלטער זיידעס עס האָבען זיך שוין געפונען אין אַמעריקע נאָך איידער עס האָט אויסגעבראָכען די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע.

די משפחה פון מיכאל העיז, אַ האָלענדישער איד, וואָס איז געקומען אַהער מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק. ווען מיר האָבען אינזינען אַז די אייניקלאַך וואָס לעבען נאָך איצט, ווי צום ביישפּיל אונזער זעהר באוואוסטער דר. מייער סאלים קאָהען, פון 2110 ספּרוס סטריט, איז נאָך היינט אַ שומר שבת און איז דער זעלבער צייט אַ הייסער אַמעריקאַנער פּאַטריאָט וואָס האָט זיך באַטייליגט אין דער ערשטער וועלט מלחמה, קען מען זיך משער זיין אַז אויך זיינע עלטער זיידעס זיינען געגאַנגען אין די זעלבע פוס טריט, ווי עס זאָגט עדות דאָס סידורל, פון וועלכען עס איז אויסגעשטראָכען געוואָרען דער נאָמען פון קעניג טשארלס, און ווען ער האָט געמאַכט דעם „הנותן תשועה למלכים” האָט ער געבעטען גאָט פאַר דעם זיג פון דזשאָרדזש וואשינגטאָן.

דר. מייער סאלים קאָהען

דאָס זיינען אונבאשטרייטבארע פאקטען אין דער געשיכטע אַין זיי ווייזען אויף דעם אידישען ביטראג צו דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע און צו דעם פּראָגרעס פון אמעריקע ביז היינט צו טאָג.

יהודה העיז, וואָס איז געוואָרען אַ בירגער אין 1740, האָט געוואוינט אין ריי, נויאָרק, און שוין אין 1728 האָט ער געהאָלפען גרינדען די קאָנגרעגיישאָן שארית ישראל. אין 1759 איז זיין שיף מיט 16 קאַנאָנען געווען אין אַ קאָמיסיע אין דער מלחמה מיט די פראנצויזען און אינדיאַנער. צווישען די וואָס שטאַמען פון יהודה העיז געפינען זיך קאַפּיטאַן דזשאָזעף מייערס, פון דער אמעריקאַנער נייווי, און שפּעטער אויך פון דער קאַנפעדערייט נייווי. מיידזשאָר עדמאָנד ט. ד. מייערס האָט זיך באטייליגט אין דעם אינזשענירונג קאָרפּוס פון דער קאנפערעדרייט אַרמיי.

סאָלאָמאָן העיז'עס זוהן, ברוך, איז געווען אַן ערשטער לוטענאַנט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, און זיי זיידע יונה העיז, איז געווען איינער פון די פּיאָנערען אין אילינאָי, אַ מיטגליד פון דער מיליץ אין סעינט קלעיר קאונטי אין 1790.

צווישען די וואָס שטאַמען אָפּ פון יענעם דור איז געווען דר. אייזיק העיז, אַ פּראָמינענטער פילאַדעלפיער אויגען-דאָקטאָר, אויטאָר, רעדאקטאָר, לעקטשורער און אָרגאַניזער. זיין זוהן, דר. אייזיק מינים העיז, איז געווען אַ באַריהמטער

דאקטאר און רעדאקטאר אין פילאדעלפיא. נאך א זוהן, גענעראל אלפרעד מרדכי, דזשוניאר, האט זיך באטייליגט אין דער אמעריקאנער ארמיי און אויך אין דער בירגער קריג. דאס איינענע איז געווען מיט נאך אנדערע צוויי זיהן.

דייוויד העיז, דזשוניאר, א ברודער פון מיכאל העיז, איז געבוירען געווארען אין נויארק, אין 1732. ער האט אויך גדדינט אין וואשינגטאנ'ס ארמיי, און איז אנוועזענד געווען ווען ברעדאק איז באזיגט געווארען.

אין 1777 האט ער געשוואוירען טרייהייט דער קאנטינענטאלער ארמיי. ער האט איהר אויך צוגעשטעלט סופלאיס און פראוויאנט. אין 1779 ווען ער איז געווען אין דער ארמיי האבען די טאריס פארברענט זיין הויז. שפעטער איז ער געווארען א פארמער.

זיין פרוי, אסתר עטינג, וועמענס ברודער, ראובן, האט גדדינט אין דער רעוואלוציאנערער ארמיי, האט געטראגען זאלץ צו דער קאנטינענטאל ארמיי אין איהרע אונטערקליידלאך.

נאך א זוהן, בענדזשאמין עטינג העיז, וואס האט גערישנט דעם פאטער'ס פארם, איז געווען אזוי פרום, אז ער האט אין זיינע פעלדער אפגעהיט די מצוות פון לקט, שכחה און פאה, איז פארשטייט זיך געווען א שומר שבת ויום טוב, געדאווענט דריי מאל א טאג. און ווען מען האט אין דער געגענט געדארפט שחטען א בהמה, האט ער אליין דורכגעפיהרט די שחיטה, כדי ער מיט זיין פאמיליע זאלען מעגען עסען. איינער פון זיינע זיהן, דייוויד העיז, איז געווארען פרעזידענט פון דעם נויארק קאלעדזש און פארמאסי, און האט געהייראט יהודית פעיקזאטי, די ערשטע אידישע פאבליק סקוהל טיטשערין אין נויארק, אין 1843. זיינער אן אייניקעל, ארטור העיז סולצבערגע, איז דער ארויסגעבער פון דעם נויארק „טאימז" און אן אור-אייניקעל, סיירוס ל. סולצבערגער, איז איצט א מלחמה קארעספאנדענט פון דעם נאהענטען מזרח. טשאריטי העיז, א טאכטער פון דייוויד העיז און אסתר עטינג, האט געהייראט דזשייקאב דע סילווא סאליס, וואס איז צוזאמען מיט איהר ברודער דניאל, געקומען קיין אמעריקא פון לאנדאן אין 1803. ער איז געווען דער עלטער-עלטער, עלטער-זיידע פון דוארטע דע סילווא, וואס איז געבוירען געווארען אין ליסאבאן, פארטוגאל, אין 1596. זייענדיג א קאפיטאן אין דער פארטוגעזישער רעגירונג. ער איז דעקארירט געווארען פון קעניג און איז באשטימט געווארען פאר אן אמט אין דער טרעזשורי. שפעטער איז ער געשיקט געווארען קיין ענגלאנד צו פארוואלטען מיט דעם פארמעגען פון דעם קעניג'ס טאכטער, קעטהרין פון בראגאנזא, ווען זי האט געהייראט טשארלס דעם צווייטען.

דזשייקאב דע סילווא סאליס האט געגרינדעט די ערשטע שוהל אין ניו ארליענס, אין 1827, ווען ער איז דארט געווען צוגאסט און האט דארט קיין שוהל ניט געפונען. ער איז געווען דער ערשטער אין אמעריקא צו גרינדען א בית יתומים, און איינער פון זיינע זיהן, סאלאמאן סאליס האט אין 1848 געגרינדעט די היברו עדיוקיישאן סאסייטי. ער איז געווען איהר ערשטער פרעזידענט און אין 1867 האט ער אויך געהאלפען גרינדען דעם מיימאנידוס קאלעדזש, אין פילא-דעלפיא.

נאך א זוהן, דייוויד העיז סאלוס, האט געגרינדעט קאנגרעגיישאן בית אל אמת אין פילאדעלפיא. ער האט געהייראט עלווירא נייטהען, וועמענס עלטערען

זיינען געקומען אהער אין 1870, זייער זוהן דייוויד העיז סאלים, דזשוניאר, איז געווען פרעזידענט פון מקוה ישראל.

יהודית סימע סאלים, א טאכטער, האט געהייראט מאיר דייוויד קאהען, וואס איז געקומען אהער פון פרייסען. זיינט דאן ציהט זיך די משפחה סאלים קאהען. זייער עלטסטער זוהן, דזשייקאב דע סילווא סאלים קאהען, איז געווען א פיאנער ספעציאליסט אויף נאז און האלז קראנקהייטען. ער האט פארעפענטליכט א ווערק וועגען מעטאדען צו היילען. ער איז געווען עהרען־פראפעסאר אין דזשעפערסאן מעדיקאל קאלעדזש. אין דער צייט פון דער בירגער קריעג איז ער געווען א ליוטענאנט אין דער ארמיי און דערנאך געהילפס כירורג אין דער נייווי. ער האט געהייראט מרים בינצווענגער, א טאכטער פון איזידאר בינצווענגער וואס איז געקומען אהער פון באווארִיע אין 1841. ער איז געווען דער גרינדער פון דעם מיימאנידעס קאלעדזש.

מרס. בינצווענגער'ס אן עלטער־עלטער־עלטער פעטער, אהרן ליווי, איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון מקות ישראל, האט געגרינדעט דאס שטעטעל „אהרנסבורג," אין סענטער קאונטי, אין 1779, און ער האט אויסגעליהען גרויסע סומען געלט צו פינאנסירען די רעגירונג אין דער צייט פון דער רעוואלוציע.

אין דער סאלים קאהען משפחה זיינען באריהמט דזשודיטה סאלים קאהען, א שרייבערין; דר. מייער סאלים קאהען, אין דעם פאקולטעט פון 2 מעדיציינישע קא־לעדזשעס, א שריפטשטעלער, אויטאר פון א צאהל ביכער, איינער פון די גרינדער פון קאנגרעגיישאן „בית אל," א געוועזענער עקטינג פרעזידענט פון מקוה ישראל, א קעפטען אין אמעריקאנער עקספעדיציע אין דער וועלט מלחמה, און היינט א ליוטענאנט קוירנעל אין מעדיציינישען רעזערוו. א צווייטער זוהן, דזשייקאב דע סילווא סאלים קאהען, דזשוניאר, א געוועזענער פרעזידענט פון מאסטבאום בראָ־דערס און פליישער, און א מיטגליד אין דער אלבערט מ. גרינפילד ענד קאמפאני, פרעזידענט פון מקוה ישראל און פון דער דזשואיש פאבליקיישאן סאסייטי, און פון היגען ברענטש פון אידישען טעאלאגישען סעמינאר פון אמעריקע, און א 3טער זוהן, איזידאר סאלים קאהען, האט געדינט אין דער אמעריקאנער נייווי אין דער וועלט מלחמה.

לעאן סאלים קאהען, א צווייטער זוהן פון מייער ד. קאהען, א פאעט, האט אויך געדינט אין דער בירגער קריעג. דייוויד סאלים קאהען, איז געווען א הומא־ריסט, איינער פון די גרינדער פון דער י. מ. ה. א. אין פילאדעלפיא, איז געווען אקטיוו אין דעם מעקינלי ברייען קעמפיין און איז געלאפען פאר מעיאר אין פארט־לאנד, ארעגאן.

סאלאמאן סאלים קאהען, נאך א זוהן, א דאקטאר, פילאזאף, רעדאקטאר און פאעט, האט חוץ מעדיציינישע ווערק אויך געדרוקט א בוך לידער און א בוך וועגען אידענטום אלס וויסענשאפט. איז געווען פראפעסאר אין דזשעפערסאן מעדיקאל קאלעדזש, און פראפעסאר איבער מעדיצין אין פילאדעלפיא פאליקליניק. איינער פון די גרינדערס פון דער מיוניסיפאל ליג, די י. מ. ה. א., אידישען טעאלאגישען סעמינאר אוו אמ., און די דזשואיש פאבליקיישאן סאסייטי. ער האט געהייראט עמילי העיז סאלים. זייער טאכטער, עמילי, האט געשריבען פאע־טישע ווערק. דייוויד העיז סאלים קאהען איז א פראמינענטער לאיער, א טראסטי אין דראפסי קאלעדזש און א געוועזענער פרעזידענט פון מקוה ישראל.

לעאן סאלים קאָהען, דער צווייטער זוהן, איז אַן עקס רעי ספּעציאַליסט, אַ פּאָעט, אַ מעדיצינישער שרייבער און אַ לוטענאנט אין דער ערשטער וועלט מלחמה; איז דער טשערמאַן פון בני ברית קאונסיל. אַ דריטער זוהן, פּרענסיס נייטען סאלים קאָהען, האָט געטריבען אַן אַמבולאַנס אין פראנקרייך איידער אַמע־ריקא איז אַריין אין דער וועלט מלחמה, און דערנאָך איז ער אויך געווען מיט דער עקספּעדיציע.

דער אינגסטער זוהן, אייזיק לעסער קאָהען, וואוינט אין פּאָרטלאנד, אָרע־גאָן, און זיין זוהן, לעסטער סאלים קאָהען, איז געווען אַנגעשלאָסען אין דער נייווי אין דער צייט פון דער וועלט מלחמה.

אַז איהר קומט אַריין צו דר. מייער סאלים קאָהען, פּיהלט איהר ווי איהר געפינט זיך צווישען היסטאָרישע היילינגטימער. דאָס הויז איז אַנגעזאַפּט מיט היסטאָרישע „רעליקס," אַלטערטימער, היילינגקייטען. איהר גלעט די שווערד וואָס העגנט אויף אַ וואַנט און עס כאַפּט אייך אַרום אַ ציטערדיג געפיהל. אַ שווערד פון דעם בירגער קריעג. איהר קוקט אויף בילדער פון זיידעס און עלטער זיידעס, און איהר דערוויסט זיך, אַז דאָס זיינען געווען גרויסע אידען און נאָך גרעסערע פּאַטריאָטען וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקא, אַנטלויפענדיג פון רדיפות, פון אינקוויזיציע, פון פּאָגראָמען, אָבער אַלע זיינען געבליבען געטרייע אידען פּונקט אַזוי ווי זיי זיינען געבליבען געטרייע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטען, פון דעם שניט פון חיים סאלאמאָן, וואָס האָבען געדינט דער רעוואָלוציע מיט זייער געלט, מיט זייער גייסט און זיינען געווען גרייט אָפּצוגיבען זייער לעבען פאַר דער פרייהייט פון אַמעריקא.

קיין וואונדער ניט, וואָס דר. מייערס סאלים קאָהען האַלט אַזוי טייער דאָס סידורל; פון וועלכען עלטער זיידעס, זיידעס און ער אַליין האָבען געדאַוועט אויף די שלאַכטפעלדער אין וועלכע אַמעריקא האָט זיך באַטייליגט. עס איז אַ גאָלדענער רעקאָרד, אַ יחוס בריעף פון זיבען דורות אַמעריקאַנער וואָס האָבען קיינמאָל ניט באַפלעקט די אַמעריקאַנער פאָהן, און וואָס האָבען אַלעמאָל גע־דיינקט, אַז אידישקייט און פרייהייט געהט האַנט אין האַנט און אַז אונטער דער אַמעריקאַנער פאָהן וואָס באשיצט אַלע נאַציאָנאַליטעטען זיינען מיר אידען אויך אַזוי געשיצט און געזיכערט געגען דעם גרעסטען שטורם ווינט פון דער איצטיגער צייט פּונקט ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט.

מיר פאַרענדיגען מיט די ווערטער פון דר. מייער סאלים קאָהען:

—„זאָל די אַמעריקאַנער פאָהן אַלעמאָל פלאַטערען איבער אונז!"

★ ◆ ★

שוהלען און טעמפלען

★ ★ ★

מקוה ישראל

רודף שלום

בית ישראל

כנסת ישראל

ניעזשינער שוהל

בני אברהם

בני ראובן

כרם ישראל

בני ישורון

הר ציון טעמפעל

קאנגרעגיישאָן בני יהושע

טעמפעל דזשודעא

קאנג. מקוה ישראל

ווי ווייט מען קען פעסטשטעלען היסטאריש איז קאנגרעגיישאָן מקוה ישראל געגרינדעט געוואָרען אין 1774, ווען אַ גרופּע אידען, פּאָרטוגעזישע, האָבען זיך פּארזאַמעלט אין אַ פּריוואַטער הויז, און האָבען אָנגעהויבען לעגען פּלענער צו קויפען אַ הויז פּאר אַ מקום תפילה. ביז דאן האָבען די אידען זיך פּארזאַמעלט און געהאַט מנין אין פּריוואַטע הייזער. ערשט אין 1782 האָבען די אידען אָפּגעהאַלטען אַ זיצונג און זיי האָבען באַשלאָסען צו קויפען באָדען פאר אַ שוהל.

דער ווינקעלשטיין איז געלעגט געוואָרען אויף טשערי סטריט לעבען דער דריטער, ד׳ תמוז, תקמב, 17טער יוני, 1782. דער פּרעזידענט און קאונסיל פון פּענסילוועניא האָט באַקומען אַן אָפיציעלע ידיעה וועגען דער נייער שוהל, און זיי זיינען אויך איינגעלאַדען געוואָרען צו דער צערעמאָניע פון דעם חנוכת הבית. די שוהל אויף טשערי סטריט האָט פאַרמאָגט צוויי הונדערט פּלעצער, און די ערשטע מיטגלידער זיינען געווען ישעיה בוש, אברהם מאראיעס, מייער סאַלאָמאָן, מאיר קאָהן, סאַלאָמאָן קאָהען, אייזיק דע קאסטא, בארנארד גרעטץ, מייקעל גרעטץ, גרשון סייקס, בנימין סייקס, חיים סאַלאָמאָן, (וועלכער איז פּאַרבליבען אומשטערבליך אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע), און אַ גרויסע צאָהל אַנדערע פּערזענליכקייטען, וואָס זיינען געווען פּאָרטוגעזישע און שפּאַנישע אידען וועמענס עלטערען און אויך איינינגע פון זיי אַליין האָבען זיך געראַטעוועט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע.

מקוה ישראל האָט די ערשטע צייט געהאַט אַ שווערען קאַמף, און די מיט־גלידער האָבען געמוזט אַרויסקומען מיט אַן אַפּיל צו דער אַלגעמיינער באַפעל־קערונג און די קריסטליכע מיטגלידער האָבען זיך אָפּגערופען וואַרים, און דאָקו־מענטען באַווייזען, אַז בענדזשאַמין פרענקלין איז געווען צווישען די חסידי אומות העולם פון יענעם דור, און ער האָט צוגעשיקט אַביישטייערונג פון פינף פונט.

אינטערעסאַנט איז אויך דער פּאַטריאָטיזם פון די מיטגלידער פון מקוה ישראל אין יענער צייט, וואָס איז מאַניפעסטירט אין אַ בריעף צו דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, וואָס איז אין 1789 דערוויילט געוואָרען אלס דער ערשטער פּרע־זידענט פון די פאראייניגטע שטאַטען.

דער בריעף איז געשיקט געוואָרען פון מקוה ישראל צוזאַמען מיט די באַאמטע פון קאָנגרעגיישאָן שארית ישראל, די עלטסטע אידישע קאנגרעגיישאָן אין נויאָרק, ווי אויך מיט דער באַטייליגונג פון די פיהרער פון די קאנגרעגיישאָנס אין טשאַרלס־טאָן און פון ריטשמאָנד, ווירדזשיניע.

אין דעם בריעף צו וואַשינגטאָנ׳ען שרייבען די באַאמטע פון די שוהלען:

„צו דעם פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאַטען.

„האר, עס איז פון דער השגחה דיר באַשערט צו פאראייניגען אַלע פּאָליטישע און רעליגיעזע פּראַקציעס, און אין דער הינזיכט זיינען מיר אידען ניט קיין אויסנאַהם פון אַלע אַנדערע בירגער. בעטען מיר דיך, נעם אָן אונזער גראַטוליישאָנס.

„דער חסד וואס דער אדוישעם צבאות האט מיט דיר געטאן אין די טעג פון דער רעוואלוציע, דערמאנט אין די נסים וואס דער זעלבער גאט האט געטאן מיט אונזערע אבות, און דעריבער קניען מיר פאר גאט און מיר דאנקען איהם וואס ער האט דיר געהאלפען און דיך מציל געווען, ווען דו האסט אנגעפיהרט די שלאכט פאר אמעריקא׳ס באפרייאונג.

„אבער דיין גליק דארף ניט צוגעשריבען ווערען בלויז צו דיין שווערד, נאר אויך צו דעם ווייל דו האסט געעפענט א וועג צו הערשען דורך פרייהייט, און דורך דער אמעריקאנער קאנסטיטוציע וועסטו איצט קענען דורכפיהרען אלץ צו וואס דו האסט געשטרעבט צו דערגרייכען דורך דער רעוואלוציע.

„מיר בעטען צו דעם אייביגען גאט, אז ער זאל היטען דיין לעבען, און ווען עס וועט קומען די צייט, ווען דו וועסט דארפען געהן פון דער וועלט, וועט די גערעכטיגקייט שפרייזען פאר דיר אין פאראוים, און דיין נאמען און דיין טוגענד וועט קיינמאל ניט פארגעסען ווערען פון מענשען׳ס גדעכניש.״

אויף דעם בריעף האט פרעזידענט וואשינגטאן געענטפערט מיט א ריה־רענדער צושריפט ווי פאלגט:

„צו די קאנגרעגיישאנס פון פילאדעלפיא, נויארק, טשארלסטאן און ריטשמאנד:

„דער ליבעראליזם און די סענטימענטען צווישען פארשיידענע פאליטישע און רעליגיעזע גרופען אין אונזער לאנד, האט ניט קיין פאראלעל אין דער געשיכטע פון פעלקער.

„דאס געטריישאפט אייערס איז אן אוצר וואס לאזט זיך ניט אפשעצען. אייער צושריפט האט באקומען מייןווארימסטען דאנק. אייער איבערגעבענקייט צו אונזער רעגירונג איז מעהר ווי איינמאל מאניפעסטירט געווארען אין קריטישע צייטען, דער כח פון דעם אלמעכטיגען און זיין גנאד האט זיך ארויסגעוויזען ביי דער עטאבלירונג פון אונזער רעגירונג, און פונקט ווי ער האט געפאכטען אונזער קאמף אין דער רעוואלוציע, אזוי פיהרט ער אונז איצט מיט זיין חסד אין פרידען. מיין שליחות איז איןביידע פאלען א געפיהל פון פליכט צו מיין לאנד.״

הלוואי זאלען די זעלבע ברכות וואס איהר האט מיר געשיקט אויך שולט זיין אויף אייך און אייערע קאנגרעגיישאנס.״

אונטערגעשריבען: דזשארדזש וואשינגטאן.״

אין דער ערשטער צייט, ווען די אמעריקאנער רעפובליק איז נאך געווען יונג, האבען זיך געפונען א גרויסע צאהל אידען, וואס האבען מיט דער גרעסטער צערטליכקייט זיך באצויגען צו דעם נייעם פרייען לאנד. אידען האבען מיט פארגעניגען מקריב געווען זייערע פארמעגענס, צו פארזיכערען אמעריקא׳ס תרייהייט. און אזוי צום ביישפיל איז באקאנט אז די אידישע געשעפטסלייט פון יענער צייט האבען זיך פארפליכטעט ניט צו אימפארטירען קיין סחורה פון ענגלאנד, ביז ענגלאנד וועט ניט צוריקרופען דעם באקאנטען „סטעמפ אקט.״

דער דאקומענט קען נאך היינט געזעהן ווערען אין אינדעפענדענס האל. צווישען די וואס זיינען אונטערגעשריבען אויף דעם דאקומענט, געפינען זיך די

נעמען פון בענדאזשמין ליווי, סעמסאן ליווי, דזשאזעף דזשייקאבס, היימאן ליווי, דזשוניאר, דייוויד פרענקס, מייקעל גרעטץ, בארנארד גרעטץ, און א גרויסע צאהל אנדערע אידען.

אין יענער צייט האבען די קריסטען ניט געוואוסט פון דעם ווערטעל: אזוי רייך ווי א איד," נאר אנשטאט דעם, האבען זיי אויף שריט און טריט געקענט זאגען: „אזוי גרויסמוטיג און פרייגיביג ווי א איד . . ."

געשיכטע האט שוין לאנג פעסטגעשטעלט די גרויסע קרבנות וואס חיים סאלאמאן האט געבראכט פאר אמעריקא אין יענע ערשטע טעג, און עס איז אויך פעסטגעשטעלט אז ביז אין זיין טויט, אין יאנואר, 1785, האט חיים סאלאמאן קיינמאל ניט געוואלט אננעמען פון דער רעגירונג קיין שום פאר־גיטיגונג פאר זיין גרויסען פארמעגען, וואס ער האט אויפגעאפערט פאר אמע־ריקא'ס פרייהייט אין די טעג פון דער רעוואלוציע.

אויך איז דזשארדזש וואשינגטאן ניט געווען דער איינציגער, וואס איז געשטיצט געווארען מיט דער ברייטער האנט פון חיים סאלאמאן.

דזשיימס מעדיסאן, דער פערטער פרעזידענט פון אונזער לאנד, שרייבט אין א בריף צו עדמאנד רענדאלף:

„איך בין א ליינגערע צייט געווען אנגעוויזען אויף די חסדים פון חיים סאלאמאן, די גוטסקייט פון אונזער קליינעם פריינט אויף פראנט סטריט לעבען דער קאפיי הויז היט מיך אויס פון אלע צרות, אבער ער זאגט זיך בסדר אפ פון אלע באלוינונגען.

טאמאס דזשעפערסאן, ראבערט מאריס, ארטור ליע, גענעראל סעינט קלעיר, גענעראל מיפלין, און אנדערע, זיינען אלעמאל געראטעוועט געווארען פינאנ־ציעל דורך חיים סאלאמאן.

ניט ווינציגער פראמינענט איז געווען די גרעטץ פאמיליע, און בערנארד גרעטץ איז געווען דער ערשטער פרעזידענט פון מקוה ישראל.

רעבעקא גרעטץ, די גרויסע פערזענליכקייט, די אידישע טאכטער, זעלטענע שיינהייט און מוסטער פון באשיידענהייט, שיינט אויף ווי א גרויס ליכט ניט נאר אין דער געשיכטע פון אידען אין אמעריקא, נאר אין דער אלגעמיינער געשיכטע פון אמעריקא, צוליב איהר פאראייביגט ווערען אין דער ענגלישער לי־טעראטור אין וואלטער סקאט'ס „אייווענאה," און צוליב איהר גרויסער דער־ציהערישער ארבייט, דורך אוועקלעגען דעם פונדאמענט אויך פאר א אידישער רעליגיעזער דערציאונג, גרינדענדיג די סאנדעי סקוהלס.

די ערשטע מקוה ישראל סעמעטערי ווערט מיט רעכט באטראכט פאר אדמת קודש, שוין צוליב דעם אליין, ווייל דארטען זאלען זיך געפינען די קברים פון אזעלכע פערזענליכקייטען ווי חיים סאלאמאן, רעבעקא גרעטץ, און אנדערע פראמינענטע פערזענליכקייטען פון יענער צייט.

זייערע קברים ווערען נאך עד היום באזוכט מיט גרויס עהרפורכט און פרישע בלומען ווערען געלעגט אויף די קברים פון צייט צו צייט.

אין 1829 האט מקוה ישראל נעהאט פאר איהר גייסטיגען פיהרער רעווערענד אייזיק ליעסער, וואס איז באמת געווען א פיאנער וואס האט געווירקט אלס ארגאניזאטאר פון דעם אידישען לעבען אין פילאדעלפיא. ער איז אויך געווען דער גרינדער פון דער „באָרד אָוו דעלעגייטס," די ערשטע ארגאניזאציע וואס האט זיך באשעפטיגט מיט אידישע פראבלעמען אין אמעריקא. איהם צו פאר־דאנקען איז געגרינדעט געווארען די היברו עדיוקיישאן סאסייטי, און דער מיי־מאנידעס קאלעדזש, א סעמינאר פאר רבנים, ער האט אויך געגרינדעט דעם דזשואיש האספיטאל, און די דזשואיש פאבליקיישאן סאסייטי.

רעווערענד ליעסער האט שוין אין יענער צייט אגיטירט פאר א פאראייניגטע אידישער צדקה קערפערשאפט אין דעם זינען ווי מיר האבען היינט א „יונייטעד טשאריטים."

ליעסער איז אויך געווען א לײדענשאפטליכער אדוואקאט פאר אידישע רעכטע און איבער א משך פון א פערטעל יאהר הונדערט האט ער ארויסגעגעבען א זשורנאל: טהי אקסידענט ענד אמעריקאן דזשואיש אדוואקייט," אין וועלכען ער האט חודשליך געקעמפט און אגיטירט פאר אידישע רעכט.

חוץ דעם האט ער איבערזעצט אין ענגליש אונזערע תפילות מכל השנה, ווי אויך דעם מחזור, און די ערשטע אמעריקאנער איבערזעצונג פון אונזער תנ"ך. ליעסער האט אויף דער איבערזעצונג געארבייט אונערמידליך גאנצע אכצען יאהר.

ער האט אויך אגיטירט פאר דער גרינדונג פון דעם ארדען בני־ברית, און נאך גרויסע לייסטונגען אין מקוה ישראל ביז 1850, האט ער זיך צוריקגעצויגען.

אין 1857 איז ער אנגעקומען אין קאנגרעגיישאן „בית אל אמת," וואו ער איז פארבליבען ביז זיין טויט, דעם ערשטען פעברואר, 1868.

ליעסער'ס ארט אין מקוה ישראל האט דערנאך פארנומען רעווערענד שבתי מאראיעס, געבוירען אין איטאליען פון א פארטוגעזישער אידישער פאמיליע, וועלכער איז געקומען אהער פון לאנדאן, און מאראיעס האט זיך ניט נאר אפ־געגעבען מיט דער קאנגרעגיישאן, נאר אויך מיט אלע אידישע אנגעלעגענהייטען, און חוץ דעם איז ער אויך געווארען פראפעסאר איבער העברעאישער און ביב־לישער ליטעראטור אין מיימאנידעס קאלעדזש. מאראיעס איז אויך געווען דער גרינדער פון דעם אידישען טעאלאגישען סעמינאר אין נויארק, אין 1886. צו זיין זיבעציגסטען געבורטסטאג איז געעפענט געווארען אין סעמינאר א מאראיעס ביבליאטעק.

אין 1887 האט ער אויך באקומען דעם טיטול דאקטאר אָוו לאָס פון פענ־סילווייניא יוניווערסיטי, און ביז היינט צו טאג ווערט דער נאמען פון דר. מאראיעס דערמאנט מיט עהרפורכט פון אלע וואס האבען איהם געקענט און זיינען באקאנט מיט זיינע גרויסע פארדינסטען פאר דעם ארגאניזירטען אידענטום אין אמעריקא בכלל און אין פילאדעלפיא בפרט.

די איצטיגע באאמטע פון קאנגרעגיישאן מקוה ישראל זיינען: דזש. סאלים קאהען, דזשוניאר, פרעזידענט; אייזיק פיינבערג, רעקארדינג סעקרעטאר; אייבערעם ס. בערג, קארעספאנדינג סעקרעטאר; פרעדריק ר. מאן, טרעזשורער.

דירעקטאָרען: העגרי וו. בראודי, ה. ה. קאָהען, דזשאהן עליס, לואיס גער־שענפעלד; וויים פּרעזידענטען, אלבערט מ. לעם, אלפרעד ב. ליווי, האוארד ס. ליווי, פרענסיס סאליס קאָהען, און מאריס ל. סטראוס.

דר. אייברעהעם א. ניומאַן, ראבאי.

לעאָן ה. עלמאלעי, מיניסטער עמעריטוס.

★

קאנגרעגיישאַן רודף שלום

רודף שלום קאנגרעגיישאָן איז געגרינדעט געוואָרען אין אָנהויב פון דעם נייצענטען יאהרהונדערט, אָבער קיין רעקאָרד איז ניט געבליבען ביז 1810. די רעקאָרדס פון 1802 זיינען פארניכטעט געוואָרען אין א פייער.

די קאנסטיטוציע פון 1810 איז געשאַפען געוואָרען פון פאָלגענדע מיט־גלידער: א. ב. קאָהען, מייקעל ליווי, אייברעהעם מארט, אייברעהעם גומפּערטץ, אייברעהעם מאזעס, א. סטארק, ל. אלען, מאָזעס אייברעהעמס, אייזיק מארקס, עלאיעס היינעמאַן, בענעדיקט נייטען, לייען קאדעט, אלעקסאנדער בענדזשאַמין, אייברעהעם אליעזר, איזראַעל לעווי, דזשייקאָב דע לענג, מאזעס ספּיערס, ל. מ. גאָלדסמיטה, מייער ארנאָלד, סיימאָן קאופמאַן, עמנואל אפּענהיימער, מייער אלמאַן, דזש. סטוטגארד, אייברעהעם דזשאָזעף און א. שאיער.

זייער ערשטער מנין איז געווען אויף פּוירל סטריט, צווישען דאק און טעקאנד סטריטס, און אביסעל שפּעטער האָבען זיי געהאט דעם מנין אין טשוירטש אלי.

זייער ערשטער פּרעזידענט איז געווען אייברעהעם מאזעס, און דזשייקאָב דע לאנג זייער סעקרעטאר. זייער רעווערענד ליפּמאַן האָט באַקומען א געהאַלט פון 150 דאלאר א יאָהר, און באַקומען זיין געהאַלט פּערטעל יעהרליך.

אין 1847 האָט רודף שלום געצויגען אין דזשוליאנא סטריט, צווישען 5טער און 6טער סטריטס. זייער חזן, רעווערענד דזשייקאָב פרענקעל, איז געווען א מוזיקאַלישער מענש, און האָט שטארק אויסגענומען מיט זיין דאווענען פארן עמוד. די שוהל האָט אויך געהאט אין פארשיידענע צייטען רבנים, אָדער פּרעדיגער, צווישען זיי דר. לואיס סאלאמאַן, דר. בערנארד אילאווי, און דר. הענרי ווידא־ווער, אָנגעשטעלט אין 1860.

אין 1866 איז אָנגעקומען אַלס ראבינער דר. מארקוס מרדכי יאסטראוו, און די קאנגרעגיישאָן האָט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען א נייער שוהל. אין זיין צייט איז געלעגט געוואָרען דער ווינקעלשטיין פאר רודף שלום אויף בראָד און מאונט ווערנאָן, דעם 20טען דזשולאַי, 1869. דאָס טעמפּעל האָט אָפּגעקאָסט א פּערטעל מיליאָן דאלאר און איז געווען פאַררעכענט פאר איינעם פון די אַנגע־זעהענסטע אין יענער צייט.

אין אָנהויב איז רודף שלום געווען אַן אָרטאָדאָקסישע שוהל, ערשט מיט דעם איבערציהען זיך אין דזשוליאנא סטריט, האָט מען געביטען דעם נוסח

התפלה, און ביסלעכווייז איז רודף שלום געוואָרען אַ רעפאָרמירטער טעמפעל. די תפלות האָט מען אָנגעהויבען זאָגען טיילווייז אין העברעאיש, שטיקלאַכווייז אויף דייטש און אנדערע תפלות אויך אויף ענגליש. דר. יאסטראָוו האָט זיך צוריק־געצויגען אין 1892, און זיין אָרט האָט פאַרנומען רעווערענד דר. הענרי בערקאָוויטץ.

דר. יאסטראָוו איז אויך געווען אַ שיינער שריפטשטעלער, און זיין 25־יאָהריגער יובילעאום איז געפייערט געוואָרען אין רודף שלום מיט גרויס פּאַראַד. אין דער צערעמאָניע האָבען זיך באַטייליגט דר. שבתי מאראיעס, דר. סאָלאָמאָן קאופמאַן, לאַיער מייער סולצבערגער, און אַ צאָהל אַנדערע. די פייערונג איז פאָרגעקומען אין 1891.

דער גייסטיגער פיהרער פון „רודף שלום" איז דר. לואיס וואָלסי. (זעה ביאָגראַפיע: ראַבאַי לואיס וואָלסי).

★

בית ישראל קאָנגרעגיישאָן

בית ישראל קאָנגרעגיישאָן, די דריטע שוהל אין פילאַדעלפיא, איז געגרינדעט געוואָרען אין 1840, און איז געווען אַ שטיק צייט באַקאַנט אַלס די פּוילישע שוהל.

די פּיאָנירען זיינען געווען פרעדריק סעמועלס און דזשאָזעף מ. אַש, הענרי קאָהען, דזשייקאָב אַלמאַן, דזשאָהן ד. דזשעקסאָן, וויליאם קאָלינס, יונתן זכריה, און היימאַן פּאָלאַק.

אין אָנהויב האָבען די מיטגלידער געדונגען אַ האָל אויף אַדעלפי סטריט, אַרום וואָלנאַט. זייער ערשטער רב איז געווען רעווערענד י. סיימאָן קאָהען נאָט, אַ האָלאַנדער, און ערשט אין 1847 איז געלעגט געוואָרען דער ווינקעלשטיין פאַר אַ שוהל אויף קראַון סטריט, און זייער צווייטער רב איז געווען רעווערענד פּאַפּ, יאָהרעלאַנג דער פאָרזיצער פון דעם ראַבינאַט, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבען מיט דיני שחיטה, גטין, און צו זיין קרעדיט ווערט אויך צוגעשריבען, אַז ער האָט מגייר געווען אַ צאָהל קריסטען.

נאָך איהם איז אָנגעקומען רעווערענד דר. י. ב. גראָסמאַן, פון יאָנגסטאַון, אָהייאָ, וועלכער איז פריהער אויך געווען פּראָפעסאָר אין יוניווערסיטי אָוו קאַליפאָרניע. די בית ישראל האָט שפּעטער פאַרקויפט איהר שוהל און האָט אָפּגעקויפט אַ קירכע אויף דער אַכטער און דזשעפערסאָן און אויף איהר אָרט איז אויפגעשטעלט געוואָרען אַ נייע שוהל, אין 1894.

בית ישראל איז געגרינדעט געוואָרען אויף יסודות פון אָרטאָדאָקסיע. פרויען זיינען געזעסען אויף דעם באַלקאָן, און געדאַווענט האָט מען פון היימישע סידורים. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבען אויך באַנוצען ענגלישע געבעט ביכער.

ביסלעכווייז האָט בית ישראל זיך אָנגעהויבען אונטערגיבען דעם גייסט פון דער צייט, און אין 1884 האָט מען אָנגעהויבען באַנוצען דר. יאסטראָוו'ס סידור, און עס זיינען אויך איינגעפיהרט געוואָרען זיץ פלעצער פאַר פאַמיליעס, מענער און פרויען צוזאַמען.

אין 1893 האָט דר. גראָסמאַן אָרגאַניזירט די „טעכטער פון קאָנגרעגיישאַן בית ישראל," און אַ דאַנק די דאָזיגע פרויען זיינען אין בית ישראל קאָנגרעגיישאַן דורכגעפיהרט געוואָרען אַ רייהע דערפאָלגרייכע אינטערנעמונגען אין דעם משך פון אַ קנאַפּען האַלבען יאָהרהונדערט.

בית ישראל איז זיך שנעל צעוואַקסען, און אויך די נייע שוהל אויף דזשעפּערסאָן סטריט, האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר צו קליין, און דעריבער איז אין 1905 אונטערגענומען געוואָרען אַן אַקציע פאַר אַ נייער שוהל, און אַלס רעזולטאַט דערפון איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען די איצטיגע בית ישראל שוהל אויף דער 32טער און מאַנטגאָמערי עוועניו, און אַסך קרעדיט ווערט געגעבען צו אַלעקסאַנדער אייבערעהעמס, וועלכער האָט פאַרקויפט די פריהערדיגע שוהל און געקויפט דעם באָדען אויף וועלכען די איצטיגע בית ישראל געפינט זיך. אייבערעהעמס איז דערפאַר געמאַכט געוואָרען דער עהרענמיטגליד פון דער באָרד אָוו מענעדזשערס.

פון 1905 ביז 1930 איז ראַבאַי מאַרווין נייטען געווען דער גייסטיגער פיהרער פון בית ישראל קאָנגרעגיישאַן, און איהם צו פאַרדאַנקען איז אָרגאַניזירט געוואָרען די געזעלשאַפט פאַר טויבע וועמען עס איז געגעבען געוואָרען אַ געלעגענהייט צו קענען זיך באַטייליגען אין די סוירוויסעס, דורך די ימים נוראים. ער האָט מיט זיי אויך געפּראַוועט סדרים יעהרליך, אויך האָט ער אָרגאַניזירט די טרופּע 101 פון די בּאָי סקאַוטס, די ערשטע בּאָי סקאַוטס גרופּע וואָס איז אַפיליאירט געוואָרען מיט אַ קאָנגרעגיישאַן אין אַמעריקא.

אין 1916 האָט ראַבאַי נייטען אויך אָרגאַניזירט דעם מען'ס קלוב, וואָס צייכענט זיך אויס אויף דעם געביט פון קולטור און ליטעראַטור, ווי אויך מיט געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט און האָט אַרויסגעגעבען פאַר דער קאָנגרעגיישאַן אַ צאָהל אָנגעזעהענע פיהרער.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה האָבען אַכציג יונגעלייט פון קאָנגרעגיישאַן בית ישראל זיך אָנגעשלאָסען אין דער אַרמיי, און אין דער נייווי, און זעקס פון זיי זיינען געפאַלען אויף די שלאַכטפעלדער, נעמליך, קעפּטען פרעדריק דייוויד קלעיר, סאַרדזשענט אירווינג ס. קלעיר, דזשאַרדזש קאַטץ, בענדזשאַמין ספּיצער, פּרייוועט אַלעקסאַנדער דזש. ראַטה, און פּרייוועט דזשעראַם מאַרקס. אַ טאַפעל אין עהרע פון אַלע באַטייליגטע איז פּרעזענטירט געוואָרען צו דער קאָנגרעגיישאַן פון די „טעכטער פון בית ישראל קאָנגרעגיישאַן," ביי זייער פינף און צוואַנציג יאָהריגען יובילעאום.

נאָך פינף און צוואַנציג יאָהר פיהרערשאַפט האָט ראַבאַי נייטען זיך צוריקגעצויגען און זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען ראַבאַי אייבערעהעמס י. מילגראַם, אין 1930. מילגראַם האָט פאַרשטאַרקט די אוקזילערי גרופּען, און האָט אויך געשאַפען אַ פרויען קלוב און אַ שטודיר גרופּע. ער האָט אויך געענדערט דעם נאָמען פון דער אַלאָמנאַי אַסאָסיאיישאַן אויף „יוטה" אַסאָסיאיישאַן. אונטער זיין פיהרערשאַפט איז אויך איינגעפיהרט געוואָרען סוירוויסעס פאַר דער יוגענט.

דער איצטיגער גייסטיגער פיהרער פון בית ישראל קאָנגרעגיישאַן איז ראַבאַי אהרן דעקטער.

בית ישראל האָט ארויסגעגעבען א צאָהל פּראָמינענטע פיהרער, צווישען זיי דער פארשטאָרבענער, ריכטער וויליאם מ. לואיס, ז"ל, פּרעזידענט פון יוניטעד פּאַלעסטיין אפּיל, פּרעזידענט פון די אסאָשיאייט תּלמוד תּורות, גרענד מאַסטער פון ברית שלום, און וויס פּרעזידענט פון נאציאָנאל פאָנד.

בית ישראל קאנגרעגיישאָן האָט אריבערגעשפּאנט א יאָהר הונדערט, האָט צוגעזעהן דעם געבורט פון פיער דורות אידען אין פילאדעלפיא, אָבער איז נאָך היינט פּונקט אזוי שטארק אין גייסט און אין פיהרערשאפט ווי מיט הונדערט יאָהר צוריק. דאָס איז באוויזען געוואָרען ווען עס איז ניט לאנג צוריק דורכ-געפיהרט געוואָרען דער הונדערט יאָהריגער יובילעאום פון דער קאנגרעגיישאָן.

די קאנגרעגיישאָנס פון בית ישראל האָבען זיך כראָנאלאָגיש געפונען אין אדעלפי סטריט, פון 1840 ביז 1848, קראון סטריט צווישען רעיס און ווייַן, 1849 ביז 1894, אכטע און דזשעפערסאָן סטריטס, פון 1894 ביז 1907, און אויף 32טע און מאנטגאָמערי זינט 1907.

די רבנים זיינען געווען: גבריאל פּאפּ, פון 1840 ביז 1872, אהרן ס. בעטל-היים, 1872-1873; מאקס עלקין, 1873-1881; מאקס רובין, 1881-1884, וויקטאָר קיירא, 1884-1892, וויקטאָר ראָזענסטיין, 1892-1893, דזשאָזעף ב. גראָסמאַן, 1893-1900; מנחם מ. אייכלער, 1900-1905; מארווין נייטען, 1905-1940; אייב-רעהעם י. מילגראם, 1930-1940; איירא‎ן דעקטער, זינט 1940.

חזנים: סעמועל גאָלדסטיין, 1894-1898; סאלאמאן קליינפעלד, 1898-1901: לואיס וויינשטאק) 1901--1903; ארמין ראָזענבערג, 1902-1903, און קאנטאר גדליה שיינפעלד זינט 1923.

די פּרעזידענטען פאר דעם ערשטען האלבען יאהר הונדערט זיינען געווען: פרעדריק סעמועל, דזשאָזעף מ. אש, הענרי קאלמאן, היימאן פּאלאק, אייזיק מ. אש, הענרי מארקוס, הערים קאלמאן, בענדזשאמין היימאן, בערנארד אייבעלס, מארים ראָזענטהאל, מאָזעס בלומבערג, אייזיק סעילער, סעמועל נייטהען, אייזיק קאָהען, סיימאן דזשאקאבי און אייזיק סאלער.

פּרעזידענטען אין דעם צווייטען האלבען יאהרהונדערט: טשארלס י. האפמאן, 1898-1900; אלעקסאנדער סימפּסאָן, 1900-1902; אייזיק סאלינדזשער, 1902-1909; דזשוליוס בלעקענסי, 1909-1916; מעקס ס. אפּט, 1916-1919; מאקס בעהרענד, 1919-1933: סעמועל י. סעקס, זינט 1933.

די איצטיגע באאמטע זיינען: מאקס בעהרענד, עהרען פּרעזידענט; סעמועל י. סאקס, פּרעזידענט: הערי סאקס, ערשטער וויס פּרעזידענט; הערי ווערבית, צווייטער וויס פּרעזידענט; ארטור קאָהן, סעקרעטאר; בענדזשאמין שיפמאן, טרעזשורער; דזשייקאָב האוזער, סעקסטאן. די באָרד אָוו מענעדזשערס זיינען מייער א. אייב־עמס, מאקס דיע, מארטין דזש. פעלד, בערנארד פרוינד, עדוואַרד ס. גאָלדבערג, מרס. מ. מ. גרינבערג, הענרי העיבער, וויליאם קעימענס, פיליפּ קליין, ע. ל. קרעמער, אדאלף לאנג, היימאן לואיס, מרס. וויליאם מ. לואיס, אייב א. ליעבסטער, מרס. הערי מאטוסאוו, לעאנארד ס. מוטשניק, מארים פּאָטאש, פרענקלין פּאלין, הערי ל. סטיינבערג, סעמועל וויען, און נייטען ווידאווסקי.

עהרען מיטגלידער: ראבאי אהרן דעקטער, אלעקסאנדער אייבערעמס, דזשייקאב אנטיאף, ל. בעל קאהן, סעמועל פאקס, אייראן ל. גאלדבערג, סעמועל הערבאק, הערי לינסק, מאריל פאלין, מארים שעכטמאן, אדאלף ד. סיידעמאן, וויליאם טאל, מרס. אייראן ס. גאלדבערג, פרעזידענטין פון די „טעכטער פון בית ישראל."

גייסטיגע פיהרער: ראבאי אהרן דעקטער, און קאנטאר גדליה שיינפעלד.

אקזילערים: „טעכטער פון בית ישראל," מרס. אייראן ס. גאלדבערג, פרעזידענט: מרס. מארים פאלין, ערשטער וויים פרעזידענט; מרס. סעמועל י. סאקס, צווייטער וויים פרעזידענט; מרס. ס. בעל קאהן, רעקארדינג סעקרעטאר; מרס. ארטור קאהן, קארעספאנדינג סעקרעטאר; מרס. הערי מאטוסאוו, טרעזשורער.

מענ'ס קלוב: נייטען ווידאווסקי, פרעזידענט; דר. מ. קעסילמאן, ערשטער וויים פרעזידענט; סעמועל פרענקל, צווייטער וויים פרעזידענט; יודזשין דזש. לואיס, דריטער וויים פרעזידענט; דר. אלבערט ל. קרעמער, סעקרעטאר: הערמאן מ. גאמרא, קארעספאנדינג סעקראטער, און ע. ב. מעדאוו, טרעזשורער.

„יוטה אסאסיאיישאן": דזשעק וו. סטוירן, פרעזידענט; שעלדאן ה. גראס, וויים פרעזידענט; מארים גאמרא, רעקארדינג סעקרעטאר; ביעטרים שולמאן, קארעספאנדינג סעקרעטאר; דייוויד גאלדסטיין, טרעזשורער.

„ווימענ'ס קלוב": מרס. דזשארדזש קושנער, פרעזידענט; מרס. וויליאם י. נעש, ערשטער וויים פרעזידענט: מרס. מ. קעסילמאן, צווייטער וויים פרעזידענט; מרס. י. ב. מעדאוו, רעקארדינג סעקרעטאר; מרס. הערי פוירל, קארעספאנדינג סעקרעטאר, און מרס. בענדזשאמין גארפילד, טרעזשורער.

סקאוט טרופ נומער 101: מילטאן דזש. לואיס, סקאוטמעסטער; מארטין גאלדסטיין, אסיסטענט סקאוטמאסטער, און ליע ב. סאקס, 2טער אסיסטענט.

טרופ קאמיטע: ראבאי אהרן דעקטער, דזשייקאב האווסי, דייוויד קון, סעמועל גאלדסטיין, און סעמועל י. סאקס.

★

כנסת ישראל

אין 1840 איז אנגעקומען די רעפארם באוועגונג, וואס האט געהאט איהרע ערשטע שפראצונגען אין דייטשלאנד, און מיט דעם אריבערקומען פון די דייטשע אידען, האט די באוועגונג זיך אויך אריבערגעפלאנצט אין אמעריקא. די עיקרים פון דער רעפארם באוועגונג זיינען באשטאנען אין דעם וואס זיי האבען געלייקענט אין תחיית המתים, און האבען אויך ניט געוואלט צוגיבען, אז אידען דארפען האפען אויף זייער צוריקקעהרען זיך קיין ארץ ישראל.

אויך כנסת ישראל איז אין אנהויב געווען אן ארטאדאקסישע שוהל, נאר ביסלעכווייז איז כנסת ישראל פארוואנדעלט געווארען אין א רעפארם טעמפעל, און דער עיקר מיט דעם אנקומען פון דייטשלאנד פון דר. דייוויד איינהארן, אן העברעער און א תלמודיסט. ער האט אויך געהאט דעם טיטול דר. פילאזאף.

אין 1866 האָט דר. סעמועל הירש פארנומען איינהאָרנ'ס פלאַץ, ביז 1887. דר. הירש איז אויך געווען אַן אַנגעזעהענער אָראַטאָר און שריפטשטעלער, און האָט ווי א קנאי באַקעמפט דאָס טראַדיציאָנעלע און צערעמאָניאַלע אידישקייט זיין גאַנצען לעבען.

אין 1887 האָט ער זיך צוריקגעצויגען און איז אַפּגעפאָהרען אין שיקאַגאָ, און האָט געוואוינט מיט זיין זוהן, דר. עמיל ג. הירש, וואָס האָט געהאַלטען אַ ראַבינער שטעלע אין שיקאַגאָ.

דר. סעמועל הירש איז געשטאָרבען אין שיקאַגאָ, דעם 14טען מאַי, 1889. זיין פלאַץ האָט פארנומען רעווערענד דזשאָזעף קראַוזקאָפּף, א גראַדואירטער פון סינסינעטיער היברו יוניאָן קאַלעדזש, און וועלכער איז פריהער געווען ראַבינער פינף יאָהר אין קענזעס סיטי, מיזורי. דר. קראַוזקאָפּף האָט דאָ איבערגענומען די שטעלע אין 1887, און איז אינסטאַלירט געוואָרען פון דר. סעמועל הירש. ער איז געווען אַן אויסגעצייכענטער לעקטאָר, און כאָטש ער האָט זיך געשאַפען אסך געגנער צווישען די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטען, איז ער אָבער אויך געווען שטאַרק באַליבט פאר זיין קעמפערישער נאַטור, וואָס האָט עקשנות'דיג דורכגע־פיהרט דאָס וואָס ער האָט געהאַלטען פאר זיין איבערצייגונג.

דער זעלבער איז אויך געווען שטאַרק אינטערעסירט אין געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען, אין צדקה אנגעלעגענהייטען, און איז אויך געווען שטאַרק אָנגעזעהן אין דער ניט־אידישער וועלט. צו דר. קראַוזקאָפּף'ן איז שפּעטער אויך צוגעזעצט געוואָרען רעווערענד דזשאָזעף לעאָנארד ליווי, אַלס געהילף.

די פּרעזידענטען פון כנסת ישראל זינט 1863 זיינען געווען: סיימאָן סיל־בערמאַן, בערנאַרד ה. פויסטמאַן, דייוויד קליין, מ. ס. הירש, און בענדזשאַמין סיילינדזשער איז יאָהרענלאַנג געווען דער סעקרעטאַר פון דער קאָנגרעגיישאָן.

כנסת ישראל האָט געהאַט דעם מזל וואָס איהרע גרינדער זיינען שוין געווען אָרויפגעאַרבייטע אידען, און ממילא האָט ביי זיי געלט ניט געשפּילט קיין ראָלע, און אַזוי ווי איהרע מיטגלידער זיינען געווען פאַרמעגליכע מענשען, האָבען זיי דערגרייכט מאַטעריעלען דערפאָלג אין אַלע זייערע אונטערנעהמונגען.

דר. וויליאַם ה. פיינשרייבער איז דער גייסטיגער פיהרער פון כנסת ישראל. ער איז געשעצט און באַליבט ביי דער אידישער, ווי ביי דער ניט־אידישער באַפעלקערונג.

★

קאָנגרעגיישאָן בני אברהם

די בני אברהם, אָדער די „רוסישע שוהל," אין 521-527 לאָמבאַרד סטריט, איז די טעג אַלט געוואָרען זעכציג יאָהר. זי איז געגרינדעט געוואָרען דעם 1טען אָקטאָבער, 1882. זיבעצען מיטגלידער, איינגעוואַנדערטע, גרינע אידען, האָבען פאַרטראַכט צו בויען אַ מקום קדוש פאַר רוסישע אידען, און זיי זיינען געווען די ערשטע אָרגאַניזירטע געמיינדע אין פילאַדעלפיאַ דאַון טאַון.

די מייסטע גרינדער זיינען שוין אויפן עולם האמת, און וואס מען ווייסט וועגען זיי איז אז זיי זיינען געווען יראים ושלמים, שומרי שבת, אידען, הארע־פּאשניקעס, האבען געפּראצעוועט שווער און ביטער. געשלעפּט א פּאק אויף די פּלייצעס כדי צו קענען הנאה האבען מגיע כפּם.

צווישען די גרינדער דארפען דערמאנט ווערען אברהם קעסלער, ש. ג. קאטץ, יהודה פרידמאן, חיים ליפשוטץ, מייקעל קאהען, מייקעל ליווי, ליב לעווין, דער ערשטער שמש, אייבערהעמס, יהושע בעקער, אבא ראבינאוויטץ, יהודה עפּטער, זלמן ברענער, גבריאל קאצקי, בעני פיינבערג, ליפּמאן בורצוק, שמש, צדוק ליווי, יצחק ראסענבערג, עלפּמאן, דוב בער לוטינסקי, ראובן רייבשטיין, מאיר שינעלי־קאוו און אנדערע.

איינער פון די גרינדער, וועלכער איז נאך פריש אין זכרון ביי פילאדעלפיער אידען, איז יקותיאל דוב פריעדמאן, עה״ש, וועלכער איז אוועק פון דער וועלט, ערשט מיט א פּאר יאהר צוריק. פריעדמאן, וועלכער איז געווען דער ערשטער מצה בעקער אין פילאדעלפיא, און טאקע איינער פון די ערשטע און גרעסטע מצה בעקער אין דער וועלט, איז געווען דער פּרעזידענט און טרעזשורער פון דער בני אברהם שוהל פאר מעהרערע טערמינען. מיט איהם זאל אויך דערמאנט ווערען ה. פּערילשטיין, עה״ש, וועמענס זוהן נייטען פּערילשטיין, איז נאך היינט אקטיוו צוזאמען מיט זיין שוואגער, הערי בלאק.

דער ערשטער מקום תפלה פון בני אברהם איז געווען אויף סאוטה סטריט, צווישען 7טע און 8טע סטריט. פון דארט האט די חברה געצויגען אויף דער 7טער, צווישען לאמבארד און סאוטה סטריטס. פון דארטען האבען זיי גע־וואנדערט צו דער 5טער און סאוטה, איבער א סאלון, און דערנאך האבען זיי ווידער „געמופט" אין 514 פּיין סטריט.

דורך די 3 יאהר צייט האט די חברה געהאט מנין 3 מאל א טאג, צוזא־מענגעשטעלט פון אפּטאונער און דאון טאונער אידען, און ימים נוראים האבען זיי געדאווענט אין ליבערטי האל, 716 לאמבארד סטריט.

אין 1885 האט די חברה אפּגעקויפט א קירכע, אין 27־525 לאמבארד סטריט, אויף דעם זעלבען ארט שטייט עד היום די פּרעכטיגע, גרויסע בני אברהם שוהל.

ווען מען האט איבערגעבויעט די געביידע און געמאכט עס פאר א פּאסיגען מקום קדוש, האט זי מיט זיך פארגעשטעלט א פּארמעגען פון 14 טויזענד דאלאר.

אין אקטאבער, 1885, האט די געמיינדע איינגעצויגען אין איהר שוהל, מיט 6 הונדערט פּלעצער, און פון די ערשטע 17 מיטגלידער, איז געווארען צוויי הונדערט.

די שמחה אין סאוטה פילאדעלפיא איז ביי דעם חנוכת הבית געווען אזוי גרויס, אז די טוער האבען גארניט געוואלט אויפהערען פייערען דעם גרויסען יום טוב פון דעם חנוכת הבית.

די מייסטע בעלי בתים זיינען דאן געווען קאונטרי פּעדלערס, אבער צוליב דעם יום טוב האט גאר קיינער ניט געוואלט ארויספאהרען פּעדלען. טאג און

נאכט האבען די „מחותנים" געטאנצט און געהוליעט אין שוהל א גאנצע וואך. זיי זיינען געבליבען שלאפען אויף די הארטע בײנק פון שוהל, און אויף מארגען האבען זיי ווידער געהוליעט, און עס איז געווען פארשטענדליך.

די מנדבים, די וואס האבען געבויעט די שוהל, האבען ביז דאן געהארעוועט מיט דעם ביטערען שוויס, פעדלענדיג אין קאונטרי, טראגענדיג שווערע פעק אויף די פלייצעס. ענדליך האבען זיי דערלעבט אן אייגענע, רוסישע שוהל, האבען זיי זיך ניט געוואלט געזעגענען מיט דעם יום טוב.

אזוי גיך ווי די חברה האט שוין געהאט אן אייגענע שוהל, האבען זיי א טראכט געטאן, אז עס איז צייט אויך צו האבען אן אייגענעם רב, א מורה דרך, א גייסטיגען פיהרער, לויט זייערע אייגענע השגות.

אזא רב האבען די מיטגלידער געפונען אין הרב ר' ישראל משה זאקס, א דרשן נפלא, וואס איז אויפגענומען געווארען אלס ערשטער רב אין 1886. דריי יאהר שפעטער איז דער רב נפטר געווארען, כ"ט אב, ערב ראש חודש אלול, תר"מט, (26 אויגוסט, 1889).

דער נויארקער רב הכולל, רב יעקב יוסף, האט דאן די מיטגלידער פון בני אברהם צוגערעדט אויפצונעמען אלס רב פאר פילאדעלפיא הרב הגאון רב. אליעזער קליינבערג, א ווילנער מורה הוראה, דאן א גרינער אין לאנד. די קאנגרעגיישאן האט געשיקט נאך הרב אליעזרן, און ער האט פארנומען די שטעלע אין בני אברהם. די שטעלע האט ער אנגעהאלטען ביז זיין פטירה, ב. אדר ראשון, תר"נא.

הרב קליינבערג האט געגרינדעט די ערשטע תלמוד תורה, וואס איז שפע־טער פאראייניגט געווארען מיט ישיבת משכן ישראל, און איז באקאנט אלס די צענטראל תלמוד תורה. ער האט אויך זיך באמיהט איינצוארדנען עניני שחיטה, און כשרות אין פילאדעלפיא, כאטש עס איז ניט געווען פאר זיינע כוחות.

נאך דער פטירה פון הרב קליינבערג, האט די חברה נאכגעזוכט א פאסיגען רב, און גליקליכערוויז האבען זיי דאס געפונען אין זיין איידעם, דעם דאמאלס באריהמטען יונגען גאון, דוב אריה הכהן לעווינטהאל, א זוהן פון דעם צייקישאקער רב, הרב הגאון אברהם הכהן לעווינטהאל, ז"ל, א שלשלת היוחסין פון די בא־רימטסטע רבנים פאר פילע דורות אין רוסלאנד.

אז דאס איז געווען א גרויס גליק פאר פילאדעלפיא, דינט איצט דער בא־ווייז, וואס הרב לעווינטהאל איז שוין אפגעזעסען על כסא הרבנות אין דע־זעלבער שטאדט איבער פופציג יאהר, און ניט לאנג צוריק איז זיין פופציג יאהריגער יובל געפייערט געווארען אויף א גרויסארטיגען שטייגער פון דער גאנ־צער שטאדט, און באזונדערס טאקע פון דער זעלבער בני אברהם שוהל, וואס האט געהאט די זכיה ארונטערצובריינגען דעם גאון אהער מיט איבער פופציג יאהר צוריק. הרב לעווינטהאל איז אנגעקומען אהער, יד" אלול, תר"נא, 17טער סעפטעמבער, 1891.

אלע וויכטיגע אידישע אנשטאלטען, תורה צענטערס, הכנסת אורחים, חברה קדישא, מאונט סיני האספיטאל, ועד הרבנים, ועד הכשרות, אגודת הרבנים, און

צענדליגע אַנדערע אינסטיטוציעס ביי אונז אין פילאדעלפיא, ווי איבערן גאַנצען לאַנד, זיינען געגרינדעט געוואָרען מיט דער הילף און מיטאַרבייטערשאַפט פון הרב לעווינטהאַל.

אין תר״פו, (1926), האָט אַ בליטץ איינגעשלאָגען אַ דערבייאיגע הויז, 515-19 לאָמבארד סטריט, דאָס האָט אויך אָנגעצונדען די שוהל. דער בית המדרש און עזרת נשים איז באַשעדיגט געוואָרען, און די ספרי תורות זיינען מיט מסירת נפש אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען דורך דער העלדישקייט פון אַ יונגענמאַן, עמנואל יוראם, וואָס פאַרדינט אַז זיין נאָמען זאָל פאַראייביגט ווערען אין דער געשיכטע.

די קומענדע ימים נוראים האָט די חברה געדאַוועט אין ברית שלום אודי־טאָריום.

נאָך די ימים נוראים פון תר״פו, איז די שוהל ווידער אויפגעבויעט געוואָרען, און די שוהל איז איינגעריכטעט געוואָרען נאָך שענער און באַקוועמער ווי געוועןֹ. אין שוהל געפינט זיך עד היום אַ חברה משניות, עין יעקב, חברה מקרא, און חברה תהלים, און עס ווערט געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג, ערב ובקר וצהרים.

צווישען פרעזידענטען וואָס וועלען ניט פאַרגעסען ווערען זיינען געווען יקותיאל דוב פריעדמאַן, אברהם סמיטה, יעקב ראַליק, מאקס זאקס, סיימאָן באַ־ראַווסקי, און דער איצטיגער פרעזידענט, נייטען סילווערמאַן. אין אַמט זינט ר׳ סיימאָן באַראַווסקי׳ס טויט.

חוץ נייטען סילווערמאַן, דעם פרעזידענט, זיינען טעטיג אַרום דער בני אברהם נייטען פערילשטיין, טשערמאַן פון בילדינג קאָמיטע; טשאַרלס אַלטמאַן, וויים פרעזידענט; הערי בלאַק, טרעזשורער, און דזשייקאָב פרענק, סעקרעטאַר.

★

חברה אהבת אחים ניעזשינער שוהל

אַז איהר וועט אַ פרעג טאָן ביי די גרינדער פון דער אהבת אחים, אנשי ניעזשין, וואָס זיינען געווען די מאָטיווען פון דער גרינדונג פון זייער שוהל, וועלען זיי אייך דערציילען:

—צוליב דעם אַז עס זאָל זיין וואו צו דאַוונען לויט דעם נוסח הארי, מיט „ויצמח פרקנא.״

עס זיינען שוין אין פילאדעלפיא מיט פופציג יאָהר צוריק געווען עטליכע שוהלען נאָר טאָמער האָט איינער געהאַט יאָהרצייט, אָדער געזאָגט קדיש, האָט ער ניט געטאָרט זאָגען קיין „ויצמח.״

ראש חודש אלול, שנת תרמ״ט, (1889) איז פאָרגעקומען די גרינדונגס פאַר־זאַמלונג. ביי דער פאַרזאַמלונג זיינען אַנוועזענד געווען משה און זעליג לאַטינסקי, יהושע קראַפּצאָף, יעקב בלום, אברהם ליב פאַלאַנד, זאב וואָלף בינדער, אברהם מרדכי בלומאָוו, ליב קאָהען, צבי רויזען, שמואל ביילין, דוד גערניץ, זלמן קרע־שין, חיים פּאַלאַנד, יעקב פּאַסניעווסקי, צבי שאַפּיר, שלמה בערשטיין, אברהם יודאַווסקי, און יוסף לאַטינסקי.

די ערשטע 3 פאראגראפען אין דער קאנסטיטוציע לייענען זיך:

„דער נאמען פון דער חברה זאל זיין אהבת אחים, אנשי ניעזשין, נוסח הארי. די חברה זאל האבען א שוהל צום דאווענען און עס מוז גדאוועגט ווערען נוסח הארי. עס טאר ניט געענדערט ווערען אלץ וואס דא איז געשריבען כל זמן זיבען ברידער וועלען אנהאלטען דעם טשארטער מיט דעם נוסח.”

די ערשטע עטליכע יאהר זיינען פארשטייט זיך געווען זעהר שווערע, נע־ונד יאהרען. מען האט גדאוועגט אין גדונגענע צימערען, און פאר די ימים טובים און ימים נוראים פלעגט מען דינגען א האל צום דאווענען. ענדליך האט מען אפגעקויפט דעם „אדפעלאוס האל,” אין דער געגענט פון דער 3טער און פיצ־וואטער. דאס איז פאקטיש געווען די ערשטע אייגענע ניעזשינער שוהל.

די שוהל הויבט אן שפילען א ראלע אין יענעם געגענט, עס קומען צו מיט־גלידער און פאר זיי ווערט די שוהל זייער גייסטיגער צענטער. עס גייען אוועק עטליכע געציילטע יאהר, און מען דערפיהלט, אז די שוהל ווערט צו קליין און ענג. ביז מען נעמט טראכטען פון א פלאן צו קויפען א גרעסערע, א שענערע שוהל.

דעם 4טען מארטש, 1905, איז געקויפט געווארען די געביידע אין 771 סאוטה סעקאנד סטריט, די איצטיגע ניעזשינער שוהל. מען האט די געביידע רעמאדעלירט, עס איז געמאכט געווארען דער חנוכת הבית, און מען האט די ספרים און ספרי תורות אריינגעטראגען אין דער ניעזשינער שוהל מיט גרויס פאראד.

א דאנק דעם גרויסען שטראם פון אימיגראציע האט דאס אידישע לעבען אין פילאדעלפיא זיך זעהר שנעל אנטוויקעלט און מיט דעם אלגעמיינעם וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג איז ממילא אויך געוואקסען די מיטגלידערשאפט אין דער ניעזשינער שוהל.

די שוהל, ווי איהרע מיטגלידער הויבען אן צו שפילען א באדייטענדיגע ראלע אין דעם אידישען געזעלשאפטליכען לעבען אין פיאלדעלפיא, ביז עס ברעכט אוים די וועלט מלחמה. די גרויסע פראספעריטי וואס די וועלט מלחמה האט געבראכט מיט זיך האט אבער געהאט אן אומגינסטיגע ווירקונג אויף דער ניעזשינער שוהל. מענשען זיינען רייך געווארען, און האבען אנגעהויבען זיך ארויסציהען פון דעם דאונטאונער געגענט, און ווען מען ציהט אונטער דעם סך הכול נאך דער מלחמה, דערפיהלט מען, אז כאטש די מענשען זיינען דורך דער מלחמה רייכער געווארען איז אבער די ניעזשינער דוקא געווארען ארימער, אפשר ניט אין פינאנציעלען זינען פוןווארט, אבער ארימער זיכער אין דעם גייסטיגען זינען.

די אמאליגע תושבים זיינען אפגעפרעמדט געווארען, עס האבען אנגעהויבען פעהלען דער גדיכט באפעלקערטער אידישער געגענט ארום דער ניעזשינער שוהל.

איידער מיר געהען ווייטער איז כדאי זיך אפצושטעלען און דערמאנען די נעמען פון א צאהל מענשען וואס האבען גרויסע פארדינסטען פאר דער שוהל:

עס מוזען דערמאנט ווערען די נעמען פון די עקס־פרעזידענטען, הערי דאראף, הערי דזש. עטעלסאן, נייטען פעלדמאן, ע”ה, ישראל לעיקין, יעדער איינער פון די דערמאנטע האט געלייסטעט צייט, מיה און טאקע געלט.

איינער פון די אקטיווסטע מיטגלידער פון דער ניעזשינער שוהל ביז די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען איז געווען יהודה ליב גאָלדשטיין, עליו השלום. ער האָט אָרגאניזירט די חברה משניות און חברה ש"ס און איז אליין געווען דער רבי פון ביידע אגודות. ער איז פאַקטיש געווען דער גייסטיגער פיהרער פון דער שוהל. איז געווען באַליבט און געאכט פון אלע מיטגלידער און אַן אינספיראַציע סאַי פאַר די כריהערדיגע און סאַי פאַר די שפּעטערדיגע באַאמטע פון דער שוהל. זיין זוהן, ישראל גאָלדשטיין, דער היינטיגער דר. איזראעל גאָלדשטיין, דער פּרעזידענט פון דעם אידישען נאַציאָנאַל פאָנד אין אמעריקע, האָט אַליין באַקומען זיין ערשטע אידישע דערציאונג אויף די בענק פון דער ניעזשינער שוהל.

נאָך דער וועלט מלחמה טרעט אריין א קריטישע צייט פאַר דער ניעזשינער שוהל. א צאָהל אַלטע מיטגלידער זיינען אַוועק אויפ'ן עולם האמת, אַנדערע אַקטיווע מיטגלידער ווערען דערוויטערט צוליב איין אָדער אַנאַנדער סבה, דער יונגער דור געפינט ניט קיין שום אינטערעס אין דער שוהל, און דער שיקזאל פון דער ניעזשינער שוהל הויבט אָן הענגען אויף א וואָגשאָל.

אָבער דאָ איז געקומען א גליקליכער צופאַל, וואָס די פיהרערשאַפט פון דער שוהל איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון אַן אמעריקאַניזירטען יונגענמאַן, א איד מיט א וואַרימער באַציאונג צו אידישע טראַדיציעס, וואָס האָט אַליין ליעב געהאַט די שוהל אַטמאָספערע און דאָס האָט איהם באַוואוינגען צו נעמען אַן אַקטיוען אַנטייל און טאַקע צו ווערען דער פּרעזידענט, אַן אַמט וואָס ער האָלט אָן נאָך עד היום.

אין 1927 ווערט אלס פּרעזידענט דערוועהלט יצחק שריידער*, און עס הויבט זיך ווידער אָן א נייע עפּאָכע פאַר דער ניעזשינער שוהל. שריידער האָט זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אז די מאָדערנע צייט פאָדערט אויך א נייעם צוגאַנג צו דער שוהל. צום אַלעם ערשטען ווערט די שוהל ווידער רעמאָדעלירט, אויסגעפּאַרבט פון אינעווייניג און פון דרויסען, די אַלטע שוהל קריגט א ניי פּנים, די אַלטע שוהל ווערט יונג.

אין 1930 אָרגאַניזירט שריידער א לײדיס אָקזילערי, די פרויען ווערען זעהר טעטיג, דער גאַנצער דאַונסטערז ווערט פאַרוואַנדעלט אין א שיינעם, ליכטיגען אודיטאָריום, און דאָן ווערט געלעגט דער יסוד פאַר די פרייטאָג־צו נאַכטס „סוירוויסעס." אָט די איינפיהרונג פאָדערט, אז מען זאָל זיך איבער איהר אָפּשטעלען באַריכות.

עס איז שוין לאַנג פעסטגעשטעלט געוואָרען אז אָהן דעם יונגען דור האָבען אונזערע שוהלען ניט קיין צוקונפט, און דעריבער איז עס זעהר ווינשענסווערטה צו באַמערקען, אז דוקא די ניעזשינער שוהל האָט אָנגעהויבען צוציהען אונזער יוגענט צו די פרייטאָג צו נאַכטס סוירוויסעס, און ווערענדיג א צוציאונגס קראַפט פאַר דער יוגענט איז די שוהל ממילא געוואָרען דער גייסטיגער לעבענס נערוו פאַר דער ניעזשינער חברה.

יצחק שריידער פאַראינטערעסירט אין די סוירוויסעס דעם יונגען אמערי־

*) זעה ביאָגראַפיע: יצחק שריידער.

קאנער לאַיער, דייוויד קראפּצאָף, און עס הויבט זיך אָן אַ קאַפּיטעל פון קולטור־רעלע טעטיגקייט. צו די סוירוויסעס ווערען יעדען פרייטאָג איינגעלאַדען פּראָמינענטע פּערזענליכקייטען פון שטאָדט, אַלס געסט־רעדנער. וויכטיגע פּראָבלעמען ווערען דיסקוטירט, און עס ווערען אָפּגעהאַלטען אינטערעסאַנטע לעקציעס, מוזיקאַליש־דראַמאַטישע קאָנצערטען, און דאָס גיט דער אידישער יוגענט אַ מעגליכקייט זיך צו באַקענען מיט דער קולטור און מוזיק. די „פרייטאג צו נאכטסן" זיינען געוואָרען אַ שם דבר אין פילאדעלפיא, און עס קומען אָפּט מענשען אין דער ניעזשינער שוהל אויך פון אַנדערע געגענטען.

די אידישע יוגענט האָט דערנאָך זיך אָרגאַניזירט אין אַ „יאַנג פּיפּעלס קאָנגרעגיישאָן" וואָס איז געווען אַקטיוו עטליכע יאָהר, און דערנאָך איז אויך געגרינדעט געוואָרען דער „מענער קלוב," און אַ סך פון דער אמאַליגער יוגענט איז שוין היינט רייף געווארען און באַטייליגט זיך אין די אַקטיוויטעטען פון דער שוהל.

כדי צו באַפרידיגען די גייסטיגע פּאָדערונגען פון דער יוגענט וואָס קומט דאַווענען ווערט איינגעפיהרט, אַז סאַי שבת, סאַי יום טוב, ווערען איינגעלאַדען רעדנער וואָס דערקלעהרען אויף ענגליש די היסטאָרישע באַדייטונג פון אידישע ימים טובים, און אַזוי איז געלונגען צו דערנעהענטערען דעם יונגען דור צו זיינע עלטערען, צו די אידישע טראַדיציעס, ימים טובים און מנהגים.

די פרויען אָרגאַניזאַציע, די לײדיס אָקזילערי, שפּילט אַ וויכטיגע ראָלע, און איז אַלעמאָל אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין דעם לעבען און אין די טעטיגקייטען אַרום דער שוהל. צווישען די מיטגלידער הערשט אַ נאָהענטער משפחה־גייסט, סאַי אין פריידען, און סאַי חס ושלום אין ליידען.

דורך דער צייט וואָס שריידער איז פּרעזידענט פון דער שוהל האָט מען אויסגעגיבען איבער פופצען טויזענד דאלאר צו רעמאָדעלירען און פאַרשענערען די שוהל, און פאַרשטייט זיך, אַז די לײדיס אָקזילערי האָט בייגעשטייערט גאָר אַ גרויסען טייל פון דער סומע. ביז איצט איז אויך אָפּגעצאָהלט געוואָרען דער מאָרטגיידזש, אַ סומע פון 7,500 דאלאר. אויך אויף דעם געביט האָט די לײדיס אָקזילערי זיך אויסגעצייכענט.

די ערשטע פרעזידענטין פון דער לײדיס אָקזילערי איז געווען מרס. אנא ראָזענטהאַל, ע"ה. נאָך איהר האָט פאַרנומען דעם פרעזידענטין אַמט איהר שנור, מרס. פלארענס ראָזענטהאַל, ע"ה. מרס. פעני פריעדמאַן האָט געהאַלטען דעם אַמט פיער יאָהר צייט, און איז נאָך היינט אויך זעהר אַקטיוו. מרס. פעני פלאַמער איז דערוועהלט געוואָרען סעקרעטאַרשע פון דער לײדיס אָקזילערי ביי דער גרינדונגס פאַרזאַמלונג און זי האַלט דעם אַמט נאָך עד היום.

צוויי פון די עקס פרעזידענטען אין די שפּעטערדיגע יאָהרען: מר. אליהו שמואל קאַפּלאַן, און מר. סאָול סטאַם, זיינען געווען אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר די איצטיגע באַאַמטע פאַר זייער אַרבייט, סאַי ווען זיי זיינען געווען אין אַמט און סאַי איצט. אַלע מיטגלידער פון דער ניעזשינער חברה שעצען די ערנסטע אַרבייט פון אַזעלכע טיכטיגע טוער.

די איצטיגע באַאַמטע פון דער ניעזשינער שוהל זיינען: יצחק שריידער,

פרעזידענט; אלעקס פלאטניק, וויים פרעזידענט; מארים סייפער, טרעזשורער; סעם קאפלאן, יצחק פינקעל און אהרן ליב ליבטענשטיין, טראסטים.

די ניעזשינער שוהל האט אויך פון דעם ערשטען טאג פון איהר עקזיסטענץ גענומען א ווארימען אנטייל און האט בייגעשטייערט מיט דער ברייטער האנט צו צדקה און וואוילטעטיגע אנשטאלטען, פאר ישיבות מעבר לים און אויך פאר די היגע תורה־אנשטאלטען.

די חברה אהבת אחים אנשי ניעזשין קוקען מיט שטאלץ אויף דער רעליגיעזער אינסטיטוציע און זיי זיינען גליקליך צו זעהן, אז זייער שוהל פארנעמט איצט א בכבוד'יגען ארט אין דעם געזעלשאפטליכען, רעליגיעזען, קולטורעלען און פילאנטראפישען לעבען אין פילאדעלפיא.

★

קאנגרעגיישאן כרם ישראל

קאנגרעגיישאן כרם ישראל איז געגרינדעט געווארען אין 1910 (תר"ע), אין יענער צייט די איינציגע ארטאדאקסישע שוהל אין סטראבערי מענשאן. די ערשטע זיבען יאהר איז די שוהל געווען אין א געדונגענער הויז אויף קאלאמביא עוועניו און נאטראנא סטריט. דער נוסח התפלה—ספרד.

צווישען די גרינדער זיינען געווען ר. בנימין דייווידזאן, פינחס טשאבריי, ישראל קענער, לייבוש וויזען, מר. גיטעלמאכער, מר. הייבער, א. רייניש, די ברידער סאטינסקי, הערי דראף און גרשון בריה.

אין 1917, ווען די קאנגרעגיישאן האט געהאלטען ביים קויפען אן אייגענעם בנין איז געווען א מיינונגס פארשיידענהייט צווישען די גרינדער און די צוגעקומענע בעלי בתים, וועגען דעם נוסח התפלה. אייניגע האבען געוואלט ענדערען אויף נוסח אשכנז, האבען זיי זיך אפגעטיילט און האבען דאן געגרינדעט די בני ישורון קאנגרעגיישאן. אבער די מייסטע גרינדער און אסך צוגעקומענע האבען ניט געוואלט בייטען זייער נוסח התפלה, האבען זיי געקויפט די איצטיגע גרויסע, פרעכטיגע כרם ישראל שוהל, אויף 32טע און מארם סטריט, און האבען זי איבערגעבויעט פאסיג פאר אן עכט ארטאדאקסישע מקום קדוש.

די שוהל פארמאגט א שיינע גאלעריי פאר אן עזרת נשים, א בית המדרש צום דאווענען און לערנען אינדערוואכען ערב ובוקר, א ביבליאטעק פון פוסקים ראשונים און אחרונים, און חכמות ישראל. יעדען טאג ווערט געדאווענט 6 מנינים, און שבתים און ימים טובים געפינט מען דארט הונדערטער מתפללים.

מיט דעם אנקומען פון הרב אפרים אליעזר הכהן יאלעס אלס מרא דאתרא פון דער שוהל און געגענט, האט כרם ישראל אויפגעלעבט און זיך אנטוויקעלט צו א הויכער שטופע, און ווערט פאררעכענט פאר איינע פון די אנגעזעהענסט'ע שולען אין לאנד. די שוהל איז א צענטער פון דרשות, הלכה און חכמות ישראל און פון ווייטע געגענטען קומען צוהערער צו די לעקטשורס פון זייער רב.

די שוהל פארמאגט א חברה משניות און ש"ס. פאר דער צייט פון הרב יאלעס האט די חברה שוין דורכגעלערנט אכט מאל ששה סדרי משנה און דריי מאל גאנץ ש"ס. אויסער דעם געפינען זיך אויך איינצעלנע לומדים וואס לערנען שיעורים בעיון אונטער דער השפעה פון זייער רב.

די פארשטארבענע פרעזידענטען זיינען געווען: דייווידזאן, טשאברוי, קענער און לענדוי. צווישען די לעבעדיגע פרעזידענטען געפינען זיך מר. יוסף קאטץ, לואיס מאנדעל, פיליפ מעצגער, הערי סטייניג און מר. אליעזר גווירשען.

די כרם ישראל בעלי בתים באגעגענט מען אין כמעט אלע שטאטישע אונ־טערנעמונגען נאציאנאלע, געזעלשאפטליכע און רעליגיעזע. זיי זיינען דורכגע־דרינגען מיט ציוניסטישע און מזרח'יסטישע אידעאלען. עס איז אויך דא ארום דער שוהל א גרופע צעירי אגודת ישראל און יאנג איזראעל.

די שוהל האט אויך אן אייגענע חברה קדישא, שומרי שבת, א חברה גמילת חסדים, וועמענס גרינדער זיינען מר. לואיס מאניסאוו און היימאן לים.

די ליידיס אקזילערי פארנעמט א בכבודיגען ארט אין די טעטיגקייטען פון כרם ישראל שוהל. איהר הויפט אויפגאבע איז צו שאפען גענוג געלט אויסצור־לייזען דעם גרויסען מארטגיידזש פון שוהל.

די כרם ישראל שוהל האט צעהן יאהר געהאט איהר אייגענע תלמוד תורה. אין 1925, ווען עס איז געווארען א באוועגונג פון בעלי בתים מיט הרב יאלעס בראש צו שאפען א ישיבה אין סטראבערי מענשאן, איז די תלמוד תורה איבער־געגאנגען צו דער ישיבת אהל משה ותלמוד תורה דסטראבערי מענשאן.

לעצטען יאהר, (ל"ג בעומר, 1941) האט די כרם ישראל שוהל דערלאנגט א כתב רבנות צו הרב יאלעס פאר זיין גאנצען לעבען.

אלע רבנים פון שטאדט, מיט הרב לעווינטהאל בראש, האבען אנטייל גענומען אין דער שמחה התורה וואס איז א זעלטענהייט ביי ארטאדאקסישע אידען צו גיבען אזא אויסצייכנונג צו א רב אין אמעריקא.

★

קאנגרעגיישאן בני ישורון

דעם 18טען סעפטעמבער, 1915, האבען א גרופע בעלי בתים זיך פארזאמעלט צו דיסקוטירען די פראגע וועגען גרינדען א מאדערנע שוהל אין סטראבערי מענ־שאן. צווישען די גרינדער זיינען געווען: אילאי גיטעלמאכער, מאקס מארקאוויטץ, דייוויד מארקאוויטץ, מאיר ליכטענשטיין, סעמועל סיגעל, אייזיק סאקאלאף, מ. ברייער, מ. מיטעלמאן, עלאיעס אסטראף, י. פיינבערג, ס. ה. קארמעל, און דזשא־זעף פישער.

צו דער קומענדער זיצונג זיינען צוגעקומען אויך איזאדאר פערלבערג, מארים העיבער, בענדזשאמין דזשאפע, דזשייקאב ס. ריינישׁ, הערי דאראף, וויליאם מ. לואיס, ס. בוקסבאום, ב. ה. בוקסבאום, גוסטאוו קלויזנער, מארים גליקמאן, סיימאן הענדלער, און הערי מיללער.

אלס רעזולטאט פון די פארזאמלונגען איז שפּעטער געגרינדעט געוואָרען די שוהל אויף דער 31טער און דיימאָנד סטריטס. די ערשטע באאמטע זיינען געווען: מאקס מארקאָוויטץ, פּרעזידענט; איזאדאָר פּערלבערג, וויים פּרעזידענט; הערי מיטעלמאַן, טרעזשורער; סעמועל סיגעל, רעקאָרדינג סעקרעטאר; ב. ה. בוקס־באום, פינאנץ סעקרעטאר, און מארים העיבער, טשערמאַן פון דער באָרד.

דער ערשטער ראבאי פון בני ישורון איז געווען הערי ס. דאווידאָוויטץ, און אין דער קאנגרעגיישאַן האָט מען געדאוועגט אַן ערך פון 10 יאָהר. דורך די אַלע יאָהרען האָט די בני ישורון אָנגעהויבען שפּילען א ראָלע אין דעם אידישען גע־זעלשאַפטליכען לעבען, אָבער דער אַלגעמיינער וואוקס פון דער אידישער באַפעל־קערונג אין סטראָבערי מענשאַן האָט געפאָדערט אז בני ישורון זאָל פארגרעסערט ווערען כדי איהר קולטורעלע און אנדערע טעטיגקייטען זאָלען זיך קענען אויס־ברייטערען.

אונטער דער גייסטיגער פיהרערשאפט פון ראבאי אייבערהעם א. ניומאַן, און דורך די באַמיהונגען פון אייבערהעם מ. עלים, פּרעזידענט פון דער קאָנגרע־גיישאַן, און מרס. דזשעני ה. מילער־פייגען, פּרעזידענט פון דער סיסטערהוד, איז צושטאַנד געקומען דער פּלאַן פאר דער נייער, איצטיגער שוהל און קאָמיוניטי צענטער אויף דער 33טער און דיימאָנד סטריטס, אנטקעגען פעירמאונט פּארק, אין 1925.

זינט ראבאי ניומאַן איז אוועקגעגאנגען אין מקוה ישראל, זיינען די גייס־טיגע פיהרער געווען ראבאי מאקס דראב און דזשאָזעף זייטלין. פאר די לעצטע צעהן יאהר איז דער גייסטיגער פיהרער ראבאי סאָלאָמאָן מ. ברזל, וואָס איז פריער געווען ראבאי אין פּאָרטסמוטה, ווירדזשיניא.

קאָנגרעגיישאַן בני ישורון האָט איצט בעסערע צייטען צו פארדאנקען די פעהיגקייטען פון אזעלכע פערזאָנען ווי הערי און סעם דאראָף, מר. און מרס. נייטען פייגען, מעקס פיינגאָלד, האראָלד גאָלדמאַן, סאל. סאטינסקי, משה האלפּערין, הערמאַן ראָלינג, לואים בלומבערג, דר. הערמאַן בראון, מר. טשערניקאָוו און א צאָהל אנדערע.

די באאמטע היינטיגען יאָהר זיינען: הערי דאראָף און ניסן פייגין, עהרען־פּרעזידענטען, סעם דאראָף, פּרעזידענט; סאול סאטינסקי, און מאיר ליכטענשטיין, וויים פּרעזידענטען; מרס. דזשעני ה. מילער־פייגען, טרעזשורער, און דזש. לואים בלומבערג, סעקרעטאר. טשערמאַן פון דער באָרד איז הערלאָלד ס. גאָלדמאַן.

די סיסטערהוד פון בני ישורון שפּילט א וויכטיגע ראָלע ארום דער קאָנ־גרעגיישאָן, פון איין זייט שאפענדיג מיטלען דורך זייערע אונטערנעהמונגען, און אויך דורך דערמוטיגען די קינדער פאר די סוירוויסעס יעדען שבת און יום טוב.

די סיסטערהוד פארמאָגט אויך א סאָאינג סוירקעל, וואָס קומט זיך צוזאמען יעדען מאָנטאג נאכמיטאג. דער סוירקעל איז אונטער דער אויפזיכט פון מרס. דאָרע גאָלדסטיין. די גארמענטס פון דעם סוירקעל געהען פאר דער הדסה צו פארטיילען צווישען אָרימע קינדער אין ארץ ישראל.

מרס. דזשעני ה. מילער־פייגען איז די פּרעזידענטין פון דער סיסטערהוד פאר די לעצטע צעהן יאָהר.

אין דער בני ישרון שוהל לערענט מען טעגליך א דף יומי, ווי אויך משניות. די חברה משניות איז געגרינדעט געווארען פון הרב ברזל אין אנדענק פון דער צדקנית און נדיבת לב לאה בת ר׳ משה דניאל גולדנער.

בני ישורון פארמאגט אויך א יוגענד קאונסיל, וואס גיט זיך אפ מיט די אנגעלעגענהייטען פון דער יוגענט. דער קאונסיל פיהרט דורך דיסקוסיעס און לעקציעס און יעדער איינער אין עלטער פון 21, קען זיך אנשליסען און באטייליגען אין דער ארבייט. אפרים גאלדמאן, איז דער פרעזידענט. די גרופע האלט איהרע זיצונגען יעדען דינסטאג אויפדערנאכט.

פון דער צייט וואס הרב שלמה ברזל איז אנגעקומען אין דער בני ישרון שוהל זענען נאך צוויי ארגאניזאציעס צוגעקומען אין דער שוהל:

א ליטעראַרישע גרופע פון יונגע פרויען און א מענס קלאב וועלכע גיבען זיך אפ מיט ליטעראַרישע, וויסענשאפטליכע פראבלעמען און אויך מיט די עקאנאמישע פראגען פון שוהל. די אפיסערס פון דער יונגער פרויען ארגאניזאציע זענען:

עהרען פרעזידענטען, ענן סאבאטניק, מעי בלעט, און פלארענס פישער; פרעזידענט, דאראטי מינק, און וויים פרעזידענט, בעסי קריימער. די אפיסערס פון מענס קלאב זענען עהרען פרעזידענט, דר. הערמאן בראון; פרעזידענט, סעם סיל־ווער, און וויים פרעזידענטס, אפרים גאלדמאן און סאל בארג.

אונטער דער גייסטיגער פיהרערשאפט פון הרב ברזל און דורך די באמיהונגען פון די יעצטיגע בעאמטע איז בני ישרון באפרייט געווארען פון אלע חובות. די שוהל איז יעצט פריי פון דעם שווערען מארטגעדזש וואס האט געדריקט די שוהל.

די שוהל בעאמטע ווילען זיך פון יעצט אן ווידמענען צו דער פארגרעסע־רונג פון דער תלמוד תורה פון דער בני ישרון שוהל, וואו עטליכע הונדערט קינדער קריגען טעגליך א רעליגיעז־טראדיציאנאלע אידישע דערציהונג.

*

חברה בני ראובן אנשי ספרד

די חברה בני ראובן אנשי ספרד, איז געגרינדעט געווארען פון דעם גאט־זעליגען ר׳ ראובן ב״ר פישעל הכהן קאנעווסקי, ז״ל אין תרמ״ג 1883, אין 730 פעסיאנק עווענין.

א חשוב׳ער איד פון דער אלטער היים פון „שווארץ־טומאה,״ קיעווער גוב., רוסלאנד, האט דער אלטער ר׳ ראובן מיטגעבראכט מיט זיך די אידישע מדה פון רחמנות און צדקה מיט דער פולער האנט. יעדען דאנערשטאג און פרייטאג, זומער און ווינטער, אין היץ און אין קעלט האט מען דעם אלטען ראובן ז״ל געזעהען מיט א זאק אויף די פלייצעס געהען צו לאנדסלייט און באקאנטע צוזא־מעננעהמען ברויט און שפייז פאר ארימע און נויטבאדערפטיגע אויף שבת.

ר׳ ראובן ז״ל, דער גרינדער, און דער ערשטער פרעזידענט פון דער חברה בני ראובן, האט אויך מיטגעבראכט מיט זיך פון דער אלטער היים א פארמע־גען: א ספר תורה, וועלכע ער האט זיין גאנצען לעבען געהאלטען ווי א טייערען אוצר.

ביז די חברה האט זיך ארגאניזירט, האט ר׳ ראובן ז״ל געהאט מנין ביי זיך אין דער היים, נאכהער פלעגט מען דאווענען אין 240 מאנרא סטריט, דאן איז געקויפט געווארען די ערשטע שוהל אין 620 מיניסטער סטריט (היינט עדיסאן סטריט), און אין תרמ״ח, 1888, האט די חברה ארויסגענומען דעם טשארטער וועלכער האט גוטגעהייסען א קאנגרעגיישאן.

פאלגענדע זיינען געווען די טשארטער מעמבערס: ראובן קאנעווסקי, פרע־זידענט; ישראל מאיר דודקין, וויס פרעזידענט; שאול וואקס, סעקרעטאר; לייזער באַרדיטשעווסקי, טרעזשורער. באַרד אף דירעקטארס: בערעל זייטשיק, ס. טאל־טשינסקי, מ. בראנשטיין, מאיר בערענשטיין, העגרי בערענשטיין, ל. פורמאן, חיים באראנאווסקי, יצחק שמעון פובליקער, דוד אלימלך עללים, ברוך סטאל־בערג, מרדכי דודקין, מאקס עהרליך, יעקב וויינריך, זיידעל שטיינבערג, אהרן פרענק, ניסן גאראדעצקי, מאיר גאראדעצקי, משה צבי טשארנע, משה שווארץ, שלמה דוב פעלדמאן - שוחט - בערעל טאלטשינסקי, טוביו ראסאבראוו, יעקב סורקעס, מענדעל מעדאוואי — אלע שוין ע״ה.

און די צו לאנגע יאהרען פון די אלטע טהעטיגע מעמבערס און געוועזענע בעאמטע זענען: משה בערענשטיין, בערעל זייטשיק, אלחנן באראן, שלמה ראַ־זענטהאל, זלמן יצחק סקווערסקי, אברהם דייטש, בנימין וויס און מייק בערענ־שטיין.

אין ט״ז טבת תר״נז מיט 8 יאהר שפעטער אין 1896 איז ר׳ ראובן נפטר געווארען, ת׳נ׳צ׳ב׳ה.

פון מיניסטער סטריט האט די חברה בני ראובן געמופט אין דער 6טער און קארפענטער סטס., און נאך די אלע מסעות—מופעניש—איז געקויפט גע־ווארען א לאט אויף 21-615 ס. 6טע סטריט, אויף וועלכען עס איז אין תרס״ד, 1904, אויסגעבויט געווארען די יעצטיגע בני ראובן שוהל, וועלכע האט געקאסט 50 טויזענד דאלאר און איז יעצט פריי פון מארטגיידזשעס, וואו די חברה האט איהר „בית המקדש מועט" זייט די לעצטע 34 יאהר, דאס זענען געווען בליהונגס יאהרען, די רייכסטע און פראמינענסטע בעלי בתים פון שטאט האבען בעלאנגט צו די בני ראובן.

דער יסוד, דער פונדאמענט אויף וועלכען די חברה בני ראובן איז געבויט און האט יאהרען לאנג, ביז היינטיגען טאג געדיענט אלס איינע פון די מעכ־טיגסטע זיילען פון פילאדעלפיער ארטאדאקסישען אידענטום. דאס היימישע, פריינדליכע לעבען, וואס די מיטגלידער פון דער משפחה ראובן האבען צווישען זיך געפיהרט איז געווען הארציג און אונבאגרענעצט—אזוי ווי ברידער און שוועסטער פון איינגענע פאטער און מוטער, אזוי איז געווען דאס לעבען צווישען די מיטגלידער ביז היינטיגען טאג. מען איז געגאנגען אויף שמחות איינער צום צווייטען, געהאלפען אין א נויט אויף א שטילען ברידערליכען אופן.

די בני ראובן האבען אלע מאל געענטפערט אויף דעם „אפיעל" פאר שטיצע פאר די לאקאלע, ווי אויך פאר די נאציאנאלע אינסטיטוציעס ביז היינטיגען טאג. דאס איז די טראדיציע וואס די בני ראובן משפחה האבען מיטגעבראכט מיט זיך פון דער אלטער היים, זיי האבען דאס דא אויך פראקטיצירט פאר דער לאנגער

צייט פון זייער עקזיסטענץ, און די גוטע מדות און דערהאבענע טראדיציעס ווערען פינקטליך אפגעהיט פון די היינטיגע אדמיניסטראטארען.

זונטאג אווענט, פ' שמיני ה"י אדר שני, תרצ"ח, 20טען מארטש, איז גע־פייערט געווארען א 50-יאהריגער יובל אין מאדזשעסטיק האטעל, צוזאמען מיט א מיטגלידערשאפט פון 3 דורות. דער טשערמאן פון יובילעאום איז געווען שמואל פערלאף.

די בעאמטע אין בני ראובן זיינען איצט: הרב דוב אריה הכהן לעווינטהאל, עהרען־מיטגליד; מענדעל פיין, פרעזידענט; דוד וויגמאן, וויס פרעזידענט; ה. גראס, רעקארדינג סעקרעטאר; חנן באראן, פינאנץ סעקרעטאר; היימאן גארבער, פינאנץ טרעזשורער; מארים נאבל, ענדאומענט טרעזשורער.

די גבאים זיינען חנן באראן און סיימאן בוירד; די בארד אוו דירעקטארען זיינען וויליאם וואלאשין, טשערמאן; חנן באראן, אייב בערנשטיין, א. דויטש, ס. ב. פערלאף, איזידאר קלינגהאפער, מאורים גודים, ה. גארבער, ס. בוירד, ס. ראזענטהאל, וו. פיין, דוד וויגמאן, און מ. נאבל.

די געוועזענע פרעזידענטען זיינען וויליאם וואלאשין, מייק בערנשטיין, סעמועל ב. פערלאף, און איזידאר קלינגהאפער.

טראסטיעס: א. דויטש און וויליאם וואלאשין. שמש, משה'לע גלאטשטיין.

★

הר ציון טעמפל, ווינפילד

די ווינפילדער אידישע געמיינדע, כאטש איינע פון די גרעסטע און אנגע־זעהענסטע אין פילאדעלפיא, איז איינע פון די אינגסטע, און ווי די פראטאקאלען ווייזען, איז דזשייקאב בראדסקי, א פראמינענטער היגער תושב, געווען דער ערש־טער וואס האט מיט זיין פאמיליע זיך אריבערגעצויגען קיין ווינפילד, מיט 22 יאהר צוריק.

אנדערע אידישע פאמיליעס האבען נאכגעטאן דעם ביישפיל, און אזוי ווי בראדסקי האט אלעמען געקענט נאהענט, און ווען עס איז געקומען ימים נוראים, האבען זיי אלע געדארפט געהן דאווענען אין דער 40טער און דזשיראַרד עוועניו, האבען זיי זיך צורעדט, און אנגעהויבען פלאנעווען צו גרינדען א שוהל אין ווינפילד לויט זייער גייסט.

אין הערבסט 1922 האט דזשייקאב בראדסקי פאררופען א זיצונג ביי זיך אין הויז, און זיי האבען געגרינדעט די הר ציון קאנגרעגיישאן. הערי קאהען איז אויסגעקליבען געווארען אלס דער פאסיגסטער פרעזידענט, און זיין לאיאלי־טעט צו דעם טעמפל פאר די לעצטע אכצען יאהר האט באוויזען, אז די גרינדער האבען ניט געמאכט קיין טעות.

דער פארשטארבענער ריכטער וויליאם מ. לואיס, א פערזענליכער פריינט פון די מייסטע גרינדער, האט אדרעסירט די פארזאמעלטע, און אויפן ארט

איז צוגעזאָגט געוואָרען אַ פאָנד פון דרייסיג טויזענד דאלאר צו קענען אָנהויבען בויען אַ טעמפּל.

דעם 17טען סעפּטעמבער, 1923, איז באַוויליגט געוואָרען דער טשאַרטער פאַר הר ציון טעמפּל.

די ערשטע באַאַמטע זיינען געווען הערי קאָהען, פּרעזידענט; דייוויד וועבער, וויס פּרעזידענט; קעין עליס, 2טער וויס פּרעזידענט; הערי פּאַבליקער, טרעזשורער; לאַיער אייברעהעם א. לעווינטהאַל, סעקרעטאַר, און פּאול מ. ווינטראַב, פינאַנץ סעקרעטאַר. די מיטגלידער אויפן טשאַרטער זיינען באַשטאַנען פון הערי פּאַבליקער, דזשייקאָב ה. בראַדסקי, פיליפּ פּאַבליקער, בערנארד ה. בראַדסקי, היימאַן בראַדסקי, הערי קאָהען, קעין עליס, אייברעהעם א. לעווינטהאַל, דייוויד וועבער, וויליאַם פּאַרטנער, וויליאַם גאָלדסטיין, לואיס דזש. פּאַקס, מאַקס פּאַטאַש, לואיס זעף, מאַקס מאַסקאַוויטץ, סעמועל א. סאַוויטץ, מייקעל סטיפּעל, טשאַרלס טאַומאַן, טשאַרלס מ. ראַפּאַפּאָרט, אייראַן גאָלדבערג, ראַבערט זעף, עלאַיעס ווילף, בערנארד מאַסקאַוויטץ, איזידאָר רודאָלף, הערי ניומאַן און הערי וואולף. הערי קאָהען איז אויטאָריזירט געוואָרען אויסצוקלייבען דאָס פּאַסיגסטע אָרט פאַר אַ טעמפּל און אויך אָנצושטעלען ארכיטעקטאָרען.

דער באָדען אויף וועלכען דאָס טעמפּל געפינט זיך, אין הארץ פון ווינפילד, איז בייגעשטייערט געוואָרען פון הערי און פיליפּ פּאַבליקער. אין מארטש, 1924, איז אויפגעבראָכען געוואָרען דער באָדען, און דעם 15טען אויגוסט איז פאַרטיג געוואָרען דאָס טעמפּל וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ פאַרמעגען פון 175 טויזענד דאלאר. עס איז אָבער געבליבען אַ גרויסער מאָרטגיידזש.

די ערשטע סורוויסעס זיינען געהאַלטען געוואָרען אין די ימים נוראים, סעפּטעמבער, 1924, ראַבאי טשאַרלס סידני האָט פאַרנומען דעם פּולפּיט, אָבער קיין פערמאַנענטען גייסטיגען פיהרער האָט הר ציון נאָך ניט פאַרמאָגט.

אַ רעליגיעזע קאָמיטע אונטער דער אויפזיכט פון דייוויד וועבער, האָט אָנגעפיהרט מיט די סורוויסעס, און האָט אין דער זעלבער צייט געזוכט אַ פּאַסיגען גייסטיגען פיהרער.

ערשט אין שבועות, 1925, איז ראַבאי סיימאָן גרינבערג, דער איצטיגער גייסטיגער פיהרער, נאָך זיין צוריקקומען פון ארץ ישראל, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ יאָהר צייט, איינגעלאַדען געוואָרען אַהער, און עס איז איהם איבערגעגעבען געוואָרען די פיהרערשאַפט.

ראַבאי גרינבערג האָט איבערגענומען זיינע פליכטען דעם 15טען אויגוסט, 1925, און נאָוועמבער דעם 22טען איז ער אָפיציל אינסטאַלירט געוואָרען. עס זיינען געהאַלטען געוואָרען רעדעס פון דר. סיירוס אדלער, עה״ש, ראַבאי סעמועל פרעדמאַן, עה״ש; ריכטער וויליאַם מ. לואיס, ז״ל, און די ראַבאַיס מארטין דזש. קאָהען, מעקס ד. קליין, ס. דזשאָשואַ קאָהן, און דר. אייברעהעם א. ניומאַן.

הר ציון איז שטאָלץ אויף דעם פאַקט, וואָס זינט דאָס טעמפּעל האָט זיך געעפענט, דאַווענט מען אינדערפריה און אויפדערנאַכט טעגליך, פון שבתים

און ימים־טובים איז אפגערעדט. קאנטאר אהרן סטיינבערג, געפינט זיך מיט דעם טעמפעל זינט 1934, פיהרט אן מיט א כאר פון אכט שטימען, אונטער דער רעזשי פון עריק מאנדעל.

ראבאי גרינבערג האט ניט פארלוירען קיין צייט, און ער האט איינגיכען קאארדינירט אלע אקטיוויטעטען אין טעמפל. די סיסטערהוד, די העברעאישע שולע, די הדסה, האבען געהאט זייערע זיצונגען אין דעם בייסמענט אודיטאריום, נאר עס האט זיך שנעל ארויסגעוויזען, אז דאס טעמפעל איז צו קליין פאר אלע אקטיוויטעטען. עס איז דעריבער באשלאסען געווארען אפצוקויפען דעם באדען דערביי, צוזאמען מיט דער הויז וואס איז געשטאנען אין דזשארדזשעס לעין, און דער באדען מיט דער הויז איז געקויפט געווארען פאר א סומע פון 40 טויזענד דאלאר.

די הויז איז פארוואנדעלט געווארען אין א שולע, די צאהל קינדער האבען זיך פארגרעסערט, און די צימערען אין דעם בייסמענט אודיטאריום זיינען געווא־רען צו קליין, פאר קלאס צימערען פון דער שולע.

דעם 27טען נאוועמבער, האט הערי פאבליקער אנגעבאטען צו באצאהלען אלע קאסטען פאר איבערבויען און אויסשטאטען די געביידע, כדי זי זאל באנוצט ווערען פאר א סקוהל. דאס אלעס האט פאבליקער מנדב געווען אין אנדיינק פון זיין מוטער לאה, עליה השלום.

יאנואר, 1928, איז די זאך באקאנט געווארען אפיציעל, און זונטאג, דעם 5טען פעברואר, איז פארגעקומען דער חנוכת הבית פון דער איבערגעבויעטער סקוהל. חוץ דער סקוהל געפינט זיך אין דער געביידע אויך די ביבליאטעק, די סטאק רום, און ראבאי גרינבערג'ס „סטאדי.” דאס איז מעגליך געווארען דורך דער ברייטהאַרציגקייט פון מארים ל. מילער.

אויך דער לאט לעבען דעם טעמפל איז ניט לאנג געבליבען שטעהן ליידיג. אין דעם זומער פון 1926, ווען די דערבייאיגע קירכע האט געזאלט בויען א נייע געביידע, האט דאל טעמפל אפגעקויפט ביי דער קירכע א הילצערנע געביידע, וואס איז אריבערגעפיהרט געווארען אויף דעם ליידיגען לאט, און די דאזיגע געביידע איז פאר א משך פון 14 יאהר צייט געווען באקאנט אלס דער „אנעקס” פון הר ציון טעמפל.

אין דער געביידע האט מען געדאווענט אינדערוואכען און אויך ימים נוראים האט מען אהין אריינגעבראכט דעם עולם וואס האט ניט געקענט מעהר קריגען קיין פלעצער אין דעם גרויסען טעמפל, וואס איז געווען איבערפילט.

דארטען זיינען אויך געווען 2 קלאס צימערען און א פארזאמלונגס פלאץ פאר די באי סקאוטס און אנדערע קינדער קלובען.

דורך דער צייט וואס הר ציון טעמפל האט געהאלטען זיך אין אויסברייטערען, איז ניט געווען קיין צייט צו טראכטען וועגען די חובות פון א מארטגיידזש אויף איבער 100 טויזענד דאלאר.

אין פריהלינג פון 1930, באלד נאך פסח, האבען די דירעקטארען אויפ־גענומען די פראגע און יענע פארזאמלונג וועט פארבלייבען היסטאריש אין דעם

זכרון פון א גרופע פון צוועלף מענשען. עס איז ביי דעם מיטינג צוגעזאָגט געוואָרען די סומע פון 82 טויזענד דאלאר, און אויך האָט די זעלבע גרופע זיך אונטערגענומען צו שאפען מעהר געלט כדי צו קענען אויסקויפען דעם מאָרטגיידזש. פיליפ פאָבליקער איז געוואָרען טרעזשורער פאַר דעם פאָנד, און די אונטערנעמונג איז געווען אזא ריזיגער דערפאָלג, אז עס איז געשאפען געוואָרען א סומע פון 103,000 דאלאר, און דעם 18טען מאי, 1930, איז געפייערט געוואָרען דער יום טוב, מיט א „וויקטאָרי דינער,‟ ביי וועלכען דער מאָרטגיידזש איז פארברענט געוואָרען. ביי דעם דינער איז אויך געשאפען געוואָרען אן עקסטרא סומע פון צעהן טויזענד דאלאר, אָפצוצאָהלען דעם 2טען מאָרטגיידזש, אויף דער סקוהל געביידע.

די איצטיגע באאמטע און דירעקטאָרען זיינען: הערי קאָהען, פרעזידענט, דייוויד וועבער, וויים-פרעזידענט; ב. ל. דזשייקאָבס און דייוויד וו. אייזמאן, רעקאָרדינג סעקרעטארען: הערי שניידער, פינאַנץ סעקרעטאר; הערי פאָבליקער, טרעזשורער; דזש. אקסעלראד, היימאן באמזע, דזשייקאָב בראָדסקי, מרס. הערי ק. קאָהען, ס. עדעלסטיין, דזש עמענועל, דזשאָרדזש פרידלאנד, מאריס גוירסאָן, דזשאָרדזש קאהן, ה. לעווער, ס. וו. לעוויטים, א. ליכטענסטיין, מ. ל. מילער, וויליאם פאָרטנער, עמענועל ראָזענפעלד, ס. רובינסאָן, מ. רודאָפקער, דזשאָרדזש סאל, דייוויד שולטץ, אדאָלף וואקס, הערי וואולף, סאל זייאן, וויליאם זוקערמאן, דזשאָזעף קאָהען, א. מ. קראסנאָף, מעקס לעווינסאָן, און פיליפ פאָבליקער, מיטגלידער פון דער באָרד.

★

טעמפעל מענ׳ס קלוב

הר ציון טעמפל איז באזונדערס שטאָלץ אויף זיין טעמפל מענ׳ס קלוב, פון וועלכען סעמועל וועקסלער לעוויטעס איז איצט דער פרעזידענט.

די אנדערע באאמטע זיינען: דייוויד גאָלדענבערג, טרעזשורער; י. וואכט וויים פרעזידענט, און מארטין קאָהען, סעקרעטאר.

דער הר ציון מענער קלוב איז באזונדערס זעהר אינטערעסאנט שוין דערפאר, ווייל דער מענ׳ס קלוב האָט עטאבלירט אן אינטערעסאנטע ביבליאטעק וואָס באדינט אן ערך פון 15 הונדערט דערוואקסענע מענער און פרויען, חוץ קינדער.

די ביבליאטעק באדינט די ווינפילדער אידישע באפעלקערונג און באפרידיגט זייערע קולטורעלע פאָדערונגען.

איהר געפינט אין דער ביבליאטעק ניט נאָר ביכער פון אידישען ווערטה, נאָר אויך פון אלגעמיינעם יוניווערסאלען וויסען.

דער טעמפל מענ׳ס קלוב האָט אויך עטאבלירט אן „עדולט עדיוקיישאָן ביוראָ‟ וואָס גיט זיך די מיה צו בילדען אידישע עלטערען ,אזוי, אז זיי זאָלען קענען

זיך בעסער פארשטענדיגען מיט זייערע אייגענע קינדער, וואס זיינען מעהר אמע־ריקאניזירט ווי זייערע עלטערען זיינען.

דער טשערמאן פון דער אפטיילונג איז מר. דזשאזעף גארסאן.

די ביבליאטעק האט אויף איהרע רעקארדס א צאהל פון 250 סטודענטען וואס באנוצען זיך מיט די פריוועליגיעס פון דער ביבליאטעק און פון דער עדולט עדיוקיישאן ביורא.

★

הר ציון סיסטערהוד

זונטאג, דעם 18טען מאי, 1924, האבען אכצען פרויען זיך פארזאמעלט ביי מרס. טשארלס סטאומאן אין הויז, (היינט שוין אויף דער אמת'ער וועלט), און האבען ארגאניזירט די סיסטערהוד. די ערשטע פרעזידענטין איז געווען מרס. דזש. סאלטמאן. די סיסטערהוד האט זיך באלד ארויסגעוויזען פאר א שטארקער זייל פאר'ן טעמפל.

זינט דאן זיינען זעהר פיל זאכען אויפגעטאן געווארען דורך דער סיסטערהוד. דער קרייז פארזאמעלט זיך צוויי מאל א חודש. א גרויסע צאהל יונגע פרויען זיינען אריינגעצויגען געווארען אין דער ארבייט. די ערשטע דריי יאהר איז די סיסטערהוד געווען אונטער דער פיהרערשאפט פון מרס. אירווין סאטינסקי. די איצטיגע פרעזידענטין איז מרס. נייטען דזש. שניידער. די אנדערע באאמטע זיינען: מרס. דייוויד לאנדי, וויס־פרעזידענטין, מרס. פיליפ סיגעל קארעספאנדינג סעקרע־טאר, מרס. מארטאן ווינסטיין, רעקארדינג סעקרעטאר און מרס. נעטשאר, טרעזש.

★

קאנגרעגיישאן בני יהושע, ווינפילד

5343 וועסט בוירקס סטריט. געגרינדעט געווארען 23 טאג אין אדר, תרצ"א, 1931. די גרינדער זיינען געווען אברהם ליבערמאן, ש. גאלדעס, מאקס לאנדוי, ראבאי סיימאן גרינבערג, דזש. לאנדוי, איציק אהרן קראשקאף, חיים גאלדשטיין, לואיס טובין און פנחס קעסלער.

די ערשטע באאמטע זיינען געווען מעקס לאנדוי, פרעזידענט, אברהם לי־בערמאן, וויס פרעזידענט, און די דירעקטארען: איזידאר טובין, נייטען ניומאן, רעוורענד ניסן איגנאטינסקי, און יעקב ענגערט, ז"ל.

די ווינפילדער אידען האבען געשטרעבט צו שאפען אן ארטאדאקסישע שוהל ווי זיי זיינען געוואוינט פון דער היים. בני יהושע פילט אוים די פונקציע אין ווינפילד. הרב דוב אריה הכהן לעווינטהאל האט גענוצט אסך איינפלוס צו שאפען אן ארטאדאקסישע שוהל אין ווינפילד.

אין שוהל ווערט געדאווענט יעדען אינדערפריה צוויי מנינים. מען דאווענט

אויך טעגליך מנחה ומעריב. א גאנצע וואך פיהרט הרב נאוואסעלער אַן מיט לימודים אין חומש, משניות און עין יעקב. יעדען מיטוואך זאגט דער רב א שיעור אין גמרא מיט תוספות.

די באאמטע היינטיגעס יאהר זיינען אברהם ליבערמאן, פרעזידענט; יצחק מייזעל, וויס פרעזידענט; דוד אווערבאך, טרעזשורער; סעמועל קאפלאן, טשערמאן פון דער באַרד; לואיס טובין און מארים קאופמאן, טשערלייטע פאר אונטערנעמונגען, לואיס שרייבער, טשערמאן פון באַרד אָוו עדיוקיישאַן, אלימלך מרדכי שרייבער, סידני סיגעל, הערמאן סיגעל און דייוויד פארם זיינען די באַרד אָוו דירעקטאָרען.

די תלמוד תורה ווערט אויסגעהאַלטען אינגאנצען פריי, און הרב נאוואסעלער פיהרט אויך אַן מיט א קלאַס אין תלמוד פאַר פראָפעסיאָנעלע און סטודענטען.

די בני יהושע קאנגרעגיישאַן איז באצירט מיט 2 פרעכטיגע לוחות, א ביישטייערונג פון דוד און חייקא אווערבאך צום אנדיינק פון מרס. אווערבאך'ס פאָטער, צבי דוד בלובאנד, ז"ל, א געוועזענער גבאי שני אין בני יהושע קאנגרעגיישאַן.

הרב נאוואסעלער האָט ביז איצט מדריך געווען א גרויסע צאָהל תלמידים, וואָס א דאנק זיין השפעה זיינען זיי פארבליבען איבערגעבענע אידען. צווישען זיי געפינען זיך א צאָהל יונגע לאָיערס און געשעפטסלייט.

★

טעמפעל דזשודעא

טעמפעל דזשודעא איז אָרגאניזירט געוואָרען דעם 19טען סעפטעמבער, 1930, און איז געוואָרען באוואוסט אַלס דאָס רעפאָרם טעמפעל פון אוק לעין.

די ערשטע צייט האָט די קאנגרעגיישאַן זיך פארזאמעלט אין 1311 68טע עוועניו. א פאָר חדשים שפעטער האָבען זיי געצויגען אין 6829 אָלד יאָרק ראוד, און דאָרטען איז די קאנגרעגיישאַן פארבליבען עטליכע יאָהר. דער ערשטער ראבאי וואָס האָט געווידמעט זיין גאנצע צייט דעם טעמפעל איז געווען ראבאי גרשון ברענער. נאָך איהם איז געקומען ראבאי סידני י. אונגער.

די באאמטע אין יענער צייט זיינען געווען אַלעקס וואן סטראַטען, פרעזידענט; רעימאָנד בראַנזוויק, וויס פרעזידענט; הערי גודפרענד, סעקרעטאר, און דזשעק לענגסדאָרף, טרעזשורער.

די קאנגרעגיישאַן איז געגרינדעט געוואָרען אויפן פרינציפ פון פרייע מעלער, און איין איינצאָלונג פאַר מיטגלידער וואָס האָט אויך איינגעשלאָסען די בארעכטיגונג אַז קינדער זאָלען באזוכען די רעליגיעזע שולע.

דאָס פלאַץ אויף אָלד יאָרק ראוד האָט אָנגעהויבען ווערען צו קליין, און נאָך אַן ענטוזיאסטישען קעמפיין, אָנגעפיהרט פון רעימאנד בראנזוויק און וויליאם וו. מילער, איז אויפגעבויעט געוואָרען א נייער, פרעכטיגער טעמפעל, אין קאלא־

ניאלען „דעזיין," אין 6929 נ. בראָד סטריט, און דער חנוכת הבית איז פאָר־געקומען דעם 17טען נאָוועמבער, 1939.

די איצטיגע באאמטע זיינען: ארטור לעפקאָ, פרעזידענט; רעימאנד בראנד־וויק, וויס פרעזידענט; א. ס. פויכטוואנגער, טרעזשורער; הערמאן ר. גאָלד־בערג, סעקרעטאר; דזשאָזעף פ. ראזענאו, פינאנץ סעקרעטאר. אנדערע מיטגלידער פון דער באָרד זיינען: דזשוליוס אייבערעמס, מילטאָן בעלבער, סאלא בענק, מאורים ב. פייגען, אייבערעם ר. פינקל, דזשאָזעף נ. גראָסמאן, דזשעק קליין, סעמועל א. קליין, מילטאָן מעלניק, וויליאם וו. מילער, איזאדאר אפענהיימער, מאורים סאל, דזשאָזעף זייטשיק, מארטין שארפ, בענדזשאמין סאבעלמאן, דזשיי־קאָב ספערבער, פרענק סטריק, א. ר. טענענבאום, קלארענס טאלהיימער, טשארלס יוויילדער, און מר. הערמאן זימערמאַן.

אין דזשון, 1940, האָט ראבאי אונגער רעזיגנירט ווען ער איז אָנגעקומען אין דער אמעריקאנער ארמיי אלס טשאפליין, און זיין פלאץ איז פארנומען געוואָ־רען פון ראבאי מאיר לאסקער, וואָס איז פריהער געווען ראבאי אין האוואנא, קיובא, (זעה ביאגראפיע פון ראבאי מאיר לאסקער).

טעמפעל דזשודעא איז אָנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן אָוו אמעריקאן היברו קאנגרעגיישאָנס. די סיסטערהוד ווערט אָנגעפיהרט פון מרס. איזאדאר אפענ־היימער דער מענס קלאָב ווערט געפיהרט פון אייברעהעם פינקל.

משה קאטץ—פופציג יאָהר אידישע פרעסע אין אמעריקא



מיט דעם טויט פון משה קאטץ, דעם ערשטען רעדאקטאר פון די „אידישע וועלט," איז אָפּגעשטאָרבען אַ שטיק געשיכטע פון דער אידישע פּרעסע און זשורנאַליסטיק אין אמעריקע. עס וועט דעריבער ניט זיין איבערטריבען צו זאָגען, אַז מ. קאטץ האָט אין זיך פאַרקערפּערט פופציג יאָהר אידישע פּרעסע אין אמעריקע.

כאָטש עס איז אמת, אַז פאַר דעם לייענער פון אידיש איז ניט נויטיג איצט צו דערצעהלען ווער דער פאַרשטאָרבענער איז געוועז, מחמת ביז נאָך מיט אַ יאָהר צוריק ,ווען די כוחות האָבען איהם אָנגעהויבען פאַרלאָזען, יהאָט דער אַלטער וועטעראַן נאָך אַלץ געשריבען זיין וועכענטליכען „פון שבת צו שבת" ווי אויך א היפּשען טייל פון די עדיטאָריעלס מיט דער זעלבער פּרישקייט ווי אַ יונגערמאַן. איז אָבער איצט כדאי צו וויסען אַז ביז קאטץ איז אָנגעקומען אין דער „אידישע וועלט" מיט אַ פערטעל יאהרהונדערט צוריק, האָט ער שוין געהאט קאלאסאלע פאַרדינסטען פאַר דער אידישער פּרעסע, און האָט שוין אויך געהאַט אַ נאָמען אַלס רעדאקטאָר פון צייטונגען און זשורנאַלען און ער האָט שוין דאַן זיך גערעכענט פאַר איינעם פון די אנגעזעהענסטע שריפטשטעלער פון זיין דור.

אידיש אין אמעריקע האָט שוין א יחוס בריוו. אַ גאַנץ היפּשע פאַרגאַנגענהייט. דער איצטיגער דור ווייסט אפשר ניט וואָס פאַר קרבנות עס האָבען געבראַכט אמאָל אַזעלכע פּיאָנערען, וועטעראנען ווי מ. קאטץ איז געוועזן אין יענער ערשטער תקופה מיט פופציג יאָהר צוריק.

און ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס קאַטץ האָט שוין געשריבען אידיש אין 1888, איז ער ביז גאָר דער לעצטער צייט ניט מיד געוואָרען. אין זיין שרייבען האָט לחלוטין זיך ניט געפיהלט קיין עלטער ווערען. דער גייסט איז געבליבען פריש און יונג. ער איז געגאנגען מיט דעם גייסט פון דער צייט, און צו זיינעם אַן אַרטיקעל האָבען זיך צוגעהערט שרייבער נאָך מעהר ווי לייענער.

מ. קאטץ איז געוועזן פון די ערשטע שוואַלבען וואָס האָבען געבראכט דעם סאָציאַליזם אויף דער אידישער גאַס. ער איז געקומען פון דער רוסישער גרופּע „נאַראָדאָוואָלצעס," וואָס זיינען געגאנגען אין פאָלק, האָבען געפּרעדיגט די אידייע פון „ברויט און פרייהייט," ווי זי איז פאַרשטאַנען געוואָרען פון די סאָציאַלע דיינקער: באקונין, שטירנער, פּרודאן און קראפּאָטקין.

מיט פופציג יאָהר צוריק האָט אַ גרופּע אידישע אידעאַליסטען אָנגעהויבען אַרויסגיבען אין ניו יאָרק דאָס ערשטע סאָציאַליסטישע וואָכענבלאט, „די פאָלקסצייטונג." דער אַרויסגעבער איז געוועזן דר. טשאַרלס ראַיעווסקי. מיט זיי זיינען געוועזן דר. מינץ, אב. קאהאַן און משה קאטץ. כאָטש די צייטונג איז געוועזן אַ סאָציאַל דעמאָקראטישע איז אָבער קאַטץ דאַן געוועזן אַן אַנאַרכיסט. ער האָט געהאַט „אויטאָנאָמיע" אין דער צייטונג, און איז געוועזן דערלויבט אַרויסצוזאָגען

זיינע „אפיקורסישע" געדאנקען. די צייטונג האָט בלויז עקזיסטירט איבער א יאָהר, און באַלד נאָך איהר אונטערגאַנג איז אויפגעקומען די אַנאַרכיסטישע „וואָר־הייט." רעדאקטירט פון א קאָלעגיום: משה קאטץ, ראמאן לואיס, הלל זאלא־טאראוו, דוד עדעלשטאט און דר. י. א. מעריסאָן.

דער קאָלעגיום האָט ניט געקענט אויסקומען צווישען זיך, און די רעדאק־ציע איז איבערגעגאַנגען צו איין פערזאָן, א. יאפע. די צייטונג האָט זיך אינ־גאנצען געמאַטערט זעקס מאנאטען, און האָט זיך צוגעמאכט.

אין 1890 איז געגרינדעט געוואָרען די „ארבייטער צייטונג," אונטער דער רעדאקציע פון פיליפ קראנץ, און מ. קאטץ איז געווען איינער פון איהרע נאָהענט־סטע מיטארבייטער. די ראדיקאלע סאָציאליסטען און צווישען זיי אויך קאטץ, האָבען זיך ניט געפיהלט אין דער היים ביי דער „ארבייטער צייטונג," און זיי האָבען אָנגעהויבען ארויסגיבען די „פרייע ארבייטער שטימע," אונטער דער רעדאקציע פון דוד עלעדשטאט, מיט דער מיטארבייטערשאפט פון מ. קאטץ, זאלאטאראוו, מיכאל קאָהן, און יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי.

די ראדיקאלערע סאָציאליסטען האָבען זיך געפילט נישט גוט אלס שכנים ביי דער „ארבעטער־צייטונג," זיי האָבען געפרואווט צו באַשאַפען אַן אייגענע פרעסע. עס איז דאַן געבוירען געוואָרען די „פרייע אַרבעטער־שטימע" אונטער דער רע־דאקציע פון דוד עדעלשטאַט און יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי. די מיטאַרבע־טער משה קאטץ, הלל זאָלאָטאָראָוו און מיכאל קאָהן. כאָטש דער אַרויסגעבער איז געווען די אַנאַרכיסטישע גרופּע „פּיאָנערן פון דער פרייהייט," האָט מען זיך באַמיט, אַז די צייטונג זאָל זיין אַן אומפּאַרטייאישע.

עס איז אָבער שווער געווען פאַר דעם רעדאקטאר אויפצוהאַלטען אַזאַ אָביעק־טיווקייט צוליב זיין אייגענער אַנאַרכיסטישער אנשויאונג, איז יצחק אייזיק באַלד אַוועק. עדעלשטאַט איז געבליבען ביי דער צייטונג נאָך אַ יאָהר, אָבער ער איז קראַנק געוואָרען און דאקטוירים האָבען איהם געראַטהען, ער זאָל אָפּפאָהרען קיין קאַלאַראַדאָ, וואו דער קלימאַט איז מעהר גינסטיג פאַר איהם, דעם שווינד־זיכטיגען. עדעלשטאַט האָט גענומען פאַרהאַנדלען מיט מ. קאַטץ'ן, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין באָסטאָן, אַז ער זאָל קומען און איהם ראַטעווען, ווייל ער פיהלט, אַז ניו יאָרק וועט איהם פאַרקירצען זיינע יאָהרען.

משה קאטץ האָט נישט געהאַט קיין חשק איבערצונעמען די רעדאַקציע, נאָר ווען עדעלשטאַט האָט איהם דערקלערט, אַז ער שפּילט פּשוט מיטן לעבען, איז קאַטץ געקומען קיין ניו יאָרק און האָט איבערגענומען, אין יאָהר 1891, די „פרייע־אַרבעטער־שטימע."

קאַטץ איז געווען דאַן מעהר אָנהענגער פון אַ ליטעראַרישען זשורנאַל ווי פון אַ וועכענטליכער צייטונג. עס איז דערנאָך פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דער אַנאַרכיסטישער גרופּע. איינינע האָבען באַשלאָסען אָנהאַלטען די צייטונג און די אַנדערע האָבען געראַטהען אַרויסצוגעבען אַ חודש־זשורנאַל. קאַטץ איז אַריבער צו דער גרופּע, וועלכע האָט פאָרגעצויגען אַ זשורנאַל, און ער איז געוואָ־רען דער רעדאַקטאַר פון דער „פרייע געזעלשאַפט," אַ מאָנאַטליכע שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און סאָציאַלער פאָרשונג. מיט־רעדאַקטאַר איז געווען מ. לעאָנטיעוו.

מיט קאטץ'ן זענען מיטגעגאנגען דר. י. א. מעריסאן, מ. לעאנטיעוו, י. באוושאווער, הלל זאלאטאראוו, מיכאל קאהן, באבאד. מארים ראזענפעלד, דר. איסר גינזבורג, יצחק אייזיק הורוויטש, דר. י. מ. גידזשדאנסקי און ב. גארין.

און הגם עס איז פארגעקומען א שפאלטונג צווישען דער אנארכיסטישער גרופע, האט מען זיך צעטיילט אויף א פריינטליכען אופן; עס איז געבליבען א פאנד פון עטליכע הונדערט דאלאר, דער פאנד איז צוטיילט געווארען אזוי, אז ביידע גרופעס זענען געבליבען צופרידען. די גרופע, וועלכע האט געוואלט אנ־האלטען די וועכענטליכע „פרייע ארבעטער־שטימע" האט אראפגעבראכט פון לאנ־דאן ש. יאנאווסקי'ן, וועלכער האט ביז דאן רעדאקטירט אין לאנדאן דעם אר־בעטער־פריינט," ער האט איבערגענומען די „פרייע ארבעטער־שטימע," וואס האט געשפילט א באדייטענדיגע ראלע אין דער געשיכטע און אין דער אנטוויקלונג פון דעם סאציאליזם און אנארכיזם אין אמעריקע.

דערנאך איז געבוירען געווארען „דער פאלקס־אדוואקאט," א וועכענטליכע צייטונג אונטער דער רעדאקציע פון מ. בוקאנסקי (בן פורת). זיין ארויסגעבער איז געוועזען מייקעל מינץ. שפעטער האט דער זעלבער אויך געגרינדעט דעם „טעג־ליכען העראלד." מ. קאטץ איז צוגעצויגען געווארען פאר א נאהענטען מיטאר־בעטער. דארטען האט ער דאס אנגעהויבען צו פארעפענטליכען זיינע עסייען אונטער דעם נאמען בן־אמוץ, א מין לירישע, שפילעוודיקע פראזע, אין וועלכער ער גיט א לויפיגען איבערבליק איבער די פאסירונגען פון דער וואך. די זעלבע רובריק האט ער אנגעהאלטען איבער צוואנציג יאהר, אין דער פילאדעלפיער אידישע וועלט" אונטער נאמען „פון שבת צו שבת."

אין 1898 הויבט זיך אן דאס קאפיטעל „פארווערטס."

עס האט אין יענער צייט עקזיסטירט א אידישע צייטונג „דער אוונבלאט," ארויסגעגעבען פון די ארטאדאקסישע מארקסיסטען, וועלכע האבען נאכגעפאלגט די לערע פון דעם ענגלישען סאציאליסט פראפעסאר דעניעל דע ליאן, אן אמת'ער אידעאליסט, אבער אין דער אייגענער צייט א דעספאט, וועלכער האט נישט טאלערירט קיין ברעקעל אפנויג, און נישט געקאנט איינגיין אויף קיין שום קאמפראמיס.

עס פארמירט זיך אן אפאזיציע קעגען דעם „אוונבלאט" פון פיליפ קראנץ, אב. קאהאן, לואיס מילער, מ. זאמעטקין און מ. קאטץ. דער ערשטער רעדאקטאר ווערט אב. קאהאן, אבער ער פארלאזט זיי. נאך איהם נעמט איבער די רעדאק־ציע לואיס מילער, אבער אויך ער געדויערט נישט לאנג, זייער ארט פארנעמט מ. קאטץ. ער בלייבט רעדאקטאר פון 1899 ביז 1903. ער רוקט ארויס א רייע אידישע דיכטער, וועלכע זענען געווען פרעמד ביז יענער צייט, ווי יהואש, ה. רויזענבלאט. מארים ראזענפעלד, יוסף יפה, א. ליעסין (רעדאקטאר פון „די צוקונפט"), און די בעלעטריסטען לעאן קאברין, וועלכער איז דאן געווען א פילאדעלפיער תושב, און קאטץ דערמוטיגט איהם, ברענגט איהם אראפ קיין ניו יארק; ז. ליבין און א רייע אנדערע אידישע טאלענטען, וועלכע רייסען זיך צו קומען צום אויסדרוק. קאטץ האט דערפיהלט, אז עס הויבט זיך אן צו שאפען א נייע אידישע ליטעראטור אויף דעם אמעריקאנער באדען.

און אַט קומט אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער אידישער גאַס. דער טעריטאָ־ריאַליזם, געשטאַרקט דורך דר. חיים זשיטלאָווסקי׳ן, וועלכער קומט קיין אמע־ריקע אַלס שליח פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, מ. קאַטץ ווערט אַריינגעצויגען אין דער באַוועגונג. און ווען די טעריטאָריאַליסטישע גרופּע אין פילאַדעלפיע באַשליסט אַרויסצוגעבען אַן אייגענעם אָרגאַן „דאָס פאָלק,״ איי־ניגט מען זיך, אַז דער הויפּט־רעדאַקטאָר זאָל זיין מ. קאַטץ, מיט דער מיטהילף פון הלל זאָלאָטאַראָוו און דר. חיים זשיטלאָווסקי.

מ. קאַטץ רייסט דאַן איבער מיט ניו יאָרק און פאָהרט איבער קיין פילאַ־דעלפיא, וואו עס האָט זיך איינגעשטעלט די רעדאַקציע פון „דאָס פאָלק.״

זיינע נאָהענטסטע ליטעראַרישע מיטאַרבעטער ווערען לעאָן עלבע („לייבע דער רויטער״) און ז. קאַטלער, דאָס וואָכענבלאַט לעבט אַן ערך דריי פערטעל יאָהר.

מען האָט צוגעשריבען דעם דורכפאַל פון „דאָס פאָלק״ דעם פאַקט, ווייל עס איז דערשינען אין דער „פאַרשלאָפענער שטאָט״ פילאַדעלפיע, נאָר ווען עס איז דערנאָך געמאַכט געוואָרען אַ פּאַרזוך דאָס זעלבע בלאַט אויפצולעבען אין ניו יאָרק, האָט זיך עס אַרויסגעוויזען פאַר נאָך אַ גרעסערען דורכפאַל.

ענדע 1905 הויבט אָן דערשיינען לואיס מילערס „די וואַרהייט.״

עס גייען אַריין אין דער רעדאַקציע גוט־אנערקענטע נעמען, ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי, קאַטץ, מארים ווינטשעווסקי, יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי הור־וויטש, דר. קאַרל פאַרנבערג, הלל זאָלאָטאַראָוו, יעקב גאָרדין, ה. הערמאַלין. שלום־עליכם הויבט אָן צו שרייבען פון אייראָפּע. „די וואַרהייט״ פאַרכאַפּט די ערשטע צייט דעם מאַרק און עס שיינט, אַז עס וועט זיך קריסטאַליזירען אַ מעהר אידישע קולטורעלע צייטונג, אַ מעהר ליטעראַרישע ווי דער „פאָרווערטס.״ אָבער מיט אַמאָל ברעכט אויס אַ סטרייק אין דער „וואַרהייט.״ קאַטץ אָרגאַניזירט די אידישע שרייבער אין זייער ערשטער טרייד־יוניאָן־קעפּעשאַפּט. דער סטרייק ציהט זיך אַ פּאָר חדשים, און אפילו ווען ער ווערט דערנאָך איבערגעריסען מיט א קאמפּראמיס, איז קאַטץ׳ן די גאַנצע זאַך דערווידער, ער ווערט קאַלט צו דער צייטונג, אין וועלכער ער אַליין האָט אוועקגעלייגט אַזוי פיעל כוח. און ווען אין פילאַדעלפיא אָרגאַניזירט זיך די ערשטע טעגליכע צייטונג, די „אידישע וועלט,״ און מען באַט איהם אָן איבערצונעמען די רעדאַקציע, רייסט ער ווידער איבער מיט ניו יאָרק און קומט צוריק קיין פילאַדעלפיא, וואו ער האָט פריער רעדאַק־טירט „דאָס פאָלק״ און ער ווערט דער שעף פון די „אידישע וועלט.״

ער בלייבט ביי דער דאָזיגער אַרבעט שטעהן פון 1914 ביז 1927, ווען צוליב פּאָליטישע סיבות וואַרפט ער אַרונטער פון זיך דאָס אחריות אלס הויפּט־רעדאַקטאָר און גיט איבער די רעדאַקציע צו א. פרומקין.

אלס רעדאַקטאָר פון די „אידישע וועלט״ האָט קאַטץ באַוויזען, אַז מען קאָן אויף דער פּראָווינץ אַרויסגעבען אַזאַ גוטע צייטונג ווי אין ניו יאָרק. עס האָבען אונטער זיין רעדאַקציע מיטגעאַרבעט א. פרומקין, הלל וויכנין, נ. זווירין, ד. אָבערסאָן, י. מאַלין, ח. גאָטעספעלד, משה נאַדיר, ב. ריווקין, מ. דאַנציס, י. חייקין, מ. קאַרפילאָוו און אַ רייע אַנדערע שרייבער, וועלכע האָבען אָנגעהויבען אנערקענט צו ווערען אַדאַנק מ. קאַטצעס אַרויסברענגען זיי פאַר דער וועלט.

אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָט ער אַרויסגעפיהרט משה מלמד'ן, נ. קראַ־וויץ, וויקטאָר מירסקי, אב. זוסמאן, יוסף רויטבארג און אַ ריִיע אַנדערע שריפט־שטעלער, וועלכע האָבען געוואונען זייער אַנערקענונג אין אמעריקע אַדאַנק מ. קאַטצעס דערמוטיגונג און זיין רייִנעם, קאָלעגיאַלען באַצי צו אידישע שריפט־שטעלער.

ביז היינט צו טאָג, ווען מען טרעט צו צו דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון דער אידישער פּרעסע און ליטעראַטור אין אַמעריקע, מוז מען זיך אָפּשטעלען ביי דער וויכטיגער פּערזענליכקייט מ. קאַטץ, וואָס האָט אָפּגעגעבען פופציג יאָהר לעבען, כדי צו אַנטוויקלען אַ בעסערען געשמאַק ביים אידישען לייענער אַלס רעדאַקטאָר, אַלס מיטאַרבעטער פון צייטשריפטען, זשורנאַלען, וועכענטליכע און טעגליכע צייטונגען.

מ. קאַטץ האָט גרויסע פאַרדינסטען פאַר זיינע מייסטערהאַפטע לעקציעס איבער אידישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור, אַ גרויסע צאָהל פון זיינע דראַמען, באַאַרבעטע און אָריגינעלע, זענען געשפּילט געוואָרען מיט דערפאָלג אין דעם בעסערען אידישען טעאַטער.

משה קאַטץ איז אויך געשטאַנען ביי דעם אידישען שול־וועזען פינף און צוואַנציג יאָהר. ער האָט דערמונטערט די לערער, די שול־טוער. ער איז פאַר־בליבען דער גרויסער טרוימער, דער אינספּיראַטאָר און אָנרעגער פאַר דעם אידי־שען ראַדיקאַלען געדאַנק, ביז זיין לעצטען אָטעם־צוג.

משה קאַטץ האָט מיט זיינע באַלערענדיגע לעקציעס און דורך זיין פען געהאָלפען במשך פון 50 יאָהר באַפעסטיגען די אידישע קולטור אין אמעריקע. ער איז געווען דער פאָרלויפער פון דער אידישער פּרעסע און ליטעראַטור.

★

דער דראפסי קאלעדזש אין פילאדעלפיא

דער דראפסי קאלעדזש איז נאך דעם ירושלים'ער אוניווערזיטעט די איינ־ציגע אוניווערזיטעט אין דער וועלט, וועלכע איז געווידמעט צו העברעאישע און אריענטאלישע שטודיומס.

דאס אלעס האט גוט פארשטאנען דר. סיירוס אדלער, וועלכער האט אין דער אידעע פאראינטערעסירט א באקאנטען פילאדעלפיער לאיער מיטן נאמען משה אהרן דראפסי, נאך וועמען דאס קאלעדזש הייסט. מר. דראפסי האט געזארגט פאר דער פינאנציעלער זייט, און נאר א דאנק אזא טאלענטירטען ארגאניזאטאר און אידעאליסט, ווי עס איז געווען דר. אדלער, איז געלונגען צו ברייננגען דאס דראפסי קאלעדזש צו זיין היינטיגען מצב.

זייט דער גרינדונג אין 1907 איז דר. אדלער געווען דער פרעזידענט פון דעם קאלעדזש ביז צו די לעצטע טעג פון זיין לעבען, אפריל, 1940.


דר. סיירוס אדלער

אלס צווייטער פרעזידענט פון דעם דראפסי קאלעדזש איז אויסגעוויילט געווארען דר. אברהם א. ניומאן, דער גייסטיגער פיהרער פון דער צווייטער עלטסטער אידישער סינאגאגע אין אמעריקא, מקוה ישראל. דר. ניומאן איז אויך געווען פראפעסאר אינ'ם דראפסי קאלעדזש זייט 1913, ווען ער איז, נאכן ענדיגען דעם קאלאמביא אוני־ווערזיטעט און דאס שעכטער סעמינאר, גערופען געווארען פון דר. אדלער איבערצונעהמען דעם פאסטען. אין משך פון די 28 יאהר פון זיין לערנען אין דעם קאלעדזש האט זיך דר. ניומאן זעהר באליבט געמאכט ביי אלע סטו־דענטען און געוואונען א געוואלדיגע פאפולאריטעט.

כמעט 80 פראצענט פון די 500 סטודענטען, וועלכע האבען ביז איצט געלערנט אין דעם קאלעדזש, האבען באזוכט דר. ניומאנס קורסען און עס איז זעלטען צו מערקען, אז סטודענטען זאלען ארויסווייזען אזא אינטערעס און ליבשאפט צו א פראפעסאר ווי די דראפסי סטודענטען ווייזען עס ארויס צו דר. ניומאן. כדי צו אילוסטרירען די באהויפטונג וועט גענוג זיין צו דערמאנען פאלגענדען פאקט: ווען דר. ניומאן איז אויסגעוועהלט געווארען אלס נייער פרעזידענט, האט דער דראפסי קאלעדזש סטודענטען־פארבאנד איינגעארדענט פאר איהם א לאנטש, ביי וועלכען מען האט איהם איבערגעגעבען א דיפלאמא, אויסגעפיהרט ארטיסטיש אויף פארמעט מיט פאלגענדען אינהאלט:

בשורת התמנותך נשיא לדרופסי קולדיז'נתקבלה על ידי הסטודנטים כלם בשמחה ובאמון רב. בדרכך המדעית, באישיותך המקסימה ובמרץ העז רואה צבור התלמידים ערובה נאמנה שזה המוסד היהודי, היחידי במינו בכל ארצות הגולה ירחיב את גבולו וישמש בית נאמן לחכמה ישראל בארצות חברית. בברכה נאמנה ובוקרה עמהוקה. בשם הסתדרות הסטודנטים . . ."

מיט דעם אויסוועהלען פון דר. ניומאן, אלס נייער פרעזידענט הויבט זיך אן א נייע עפאכע פאר דעם קאלעדזש.

דר. ניומאן האָט גוט פאַרשטאַנען אַז אַזאַ אינסטיטוציע, ווי דראָפּסי דאַרף אויך האָבען אפּטיילונגען פאַר אידישע פילאָזאָפיע און העברעאישע ליטעראַטור, און טראָץ דעם, וואָס ער איז נאָך ניט קיין גאַנץ יאָהר פּרעזידענט, האָט ער שוין צוגעצויגען צוויי נייע כחות: פּראָפ. אלתר עלבויגען, דעם באַרימטען דייטש־אידישען וויסענשאַפטלער, וועלכער איז פריער געווען דער לייטער פון די „האָכשולע וויסענשאַפט דעם יודענטום" אין בערלין און אויך דר. ישראל אפרת, וויסענשאַפטלער און העברעאישער דיכטער, וועלכער איז געווען פּראָפעסאָר פאַר אָריענטאַלישע שפּראַכען אויף דער אוניווערזיטעט אין באַפאַלאָ און וועט אויך זיין לייטער פון דער סעמיטישען דעפּאַרטמענט אין „האָנטער־קאַלעדזש" אין נויאָרק.

אַ חוץ דעם זיינען נאָך אין דראָפּסי קאַלעדזש דאָ אַ ביבלישער, רבנישער און געשיכטליכער דעפּאַרטמענט, ווי אויך אַפּטיילונגען פאַר אָריענטאַלישע שפּראַכען און עגיפּטאָלאָגיע.

יעדע אפּטיילונג ווערט אָנגעפיהרט פון באַריהמטע מומחים אויף זייער געביט. אַזוי איז דר. ניומאַן, פּראָפעסאָר פאַר געשיכטע (זיינע צוויי בענדער „געשיכטע פון די אידען אין שפּאַניע" דרוקען זיך יעצט אין די „דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטים"־פרעס, אין פילאַדעלפיא).

דר. שניאור זלמן צייטלין איז פּראָפ. פאַר תלמודיש וויסענשאַפטליכע שטודירען און פאַר געשיכטע פון דער עפּאָכע פון דעם בית שני, וועגען וועלכער דער לעצטער האָט שוין פאַרעפענטליכט אַ פּאָר ביכער און אַ סך וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען אין העברעאיש, ענגליש און פראַנצויזיש.

דר. יוסף ריידער, וועלכער איז ביבליאָטעקער און נייער סעקרעטאַר פון דעם קאַלעדזש, איז פּראָפעסאָר פאַר ביבלישע פילאָלאָגיע. דער לעצטער האָט אויף דעם געביט פאַרעפענטליכט ביכער און אַרטיקלען. פּראָפעסאָר סאָלאָמאָן סקאָס איז אַ באַקאַנטער אַראַביסט און אונטעריכטעט אַראַביש, און פּראָפעסאָר נתניאל רייך, וועלכער איז איינער פון די באַרימטע עגיפּטאָלאָגען און אַרויסגעבער פון די צייטשריפט „בצרים," לערנט זיין פאַך.

די דראָפּסי גראַדואירטע און סטודענטען

מען מוז פאַרשטייען, אַז דראָפּסי איז אַ פּאָסט־גראַדואירונגס־קאַלעדזש, ד. ה., אַז כדי אָנגענומען צו ווערען אַלס סטודענט, מוז מען שוין האָבען אַ „בעטשלאָרס־דיגרי" פון אַנ'אַנדער קאַלעדזש. אַזוי אַרום קען מען ביי אַ דראָפּסי־קאַלעדזש־פאַרלעזונג זעהען אַ זעהר אימפּאָזאַנט בילד. איין סטודענט האָט געלערענט אין ירושלים, דער צווייטער אין רוים, דער דריטער אין בערלין, דער פערטער אין היידעלבערג, דער פינפטער אין ברעסלוי און די איבריגע אין פאַרשידענע אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטען. אַ גרויסער פּראָצענט האָבען געענדיגט דאָס שעכטער סעמינאַר אָדער די ר' יצחק אלחנן ישיבה און קומען אהער כדי זיך צו פאַרפאָלקאָמען אין די אידישע וויסענשאַפטען און סעמיטישע שפּראַכען און צו באַקומען דעם דאָקטאָר־פילאָזאָפיע טיטעל.

כדי צו פאַרשטיין די פריערדיגע באַהויפּטונג, אַז דער דראָפּסי קאַלעדזש האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם אידישען און אפילו אויף דעם

ניט-אידישען קולטור-לעבען, וועט גענוג זיין צו דערמאָנען די אוניווערזיטעטען, קאלעדזשעס און אנדערע הויכע לערן-אינסטיטוציעס, וואו דראפּסי-אבסאלווענטען זיינען יעצט פּראָפעסאָרען און אינסטרוקטארען. אָבער דאָ וועלען מיר לאָזען רעדען דר. ניומאַן אליין (אין זיין רעדע, געהאלטען אינ'ם גרינדערס-טאָג אין 1940).

די מערסטע פון אונזערע פאקולטעט-מיטגלידער אין פילאדעלפיא, זיינען גענענדיגטע פון דעם דראפּסי קאלעדזש. די פּענסילווייניא אוניווערזיטעט האָט אונז צו פאַרדאַנקען איהר פּראָפעסאָר פאַר סעמיטיקס. דאָס גרעטץ קאלעדזש איז כמעט אינגאנצען באזעצט מיט דראפּסי-אפּסאלווענטען. מיר זיינען רעפּרע-זענטירט אינ'ם אידישען-טעאָלאָגישען-סעמינאר מיט צוויי גראדואירטע, אַחוץ דעם קוראטאר פון זיין מוזעאום. דער פּרעזידענט פון דעם ישיבה-קאלעדזש איז אונזער ערשטער גראדואירטער און די אינסטיטוציע האָט אויך גענומען פון אונזער קאלעדזש א פּאָר פון איהרע פּראָפעסאָרען.

„אונזער איבערבליק וועט אונז פיהרען צו דעם העברעאישען קאלעדזש אין באלטימאָר, וועלכער ווערט אָנגעפיהרט און באַזוכט פון אונזער אלומנאַי, צו דער דזשאָן-האפּקינס אוניווערזיטעט, וואו מיר זיינען בכבוד'דיג פּארטראָטען ביי דער פארשונגס-ארבייט אינ'ם סעמיטישען דעפּארטמענט, דער וועסטמינסטער-קאאיר-קאלעדזש אין פּרינסטאָן, צו דער אוניווערזיטעט אין אייאָווא, צו דעם דזשוניאָר קאלעדזש אין סאן פראנציסקאָ, ברוקלין-סיטי-קאלעדזש אין ניו יאָרק און צום סוף צו דער העברעאישער אוניווערזיטעט אויפן הר הצופים; איהר ארכעאָלאָג, און דירעקטאָר פון דעם נייעם מוזעאום, דער דיען פון דעם פארבריי-טערטען דעפּארטמענט פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין תל-אביב, דער פּרעזידענט פון די אגודת הסופרים העברים און נאָך דורך א פּאָר וויסענשאפט-ליכע פיגורען איז פּארטראָטען אונזער ארץ-ישראל'דיגער אפּסאלווענטען-פאר-באנד. מיר האָבען געגעבען דעם סינאגאגען-קאונסיל אין אמעריקא איהר דירעק-טאר פונ'ם סטאטיסטישען ביורא און דער דזשואיש פּאָבליקיישאָן-סאָסייעטי איהר ארויסגעבער."

עס איז ניט נויטיג אויסרעכנען אלע נעמען, וואָס דר. ניומאַן האָט געהאט אין זינען, ס'איז נאָך כדאי צוצוגעבען, אַז די דראפּסי-קאלעדזש פּראָפעסאָרען צייט-לין, ריידער, סקאָס און ספּייער, זיינען אליין גענענדיגטע פון דעם זעלבען קאלעדזש. מיט דעם פּרעזידענט פון דעם ישיבה-קאלעדזש איז געמיינט ר. רעוועל ז"ל, און מיט דעם אַרכעאָלאָג און לייטער פון דעם נייעם מוזעאום איז געמיינט פּראָפ. ליפּא סוקעניק, וועלכער האָט געענדיגט דראפּסי קאלעדזש אין 1926 און מיט דעם ארויסגעבער פון דער „דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי" איז געמיינט דער בעקאנטער היסטאריקער דר. שלמה גרייזעל.

אינ'ם באָרד אָוו גאָווערנאָרס פונ'ם דראפּסי-קאלעדזש גייען אריין אַזעלכע פּערזענליכקייטען ווי לעסינג ראָזענוואלד, הארי פרידענוואלד, ריכטער שטערן, דר. ראָזענבאך, דר. סאָלים-כהן, דר. מארטימער-כהן, ארטור בלאך, דר. לואיס קאפּלאן, האוארד לעווי, סימאן מילער, מארים וואלף, הענרי א. מעט, און אייזיק גערסטלי

דעם דראפּסי קאלעדזש איז אויך צו פאַרדאַנקען דאָס ערשיינען פאַר מעהר ווי 30 יאָהר די איינציגע אידישע וויסענשאפטליכע צייטשריפט אין דער ענגלישער שפּראך אויף דער וועלט, די דזשואיש קוואָטערלי רעוויו." דר. אדלער האָט פאַר א סך יאָהרען רעדאגירט און ארויסגעגעבען די פערטעל יאָהר שריפט און נאָך זיין טויט האָבען די רעדאקציע איבערגענומען דער נייער פּרעזידענט דר. ניומאַן און פּראָפ. ש. ז. צייטלין.

ישיבת משכן ישראל און צענטראלע תלמוד תורה

די ערשטע תלמוד תורה אין פילאדעלפיא, באקאנט אלס די דאון טאון תלמוד תורה, איז געגרינדעט געווארען אין פילאדעלפיא, אין תמוז, שנת תר"נב. דאס איז פונקט מיט פופציג יאהר צוריק. דאס איז מיט צעהן יאהר שפעטער נאך דער גרויסער מאסען איינוואנדערונג. די תלמוד תורה האט זיך געפונען אין 622 ס. 9טע גאס, און דער ערשטער פרעזידענט איז געווען וויליאם זילבערשטיין. הרב לעווינטהאל, וואס איז נאר וואס געהאט אנגעקומען קיין פילאדעלפיא, צו פארנעמען די כסא הרבנות פון זיין שווער, הרב אליעזר קליינבערג, ז"ל, איז געווען צווישען די מייסדים.

דעם 28טען אויגוסט, 1892, איז פארגעקומען דער עפענטליכער פארהער פון די תלמידים, 130 אין צאהל, און ווי די פראטאקאלען דערציילען, זיינען די קינדער עקזאמענירט געווארען פון הרב דר. שבתי מאראיעס, דער רב פון דער פארטוגעזישער געמיינדע פון קאנגרעגיישאן מקות ישראל, הרב דוב אריה הכהן לעווינטהאל, און הרב חיים שרגא בראדסקי, דער רב און מגיד פון דער קשר ישראל שוהל.

די נייע תלמוד תורה האט אבער קיין מקום מנוחה ניט געהאט, און האט געוואנדערט אין 322 ביינברידזש סטריט, דאן אויף דער 6טער און פיין סטריטס, און אינטערעסאנט איז, אז 4 לעהרער אין יענער צייט האבען געקראגען זעקס דאלאר א וואך . . .

דעם 15טען נאוועמבער, 1892, איז אפגעקויפט געווארען פאר דער תלמוד תורה דער ליבערטי האל אין 716 לאמבארד סטריט, פאר 9,500 דאלאר, מיט אן איינצאהלונג פון 500 דאלאר.

די באאמטע פון יענער צייט זיינען געווען לואיס הערצאג, פרעזידענט; מ. קאמאראווסקי, וויס פרעזידענט; א. ב. כהן, טרעזשורער; שטיין, רעקארדינג סעקרעטאר, מארקוס גאלדמאן, פינאנץ סעקרעטאר, און דירעקטארן, מאקס ווארצעל, הזשייקאב בלום, מ. בעקער, צ. ליווי, בורשטיין, לאווין, מאנוס גאלדמאן, פרעס־מאן, לואיס גליקמאן, פיינמאן, קאמאראווסקי, קאניעווסקי, רודינאף, חיים ליפשיטץ, י. סלאנימסקי, מארקוס גאלדמאן, ב. גאלדשטיין, און י. זאקס.

דעם ערשטען יאהר איז דער סדר הלימוד געווען דער אייגענער ווי אין דער אלטער היים, אין יענער צייט. אויב קינדער האבען ניט געטראגען קיין ארבע כנפות האט מען זיי אהיימגעשיקט פון די קלאסען.

דעם צווייטען יאהר איז דער לימוד אויסגעבעסערט געווארען, מען האט אנגעהויבען לערנען מעהר סיסטעמאטיש, און טאקע חומש מיט רש"י, דקדוק און העברעאישע שירים, די באאמטע זיינען דאן געווען גוטמאן קליין, פרעזידענט; ענגלענדער, וויס פרעזידענט; הרב לעווינטהאל און הרב בראדסקי, טראסטיעס: א. ב. כהן, טרעזשורער; ה. שטיין, רעקארדינג סעקרעטאר, און יוסף מיטאצקי, פינאנץ סעקרעטאר.

אין יאנואר, 1893, איז פארגעקומען דער חנוכת הבית. דר. ראדין פון

נויארק איז געלאַרען געווען צו דער שמחה אין וועלכער עס האָבען זיך באַטיי־ליגט אַלע היגע רבנים. אָבער אויך די היים אין ליבערטי האָל איז ניט געווען די פאַסיגע, צו ווייט פאַר די מייסטע קינדער, און די תלמוד תורה איז איבער־געפיהרט געוואָרען אין 2 פּריוואַטע הייזער, 314-316 קעטהרין סטריט.

דער ערשטער פּרינציפּאַל איז געווען דוב אריה פריעדמאַן, אַ פּעדאַגאָג און מנהל אין זיין צייט, מיט אַ נאָמען פון דער אַלטער היים. דאָס איז געווען אונטער דער אדמיניסטראַציעס פון ר. שרגא פייוול ווערנער, (נפטר געוואָרען ראש חדש אב, תר״סו).

פּריעדמאַן האָט געשאַפען אַ גרויסע צאָהל פּעדאַגאָגישע ביכער, אויף העברע־איש און אויך אין ענגליש. ער איז געשטאָרבען אַ זקן פון 80 יאָהר.

אין 1909 איז איבערהעם עלים דערוויילט געוואָרען פּרעזידענט, און עלים האָט גלייך זיך גענומען דורכפיהרען מאָדערנע פּלענער. ער האָט פּאַראינטע־רעסירט די יוגנט, אין ארויסהעלפען אין דער דערציאונגס ארבייט. עס איז דער־נאָך באַשלאָסען געוואָרען אָפּצוקויפען די צוויי שכנות׳דיגע הייזער, 318-320 קעטהרין סטריט, און אויפן אָרט פון אַלע הייזער אויסבויען איין גרויסע מאָדערנע תלמוד תורה געביידע. דעם 20טען אָקטאָבער, 1911, איז פאָרגעקומען דער חנוכת הבית פון דער נייער צענטראַל תלמוד תורה, און ריכטער סולצבערגער, דר. סייִרוס אדלער, מעיאָר דזשאָהן רעיבורן, הרב לעווינטהאַל און אַ צאָהל אַנדערע פּערזענליכקייטען האָבען זיך באַטייליגט אין דער צערעמאָניע פון חנוכת הבית.

די עדוקיישאָנאַל קאָמיטע איז באַשטאַנען פון דר. סייִרוס אדלער, הרב לעווינטהאַל, דר. ב. ל. גאָרדאָן, י. שייפער, דזש. ב. סידקאָף, דזשאָזעף גראָס, יעקב ראָזענבלום, וואָלף קלעבאַנסקי, דוד ב. טירקעל, און אייב עלים.

מיט דער אנטשטעהונג פון דער פעדעראַציע אין 1915, ווען די מייסטע צדקה טעטיגקייטען זיינען קאָאָרדינירט געוואָרען אין דער פעדערייששאָן, דורך דער איניציאַטיווע פון דעם דאַמאָלסדיגען דירעקטאָר, דזשייקאָב ביליקאָפף, זיינען אויך פאַראייניגט געוואָרען אַלע אידישע דערציאונגס אנשטאַלטען, אין די אַסאָ־שיאייט תלמוד תורות. ביז 1922 האָט דער פּלאַן געאַרבייט. שפּעטער איז די ישיבה און צענטראַל תלמוד תורות געבליבען אַ באַזונדערע אינסטיטוציע. לעצטען יאָהר, ווען פאַרשידענע אנשטאַלטען זיינען אָנגעשלאָסען געוואָרען אין דעם עלאַיד דזשואיש אַפּיל, איז אויך די ישיבה און צענטראַלע תלמוד תורה אָנגעשלאָסען געוואָרען.

ישיבה משכן ישראל איז אַ רעזולטאַט פון דער גרינדונג פון דער אגודת הרבנים אין אַמעריקא און קאַנאַדע. גלייך ביי איהר גרינדונג אין 1902, האָט די אגודת הרבנים אנגענומען אַ באַשלוס, אַז יעדע וויכטיגע קהלה אין לאַנד איז מחויב צו גרינדען אַ ישיבה פאַר קינדער וואָס האָבען פאַרענדיגט אַ קורס אין אַ תלמוד תורה.

איידער די ישיבה איז געעפענט געוואָרען האָט הרב לעווינטהאַל אָנגעפיהרט מיט אַ קלאַס פון פערציג תלמידים, דאָס איז געווען אַ מין הויכשול. פון דעם דאָזיגען קלאַס איז ארויסגעוואַקסען די ישיבה משכן ישראל.

ברוך אנאפאלסקי און הרב זלמן קאראפקין זיינען געווען די ערשטע מנהלים, פון דער צענטראל תלמוד תורה. נאך אנאפאלסקין האט פארנומען זיין ארט הרב משה שאפירא, פון אטלאנטיק סיטי, וואו ער זיצט על כסא הרבנות.

דעם 16טען סעפטעמבער, 1924, איז פארגעקומען די פאראייניגונג פון דער ישיבה מיט דער צענטראל תלמוד תורה.

אין דער ישיבה האבען געלערנט ארום 120 קינדער, פאסט גרעדואייטס און עס איז געעפענט געווארען די ישיבה אין 922 ס. 4טע סטריט, (איצט אטיק מאליוועך שוהל), שפעטער האט די ישיבה געצויגען אין 526 וואהרטאן סטריט.

אמת אויסגעוואקסען איז ישיבת משכן ישראל זינט הרב מנחם מרדכי פרענקל איז געווארען דער ראש הישיבה.

אסך תלמידים פון ישיבת משכן ישראל האבען שפעטער אויך זיך איבער־געצויגען קיין נויארק און זיי האבען פארטגעזעצט אין העכערע לימודים אין דער ישיבת רב יצחק אלחנן.

הרב פרענקל איז א געבוירענער אין ירושלים, און שטאמט פון דער פרא־מינענטער פרענקל־תאומים פאמיליע, ער איז א תלמיד פון דעם גאון, ר' יעקב אורענשטיין, און א מענש מיט אויסערגעוויינטליכע פעאיגקייטען.

ער באזיצט מאדערנע שפראכען, און אריענטאלע לשונות, און אויך א העכערע בילדונג אין א געוויסער מאס.

הרב פרענקל איבט אוים א גרויסען איינפלוס אויף די לעהרער ווי אויף די תלמידים. ער לערנט אליין מיט דעם העכסטען קלאס, און אלע באציהען זיך צו איהם מיט דעם גרעסטען דרך ארץ.

★

ישיבה אהל משה ותלמוד תורה דסטראבערי מענשאן

מיט 17 יאהר צוריק האבען א געוויסע צאהל וויכטיגע פערזאנען זיך פארזאמעלט און געלייגט דעם גרונטשטיין פאר דער ישיבה אהל משה ותלמוד תורה דסטראבערי מענשאן. די גרינדער זיינען געווען רעוו. אליעזר שעלאוו, מר. אפרקוס, מר. יהודה מילגרום, מר. קאטלער אליעזר, שלום לעווין, ע"ה, יעקב דיין, ע"ה, מר. גארפינקעל, ע"ה, מר. אלטשולער, ע"ה, מר. ליפשיטץ, ע"ה, שלמה לאוו, ע"ה, און חיים משה מאנדרעס. די פרויען וואס האבען געארבעט באמונה ביי דער גרינדונג פון דער ישיבה און תלמוד תורה זיינען געווען מרס. שאליז, מרס. דיין, ע"ה, מרס. עפשטיין, מרס. מומבלאט, מרס. לאוו, מרס. גארפינקעל, מרס. שעלאוו, מרס. מארעס, מרס. קאטלער, מרס. פעלדמאן.

עס האט גענומען א קורצע צייט און נאך חשוב'ע בעלי בתים האבען אנגעפאנגען צו נעמען א אנטייל אין די ארבעט פון דער אנטוויקלונג פון דיזען מוסד התורה, און אויך פילע אנדערע פרויען וואס ביי זיי איז ליב און טייער א תורה אינסטיטושאן. אין אנהייב איז איהר מנהל געווען הרב בערמאן.

כמעט 15 יאָהר ווי הרב שלום צבי שניידערמאַן האָט איבערגענומען די לייטונג פון דער ישיבה, און אין משך פון דער צייט איז אַלעס געטאָן געוואָרען וואָס עס איז נור געווען אין כוח פון די מנהלי הישיבה אַז די ישיבה און די תלמוד תורה זאָלען ווערען די אמת'ע ערציאונגס אנשטאלטען פאַר תורה און חכמה אין אונזער שטאָט און עס מוז צוגוגעבען ווערען אַז דאָס איז זיי אין אַ גרויסער מאָס געלונגען, מען קען היינט ניטריידען פון אידישען חנוך אין פילאדעלפיא און ניט דערמאָנען די גרויסע לייסטונגען פון דיזער ישיבה לטובת דער ערציאונג פון אַ גרויסען צאָהל פון אונזער יוגענד, תלמידים ותלמידות, וועלכע פאַרנעמען היינט אַ וויכטיגען פּלאַץ אין אידישען געזעלשאפטליכען לעבען אין פילאדעלפיא, רבנים, לאָיערס, דאָקטוירים און משכילים האַלטען פאַר אַ כבוד צו דערמאָנען אַז זיי זיינען געווען תלמידים פון דער ישיבה אהל משה, אסך פון זיי דריקען אויס זייער דאַנקבאַרקייט דורך דעם אָפּטען באַזוך אין דער ישיבה. און אויך דורך זייער אונטערשטיצען זי מאראליש און עקאָנאָמיש. פון אַלע געגענדען פון שטאָט קומען תלמידים ותלמידות צו לערנען אין דיזען מוסד התורה. עס ווערט געלערענט תנ"ך, העברייאיש, היסטאָריע, אידיש, א. ד. ג. די ישיבה און די תלמוד תורה האָט אַלעמאָל דערפאַר געזאָרגט אַז די לערער און ראשי הישיבה זאָלען זיין פון די בעוואוסטע מחנכים און זיי האָבען אימער זייער ציעל דערגרייכט. אַ באַשטימטע צאָהל תלמידים זיינען געשיקט געוואָרען קיין נויאָרק פאָרזעצען זייערע לימודים אין די גרעסערע ישיבות פון לאַנד.

חוץ דעם איז אין דער ישיבה דאַ יעדען שבת אַ מנין וואו תלמידים אליין דאַווענען פאַר דעם עמוד. עס ווערט יעדען שבת איינגעאָרדענט אַ שלש סעודת פאַר אויסער שטייענדע און אויך געוויסע שעורים פאַר די וואָס ווילען קומען לערנען און באַקענען זיך מעהר מיט אונזער תורה און מיט אונזער הייליגען קולטור.

אין דער לייטונג פון דער ישיבה און דער תלמוד תורה זיינען, הרב דוב אריה לעווינטהאַל, עהרען פרעזידענט; ניסן הלוי פייגין, פרעזידענט; משה האַל־פּערין און מענועל סאַוויט, וויים פרעזידענטען; מרס. פייגין און מר. האַלפּערין, טרעזשורערס; אליעזר שעלאוו, נשיא פון ועד החינוך; שמואל גאָלדשטיין, עהרען וויים פרעזידענט; הרב שלום צבי שניידערמאַן, רב ור"מ, די באָרד אָוו דירעקטאָ־רען זיינען: מיכאל פעדער, שמואל רובינסאָן, מרדכי סאַטינסקי, יצחק מזל, אפרים שייגין, אליעזר קאָטלער, מר. טריטמאַן, מר. ספּאַנגין מר. לעווין און מר. סעמועלס.

אין „מענס ליג אָוו די ישיבה" איז, מר. בראָד יצחק, פרעזידענט; מר. הערי פאַרבער, מר. ייארעס און מר. גיטעלמאַכער, וויים פרעזידענטען; מר. דראַש־נער און מר. ספּאַנגין, סעקרעטאַרען. פון דעם דאַזיגען פאַראיין זיינען מרס. סאַטינסקי, עהרען פּרעזידענטין; מרס. דזשעני פייגין, פרעזידענטין; מרס. האַל־פּערין און מרס. שילדהאָרען, וויים פרעזידענטינס; מרס. שאַלץ, טרעזשורין; מרס. קאַטצין, סעקרעטאַר, פון עלטערען פאַרבאַנד, מרס. ייאַעס, עהרען פרעזידענטין; מרס. טריטמאַן, פרעזידענטין; מרס. ספּאַנגין און מרס. קעסטער, וויים פרעזידענ־טינס; מרס. פאַרבער, טרעזשורין; מרס. קליין, פרעזידענטין פון שמחה פאָנד, און מרס. גאָלדשטיין, סעקרעטאַרין.

עס מוז באַזונדערס דערמאָנט ווערען דער נאָמען פון אונזער בעליבטען הרב הכולל דוב אריה הדהן לעווינטהאַל, וועלכער האָט מיט זיין גאַנצער ענער־

גיע געהאָלפען און מיטגעווירקט צו דער אנטוויקלונג פון דיזען תורה אינסטי־טושאָן. אין שווערע עקאָנאָמישע מאָמענטען פאַר דער ישיבה איז ער געקומען מיט זיין שטאַרקען רוף פאַר גיבע הילף און זיין שטימע איז אימער דערהערט געוואָרען און די ישיבה איז גערעטעט געוואָרען. אויך מוז באזונדער אויסגע־דריקט ווערען די דאנקבארקייט צו דעם באוואוסטען כלל טוער און משכיל מר. דזשייקאָב גינצבורג וואָס ער האָט אויך דורכגעפיהרט ערפאָלגרייכע אקציעס לטובת דער ישיבה.

ווען די ישיבה האָט זיך געגרינדעט איז זי געווען אין דער 31טע און בוירקס און איצט געפינט זי זיך אין אן אייגענער הויז אין דער 30טער און בוירקס סטריט. די ישיבה זאָל האָבען אַ אייגענעם בילדינג האָט פיל מיטגע־האָלפען מר. און מרס. משה האַלפערין.

★

פעדריישאָן אָוו דזשואיש טשאַריטיס

די פעדריישאָן איז די „מאַמע" פון אַלע אידישע צדקה געזעלשאַפטען אין פילאדעלפיא, און מען קען בכלל ניט אָנהויבען דערציילען די געשיכטע פון וואהל־טעטיגער אַרבייט אין פילאַדעלפיא, איידער מען קומט צו דער געשיכטע פון דער פעדריישאָן.

פונקט ווי אונזער אידישע ביבעל הויבט זיך אָן מיט אַ געשיכטע.

—בראשית, אין אָנהויב איז אַלץ געווען—תהו ובוהו," וויסט און פינסטער," אַזוי וואָלט מען געקענט אָנהויבען די געשיכטע פון אידישער געזעלשאַפטליכקייט אין פילאַדעלפיא מיט דעם זעלבען נוסח.

אין אָנהויב זיינען געקומען אַהער אין פילאדעלפיא, אידישע אימיגראַנטען, עלענטע, דערשלאָגענע, הילפלאָזע, קיינער האָט זיי ניט אויסגעשטרעקט קיין האַר־ציגע, היימליכע, וואַרימע האַנט, און זיי האָבען זיך געפּלאָגט, פּרעמדע, אָהן אַ היים, אָהן אַ דאַך איבערן קאָפּ,, און אָהן אַ קרוב און אַ גואל, וואָס זאָל זיך אָננעמען זייערע קריוודע.

אָבער דאָס אַלץ האָט פּאַסירט אין דעם סוף פון דעם לעצטען יאָהרהונדערט. מיט פערציג יאָהר צוריק. אַרום 1902, איז אָרגאַניזירט געוואָרען די פעדע־ריישאָן אָוו דזשואיש טשאַריטיס, און זי האָט זיך געשטעלט פאַר איהר אויפ־גאַבע צו פאַרמיידען אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט, און צו ברייגנען דירעקטע נוצען דער געזעלשאַפט, אַזוי אַז וואָס מעהר מענשען זאָלען געהאָלפען ווערען און דאָס זאָל קאָסטען וואָס ווינציגער איבעריגע הוצאות.

די פעדריישאָן איז היינט צו טאָג איינע פון די אנשטאַלטען פון די יונייטעד טשאַריטיס וואָס האַלט אויס 126 אגענטורען און וואָס זאַמעלט איין סומען געלט אויסצוהאַלטען די אַלע וואוילטעטיגע אנשטאַלטען, אידישע און ניט־אידישע.

דער יונייטעד טשאַריטיס קעמפּיין איז אָרגאַניזירט געוואָרען מיט פיער יאָהר צוריק, און זיין הויפּט אויפגאַבע איז צו „שאַפען פינאַנציעלע שטיצע פאַר דעם

„קאמיוניטי פאנד" פון פילאדעלפיא און אומגעגענט, אויפצוהאלטען די 126 אגענטורען, און ניט ארויסווארפען קיין איבעריגע געלט, אויף אומזיסטיגע הוצאות.

דורך א צאהל פון אנגעשלאסענע אגענטורען קאאפערירט די פעדערייש‌אן מיט דעם עלאיד דזשואיש אפיל, וואס באזארגט די באלדיגע נויטען און בעדערפ־נישען צו באזארגען די פליכטלינגע אין פילאדעלפיא.

אחוץ וואס די פעדערייש‌אן באזארגט דעם בודזשעט פון אלע אגענטורען וואס זיינען מיט איהר אפיליאירט, זעהט די פעדערייש‌אן צו קאאפערירען מיט דעם עלאיד דזשואיש אפיל· ווען עס איז נויטיג אריינצונעמען אנדערע אגענטורען און זיי אנשליסען אין דעם עלאיד דזשואיש אפיל. דאס אלעס איז געטאן געווארען כדי צו באגעגענען א לאגע, וואס איז ביז איצט ניט געווען אין דער מאכט פון די עקזיסטירענדע אגענטורען.

די אגענטורען וואס קומען אריין אונטער דער יורידיקציע פון דער פעדע־רייש‌אן קענען קלאסיפיצירט ווערען אין פינף הויפט גרופען, ווי פאלגט:

1. מעדיצינישע: קאמיוניטי העלטה צענטער, דזשואיש האספיטאל, מאונט סיני האספיטאל, איגלוויל סאניטאריום, ווילאו קרעסט היים פאר קאנוועלעסענט, דזשואיש סיעסייד האום, און דזשואיש שעלטערינג האום, (דער מושב זקנים, אין 315 ס. 3טע סטריט).

2. עדיוקיישאנאל: אין דער גרופע זיינען פאראן פיער אגענטורען: אסא־שיאייט תלמוד תורות· היברו סאנדעי סקוהל סאסייעטי, היברו עדיוקיישאנאל סאסיטי, און דער גרעטץ קאלעדזש.

3. פאמיליען אגענטורען: עס זיינען פאראנען דריי אגענטורען אין דער גרופע: היברו בענעוואלענט סאסייעטי פאר פרויען, א סאסייעטי, וואס באזארגט יתומים, און די „דזשואיש וועלפעיר סאסיטי."

4. געזעלשאפט וואס פאסט אויף אויף קינדער. די געזעלשאפט איז ארגא־ניזירט געווארען אין 1940, צו פארנעמען דעם פלאץ פון דער פאסטער האום פאר אידישע יתומים, די האמוואוד סקוהל, און די דזשואווינאיל עיד סאסייטי. חוץ דעם באזארגט די פעדערייש‌אן די סטראבערי מענשאן דעי נוירסערי, און די דאון טאון היברו דעי נוירסערי.

5. רעקריאייש‌אן: אין דער גרופע זיינען פאראנען 3 אגענטורען. ביג ברא־דערס אסאסיאייש‌אן, היברו עדיוקייש‌אן סאסיטי, נייבארהוד צענטער, יאנג מענס און יאנג ווימענס היברו אסאסיאייש‌אן.

קאונסילס: כדי אויסצופיהרען די פונקציאנערע פלענער, זיינען ארגאניזירט געווארען קאונסילס וואס שליסען איין אין זיך א קאונסיל אויפצופאסען אויף קינדער · א קאונסיל וועגען אידישער דערציאונג, א קאונסיל וועגען רעאביליטירען אידישע פאמיליעס, און די קאונסילס שליסען אין זיך איין פעדערייש‌אן אגענטו־רען אזוי גוט ווי אנדערע.

★

דזשואיש יוטה קאמיוניטי

די דזשואיש יוטה קאמיוניטי גיט זיך אָפּ מיט אַזעלכע וויכטיגע לעבענס פּראבלעמען ווי די פארטיידיגונג פון דעמאָקראטישע פּרינציפּען, קאנקרעטע פּאר־זוכען צו ענטפּערען אויף די נויטען פון דער אידישער יוגענט בנוגע פּאראוויילונג, פאַרברייננגען די פרייע צייט, אויך וועגען געפינען פאר זיך באַשעפטיגונג, אַ פאַך, און רעליגיעזע בילדונג.

די אידישע יוגענט קאאפּערירט אויך בנוגע שאפען פאָנדען פאר דעם עלאַיד דזשואיש אַפּיל, יונייטעד טשאַריטיס דראַיוו, און האָט אויך אַ פאַרברייטערטען פּראגראם בנוגע „סאָשעל סוירוויס”.

★

„דזשוניאר פעדערייש‍אָן”

אנערקענענדיג אַז קיינער איז ניט צו יונג אָנצוהויבען צו געבען צדקה, און אַז עס איז קיינמאָל ניט צו פריה צו מאַכען זיך אַזא רגילת, איז אין 1941 עטאבלירט געוואָרען די „דזשוניאר פעדערייש‍אָן,” וואָס קאאפּערירט געוויסער־מאסען מיט די שוהלען, קאנגרעגיישאָן און טעמפּעל סקוהלס.

די דזשוניאר פעדערייש‍אָן שליסט איין אין זיך קינדער ביז פערצעהן יאָהר אַלט, וועלכע מאַכען אַביישטייערונג פון איין דאלאר יעדען יאָהר, אָדער צוויי סענט אַ וואָך. די ביישטייערונג געהט צו דער דזשוניאר פעדערייש‍אָן אָוו דזשו־איש טשאַריטיס. די דזשוניאר פעדערייש‍אָן שטרעבט אריינצונעמען יעדעס אידיש קינד אין פילאַדעלפיא אין איהרע רייהען. עלטערען ווערען דערמוטיגט צו פאַרשרייבען זייערע קינדער אַלס מיטגלידער גלייך ביי דעם געבורט. אַזוי שנעל ווי די קינדער וואַקסען אונטער ווערען זיי איינגעלאַדען צו קומען צו די זיצונגען און נעמען אַן אַנטייל. די פּראָגראַמען באַשטייען פון דערציערישע „פּיטשורס” און איינמאָל אַ יאָהר אַ גרויסאַרטיגע אַלגעמיינע אונטערנעמונג.

די אַרבייט פון דער דזשוניאר פעדערייש‍אָן ווערט אָנגעפיהרט דורך אַן עקזעקוטיוו קאונסיל וואָס באַשטייט פון קינדער וואָס זיינען שוין געוואָרען בר מצוה. די עקזעקוטיווע איז צוזאַמענגעשטעלט פון קינדער פון פאַרשיידענע שוהלען און טעמפּלען. דער דאָזיגער קאונסיל ארבייט אונטער דער פיהרער־שאַפט און באַראַטונג פון אַ באָרד וואָס שליסט איין זיך איין מיטגלידער פון דער באָרד אָוו דזשואיש מיניסטערס, מיטגלידער פון דער פעדערייש‍אָן אָוו דזשואיש טשאַריטיס און יונגע מענער און פרויען וואָס זיינען אין דער פאַר־גאַנגענהייט געווען אַקטיוו אין דער דזשוניאר פעדערייש‍אָן. די באַאמטע פון דער פעדערייש‍אָן זיינען: עהרען פּרעזידענטען: לואיס וואולף, דזשאַסטיס האַרעיס סטוירן, דזשאַסטין פּ. אלמאַן, לעסינג דזש. ראָזענוואַלד, און לעא ה. האַי־מערדינגער, מאַרים וואולף, פּרעזידענט; סעמועל ס. פעלז, וויים פּרעזידענט; דזשיי־

קאָב ס. גוטמאַן, וויים פּרעזידענט; האוארד א. וואולף, טרעזשורער; קורט פּאַיזער, עקזעקוטיוו דירעקטאָר; מאוריס י. סטוירן, עקזעקוטיוו סעקרעטאר.

די דירעקטאָרען באַשטייען פון דזשאסטין פּ. אלמאן, דזשייקאָב ביליקאָף, פרענק דזש. בינסוואנגער, ארטור בלאך, לואיס בלאך, דזשייקאָב ה. בראדסקי, לארענס בראנזוויק, א. מ. בוירד, דזשאָזעף דאראף, סעמועל פעלז, ראבאי וויליאם ה. פיינשרייבער, ארטור א. פליישער, לייאָנעל פריעדמאן, בערנארד פרענקל, אייזיק גוירסטלי, עליס א. גימבעל, דזשאָזעף דזש. גרינבערג, אלבערט מ. גרינפילד, דזש. ס. גוטמאַן, דזשאָזעף ה. העגעדאָן, לעסטער האנא, לעא ה. היימערדינגער, דזשאָזעף הערבאק, סילווען ה. הוירש, דזשאָדזש טשארלס קליין, ראבאי מעקס ד. קליין, דזשאָרדזש מ. קאָהן, מרס. איזידאָר קאָהן, איזידאָר קאָהן, דזשאָזעף קאָהן, דזשאָדזש דזשאָזעף ל. קון, מרס. אפרים לעדערער, דזשאָדזש לואיס ע. לעווינ־טהאל, דר. לעאן ליווי, מאיר ליכטענסטיין, אלבערט ה. ליבערמאן, טשארלס ליפּשיטץ, דזשייקאָב ד. ליט, מרס. ארטור לאעב, אהווארד א. לאעב, העגרי ס. לאכהיים, דזשעראם ה. לאכהיים, פרעדריק ר. מאן, קלינטאָן מייער, לעאן מוירץ, קלארענס ל. מייערס, סיימאָן ס. ניומאן, הערי נוסבאום, סעמועל פּאלעי, עמאנועל ראָזענפעלד, לעסינג דזש. ראָזענוואלד, מרס. דזשעראם ראטשילד, הערי סעקס, דזשאָרדזש דזש. שאָר, מרס. סאל סיליג, ד. העיז סאלים־קאָהען, לעאן י. סטיין, הערי דזש. סטוירן, דזשאָסטים הארעים סטוירן, מאוריס י. סטוירן, הערי דזש. כּאנדהיים, לעאן ס. סאנסטיין, טשארלס וויינסטיין, מרס. דזשאָזעף וויינסטיין, האוארד א. וואולף, לואיס וואולף, מאריס וואולף, ראבאי לואיס וואולסי און מאריס ל. ווארצעל.

★

עלאיד דזשואיש אפּיעל

דער עלאיד דזשואיש אַפּיל איז די אַנערקענטע אַגענטור פון פילאַדעלפיער אידענטום. די אַגענטור וואָס זאַמעלט און פאַרטיילט די פאָנדען פאַר די וויכ־טיגסטע אנשטאלטען וואָס זיינען ניט אַנגעשלאָסען אין דער פעדעריישאָן אָוו דזשואיש טשאַריטים.

דער עלאיד דזשואיש אַפּיל איז צו שטאַנד געקומען דורך דער איניציאַטיווע פון מר. קורט פּאַיזער אין 1938, ווען ער איז אָנגעקומען קיין פילאַדעלפיא און ער האָט פארנומען דעם אַמט אַלס עקזעקוטיווער דירעקטאָר פון דער פעדעריישאָן אָוו דזשואיש טשאַריטים.

דער עלאיד דזשואיש אַפּיל איז דער סימבאָל פון אַ פאַראייניגטער קאמיוניטי וועלכע שטרעבט אויסצומיידען דופּליקירענדע ארבייט און באַזונדערע קעמפּיינס און וואָס פיהרט דערצו אַז אַלע כוחות זאָלען קאָארדינירט ווערען און ברייננגען גרעסערע נוצען דער אידישער פילאַדעלפיא און אויך כדי צו שאַפען מעהר מיט־לען און צו קענען דורכפיהרען אויף אַ בעסערען אופן יעדע נויטיגע ארבייט, לאָקאַל, נאַציאָנאַל און אויף יענער זייט ים.

אין 1937 זיינען אין דעם עלאיד דזשואיש אַפּיל געווען אָנגעשלאָסען עלף אַגענטורען. היינטיגעס יאָהר זיינען פאַראַנען 33 אַגענטורען וואָס שטעלען מיט

זיך פאַר אַלע ריכטונגען פון אידישען לעבען. אין 1937 איז די צאָהל ביי־שטייערער באַשטאַנען פון אַכט טויזענד, און היינט צו טאָג גרייכט דאָס צעטעל ביז פינף און פערעציג טויזענדביישטייערער.

אַגענטורען ווערען אַנגעשלאָסען אין עלאַיד דזשואיש אַפּיל, נאכדעם ווי די „קאָמיטע אָוו אַלאָקיישאָן” רעקאָמענדירט דאָס און די באָרד אָוו דירעקטאָרס הייסען גוט די רעקאָמענדאַציע.

אויף דער באָרד פון דעם עלאַיד דזשואיש אַפּיל געפינען זיך מענער און פרויען וועלכע פאַרטרעטען אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען אין אידישען לעבען אין פילאַדעלפיא.

די געלדער פון דעם עלאַיד דזשואיש אַפּיל ווערען געשאַפען יעהרליך פון א קאמפיין קאָמיטע וואָס ווערט באַשטימט דורכן פּרעזידענט.

מר. בערנארד ל. פרענקעל און מר. פרענק דזש. בינצוואנגער זיינען געווען די טשערלייט פאַר 1941. מרס. מאקס ל. מארגאלים איז געווען טשערמאַן פון דער פרויען דיוויזיע און מרס. אסקאר דזש. בענדער איז געווען די טשערליידי פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע.

מארים ספעקטאָר און לואיס גוירסטלי זיינען די טשערלייט פון דער „ספּע־שעל גיפטס” קאָמיטע. דר. ראלף גאָלדסמיטה און סעמועל דאראף זיינען געווען די קאָ־טשערלייט פון דעם טרעיד קאונסיל. דזשאָדזש דזשאָזעף ל. קון איז טשער־מאַן איבער די רעדנער, און פרענק דזש. האַן, דזשוניאר, איז דער טשערמאַן פון דער יוגענט דיוויזיע.

לעצטען יאָהר איז באַשטימט געוואָרען אַ קוואָטא פון 1,125,000 דאלאר.

די באאמטע פאַר 1941 זיינען געווען מארים וואולף, עהרען פּרעזידענט; לעאָן ס. סאָנסטיין, פּרעזידענט; אַלבערט ה. ליבערמאַן, וויים פּרעזידענט; דזשאָזעף קאָהן, וויים פּרעזידענט; ארטור א. פליישער, טרעזשורער; דייוויד וועבער, אסיס־טענט טרעזשורער; וויליאם א. סילק, סעקרעטאר; קורט פּאַיזער, עקזעקוטיוו דירעק־טאָר; דייוויד גאָלטער, עקזעקוטיוו סעקרעטאר.

די דירעקטאָרען פון דעם עלאַיד דזשואיש אַפּיל זיינען דר. מאָזעס בעהרענד, מרס. אסקאר דזש. בענדער, הערי בערגער, ראבערט מ. בערנשטיין, פרענק דזש. בינצוואנגער, דייוויד בראגינסקי, סעמועל דאראף, סעמועל ל. איינהאָרן, דייוויד וו. אייזמאַן, הענרי דזש. עטלסאָן, פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן, ארטור א. פליישער, בערנארד ל. פרענקל, ראבאַי סיימאָן גרינבערג, דזשייקאָב ס. גוטאמן, לעאָ ה. היימערדינגער, ראבאַי מאקס ד. קליין, דזשאָזעף קאָהן, סעמועל י. קראצאק, דזשאָדזש דזשאָזעף ל. קון, מרס. דזשייקאָב לאָעב־לענגסדאָרף, ארטור לעפקאָ, דזשאָדזש לואיס ע. לעווינטהאַל, אַלבערט ה. ליבערמאַן, האוארד א. לאָעב, פרעד־ריק ר. מאַן, מרס. דזשייקאָב פּ. מאריסאָן, רעימאנד ב. רודאפקער, מאָע ל. שניי־דער, אייבערהעם סילווער, דזש. סאלים קאָהען, דזשוניאר, דזשאָדזש הארעים סטוירן, לעאָן ס. סאָנסטיין, וויליאם ה. סילק, דייוויד וועבער, בערנארד ווײַנבערג, טשאַרלס ווײַנסטיין, מרס. עלאַיעס וואולף און מארים וואולף.

אין דעם עלאַיד דזשואיש אַפּיל זיינען אָנגעשלאָסען פאָלגענדע אַגענטורען:

אמעריקאנער געזעלשאפט פאר אידישער בילדונג, אמעריקאנער קאמיטע פאר הילף צו די תימנ'ער אידען, אמעריקאן דזשואיש קאמיטע, עקזיסטירט זינט 1936 מיט דעם צוועק צו באשיצען די ציווילע און רעליגיעזע רעכט פון אידען איבער דער וועלט ,אמעריקאנער אידישער קאנגרעס, „ארט" פעדערישאן, אמעריקאן פאלעסטיין פאנד, קאונסיל אוו דזשואיש פעדריישאן און וועלפעיר פאנד, סענטראל תלמוד תורה און ישיבת משכן ישראל, דראפסי קאלעדזש, ביורא פאר באשעפטיגונג און פאר לערנען א פאך, די פאלקשולען ,הילף פאר אידישע קינדער פון דייטשלאנד, האיאס, נאציאנאל און האיאס, לאקאל, העברעאישער יוניווערסיטעט, הלל פאונדיישאן, הסתדרות עברית, אידישע סטודענטען הויז ארום טעמפעל און יוניווערסיטי אוו פענסילווייניע, דזשאינט דעפענס אפיל פון דער אמעריקאן דזשואיש קאמיטע און די אנטי דעפעמיישאן ליגע, דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, נעשאנאל רעפיודזשי סוירוויס, פילאדעלפיא אנטי דעפאמיישאן קאונסיל, פילאדעלפיער שפיטאל פאר גייסטיג קראנקע, פילאדעלפיער סעקציע נעשאנאל קאונסיל אוו דזשואיש ווימען, פילאדעלפיא יאנג דזשודעא, רעפיודזשי ריסעטעלמענט קאמיטע, ישיבת אהל משה און תלמוד תורה אין סטראבערי מענשאן, יונייטעד דזשואיש אפיל, (קרן היסוד און קרן קימת,) דער יוניווערסיטעט אין גלות. יוגנט עליה, (הדסה פראיעקט).

ווען מען נעמט אין אנבאטראכט וויפיעל אנשטאלטען און פראיעקטען נאציאנאל, לאקאל, און אויף יענער זייט ים, עס ווערען געשטיצט דורך דעם עלאיד דזשואיש אפיל, קען מען ערשט דאן פארשטיין פארוואס דער עלאיד דזשואיש אפיל האט באקומען אין די לעצטע עטליכע יאהר די פולע שטיצע פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג אין פילאדעלפיא, און פארוואס דער דאזיגער קעמפיין פאראינטערעסירט ביז גאר יעדען אידען, ארעם און רייך. עס איז דער סימבאל פון א פאראייניגטער אידישער פילאדעלפיא, וואס באגרייפט, אז מיר טראגען א גרויס אחריות, און אז מיר מוזען ענטפערען אויף דער גרויסער אידישער נויט, און אויך שטרעבען צו באפרידיגען אלע אונזערע קולטורעלע און עקאנאמישע באדערפנישען איבער דער גאנצער וועלט.

מיר מוזען אבער געדיינקען אז פילאדעלפיא פארמאגט א באפעלקערונג פון איבער א פערטעל מיליאן אידישע נפשות. מיר האבען נאך וויט ניט דערגרייכט אלע פאטענציעלע ביישטייערער, און זעהר פיעל קען נאך אויסגעברייטערט און, אויסגעבעסערט ווערען אין דעם פעלד פון עלאיד דזשואיש אפיל אין פילאדעלפיא.

★

הכנסת אורחים און מושב זקנים

דער ערשטער הכנסת אורחים און מושב זקנים, אין 315 ס. 3טע סטריט, איז געגרינדעט געווארען דעם 16טען נאוועמבער, 1890.

די ערשטע היים איז געעפענט געווארען אין 430 לאמבארד סטריט, אין 1891. דעם זעלבען יאהר, האט די היים געצויגען אין 218 לאמבארד סטריט, אן אייגענע היים וואס איז געקויפט געווארען פאר 5,300 דאלאר.

אין יענער צייט פלעג די היים שפייזען ארימעלייט, דורכפאהרער, און די

ערשטע צוויי יאָהר, ווייזען די פּראָטאָקאָלען, אז די היים האָט צוטיילט איבער צעהן טויזענד פרייע מאָלצייטען.

אין 1907 האָט די היים איבערגעצויגען אין 315 ס. 3טע סטריט, וואו זי געפינט זיך עד היום, און אין 1915 איז די היים פילפאך פאַרגרעסערט געוואָרען, און כאָטש אַ פרעמדער קען נאָך היינט אויך קריגען אַ מאָלצייט, איז עס אָבער דער עיקר אַ היים פאַר זקנים און זקנות, וואָס לעבען זיך אויס די לעצטע טעג און יאָהרען אויף אַ בכבודיגען אופן.

אמאָל פלעג די היים אויסגעהאַלטען ווערען דורכדעם וואָס בארמהארציגע פרויען פלעגען זאמלען ברויט, פלייש און גראָסעריס פון גוטע מענשען אומזיסט. דאָס איבעריגע פלעגט מען צוקויפען פון די נדבות וואָס אנדערע גוטע מענשען פלעגען ביישטייערען.

אכך קרעדיט פארדינט דזשאָרדזש גאווארד וואָס האָט ניט געקענט צוזעהן ווי ארים די דאָזיגע היים איז, און ער האָט פאַראינטערעסירט סיימאָן מיור, אַ פילאנטראָפּ פון יענער צייט, און ווען מיור איז מיט גאווארדן געקומען אין דעם הכנסת אורחים, האָבען זיי באַשלאָסען, אז מען מוז עפּעס טאָן פאַר דעם אנשטאַלט.

זיי האָבען פאראינטערעסירט אַ צאָהל אנדערע פערזאָנען, און ביסלעכווייז האָבען זיי אָנגעהויבען געווינען די שטיצע פאַר דער דאָזיגער היים, וואָס האָט עקזיסטירט זעלבסשטענדיג ביז 1919, ווען די פעדערישאָן אָוו דזשואיש טשאַריטיס האָט אריינגענומען די היים אונטער איהר רשות, און זינט דאַן, איז דער הכנסת אורחים און די לידיס שעלטערינג האום אפיליאירט מיט דער פעדערישאָן, און רעכענט זיך פאַר איינעם פון די מוסטער אנשטאַלטען אין דער אידישער פילאדעלפיא.

די פרעזידענטען פון דער היים ביז איצט זיינען געווען: 1890-91-92, קלאַרא לעוויצקי, 1893-94, הרבנית לעווינטהאַל, 1895-96, סארא בעלבער, 1900-05-15-16, 1897-98, אַנאַ מ. בליצשטיין, 1899-1902, עליזאבעטה ראכמיעל, 1901, פרומעווערנער, 1903-04, לערע ל. האלפערן, פון 1906 ביז 1914, חיה ד. קלעבאנסקי, פון 1917 ביז 1923, סערע ל. ניוהאָף.

אין 1919-20-23-24-1925, איז די פרעזידענטין געווען דיאנא וויינסטיין, אין 1926-27-28 איז די פרעזידענטין געווען סערע ל. ניוהאף, אין 1928-29-30 איז די פרעזידענטין געווען סאפיע גראָס. אין 1930-31-32 איז ווידער סערע ל. ניוהאָף געוואָרען פרעזידענט. אין 1932-33-34 איז די פרעזידענטין געווען גאסיע ענגלענדער. מאָלי גאָלדבערג איז געווען פרעזידענט אין 1934-35-36. אין 1936-27-38 איז ווידער געווען סערע ל. ניוהאָף. אין 1938-39-40 ווידער סאפיע גראָס.

די וויים פרעזידענטין זיינען געווען: סערע גאָרטשאוו, דאָרא פעליקאָף, גיטל פאקראס, דאָרא פרינץ, מלכה דייטש, דאָרא סיגעל, ראוז לאָוו, דזש. א. געצאָוו, ה. גאָלדבערג, א. בראודי,ביילע קאַטץ, איידא גאָלדמאַן, פאולין פישער, טיבי געצאוו, מיני ראָזענוואלד, סערע וויינבערג, איידא גאָלדמאן, ראוז ניוהאָף, און הערא הערינג, פעסיע לעווינטהאל און פאולין מ. פישער, סעקרעטאַרען פאַר 1940.

נימט קוקענדיג אויף דעם וואָס דער אנשטאלט איז אפיליאירט מיט דער פעדעריישאָן, האָט אָבער דער אנשטאלט, ווי אַלע פעדעריישאָן אפיליאייטס פול־שטענדיגע „אויטאנאמיע,״ און פיהרט זיך אן אייגענע „מלוכה.״ די פרויען באאמטע באזוכען די מיטינגען רעגעלמעסיג, נעמען א טיכטיגען אנטייל אין דעם מושב זקנים, פונקט ווי אין די גוטע אַלטע צייטען, ווען זיי האָבען געדארפט זאָרגען פאַר ברויט און פאַר פלייש, פאַר גראָסערים און פאַר א מלבוש פאַר א זקן אָדער זקנה.

די מייסטע זקנים און זקנות אין דער היים, זיינען שוין דאָרט תושבים, פיהלען זיך בעסער ווי אין דער היים, און זעהר אָפט הערט איהר דעם אויסדרוק:

—אבי ניט דאַרפען אָנקומען אויף דער עלטער צו קינדער.

אין 1940, ווען די היים האָט געפייערט א פופציג יאָהריגען יובל, איז עס געווען א יום טוב פאַר גאַנץ פילאַדעלפיער אידענטום, מחמת גאָר אסך הײנטיגע בעלי בתים און תושבים געדיינקען נאָך די צייט, ווען זיי זיינען ארונטערגעקומען פון שיף, און ווען זיי האָבען זיך געפיהלט פארלוירען און עלענט, האָט מען זיי אויסגעשטרעקט א ברודערליכע האַנט, זיי געגעבען דאָס ערשטע געלעגער און דעם ערשטען מאָלצייט, און מען האָט זיי געהאַלטען בכבוד, ביז זיי האָבען באַקומען באשעפטיגונג.

קיין חידוש ניט, וואָס די שעלטערינג האום איז דער באַליבטער אנשטאלט אין פילאַדעלפיא. זי האָט צו דערציילען צענדליגער געשיכטעס פון עלענטע מענשען, וואָס זיינען דערהאַלטען געוואָרען ביים לעבען, און דערנאָך האָבען דיזעלבע פערזאָנען געהאָלפען אנדערע דורך דער דאָזיגער הכנסת אורחים.

דער הכנסת אורחים איז די קרוין פון אידישע אנשטאלטען אין פילאַדעלפיא. עס איז א מוסטער אנשטאלט, און א מיילשטיין אין דער אידישער געשיכטע, וואָס האָט צו פאַרצייכנען דאָס באַרמהאַרציגקייט פון דער אידישער פילאַדעלפיא, און וואָס די רוסישע אידען האָבען אויפגעטאָן אין דעם משך פון א האַלבען יאָהר הונדערט אויף דעם געביט פון צדקה.

די באאמטע הײנטיגען יאָהר זיינען:

מרס. דזש. אַלעקסאנדער קליין, פרעזידענט; מר. דזשאָזעף הערבאַק, ערש־טער וויס פרעזידענט; מרס. סאל דזש. פישער, 2טער וויס פרעזידענט; מרס. דזשאָזעף גראָס, טרעזשורער; מרס. פרענק פ. אסטראָף, רעקאָרדינג סעקרעטאַר; מרס. טשארלס אייזמאַן, פינאַנץ סעקרעטאַר און הערי מאָף, עקזעקוטיוו דירעקטאָר.

★

אפטאון מושב זקנים

דער אפטאונער מושב זקנים איז געגרינדעט געוואָרען דעם 2טען פעברואר, 1913. דער אנשטאלט איז געגרינדעט געוואָרען דורך א פריוען פאראיין, און די גרינדערינגס זיינען געווען מרס. באקסער, איצענסאָן, שאגראן, איינגארד, באראנאף, מילער, אנטינאף, זימערמאן, קאטלער, קליינמאן, פאריז, קאשער, בוקראנאף און שווארטץ.

די ערשטע באאמטע זיינען געווען: מרס. קליינמאן, פרעזידענטין; מרס. באקסער, וויס פרעזידענטין; מרס. פיוואווסקי, טרעזשורער, און מרס. באקסער'ס א טאָכטער, סעקרעטארשע.

דער פרויען פאראיין האָט צוויי יאָהר געארבייט זאמלענדיג פאָנדען צו קויפען א היים פאר דעם אנשטאלט.

דער חנוכת הבית פון דעם אנשטאלט איז געפייערט געוואָרען דעם 5טען דעצעמבער, 1915, און לכבוד דער דערעפענונג פון דער היים איז אין בני האל־בערשטאם שוהל, 6טע און גרין סטריטס, דורכגעפיהרט געוואָרען א פייערליכע צערעמאָניע, און זינט דאָן איז דער אפטאון מושב זקנים איינער פון די אנגע־זעהענסטע אידישע אנשטאלטען אין פילאדעלפיא.

אין דעם אנשטאלט געפינט זיך אויך אן אפטיילונג פאר אומהיילבארע וואָס איז צוליב אסך טעמים א גרויסע באקוועמליכקייט פאר יענע אלטע לייט וואָס זיינען נאָך ביי אלע חושים און לעבען זיך אוים זייערע לעצטע יאָהר און טעג אין כבוד.

דער אנשטאלט איז זינט דאָן שוין עטליכע מאָל פארגרעסערט געוואָרען און נייע געביידעס זיינען צוגעשטעלט געוואָרען.

אין דעם אנשטאלט געפינען זיך הונדערט און עטליכע און צוואנציג זקנים און זקנות.

★

דאון טאון מושב זקנים

דער אינגסטער אנשטאלט אין פילאדעלפיא, דער דאון טאון מושב זקנים, 2609 כ. 8טע סטריט, איז געעפענט געווארען זונטאג דעם 7טען אפריל, 1940.

די באוועגונג פאר א מושב זקנים אין יענעם געגענט האט זיך אנגעהויבען מיט אכט יאהר פריהער און דער טשארטער איז ארויסגעקראגען געווארען אין יוני, 1934.

צווישען די גרינדערס געפינען זיך פיליפ און בעסי אסטראוו, מאריס און סערע ראזען, מאריס און מיני לאדען, סערע אלעקזאנדער, איווע דארפמאן, איווא שלאק, בעסי סטיינבערג, מרס. קונער, סילי בעראן, זעלדע בערשאד, דארא און סעם טאפעל, סאניע סאבעלמאן, כאנציע מאלאוויטץ, רבקה לאבסקי, יעטא שניצער און א צאהל אנדערע.

אין צייט פון דעם חנוכת הבית זיינען די באאמטע געווען סערע אלפאר, פרעזידענט: בעסי דייוויס, ערשטער וויס פרעזידענט; איידא וויס, עה"ש, 2טע וויס פרעזידענט; דארא טאפעל, טרעזשורער פאר די לעצטע 6 יאהר; נייטען שאפריץ, פינאנץ סעקרעטאר, סאניע סאבעלמאן, רעקארדינג סעקרעטאר, אדוויזארי באָרד: סערע ראזען, טשערליידי; גאסי גאראלניק, ערשטע וויס טשערליידי; יעטא פאלאטניק, 2טע וויס טשערליידי, און ענע לעווין, סעקרעטאר. באָרד אָוו טראָס־טיעס: אשר אסטער, טשערמאן, רעבעקא בעס, לינא מוירקין, אנא מאלאוויטץ, כאנציע מאלאוויטץ, בעסיע אסטראוו, פיליפ אסטראוו, פיליפ דייטשמאן, מאריס ראזען, אנא פאלסקי, מאריס גאלדבערג, סעמועל סאבעלמאן, סעמועל מוירקין, אייזיק מאנוס און נייטען קאלין.

די הויז איז געקויפט געווארען פאר זעקס טויזענד, פינף הונדערט דאלאר און איז איבערגעבויעט געווארען צו ווערען פאסיג פאר אן אנשטאלט.

דער חנוכת הבית האט אנגעהאלטען א וואך צייט, און יעדער טאג איז געווען געווידמעט אנאנדער בראנטש.

דער ערשטער טאג פון חנוכת הבית, זונטאג, דעם 7טען אפריל, 1940, איז געווען געווידמעט דעם לאקאל.

מאנטאג, דעם 8טען אפריל, איז געווען געווידמעט דעם לאגאן בראנטש. דינסטאג איז געווען געווידמעט דעם בראהינער בראנטש נומער 2. מיטוואך דעם 10טען אפריל איז געווען געווידמעט ווינפילד בראנטש.

דער שליסעל צו דער היים איז געקויפט געווארען פון דארא און מאקס בארנעט, צימערען זיינען געקויפט געווארען פון בראהינער בראנטש, ווינפילד בראנטש, לאגאן בראנטש, (רעקריאיישאן) דזשוניאר בראנטש, דזשודעאיק סוירקעל, פיליפ און בעסיע אסטראוו, און מרס. סיידי נייטענזאן, (א צימער פאר דער נירס און פאר מעדיצין.)

טשערמאן פון דעם חנוכת הבית איז געווען ראובן וואלדער, און די רעדנער זיינען געווען סענאטאר ישראל שטיפעל, הרב אברהם אריה פאפקא,

לאיער עמענואל בעלאוו, אייבערעהעם בערקאָוויטץ, בערנארד סעמועל, דער מאנאס־טריסטשער רבי, יעקב ראבינאוויטץ, ראבאי גרשון ברענער, דזשאָזעף סקעיל, הרב אפרים אליעזר הכהן יאלעס און יוד לאמעד מאלאמוט.

די פראָגראם פון חנוכת הבית האָט אָנגעהאלטען א וואָך צייט, און אַרום דעם 15טען מאי איז די היים געעפענט געוואָרען פאַר זקנים און זקנות.

דער ערשטער סופּעראינטענדענט איז געוועזן יוד לאמעד מאלאמוט, וועלכער איז געשטאַנען אַלס עקזעקוטיוו דירעקטאָר א יאָהר צייט.

אונטער זיין אדמיניסטראציע זיינען אריינגענומען געוואָרען 20 זקנים און זקנות.

דאָס געלט וואָס זייערע קינדער האָבען בייגעשטייערט שטעלט מיט זיך פאָר א סוירפּלוס פאָנד, וואָס ווערט ניט באַנוצט, סיידען אין פאַל פון עמוירדזשענסי.

דער ערשטער יעהרליכער דרייוו האָט אַריינגעבראַכט א סומע פון פיר טויזענד דאלאר, און דער 2טער יעהרליכער דרייוו האָט אריינגעבראַכט איבער פינף טויזענד דאלאר.

טשערמאן פון ערשטען דרייוו איז געוועזן סענאטאר ישראל שטיפעל, טשערמאַן פון 2טען יעהרליכען דרייוו איז געוועזן בענדזשאמין קלעבאנאָוו. אירווינג באַרנעט איז געווען דער טרעזשורער איןביידע יעהרליכע קעמפּיינס.

די באאמטע אין 1940 זיינען געוועזן סערע אלפאר, פּרעזידענט; בעסי דייווים, וויים פּרעזידענט; דארא טאפעל, טרעזשורער: סאניע סאבעלמאן, סעקרעטאר נייטען שאפּריץ, פינאַנץ סעקרעטאר, און אסקאר אסטער, טשערמאן פון דער באָרד. די זעלבע באאמטע זיינען געבליבען אין 1941. בלויז די וויים טשערלירי איז געביטען געוואָרען. אנשטאט בעסי דייווים איז דערוויילט געוואָרען בעסי אכטראָוו, און פינאַנץ סעקרעטאר איז געוועזן מרס. ראוז גריבער.

אין 1942 איז סערע ראָזען געוואָרען די 2טע וויים טשערליידי, און פינאַנץ סעקרעטאר איז דערוויילט געוואָרען גלאדים סטריקען.

די איצטיגע באאמטע פון די ברענטשעס זיינען ווי פאָלגט: בראהינער ברענטש נומער 2, לינע מוירקין, טשערליידי; איידא דייטשמאן, 1טע וויים טשערליידי; פעני ליטמאן, 2טע וויים טשערליידי; דארא באַרנעט, טרעזשורער; טראָסטים: גאָלדע שאכמער, און בעקי אקאנאָפּקי. סאניע סאבעלמאן, רעק. סעקרעטאר: עטל פיינמאן, פינאַנץ סעקרעטאר; פעני טאל, טשערמאן פון דער באָרד.

לאָגאן ברענטש נומער 1: סערע אלפאר, טשערליידי; רעבעקא בעס, וויים טשערליידי; גלאדים סטריקען, סעקרעטאר, און סיידי נייטענזאן, טרעזשורער.

ווינפילד ברענטש: זעלדע בערשאד, טשערליידי.

דזשוניאָר ברענטש: ענע פרענק, טשערליידי; סיד בעקאף, וויים טשערליידי; טילי שאפּיירא, טרעזשורער: ראוז סטיינבערג, רעקאָרדינג סעקרעטאר; ריבא בריסקין, פינאַנץ סעקרעטאר.

אין 1941 נאָך אַ קליינעם פייער, נאָוו. 7טען איז די גאַנצע הויז רעמאָדלירט געוואָרען און עס זיינען אויפגעבויעט געוואָרען פייער עסקייפּס און אַנדערע איינריכטונגען לויט די רעגולאַציעס פון פייער דעפּאַרטמענט. די גאַנצע היים איז זינט דאַן באַקאַנט אַלס אַ מוסטער אנשטאַלט פאַר אַלטע לייט, זיך אויסצו־לעבען זייערע טעג און יאָהרען אין כבוד און אין רוה.

דורך דער צייט פון 2טען יעהרליכע קעמפּיין איז דער דירעקטאָר געווען דוד י. מאַן.

★

נאָרטהערן ליבערטיס האספּיטאל

דער נאָרטהערן ליבערטיס האספּיטאל איז געגרינדעט אויף אַ ניט־פּראָפיט־ליכען באַזיס, און אויך ניט סעקטאַריש. אין 1922 האָט אַ גרופּע פיהרער אין דעם נאָרט־הערן ליבערטיס געגענט זיך אָרגאַניזירט פאַר דעם צוועק.

עס האָט זיך אין יענעם געגענט, וואָס איז געדיכט באַפעלקערט געפיהלט די דרינגענדע נויט פאַר אַזאַ שפּיטאַל, ווייל דאָרט וואוינען נאָהענט צו אַ פערטעל מיליאָן נפשות. די זאַך איז איבערהויפּט קלאָהר געוואָרען פאַר אַ צאָהל דאָק־טוירים אָנגעפיהרט פון דר. הערי סטעמבלער, און דער פאַרשטאָרבענער דר. דזשוליוס שנייער. זינט נאָוועמבער 1920 האָבען די דאָקטוירים גערופען זיצונגען און באַראַטונגען צו באַטראַכטען פּלענער ווי אַזוי צו באַשאַפען אַזאַ שפּיטאַל אין דעם נאָרדליכען טייל פון פילאַדעלפיא.

דער ערשטער אָפיציעלער מיטינג איז געהאַלטען געוואָרען דעם 4טען יאַנואַר, 1921. דער ערשטער קעמפּיין פאַר אַ האספּיטאל פאָנד איז אָנגעפיהרט געוואָ־רען סעפּטעמבער, 1921. אַ צווייטער קעמפּיין איז דורכגעפיהרט געוואָרען דעם 15טען מאַי, 1922. אַ דריטער קעמפּיין איז געפיהרט געוואָרען דעצעמבער, 1923. די אַלע דאַטומס זיינען וויכטיג, ווייל דאָס זיינען מיילשטיינער אין דער געשיכטע פון דעם נאָרטהערן ליבערטיס האספּיטאל.

אַלס רעזולטאַט פון די דאָזיגע באַמיאונגען האָט מען אָנגעהויבען בויען אַ שפּיטאַל אויף דער זיבעטער און בראַון סטריט. דער ווינקעלשטיין איז גע־לעגט געוואָרען דעם 9טען אַפּריל, 1922.

די טשאַרטער מיטגלידער פון דעם נאָרטהערן ליבערטיס האספּיטאל זיינען: נייטען קושין, טשאַרלס ליפּשוטץ, דר. הערי סטעמבלער, דר. סעמועל ברוק, ל. פּ. ווינטראַוב, לואיס א. שנייער, ל. א. בריקלין, בענדזשאַמין רודניק, מעקס מייער, מ. זוסמאַן, אַלעקסאַנדער נ. רובין, דר. דזשוליוס שנייער, דר. בערנאַרד מאַן, דר. דזשאָהן דזש. גילברייד, דר. ה. א. שאַטץ, דר. מאָריס מאַרקאָוויטץ, דר. דזשאָזעף מ. גאָלדבערג, דר. סעמועל קאָהען, דר. גרשון גינזבורג, דר. דייוויד ניוסבאום, דר. א. ריעס, דר. דזשוליוס בערגער, ה. ל. סטעמבלער, ל. דזש. גרינ־ספּאַן, און דר. נייטען ל. רובין, דענטיסטען.

איינער פון די פּראָמינענטסטע מיטגלידער אין דעם ערשטען קעמפּיין איז

געווען בעמועל וואוקלעין. דער טשערמאן פון ערשטען קעמפיין איז געווען לעא גאָלדסטיין און אסאָשיאייט טשערמאן מיט איהם איז געווען נייטען קושין, פּרעזידענט; בענדזשאמין לעוויטאוו, סעקרעטאר. מר. טשארלס ליפשוטץ און א צאָהל אנדערע האָבען מיטגעהאָלפען אין דער ארבייט. מרס. הערי י. פיינמאן, די פרוי פון דר. פיינמאן, איז געווען טשערמאן פון דער פרויען דיוויזיע.

דורך די צוואַנציג יאָהר צייט האָט דאָס האָספּיטאל דורכגעמאכט שווערע צייטען, באַזונדערס אין דער צייט פון דעפּרעסיע.

עס האָט שוין מעהר ווי איינמאָל פּאַסירט אין יענער צייט, אַז די דירעקטאָרען האָבען געפיהלט, אַז עס קומט אויס, כאָטש נעם און פארשליס די טירען, און שיק אוועק די פּאַציענטען אין דזשענעראל האָספּיטאל. אָבער קוראזש, גלויבען און איבערגעבענהייט פאר דער זאך, האָט אלעמאָל געפיהרט אַז ענערגישע מענשען ווי איזאדאר קליגנהאפער, דזשאזעף הערבאק, דר. דזשאזעף מ. גאָלדבערג, דר. דזשאָזעף א. לעגנבארד און אנדערע, האָבען אלעמאָל געזוכט אויפצוהאלטען אַן אפּטימיסטישען גייסט, און דאָס האָט געהאָלפען, אַז דער אנשטאלט זאָל נימ אונטערגיין.

אסך דערפאָלג דארף צוגעשריבען ווערען אין יענער קריטישער צייט צו דער דערמוטיגונג און טאקטע פינאַנציעלע הילף וואָס דאָס האָספּיטאל האָט באקומען פון אַלעקסאנדער וואן סטראַטען, וועמען מארטאן וויטקין האָט באוואויגען אַז ער זאָל אָננעמען דעם פּרעזידענט אַמט, נאָך אַ דערפאָלגרייכען קאמפּיין אין 1933.

וואן סטראַטען, אַ דערפאָלגרייכער געשעפטסמאן, האָט רעאָרגאניזירט דאָס האָספּיטאל, און האָט צוגעצויגען צו דער באָרד אַ צאָהל אָנגעזעהענע פּערזאָנען, און זיי האָבען געזעהן, אַז נאָרטהערן ליבערטיס האָספּיטאל זאָל אוועקגעשטעלט ווערען אויף אַ פינאַנציעלען באַזיס.

זיבען יאָהר האָט וואן סטראַטען געאַרבייט און האָט אָנגעפיהרט מיט דער ארבייט, אַלס פיהרער, און יעדער קעמפּיין איז געווען אַ גרעסערער דערפאָלג, און יעדען יאָהר האָט דער שפּיטאל געוואונען מעהר פריינט, און אונטערשטיצער, און אין די 20 יאָהר, האָט דער שפּיטאל אָפּגעקויפט די דערבייאיגע געביידע, פאַר קליניקס, פאַר לאַבאראַטאָריעס, קלאַס צימערען פאַר טעקנישענס, און אַזוי ווייטער. דער בראנקאסקאפּישער קליניק איז אַ ביישטייערונג פון מרס. אַלעקסאנדער וואן סטראַטען, וואָס האָט צוזאַמען מיט איהר מאַן געווידמעט עטליכע יאָהר פאַר דעם דערפאָלג פון דעם שפּיטאל.

דער שפּיטאל באקומט ניט קיין שטיצע פון קיין אָרגאניזירטען טשאַריטי פאָנד, אָבער עס איז אַנערקענט געוואָרען פון דעם סטייט אָוו פּענסילווייניע, און באַקומט אַ קליינע סומע פון 10,500 דאָלאר אַ יאָהר.

פּריוואַטע, האַלב פּריוואַטע צימערען און קימפּעטאָרינס ברייינגען אריין אַן איינקונפט פון 40 טויזענד דאָלאר אַ יאָהר. דאָס האָספּיטאל איז אַ מיטגליד פון אסאָשיאייט האָספּיטאל פּלאַן אין פילאַדעלפיא. דער באַלאַנס ווערט געשאַפען יעדער יאָהר דורך אַ קעמפּיין וואָס ווערט געוויינטליך דורכגעפיהרט אין

אקטאבער. לעצטען יאהר האט דער קעמפיין געשאפען 85 טויזענד דאלאר, און דער גאסט רעדנער ביי דעם יעהרליכען דינער איז געווען מרס. פרענקלין דעלאנא רוזוועלט.

אין 1927 זיינען אין שפיטאל געווען 184 וואָרד פאציענטען, און לעצטען יאהר האט דער וואָרד באהאנדעלט 1800 פאציענטען. דאס באווייזט ווי דער שפיטאל איז אויסגעוואקסען.

אלע דעפארטמענטס זיינען פארגרעסערט און פארבעסערט געוואָרען אין פראָפאָרציאָנעל מיט דעם וואוקס פון דעם שפיטאל.

אסך וואלונטיר גרופען העלפען ארויס דעם שפיטאל א גאנץ יאהר. די עלטסטע גרופע און וועלכע צייכענט זיך אלעמאל אויס איז די פרויען אקזילערי. די אנדערע גרופען נעמען אריין די פראָגרעסיוו ליעג, די „פריינט פון נאָרטהערן ליבערטיס האספיטאל, די דזשוניאר פראָגרעסיוו ליעג, סטראָבערי מענשאָן גרופע און אנדערע. דער אנשטאלט איז „נאָן־סעקטעריאן.״ די פאציענטען קומען מייסטענס פון אָרימע שיכטען.

דער בודזשעט פון שפיטאל איז 135 טויזענד דאלאר א יאהר.

די איצטיגע באאמטע זיינען מאע ס. גאָלדבערג, פרעזידענט; דזשייקאָב ל. בראון, וויים פרעזידענט: פרענק סטריק, וויים פרעזידענט; דזש. דזשעראם קאטץ, סעקרעטאר, און בענדזשאמין מ. גודמאן, טרעזשורער. אלבערט א. לאיט, איז טשערמאָן פון דער עקזעקוטיווע.

נאָרטהערן ליבערטיס האספיטאל האט איבער טויזענד מענער און פרויען און האי סקוהל סטודענטען, וואס גייען ארויס איינמאל א יאהר אין צייט פון דעם דרייוו, ווייל זיי וויסען ווי גרויס עס איז די נויט, און די געשיכטע פון דעם שפיטאל וואלט ניט געווען פולשטענדיג, ווען מען זאל ניט אונטערשטרייכען די גרויסע ארבייט פון די וואלונטירען.

מען דארף אויך גיבען קרעדיט די דאקטוירים אויף דעם סטעף פאר זייערע לייסטונגען און זייער געלט שטיצע צו דעם שפיטאל. זעהר אסך קרעדיט פארדינט די ארבייטערשאפט, ווי אויך די פראטערנאלע אָרגאניזאציעס וואס גיבען געלט ביישטייערונג, „עקוויפמענט״ און סוירוויסעס.״

לעצטען איז געשאפען געוואָרען א ציווילע דעפענס אָרגאניזאציע און איז צוגעגרייט צו פארוואנדלען דעם שפיטאל אין פאל פון אן „עמוירדזשענסי,״ אלס רעזולטאט פון דער מלחמה.

עס ווערען אָנגעפיהרט קלאסען אין „פוירסט עיד״ פאר דעם פערזאנעל און פאר די מענשען פון דעם געגענט.

ביז מיט א צייט צוריק האט דער שפיטאל געהאט געפלאנעוועט צו פארגרעסערן דעם אנשטאלט, און עס איז געפלאנעוועט געוואָרען נאָך א געביידע, אָבער זינט די מלחמה האט אויסגעבראָכען אין אמעריקא, איז דער פלאן אָפגעלעגט געוואָרען ביז נאָך דער מלחמה.

איין און צוואנציג יאהר דינסט פאר דער נארטהערן באפעלקערונג, האט דעם שפיטאל יעדען יאהר געוואונען נייע הונדערטער און טויזענדער פריינט. די אלע פריינט זיינען אלעמאל גרייט צו שטיצען דעם אנשטאלט, און דער אנשטאלט באצוועקט אלעמאל צו שטעהן אויף דעם פרינציפ: העלפען יעדען קראנקען, ניט קוקענדיג פון וועלכער ראסע ער קומט.

★

דאון טאון בית יתומים

דער אנשטאלט איז ארויסגעוואקסען אלס רעזולטאט פון דער עפידעמיע, די „פלו" נאך דער ערשטער וועלט מלחמה.

א גרופע נאבעלע אידישע פרויען האבען דאן זיך פארטראכט וועגען דעם ביטערען שיקזאל פון די עלענטע יתומים, און זיי האבען געגרינדעט דעם אנשטאלט.

אין אנהויב האבען די פרויען געדונגען אן אפארטמענט אין 1530 ס. 6טע סטריט, אבער מען האט זיך באלד ארומגעזעהן, אז דאס פלאץ איז צו קליין, און כדי ריכטיג אויפצופאסען אויף די יתומים פאדערט זיך אן אייגענע היים.

דעם 15טען נאוועמבער, 1925, איז פארגעקומען דער חנוכת הבית פון דער איצטיגער פרעכטיגער היים, אין דער 9טער און שאנק סטריטס, און זינט דאן זיינען שוין צענדליגער יתומים דערצויגען געווארען, האבען געמאכט סקוהל, און היינט צו טאג זיינען זיי זעלבסטשטענדיגע מענשען, און האבען צו פארדאנקען דעם דאון טאון בית יתומים וואס האט זיי דערצויגען און אויסגעהיט פון לעבענס געפאהרען אין דער פריהעסטער יוגענט.

אין דעם דאון טאון בית יתומים ווערט דאס קינד דערצויגען פיזיש און גייסטיג. ער אנטוויקעלט זיך אטלעטיש, ווינטער אין דער היים און זומער אין קעמפ.

אין דעם בית יתומים דאווענען די קינדער טעגליך מיט א מנין, און שבתים און ימים טובים ווערען דורכגעפיהרט צערעמאניעלע „סערוויסעס" און גאר ריה־רענד און איינדרוקספול ווערען דורכגעפיהרט די בר מצוה'ס.

די קינדער פארמאגען אן אייגענעם בענד מוזיק און אויך א מיניאטור לאבראטאריע וואו די קינדער האבען א געלעגענהייט צו עקספערימענטירען אויף פארשיידענע געביטען לויט זייערע נויגונגען. די היים האט אויך אן אייגענעם דראמאטישען קלוב, וואס פיהרט דורך פארשטעלונגען פון צייט צו צייט, און איינציגע קינדער האבען א געלעגענהייט צו אנטוויקלען זייער טאלאנט.

דער פרעזידענט פון דעם אנשטאלט איז מאריס י. לעוויק; די וויס פרעזי־דענטען: מרס. קעיט פריעדמאן, מרס. אסתר דאמישער, אייברעהעם סינגער און הערי וואלקין; אלעקס וואלקין איז טרעזשורער; מיטשעל ס. קאהען, סעקרעטאר; דר. דזש. ד. ליעברון, מעדיקאל דירעקטאר; דר. פינקוס שוב, סופעראינטענדענט; אהרן קאלטון, עקזעקוטיוו דירעקטאר; מרס. פעני גודמאן, דירעקטאר לידיס אקזילערי

דזשאָזעף ס. עליקמאן, טשערמאן פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע; מרס. מאלי פעלדמאן, טשערמאן פון אדמישאן קאָמיטע; אויפפאסונגס קאָמיטע:ט מרס. סאל טרעדוועל, מרס. ט. לעווין, מרס. דזש. לעוויט, מרס. בעלא סטיין.

בילדינג קאָמיטע: מייק בערנשטיין, דזשאָרדזש רעזניק און בענדזשאמין סטיינמאַן.

טשערמאן פון עדיוקיישאָן: מרס. עטל ליט; פינאנץ טשערמאן, איזראעל עקער; אידישע דערציאונג, אהרן וועלש; הויז קאָמיטע, מרס. י. בוריסאן, מרס. העלען באַרדין, מרס. א. גראסמאן, מרס. ראוז קאצקער, מרס בעטי ליט, מרס. ווס. ריטץ, און מרס. פ. וואודקאף

לייברערי טשערמאן, וויליאם ריטץ; מעמאריאל טשערמאן, מארים עדעלמאן; מעמבערשיפ, מרס דזש. בערשלער; סופלאַים, אייזיק פארמאן; וועלפעיר, וויליאם ר. פיין.

די באאמטע אין דער לײדיס אָקזילערי אין סאוטה פילאדעלפיא זיינען: מרס. סערע פיור, פרעזידענט; מרס. א. עקסעלמאן, סעקרעטאר, און מרס. פעני וואלקין, טרעזשורער.

נאָרט פילאדעלפיא לײדיס אָקזילערי: מרס. עטל ליט, פרעזידענט; מרס. עלאנא נאהל, סעקרעטאר, און מרס. ראוז קאוולער, טרעזשורער.

לײדיס אָקזילערי, סטראָבערי מענשאָן: מרס. וויליאם ריטץ, פרעזידענט; מרס. ראוז פישמאן, סעקרעטאר, און מרס. ר. שפיגעל, טרעזשורער.

פארקסייד לײדיס אָקזילערי: מרס. בעלא סטיין, פרעזידענט; מרס. ב. דודניק, סעקרעטאר, און מרס. זענא סטיין, טרעזשורער.

וועסט פילאדעלפיא פּראָגרעסיוו לײדיס אָקזילערי: מרס. מאלי סינגער, פרע־זידענט; מרס. מאלי פעלדמאן, סעקרעטאר, און מרס. קעיט פריעדמאן, טרעזשורער.

וועסט פארק ביג סיסטערס לײדיס אָקזילערי, מרס. ראוז בלום, פרעזידענט; מרס. עטל פישער, סעקרעטאר, און מרס. לינא גלעיזשער, טרעזשורער.

ווינפילד לײדיס קלוב: מרס. א. עפענבערג, טרעזשורער, און מרס. גאָלדי סאל, סעקרעטאר.

האום סוירקעל: מרס. דזש. סיימאָן, פרעזידענט; מרס. פאולין גרייזלער, סעק־רעטאר, און מרס. ה. וויענער, טרעזשורער.

פילאדעלפיער רבנים
און
גייסטיגע פיהרער

הרב דוב אריה הכהן לעווינטהאל

געבוירען אין סרעדנוק, קאָוונער גובערניע, ל״ג בעומר, י״ח אייר, תרכ״ה, זוהן פון באריהמטען גאון הרב אברהם הכהן, פון א גזע וואָס ציהט זיך ווי א גאָלדענע שנור דורות רבנים און בעלי מעשה. די מוטער, בת שבע, א טאָכטער פון רב חיים ליבשיטץ, וואָס האָט גע׳שם׳ט איבער דער וועלט.

דער יונגער דוב אריה האָט גע׳שם׳ט מיט זיין זכרון און תפיסה, און תשיקה צו תורה ודת. איז דערצויגען געוואָרען אונטער דער השפעה פון די גאונים פון פריהער־דיגען דור, הרב שמואל מאָליווער, און הרב אלעקסאנדער לאפּידוס ז״ל, און ער איז שוין אין דער יוגענט געווען באריהמט מיט זיין לומדות.

אין חודש אדר, תרמ״ו געהייראט מיני קליינבערג, (נפטר געוואָרען אין פי־לאדעלפיא, י״ג תמוז, תרפ״ט), די טאָכטער פון הגאון הרב אליעזר קליינבערג, ז״ל, און געהייראט דעם צווייטען מאָל אין תרצ״ה, בלומע שרה ציזלינג, א גרויסע מלומדת און א פערזענליכקייט, וואָס איז באליבט אין אלע געזעלשאפטען.

הרב לעווינטהאל איז אָנגעקומען אויף דער כסא הרבנות אין פילאדעלפיא אלול, תרנ״א, און איז דער איינציגער און גרעסטער אָרטאָדאָקסישער פיהרער אין אמעריקא, וואָס האָט באוויזען אָפּצוזיצען אין איין שטאָדט איבער פופציג יאָהר. ווערט באטראכט פאר א שטארקער זייל אין אָרטאָדאָקסישען אידענטום איבער דער וועלט. האָט צו זיין קרעדיט דאָס אויפבויען פון פילאדעלפיער אינסטיטו־ציעס, אָנהויבענדיג פון כשרות, הוראה, חינוך, יהדות, ציוניזם, וואוילטעטיגקייט. איז געשטאנען ביי דעם געבורט פון דעם ציוניזם, אמעריקאנער אידישער קאָנ־גרעס, איז געווען א דעלעגאַט צו דער פרידענס קאָנפערענץ אין פאריז, נאָך ערש־טער וועלט מלחמה און איז אין זיין טיפען עלטער היינט נאָך פונקט אזוי אקטיוו ווי אלע זיינע יאָהרען.

הרב לעווינטהאל האָט פיער זיהן, אלע באריהמטע פערזענליכקייטען. הרב ישראל לעווינטהאל, דער גייסטיגער פיהרער פון ברוקלין דזשוּאיש צענטער, ריכ־טער לואיס ע. לעווינטהאל, פון קאָמאָן פּליעס קאָורט, און פרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע פון אמעריקא, אברהם און סיירוס לעווינטהאל, פּראָ־מינענטע לאָיערס און אָנגעזעהענע געזעלשאפטליכע טוער.

הרב לעווינטהאל האָט אויך געהאט א טאָכטער, לאה עהרליך, (נפטר געוואָרען י״ד טבת, תרצ״ב), די פרוי פון היימאן עהרליך. פון מרס. עהרליך איז געבליבען א טאָכטער, שרה, איצט די פרוי פון הרב צבי שמואל בעלקין ראש פון ישיבה קאלעדזש אין ישיבת יצחק אלחנן. הרב לעווינטהאל׳ס מעשים זיינען פאַר־קערפּערט אין די בלעטער פון דער געשיכטע פון אלע אידישע אנשטאלטען אין פילאדעלפיא.

צו דער אלגעמיינער כאראקטעריסטיק וועגען הרב דוב אריה הכהן לעווינטהאל

ווען דער צוקונפטיגער היסטאריקער וועט וועלען געפינען דעם גייסטיגען פרצוף פנים פון דעם אָרטאָדאָקסישען אידענטום אין פילאַדעלפיא, וועט געגוג זיין ווען ער וועט זיך אָנטרעפען מיט די מאַטעריאַלען וואָס זיינען אין אַ משך פון איבער אַ פערטעל יאהרהונדערט געשריבען געוואָרען וועגען דעם זקן־הרבנים, דוב אריה הכהן לעווינטהאַל, און ער וועט פאַר זיך האָבען אַ בילד פון דעם גייסטיגען רעליגיעזען פיהרער, וואָס כאָטש ער איז אפילו ניט באַלוינט געוואָרען מיט שבירות פון דער שטאָדט פילאַדעלפיא, פאַר זיין פאַרנעמען די כסא הרבנות, האָט ער פונדעסטוועגען אַלעמאָל פאַרשטאַנען, אַז אַ רב אין אַמעריקא, האַלט אַ שטעלע ניט נאָר פאַר אויפפּאַסען אויף כשרות, חינוך און רעליגעזע ענינים, נאָר אַז אַ רב דאַרף זיך שטעלען ברומו של עולם, און איבעראַל קומען און זאָגען זיין שטאַרק וואָרט, קומען זעהן ווירקען אַז דאָס גאַנצע אידישע עפענטליכע לעבען זאָל האָבען אַ גייסטיג פּנים און עס זאָל אונז פאַרשאַפען כבוד ניט נאָר אין דער אידישער וועלט, נאָר אויך אין דער אַלגעמיינער וועלט.

אוודאי פאַרנעמט כשרות און חינוך דעם אויבענאַן ביי הרב לעווינטהאַלן אין זיין טאָג־טעגליכען לעבען, אָבער פונקט אַזאַ גרוים אָרט האָט ביי איהם פאַרנומען דער ענין וועגען בילדען אידישע פאָלקס מאַסען. איידער דער אידישער נאַציאָנאַלער גייסט האָט זיך פאַרשפּרייט אין אַמעריקא, האָט הרב לעווינטהאַל זיך געשטעלט אין דער ראָלע פון דעם פּיאָנער, דעם מורה דרך, און ווען ער האָט ניט געפונען געגוג אידען אין די שוהלען און בתי מדרשים די ערשטע יאָהרען נאָך זיין אָנקומען קיין פילאַדעלפיא, האָט ער צו זיי גערעדט אין די לעקטשור־זאַלען, אין די ליטעראַרישע „סאָסייעטיס,“ און זיין וואָרט איז אַלעמאָל רעספּעקטירט און געאַכטעט געוואָרען.

איידער דאָ זיינען געעפענט געוואָרען ישיבות, האָט הרב לעווינטהאַל אָנגעפיהרט מיט אַ הויכשול קלאַס ביי זיך אין הויז, און פון יענעם קלאַס איז אַרויסגעוואַקסען געוואָרען דערנאָך די איצטיגע ישיבת משכן ישראל.

אויף הרב לעווינטהאַלטן מעג מען זאָגען, אַז ער איז בפירוש געווען אַ באוואוסטזיניגער ציוניסט נאָך פאַר דר. הרצל'ן, ז״ל.

פונקט ווי מען מעג עדות זאָגען, אַז אויב מיר האָבען אַ שטאַרק אָרגאַניזירטע אגודת הרבנים אין אַמעריקא און קענעדע, איז עס געשאַפען געוואָרען דורך דעם אייזען־פעסטען ווילען, און דינאַמישער ענערגיע פון דעם היינטיגען זקן־הרבנים וואָס איז דער שטאָלץ ניט נאָר פון דעם אַמעריקאַנער אידענטום, נאָר פון דעם אָרטאָדאָקסישען אידענטום איבער דער וועלט.

אָבער ניט אַלעמאָל האָט אונזער היגער גרויסער פיהרער געדאַרפט טאָן אַרבייט בלויז צווישען אָרטאָדאָקסישע אידען, און ציוניסטען. עס איז איהם אין זיין לעבען אויסגעקומען אָפט צו שטייען אויף איין פּלאַטפאָרמע מיט אויסגעשפּראָכענע געגנער פון אָרטאָדאָקסיע, געגנער פון ציוניזם, געגנער פון דער קאנגרעס באוועגונג ביי אידען.

אבער די גרויסע, לויטערע פערזענליכקייט, דער ריזיגער גייסט אין איהם, האט זיין גאנצען לעבען מנצח געווען איבער זיינע אויסגעשפראכענע געגנער, און טאקע ווייל ער האט קיינמאל ניט געקעמפט קיין פערזענליכען שטרייט, נאר אלעמאל אנגעפיהרט א מלחמת אלוקים, איז ער ארויסגעקומען דער זיגער.

דער גרעסטער עדות דערויף איז דאס, וואס נאך עד היום, נאך פופציג יאהר מיטארבייטערשאפט אין דער זעלבער שטאדט, פילאדעלפיא, וואוהין ער איז געקומען א יונגער אין יאהרען, איז ער עד היום נאך אזוי באליבט און רעספעקטירט.

ער האט דעריבער איבערגעלאזט א גייסטיגען חותם אויף דער אידישער פילאדעלפיא און זיין דערהאבענער נאמען איז אריינגעוועבט געווארען אין דעם משך פון איבער פופציג יאהר אין די אנאלען פון דער געשיכטע פון די אידען אין פילאדעלפיא.

אויב דאס איז האיאס, הכנסת אורחים, מושבי זקנים, בתי יתומים, דעי נוירסעריס, תלמוד תורות, עדיוקיישאנאל צענטערס ,ישיבות אדער מוסדי צדקה, קען מען ניט פארבייגעהן קיין בנין, צו וועלכען דער זקן־הרבנים זאל ניט האבען ביינעטראגען א ציגעל, אונטערגעשטעלט זיין פלייצע.

דאס איז שוין די טבע פון דעם אמת'ן פיאנער, פון דעם גייסטיגען פיהרער, וואס געהט אלעמאל פאראויס, און דאס פאלק פאלגט איהם נאך אין זיינע פוסטריט.

הלוואי זאל איהם באשערט זיין גאר אין די נאהענטע טעג אונז ווידעראמאל צו פארטרעטען ביי דעם פרידענס טיש, ווי ער האט עס געטאן אין דער צייט, ווען דער ערשטער שלום איז געשלאסען געווארען. הלוואי זאל ער זוכה זיין צו דערלעבען דעם אמתן שלום אויף דער וועלט, און שלום פאר אונזער געפלאגט פאלק איבער דער גאנצער וועלט, און א פרייע היימלאנד אין ארץ ישראל, אמן!

★

דר. אברהם א. ניומאן, ראבאי

געבוירען אין 1891, אין בריזשאן, עסטרייך.

געקומען מיט זיינע עלטערען קיין אמעריקע ווען ער איז אלט געווען אכט יאהר, און דערצויגען געווארען אויף דער נויארקער איסט סייד. פאטער איז געווען א סוחר, אבער זיינע זיידעס זיינען געווען תלמידי חכמים און חסידישע אידען אין דער זעלבער צייט.

דערצויגען געווארען ארום הענרי סטריט, נויארק, אריינגעטראטען אין דער ישיבה און האט אליין זיך צוגעגרייט פאר רידזשענטס. אין 10 חדשים האט ער געמאכט דעם קורס וואס דארף געדויערען געוויינטליך פיר יאהר.

צו 16 יאהר איז ער אריינגעטראטען אין קאלאמביא יוניווערסיטי, און נאך קאלעדזש שטונדען פארטגעזעצט זיינע לימודים אין דער ישיבה. האט

דע־נאך באזוכט דעם שעכטער סעמינאר, און אין 3 יאהר פארענדיגט א 4־יאהריגען קורס. פראפעסאר שעכטער האט איהם דערנאך באשטימט אלס אינסטרוקטאר אין די צוגרייטונגס קלאסען.

ווען אמעריקא איז אריינגעטראטען אין דער ערשטער וועלט מלחמה, האט דר. סיירוס אדלער, עה״ש, איהם רעקאמענדירט פאר טשאפלעין אין דער ארמיי, נאר אנשטאט איהם איז אנגעקומען ראבאי דאווידאוויץ, פון בני ישורון טעמפעל, האט דר. ניומאן דאן צייטווייליג איבערגענומען דאווידאוויץ׳ס פולפיט.

אונטער דר. ניומאנ׳ס פיהרערשאפט איז אויפגעבויט געווארען דאס בני ישורון טעמפעל. שפעטער איז ער דארט אנגאזשירט געווארען און איז פארבליבען ביז 1924, ווען ער איז איינגעלאדען געווארען איבערצונעמען קאנגרעגיישאן מקוה ישראל, די עלטסטע קאנגרעגיישאן אין פילאדעלפיא, און די 2טע עלטסטע אין אמעריקא.

פרעזידענט פון דראפסי קאלעדזש. ער רעדאקטירט אויך צוזאמען מיט דר. סאלאמאן צייטלין דעם „דזשואיש קוואטערלי רעוויו,״ און טוט אויך גלייכצייטיג זעלבסטשטענדיגע ליטערארישע ארבייטען.

אין פארגאנגענעם יאהר האט ער פארעפענטליכט א ביאגראפיע פון דר. סיירוס אדלער, א בוך פון 200 זייטען, וואס איז פריהער דערשינען ביי דער אמעריקאן דזשואיש קאמיטע אין א פאמפלעט. איז אויך דער אויטאר פון 2 בענדער „געשיכטע פון די אידען אין שפאניען,״ מיט ביאגראפיעס פון זייערע גייסטיגע פיהרער.

טראסטי און טשערמאן קאלעדזש קאמיטע, גרעטץ קאלעדזש, וויס פרעזידענט באר/ד אוו אווערסיערס, גרעטץ קאלעדזש. עקזעקוטיוו קאונסיל יונייטעד סינאגאג אוו אמעריקא, טשערמאן ארץ ישראל קאמיטע, יונייטעד סינאגאג אוו אמעריקא. פרעזידענט פילאדעלפיא ברענטש, יונייטעד סינאגאג אוו אמעריקא, פובליקיישאן קאמיטע דזשואיש פובליקיישאן סאסייטי אוו אמעריקא, רעקארדינג סעקרעטאר, אמעריקאן דזשואיש היסטאריקאל סאסייטי, רעוויזינג עדיטאר, יוניווארסעל דזשואיש ענסייקלאפידיע, רעדאקטאר פון „דזשואיש קוואטערלי רעוויו.״

מיטגליד פון באר/ד אוו דזשואיש מיניסטערס, פילאדעלפיא, ראביניקעל אסעמבלי, אמעריקאן דזשואיש היסטאריקעל סאסייטי, אמעריקאן היסטאריקעל סאסייטי, אמעריקאן אריענטאל סאסייטי, היסטאריקעל סאסייטי אוו פענסילווייניע, סטייט אדוויזארי באר/ד פעדעראלער פראיעקט פאר שרייבער, פענסילווייניע קאנסטיטושאן קאמעמאריישאן קאמיטע, אדוויזארי קאמיטע פאר בילדונג פאר דערוואקסענע, קאמיטע פאר א בעסערער פילאדעלפיא, קאמיטעט פון איין הונדערט, פרעזידענשעל עלעקטאר (דעמאקראטען) פאר פענסילווייניע, עהרען מיטגליד פון אידישער אקאדעמיע פון קונסט און וויסענשאפט, מיטגליד פון אריענטאלען קלוב, פילמאנט קאנטרי קלוב.

★

דר. שלמה גרינבערג, ראבאי

געבוירען אין האראשאן, רוסלאנד, דעם 8טען יאנואר, 1901. א זוהן פון מאריס און בעסי ג. באידענקא.

אין אמעריקא זינט 1905, האט באזוכט יוניווערסיטי אוו מינעסאטא, אין 1919 האט ער גראדואירט פון „טיטשערס אינסטיטוט," פון אידישען טעאלאגישען סעמינאר. אין 1922 באקומען דעם טיטול „בי עי" פון קאלעדזש אוו סיטי אוו ניו יארק. אין 1925 איז ער געווארען רב דורך דער גראדואירונג פון אידישען טעאלאגישען סעמינאר אין נויארק. אין 1932 האט ער באקומען דעם טיטול דר. פילאסאף אין דראפסי קאלעדזש, און זינט 1925 איז ער דער גייסטיגער פיהרער פון הר ציון טעמפעל, ווינפילד, אויך זינט 1932 דער לעקטאר איבער ערציאונג אין אידישען טעאלאגישען סעמינאר. אין 1941 געווארען „אסאשיאייט" פראפעסאר. איז דער אויטאר פון א גרויסער צאהל „סוירמאנס," און פארעפענטליכט ארטיקלען אין פארשיידענע זשורנאלען. פרעזידענט פון דער „אבוקה," און א מיטגליד פון אדמיניסטראטיווען קאמיטעט, פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקא, אין 1934, 1935. מיטגליד פון דער ראביניקאל אסעמבלי פון אמעריקא, איז געווען וויס פרעזידענט אין 1936, 1937, פרעזידענט אין 1937-1938. פרעזידענט פון פילאדעלפיער בארד אוו דזשואיש מיניסטערס אין 1936-1937, פרעזידענט פון דער פילאדעלפיער ציוניסטישער ארגאניזאציע, פרעזידענט פון פילאדעלפיער בראנטש פון יונייטעד סינאגאגס אוו אמעריקא, פון 1929 ביז 1932. איז געווען דער ראטגיבער צו די סטודענטען פון יוניווארסיטי אוו פענסילווייניע פון 1932 ביז 1935. מיטגליד פון טשאפלעינס רעליגיעזען קאמיטעט פון יוניווארסיטי אוו פענסילווייניא זינט 1936. דער אויטאר פון א בוך „ווי א איד דארף היינט לעבען," דערשינען אין 1940. אויטאר פון א סעריע לעהר־ביכער „הראשון." אויטאר פון „אידעאלען און ווערטען אין טראדיציאנעלע אידישע סידורים, דערשינען אין 1941. אויטאר פון „ערשטער טערמין אין א העברעאישע שולע," א וועג־ווייזער פאר לעהרער. מיטארבייטער אין „דזשואיש עקספאנענט," פארזיצער פון פילאדעלפיער צווייג „ליגע פאר דעם רעליגיעזען ארבייטענדען ארץ ישראל," אין 1941.

האט געהייראט בעטי ד. היימאן דייווים, דעם 13טען דעצעמבער, 1925, אין נויארק, זיי האבען 2 קינדער, משה און דניאל אשר. רעזידענץ, 2253 נ. 53טע סטריט, „סטודיא", 2258 דזשארדזשעס לעין.

הרב אפרים אליעזר הכהן יאלעס

רעזידענץ—1913 נ. 33טע סטריט. געבוירען אין סאמ־באר, גאליציען, זוהן פון באריהמטען גאון הרב שלום הכהן יאלעס, וועלכער איז געווען א תלמיד פון די גאוני הדור, דער „שואל ומשיב" און „בית יצחק." זיין פאטער איז געווען דער אב"ד אין ניישטאדט, מאשציסק און סטרי, א זוהן פון וועלט־באוואוסטען צדיק רבי ר' אורי, דער גרינדער פון דער באריהמטער סאמבארער דינאסטיע, א זוהן פון דעם גרויסען בעל מקובל רבי אפרים הכהן יאלעס, וועלכער איז געווען א תלמיד מובהק פון דעם גרויסען רבין ר' אורי, באקאנט אלס דער סטרעליסקער שרף, דער תלמיד מובהק פון דעם קדוש ר' שלמה פון קארלין, וועמען צדיקים האבען גערופען משיח בן יוסף, דער תלמיד מובחק פון גרויסען מעזריטשער מגיד רבי ר' בער, דער ממלא מקומו פון זיין גרויסען רבין דער בעל שם טוב הקדוש.

הרב יאלעס שטאמט אויך פון די באריהמטע פוסקים, דער ב"ח, דער טורי זהב און דער פני יהושע און אויך אזש ביז צום רבנו אשר ברב יחיאל, מחבר פון דעם רא"ש. (א טייל פון דעם יחוס איז געדרוקט אין דער הקדמה צו דעם ספר זכר ישעיה הכהן יאלעס פון מינסק, ווילנא, תרמ"ב).

פון דעם מוטער'ס צד, הרבנית הצדיקת אסתר שיינדל לוריא, שטאמט הרב יאלעס פון די באריהמטע פוסקים דער מהר"של, דער מהר"ם מלובלין, דער מגיני שלמה און דער „מגיד משנה" אויף קבלה, (א חבר פון דעם „נודע ביהודה" און ראש הרבנים פון פינסק אין יאהר ת"ק). די יאלעס משפחה האט א יחוס בריעף בן־אחר־בן ביז רבנו ישעיה כהן־צדק (יעלת חן) אין די צייטען פון די בעלי התוספות (פון 13טען יאהרהונדערט).

צו 4 יאהר האט ער אנגעהויבען לערנען תנ"ך, און א יאהר שפעטער משניות. צו 9 יאהר האט ער געלערנט צווישען לומדים ביי זיין גרויסען פאטער די שווערסטע סוגיות אין ש"ס ווי די סוגיא פון רבי „חנינא סגן הכהנים" און אנדערע, און האט שוין דאן גע'שמ'ט אלס עילוי. צו בר מצוה איז ער שוין געווען באהאווענט אין ערשטען חלק יורה דעה, פון די ערשטע קוואלען ביז די אחרונים. ער האט באקומען „התרת הוראה" און יעדען דאנערשטאג גע'פסק'נט שאלות אין בית־דין שטיבעל פון זיין גרויסען פאטער, דער סטרייער רב.

נאך בר מצוה האט ער מיט גרוים התמדה געלערנט ש"ם על הסדר, 7 בלאט א טאג, כדי מסיים צו זיין ש"ם יעדען יאהר. א טייל פון זיינע חדושי תורה זיינען אין יענע צייטען, אין תרס"ט, אפגעדרוקט געווארען אין תורה זשורנאל „מגן גבורים," און זיינע בקיאות און חריפות האבען איבערראשט די גרעסטע גאונים פון גאליציען.

ביי באריהמטע פראפעסארען האט דער יונגער עילוי געלערנט שפראכען, מאטעמאטיק און נאטור וויסענשאפט, און האט אנגעווענדעט די זעלבע מעטא־

דען פון אנאליטיק צו די שווערע הלכה פראבלעמען אין ש"ס און שלחן־ערוך. אין תרע"ג האט ער באקומען פולע סמיכות חכמים, „יורה יורה ידין ידין", פון די גרויסע גאונים ר' דוד הלוי איש הורוויטץ, רב ואב"ד אין סטאניסלאוו, ריש מתיבתא פון ישיבת אור תורה, פון באוואוסטען ריישער רב ר' נתן לעווין, פון הגאון ר' קאפל רייך, דער בודאפעסטער רב הכולל, און פון א צאהל אנדערע גדולי ישראל.

האט זעהר יונג באקומען טיפע פארשטענדניש אין די מיסטישע לעהרען פון קבלה און חסידות דורך זיין גרויסען זיידען דער סאמבארער רבי ר' אורי הכהן, א גרויסער בעל מקובל און א תלמיד מובהק פון אלטען בעלזער רב, הצדיק ר' שלום רוקח.

האט געהייראט א טאכטער פון זיין פעטער, סאקאלאווער רב ר' יהודה צבי הכהן יאלעס, וואס האט איבערגענומען די רבי'שע פיהרערשאפט אין סאמבאר, נאך דעם רבין ר' אורי'ס פטירה. הרב יאלעס האט נאך אין זיינע גאר יונגע יאהרען געפיהרט א ישיבה אין סטרי פון געציילטע יונגעלייט, און געהאלפען זיין פאטער אנצופיהרען דעם בית־דין צדק אין שטאט.

אין דער ערשטער וועלט מלחמה, (יולי 1916), איז הרב יאלעס באשטימט געווארען אלס מיליטערישער ראבינער (טשאפלעין) אין דער עסטרייכישער־אונגארישער ארמיי, האט געשאפען כשר'ע קיכען פאר סאלדאטען און אונטערשטיצערן אין די עטאפען געביטע, האט שטארק נושא חן געווען ביי גענעראלען און מיניסטארען און האט אסך געווירקט לטובת אידישקייט.

נאך דער מלחמה האט זיין נאמען דערגרייכט קיין ניו יארק, און אין 1921 האבען די סאמבארער חסידים אין ניו יארק איהם ארונטערגעבראכט קיין אמעריקא. ער איז אויפגענומען געווארען פון די פראמינענטע חסידים און פראפעסיאנאלען, צווישען זיי אויך פון דר. איזידאר העלד, באריהמטער הארץ ספעציאליסט, און בערנארד זעמעל, באוואוסטער כלל־טוער.

ערב ראש חדש ניסן תרפ"א איז ער אויפגענומען געווארען אלס רב פון דער סטרייער שוהל אויף איסט 10טע סטריט, ניו יארק. אין דעם זעלבען יאהר, ערב ראש חדש אלול, 1טען סעפטעמבער, 1921, איז ער איינגעלאדען געווארען אנצונעמען די כסא הרבנות פון דער כרם ישראל שוהל אין פילאדעלפיא, און אין פארלויף פון 6 חדשים האט זיך דער יונגער רב אזוי באליבט געמאכט ביי דער חשוב'ער קהלה, אז חול המועד פסח, תרפ"ב, האבען זיך פארזאמעלט אלע פרעזידענטען און גבאים מיט ספעציעלע דעלעגאטען פון אלע אנדערע שוהלען אין סטראבערי מענשאן און האבען איהם געגעבען א גע'חתמ'טען כתב רבנות ווי אמאל אין די אייראפעאישע קהלות.

אין מארטש, 1924, האט די טרענטאנער פאראייניגטע קהלה אויפגענומען הרב יאלעס אלס רב הכולל אויפ'ן ארט פון הרב יוסף קאנוויץ, פרעזידענט פון אגודת הרבנים. אבער סטראבערי מענשאן האט דאן אנגעהויבען רופען מאסענפארזאמלונגען ניט צו דערלאזען אז הרב יאלעס זאל פארלאזען סטראבערי מענשאנער קהלה, וואס האט זיך ערשט ריכטיג אנגעהויבען אנטוויקלען אויף

רעליגיעזע און אנדערע געביטען. אלס רעזולטאט דערפון איז הרב יאלעס פאר־בליבען אין סטראבערי מענשאן עד היום.

זיין השפעה האט זיך ניט באשריינקט בלויז אויף סטראבערי מענשאן געגענט, נאר לאזט זיך אלע מאל פיהלען איבער דער שטאט פילאדעלפיא. אין מאי, 1924, האט ער געגרינדעט דעם בית־דין צדק פאר רעליגיעזע ענינים. שפעטער, אין 1928, האט דאס בית־דין פונקציאנירט אלס שטאט־ישער ועד הרבנים פון דעם ועד העיר, און אין 1935 איז דיזער ועד געווארען דער מוסטער פון א פאראייניגטען ועד הרבנים מיט הרב לעווינטהאל בראש. דער ועד הרבנים עקזיסטירט עד היום מיט הרב יאלעס אלס טשערמאן פון דער עקזעקוטיווע (ראש בית־דין).

הרב יאלעס האט אויך געהאלפען גרינדען די ישיבה אין סטראבערי מענשאן, און העלפט אויך אנדערע מוסדות אין שטאט.

אין י"ז אלול תרפ"ד איז נפטר געווארען זיין ערשטע רבי'צן, בינה ע"ה, וואס האט איבערגעלאזען א טאכטער, שרה.

אין תרצ"ב האט הרב יאלעס געהייראט אין אנטווערפען די איצטיגע יונגע רבי'צן, פעסיע פאלאק־הורוויץ, וואס שטאמט פון של"ה הקודש, און פון לובלינער שר ר' שאול וואהל, וואס איז געווען איין טאג דער קעניג פון פוילען. זיי האבען א צווילינג, אסתר און שושנה.

דער רבי'צנ'ס מוטער'ס פאטער איז געווען דער גאון הדור ר' אריה ליבוש הלוי איש הורוויטץ, מחבר פון שאלות ותשובות „הרי בשמים," פריהער אב בית־דין אין סטרי, וועמענס ארט אין רבנות הרב יאלעס'עס פאטער האט איבער־גענומען אין תרס"ד.

הרב יאלעס האט גרויסע פארדינסטען דורך אריינברייגען דעם קהלה גייסט אין פילאדעלפיא, ווי אויך פאר דער אקטיווער ארבייט אין דער אמעריקאנער אידישער קאנגרעס באוועגונג. ער איז געווען א דעלעגאט צום ערשטען אידישען וועלט קאנפערענץ אין זשענעווא, וואו עס איז געגרינדעט געווארען דער אידישער וועלט קאנגרעס.

ער איז דער גרינדער און אנפיהרער פון דער היגער מזרחי באוועגונג און דער פארשפרייטער פון לערנען דעם דף יומי אין פילאדעלפיא.

איז דער מחבר פון „כתבי אחיעזר" אויף שיטות הש"ס, געדרוקט אין סטרי, תרצ"ג, אלס טייל פון דעם ספר שאלות ותשובות „שמן הר'אש" פון זיין ברודער, דער יעצטיגער סטריער רב, ר' ישעיה אשר הכהן יאלעס.

איז אויך א שטענדיגער מיטארבייטער פון דעם העברעאישען זשורנאל „הפרדס," שיקאגא.

אין הרב יאלעס'עס דרשות און פארטראגען פיהלט זיך די השפעה פון די בארימטע וויענער מייסטער אין קונסט און פילאסאפיע. זיינע אריגינעלע ידיעות אין פסיכא־אנאליטיק שטעלט איהם אין דער רייהע אלס אן אייגנ־ארטיגען לעקטאר.

הרב יאלעס איז פאררעכענט אלס איינער פון די לייטענדע גייסטער אין דעם אידענטום, וואס פאראייניגט אין זיך תורה און חכמה.

הרב מרדכי שלמה ברזל

רעזידענץ — 1825 נ. 33טע סטריט. אפיס: בני ישורון קאנגרעגיישאן, 33טע און דיימאנד סטריטס.

געבוירען אין טבריא, ארץ ישראל, אין 1899, א זוהן פון הרב פנחס ברזל און גאלדע. פאטער א הייסער אנ־הייננער און נאכפאלגער פון בעיאנער רבין, און ראש פון די חסידים אין ארץ ישראל.

געלערנט אין ישיבת אור תורה, טבריא, ישיבת ריד״בז, און חתם סופר. אין אמעריקא זינט 1915, געווען העב־רעאישער לעהרער אין בלומפילד, ניו דזשוירזי, גלייכ־צייטיג געמאכט האי סקוהל און קאלעדזש. האט באזוכט וויליאם און מערי קאלעדזש אין פארטסמוטה, ווירדזשיניא ,האט דעם טיטול בעטשלאר אוו סייענס און מאסטער אוו ארטס. ערשטע ראבינער שטעלע גע־האלטען אין ניופארט ניוס, דערנאך געווען רב אין פארטסמוטה.

אין 1933 געקומען קיין פילאדעלפיא, איז אויפגענומען געווארען פון קאנג. בני ישורון, וואו ער איז דער גייסטיגער פיהרער פאר די לעצטע 9 יאהר.

האט סמיכה פון צפת׳ער רבנים און ישיבת חתם סופר, און באקומען אן אלגעמיינע דערציאונג אין אמעריקא, ראטגערס יוניווערסיטי, וויליאם און מערי קאלעדזש, דראפסי קאלעדזש.

האט געהייראט רבקה שפירא אין 1914, זיי האבען א זוהן, בן ציון, האט גראדואירט פון טעמפעל יוניווערסיטי, און א טאכטער, גאלדע טויבע, האט גראדואירט האי סקוהל.

פרעזידענט פון בארד אוו דזשואיש מיניסטערס, גרינדער פון יאנג ווימען און מענס קלאב פון בני ישורון, געווען פרעזידענט פון סטראבערי מענשאן ציון דיסטריקט, טשערמאן פון סטראבערי מענשאן קאמיוניטי סיוויק קלוב, און האט צו זיין קרעדיט וואס ער האט אויפגעלעבט א פארנאכלעסיגטע שוהל און זי גע־בראכט צו דער זעלבער הויכער שטופע, ווי דר. אייבערהעם א. ניומאן האט גע־געפלאנעוועט., מרס. ברזל איז אקטיוו אין דער סיסטערהוד און אויך אין דער הדסה.

★

אדמו״ר משה צבי טווערסקי (טאלנער רבי)

רעזידענץ — 1437 ס. 6טע סטריט. אפיס — דער זעלבער. געבוירען אין טאלנע, אין 1890, דער זוהן פון אדמו״ר מנחם נחום טווערסקי, דער ממלא מקום פון רב דוד׳ל טאלנער. די מוטער, סימע, האט געשטאמט פון דעם סאוראניער רב׳ס נזע.

געלערנט אין טאלנע ביי די גרעסטע פריוואטע מלמדים, און האט אויך געהאט לעהרער פאר וועלטליכער בילדונג.

אין אמעריקא זינט 1922. איז פריהער געקומען קיין נויארק, שפעטער

האבען חסידים איהם אריבערגעבראכט קיין פילאדעלפיא, האט געגרינדעט די צמח דוד שוהל, אויפ'ן נאמען פון זיידען, רב דוד'ל טאלנער.

האט געהייראט רבקה העשיל, די טאכטער פון הרב זיסעלע, דער בן יחיד פון אדו"מר הרב יחיאל'קעל קורילאוויצער.

זיי האבען 5 זיהן און 3 טעכטער. זיסיע טווערסקי, האט געענדיגט ישיבת רב יצחק אלחנן, אן אקאונטענט ביי נתן קאדראוו, פון דער קוועיקער מעיד. איז פארהייראט צום גארליצער רבינ'ס טאכטער, לאה'קע. פייגעלע, איז פריהער געווען פארהייראט צו א זוהן פון באלטימארער רב, געבליבען זעהר יונג אן אלמנה. און דערנאך געהייראט א היגען משכיל, ברוך טראכטמאן. מאיר טווערסקי, א סערטיפייט פאבליק אקאונטענט, איצט אין דער אמעריקאנער ארמיי. הינדע, א בוכהאלטערין אין דער קוועיקער מעיד, נחום, דוד, שיינדעלע און מאטעלע, אלע אין סקוהל. די לעצטע צוויי קינדער זיינען געבוירען אין אמעריקא.

דער טאלנער איז געקומען א פליט פון רומעניען, האט דא געבויעט זיין שוהל, און פיהרט א גוט אידיש הויז, פראוועט טישען ווי זיינע אבות אבותנו און זיין קלויז איז פאפולאר צווישען אנשי שלומנו.

★

אדו"מר יעקב ראבינאוויטץ (מאנאסטרישטער רבי)

רעזידענץ, 2302 ס. 6טע סטריט.



געבוירען אין 1901, אין מאנאסטרישטש, א זוהן פון דעם בארימטען אדו"מר יהושע העשל און מרגלא רחל, די טאכטער פון סאקאליפקער רבין, הקדוש, רב פנחס, זצ"ל.

דער מאנאסטרישטשער רבי שטאמט פון די גזע'ם ליניע, אפטע און סאווראן.

איז דערצויגען געווארען אונטער דער השפעה פון זיין בארימטען טאטען, (דער מאנאסטרישטשער), וועלכער האט זיך גערעכענט פאר איינעם פון די גדולי הדור אין דער חסידישער וועלט.

דער איצטיגער מאנאסטרישטשער רבי איז א מוסמך פון אומאנער רב, הגאון רב שלום מלמד, אויך פון דעם בארימטען טעפליקער רב, הגאון רב שמשון אהרן פאלאנסקי, ווי אויך פון דעם קיעווער רב הגאון רב נחום ווייסבלאט, ז"ל, און פון דעם ריגער רב הכולל, הגאון זאק, שלי"טא.

האט געהייראטביילע, די טאכטער פון קאנטעקוזעווער רבין, אדו"מר רב פנחס, זצ"ל, אן אייניקעל פון טשערנאבעליער, אויך פון דעם בערדיטשעווער רב, און פון רב אהרן קארלינער, און דער פינפטער דור פון דעם בעל התניא.

זיי האָבען צוויי קינדער: פנחס, 16, ענדיגט האַי סקוהל, לערענט אויך פּריוואַט, איז אַ מיטגליד אין חברה ש״ס. מרגלא, אַכט יאָהר אַלט, פּאַבליק סקוהל און תלמוד תורה.

איז אין אמעריקא זינט 1924, האָט ביי זיין אָנקומען דאָ געגרינדעט די חסידישע שוהל בית יעקב, און האָט אַ נאָכפאָלגערשאַפט פון חסידים פון דער היים, וואָס גדיינקען און האָבען גוט געקענט דעם אַלטען מאַנאַסטרישטשער רבי׳ן, און ער האָט אויך אַ סביבה פון אנשי שלומנו וואָס קומען שבתים און ימים טובים צו זיינע טישען און הערען דברי תורה.

דער מאַנאַסטרישטשער רבי אין פילאַדעלפיא איז אויך באַקאַנט פאַר אַ שיינעם מנגן און אַ וואונדערליכען מתפלל. ער אַנציקט מבינים סאַי מיט זיין האַרציגען נוסח התפלה און סאַי מיט זיינע אימפּראַוויזאַציעס און מוזיקאַלישע רעשטשיטאַטיווען.

★

הרב דוד שלמה הכהן נאַוואַסעלער

גייסטיגער פיהרער פון קאָנגרעגיישאָן בני יהושע, 5343 וועסט בוירקס סטריט, ווינפיעלד. אָפּיס אין בני יהושע שוהל. געבוירען אין אוקראַינע, אַ זוהן פון הרב משה חנוך הכהן און שרה נאַוואַסעלער. פאָטער איז געווען 27 יאָהר רב אין טשעאַנאַאַסטרא. פון פאָטער׳ס צד שטאַמט ער פון נאַנטשעסטער רב שלמה און פון מוטער׳ס צד 7טער דור פון בערדיטשעווער רב, לוי יצחק זצ״ל.

געלערענט ביי מלמדים און מיטן פאָטער, ביז 23 יאָהר. באַקומען סמיכה פון ווינניצער רב, הרב משה נתן הלוי רובינשטיין, געהייראַט רבקה מרים, אַן אייניקעל פון אדו״מ הרב יחיאלק״ל קורילאַוויצער, זצ״ל, אַ טאָכטער פון מלכה׳לען, אַ שנור ביים מאַקאַראָווער רבי׳ן, רב משה מרדכי׳לע, ז״ל.

פינף קינדער—שלום חיים, אַ גראַדואירטער פון ישיבה יצחק אלחנן, פון רעוועל ז״ל, הרב שמחה סאַלאַווייטשיק, ז״ל, און הרב אראַנאָוויטש. שלום חיים איז אויך אַ געענדיגטער ב, א, און ער שטודירט איצט אין דראָפּסי קאַלעדזש. מלכה דבורה האָט גענומען אַ קורס אין טעמפּעל יוניווערסיטי, איז אַ „טעכנישען״ אין נאָרטהערן ליבערטים האָספּיטאַל. הינטע מאַטליע האָט געענדיגט אָווערברוק סקוהל, באַזוכט גרעטץ קאַלעדזש. די אינגערע קינדער זיינען משה מרדכי און הירש ליב.

הרב נאַוואַסעלער האָט געענדיגט 6 קלאַסען אויף קאַזיאָנע ראַבינער אין צייט ווען ער איז שוין געזעסען על כסא הרבנות, געווען קאַזיאָנער רב אין זשמערינקע און פּילשטין. אין דער יוגענט געשאַפען אַ צאָהל חבורים אויף תורה, יורה דעה, אגדה און פּלפּול, ווי אויך שאלות ותשובות וואָס ער האָט אַליין גע-שריבען און געענטפערט.

אין צייט פון פּאָגראָמען אין אוקראַינע פאַרלוירען אַלע חבורים. איצט

איז ער זיי באניים מסדר און גרייט זיי צו צום דרוק. זיינע איצטיגע רעדעס שעפט ער נאך אלץ פון יענעם קוואל פון וועלכען ער האט געטרונקען אין זיין יוגענט.

הרב נאוואסעלער גיט זיך אויך אפ מיט דער יוגענט אין זיינע לעקציעס איבער תלמוד, לערנט אויך יעדען מיטוואך דעם בלאט גמרא און א גאנצע וואך אויך אנדערע לימודים, ווי תורה און עין יעקב.

הרב נאוואסעלער האט פארעפענטליכט איינינע ארטיקלען אין „הפרדס," און ער איז אויך פארטראטען אין „פילשטין," א בוך היסטארישע מאטעריאלען וואס שילדערען די בלוטיגע פאגראמען אין אוקראינע, אין תר"עט.

צוזאמען מיט דער בני יהושע ווערט אויך אנגעפיהרט מיט א תלמוד תורה וואס שטייט אונטער דער אויפזיכט פון רב'ס זוהן, הרב שלום חיים נאוואסעלער.

★

הרב מנחם מרדכי פרענקיל־תאומים



געבארען אין ירושלים, ארץ ישראל, כ"ב תמוז, ה"תרמ"ב. זיין פאטער, דער באריהמטער מקובל הרה"ח רבי אלטער יששכר פרענקיל תאומים (דער מחבר פון הגהות ובאורים לספר אוצרות חיים פון ר' חיים ויטאל זצ"ל). זיין מוטער, הצדקת צביה בת הרה"ח המשכיל ר' גרשון סופר רוקח ע"ה.

זיין יחוס שטאמט פון פאטערס צד פון דער באריהמטער משפחה פרענקיל־תאומים, וועמעס יחוס ציהט זיך פון מהרש"ל און רש"י ביז רבן גמליאל הזקן מזרע מלכות בית דוד המלך ע"ה. פון דער מוטערס צד, פון דעם באוואוסטען גאון ופוסק דער מבי"ט ז"ל.

זיינע רביים: אלס בחור איז ער געוועזען דער תלמיד פון הרה"ג החריף ר' ישעיה אורנשטיין (וועלכער האט איהם דאן גענומען אלס איידעם) און זיין זוהן דער באריהמטער גאון וחכם ר' יעקב אורנשטיין ז"ל. דאן איז ער געוועזען דער תלמיד פון דעם וועלט באריהמטען גאון און געלערענטען רבינו יצחק ירוחם דיסקין, דער זוהן פון דעם באוואוסטען בריסקער רב גאון הגאונים ר' יהושע ליב דיסקין זצ"ל.

הרב פרענקיל האט אויך געלערענט וועלטליכע וויסענשאפטען, צוליב וועלכען צוועק ער האט אויך ערלערענט פארשידענע שפראכען ווי אראביש, דייטש, פראנצויזיש און ענגליש. אין העברעאיש און אראמיש איז ער איינער פון די בארימטסטע קענער.

זיין סמיכה האט ער געקראגען פון הרבנים הגאונים ר' חיים יעקב שפירא און ר' יעקב אורנשטיין, די פיהרער פון ישיבת אהל משה אין ירושלים, (באוואוסט אונטער דעם נאמען דעם בריסקער רב'ס ישיבה), פון הרב הגאון רא"י קוק, הרבנים ר' יוסף גרשון הורוויץ, ר' יחיאל מיכל ד"ץ און ר' יעקב משה חרל"פ, רבנים און מורי הוראות אין ירושלים.

אַלס יונגערמאַן האָט ער גענומען אַ גרויסען אַקטיווען אַנטייל אין דער פיה־רערשאַפט פון ארץ ישראל, הויפטזעכליך נאָך דער ענגלישער אקופאַציע אין 1917, צוליב וועלכען ער איז אַרויסגעטראָטען אַלס רעדנער און קאָרעספאַנדענט אין די דריי שפּראַכען: העברעאיש, אידיש און דייטש.

זיינע תורה אַרטיקלען אין הלכה און אגדה זענען געדרוקט אין פאַרשי־דענע תורה זשורנאַלען, ווי דער אור תורה, הפסגה א. אז. וו. ער האָט זיך אויף געשריבען מיט אסך גאוני הזמן, צווישען זיי אויך מיט דעם לובלינער רב הגאון ר' אליהו קלאַצקין, וואו עס איז אויך געדרוקט זיין תשובה אין זיין ספר דבר אליהו. עס זענען אויך געדרוקט אין זיין נאָמען תורה אַרטיקלען אין פאַרשי־דענע אַנדערע ספרים ווי אין כבוד חכמים, ואמרו אמן, א. א.

הרב פרענקיל איז אַ גרויסער מחדש אין תורה און האָט שוין מחבר געוועזען די פאָלגענדע ספרים: דרוש וחדוש על התורה, 10 וואָליומס. דרוש וחדוש להפטורות וחמש מגילות, 6 וואָליומס. בית תלמוד אויף ש"ס בבלי וירושלמי. מגדנות השלחן אויף די ארבעה שלחן ערוך. הרעיון והדרוש אויף אגדות הש"ס, 4 וואָליומס. הבאור והרעיון אויף מדרש רבה ותנחומא, 11 וואָליומס. בינה במקרא, אויף נביאים וכתובים. הגיון תפלה אויף ספר תהלים. הגיון תפלה אויף סדור. הגיון לב אויף פיוטים און סליחות. מועדי קדש, דרשות און רעיונות פאַר שלש רגלים, ראש השנה ויום כפור, 5 וואָליומס. אור הנר, וועגען די עניני חנוכה. ריוח והצלה, וועגען עניני פורים. הגיון פלאים, אויף הגדה של פסח. דרושים לכל חפציהם, אויף פאַרשידענע ענינים. באר האבות אויף מסכת אבות. כי אם לבינה תקרא אויף אלע אל תקרי"ם פון דער תלמודישער ליטעראַטור ספר משא ומתן, 2 חלקים, פאַרהאַנדלונגען אַלס שאלות ותשובות. ישראל וקניניו, אבהאַנדלונגען איבער אידישע גייסטיגע פאַרמעגענס. נצוצות, אבהאַנדלונגען איבער אַלגעמיינע לעבענס־פראַגען דורך אַ פילאָזאָפישען אי־בערבליק.

קומענדיג אין אמעריקא (1921) איז ער געוועזען דער רב און ראש ישיבה פון ישיבת ר"ח ברלין און איינינע קהלות אין ברוקלין. אין 1931 איז ער גערופען געוואָרען נאָך פילאַדעלפיא וואו ער פאַרנעהמט אַ חשוב'ען אָרט אין דער רבנות און איז ספּעציעל דער רב און ראש הישיבה פון ישיבת משכן ישראל.

★

הרב שלום צבי שניידערמאַן

געבוירען אין נעוועל, רוסלאַנד. האָט זיך אין דער יוגענט אויסגעצייכענט אַלס תלמיד ביי דעם באַריהמטען גאון צדיק, אדו"מר שלום דוב שניידערמאַן און אויך אונטער דער אויפזיכט פון דעם היינטיגען ליובאַוויטשער רבין, אדו"מר רב יוסף יצחק שלי"טא.

אַלס יונגערמאַן איז ער איינגעלאַדען געוואָרען צו זיין דער מנהל פון איינע פון די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס פאַר אידישער דערציאונג אין לאַטוויע, די ישיבה „תורה ודרך ארץ" אין ליבאַווע.

אין די לעצטע פופצען יאָהר איז הרב שניידערמאַן דער גייסטיגער פיהרער פון קאָנגרעגיישאַן דורשי שלום, און מנהל און ראש

מתיבתא פון ישיבת אהל משה ותלמוד תורה דסטראבערי מענשאן, איינע פון די וויכטיגסטע צענטערס אין פילאדעלפיא.

הרב שניידערמאן איז א חבר אין דער אגודת הרבנים, איז איינער פון די גרינדער און פיהרער פון דער „אגודת חבד" אין פילאדעלפיא, און איז אויך אקטיוו אין א רייהע געזעלשאפטליכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס אין פילא־דעלפיא.

★

ראבאי שלמה אריה לאנג

רעזידענץ — 6235 וואַרינגטאן עוועניו, סטודיאָ: קאנגרעגיישאן בית אל, 58טע און וואלנאט סטריטס.

געבוירען אין ארץ ישראל, אין 1898, א זוהן פון דוד חיים און העניע לאנג, דערצויגען געוואָרען אין הרצליה גימנאזיע, תל אביב, און אין בית מדרש לרבנים, 3080 בראָדוועי, ניו יאָרק.

אין אמעריקא זינט 1899, האָט געהייראט רבקה גרינשפאן, און זיי האָבען איין טאָכטער הדסה, אין פּאָבליק סקוהל, און איין זוהן, עזרא יוחנן, אין פענ־סילווייניא יוניווערסיטי.

פּרעזידענט ראבּיניקעל אַסעמבּלי אָוו אַמעריקא, וויס טשערמאן דזשואיש וואָר באָרד קאָמיטע פאַר דער אַרמיי און נייווי טעטיגקייטען. אויטאָר פון ביכער און אַרטיקלען איבער אידישער דערציאונג און פּאַמיליען פּראָבּלעמען, רעדאקטאָר פון באַהאַנדלונגען ביי דער קאָנווענשאָן פון ראבּיניקעל אסעמבלי פון אמעריקא."

★

ראבאי מאיר לאסקער

געבוירען אין 1903, און דערצויגען געוואָרען אין די סקוהלס פון פּראָווידענס, רהאָוד איילאַנד. האָט שטו־דירט אין טאַפטס קאַלעדזש, און גראַדואירט פון סינסינעטי יוניווערסיטי אין 1927, נאָכדעם ווי ער האָט פּאָרטגעזעצט גראַדואיר אַרבּייט אין יוניווערסיטי אָוו שיקאַגאָ און יוני־ווערסיטי אָוו סינסינעטי.

אין 1928 האָט ער גראַדואירט פון היברו יוניאָן קאָ־לעדזש אין סינסינעטי, און ער האָט באַקומען דעם מאָר־געגטוי טראַוולינג פעלאָושיפּ. ער האָט אַסך דערפאַהרונג מיט דעם אַמעריקאַן סקוהל אָוו אָריענטאַל ריבּווירטש, און מיט דעם העברעאישען אוניווערסיטעט אין ירושלים, און אין 1929-1930 האָט ער אויך געמאַכט אַ שטודיום פון פּראָגרעסיווען אידענטום אין פּוילען. ער

האט אויך ארגאניזירט די באוועגונג פון רעפארם אידענטום אין האאג, האלאנד.

ראבאי לאסקער איז געווען דער גייסטיגער פיהרער פון דעיטאן וויז סינאגאג, דעיטאן אהייא, און דערנאך איז ער אויפגענומען געווארען אלס גייסטיגער פיהרער אין האוואנא, קיובא, וואו ער האט געהאלטען די שטעלע אכט יאהר.

איז געווען וויס פרעזידענט פון דער סענטראל קאמיטע אין קיובא, און וויס־פרעזידענט פון די פריינט פון קיובא פאר פליכטלינגע. אין קיובא האט ער אויך ארגאניזירט הילף פאר פליכטלינג קינדער מיט א ספעציעלער שולע.

אין זיין אנקומען צו טעמפעל דזשודעא האט ראבאי לאסקער באקומען די אונטערשטיצונג פון ראבאי וואולסי, פון רודף שלום, און דר. וויליאם ה. פיינשרייבער, פון כנסת ישראל קאנגרעגיישאן, און פון א צאהל אנדערע פראמינענטע פיהרער אין פילאדעלפיא.

★

הרב אברהם אריה פאפקא

רעזידענץ—512 ריטנער סטריט. אפיס— דער זעלבער. געבוירען אין 1911, אין ביאלא, לעבען סמאלענסק, דער זוהן פון הרב הגאון ר' אליעזר פאפקא. זיינע זיידעס זיינען געווען באריהמטע אדוואקאטען, ריכטער און אייזענבאהן בויער. די מוטער, א גרויסע יחסנ'טע, די טאכטער פון סאראטאווער רב, הרב הגאון ר' יעקב משה סאפיר.

הרב אברהם אריה פאפקא האט געלערענט אין ראדין, ביי זיין מחותן, הגאון חפץ חיים ז"ל, אין בעראנאוויטש, ראזשענאי. און מעזריטשער ישיבות. א מוסמך פון ראדין, און פון הרב הגאון ר' חיים עוזר גראדזענסקי, און פון אנדערע גאוני יוראפ.

האט געהייראט סאניע שעסטאק, די טאכטער פון הרב משה שעסטאק, ז"ל, א באקאנטע ציוניסטישע טוערין, וואס איז נאך איצט אקטיוו אין געווערקשאפטען קעמפיין און אנדערע ארץ ישראל ארבייטען. זיי האבען 3 קינדער: שולמית, 5 יאהר אלט, עדיוקיישאנאל צענטער נומער 2, און א צווילינג, בלומע און מרים, 2 יאהר אלט.

הרב פאפקא איז דער רב פון סאוטה פילאדעלפיא, דער גייסטיגער פיהרער פון שערי אליהו, 8טע און פארטער; שערי ישראל, 4טע און פארטער; בית שמואל, מארשאל און ריטנער, און מגידי תהלים, 6טע און מוירסי סטריטס. לערנט פארן עולם טעגליך דעם דף אין מגן אברהם שוהל, 4טע און מארים סטריטס.

אין אמעריקא זינט 1934, און אין פילאדעלפיא פאר די לעצטע 6 יאהר. מיטגליד אין מזרחי פרעזידיום, געוועזענער וויס פרעזידענט, איז דער מנהל פון בית ועד לחכמים. גרינדער פון דער חברה ש"ס אין בית שמואל, וואו מען לערנט דעם דף יומי פאר די לעצטע 5 יאהר. האט אפגעגעבען סטייט עקזאמען פאר האי סקוהל, און באזוכט איצט טעמפעל יוניווערסיטי. האלט לעקציעס פאר סטודענטען אין יוניווערסיטי אוו פענסילוויניע וועגען וויסענשאפט על פי התלמוד.

ראבאי לואיס וואולסי

געבוירען אין מידלאנד, מישיגען, דעם 8טען יאנואר, 1877, דער זוהן פון וויליאם און פראנציס (קריגער) וואולסי. האָט באזוכט דעם סינסינעטי יוניווערסיטי, האָט גראדואירט פון היברו יוניאָן קאלעדזש, סינסינעטי, אין 1899, מיט דעם טיטול דאקטאר אָוו דיווינעטי, האָט דערנאָך באקומען העכסטע עהרען צייכענס אין 1939. האָט אויך גראדואירט אין יוניווערסיטי אָוו שיקאגא, וועסטערן רעזערוו און יוניווערסיטי אָוו פענסילווייניע.

האָט געהייראט פלארענס העלען ווינער, דעם 12טען יוני, 1912, (איז גע־שטאָרבען מיט א פאָר יאָהר צוריק. קינדער — אלאַן ל. וואולסי, יונתן ל. (שוין עליו השלום).

איז געווען דער גייסטיגער פיהרער פון קאנגרעגיישאָן בני ישראל, אין ליטל ראק, ארקעסא, פון 1899 ביז 1907, יוקליד עוועניו טעמפעל, קליוולאנד, פון 1907 ביז 1925, און זינט 1925 איז ער דער גייסטיגער פיהרער פון קאנגרע־גיישאָן רודף שלום, אין פילאדעלפיא.

מיטגליד פון דער באָרד אָוו עדיוקיישאָן, ווען ער איז געווען אין ליטל ראק, טשעפלעין פון נעשאנאל גארד, 1907, מיטגליד פון דער סענטראל קאנפערענץ פון אמעריקאנער ראבאיס, געוועזענער פרעזידענט פון 1925 ביז 1927, טשער־מאן פון רעווידירונג פון די יוניאָן הימען, דירעקטאר פון דער פעדערייישאָן אָוו דזשואיש טשאריטיס, טראסטי פון דער אמעריקאן אריענטאל ססייעטי, סאָסייעטי פאר ביבלישער ליטעראטור, מיטגליד פון דער באָרד פון דער קאָמיטע פון אידי־שער בילדונג, טשערמאן פון מעיאָר'ס קאָמיטע צו קאנטראָלירען פארברעכען, אין 1937, מיטגליד פון פילאדעלפיע פארטיידיגונגס קאונסיל.

קלובס—פילמאונט און עשבורן. זיין היים געפינט זיך אין מעיפעיר האוז. ראבאי וואולסי'ס סטאָדי געפינט זיך אין 615 נ. בראָד סטריט, פילאדעלפיא.

★

ראבאי אהרן דעקטער

האט באזוכט יוניווערסיטי אָוו פיטסבורג, אויך די מתיבתא תורה ודעת, און ישיבת רב יצחק אלחנן.

ראבאי דעקטער האט גראדואירט מיט אויסצייכנונגען פון ישיבה קאלעדזש, ניויאָרק, אין 1933. א מוסמך פון דזשואיש טעאָלאָדזשיקאל סעמינאר אָוו אמע־ריקא, אין 1937. האט באקומען א גרויסע צאָהל פרייזען, צווישען זיי אויך די באוואוסטע פרייז פאר תלמוד. א געוועזענער מיטארבייטער און שפעטער אויך רעדאקטאר פון „דזשואיש רעקארד", א חודשליכער נאציאנאלער זשורנאל אין קענעדע, היינט א וואָכענבלאט, דערשיינט אין טאראנטא.

געוועזענער אָרגאַנייזער פון דער „נעשאנאל קאנפערענס" פון אידען און קריסטען.

געוועזענער מיטגליד פון דער עדיוקיישאָנאל קאָמיטע פון הפועל המזרחי און פון דער נעשאנאל עדיוקיישאָן קאָמיטע פון דער יאָנג פיפלס ליעג פון די יונייטעד סינאגאגס אָוו אמעריקא. טשערמאן פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דעם מזרח ראיאן פאַר דעם אידישען נאציאָנאל פאָנד.

מיטגליד פון דעם אדמיניסטראַטיווען קאָמיטעט פון איסטערן פענסילווייניע ראיאן פון דעם יונייטעד פאלעסטיין אפיל.

מיטגליד פון דעם אַדמיניסטראַטיווען קאונסיל פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע פון אמעריקא, אין 1941. מיטגליד פון פילאדעלפיער ראיאן פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, פרעזידענט פון דעם סטראָבערי מענשאָן ציון דיסטריקט. וויס פרעזידענט פון פילא. ציון דיסטריקט. ראבאי דעקטער איז באוואוסט מיט זיינע רעדעס אויף דער ראדיאָ אין אלבאני און אין פילאדעלפיא.

דער גייסטיגער פיהרער פון טעמפעל איזראעל, פילאדעלפיא, די 3טע עלטסטע קאנגרעגיישאָן אין פילאדעלפיא און די 10טע עלטסטע קאנגרעגיישאָן אין אמעריקא. מיטגליד פון דעם אדמיניסטראַטיווען קאָמיטעט פון דעם אַמעריקאַנער אידישען קאנגרעס אין פילאַדעלפיא. מיטגליד פון נאציאָנאלען קאונסיל פון דער ליעג פאַר רעליגיעזע אַרבייטער, און סעקרעטאר פון פילאדעלפיער צווייג אין 1941-1942. שרייבט איצט אַ טעזיס פאַר דאקטאר דעגרי אין דראפסי קאלעדזש אויף דער טעמע: דאָס סאָציאלע לעבען פון אידען אין ארץ ישראל אין דעם 16טען יאהרהונדערט.

ראבאי אהרן דעקטער האָט געהייראט דאראטהי קאטץ, און זי דערוואַרט צו ווערען אַ מוטער אין סעפטעמבער, 1942.

די אידישע פילאדעלפיא מיט פערציג יאָהר צוריק

דער היינטיגער אידישער לייענער, וואָס איז דאָ ניט געווען אין יענער צייט, וועט זיך קוים קענען שאפען א באגריף ווי אונזער אידישע, גייסטיגע פילאדעלפיא האָט דאַן אויס־געזעהן.

דער שרייבער פון די שורות איז ערשט געווען אָנגע־קומען מעבר לים, און ווען ער האָט א קוק געטאָן אויף דעם גייסטיגען געשטאַלט פון דער פילאדעלפיער אידישער גאַס, איז ער גאָר מבולבל געוואָרען.

עס לויכטען אויף אין זכרון א צאָהל געשטאַלטען פון יענער צייט:

אברהם הוירש, א רומענישער יונגערמאַן, מיט אסך וויסען, א געזונטען מח, און נאָך א פיל ברייטערע האַרץ, וואָס האָט געקענט ארומנעמען דאָס האַרץ פון דער וועלט.

ביי אנדערע פעלקער וואָלטען אַזעלכע ווי אברהם הוירש געזעסען אין דיפּלאָמאטישע קאַמערען, געוואויגען און געמאָסטען יעדעס וואָרט. זיי וואָלטען געווען א כבוד פאַר זייער מלוכה, און וואָלטען זיך באַמיהט צו קריגען מעהר רעכט צווישען פעלקער פאַר זייער אייגען פאָלק.

ביי אונז אין פילאדעלפיא, איז אברהם הוירש געזעסען אין קאָסמאָפּאָליטאַן קאָפּיי, אָדער זיך געשלייכט אויף דער פּערטער און פינפטער גאַס, און „געכאַפּט א שמועס" מכח אידישער פּאָליטיק.

אונזער פּאָליטיק איז באַשטאַנען קודם כל פון צוואָוועהטאָגטער נייעס מכח פּאָגראָמען אויף אונזער פאָלק, אָדער אין קישינעוו, אָדער אין זיין אייגען היימ־לאַנד, אין רומעניען.

בכן, איז וואָס געווען די תרופה פאַר דעם אידישען אומגליק? טערריטאָריע.

האָט אברהם הוירש צוגעצויגען צו זיך דאַן דעם גאָר יונגען דינאַמישען טשאַרלס שנייער, א מענש, מיט א גיגאַנטישען קאָפּ, מיט א בריליאַנטענעם מח, נאָר מיט א מורא'דיגען אומרוה אין האַרצען.

איז אברהם הוירש געווען דער דיפּלאָמאטישער אמבאַסאַדאָר, טשאַרלס שנייער איז געווען דער פינאַנסיר, מחמת עס האָבען זיך געבאַמבעלט אין די קעשענעס עטליכע ניקעלס פון דער צירקולאַציע פון „דאָס פאָלק," און שפּעטער איז צוגעקומען אויך די „וואַרהייט," און טשאַרלס איז געוואָרען דער פּאַרוואַלטער.

נאָך א פּערזאָן, וועמען איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען, איז געווען יחזקאל עדעלשטיין. פון דער נאַטור א וואולקאַן, אָבער א סענטימענטאַלער מענש ווי א יונגפרוי.

עדעלשטיין האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט אידעאַליסטישע חלומות וועגען שאַפען אין פילאדעלפיא קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, קליידער געשעפטען,

קראַמען פאר מענער־היטלען, און „פּאַרוואָס טאַקע ניט קיין קאאָפּעראַטיווע בע־קערייען?״

אינצווישען האָט גענאַרפּט אָנהויבען דערשיינען דער ערשטער „אידישער קעמפּער.״ איז כאָטש יחזקאל עדעלשטיין דאָרף פּאַרוואַלטען מיט די קאאָפּעראַ־טיווע מסחרים, איז ער ניט פויל און ער ווערט אויך גלייכצייטיג דער פּאַרוואַלטער פון „אידישען קעמפער.״

פּאַסירט אַן אומגליק, אַז דער בחור פאָהרט אַרוים אין אַ רעזאָרט, פאַרגלוסט זיך איהם צו געהן שווימען, און ער „קומט שוין ניט צוריק.״ אַזאַ קלוגער בחור, און טוט אָפּ אַזאַ נאַרישקייט, און דערצו טאַקע נאָך פאַר דער חתונה.

נאָך אַ פּערזענליכקייט פון יענער צייט וואָס מען קען ניט פאַרבייגעהן, און ניט דערמאָנען איהם:

חיים וויינבערג, אין יענער צייט אַ „פול בלוטיגער אַנאַרכיסט, קאָמוניסט. וואו ער האָט גענומען די אידייע קען קיינער עד היום ניט זאָגען, מחמת אין יענער צייט האָבען אַלע געשוואוירען זיך, אַז חוץ אביסעל אידיש קען חיים וויינבערג ניט לייענען, און נישט שרייבען.

אָבער דער מענש האָט פאַרמאָגט אַ מערקווירדיגען, געזונטען חוש פון הומאָר, און אַז ער איז אַרויפגעקומען אויף דער פּלאַטפּאָרמע האַלטען אַ רעדע, האָט ער געגאָסען מיט שוועבעל און פעך אויף די „בלוטיגע״ קאַפּיטאַליסטען, און ער האָט אייך פאַרגעשטעלט אַ לאַגע פון אַ פּראָלעטאַריער, אַז עס איז פּשוט פאַר אייערע אויגען אויסגעוואַקסען אַ אידיאָט, אַ „באָנטשע שוויג,״ וואָס עס איז געווען אויף איהם אַ גאָט׳ס רחמנות.

געטומעלט האָט זיך אויף דער אידישער גאַס אין פילאַדעלפיא, אַז אײן גאָט זאָל שומר ומציל זיין.

אַנאַרכיסטען, סאָציאַל־דעמאָקראַטען, בונדיסטען, סיימאַוועצעס, ציוניסטען, פּועלי ציון, טעריטאָריאַליסטען, און אַזוי פון הערען און געדיינקען.

איז געקומען אַ בונדיסטישער רעדנער, האָט מען געמוזט ברייננען פּאָליציי, אַז עס זאָל זיך קיין בלוט ניט גיסען.

איז יאהאַן מאָסט געקומען ריידען, און דוקא צווישען אידען, כאָטש ער, בכבודו ובעצמו, איז גאָר געווען אַ הונדערט פּראָצענטיגער דייטש, האָט די פּאָליציי געמאַכט יעדע נאַכט איבערפאַלען, און אַרעסטען. און עס האָט זיך גערודערט, אַ שטאָדט איז געגאַנגען אויף רעדלאַך, און געטומעלט האָבען זיך אַלע, קאָמוניסטען צוזאַמען מיט די פּועלי ציון, אַלע האָבען געהאַט אַ צד אין דער משפּחה, און די גאַסען זיינען געווען שוואַרץ מיט מענשען, וואָס זיינען געקומען און זיך אָנגעלאָפען ווי אויף אַ בייז וואונדער.

נאָר דאָס איז געווען די גאָלדענע עפּאָכע אונזערע. מיר זיינען ערשט גע־קומען פון ביאַליסטאָק און פון שניפּעשאָק, פון בוקאַרעסט און בודאַפּעסט, מיר

האָבען דערשמעקט אַז אַמעריקאַ איז אַ פריי לאַנד, האָבען מיר פשוט ניט געוואוסט ווי אַזוי זיך צו זעטיגען מיט אונזער פרייהייט, וואָס מיר האָבען אַלע שלעכט פאַרדייעט.

שפּעטער האָט הוירש געהאַט גרויסע פאַרדינסטען אין דער קאָנגרעס באַוועגונג.

איין בחור אין דעם זעלבען קרייז איז געווען אין יענער צייט, וואָס וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסען ווערען פון אַלע, וואָס האָבען איהם געקענט, און דאָס איז אונזער היינטיגער פועלי ציון־פיהרער, ברוך צוקערמאַן.

צוקערמאַן האָט צוזאַמען מיט דעם שרייבער פון די שורות געאַרבייט ביי העמדלאַך. האָט מען קודם כל אַלעמאָל געסטרייקט.

אָבער דאָס איז ניט געווען אַזוי וויכטיג, ווי דאָס געזעלשאַפטליכע אויסלעבען זיך אין די סוף־וואָכען.

פעירמאונט פאַרק האָט פאַרמאָגט אַ סטאַטוע פון משה רבנו, און אַרום יענער סטאַטוע איז זונטאָג געוואָרען אַן אמת'ע מעקאַ. דאָרט האָט מען „גע־ראַטעוועט" די וועלט, זיך געריסען מיט די בונדיסטען, און דיסקוטירט מיט „שלאָגענע באַווייז," אָבער עס איז געווען אַ לעבען. אַ גאָלדענע, אידישע יוגענט האָט געהאַט חלומות, האָט געוואָלט איבערבויען די וועלט, און מעהר פאַר אַלץ האָט צוקערמאַן אין יענער צייט פאַרקלונגען די לופט מיט זיין געזונטער, האַר־ציגער „געמבע," זינגענדיג „מאַי־קאַ־משמע־לן."

דאָס איז באמת געווען אַ תקופה, וואָס האָט געלעגט אַ פונדאַמענט פאַר אַ קולטור עפּאָכע, וואָס האָט דאַמאָלס געשלאָגען וואָרצלען. עס איז נאָר אַ שאַד, וואָס ווען די דאָזיגע שורות ווערען געשריבען, איז שוין טשאַרלס שנייער אויפן עולם האמת, אויך אברהם הוירש איז שוין מעהר ניטאָ צווישען די לעבעדיגע. עס איז שוין טאַקע אין דער אמתן קולטור געשיכטע . . .

עס איז אונז אָבער יאָ געבליבען פון יענער צייט אונזער ליבער פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן, וואָס איז געווען אַ פאָלקס מענש, אַ קינד פון אַן אָרימען שוחט, און וואָס איז עד היום מודה, אַז ער האָט דערזעהן דאָס ליכט פון אידישען סאָציאַליזם אין ארץ ישראל, נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס דער פאָטער איז געווען אַ „פּראָלעטאַריער, אַ שוחט," און ער איז אַרוים אין סטרייק.

אַז דער שוחט איז אַרוים אין סטרייק, האָט ער דאָך על פּי יושר געדאַרפט באַרעכטיגען זיין „רעוואָלוציאָנערע טהאַט" מן התורה.

אַזוי אַרום האָט זיך אונזער דאַמאָלס זעהר יונגער, נאַאיווער חיים פיינמאַן זיך דערוואוסט פון אַזאַ זאַך ווי סאָציאַליזם, און דעריבער האָבען מיר היינט צו טאָג אין פילאַדעלפיא אַ פּיאָנער פון דער ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישער באַווע־גונג, איינער פון די גרינדער פון דעם מאָדערנעם פועלי ציוניזם, און וועלכער האָט אָפּגעגעבען באַלד פערציג יאָהר אַרבייט פאַר „אויסמענשלען" אונזער פילאַ־דעלפיא.

מיר האָבען אין יענער צייט אויך אַרויסגעגעבען אַ יוסף קאָהן, וואָס איז שפּעטער געוואָרען דער רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבייטער שטימע," אַ

בעני אקסלער, בען פינקעל, נאטאשא נאטקין, סעם יאפען, בארני ביכאווסקין, דזשעק באומאנען, און אַ צאָהל אַנדערע ראדיקאלען, וואָס זיינען נאָך היינט דאָ צווישען אונז. אָבער די תקופה איז פאַרענדיגט. עס זיינען אָנגעקומען אַנדערע צייטען, אַנדערע פּראבלעמען, די וועלט איז ניט געראַטעוועט געוואָרען. אסך פון אונזערע חלומות זיינען אויסגעוועבט געוואָרען. אָבער דאָס אייגענע פאַסירט אין אַלע צייטען.

די וועלט דאַרף אַלעמאָל בעלי חלומות. זיי זיינען אַלעמאָל געווען און זיי וועלען אַלעמאָל זיין. פון יענע בעלי חלומות איז אַרויסגעוואַקסען דער פאָלקס־טינער אַרבייטער פאַנד און באַנק, שפּעטער דער געצייג קעמפּיין, און נאָך שפּעטער דער קרן היסוד, קרן קימת, און געווערקשאַפטען קעמפּיין.

שטעהען מיר איצט פאַר דעם איבערבראָך פון אונזער געשיכטע. ניין, פאַר דעם איבערבראָך פון דער וועלט געשיכטע. עס געהט אוים אַ וועלט אין פלאַמען, צאַפּעלט זיך אין בלוטיגער אגאניע, וויל זיך ניט אונטערגיבען דעם פינסטערען פאַשיזם, און מיר זיינען איבערצייגט, אַז מנצח זיין וועט ווי אַלעמאָל, דער אמת.

פרייהייט, זעלבסטשטענדיגקייט, צדק און יושר וועלען מנצח זיין, און די פינסטערע וואָלקענס וועלען צושוואומען ווערען, ביי דעם ערשטען אויפטויך פון העלע זונשטראַהלען.

און דאַן וועט קומען דער צוקונפטיגער היסטאריקער, און וועט בלעטערען אין די איצטיגע אַנאַלען. ער וועט אַרויסשיילען לויטערע פּערזענליכקייטען, די יחזקאל עדעלשטיינס, די חיים וויינבערג׳ס, די שנייערס, די צוקערמאנ׳ס, און אַנדערע, און ער וועט זאָגען:

—דאָס זיינען געווען ליבע געשטאַלטען, שיינע פּערזענליכקייטען. אברהם הוירש האָט אָפּגעגעבען אַ לעבען כדי אַריינצובריינגען אביסעל קלאָהרקייט צווי־שען זיינע רומענישע לאַנדסלייט.

ברוך צוקערמאַן האָט געווידמעט אַ לעבען דעם ציוניזם־סאָציאַליזם, דאוויד רעזניקאָף, מאקס ראזומאווסקי, יאשקע סוויעטשינסקי און מיט זיי אַ ריזיגע צאָהל אַנדערע, האָבען דאָ זיך אַריינגעוועבט אין אונזער סאָציאַל־עקאָנאָמישער געשיכטע.

היינט האָבען מיר פאַרט שוין מעהר טאָלק צווישען אידען אין פילאַדעלפיא, ווי מיר האָבען עס געהאַט מיט פערציג יאָהר צוריק.

ווילען מיר האָפען, אַז אַנדערע, נאָך אונז, וועלען ווייטער שפּינען דעם אייגענעם פאָדעם, ביז זיי וועלען דערלעבען אַ צייט, ווען עס וועלען מקוים ווערען די זעהונגען פון אונזערע נביאים, און די וועלט וועט ווערן פול מיט וויסען, „ווי די וואסערען וואָס פאַרדעקען דעם ים.״

★

פראמינענטע אידישע פערזענליכקייטען אין פילא.

★

דזשאָסטים הארעים סטוירן

געבוירען אין פילאדעלפיא, דעם 7טען אויגוסט, 1878, דער זוהן פון מאריס און מאטילדא (באמבערגער) סטוירן. האָט גראדואירט פון סענטראל האַי סקוהל, אין 1895, פון יוניווערסיטי אָוו פענסילווייניע, אין 1899. טיטול: ל. ל. ב., האָט אויך דערנאָך באקומען טיטולען פון האנעמאן מעדיצינישען קאלעדזש.

האָט געהייראט הענריעטא פפעלזער, דעם 12טען פעברואר, 1906, זיי האָבען 1 טאָכטער, סאפיע, מרס. הערי דזש. פרענדלי. אין 1902 איז ער צוגעלאָזט געוואָרען צו דער באַר, האָט פראקטיצירט אין פילאדעלפיא. א מיטגליד פון דער פירמע סטוירן ענד וואָלף פון 1903 ביז 1920. איז באַשטימט געוואָרען פון גאָווערנאָר ספראול פאר דזשאַדזש פון קאמאן פּליעז קאורט אין 1920, און אין 1922 איז ער דערוועהלט געוואָרען פאר א צעהן יאָהריגען טערמין פאר דעם זעלבען אמט. איז געווען „פּרעזיידינג דזשאַדזש, און ווידער דערוועהלט געוואָרען פאר א צעהן יאָהריגען טערמין אין 1932. אין 1935 איז ער דערוויילט געוואָרען פאר דזשאָסטים פון סטייט סופרים קאורט, פאר א טערמין פון 21 יאָהר.

לעקטשורער אין פענסילווייניע יוניווערסיטי לאָ סקוהל פון 1902 ביז 1917, טראסטי פון דראפסי קאלעדזש, וויים פּרעזידענט יוניווערסיטי אָוו פענסילווייניע, דזשואיש פּובליקיישן סאָסייעטי אָוו אמעריקא, דירעקטאָר פעדערריישאָן אָוו טשאַריטים, עהרען פּרעזידענט יוניאָן אָוו אמעריקאן היברו קאָנגרעגיישאָנס, מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון אמעריקאן דזשואיש קמיטע, מיידזשאר אָרדנאנס דעפּארטמענט פון דער אמעריקאנער אַרמיי, אין 1918-1919, מיטגליד פון אמעריקאן באר און פענסילווייניע באר אסאָסיאיישאָן, פילאדעלפיא באר אסס'ן, אקעדעמי נעטשורעל סייענס אָוו. פילא., אמעריקאן דזשואיש היסטאָריקעל סאָסייעטי, אמעריקאן לידזשאָן, פּאַי בעטא קאפּא, בעטא גאמא סיגמא, אָרדער אָוו דהי קויף, מייסאָן, און רעפּובליקאנער קלוב.

דזשאָסטים סטוירן וואוינט אין 1830 ריטענהאוז סקווער.

★

דזשאַדזש לעאָפּאלד ס. גלעם

רעזידענץ—ריטענהאוז פּלאזא. אָפיס: סיטי האָל. געבוירען אין 1885. איז געקומען קיין אמעריקא מיט זיינע עלטערען, ווען ער איז געווען א פּיצל קינד. דער זוהן פון דוד אפרים און דזשעני נעטי גלעם.

דזשאַדזש גלעם איז אויפגעצויגען געוואָרען אין שאַמאקין, פּא., האָט דאָרט געענדיגט האַי סקוהל, גראדואירענדיג מיט די העכסטע אויסצייכנונגען, באקומענדיג א סקאלערשיפּ פאר יוניווערסיטי אָוו פענסילווייניע. אין קאלעדזש האָט ער געוואונען אויף א טעזים איבער „קאלאָניאלע טעקסעס אין דער צייט פון דער אמעריקאנער רע־

וואלוציע. האט געקראגען דעם טיטול מיט בעסטע עהרענצייכענונגען „בי עי״ און „בי על״ און „על בי״ אין יוניווערסיטי אוו פענסילווייניע.

אלס סטודענט האט ער ארגאניזירט די קאונטי און דיסטריקט קלובס און איז געווארען פרעזידענט פון טאמאס מ׳קיע קלוב און איז נאך ביז איצט אקטיוו אין דער אלאמנאי.

מיטגליד אין דער אדוויזארי קאמיטע פון קאלעדזש קלאס, פרעזידענט פון יונ. אוו פענסילוויניא לא קלאס, און נאכדעם ווי ער איז צוגעלאזען געווארען צו דער באר, איז ער געווארען אקטיוו אין פאליטיקס. איז געוועזן 4 טערמינען דער סטייט רעפרעזענטאטיוו אין דער „האוז,״ און אלס פלאר לידער איז ער אלעמאל ארויסגעטראטען פאר ליבעראלער געזעצגעבונג און ער האט אויך גע־ארבייט פאר ארבייטער קאמפענסאציע.

אנערקענענדיג זיינע גרויסע פעאיגקייטען, האט די רעפובליקאנער סענטראל קאמיטע איהם באשטימט אלס קאונסיל פאר דער סענטראל קאמיטע, ביז ער איז דערוויילט געווארען צום בענטש אלס ריכטער.

אין 1925 איז ער דערוויילט געווארען ריכטער פון מוניסיפאל קאורט; אין 1935 איז ער ווידער דערוויילט געווארען פאר א צען יאהריגען טערמין, איצט דינט דזשאדזש גלעס אין זיין צווייטען טערמין.

איז א מיטגליד פון פילאדעלפיא, פענסילווייניע און אמעריקאן באר אסס׳ן., און איז באזונדערס פאראינטערעסירט אין אלע פאטריאטישע באוועגונגען.

איז דער פרעזידענט פון דער פילא. פלעג דעי אסס׳ן, סופרים טשענסעלאר פון טאו עפסעלאן ראו, א נאציאנאלע לעגאלע פראטערניטי, מיטגליד אין סאשל ליגעל קלוב, בראנדעים לאיער קלוב, מיטגליד אין שכינה לאדזש, מייסאן, עלק, מוס, א געוועזענער פרעזידענט פון דיסטריקט גרענד לאדזש נומער 3, בני ברית, מיטגליד אין ברית שלום, בני חיים סאשעל, בארד אוו דירעקטאר פון מאונט סיני האספיטאל, מיטגליד אין רודף שלום קאנגרעגיישאן, א ליבעראלערביישטייערער צו אלע לאקאלע און נאציאנאלע אנשטאלטען.

★

לואיס ע. לעווינטהאל, ריכטער

געבוירען דעם 5טען אפריל, 1892, אין פילאדעלפיא, א זוהן פון הרב דוב אריה הכהן און מיני לעווינטהאל. דערצויגען געווארען אונטער שטרייננגער השגחה פון זיין באריהמטען פאטער, און זעהר יונג אנגעהויבען באזוכען ציוניסטישע פארזאמלונגען און זייענדיג נאך א סטודענט אין יוניווערסיטי אוו פענסילווייניע, איז ער געווארען דער אנפיהרער פון די סטודענטען און זיי באקעהרט צו דעם ציוניזם.

אין 1905 באקומען א פרייז פאר אן עסעי פאר אן אפהאנדלונג איבער די לאנד געזעצען אין טערקיי. אין

1916 איז דער ארטיקעל פּארעפּענטליכט געוואָרען אין זשורנאל פון דער אמע־ריקאן באַר אסאָסיאיישאָן.

גראַדואירט פון קאלעדזש און לאָ סקוהל פון יוניוואָירסיטי אָוו פּענסילווייניא מיט העכסטע אויסצייכנונגען, איז געווען רעדאקטאָר פון „יוניוואָירסיטי אָוו פּענסילווייניא לאָ רעוויו," מיטגליד פון דער פּאי בעטא קאפּא, און „אָרדער אָוו דהי קאיף," אן עהרען געזעלשאפט פאר לאָיערס, אין 1918 באקומען דעם טיטול מאסטער אָוו לאָ, פאר פּאָסט גרעדואייט ארבייט אין זעלבען יוניווערסי־טעט, פאר א טעזיס איבער דער געשיכטע פון באנקראט געזעצען. ריכטער לואיס ד. בראנדעיס האָט זיך אויף לעווינטהאל'ס טעזיס באצויגען אין פארבינדונג מיט א פּראָצעס איבער דער דזשאָינט סטאָק און לענד באנק. אנדערע האָבען זיך אויך באנוצט מיט דעם טעזיס.

אין 1924 געוואָרען פּרעזידענט פון פילא. ציוניסטישען דיסטריקט, ביז 1927. אין 1929 געוואָרען טשערמאן פון אמעריקאן פּאלעסטיין אפּיל אין פילא. פינף יאָהר געווען פּרעזידענט פון די אסאָשיאייט תלמוד תורות, מיטגליד פון דער באָרד פון פעדערישאָן אָוו דזשואיש טשאריטיס, און עלאיד דזשואיש אפּיל, א צאָהל יאָהרען. מיטגליד פון דירעקטאָרען פון דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייטי, פאר די לעצטע צעהן יאָהר דער פאָרזיצער פון דער פּאָבליקיישאָן קאָמיטע, עהרען פּרעזידענט פון פילאדעלפיער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, טראָסטי פון גרעטץ קאלעדזש, איינער פון די וויים טשערלייט פון נאציאָנאל ראט פון יונייטעד פּאלעסטיין אפּיל, מיטגליד פון נאציאָנאלער עקז. קאָמיטע יונייטעד דזשואיש אפּיל, און איינער פון דער „אלאָקיישאָן קאָמיטע." געוועזענער לעקטאָר איבער לאָ אין יוניוואָירסיטי אָוו פּענסילווייניא, אין 1935 באַשטימט געוואָרען פון גאָווערנאָר אוירל ספּעציעלער קאָנסעל פאר דעם פּאָבליק סוירווים קאָמישאָן פאר פּענסילוויי־ניא, פאַרטרעטענדיג די קאמאנוועלטה אין רעאָרגאניזירען די פּ. ר. ט.

אין 1937 באַשטימט געוואָרען פון גאָווערנאָר אוירל ריכטער פון קאמאן פּליעז קאורט, שפּעטער דערוויילט געוואָרען צו א 10 יאָהריגען טערמין. דער אויטאָר פון א בוך וועגען דזשאָדזש מייער סולצבערגער און איצט דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע פון אמעריקא.

★

ריכטער וויליאם מ. (מרדכי) לואיס

1939—1884

געבוירען דעם 1טען אָקטאָבער, 1884, אין פּאָניע־וועזש, ליטע, א זוהן פון יונה און מיכליע עליטשער. עלטערען האָבען געבוירען 5 זיהן און 1 טאָכטער. דער עלטסטער, היימאן (זעה היימאן לואיס) איז דער ערשטער געפּאָהרען קיין אמעריקא, האָט זיך באזעצט אין באָסטאָן, און שפּעטער האָט ער אָרונטערגעבראַכט אַהער דעם פּאָ־טער און דריי ברידער, צווישען זיי אויך דעם יונגען וויליאם, וועמען ער האָט אין דער היים איבערגעלאָזען א 4 יאָהריג קינד.

דער פּאָטער האָט זיך דאָ ניט געקענט צופּאסען, און

איז אין עטליכע יאָהר ארום געשטאָרבען. די פאמיליע האָט זיך אריבערגעצויגען קיין פילאדעלפיא. וויליאם, א 12 יאָהריגער אינגעל, האָט אָנגעהויבען געהן דאָ אין סקוהל, און אין 2 יאָהר האָט ער געמאכט דעם אכט יאָהריגען קורס. אין סענטראל האי סקוהל האָט ער מעהר ווי 2 יאָהר ניט געקענט פארבלייבען. די צייט איז געווען א שלעכטע, און דער ברודער, היימאן, האָט ניט געקענט אויסהאלטען די פאמיליע. האָט וויליאם פארקויפט צייטונגען בייטאָג, און שטודירט ביינאכט. די צייטונגען האָט ער פארקויפט אויף דער 12טער און טשעסטנאט, א בלאק פון דעם סיטי האָל, וואו ער האָט שפּעטער 14 יאָהר צייט געהאט זיין טשאמבער, אלס ריכטער פון מיוניסיפאל קאָורט.

ניט האָבענדיג קיין מעגליכקייט צו נעהמען א רעגולארען לאָיער קורס, האָט ער אָבער אליין אויף זיך אזוי שטארק געארבייט, אז ער האָט געענדיגט צו 21 יאָהר, און איז אין 1905 צוגעלאָזען געוואָרען צו דער „באר".

כאָטש וויליאם מ. לואיס האָט אָפּגעגעבען כמעט זיין גאנצע צייט פאר גע־זעלשאפטליכער ארבייט אויף דער אידישער גאס, האָט ער אָבער אויך באוויזען צו מאכען א גלענצענדען רעקאָרד פאר זיינע לייכטונגען פאר דער קאָמיוניטי. אין 1914 איז ער דערוועהלט געוואָרען א מיטגליד פון דעם קאָמאָן קאונסיל, און ער האָט געהאלטען דעם אמט 6 יאָהר. ער האָט זיך אין קאונסיל אויסגע־צייכענט מיט העלפען דורכפיהרען געזעצגעבונג וואס זאל העלפען דעם ניט פאר־מעגליכען בירגער.

אין דער צייט פון דער „פלו" האָט ער זיך ארויסגעוויזען פאר איינעם פון די פיינסטע הומאניטאריער, וואס האָבען דאס לעבען געשטרעקט צו העלפען לינדערען דאס אומגליק.

אין 1922 איז ער באשטימט געוואָרען פון גאווערנאָר וויליאם ספּראול אלס ריכטער פון מיוניסיפאל קאָורט, און א יאָהר שפּעטער איז ער דערוועהלט געוואָרען פאר א צעהן יאָהריגען טערמין. אין 1923 איז ער ווידער דערוועהלט געוואָרען פאר א פולען טערמין. ווי ווייט ער איז געווען געאכטעט ביי לאָיערס און דזשאָדזשעס, האָט מען געזעהן אין 1933, ווען די פילאדעלפיא באר אסאָסיאיישאָן האָט איהם אין א געהיימער אפּשטימונג געגעבען די העכסטע צאהל שטימען פאר א „סיטינג דזשאָדזש". 94 און א האלב פּראָצענט.

אליין אן אימיגראנט, האָט ער פארשטאנען ווי וויכטיג עס איז צו באטיי־ליגען זיך אין ארבייט וואס וועט העלפען שאפען אחדות אויף דער אידישער גאס, איז ער אלעמאל געווען גרייט צו דינען דער אידישער באפעלקערונג אלס פיהרער, רעדנער און כלל טוער.

איז געווען א גרענד מאסטער פון ברית שלום דריי טערמינען, פּרעזידענט פון די אסאָשיאייטעד תלמוד תורות, דעם אמט האָט ער אויך געהאלטען ביז ער איז נפטר געוואָרען. א מיטגליד פון דער באָרד אין דער פעדערײשאָן אוו דזשואיש טשאריטיס, וויים פּרעזידענט פון עלאַיד דזשואיש אפּיל, א מיטגליד פון דירעק־טאָרען אין גרעטץ קאלעדזש, א מיטגליד פון דער אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע, און וויים פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע פון אמעריקא. אָבער

מעהר פאר אלץ וועט פילאדעלפיא לואים'ן געדיינקען אלס דער בויער און שאפער פון אידישע אנשטאלטען, רעליגיעזע, וואוילטעטיגע און קולטורעלע.

א לײדענשאפטליכע ליבהאבער פון ביכער, מוזיק, פיינע געזעלשאפט, און אן איבערגעבענער פריינט צו אלע וואס האבען איהם געקענט.

האט איבערגעלאזען אן אלמנה, מאריע (ראזענבאהאל) לואיס, און 1 טאכטער, מילדרעד, געשטארבען אכט חדשים נאכ'ן פאטער'ס טויט.

וויליאם מ. לואיס'עס טויט איז טיעף באדויערט געווארען פון אלע ריכטער, אדוואקאטען און געזעלשאפטליכע טוער, און צו זיין לויה זיינען געקומען טויזענדער מענשען איהם אפגיבען דעם לעצטען כבוד. לואיס איז אפגעשטארבען ניט נאר דער פאמיליע און זיינע פריינט, נאר דער שטאדט פילאדעלפיא, און אין דער געשיכטע און אנטוויקלונג פון אידישע אנשטאלטען, שוהלען און טעמפלען, האט לואיס געשריבען א גאלדען בלאט, וואס וועט אלעמאל ארויסשיינען ווי א רעגענבויגען.

מיט רעכט איז ביי זיין לויה באמערקט געווארען:

„שר ונשיא נפל בישראל.

★

דזשוליוס הלל גרינסטאון

א שריפטשטעלער, געבוירען אין רוסלאנד, דעם 27טען אפריל, 1873, דער זוהן פון פסח דוד און לאה (פאסקאלינסקי) גרינשטיין.

האט גראדואירט פון קאלעדזש סיטי אוו נויארק, אין 1900, האט באקומען סמיכה אויף רבנות פון אידישען טעאלאגישען סעמינאר אין 1900, יוניווערסיטי אוו פענסילווייניא אין 1902, און טיטול דאקטאר פילאזאף אין 1905, מיט עהרען אויסצייכנונגען.

האט געהייראט קערי י. אמראם אין 1902, איז שוין עליה השלום.

האט געהייראט דעם 2טען מאל מרס. רעי אבעלעס, דעם 5טען סעפטעמבער, 1916, זיינע קינדער: ליע ס. פארבער, נעלא דזש. קראוז, און דעבארא גרינסטאון.

דזשוליום גרינסטאון איז געווען א טיטשער אין גרעטץ קאלעדזש פון 1905 ביז 1933, איז פרינציפאל זינט 1933, איז א מיטגליד פון באָרד אוו דירעקטארס פון יונייטעד סינאגאגס אוו אמעריקא, האט רעדאקטירט ס. מאראיע'ס „איטאליענישע-העברעאישע ליטעראטור", אין 1926, איז אויך דער אויטאר פון „ישראל'ס רעליגיע," אין 1902, „די משיח אידיע אין אידישער געשיכטע," 1906, „מעטאדען צו לערנען די אידישע רעליגיע אין דזשוניאר און סיניאר קלאסען," דערשינען אין 1915; א רעווידירטע אויסגאבע אין דערשינען אין 1920, איז א מיטארבייטער אין רבנישען דעפארטמענט פון דער „דזשואיש ענסיקלאפידיא," מיטארבייטער אין „דזשואיש קוואטערלי רעוויו," און „אמעריקאן דזשואיש יער בוק," איז אויך א מיטארבייטער אין „דזשואיש עקספאנענט," און זיין היים געפינט זיך אין 1926 נ. 13טע סטריט, פילאדעלפיא.

אלבערט מ. גרינפילד

אלבערט מאנרא גרינפילד, געבוירען דעם 4טען אויגוסט, 1887, דער זוהן פון דזשייקאב און אסתר וו. (סעראדי) גרינפילד. איז געבראכט געווארען קיין אמע־ריקא מיט זיינע עלטערן אין 1892, אלס א 5־יאהריגער אינגעלע.

האט שטודירט אין יוניווערסיטי אוו פענסילוויניע, אין 1905 און ת190. האט געהייראט עדנא פלארענס קראוז, דעם 18טען יוני, 1914, און זיי האבען זיך געג'גט אין 1935. קינדער: ענסין קארדאן ק., עליזאבעטה י. וו., קארלאטא פאטריציא, און אלבערט מאנרא, דזשוניאר.

געהייראט דעם 2טען מאל עטעלקא דזש. שאמבערג, דעם 1טען אקטאבער, 1937.

אלבערט מ. גרינפילד איז א סינאנים מיט דער פינאנציעלער וועלט אלס א ריעל עסטייט בראקער און פינאנסיר זינט 1903. איז א געוועזענער מיטגליד פון סיטי קאונסיל פון 1918 ביז 1920, רעסיווער און רעארגאנייזער פראדוסערס און קאנסומער'ס באנק אין 1925 און 1926, טשערמאן פון דער באָרד פון בענ־קערס סעקיוריטיס קארפארייש‏אן, יוניאן בילדינג קאמפאני, בענקערס באנד ענד מארטגיידזש גאראנטי קאמפאני אוו אמעריקא, ליט בראדערס דעפארטמענט סטאר, (פילא.) סיטי סטארס קאמפאני, (נויארק) בענקערס באנד ענד מארטגיידזש קאמ־פאני אוו פענסילייניע, ריטשארד סטאר, מיאמי, פלארידא, לאפט קענדי קארפא־רייש‏אן.

פרעזידענט, אלבערט מ. גרינפילד ענד קאמפאני; דירעקטאר פון באנווינ טעלער; מייסאן בלאנש קאמפאני (ניו ארליענס); ב. לאנסטיין ענד בראדער (מעמפיס; לאוומאן, דזשאזעף ענד לאעב (בירמינגהאם, אלאבאמא); קאופמאן, סטראוס ענד קאמפאני (לואיסוויל); י. עס. טייטל ענד מארטגיידזש קאמפאני (ניו דזשוירזי); פילאדעלפיא רעקארד קאמפאני; קעמדען קוריער פאסט; ראיאאל מארטגיידזש גאראנטי קאמפאני אוו אמעריקא, ליט בראדערס דעפארטמענט סטאר, רעפיד טראנזיט קאמפאני; דירעקטאר פילאדעלפיא טראנספארטיישאן קאמפאני; מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, דירעקטאר פון דער באָרד פון סיטי טראסטס; יאנג מענס און יאנג ווימענס היברו אסס'ן; פעדעריישן אוו דזשואיש טשאריטיס; מאונט סיני האספיטאל; טעמפל יוניווערסיטי; עהרען דירעקטאר, מאסטבאום לאן סיסטעם; טשערמאן פון דער קאמיטע פון אריינגעמען און ארויסשיקען פון דזשירארד קאלעדזש; ארביטרייטאר אוו נעשאנאל פענאל ארביטריישאן אסא־סיאיישאן; טשערמאן פון איסטערן וואר רעליעף קעמפיין, 1921; טשערמאן יעהרליכער מעינטענענס דראיוו, פעדעריישאן, 1922-23; דירעקטאר פון סעסקי־סענטעניעל אויסשטעלונג, טשערמאן פינאנץ קאמיטע, אין 1926; דעלעגאט צו רעפרעזענטירען נאציאנאלע קאנווענשאן אין 1928; טשערמאן פון גאנץ פילא־דעלפיא „סיטיזענס קאמיטע פאר דער אראנזשירונג פון דער דעמאקראטישער קאנווענשאן אין 1936; טשערמאן פאר דער רעפובליקאנער און דעמאקראטישער קאנווענשאן אין 1940; לאיף מעמבער וועטעראנס גארד, דריטער רעגימענט אינ־פאנטעריע, נעשאנאל גארד אין פענסילווייניע; דעקארירט געווארען אלס קאמאנ־דער פון ארדער אוו פיאוס דער 9טער, אין 1929; איז באהערט געווארען מיט א „סוירוויס" מעדאל פון פענסילווייניע סטייט, אין 1939; דירעקטאר פון פילא־

רעלפיא טשעמבער אָוו קאמערס; איז א מייסאָן, און געהערט צו פאָלגענדע קלובס:

אמעריקאנער באנקירען, מאנופעקטשורערס און באנקירען, לאָקוסט, דאון טאון, פילמאונט קאָנטרי קלוב, און א צאָהל אַנדערע.

אלבערט מ. גרינפילד וואוינט אין 6399 דרעקסעל ראוד, אָווערברוק. זיין פילאדעלפיער אָפיס געפינט זיך אויף וואלנאט און דזשוניפער סטריטס. ער האָט אויך אן אָפיס אין 521 פינפטע עוועניו, נויאָרק.

★

סעמועל ס. פליישער

באוואוסטער פילאנטראָפּ. געבוירען אין פילאדעלפיא, אין 1872. א זוהן פון סיימאָן, ס. און סיליע (האפמייער). האָט גראדואירט פון וואָרטאָן פינאנץ סקוהל, יוניווערסיטי אָוו פענסילווייניע, קלאַס פון 1892. דירעקטאָר פון דזשואיש פאָס־טער האום פון 1903 ביז 1915, געבליבען אן עהרען פרעזידענט, טראָסטי פון באראן הירש פאָנד אין אמעריקע, טשערמאן פון באראן הירש אגריקולטור שולע אין אמעריקע ביז 1920. מיטגליד פון דער נאציאָנאלער קאנפערענץ אויפצופאסען אויף אידישע קינדער. סעמועל ס. פליישער איז דער גרינדער פון דער ארט אלייענס און גראפיק סקעטש סקוהל, וואָס האָט זיך געשטעלט פאר איהר אויפ־גאבע צו דערמוטיגען טאלאנטירטע סטודענטען, און סעמועל פליישער האָט צו זיין קרעדיט דאָס וואָס א ריזיגע צאָהל טאלאנטען זיינען ניט אונטערגעגאנגען, נאָר האָבען זיך דורכגעבראָכען א וועג אין לעבען און האבען דערגרייכט זייער אמביציע, פאָרטזעצענדיג זייער ארבייט אויף פארשיידענע געביטען פון קונסט און מאהלעריי.

סעמועל ס. פליישער איז געווען אויף דעם מעיאָר'ס קאָמיטע, האָט גענומען אנטייל אין צענדליגער פראיעקטען דורך וועלכע עס איז געגעבען געוואָרען באַ־שעפטיגונג צו פאַרשיידענע קינסטלער אויף א זעלבסטשטענדיגען, בכבודיגען אופן.

אין 1937 איז ער באַשטימט געוואָרען פון גאָווערנאָר אוירל אין דער קאָנ־סטיטוציע קאָמיטע, איז א מיטגליד פון דער קאָמיסיע וואָס זוכט צו פאַרמיידען פארברעכען, מיטגליד פון ארט טיטשער'ס אסאָסיאיישאָן.

עס איז בכלל ניט געווען קיין איין לויבענסווערטהע אונטערנעמונג אין פארבינדונג מיט קונסט און קולטור, אין וועלכער סעמועל ס. פליישער זאָל זיך ניט האָבען באַטייליגט זיין גאַנצען לעבען.

סעמועל ס. פליישער איז א פראָמינענטער מייסאָן, א דירעקטאָר אין דער פעדעריישאָן, און א ליבעראלערביישטייערער צו אלע נאציאָנאלע און לאָקאלע אנשטאלטען.

לעסינג ראָזענוואלד

פראמינענטער פילאנטראָפּ און פינאנסיר. געבוירען אין שיקאגא, דעם 10טען פעברואר, אין 1891, דער זוהן פון דזשוליוס און אגוסטא, (ניוסבאום) ראָזענ־וואלד. האָט שטודירט אין קארנעל יוניווערסיטי, פון 1909 ביז 1911.

לעסינג ראָזענוואלד האָט געהייראט אידיטה גוטקינד, דעם 6טען נאָוועמבער, 1913. זיי האָבען 3 קינדער: דזשוליוס דער 2טער ,העלען, פארהייראט צו ארטור סנעלענבורג; ראבערט ל. ראָזענוואלד; דזשאהן י. דזשאנעט, מיט סיערס, ראָבעק און קאמפּאני.

לעסינג ראָזענוואלד איז שוין איצטער צוריקגעצויגען פון ביזנעס. ער איז דער טשערמאן פון דעם טראָסטים ראָזענוואלד פאָנד, וואָס באַצוועקט פאָרטצו־זעצען די פילאנטראָפּישע ריזיגע ארבייט וואָס זיין גרויסער פאָטער, דזשוליוס ראָזענוואלד האָט עטאבלירט. איז געווען א :סיעמען סעקאָנד קלעס" מיט דעם גרעיט לעיקס נייווועל סטיישאָן אין דער ערשטער וועלט מלחמה.

פראמינענטער מיטגליד פון לאָקוסט קלוב, קאָרנעל, פילמאונט קאָנטרי קלוב, און א דירעקטאָר פון עלאיד דזשואיש אפּיל און יונייטעד טשאריטים דראיוו.

לעסינג ראָזענוואלד'ס היים איז אין דזשענקינטאון, פּא.

★

עלים גימבעל

פראמינענטער פילאנטראָפּ און אייגענטימער פון גימבעל בראָדערס דעפּארטמענט סטאָר.

געבוירען אין ווינסענס, אינדיאנא, אין 1865, איז דער טשערמאן פון דער באָרד און דער וויס פּרעזידענט פון גימבעל בראָדערס דעפּארטמענט סטאָר, איז אויך דער פּרעזידענט פון דעם 9טען וואָרד ריעלטי קאמפּאני, גימבעל בראָדערס באנק ענד טראָסט קאמפּאני.

עלים גימבעל וואוינט אין 1900 לאָקוסט סטריט, און האָט זיין געשעפטס אדרעס אין גימבעל בראָדערס דעפּארטמענט סטאָר, 9טע און מארקעט סטריטס.

עלים גימבעל צייכענט זיך אויס אַלס הומאניטאריער און דער עיקר מיט זיין גרויסע ליבע צו קינדער פון די אנשטאלטען און אָרימע געגענטען. עס איז כמעט ניטאָ נאָך איינער צו איהם אין פילאדעלפיא וואָס זאָל ווידמענען אַזוי צייט צו פאַרשאפען פארגעניגען און וואוילטאג צו אָרימע קינדער אין דער צייט ווען עס קומט א צירקוס אין שטאָט אריין, אָדער ביי עהנליכע געלעגענהייטען.

עלים גימבעל איז אויך איינער פון די ליבעראלסטעביישטייערער צו דעם יונייטעד טשאריטים דראיוו און אַלע אנדערע וואוילטעטיגע נאציאָנאלע און לאָקאלע אנשטאלטען.

סעמועל ס. פעלז

סעמועל ס. פעלז איז געבוירען געוואָרען אין יענסיוויל, נאָרטה קעראליינא, דעם 16טען פעברואר, 1868, דערע זוהן פון לאזארוס און שושנה פעלז.

סעמועל פעלז האָט גראדואירט פון יוניווערסיטי אָוו פענסילווייניע, דזשון, 1937. ער האָט געקראָגען דעם טיטול ל. ל. ד.

האָט געהייראט דעם 15טען מאי, 1890, דזשעני מעי. א שותף צו דער וועלט בעריהמטער פעלז ענד קאמפאני, זייף פאבריקאנטען, זינט 1881, ביז די פירמע האָט אינקאָרפּאָרירט.

זינט 1914 איז סעמועל פעלז דער פּרעזידענט. ער איזאויך דער פרעזידענט פון דער פאסקאל אקסידזשען קאמפאני.

סעמועל פעלז איז א טראַסטיע פון וויסטאר אינסטיטוט, א מיטגליד פון דער אמעריקאנער פילאזאפישער געזעלשאפט, און ער איז אויך דער פארפאסער פון א באקאנט ווערק: „די וועלט וואָס האלט זיך אין ענדערען.” מיטגליד פון דעם פרענקלין אינסטיטוט.

סעמועל ס. פעלז איז א זוהן פון דער באַריהמטער פעלז פאמיליע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט אויף דעם געביט פון פילאנטראָפּישער ארבייט פאר אידען ווי פאר קריסטען.

אין א געוויסער הינזיכט האָט דער פאָטער זיך גערעכענט פאר א נאָכפאָל־גער פון דעם סאָציאלאָגישען טעארעטיקער, הענרי דזשאָרדזש, וואָס האָט געשאַ־פען די פאפולארע אידייע וועגען „סינגעל טעקס.”

דער פאָטער האָט געהאלטען אז א מענש האָט א פולשטענדיגע רעכט צו מאנופאלירען גרויס קאפיטאל, אָבער די געזעלשאפט דארף פון איהם ציהען גרויסע נוצען, איז אויב ער האָט זיך דערוואָרבען א גרויסען קאפיטאל, איז ער מחויב צו זעהן, אז די געזעלשאפט זאָל פון זיינע קאפיטאלען באקומען גרויסע, ריזיגע צינזען, וואָס זאָלען העלפען אויסהאלטען די רעגירונג און אויך די אָרימע טיילען פון דער באפעלקערונג.

לאזארוס פעלז איז געווען פאררעכענט פאר א גרויסען אידעאליסט, און איז אָפּט געשטעלט געוואָרען אין דער זעלבער רייהע מיט דעם באקאנטען שיקאגאער אידישען פילאנטראָפּ. דזשוליוס ראָזענוואלד, דער פאָטער פון אונזער היגען פילאנ־טראָג, לעסינג ראָזענוואלד.

פעלז איז אויך געשטאנען זעהר נאָהענט צו דער אמאָליגער טעריטאריאליס־טישער באוועגונג, און זי געשטיצט מיט דער פולער האנט.

די היים פון סעמועל פ. פעלז געפינט זיך אין דער 39טער און וואלנאַט סטריטס, און זיין אָפיס איז אין דער 73טער און וואודלאנד עוועניו.

★

דייוויד סטוירן

דייוויד סטוירן, 3טער, זשורנאליסט. געבוירען אין פילאדעלפיא, דעם 2טען סעפּ־טעמבער, 1909. דער זוהן פון דזש. דייוויד און דזשולאי (ליט) סטוירן.

האָט גראדואירט פון העדאָנפילד, נ. דזש. האי סקוהל, און פון יוניווערסיטי אָוו פענסילוויינע אין 1930, און פון הארווארד יוניוואירסיטי אין 1935.

אין 1935 האָט ער געהייראט לואיזע בעגס, זיי האָבען איין זוהן, דייוויד טאמאס סטוירן. דייוויד סטוירן איז אַ רעפּאָרטער, אדווערטייזינג סיילסמאן, און קאמפּטראָלער פון פילאדעלפיא רעקאָרד, פון וועלכען ער איז אויך דער אַרויסגעבער.

אונטער דעם נאָמען פון פיטער סטוירלינג האָט דייוויד סטוירן אויך געשרי־בען אין פילאדעלפיא רעקאָרד ליטעראַרישע קריטיקען און איבערזיכטען, ער איז אויך דער אַרויסגעבער פון דעם קעמדענער „קוריער” און „פּאָסט.”

איז אַ מיטגליד פון פאי עפּסעלאָן פאי, באַלאַנגט צו הארווארד, פור ריטשארד און פען אַטלעטיק קלובס, קעמדענער פען און פענסיל קלוב. דייוויד סטוירן וואוינט אין שאוס לענדינג ראוד, העדאָנפילד, ניו דזשוירזי.

דייוויד סטוירן איז באַקאַנט פאַר זיינע ליבעראַלע אנשויאונגען אַלס אַרויס־געבער און טאָן געבער פון דעם פילאדעלפיער רעקאָרד און קוריער פּאָסט אין קעמדען. ער איז די גאַנצע צייט איינער פון די גרעסטע אָנהענגער און הייסע נאָכפאָלגער פון דער רוזוועלט אדמיניסטראַציע, און ער איז אַלעמאָל גרייט דורך די שפּאַלטען פון דעם „פילאדעלפיא רעקאָרד” צו קעמפען פאַר סאָציאַלע גע־רעכטיגקייט.

דייוויד סטוירן איז אויך באַקאַנט פאַר אַ ליבעראַלען ביישטייערער צו אַלע אידישע און אַלגעמיינע וואוילטעטיגע אנשטאלטען.

★

אייברעהעם ס. וו. ראַזענבאך

שריפטשטעלער און ביבליאגראף. געבוירען אין פילאדעלפיא, דעם 22טען יולי, 1876, דער זוהן פון מארים און איזאבעלא (פּאלאק) ראָזענבאך. האָט דעם טיטול באטשעלאר אָוו סייענס פון יוניוואירסיטי אָוו פענסילוויינע, אין 1898, טיטול, דאקטאר פילאזאף, אין 1901.

איז ניט פארהייראט. איז סעקרעטאר פון דער ראָזענבאך בוכהאנדלונג, ספּעציאליזירט זיך אויף זעלטענע ביכער און מאנוסקריפּטען. פּרעזידענט פון גרעטץ קאלעדזש, מיטגליד פון דער באָרד אָוו גאָווערנאָרס פון דראפּסי קאלעדזש, טראָסטי פון דער פרייער לייברערי אין פילאדעלפיא, פּרעזידענט פון דער אמע־ריקאנער אידישער היסטאָרישער געזעלשאפט, אמעריקאנער פריינט פון העברע־אישען יוניווערסיטעט אין ירושלים, מיטגליד פון דער באָרד אָוו עדיוקיישאָן און ריסוירטש אין יוניוואירסיטי אָוו פענסילווייניא, מיטגליד פון דער היסטאָרישער געזעלשאפט אין פענסילוויינע, מיטגליד אין דער אמעריקאנער פילאזאפישער

געזעלשאפט, לאנדאנער שעקספּיער קלוב, איז דער קאמפּילאטאָר פון די ביכער און מאנוסקריפּטען פון דעם וועלט בארימטען שריפטשטעלער ראבערט לואיס סטיווענסאן, האט אויך קאנטראלירט די הערי עלקינס ווידענער לייברערי, אין הארווארד קאלעדזש, און ער האט אויך אסך געשריבען איבער קונסט און ליטעראטור.

ראזענבאך איז דער אויטאָר פון „ניט געדרוקטע מעמוארען," האט אויך געשריבען ביבליאגראפיע איבער אמעריקאנער אידישע שריפטשטעלער. האט אויך געשריבען איבער די ביבליאטעקען פון די אמעריקאנער פּרעזידענטען.

ראזענבאך וואוינט אין 2006 דע לענסי סטריט, פילאדעלפיא, און אין 15 איסט 51טע סטריט, נויארק, און ער האט זיין אפיס אין 1320 וואלנאט סטריט.

★

קורט פאַיזער

באוואוסטער כלל טוער. געבוירען אין ברעסלוי, דייטשלאנד, דעם 3טען פעברואר, דער זוהן פון הוגא און ראזא פאיזער.

קורט פייזער איז געקומען קיין אמעריקא אין 1907, א יונגערמאן פון 20 יאהר, איז אוועק שטודירען, און האט אין 1917 באקומען דעם טיטול א. ב. און אין 1918 דעם „דעגרי" מ. א. פון יוניווערסיטי אָוו מישיגאן.

פון 1918 ביז 1921 איז ער געווען דער געהילפ'ס סופּעראינטענדענט פון דעם אידישען בית יתומים אין קליוולאנד, אהייא.

פון 1921 ביז 1923 איז קורט פאיזער געווען דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון אייבערהעם לינקאלן האוז, אין מילוואקי, וויסקאנסין. פון 1923 ביז 1927 איז ער געווען עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון די יונייטעד דזשואיש סאשעל איידזשענסים אין סינסינעטי, אהייא.

פון 1932 ביז 1937 איז ער געווען דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דער דזשואיש וועלפעיר פעדעריישאן אין דעטראיט, מישיגען. זינט 1937 איז קורט פאיזער אנגעקומען אהער אלס דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דער פעדעריישאן אָוו דזשואיש טשאריטיס און עלאייד דזשואיש אפּיל, און א דאנק זיין אונערמידליכער ארבייט איז די אידישע פילאדעלפיא קאארדינירט געוואָרען אין אלע איהרע געזעלשאפטליכע ארבייטען, לאקאל און נאציאנאל.

מר. פאיזער איז געווען א לעקטשורער אין דער יוניווערסיטי אָוו סינסינעטי גרעדואייט סקוהל פון 1927 ביז 1930. לעקטשורער אין ווען יוניווערסיטי גרעדואייט סקוהל, 1935-1936.

מר. פאיזער איז א פּראמינענטער מיטגליד פון דער נעשאנאל קאנפערענס אָוו סאשעל וואָרק, איז היינטיגעס יאהר דערוויילט געוואָרען פּרעזידענט פון דער

נעשאַנאַל קאַנפערענס אָוו דזשואיש וועלפעיר. ער איז אויך עהרען וויס טשערמאַן פון יונייטעד פּאַלעסטיין אַפּיל, טשערמאַן פון דער קאָמיטע וואָס שולט אידישע סאָשעל וואָירקערס.

דער צוקונפטיגער היסטאָריקער וועט ניט קענען פאַרבייגעהן די אַרבייט פון קורט פּאַיזער אין פילאַדעלפיא, מחמת מיט זיין אָנקומען אַהער האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע תקופה. פּאַיזער האָט באַוויזען, אַז מען קען אַריינברייננגען אַן עכט דעמאָקראַטישען גייסט אין דער פעדערייישאַן, אַזוי, אַז אונזערע רוסישע אידען זאָלען זיך פיהלען ווי אין דער היים, און געהן האַנט און האַנט מיט די יאהודים.

נאָר וואָס נאָך וויכטיגער איז, דאָס וואָס ער האָט צעמענטירט דעם וועג פאַר דעם עלאַיד דזשואיש אַפּיל, און דורכדעם אויסגעמיטען אסך דופּליקירענדע אַרבייט. אונזערע פאָלק שולען, און אַנדערע לאָקאַלע אנשטאַלטען האָבען אויפגעהערט קאַמפּיינינגען, א דאַנק דעם וואָס זייערע בודזשעטען ווערען געדעקט דורך די פאָנדען פון דעם עלאַיד דזשואיש אַפּיל. דאָס אַליין איז א גרויסער אויפטו.

★

פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן

רעזידענץ: 6006 גרין סטריט. אָפיס: טעמפּל יוניוואָירסיטי. געבוירען אין אבאַלאַן, פּאַלטאַווע, רוסלאַנד, אין 1886, דער זוהן פון יהודא ליב פראַנים, און ביילע (דיימאָנד) פיינמאַן.

איז געבראַכט געוואָרען קיין אמעריקא אַלס א 4־יאָהריגער אינגעל, האָט דאָ געמאַכט פּאָבליק, האַי און יוניוואָירסיטי אָוו פּענסילווייניע. האָט באַקומען דעם ב. א. דעגרי, האָט אויך שטודירט אין קאָלאַמביא יוניוואָירסיטי אין נויאָרק.

פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן איז א לעהרער אין טעמפּל יוניוואָירסיטי זינט 1911.

איז איינער פון די גרינדער פון דעם פועלי ציוניזם אין אמעריקא, און א מיטגליד פון דעם צענטראַלען קאָמיטעט זינט די פּאַרטיי איז געשאַפען געוואָרען. אין 1907־1908 איז ער אויך געווען דער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. דאָס אייגענע אין 1919־1920. איז געפאָהרען קיין ארץ ישראל אַלס איינער פון דער אַרבייטער קאָמיטע, האָט דאָרטען פאַרבראַכט 7 חדשים, דורך וועלכער צייט ער האָט געהאָלפען אויסאַרבייטען פּלענער לויט דער פּראָגראַם צו בויען קאָאָפּעראַטיווען און די אַלגעמיינע קאָלאָניזאַציע סיסטעמע. אין 1931 האָט ער רעזיגנירט פון דער שטעלע אין יוניווערסיטעט און איז אָפּגעפאָהרען קיין ארץ ישראל, און האָט געהאַלטען א שטעלע אין דער חיפה'ר רעאַל שול.

אין 1932 צוריקגעקומען, האָט ווידער אָנגענומען די שטעלע אין טעמפּל יוניוואָירסיטי און ער האַלט די שטעלע עד היום.

פּראָפעסאָר פיינמאן איז פאררעכענט פאר דעם לייטענדען גייסט אין סאָציאַ־ליסטיש ציוניסטישער באוועגונג. ער איז געוועזן דער פּאָרזיצער פון דעם פּאַלעס־טינער ארבייטער פאָנד קעמפיין . שפּעטער האָט ער געהאלטען דעם אמט אלס פּאָרזיצער פון דעם געצייג קעמפּיין, און אלע יאָהרען זינט דאן איז ער אין פילאַ־דעלפיא דער פּאָרזיצער און אָנפיהרער פון דעם געווערקשאַפטען קעמפּיין פון דער הסתדרות אין ארץ ישראל.

איז אויך אלע יאָהרען איבערגעבען דער פאָלקשולען באוועגונג, איז געוועזן פּאָרזיצער פון פארבאנד'ס שטאָטישען קאָמיטעט, איז אַ מיטגליד פון דער נאַציאָ־נאַלער עקזעקוטיווע.

צוויי קינדער: דניאל, 27 יאָהר אַלט, האָט גראַדואירט פון יוניווערסיטי אָוו פּענסילווייניע, דעגרי מ. א. האָט געהאלטען אין קריגען אויך זיין פּ. ה. ד., נאָר ער איז לעצטענס צוגענומען געוואָרען אין דער אמעריקאנער ארמיי; דוד, 5 יאָהר אלט.

★

חשוב'ע תושבים און אינדוסטריאליסטען אין פילאדעלפיא

★

דייוויד וועבער

רעזידענץ — 2201 נ. 53טע סטריט. אָפיס — דייוויד וועבער קאָמפּאַני, 3500 ריטשמאָנד. געבוירען אין 1871, אין לעמבערג, גאַליציען. אַ זוהן פון יעקב צבי און צביה וועבערשפּיל. פּאָטער איז געוועזן אַ וואַלד הענדלער, און האָט דעם יונגען דוד'ן געהאלטען אין חדר ביז 16 יאָהר. ער האָט געלערענט תנ"ך און תלמוד, פּויליש און רוסיש.

אין אמעריקא זינט 1892, איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק מיט 2 דאָלאר, איז געשיקט געוואָרען אין זייאָן טאַון, נ. דזש. אויף ארבייט. שפּעטער געקומען אהער און האָט אַ יאָהר געאַרבייט אין אַ פאבריק פון קינדער קליידער.

אָבער די ענערגיע און אמביציע האָט איהם געטריבען זיך נעהמען צו גע־שעפט, און ער האָט אָנגעהויבען פאבריצירען פאפּירענע קעסטעלאך (פּייפּער באָקסעס) און אין 1895 האָט ער געשאַפען אַ פאבריק פון קאָרעגייטעד באָקסעס, וואָס זיינען בסך הכל דאן געוועזן זעקס פאבריקען פון דעם מין אין גאַנצען לאַנד. מיט דעם וואוקס פון דעם לאַנד איז די פאבריק געשטיגען און רעכענט זיך היינט פאַר איינער פון די אָנגעזעהענסטע אין אמעריקא.

האָט געהייראַט גאָלדע ריכטער, אַ שוועסטער פון דעם באַריהמטען דראַמאַ־טורג, משה ריכטער. מרס. וועבער איז אַוועק פון דער וועלט אין 1922.

מרס. וועבער האט אין איהר הויז געגרינדעט די געזעלשאפט „הילף פאר אידישע יתומים” און האט אין א משך פון 10 יאהר געשאפען איבער 50 טויזענד דאלאר, און דאס איבערגעשיקט קיין לעמבערג.

זיי האבען געהאט פיער קינדער. דריי טעכטער און איין זוהן. טילי, מרס. וויליאם פארטנער, לינא, מרס. דר. סעקס בריקער, און הענריעטא, מרס. דר. וויליאם סטיינבערג. טילי און לינא האבען גראדואירט האי סקוהל, הענריעטא האט גראדואירט פענסילווייניא יוניווערסיטי, האט אויך גענומען א פאסט גרעדואייט קורס פאר מאסטער דעגרי.

דער זוהן, איזידאר וועבער, איז געווען א גראדואירטער מעקעניקעל אינזשעניר פון פענסילווייניא יוניווערסיטי, איז געווען מיט'ן פאטער אין די „ביזנעס”, איז געשטארבען דעם 12טען דזשון, 1938, אין עלטער פון 38 יאהר. האט געלאזען אן אלמנה, ליליען (מאן) וועבער, און 2 קינדער: גלען, 13, און ראנאלד, 8 יאהר אלט.

אלס געשעפטסמאן געדיינקט דייוויד וועבער זיין באשיידענעם אנפאנג אלס אן עמיגראנט, וואס איז געקומען אין א פרעמד לאנד מיט בלויז 2 דאלאר. היינט צו טאג, ווען ער פיהרט גרויסע מסחרים און גיט באשעפטיגונג צו 120 ארבייטער און אנגעשטעלטע, האט דייוויד וועבער צו זיין קרעדיט וואס ער צאהלט לאיף אינשורענס פון אייגענער קאסע פאר אלע אנגעשטעלטע אין דער פאבריק. וועבער האט דורך די פופציג יאהר וואס ער איז אין ביזנעס ניט אוועקגעשיקט קיין ארבייטער צוליב דעם וויל עס איז ניטא גענוג ארבייט אין פאבריק. ער מיטעלט אוים אלעמאל, אז דער ארבייטער זאל ניט בלייבען אהן באשעפטיגונג. זינט עס איז אריין אין קראפט דער ווידזש טעקס אין פילאדעלפיא, און דער כאשעל סעקיורעטי טעקס, האט וועבער קיינמאל ניט ארונטערגענומען די פארשיידענע טעקסעס פון זיינע אנגעשטעלטע, נאר ער האט באצאהלט אלע טעקסעס פון זיין אייגענער קאסע.

געזעלשאפטליך איז וועבער באקאנט פאר א גרויסען נדבן, סיי ווען עס האנדעלט זיך וועגען ציוניזם און סיי וועגען לאקאלע קאמפיינס, איז ער א בייישטייערער מיט דער ברייטער און פולער האנט, און אלס תושב האט ער צו זיין קרעדיט אסך געזעלשאפטליכע ארבייט אין פילאדעלפיא.

איז געווען איינער פון די גרינדער פון תפארת ישראל שוהל, און אין 1919 ווען ער האט זיך אריבערגעצויגען קיין ווינפילד, איז ער באלד פאראינטערעסירט געווארען אין דער גרינדונג פון דעם הר ציון טעמפעל, און איז געווען דער ערשטער וויים פרעזידענט, און עד היום האלט ער דעם זעלבען אמט. דער נאמען „הר ציון” איז פון איהם פארגעשלאגען געווארען, און די גרינדער האבען דעם נאמען גוטגעהייסען. ער איז פון אנהויב געווען דער פארזיצער איבער רעליגיעזע סוירוויסעס און ער האט אויך געווירקט, אז ראבאי סיימאן גרינבערג זאל אנגעשטעלט ווערען אלס דער גייסטיגער פיהרער.

דייוויד וועבער איז נאך עד היום דער טשערמאן איבער רעליגיעזע סוירוויסעס. ווען די פעדערישאן איז רעארגאניזירט געווארען איז ער געווען פון די גרויסע ביישטייערער. דאס אייגענע פאר דעם עלאיד דזשואיש אפיל, וואו ער

איז אויך געווען אקטיוו אין זאמלען גרויסע סומען געלט. ער איז אויך געווען געהילפס טרעזשורער פון דעם זעלבען פאנד.

איז געווען איינער פון די ערשטע צו ארבייטען פאר דער קאנוואלע־סענט האום, א דירעקטאר און וויצע פרעזידענט אין די אסאשיאייטעד תלמוד תורות, א מיטגליד פון דער באַרד פון ישיבת משכן ישראל און סענטראל תלמוד תורה, מיטגליד פון אידישען טעאלאגישען סעמינאר, דראפסי קאלעדזש, און איצט דער טרעזשורער פון אידישען קאונסיל פאר „ראשען וואר רעליף”, און דער עיקר, א מענש וואס איז פאראינטערעסירט אין אידישער בילדונג און דער־ציאונג, סאי לאקאל און סאי נאציאנאל. אונטערשטיצט אלע מוזעאומס, יוני־ווערסיטי אוו פענסילווייניא, און אין 1925, ווען עס איז געעפענט געווארען דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים, איז ער געשיקט געווארען אלס דעלע־גאט צו דער דערעפנונג, פארטרעטענדיג דעם הר ציון טעמפעל. אלע ציוניסטישע דרייווס באקומען פון איהם גרויסע סומען געלט, און ווען ער איז מיט א יאהר צוריק געווארען א בן שבעים, איז פאר איהם איינגעארדענט געווארען א טעסטי־מאניעל, אין וועלכען עס האבען זיך באטייליגט איבער 200 געסט, די אנגעזע־הענסטע פערזענליכקייטען, פון אלע שיכטען פון דער באפעלקערונג.

ערשט דארט איז דעמאנסטרירט געווארען ווי געאכטעט און געשעצט עס איז דער היינטיגער נדבן און דער אמאליגער אימיגראנט וואס איז געקומען אהער מיט ליידיגע הענט, אבער וואס האט אחוץ זיין א דערפאלגרייכער געשעפטסמאן קיינמאל ניט פארגעסען, אז צדקה דארף מען גיבען ביים לעבען.

אין דעם אווענט ביי דעם טעסטימאניעל האט דייוויד וועבער בייגעשטייערט דריי טויזענד דאלאר וואס זיינען צוטיילט געווארען צווישען זעקס אנגעזעהענע אנשטאלטען.

דייוויד וועבער האט זיבען אייניקלאך, 2 פון זיי שוין פארהייראטע, און איין אור־אייניקעל. אפילו נאך איצט, אין טיפען עלטער, איז ער נאך אקטיוו אין זיינע געשעפטען, אקטיוו אלס כלל טוער, קומט צו וויכטיגע זיצונגען און קאנ־פערענצען אפילו אין שלעכטע וועטערען, און נעהמט אן אקטיווען אנטייל אין צעהנדליגע וויכטיגע אידישע געזעלשאפטליכע ענינים.

★

דזשייקאב בראדסקי

רעזידענץ—2312 נ. 50טע סטריט. אפיס: דזשייקאב בראדסקי ענד סאן, וואול פולערס, ריטשמאנד ענד אנטאריא.

געבוירען אין שפאלע, קיעווער גובערניע, אין 1867, דער זוהן פון מאיר צבי און עטל בראדסקי. דער פאטער איז געווען א קאמיסיאנער פון ברויט, וואס ער האט צוגעשטעלט „זאגראניצע,” (קיין אויסלאנד).

דער יונגער יעקב בראדסקי האט געלערנט אין חדר ביז 14 יאהר, האט אויך געלערנט רוסיש, געמאכט עטליכע קלאסען.

אין אמעריקא זינט 1889, האָט די ערשטע צייט געארבייט אין א לעדער פאבריק, ביז 1900, ווען ער איז געגאנגען אין ביזנעס פאר זיך. האָט אָנגעהויבען אין די „וואולען ביזנעס."

האָט געהייראט דארא גאָלדבערג, וועלכע איז אוועק פון דער וועלט מיט צעהן יאָהר צוריק, אין 1932.

זיי האָבען געבראכט 3 קינדער: די עלטסטע טאָכטער, ענע גרינבאום, וואוינט אין פילאדעלפיא; ברעד בראדסקי (איזראעל) 608 וועסט אפסאל; מארשיע, מרס. מייער ראָזענטאל, באפאלא, נ. י.; קלארא, איצט מרס. לעאן אבוס, פילאדעלפיא.

געזעלשאפטליכע טעטיגקייט: גרינדער פון הר ציון טעמפל, וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרען אין הויז פון דזשייקאָב בראדסקי, איז עד היום א דירעקטאָר פון הר ציון טעמפל.

איינער פון די ערשטע מיטגלידער און בעלי בתים פון דער שוהל אין דער 52טער און קאלאמביא עווענוי. אַן אונטערשטיצער פון ישיבת משכן ישראל, און פון אפטאון בית יתומים, מושב זקנים, נאָרטהערן ליבערטים האספיטאל, פעדערייישאָן אָוו דזשואיש טשאריטיס, ישיבת אהל משה דסטראָבערי מענשאָן.

שעכטער סעמינאריום אין נויאָרק, א באוואוסטזיניגער ציוניסט אלע זיינע יאָהרען. איינער פון די פיהרער אין ברית שלום מיט 30 יאָהר צוריק, א ביי־שטייערער פון קרן היסוד, נאציאָנאל פאָנד, עלאיד דזשואיש אַפיל, און איינער פון א דור פיאָנערען וואָס האָבען אוועקגעלעגט א חותם אויף דעם אידישען לעבען און געגעבען אינהאלט און א זינען פאר דער היינטיגער אידישער פילא־דעלפיא.

ווען דער צוקונפטיגער היסטאריקער וועט בלעטערן די געשיכטע פון דער אידישער פילאדעלפיא מיט עטליכע און פופציג יאָהר צוריק, וועט איהר געפינען דעם נאָמען פון דזשייקאָב בראדסקי אויף דעם פינקס פון דער האיאס, פון דער ערשטער תלמוד תורה, פון דער ישיבה, פון הכנסת אורחים, פון דזשואיש האספי־טאל, פון מאונט סיני האספיטאל, פון ישיבת אהל משה, אין סטראָבערי מענ־שאָן, פון הר ציון טעמפל, און ער וועט בכלל ניט קענען געפינען קיין איין אידישע און אלגעמיינע אינסטיטוציע וואו דער נאָמען דזשייקאב בראדסקי איז ניט אריינגעוועבט געוואָרען צוליב דעם ווייל דזשייקאָב בראדסקי איז ניט געווען פון די מנדבים וואָס האָבען בייגעשטייערט צוליב דעם כדי זייער נאָמען זאל אויסגעשריען ווערען בקול רם, נאָר מחמת דעם, ווייל בראדסקי איז געווען א ליבעראלער ביישטייערער און ער האָט געגעבען דערפאַר, ווייל ביישטייערען איז ביי איהם געווען א לעבענס פרינציפּ, און געגעבען האָט ער מיט דער פולער האַנט ,און גאַנץ אָפט איבער זיינע כוחות.

דזשייקאָב בראדסקי איז היינט אויף דער עלטער דער זעלבער נדבן, און גיט עד היום איבער זיינע כוחות ביי יעדער געלעגענהייט פאר אידישע און אל־געמיינע צדקות. איינע פון די עוסקים בצרכי באמונה, אָבער די פיזישע כוחות דערלויבען איהם מעהר ניט צו באטייליגען זיך אַקטיוו ווי אין די אמאָליגע יאָהרען.

דזשייקאָב בראָדסקי איז אויך איינער פון יענעם טיפ מענשען, וואָס זיינע אָנגעשטעלטע באַטראַכטען עס פאַר אַ פּריוועליגיע צו אַרבייטען ביי איהם, מחמת ער האָט אין זיך אַ געפיהל פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט, און ער האָט אַלעמאָל געוואוסט, אַז זיינע אַרבייטער פאַרדינען זייער פּרנסה בכבוד און ער האָט זיך באַמיהעט צו זיין געטריי צו זיינע אַרבייטער, אַזוי, אַז זיי האָבען איהם מיט עטליכע יאָהר צוריק געגעבען אַ טעסטימאָניאַל, און איהם אונטערגעטראָגען אַ פּאָרטרעט, וואָס הייננט עד היום אין זיין אָפיס, און דזשייקאָב בראָדסקי איז שטאָלץ אויף דעם גוטען ווילען פון זיינע אַרבייטער.

אַ זקן, וואָס איז אין אַמעריקאַ איבער אַ האַלבען יאָהר הונדערט, אָבער האָט נאָך עד היום ניט פאַרגעסען, אַז עס קומט פון שפּאַלע, פון אַ קליין שטעטעל, און אַז יעדער מענש איז אַ וועלט פאַר זיך, און האָט אַ רעכט צו לעבען אויף דער וועלט, אַלס אַ פרייער, זעלבסטשטענדיגער מענש.

איצט, אין זיין טיפער עלטער, טרעפט איהר איהם נאָך עד היום אַקטיוו אין די געשעפטען, כאָטש עס איז שוין איבער זיינע כוחות. דזשייקאָב בראָדסקי איז אַ פעסטע זייל געוועזען אין דעם אידענטום אין פילאַדעלפיאַ, און וועט פאַר־בלייבען אַן אינספּיראַציע פאַר די צוקונפטיגע דורות.

★

אדאָלף (אברהם אבא) וואקס



רעזידענץ — 5405 וואודקרעסט עוועניו. געבוירען אין ראַזאַוואַדוף, גאַליציען, אין 1873, אַ זוהן פון משה און פרימעט וואַקס. געלערענט אין חדר ביז 12, אויך דייטש און פּויליש. אין אַמעריקאַ זינט 1880. געוועזן אַן אייער־קענדלער, שפּעטער געגאַנגען אין די זעלבע ביז־נעס און איז פאַרבליבען ביז ער האָט זיך צוריקגעצויגען אויף דער עלטער.

אין 1816 געהייראַט דאָראַ שער. זיי האָבען פיער קינדער: לאַיער איזידאָר וואַקס, גראַדואירט פון יוניווער־סיטי אָוו פּענסילווייניאַ, בעני, פלאַרענס, מרס. בען בעקער, און מעי, מרס. אב. מעדאָף, אַ גראַדואירטע פון טעמפּעל יוניווערסיטי.

אַדאָלף וואַקס איז אַ פּיאָנער פון געזעלשאַפטליכער אַרבייט אין פילאַדעלפיאַ. איז געוועזען צווישען די גרינדער פון האיאס, היברו ליטעראַטור סאָסייעטי, געווע־זענער פּרעזידענט פון ברית אחים, צווישען די גרינדער פון הר ציון טעמפּעל, ווינ־פיעלד, תפארת ישראל שוהל, דירעקטאָר פון דזשואיש וועלפעיר באָרד פון דער פעדעריישאָן, אַן אַקטיווער ציוניסט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט קרן היסוד און קרן קימת, און אַ שטיצער פון אַלע וואוילטעטיגע אידישע געזעלשאַפטען.

מרס. אַדאָלף וואַקס איז אַקטיוו אין דער סיסטערהוד פון הר ציון טעמפּעל, הדסה, נאַציאָנאַל פאָנד, און העלפט איהר מאַן אין אַלע געזעלשאַפטליבע אַרבייטען.

יעקב ראזענבלום

רעזידענץ — 1930 מאיאמענסינג עוועניו. אפיס: דער זעלבער אדרעס. געבוירען כ"א אדר, תר"כה, (1867), אין ביאליסטאק, דער זוהן פון רגא פייוול און איטקע ראזענבלום. דער פאטער איז געווען א מלמד. יעקב ראזענבלום האט געלערנט ביים פאטער, דערנאך אין די בתי מדרשים ביז צוואנציג יאהר אלט.

איז אין אמעריקא זינט 1887. האט געהייראט פריידל יאפע, אין 1889, אן אייניקעל פון רב שעפסל דרעקסלער, פון לבוש'ם משפחה. זיי האבען 2 זיהן: דר. פיליפ ראזענבלום, און לאיער אל. ראזענבלום. אויך 2 טעכטער: מרס. דר. סעמועל גראס און מרס. איידע ברענשטיין, דראגיסט אין קליטאן. זיי האבען אויך 7 אייניקלאך.

יעקב ראזענבלום איז איינער פון די היגע תושבים, איז געווען צווישען די גרינדער פון דער בני אברהם שוהל, אויך א געוועזענער טרעזשורער. איז אויך געווען צווישען די ערשטע אין דער חברה ש"ס אין פילאדעלפיא, האט אויך א סך געהאלפען צו באפעסטיגען די תלמוד תורה און ישיבות. געווען אקטיוו אין דער בני משה שוהל, איז אלע יאהרען געווען אקטיוו פארן סענטראל רעליעף אין די צייטען פון דער ערשטער וועלט מלחמה, טשערמאן פון דער בארד אוו עדיוקיישאן און עהרען פרעזידענט אין ישיבת משכן ישראל.

געוועזענער פרעזידענט אין בני משה, טשערמאן פון דער בילדינג קאמיטע אין בני אברהם ביי דעם חנוכת הבית, אין 1927.

★

נייטען (ניסן) פייגען

רעזידענץ — 1837 נ. 33טע סטריט. אפיס: 1304 רעים סטריט. געבוירען אין טשערניגאוו, רוסלאנד, אין 1873, א זוהן פון אברהם און דבורה פייגען. דער פאטער איז געווען א באלעבאטישער איד, א סוחר און א פארוואלטער פון אימעניעס (גיטער).

ניסן פייגען האט געלערנט אין חדר ביז 15 יאהר, גמרא מיט מהר"שא, און האט אויך געענדיגט 8 קלאסען גימנאזיע.

אין אמעריקא זינט 1888, האט דאס ערשטע האלבע יאהר געארבייט ביי העמדער, און דערנאך אנגעהויבען ארבייטען ביי דעם זעלבען פאך פאר זיך אליין. דריי יאהר שפעטער איז ער געווארען א שותף צו די טוטעלמאןברידער, וואס האבען מיט יאהרען צוריק געשמ'ט אין דער העמדער אינדוסטריע.

איז געווען פארהייראט צו אסתר טוטעלמאן, איז נפטר געווארען אין 1920. זעקס קינדער, לואיס, יונה, דבורה, מרס. ברעקער, איזידאר, סעמועל און מרים, מרס. פ. באירק.

האט געהייראט דעם 2טען מאל, דזשעני ה. מילער, באקאנטע כלל טוערין, צדקה געבערין, וואס האט צוטיילט א גרויס עשירות אויף רעליגיעזער און ביל־דונג אנשטאלטען.

ניסן פייגען איז דער גרינדער פון ישיבת אהל משה, איז געווען פרעזידענט 6 יאהר, געווען פרעזידענט אויך פון בני ישורון קאנגרעגיישאן, פרעזידענט פון דעם ועד הכשרות, איז אן אקטיווער ציוניסט אלע זיינע יאהרען און האט צו זיין קרעדיט דאס זאמלען פון אסך שטיצע פאר נאציאנאלע אנשטאלטען.

★

דייוויד אווערבאך

רעזידענץ, 5730 מאלווערן. געשעפט, האלסייל געווי־בערטע פליישען, מאר און מאיאמענסינג. געבוירען אין 1898, אין שפיקאוו, פאדאלסק. א זוהן פון הירשל און פעסיע אווערבאך. פאטער א סוחר פון אייער. געגאנגען אין חדר ביז 12, דערנאך אליין זיך געלערנט רוסיש, דייטש און איז געווען אן ארבייטער אין א קאלבאסען פאבריק. אין פילאדעלפיא זינט 1913.

אווערבאך האט געהאט אן אינטערעסאנטע יוגענט, ווערענדיג אריינגעצויגען אין דער רעוואלוציאנערער באַ־וועגונג. אין דער „באיאוואיא ארגאניזאציע" און האט געוואונען דעם צוטרויען פון די פיהרער פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, וואס האבען געזוכט צו שטירצען דעם טראן פון די צארען אין רוסלאנד.

געהייראט קלארא בלובאנד אין 1923. זיי האבען 3 קינדער: שלמה, אווער־ברוק האי סקוהל, משה יצחק, 11 יאהר אלט, דזשוניאר האי סקוהל און ישיבת אהל משה, און לעאנארד, 10 יאהר אלט, פאבליק סקוהל, און ישיבת אהל משה, כטראבערי מענשאן.

דוד אווערבאך איז טרעזשורער פון קאנגרעגיישאן בני יהושע אין ווינפילד, און ער האלט דעם אמט, ווייל זיין שווער, עה"ש האט געהאלטען דעם אמט, און האט איהם אנגעזאגט אין דער צוואה, אז ער זאל זיך ניט דערווייטערען פון דער זעלבער קאנגרעגיישאן.

דוד אווערבאך איך אויך באקאנט אלס א פאלקס מענש וואס נעמט וואהל־טעטיגע ארבייט זעהר ערנסט. ער ווידמעט זעהר אסך צייט דער קאנוועלעסענט האום אין ווילאו קרעסט, פיהלנדיג ווי נויטיג עס איז אזא אנשטאלט פאר ניט פארמעגליכע מענשען, וואס קומען ארויס פון א שפיטאל און נויטיגען זיך אין א פלאץ וואו זיך צו דערהאלען.

דוד אווערבאך איז באקאנט פאר איינעם פון יענע אידען וואס גיבען אפט צדקה אויף דעם היימישען שטייגער, דורך מתן בסתר, איידער אויסצושרייען זיינע ביישטייערונגען אין דער עפענטליכקייט.

אויף זיין צעטעל פון אנשטאלטען געפינען זיך 360 ארגאניזאציעס וואס ווערען געשטיצט דורךביישטייערונגען פון געלט און אויך פלייש פראדוקטען. זיין אפיס איז באקאנט אלס אן אפענע טיר פאר מענשען וואס קומען שאפען הילף פאר אנדערע אדער קומען אין אן עת צרה זיך אויסצוגיסען דאס הארץ און זיך פארטרויען אויף א ביטערער לאגע.

אווערבאך גלויבט אין סאציאליזם. ער געדיינקט נאך יענע צייט, ווען ער מיט זיין פאמיליע האבען זיך געפלאגט. ער וואלט דעריבער געוואלט זעהן א וועלט באזירט אויף גערעכטיגקייט. ער קען ניט צוזעהן די מענשליכע ליידען. טוט ער אלץ אין דער וועלט, אז וואס ווינציגער מענשען זאלען ליידען פון נויט, שלאפקייטען און עלענט.

★

קאנגרעסמאן לעאן סאקס

קאנגרעסמאן לעאן סאקס איז געבוירען געווארען אין פילאדעלפיא, אין אקטאבער, 1902, איז דער זוהן פון מאריס און דארא (קליינמאן) סאקס. האט באקומען דעם טיטול בעטשלאר או סייענס אין עקאנאמיקס פון ווהארטאן סקוהל, יוני־ווארסיטי או פענסילווייניא, אין 1923.

האט אויך באקומען דעם טיטול פון ל. ל. ב. פון יוניווארסיטי או פענ־סילווייניא אין 1926.

איז אין 1926 צוגעלאזען געווארען צו דער „באר," און זינט יענער צייט פראקטיצירט קאנגרעסמאן סאקס לאא אין פילאדעלפיא.

ער איז געוועזען דעפיוטי אטוירני דזשענעראל פאר דעם פענסילווייניע סטייט אין 1935 און 1936. ער איז א מיטגליד פון דעם 75טען ביזן 77טען קאנגרעס (פון 1937 ביז 1943). אין דעם ערשטען פענסילווייניע דיסטריקט.

קאנגרעסמאן סאקס איז א דעמאקראט, א מיטגליד פון די עלקס, אין די בני־ברית, מיטגליד פון ברית שלום לאדזש, און זיינע קלובס זיינען דער מעקיע לא קלוב, (יוניווארסיטי או פענסילווייניע), און זיין היים געפינט זיך אין 1316 ס. 5טע סטריט, פילאדעלפיא.

קאנגרעסמאן סאקס איז באקאנט פאר אן אויסגעשפראכענעם ווארימען אי־דען, און איינער וועלכער איז אלעמאל גרייט צו קומען און העלפען דורכפיהרען אן אקציע פאר וואוילטעטיגע אנשטאלטען, און איז פאפולאר צווישען די אידישע פאלקסמאסען.

דזשאָזעף אַמינסקי



רעזידענץ — 3812 דזשיראַרד עווענו. אָפיס 12 ס. 12טע סטריט.

געבוירען אין קאַמינקע, קיעווער גובערניע, זוהן פון אליהו און פריידא אַמינסקי. פאָטער איז געווען אַ סוחר פון פעל. געקומען קיין אַמעריקא אַן 8 יאָהריג אינגעל. דאָ באַזוכט ישיבת משכן ישראל, געמאַכט פּאָבליק סקוהל, האַי סקוהל, דערנאָך יוניוואָירסיטי אָוו פענסילווייניא, דרעקסעל סקוהל פאַר אינזשענירינג, טעמפל יוניוואָירסיטי לאָא סקוהל, ב. ס. דעגרי, פּראַקטיצירט זינט 1930.

געהייראט ליליען הערמאַן, 3 קינדער, הערים, 9, באזוכט אוך ארב. רינג שולע און סאָנדעי סקוהל, ראבערט 6, מארק 2 יאָהר אַלט.

אמינסקי איז אַ געוועזענער פּרעזידענט פון אינטער קלאָב קאונסיל, געוועזענער דירעקטאָר פון י. מ. ה. א. קאונסיל פאַר תפארת ישראל, פּארקסייד פאַר די לעצטע 25 יאָהר, איינער פון די גרינדער פון סעם וואגעלסאָן לאדזש, ב. ש. געוועזענער טרעזשורער אורח חיים לאדזש, א. א. ב. א., טשערמאַן פון אדמיניסטראַטיווען קאָמיטעט פון קאונסיל פון אידישע אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקאַנער אידישען קאָנגרעס, סמילער בענעוואָלענט אסס'ן, געוועזענר דירעקטאָר פון אינדעפּ. חברה קדישא, דעבארא סאניטאריום, איגעלוויל סאניטאריום, דירעקטאָר פון די אסאָשיאייט תלמוד תורות, שטיצט אַלע וואוילטעטיגע אנשטאלטען.

אין 1934 דערוויילט געוואָרען סטייט רעפּרעזענטאַטיוו קיין העריסבורג, פאַרבליבען ביז 1940. געווען דער פיהרער פון דער מאיאריטעט אין דער הויז פון 1937 ביז 1940. האָט דורכגעפיהרט די מעדזשיסטרייט רעפאָרם ביל, אויך דעם נייעם פּאָבליק יוטיליטי אַקט, וואָס גיט דעם קאָנסומער אַ גרויסען פּראָפיט. געווען אַ מיטגליד פון פילאַדעלפיער טשאַרטער קאָמיסיע. טשערמאַן פון דער אינוועסטיגייטינג קאָמיטע איבער פּאַרקס און פּלעיגראאונדס. האָט אָרגאַניזירט דעם מייער סולצבערגער לאָ קלוב פאַר יונגע לאָיערס, איז געווען אַ מיטגליד פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע וואָס האָט אָנגעפיהרט די אויספאָרשונג איבער דער אוירל אדמיניסטראַציע אין העריסבורג, געווען דער ספּעציעלער קאָנסעלאָר פאַר דער פּאָבליק יוטיליטי קאָמיסיע וואָס האָט געפיהרט די אויספאָרשונג איבער דער פילאַדעלפיא טראַנספּאָרטאַציע קאָמפּאַני, מיטגליד פון דער דעמאָקראַטישער סיטי קאָמיטע אין 24טען וואָרד. איז באַזונדערס אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און איז באַקאַנט אַלס אַ וואַרימער איד מיט ליבע און דרך ארץ פאַר ליטעראַטור און קונסט.

מרס. אמינסקי איז די טשערליידי אין דער מיטגלידער קאָמיסיע פון תפארת ישראל פּארקסייד, און אַן אַקטיווע טוערין פון דער הדסה.

מרדכי מענדל סילווער



רעזידענץ, 1316 וועסט בלעיוועס סטריט. אָפּיס, עמבער און ווילארד, דזשיראַרד ניטינג מילס.

געבוירען 1885, אין בעלקאוויטץ, לעבען כאטין, בעסאראביע, אַ זוהן פון יעקב און מעניע סערעברעניק. עלטערען האָבען געוואוינט אין דאָרף און געהאַלטען פּרי־וואַטע מלמדים בשותפות מיט אַנדערע אידען. מרדכי מענדל סילווער האָט געלערנט ביי מלמדים ביז בר מצוה, אויך באַזוכט אַ נאראדנאיא אוטשילישטשע, געענדיגט 3 יאָהריגען קורס אין 2 יאָהר. האָט זעהר יונג אָנגע־הויבען האנדלען מיט אייער, און זיי פאַרקויפט צו קאָ־מיסיאנערען. צו 16 יאָהר איינגעקויפט תבואה און צוגעשטעלט צו דער גרע־נעץ קיין וואלקאווינעץ.

אין 1903 גערופען געוואָרען צום פּריזיוו, האָט ער אויספאַרקויפט די מסחרים און איז אַוועק קיין אַמעריקא.

כאָטש ער האָט געבראַכט קיין פילאַדעלפיא נאָהענט צו הונדערט אַמערי־קאַנער דאלארען, האָט מען איהם אָפּגעפיהרט פאַר דער ערשטער נאַכט אין הכנסת אורחים, 218 לאָמבארד סטריט. אויף מאָרגען האָט ער אויסגעפונען אַ לאַנדסמאַן, און האָט זיך אָנגעהויבען לערנען וועבעריי. אָפּגעאַרבייט אַ יאָהר, און געוואָרפען. גענומען לערנען זיך ביי „פּויר," שפּעטער זיך אויסגעלערנט ארבייטען ביי „ווייער פרעימס" פון פרויען העטס, און געאַרבייט ביז 1906.

גענומען אָרגאַניזירען די פּויריער, די מילינערי און ווייער פרעים וואָירקערס, האָט אַרויסגעוויזען גוטע פעאיגקייטען אַלס אָרגאַניזאַטאָר, אָבער דערפאַר האָט ער פּאַרלוירען די שטעלע אין שאַפּ, און איז דערקלעהרט געוואָרען פאַר אַ סאָציאליסט, אין יענער צייט באַטראַכט געוואָרען פּאַר שעדליך אין אַ שאַפּ. אין יענער צייט האָט ער אויך געהאָלפען אָרגאַניזירען די פילעשטער עיד סאָסייטי, און אין די אָווענטען באַזוכט די בראַון פּריפּעראטארי סקוהל און זיך צוגעגרייט פאַר דער לאָ סקוהל פון יוניווערסיטי אָוו פּענסילווייניא.

האָט אָבער באַלד געמוזט אַרונטערבריינגען די עלטערען און 2 ברידער און זייערע פאַמיליעס, 12 נפשות. האָט אָרגאַניזירט כאטינער לאדזש פון ברית שלום, געווען איינער פון דער עקזעקוטיווע אין דעם זעלבען לאדזש.

אין 1909 געבליבען אָהן אַרבייט, איז ער אַוועק אין ביזנעס מיט אַ שותף, אָפּגעשטאַנען מיט איהם 2 יאָהר, און אין 1911 איז ער אַריין אין די ניטינג מילס ביזנעס און ער איז פאַרבליבען אין זעלבען געשעפט עד היום. איז דער אייגנטימער פון דער דזשיראַרד ניטינג מילס. פאַבריצירט סוועטערס און איז אַנערקענט פאַר אַן אנגעזעהענער פירמע אין דער לאַין.

אין 1913 געהייראַט שרה טוטעלמאַן, זיי האָבען 3 קינדער: דר. דזשאָרדזש אלבערט סילווער, אַ גראַדואירטער פון גרעטץ קאלעדזש, אויך געלערנט העברע־

איש פריוואט, האט גראדואירט יוניוואורסיטי אוו פענסילווייניא, פרי מעד, ב. א. דעגרי, אויך גראדואירט פון דזשעפערסאן מעדיקאל סקוהל, מיט עהרענפרייז פאר אינטערנאל מעדיצין, געווען אן אינטערן אין פרענקפארד האספיטאל, אויך באקומען א פעלאשיפ פון 12 הונדערט דאלאר פון דזשעפערסאן מעדיקאל סקוהל, גיט זיך אפ מיט ריסוירטש ארבייט און איז אינסטראקטאר אין באק־טעריאלאגיע. דר. סילווער האט זיין אפיס אין 1455 וועסט קוירק סטריט. דער אנדערער זוהן, פאול, האט באזוכט גרעטץ קאלעדזש, אויך יוניווארסיטי אוו פענסילווייניא לא סקוהל, געמאכט א יאהר טעקסטייל סקוהל, און פאר די לעצטע 4 יאהר איז ער דער סיילס מענעדזשער אין דעם פאטער'ס ניטינג מיל.

די טאכטער, מילדרעד, האט גראדואירט די האי סקוהל פאר מיידלאך, אויך געמאכט 4 יאהר יוניווארסיטי אוו פענסילווייניא, א מיידזשאר אין פסיכאלאגיע, פסיכיאטריע און סאציאלאגיע. מילדרעד איז פארהייראט און איז די פרוי פון דר. וויליאם גרעניטאר.

מ. מ. סילווער איז שוין אקטיוו אין ברית אחים זינט 1921. ער איז געווען דער טשערמאן פון דער אדוויזארי באָרד, און אין 1924 איז ער דערווײלט געווארען פרעזידענט. פארבליבען דערנאך אקטיוו און אין 1929 איז ער ווידער דערווײלט געווארען פרעזידענט. אין 1940 איז ער ווידער געווען דער טשער־מאן פון דער באָרד און אין 1941 דערווײלט געווארען צום 3טען מאל פאר פרעזידענט.

אין 1925 אונטער זיין אדמיניסטראציע האט דער ברית אחים אריינגענומען 15 הונדערט נייע מיטגלידער. האט געווירקט דורכצופיהרען א ביל, צו באַ־שטימען א יעהרליכען בודזשעט פאר צדקה, און נאכן חברונער פאגראם געווירקט צו סוספענדירען די קאנסטיטוציע און דער ברית אחים האט דאן באשטימט צו געבען א ביישטייערונג פון צעהן טויזענד דאלאר פארן קרן היסוד. אין 1929 זיינען אריינגעקומען אונטער זיין אדמיניסטראציע 2 טויזענד נייע מיטגלידער, און אין דער קאסע איז געבליבען 36 טויזענד דאלאר. אין ווינטער פון 1942 געווירקט אנצוהויבען אן אקציע פארן ראשען וואר רעליף, איז באשטימט גע־ווארען וויים פרעזידענט, געהאלפען דורכפיהרען קאנפערענץ אין ברית אחים בילדינג, און ביי יענער קאנפערענץ איז געשאפען געווארען נאהענט צו אכט טויזענט דאלאר פאר מעדיצין און קליידער פאר רוסישע מלחמה ליידענדע.

מ. מ. סילווער איז א דירעקטאר אין בית שלום טעמפעל פאר די לעצטע צעהן יאהר, און איז אקטיוו אין דער אפטיילונג וואס גיט זיך אפ מיט דערציאונג און בילדונג. וויים פרעזידענט לאגאן בולווארד ציון דיסטריקט. מיטגליד פון די מייסאנס.

מרס. סילווער איז אן אקטיווע מיטגלידערין אין דער הדסה, א געוועזענע פרעזידענטין און איז אויך אקטיוו אין דער סיסטערהוד פון דעם בית שלום טעמפעל.

★

דר. לייב ס. סטיינבערג

רעזידענץ — 2606 נ. 31טע סטריט. אָפיס: דער זעלבער אדרעס. געבוירען דעם 23טען מאַי, 1901, אין ניו יאָרק. א זוהן פון ישראל און בעסי (קראקאוער) סטיינבערג. געלערנט אין פריוואטע חדרים, נויאָרקער פּאַבליק סקוהלס און געמאכט פּאָרהעם יוניווערסיטי. האָט גראַדואירט פון טעמפּעל יוניווערסיטי אין 1926. פּאָסט גרעדואייט קורס אין פּאָסט גרעדואייט האָספּיטאל פון קאָ־לאָמביא יוניווערסיטי.

האָט געהייראט ראָוז אידא יעדלין. זיי האָבען דריי קינדער: טעאָדאָר, 13, מאָרעי, 10, און אילעין, 2 יאָהר אַלט.

דר. סטיינבערג איז פרעזידענט פון חברה תהלים קאָנגרעגיישאָן, און דער מעדיקאל עקזאַמינער פון אינדעפּענדענט יאָנג מענס, און א מיטגליד פון אדמי־ניסטראַטיווען קאָמיטעט פון פילאַדעלפיער קאָונסיל פון אמעריקאַנער אידישען קאָנגרעס, א מיטגליד פון מעדיקאל סטעף פון נאָרטהערן ליבערטיס האָספּיטאַל, מעדיקאל עקזאַמינער פון פילאַדעלפיא פּאָבליק סקוהלס.

★

בענדזשאמין פּ. מילער

רעזידענץ, 6401 ווען עוועניו. געשעפטס אדרעס, פרענק־לינשייר וואורסטעד מילס, 3טע און אלעגעיני עוועניו. גע־בוירען אין יאנישקעל, ליטא, אין א פאמיליע פון סוחרים, בעלי בתי׳שע אידען, דער זוהן פון חיים הירש און גאָלדע ציגעלניק. פאָטער איז געווען א לעדער פאַברי־קאַנט, האָט איהם געהאַלטען אין חדר ביז 11, דערנאָך איהם אָפּגעשיקט אין דער ישיבה אין קאָוונע.

ב. פ. מילער איז אין אמעריקע זינט 1886, האָט די ערשטע צייט געוואוינט אין פּיטסבורג, שפּעטער איז ער צוריקגעקומען קיין פילאַדעלפיא, וואו ער איז געבליבען א תושב און האָט זיך אריינגעוואָרפען אין דער ארבייט פון בויען געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, און האָט גרויסע פאַרדינסטען אויף דעם געביט.

געהייראט יאנואר, 1902, נאָמי מאַרים, זיי האָבען 6 קינדער, אלפרעד, מיטן פאָטער אין די מסחרים, הערבערט, א טעקסטייל אינזשעניר, לאָיער נייטען י. מילער, איצט דער פּרעזידענט פון קאונסיל פון אידישע אָרגאַניזאַציעס פון אמע־ריקאַנער אידישער קאָנגרעס, זעליג מילער, ראבאי, אין לאָנג איילאַנד, נ. י. מרס. ראָוז סטיין, פרוי פון דר. סטיין, מרס. גאָלדע קאיל, פרוי פון לאָיער קאיל, אין ווילמינגטאָן, דעל. אלע קינדער האָבען באַקומען א סיסטעמאַטישע בילדונג.

איינער פון די גרינדער פון אָרדען ברית שלום, א געוועזענער גרענד־מאַסטער, וועלכער האָט דורכגעפיהרט דעם ערשטען קאַמפּיין געגען דער ווייסער פּלאָג,

וואס האט געפיהרט צו דער גרינדונג פון איגעלוויל סאניטאריום, איז געווען צווישען די גרינדער פון מאונט סיני האספיטאל, וואס האט אנגעהויבען מיט א דיספענסערי און קליניק אין איין צימער צוליב שוועריגקייטען צו קריגען א טשארטער פאר דעם שפיטאל, געוועזענער טרעזשורער פון איגעלוויל סאניטאריום, איז אויך געווען דער טשערמאן פון חנוכת הבית פון דער ערשטער נייער „עדישאן" אין מאונט סיני האספיטאל.

טשערמאן פון קרן היסוד פון 1920 ביז 1926, האט געווירקט צו שאפען א פערטעל מיליאן דאלאר אין ערשטען קעמפיין. קרן היסוד האט אין יענע צייטען געזאמעלט אין פילאדעלפיא נאהענט צו 400 טויזענט דאלאר יעהרליך.

אין 1922 האט ער געהאלפען ראטעווען די ישיבה אז מען זאל ניט צושליסען די טירען צוליב פינאנציעלען קריזיס, ווען ער האט דורך א דינער געהאלפען שאפען צעהן טויזענד דאלאר פאר דער ישיבה. מילער איז יאהרענלאנג געווען אקטיוו אין די אסאשיאייט תלמוד תורות, האט אסך מיטגעווירקט פאר דער רעארגאניזירונג נאכדעם ווי בען ראזען איז אנגעקומען אלס עקזעקוטיוו דירעקטאר. אין זיין הויז איז געגרינדעט געווארען דער דזשוירמענטאון דזשואיש צענטער, און ער האט צו זיין קרעדיט די גרינדונג פון דער דארטיגער תלמוד תורה און דאס איינפיהרען פון רעליגיעזע סורוויסעס אין דער צייט ווען אין דזשוירמענטאון האט מען ניט געקענט קריגען קיין מנין פאר שבעה אדער יאהרצייט.

ב. פ. מילער איז פון די געציילטע תושבים, וואס האט איבער א האלבען יאהרהונדערט גענומען א טיכטיגען אנטייל אין אלע געזעלשאפטליכע ארבייטען אויף דער אידישער גאס: צדקה, פילאנטראפיע, תורה צענטערס, ציוניזם, נאציאנאליזם, די אלע ענינים האבען ביי איהם אלעמאל פארנומען דעם אויבענאן, און אלעמאל איז ער געשטאנען אויף דעם ליבעראלען אידישען שטאנדפונקט: יתן ויתנו אחרים. ער האט אליין בייגעשטייערט גרויסע סומען געלט מיט דער פולער האנט, און ער האט אויך באאיינפלוסט אנדערע, אז זיי זאלען מיטגיין מיט איהם אין די זעלבע דרכים.

ב. פ. מילער האט גרויס דרך ארץ פאר בילדונג, האט אין אמעריקא אליין דורכגעמאכט א קאמוירשעל קורס, זיך האלטענדיג ביי דעם כלל: טוב תורה עם דרך ארץ.

★

חיים ריקלין



רעזידענץ, נארבעטה, פא., געשעפט, הארדוועיר סטאר, אין נארבעטה. געבוירען אין לעכאוויטש, לעבען מינסק, אין 1867. דער זוהן פון יואל נחום און רייטשעל ריקלין.

דער פאטער איז געווען א מגיד און האט דעם זוהן דערצויגען אין שטרייגגען ארטאדאקסישען גייסט פון יענער צייט. חיים ריקלין האט געלערנט אין דער ישיבה ביז 18 יאהר, נאר צוליב דער גרויסער נויט האט ער אין 1887 אויסגעוואנדערט אין אמעריקא.

אויף חיים ריקלין האט געהאט א טיפע ווירקונג די ברכה פון הרב יצחק אלחנן, זצ"ל, מיט וועמען ער איז

זיך געקומען געזעגנען איידער ער איז אפגעפאהרען קיין אמעריקא. עד היום, דערציילט חיים ריקלין, אז ער געדיינקט די ווערטער פון רב יצחק אלחנן וואס האט איהם געזאגט: זעהר גוט, מיין קינד, וואס דו פאהרסט קיין אמעריקא. גאט איז דער זעלבער אומעטום, און מען קען דארטען אויך זיין א איד.

די ערשטע צייט איז ריקלין דא געווען א פעדלער, האט געשלעפט א שווערען פאק אויף די פלייצעס, שפעטער איז ער געווארען אן ארבייטער ביי ניע פענטס, דערנאך איז ער געווארען א מילך מאן.

אין 1892 האט ער געהייראט רייטשעל קרעם, זיי האבען זעקס קינדער: הערי ריקלין, נויארק; מעי, מרס. מאסקאוויטש, נויארק; דארי, מרס. בריקמאן, נויארק; אסתר, מרס. לואיס ווינער, נארבעטה, פא., לואיס ריקלין, ווינפילד; ראוז, מרס. לואיס קרעם, טשעסטער, פא.

אלע קינדער האבען באקומען א סיסטעמאטישע דערציאונג.

חיים ריקלין איז איינער פון די גרינדער פון דער אינדעפענדענט חברה קדישא, אין דער צייט, ווען רוסישע אידען זיינען דא נאך ניט געווען ארגאניזירט און ווען ביי ארימעלייט האט פאסירט א טויטענפאל, זיינען זיי געווען אין דער גרעסטער פארצווייפלונג. ער איז אויך געווען דער ערשטער וואס האט געזארגט פאר דעם טרויעריגען שיקזאל פון אידישע שווינדזיכטיגע. דאס האט שפעטער געפיהרט צו דער גרינדונג פון דעם דענווער סאניטאריום.

געווען 3טער פרעזידענט פון ברית אחים, און האט שפעטער דערפיהלט אז עס איז דא א באדערפניש צו שאפען א פאראיין פאר עלטערע מענשען, וואס קענען ניט נאכקומען די שווערע צאהלונגען. אויף זיין נאמען איז געגרינדעט געווארען דער בני חיים סאשעל, מיט 6 יאהר צוריק, וואס ציילט איצט נאהענט צו 7 טויזענד מיטגלידער. ריקלין איז אויך געווען אקטיוו אין דער היברו ליטעראטור כאסייעטי, אין דער האיאם און אין א צאהל אנדערע וואוילטעטיגע אנשטאלטען.

★

דר. אייזיק באקמאן



אייגענטימער פון באקמאן סאניטאריום, פאר גייסטיג שוואכע, איסטאן ראוד, דאילסטאון, פא., געבוירען אין דונאיעוויץ, פאדאלסק, 1878, זוהן פון הירש און לאה זעלדע באקמאן. געלערנט אין חדר ביז בר מצוה און אויסגעוואנדערט אין אמעריקא זעהר יונג.

געווען אקטיוו אין דער ראדיקאלער באוועגונג און אין 1902 באקומען דעם טיטול דאקטאר מעדיצין. אין 1937 האט ער פארטראכט די אידייע פון א סאניטאריום פאר גייסטיג שוואכע און האט אפגעקויפט 22 אקער לאנד אין דאילסטאון, וואו ער האט געעפענט א סאניטאריום.

זינט דאן האט ער אויף דעם לאנד צוגעבויעט א נייע געביידע וואס פאר־מאגט א רייהע פון 12 באזונדערע שטיבלאך,וואו דער פאציענט קען רוהען, אין זונשיין, אויף פרישע לופט און אין א געמיטליכער אטמאספערע. דר. באקמאן האט אסך אויפגעטאן אויף דעם געביט פון באהאנדלען פאציענטען מיט „סאב שאק" אינסאלין טריטמענט, און זיינע פארשונגען האבען ארויסגערופען אנער־קענונג צווישען אויטאריטעטען.

דער סאניטאריום פארמאגט מאדערנע איינריכטונגען פאר דער באהאנדלונג פון גייסטיג קראנקע פאציענטען. דאס עסצימער, דער רעקריאיישאן האל און אלע אנדערע איינריכטונגען זיינען גוט צוגעפאסט פאר אזא סאניטאריום.

דאס פלאץ פארמאגט אויך א שיינע אדמיניסטראטיווע בילדינג און א פרעכ־טיגען גארטען פאר בלומען און פארשיידענע גרינצייג פאר דעם געברויך פון די פאציענטען. דער סאניטאריום פארמאגט אויך אייגענע בהמות און א הינער־צוכט פאר אייגענעם געברויך.

געהייראט לינא ניידיטש, און זיי פארמאגען 1 טאכטער, מילדרעד, א גראַ־דואירטע פון אלני האי סקוהל.

דר. באקמאן איז א מיטגליד אין דער פילא. קאונטי מעדיקאל סאסייעטי, אין ארבייטער רינג, און אן אונטערשטיצער פון אלע וואוילטעטיגע אנשטאלטען. האט אויך אסך געשריבען איבער מעדיצינישע און סאציאלע פראגען און איז באקאנט מיט זיינע ליבעראלע, מאדערנע אנשויאונגען.

*

היימאן לואיס

רעזידענץ—2023 נ. 32טע סטריט. אפיס: 415 וויין סטריט. געבוירען אין פאניעוועזש, ליטע, אין 1878, א זוהן פון יונה און מיכליע עליטשער. דער עלט־סטער ברודער פון פארשטארבענעם ריכטער, וויליאם מ. לואיס. היימאן האט דער ערשטער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, האט פריהער געלאנדעט אין פיטסבורג, שפעטער אין באסטאן; וואוהין ער האט ארונטערגעבראכט דעם פאטער, דריי ברי־דער און א שוועסטער. וויליאם איז געווען דער אינגסטער, און א דאנק היימאנ'ס איבערגעבענהייט, איז וויליאם אוועק אין סקוהל, און האט שפעטער דערגרייכט נים נאר א קאריערע, נאר א הויכע אנגעזעהענע פאזיציע אין געזעלשאפטליכען לעבען, סאי אלס אידישער פיהרער, לעקטשורער און כלל־פארזארגער, בויער פון אידישע אינסטיטוציעס, און אלס אנגעזעהענער ריכטער אין פענסילוויינא.

איז שוין אין אמעריקא פופציג יאהר, האט געהייראט ענע שיליאנסקי, זיי האבען 3 טעכטער און 1 זיהן: מעי, מרס. קענדעל, קלעיר, מרס. מאקס דיע, לאיער יודזשין לואיס, לענד טייטל בילדינג, א גראדואירטער פון קארליל קאלעדזש און לאא, און מאלי, מרס. דזשול אייזענבאד, באקאנטער פסיכיאטער, אין נויארק.

היימאן לואיס איז א מיטגליד פון קאנגרעגיישאן בית ישראל פאר די לעצטע 32 יאהר, און פאר די לעצטע צעהן יאהר א מיטגליד פון דער בארד, איז א

געוועזענער דעפיוטי פון דעם אלטען אינדעפענדענט אָרדער ברית אברהם, און איצט דער פרעזידענט פון דער יונייטעד בענעפישעל אסס'ן, אַן אקטיווער ציוניסט און אַ ליבעראלערביישטייערער פון אלע נאציאָנאלע און לאָקאלע אנשטאלטען.

★

פרענק בראון



רעזידענץ — 725 וועסט ווייאָמינג עוועניו. אָפיס: 213 נ. 4טע סטריט. געבוירען אין האָמעל, רוסלאנד, אין 1890. אַ זוהן פון משה און טשארני בריינין. פאָטער האָט איהם געהאלטען אין חדר און אין דער ישיבה ביז 15 יאָהר.

אין אמעריקא זינט 1909. האָט געהייראט אין 1912 קוני ציטלין, זיי האָבען 2 זיהן אין דער אמעריקאנער ארמיי: הערי, 29 יאָהר אלט, האָט גראדואירט פון נארט־איסטערן האי סקוהל און פון אַ מיליטערישער אקעדעמי, אברהם, 23 יאָהר אלט, האָט גראדואירט פון יוניווערסיטי אָוו פענסילווייניא. 1 טאָכטער, זלאטע, 21 יאָהר אלט, אלני האי סקוהל. איז סעקרעטארשע פון בית ישראל שוהל.

פרענק בראון האָט צו זיין קרעדיט די גרינדונג פון לאָגאן בולעוואַרד ציון דיסטריקט, איז פרעזידענט פון בית ישראל שוהל, רוזוועלט בולעוואַרד און „די״ סטריט, איז אַן אקטיווער טוער אין דעם אידישען נאציאָנאל פאָנד, וויס פרע־זידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אין פילאדעלפיא, אַ דירעקטאָר אין דאון טאון בית יתומים, פרעזידענט פון לאָגאן בולעוואַרד ציון דיסטריקט, און איז אַ ליבעראלער אונטערשטיצער פון אלע לאָקאלע און נאציאָנאלע אנשטאלטען.

★

לאַיער אלחנן אליעזער ראָזען

רעזידענץ—1610 קאנלין סטריט. אָפיס: פילאדעלפיא סייווינגס פאָנד סאָסייעטי בילדינג. געבוירען אין 1897, אין ראיגראד, לעבען לאמזע, דער זוהן פון הרב אברהם יצחק און אסתר מלכה ראָזען.

געקומען קיין אמעריקא אַ אינגעל פון 11 יאָהר. האָט געמאכט פאָבליק סקוהל, און האָט אויך באזוכט ישיבת משכן ישראל. האָט שטודירט אין גרעטץ קאלעדזש, באזוכט אויך דראפסי קאלעדזש, און גראדואירט פון טעמפעל יוניווערסיטי לאָ סקוהל.

האָט געהייראט פעני גערצענשטיין אין 1923. זיי האָבען 2 קינדער: יהודית, 16 יאָהר אלט, דזשוירמענטאון האי סקוהל, און נעמי, 11 יאָהר אלט, אין סקוהל.

לאָיער ראָזען האָט אין דער פריהער יוגענט אָנגעהויבען ווערען אקטיוו אין דער ציוניסטישער באוועגונג). געווען ערשטער דירעקטאָר פון יאָנג דזשודעא, גרינדער פון דר. הערצל ציון סאָסייעטי, געווען פרעזידענט פון ברית אחים אין 1938, און אין 1940 דערווײלט געוואָרען פאַר אַ 2טען טערמין.

געווען דער יושב ראש פון אָרדער בני ציון 12 יאָהר צייט. אַקטיוו אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, אין עלאַיד דזשואיש אַפּיל, און יונייטעד טשאַריטיס דרייוו.

מרס. ראָזען איז אַ קאָנצערט פיאניסטין, און טרעט אויף פאַר וואוילטעטיגע אנשטאַלטען. איז אויך אַקטיוו אין דער הדסה און אין ברית אחים לײדיס אָקזילערי.

★

יצחק שרײדער

רעזידענץ—733 ס. סעקאָנד סטריט. אָפיס: דער זעלבער אדרעס.

געבוירען אין סלאבאדקע, ווילנער גובערניע, אין 1886, דער זוהן פון משה און רחל שרײדער.

פאָטער איז געווען אַ שוחט, אַ איד אַ למדן, און האָט זיך אויך אָפּגעגעבען מיט מסחרים.

יצחק שרײדער האָט געלערענט ביז 18 יאָהר, האָט אויך באזוכט די ישיבות אין אשמענע, ווילנע, האָט געלערנט אין זאַווילס שוהל.

אין אמעריקא זינט 1908, האָט אימיגרירט אהער פון דובלין, אירלאנד, וואו ער האָט געוואוינט מיטן פאָטער צעהן יאָהר צייט.

האָט געהייראט אײדא ליכטענשטיין אין 1910, זײ האָבען 2 טעכטער: דזשיען, מרס. דר. ל. זיסערמאַן, און מאַרשאַ שרײדער. פרעזידענט פון דער אהבת אחים, אנשי ניעזשין, נוסח הארי, זינט דעם 15טען אָקטאָבער, 1927.

לעצטענס איז שרײדער אויך דער סעקרעטאר פון דער ניעזשינער שוהל, און צו זיין קרעדיט דאַרף געזאָגט ווערען, אז ער באציהט זיך צו זיין אמט זעהר ערנסט. אין זיין באַזיץ געפינט זיך נאָך דער ערשטער פנקס פון דער ניעזשינער שוהל. די פּראָטאָקאָלען זיינען אָפּגעהיט אין דער בעסטער אָרדנונג און האָבען אַ גרויסען היסטארישען ווערטה צוליב דעם וואָס דאָרטען זיינען דאָ די באריכטען פון דעם חנוכת הבית מיט אַ האַלבען יאָהר הונדערט צוריק.

יצחק שרײדער איז אַ מיטגליד אין דעם מייסאַניק אָרדער, און מרס. שרײדער איז אַקטיוו אין דער לײדיס אָקזילערי פון דער שוהל.

★

הרב קלמן דוד מעט

געבוירען אין קאָוונע, דעם 24טען יוני, 1887, דער זוהן פון אייזיק און שרה זלאטע סארינקעס. דער פאָטער „רב אייזיק" איז געווען פאַרבונדען איבער 30 יאָהר מיט הרב דוב אריה הכהן לעווינטהאַל.

ראַבאי מעט איז געקומען קיין אַמעריקא אלס אַ קינד פון 4 יאָהר, און ער האָט דאָ באַזוכט פּאַבליק סקוהל, סענטראל האַי סקוהל, און יוניוואַירסיטי אָוו פּענסילווייניע, וואו ער האָט אין 1909 באַקומען דעם טיטול ב. א. ער האָט אויך באַזוכט גרעטץ קאלעדזש און ישיבת משכן ישראל. האָט סמיכה אויף רבנות פון שעכטער'ס טעאלאָגישען סעמינאר, אין 1913, האָט אויך דערנאָך שטודירט אין קאָלאַמביא יוניוואַירסיטי, און אין יוניוואַירסיטי אָוו מינעסאטא, און דראָפּסי קאלעדזש וואו ער איז אַ קאַנדידאַט פאַר דעם טיטול דאָקטאר פילאזאָף.

איז געווען ראַבאי אין מינעאַפּאָליס 14 און אַ האַלב יאָהר; באַפאַלאָ, 2 און אַ האַלב יאָהר, און איז דער גייסטיגער פיהרער פון וועסט פילאַדעלפיא דזשואיש קאַמיוניטי צענטער זינט 1929.

ער איז דער מחבר פון אַ בוך לידער, רעוויוס, אינטערוויוס, סערמאָנעטס, וואָס זיינען פריהער דערשינען אין דער ענגליש־אידישער פּרעס, אַסאָשיאייט עדיטאָר „אַמעריקאַן דזשואיש וואָרלד," (מינעאַפּאָליס, סט. פּאָול), זינט 1922.

אַן אַקטיווער ציוניסט, מיטגליד אין בני ברית, ברית שלום, דזשואיש עדיוקיישאָן, דזשואיש וועלפעיר באָרד, דורך דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, אַ געוועזענער מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, ראַביניקעל אַסעמבלי אָוו אַמעריקא, און סעקרעטאר און וויים פּרעזידענט פון דער פילאַדעלפיא באָרד אָוו דזשואיש מיניסטערס.

האָט געהייראַט לינא פרידמאַן אין 1913, איז דער פאָטער פון דזש. לעאָנארד מעט, יוסף זלמן, הירשל יונה, ביולא און זעלדע (צווילינג טעכטער), האָט זיין סטאַדי אין דער 63טער און לאַדלאָ, און זיין היים איז אין 271 ס. 63טע סטריט.

דזש. לעאָנארד מעט האָט געוואונען דעם מעיאָר'ס סקאַלערשיפּ פאַר יוניוואַירסיטי אָוו פּענסילווייניע, יוסף זלמן און הירשל יונה האָבען געוואונען סקאַלערשיפּס אין אווערברוק האַי־סקוהל פאַר יוניוואַירסיטי אָוו פּענסילווייניע, דזש. לעאָנארד איז פינאַנץ רעדאַקטאר אין העראַלד־טריביון, נ. י., יוסף זלמן איז אַ כעמיקער און איז פאַרבונדען מיט פען סטייט אין דער אָפּטיילונג פון באַיאָקעמיסטרי, הירשל יונה גרייט זיך אָנצוקומען אין אידישען טעאָלאָגישען סעמינאר, און די טעכטער באַזוכען יוניוואַירסיטי אָוו פּענסילווייניא. אַלע קינדער האָבען באַזוכט אָדער באַזוכען איצט גרעטץ קאַלעדזש.

משה טשערקאסקי

רעזידענץ—2285 ברין מאור עוועניו. געשעפטס אדרעס: 407 קאלאהיל סטריט.

געבוירען אין טרילים, לעבען קיעוו, אין 1892, דער זוהן פון ישראל און גיטל טשערקאסקי. פאָטער איז געווען אין די פלייש ביזנעס. דער יונגער משה איז געגאנגען אין חדר ביז 15 יאָהר, און ערב דער וועלט מלחמה, אין 1914, איז ער געקומען קיין אמעריקא.

אין 1916 האָט ער געהייראט דארא בלאגאדארני, זיי האָבען 1 זוהן: מענדל טשערקאסקי, 25 יאָהר אַלט, האָט גענענדיגט האי סקוהל און סעינט דזשאָזעף קאלעדזש. איז מיטן פאָטער אין די האָלסייל פלייש געשעפטען.

פרעזידענט פון דער הערי קרענגעל סייווינג אסאָסיאיישאן, איז אויך אקטיוו דאָרטען פאַר די לעצטע 20 יאָהר. איז אויך דער פרעזידענט פון דער פילאדעלפיא סייווינג אסאָסיאיישאָן.

משה טשערקאסקי איז דער טרעזשורער פון דער יהודה שטיינבערג פאָלקס שולע, איז א ליבעראלער ביישטייערער פון דעם עלאיד דזשואיש אַפּיל, יונייטעד טשאריטיס קעמפיין, געווערקשאפטען קעמפיין, נאציאָנאל פאָנד, דעבארא סאני־טאריום, אפּטאון מושב זקנים, דאון טאון מושב זקנים, דאון טאון בית יתומים, און איז בכלל באקאנט פאר א ליבעראלען אונטערשטיצער פון אַלע אידישע אנ־שטאלטען. מרס. דאָרא טשערקאסקי העלפט אָרוים איהר מאַן אין אַלע זיינע געזעלשאפטליכע ארבייטען. דאָס איינענע קען געזאָגט ווערען וועגען זייער בן יחיד, מענדל טשערקאסקי, וועלכער האָט באַקומען אַ גוטע אידישע און אַלגעמיינע דערציאונג, און ער גייט אין די פוסטריט פון זיינע עלטערען.

★

מעדזשיסטרייט דזשייקאָב דאָגאָל

רעזידענץ — 3052 קאָלאָנא סטריט. מעדזשיסטרייט'ס אפיס: 36טע און וואלנאט, און אויך אין סיטי האָל. געבוירען אין קיעוו, רוסלאנד, א זוהן פון אברהם און מינדעל דאָגאָלעווסקי. געגאנגען אין חדר ביז נאך בר מצוה. זעהר יונג אויסגעוואנדערט מיט זיינען עלטערען קיין ירושלים. זיינער א פעטער הירשל מיטניצקי, איז געווען א דירעקטאר אין ראָטשילד'ס באנק.

צו 9 יאָר געקומען מיט זיינע עלטערען פון יפו, פאלעסטינא, קיין אמעריקא. דאָ באזוכט פּאָבליק און האי סקול, און זיך גענומען שטודירען אין דרעקסעל סקול, שפּעטער באזוכט טעמפּעל יוניווערסיטי קאלעדזש אָוו לאָאָ.

אין דער יוגענט זיך פאראינטערעסירט מיט פאליטיק, פיהלענדיג אז אלס איד איז ער דא א גלייכער בירגער מיט אלע אנדערע. איז געווען 19 יאהר א קאנסטייבל, דערנאך איז ער אפאינטעט געווארען פאר מעדזשיסטרייט, און זינט דאן איז ער שוין צוויי מאל ווידער דערווילט געווארען צו דעם זעלבען אמט.

געזעלשאפטליך איז מעדזשיסטרייט דאגאל אקטיוו אין בני מנשה קאנ־גרעגיישאן, 31טע און אריזאנא סטריטס, אין בני־ברית, ברית־אחים, איז א מייסאן, אן עלק, א מיטגליד אין פארשיידענע פראמינענטע קלובען, און א וואריי־מער אונטערשטיצער פון עלאיד דזשואיש אפיל, יונייטעד טשאריטים קאמפיין, און אלע אנדערע נאציאנאלע און לאקאלע אנשטאלטען. געהייראט בערטא ראזאוו, און זיי האבען פיר טעכטער: ריבא, מרס. טאטינער, ענע, מרס. נעטעניעל היימאן, סערע, מרס. וואוינעיץ, און מינדעל דאגאל.

מעדזשיסטרייט דאגאל איז באליבט פאר זיין ווארימען, אויפריכטיגען אמע־ריקאנער פאטריאטיזם, און ער האט צו זיין קרעדיט דאס פארשפרייטונג און פרעזענטירונג פון דער אמעריקאנער פאהן, באזונדערס אין פאלים סטיישאנס און אנדערע עפענטליכע פלעצער וואו עס האט ביז דאן ניט געפלאטערט די אמעריקאנער פאהן.

אין פאליטישע קרייזען ווערט ער רעספעקטירט צוליב דעם ווייל ער איז א שטריינגער אנהייגער פון געזעץ און ארדנונג, און זיין מעדזשיסטרייט קאורט האט געמאכט א רעקארד דערפאר, ווייל ער איז שטריינג צו די וואס פארלעצען דאס געזעץ, און זיין קאורט בריינגט אלעמאל אריין גרעסערע סומען דער שטאדט פון די געלדער וואס ער נעמט אריין אלס שטראף פאר איבערטרעטען דאס געזעץ.

מרס. דזשייקאב דאגאל איז שטארק פאראינטערעסירט אין וואוילטעטיגער ארבייט, און זי נעמט א פערזענליכען אינטערעס אין פארטיילען שפייז און קליידער צווישען נויטבאדערפטיגע פאמיליעס וואס ווערען געטראפען פון דער ביטערער נויט.

★

לואיס שווארטץ

לואיס שווארטץ, ריעל עסטייטמאן און לעגיסלאטאר, וואס פארטרעט איצט דעם פינפטער דיסטריקט אין פילאדעלפיא סיטי קאונסיל, און איז א געוועזענער מיטגליד פון דער סטייט לעדזשיסלייטשור, וואו ער האט זיך אויסגעצייכענט פינף טערמינען, רעכענט זיך צווישען די פראמינענטסטע און פאפולערסטע באאמטע פון דער שטאדט און פון סטייט.

געבוירען דעם 15טען אפריל, 1888, און ביז דעם עלטער פון 13 יאהר האט ער באזוכט די פילאדעלפיער פאבליק סקוהלס. ער האט אבער דאן געמוזט אויפגיבען סקוהל און האט אנגעהויבען ארבייטען אלס אן ארויס־העלפער אין דעם לעדער גודס טרעיד. זיין ערשטע שטעלע איז געווען מיט דזש. ה. זייעטץ ענד סאן, ביז 1905.

דערנאָך האָט ער פאַר אַ משך פון צעהן יאָהר צייט געאַרבייט אַלס אַ קאָנ־דוקטאָר. פאַר דער פילאַדעלפיא רעפּיד טרענזיט קאָמפּאַני, און ער איז אויך געווען אַן אַקטיווער מיטגליד איןביידע לאָקאַלע יוניאָנס.

נאָך די צען יאָהר האָט ער זיך עטאַבלירט אין דעם לעדער גודס טרעיד אין 930 וועסט דזשיראַרד עוועניו. שפּעטער האָט ער געעפנט אַ מוירטשענדייז סטאָר אין דער נעקסטער בילדינג און איז דאָרט געבליבען ביז 1923, ווען ער האָט פאַרקויפט זיינע ביזנעס און איז געגאַנגען אין ריעל עסטייט און אינשורענס. די זעלבע ביזנעס האַלט לואיס שוואַרטץ אַן נאָך היינט אין 924 וועסט דזשיראַרד עוועניו.

זיין קאַריערע אין דעם עפנטליכען לעבען הויבט זיך אַן אין 1914, ווען ער איז געוואָרען אַ „דיוויזע קאָמיטעמאַן.״

צוועלף יאָהר שפּעטער איז שוואַרטץ דערוויילט געוואָרען צום ערשטען מאָל צו דער סטייט לעדזשיסלייטשור אין העריסבורג, און ער איז ווידער דערוויילט געוואָרען אין 1928, 1930, 1932, און 1934, אַ רעקאָרד וואָס דעמאָנסטרירט זיינע גרויסע פעאיגקייטען אַלס געזעצגיבער.

נאָך מעהר אילוסטראַציע פאַר זיינע פעאיגקייטען האָט געדינט דער פאַקט וואָס ער איז אַרויסגעקומען טריאומפירענד אין דער צייט פון גאָווערנאָר פּינ־שאָט׳ס אַדמיניסטראַציע אין 1933, ווען עס איז דורכגעגאַנגען דאָס זונטאג בעיזבאָל געזעץ, וואָס שוואַרטץ האָט דורכגעפיהרט אין דער „האוז״ ביז אַ דער־פאַלגרייכען קלימאַקס, און אויך דאָס זונטאג מואווינג פּיקטשור געזעץ אין 1935, אין דער צייט פון גאָווערנאָר אוירל׳ס רעזשים.

היינט צו טאָג האָט שוואַרטץ ביי זיך אין אָפיס אויף דער וואַנט איינגע־פרעימט ביידע פּענען מיט וועלכע פּינשאָט און אוירל האָבען אונטערגעשריבען די דערמאָנטע צוויי בילס.

זינט שוואַרטץ האָט פאַרלאָזען די לעדזשיסלייטשור איז ער דערוויילט און ווידער דערוויילט געוואָרען אַלס מיטגליד פון סיטי קאָונסיל און ער האָט געדינט אַלס רעפּובליקאַנער קאָמיטעמאַן זינט 1934. אומעטום, סיי אין קאָונסיל, סיי אַלס קאָמיטעמאַן האָט ער זיך אַלעמאָל אויסגעצייכענט אויף אַ כאַראַקטעריסטישען אופן.

חוץ זיינע פּאָליטישע און געשעפטס אינטערעסען איז מר. שוואַרטץ אַלעמאָל געווען און איז געבליבען אַ פּראָמינענטער כלל טוער אין סיוויקס און אין פּראַ־טערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. ער איז אַ געוועזענער פּרעזידענט פון דער דזשיראַרד עוועניו ביזנעסמענס אַסאָסיאיישאָן, ער איז אויך אַ פּראָמינענטער מייסאָן, לאָיאַל אָרדער אָוו טהי מוס, אָן עלק, און ער נעמט גלייכצייטיג אַן אַקטיווען אַנטייל אין אַ צאָהל וואוילטעטיגע אנשטאַלטען.

מר. שוואַרטץ איז פאַרהייראַט. ער האָט איין זוהן און איין טאָכטער, אויך דריי אייניקלאַך.

★

טשארלס ליפשיטץ

פאראנען אסך דערפאלגרייכע פערזאנען וואס זיינען פאפולער נאר כל זמן זייער דערפאלג האלט אן. קוים טוט זיך אפ פון זיי דער דערפאלג, ווערען זיי פארגעסען.

וועגען טשארלס ליפשיץ קען דאס קיינער ניט זאגען. א געוועזענער באנקיר זעהר א דערפאלגרייכער מענש געווען מיט 25 יאהר צוריק. האט געקלעטערט אויף דעם לייטער פון הצלחה גאר הויך, נאר ווען די צייטען האבען זיך געענדערט, און ליפשיץ, איז געווארען אויס באנקיר, איז ער אבער עד היום געבליבען דער זעלבער טשארלס ליפשיץ, א באליבטע פערזענליכקייט, א חשוב׳ער תושב אין דער אידישער פילאדעלפיא.

געבוירען דעם 2טען טאג ראש השנה, אין 1872, אין מאהילעוו, רוסלאנד, דער פאטער, אברהם ליפשיטץ איז יאהרענלאנג געווען דער פרעזידענט פון דער ליבאוויטשער שוהל.

טשארלס ליפשיטץ איז געקומען אהער א 17־יאהריגער אינגעל, האט געבראכט מיט זיך א קענטשאפט פון שפראכען, איז ער די ערשטע צייט געווען אן אנגע־שטעלטער אין דער היברו אימיגראנט עיד סאסייטי. שפעטער איז ער מיטן פאטער אפגעפאהרען אין ניו דזשוירזי, וואו דער פאטער האט זיך געזוכט צו עטאבלירען אלס קאלניסט אויף לאנד.

טשארלס ליפשיטץ איז אבער געווען אן אומרואיגע נאטור, און עס האט איהם געצויגען צו געזעלשאפט, צו דער שטאדט. האט ער דערנאך גענומען א שטעלע אין ראזענבאום׳ס קאנטאר, איז דארט געווען זעכצען יאהר, האט גרינט־ליך אויסגעלערענט דאס פאך, און שפעטער האט ער געעפענט אן אייגענעם קאנטאר בשותפות מיט וואורצלען.

טשארלס ליפשיטץ האט געוואונען אלעמענס צוטרויען און פון זיין קאנטאר איז ארויסגעוואקסען די „פיפלס" באנק.

אלס געזעלשאפטליכער טוער וועט ליפשיטץ פארבלייבען צווישען די בויער און פיאנערען וואס האבען א לעבען לאנג אפגעארבייט פאר אידישע ארגאניזא־ציעס. ער איז א געוועזענער פרעזידענט פון ברית אחים, וואו ער איז נאך עד היום זעהר אקטיוו און טאקע געשעצט און געאכטעט. געוועזענער פרעזידענט פון די וויטעבסקער בענעוואלענט אסאסיאיישאן, עהרען פרעזידענט פון דער דזשואיש קאנסאמפטיוו רעליעף סאסייעטי, וואו ער איז אויך געווען פרעזידענט א צאהל יאהרען. געוועזענער טרעזשורער פון אידישען קאנגרעס, א דירעקטאר אין דער פעדעריישאן, און איז בכלל פאראינטערעסירט אין דעם פראגרעס פון דער אידי־שער פילאדעלפיא.

אין 1896 האָט טשאַרלס ליפשיטץ געהייראט אַנאַ סטאַמבלער, וועלכע איז אַלע יאָהרען אַקטיוו אין געזעלשאַפטליכער און וואוילטעטיגער ארבייט, און זי שטיצט איהר מאַן אין אַלע זיינע געזעלשאַפטליכע אונטערנעמונגען.

★

יהושע לאַנדאו

רעזידענץ—2417 נ. 53טע סטריט. אָפיס—32 נ. 3טע סטריט, יה. לאַנדאו ענד קאָמפּאַני, לינענס.

געבוירען אין מעמל, פּרייסען, אין 1797, אַ זוהן פון אליהו און קיילע וויטע לאַנדאו.

פאָטער איז געווען אַ באַקאַנטער סוחר, און האָט געהאַלטען צו זיין זוהן די בעסטע פּריוואַטע מלמדים.

איז געקומען קיין אַמעריקא מיט זיינע עלטערען אין 1908, האָבען זיך באַזעצט אין נארמא, ניו דזשוירזי. דער פאָטער האָט דאָרט געפיהרט מסחרים און איז אויך געווען אַ פאַרמער.

אין 1925 האָט יהושע לאַנדאו געהייראט אסתר רודאפקער, און זיי האָבען 3 קינדער: ישעיה משה, 15 יאָהר אַלט, האַי סקוהל; מנחם יצחק, 13, האַי סקוהל, און דזשאַי מינא, 5 יאָהר אַלט.

זינט 1937, דער פּרעזידענט פון ישיבת משכן ישראל, דירעקטאָר אסאָשיאייט תלמוד תורות, הר ציון טעמפּעל, און אַן אַקטיווער ציוניסט.

יהושע לאַנדאו איז אַלע יאָהרען שטאַרק אינטערעסירט אין חינוך, אַן עכטער בן תורה, אַ שיינער דאַוונער און בעל קורא, און דער עיקר, ער איז באַקאַנט אַלס אַן ערנסטער מענש וואָס ווענדעט אָן אַלע מעגליכקייטען צו באַפעסטיגען דאָס טראַדיציאָנעלע אידישקייט.

איז געווען איינער פון די גרינדער און בויער פון וועסט פילאַדעלפיא דזשואיש קאַמיוניטי צענטער און וועסט פילאַדעלפיא היברו סקוהל.

מרס. לאַנדאו איז אַקטיוו אין דער הר ציון סיסטערהוד, הדסה, און זי דערמוטיגט איהר מאַן ביי יעדער געלעגענהייט צו טאָן געזעלשאַפטליכע אַרבייט.

★

נייטען פעלדמאן, ע"ה



געבוירען אין טשערניגאוו, רוסלאנד דעם 28טען סעפטעמבער, 1869, א זוהן פון זלמן פעלדמאן.

געקומען אהער אין 1888, נאכדעם ווי ער האט פריהער געררייזט איבער דייטשלאנד, האלאנד און ענגלאנד.

ווען נייטען פעלדמאן איז געקומען קיין פילאדעלפיא האט ער פארמשכנט זיין אויבעררָאק, און האט פאר די צוויי דאלאר זיך געקויפט א נעה־מאשין און ער איז „עטאבלירט געווארען," געגאנגען אין ביזנעס. שפעטער איז ער געווארען א קאנטראקטאר פון מענער קליידער און ער איז 30 יאהר געווען אסאשיאייטעד מיט דער קליידער פירמע א. ב. קוירשבאום קאמפאני. אין 1929 האט ער קאלאבארירט מיט סידני הילמאן, פרעזידענט פון דער אמאלגעמייטעד קלאדהינג וואירקערס אוו אמעריקע. נייטען פעלדמאן האט געלאזען א גוטען נאמען און זיינע קינדער זיינען שטאלץ מיט דעם.

איז געווען פארהייראט צו טילי קאסיצקי, וועמען ער האט געלאזען אן אלמנה, דעם 21טען מאי, 1941. עס זיינען געבליבען פיער קינדער: סאפיע, איצט מרס. מארים זאקער, טשעסטער, פא.; לאיער דייוויד נ. פעלדמאן, לאפאיעט בילדינג, גראדואירט פון דיקינסאן לא סקוהל 1919; הערמאן ל. פעלדמאן, אייגענטימער פון א דעפארטמענט סטאר אין אייאווא, און לאיער דזשאזעף דזשי. פעלדמאן, אין פילאדעלפיא, פאקס בילדינג, האט גראדואירט פון יונ. אוו פא., קאלעדזש אוו לא. עס זיינען אויך דא 7 אייניקלעך.

דער פארשטארבענער נייטען פעלדמאן איז געווען א גרינדער און אויך פון די 1טע פרעזידענטען פון דער ניעזשינער שוהל, וואס עקזיסטירט שוין 54 יאהר אין פילאדעלפיא. ער איז אויך געווען אקטיוו אין דער לינת הצדק שוהל, אין וועסט פילאדעלפיא. נייטען פעלדמאן איז געווען פון יענע אידען וואס געבען צדקה ניט צוליב פאבליסיטי, און די קינדער געהן אין די פוסטריט פון זייערע עלטערן.

★

דייוויד נ. פעלדמאן



געבוירען אויגוסט 27, 1896, אין פילא., האט גראדואירט פון סאוטהערן האי סקוהל, קאנוואי האל פריפערעטארי אקאדעמי, קארלייל, פא., אויך פון דיקינסאן לא סקוהל אין קארלייל.

האט געהייראט ראוז ראים אין 1924. זיי האבען איין טאכטער, לעאנא טהעלמא, וועלכע האט גראדואירט פון פרענדס סילעקט סקוהל. זי געהט דעם טערמין אריין אין יוניווערסיטי אוו פענסילווייניא.

דייוויד נ. פעלדמאן איז א מיטגליד פון דער ניעזשינער שוהל, וועסט פילאדעלפיא קאמיוניטי סענטער,

רודף שלום קאנגרעגיישאן, ברית שלום לאדזש, דאן אבארבאנעל לאדזש, אינדעפענדענט ארדער ברית אברהם.

מיטגליד פון פילאדעלפיא באר אסאסיאיישאן, פענסילווייניא באר אסאסי־איישאן, לא אסאסיאיישאן אקאדעמי.

דייוויד נ. פעלדמאן איז א מייסאן, שריינער, נוארק קאנסיסטארי, ער איז אויך א מיטגליד אין דער מוס, עלק, פילאדעלפיא דיקינסאן קלאב, 32-קערעט (מייסאניק ארדער). ער איז אויך פרעזידענט פון דזשון, 1915 סאוטהערן האי סקוהל קלאב, און א צאהל אנדערע קלובס.

א מיטגליד אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, מיטגליד אין פאי עפסעלאן פאי קאלעדזש פראטוירניטי. ליבעראלערביישטייערער פון עלאיד דזשואיש אפיל, יונייטעד טשאריטים דראיוו, און א פראמינענטער ביישטייערער צו נאציאנאלע און לאקאלע אנשטאלטען.

★

אברהם קארסאן

רעזידענץ—1503 ווײדענער פלעים. געשעפט אדרעס—גרענד האזשערי קאמפאני, 428 מארקעט סטריט.

געבוירען אין ראוונע, כערסאן, אין 1879, א זוהן פון ישראל צבי און שרה קארסאן. פאטער איז געווען א סוחר פון תבואה. אברהם האט געלערענט אין חדר ביז בר מצוה, אויך באקומען א רוסישע בילדונג.

אין אמעריקא זינט 1915, האט געהייראט רבקה לונעצקי, זיי האבען 3 קינדער: באריס, מיני, און אויר־ווינג קארסאן.

אברהם קארסאן איז א מיטגליד אין טעמפעל עמא־נועל, אין יעליסאוועטגראדער פאראיין, איז א ווארימער ציוניסט, און דער גרינ־דער און אויך דער פרעזידענט פון דער וועהרינג אפארעל בארד או טרעיד או פענסילווייניע.

אברהם קארסאן האלט פון דעם געדאנק, אז אלע מענשען געפינען זיך אויף דער וועלט נאר ציטווייליג, און אין בעסטען פאל זיינען אלע מענשען אויף א וואקאציע. ממילא וואלט יעדער איינער געדארפט וויסען ווי אזוי צו פארבריינ־גען די וואקאציע. דער בעסטער וועג צו דערפרייען דאס הארץ און צו פיהלען אלעמאל גוט, איז כסדר צו גיבען, גיבען יעדען איינעם וואס נויטיגט זיך אין אייער הילף. מאכט ניט אויס ווער עס ווענדעט זיך צו אייך נאך הילף. אויב ער דארף, און איהר קענט איהם העלפען, איז עס ווינשענסווערטה אז איהר זאלט אויך יענעם פארברייננגען אויף זיין וואקיישאן.

אברהם קארסאן פרובירט דורכגיין דאס לעבען לויט דער דאזיגער פילא־זאפיע, וואס ער פרעדיגט פאר אנדערע.

אברהם קארסאן איז א מיטגליד אין דעם מיסאניק ארדער, און אן אונטער־שטיצער פון אלע וואוילטעטיגע אנשטאלטען.

מרס. שרה קארסאן איז א מיטגליד אין דער סיסטערהוד פון טעמפעל עמא־נועל און אויך אין דער הדסה.

אין 1935 האט ער באקעמפט אין העריסבורג א ביל וואס האט פארגעשלא־גען ווערהייזער וואו אויסלענדישע פירמעס זאלען עקזיביטען זייער ווארע און צאהלען דיוטי ערשט נאך דעם ווי זיי פארקויפען און פאר וויפיל זיי פארקויפען.

קארסאן האט דורכדעם געראטעוועט דעם טרעיד.

★

לואיס שופאק



רעזידענץ — 517 ס. 3טע סטריט. געשעפט אדרעס: דער זעלבער און אויך אין 20־418 ס. פראנט סטריט.

געבוירען אין 1874, אין פריליקי, קיעווער גובערניע, רוסלאנד. זוהן פון דוד און מיכליע שטשופאק. פאטער האט געוואוינט אין א דארף, געהאלטען א קראם און איז געווען א סוחר פון תבואה. געהאלטען צו דעם יונגען זוהן די בעסטע מלמדים אין פריליקי ביז 16 יאהר.

אנגעהויבען האנדלען בשותפות מיט'ן פאטער און יונג געווארען א סוחר פאר זיך, צוגעשטעלט בוראקעס פאר צוקער זאוואדען, מצליח געווען, געהאט גרויס קרעדיט אין דער וויניצער רעגירונגס באנק ביז 1912.

מיטאמאל אנגעוואוירען א פארמעגען און איז אוועק קיין אמעריקא. זיך אנגעפלאגט דא ניין חדשים, געפעדעלט, זיך ניט געקענט צושלאגען צו קיין תכלית, איז צוריקגעפאהרען. נאר קומענדיג אהיים, האט ער שוין מעהר ניט געקענט פאר־לײדען דעם היימישען שטיינער פון יונגעלייט, וואס האבען געדרעהט מיט די שטעקעלאך, און געהאנדעלט מיט לופט, איז ער צוריקגעפאהרען קיין פילאדעלפיא דעם צווייטען מאל מיט א ווייב און 3 קינדער. האט דעם ערשטען מאל געהייראט מיט גיטל בורשטיין אין דער אלטער היים, געהאט מיט איהר א זוהן, אברהם, געשטארבען אין וויניצע, איבערגעלאזט א זוהן, בוזיע, היינט שוין 21 יאהר אלט, וואוינט אין מאסקווע, שטודירט אין רעגירונגס פאליטעכניקום, איז אן אנגע־זעהענער מענש אין מאסקווע. קארעספאנדירט מיט'ן זיידען, לואיס שופאק, וואס שטיצט איהם עד היום מיט אלע מעגליכקייטען.

געהייראט דעם צווייטען מאל מיט עטעל פליישמאן. זיי האבען געבראכט פון רוסלאנד 2 קינדער: סאניע, מרס. דזשאזעף נידעלמאן; דארא — היינט מרס. איזידאר נעלסאן, משה, און מיכל. אין אמעריקא געבוירענע — שמואליק און ליבעל. אלע זיהן און דער איידעם זיינען מיט'ן פאטער אין ביזנעס.

די שופאקס האבען שוין אויך אכט אייניקלאך, און זייערע ביזנעס באשטייען פון א האלסייל געשעפט פון געזייערטע פיקעלס און נאך 27 אנדערע פראדוקטען.

שופאק, וועלכער איז געקומען קיין פילאדעלפיא מיט לידיגע הענט, אבער מיט א חשק פון א יגיע כפים'ניק, האט צוזאמען מיט עטלען די ערשטע יאהרען שווער געארבייט, נאכדעם ווי ער האט זיך באקענט מיט א פריינט, סעם פרידמאן, אן אונגארישער איד.

בין דאן האט שופאק געפעדעלט מיט פרוכט, און האט ניט געקענט פאר־דינען גענוג אויף חיונה. האט ער מיט פרידמאנען בשותפות גענומען איינ־זייערען פיקעלס. צוויי יאהר זיינען זיי געווען שותפים. דערנאך האבען זיי זיך צוטיילט, און שופאק איז געגאנגען אין ביזנעס פאר זיך. איז געווען דער ערשטער וואס האט געמאכט א שטודיום פון דעם פאך אין אמעריקא, האט זיך דערטראכט צו דעם געדאנק פון שטעלען זויערע פיקעלס אין קאלד סטארידזש, און איז דער ערשטער אין אמעריקא וואס האט געמאכט גרויס ערפאלג אין זיין פאך.

היינט צו טאג לויפען איבער פילאדעלפיא אכט „טראקס” מיט שופאקס פראדוקטען, אחוץ וואס צעהנדליגער דזשאבערס קומען אין זיין האלסייל פלאץ אויף פראנט סטריט און קויפען זיינע פראדוקטען, וואס האבען א שם אין פענסילווייניא.

שופאק קויפט זיינע אוגערקעס און מאסלינעס אויך אין פארטא ריקא און פארטוגאל, און די פירמע איז באקאנט צוליב לואיס שופאק'ס ראיעלקייט און ארענטליכקייט.

שופאק האט עד היום ניט פארגעסען, אז ער איז געקומען מיט לידיגע הענט, און דערפאר האט ער אלעמאל איינזעהעניש מיט דעם ארימאן, און איז א גרוי־סער בעל צדקה.

ער איז איינער פון די גרעסטע אונטערשטיצער פון דער קשר ישראל שוהל, איז דער גרינדער פון דעם ערשטען ברענטש פאר דעם הארעיס בוירק מעמאריאל האספיטאל פאר אידישע שוואכזיניגע, האט פון זיי באקומען א טעסטימאניעל פאר זיין וואוילטעטיגער ארבייט.

שופאק ווידמעט אויך אסך צייט און טעטיגקייט צו אראנזשירען ימים טובים פייערונגען פאר די פאציענטען אין בייבערי און אין די פריזאנס אין פענסיל־ווייניא כטייט, וואו ער זעהט אז די „אינמעיטס” זאלען פון צייט צו צייט קריגען כאטש א אידישען מאלצייט און א ווארימע באהאנדלונג.

האט ביי זיך אין הויז געגרינדעט די פילאדעלפיא סאשעל ווארקערס פאר הילפלאזע, און אין די לעצטע 3 יאהר האט ער, אלס טרעזשורער געהאלפען דורכפיהרען אונטערנעהמונגען פאר דעם דאון טאון מושב זקנים, געהאלפען צו־טיילען מעות חטים פאר נויטבאדערפטיגע יעדען פאר־פסח, געשטיצט א רייהע קאמפיינס פאר דעם רויטען קרייץ, דעבארא סאנאטאריום, דעם געווערקשאפטען קאמפיין, „ראשען וואר רעליעף”, און צעהנדליגע אנדערע נאציאנאלע און לא־קאלע אידישע אנשטאלטען.

שופאק איז א מיטגליד פון בראליוער ברענטש אידישע נאציאנאלען אר־בייטער פארבאנד, אין קישינעווער עיד סאסייעטי, אין וואלינער בענעפישעל, און

מרס. שופאק איז א מיטגליד פון דער סיסטערהוד פון דער קשר ישראל, אין סומך נופלים, לינת הצדק, און זי שטיצען אלע אידישע אנשטאלטען מיט זייערע פראדוקטען ביי יעדער וואוילטעטיגער אונטערנעהמונג פון א אידישען אנשטאלט.

לואיס שופאק איז באקאנט פאר א פאלקס מענשען, וואס זוכט ניט קיין כבוד, אבער וואס איז אלעמאל גרייט צו טראגען די פאראנטווארטליכקייט פאר דעם נויטבאדערפטיגען און ער איז אלעמאל גרייט צו טאן מתן מסתר אויף דעם עכטען היימישען אידישען שטייגער.

★

אפרים ברוינשטיין

רעזידענץ, 4728 נ. 8טע סטריט. אפיס: 141 נ. 11טע סט. געבוירען אין יאסי, רומעניע, אין 1882. א זוהן פון עזריאל און חנה ברוינשטיין. פאטער א באוואוסטער העברעער און א לעהרער פון העברעאיש, דייטש און רומעניש. אפרים איז דערצויגען געווארען אין פאטער'ס שולע, האט גערעדט און געשריבען פליסיג דריי שפראכען.

געקומען קיין אמעריקא אין 1906, זיך גלייך גענומען צו דעם מענער קליידער פאך, און א יאהר שפעטער גע־גאנגען אין „ביזנעס" פאר זיך אליין, און פאר די לעצטע 35 יאהר איז ער דער אייגענטימער פון איינער פון די אנגעזעהענסטע פאבריקען פון מענער קליידער. איצט ארבייט ער אויף רעגירונגס קאנטראקטען פאר דער פארטיידיגונג.

אין 1904 גהייראט בעסי ראטענשטרייך, פון יאסי, זיי האבען 4 קינדער: מרס. מרים אבראמאוויטש, וואוינט אין נ. י., א גענדיגטע פון טעמפעל יוני־ווערסיטי אויף זשורנאליזם, איז געווען די ערשטע און איינציגע פרוי, וואס איז באעהרט געווארען מיט פארלייענען די דעקלעריישאן אוו אינדעפענדענס. איז די אנפיהרערין פון דער הדסה אין נ. י. פייגע—מרס. מאקס סטיינהויז, אן ארגאניסט און פארוואלטער פון מואווינג פיקטשור טעאטערע. פייגע איז א גענדיגטע טעקנישען צו 16 יאהר. ברוך ברוינשטיין האט גענדיגט פאבליק, האי און קאמוירשעל לא, איז מיטן פאטער אין די ביזנעס. דער איינגסטער, עזריאל, האט גענדיגט האנעמאן קאלעדזש, גראדואירט מעדיצינישען פאקול־טעט, האט וואלונטירט פאר דער נייווי, איז א 2טער לוטענאנט.

אפרים ברוינשטיין איז דער פרעזידענט פון דער רומעניען היברו בענע־פישעל אסס'ן, און וויס פרעזידענט פון יונייטעד רומעניען היברו, נאציאנאלע ארגאניזאציע, פארבאנד פון רומענישע אידען אין אמעריקא. האט אויך צו זיין קרעדיט די אונטערנעמונג צו ראטעווען די רומענישע שוהל פון אונטערגאנג דורך אפקויפען און טאקע באצאהלען דעם מארטגיידזש. איז היינטיגעס יאהר אקטיוו אין דער ארבייט פאר דער „ראשען וואר רעליף." טשערמאן פון דער רעדנער ביורא פאר ארגאניזאציעס, און איז בכלל אינטערעסירט מיט אויפהויבען

דעם מצב און פרעסטיזש פון רומענישע אידען אין אמעריקע און אין דער פאר־שטארקונג פון אידישער קולטור. ער שטרעבט איצט, אז די רומענישע שוהל זאל ווערען די אנגעזעהענסטע אין פילאדעלפיא.

ברוינשטיין איז א מיטגליד אין א גרויסער צאהל אידישע ארגאניזאציעס און איז א ליבעראלערביישטייערער פאר אלע וואוילטעטיגע לאקאלע און נא־ציאנאלע אנשטאלטען.

מרס. ברוינשטיין איז א פראמינענטער מיטגליד אין דער הדסה, און אין דער לײדיס אקזילערי פון דער רומענישער שוהל, איז געווען טשערליידי 2 טער־מינען פון רומעניען היברו בענעפישעל אסס'ן איז א געבילדעטע פרוי וואס קען זעקס שפראכען, און האט אויסגעאיבט א טיפען איינפלוס אויף דער פאמיליע, דערציהענדיג די קינדער אין עכט אידישען גייסט, פיהרענדיג א טראדיציאנעל כשר'ע הויז.

★

נייטען סילווערמאן

רעזידענץ, 532 פיין סטריט. געשעפט, 607 ביינברידזש סטריט. געבוירען אין רוסלאנד, אין 1884, דער זוהן פון צבי יוסף און חיה שרה סילווערמאן. געקומען אהער מיט זיינע עלטערען ווען ער איז אלט געווען 4 יאהר. פאטער איז געווען א סוחר פון לינאלעאום, ראגס און קארפעטס.

נייטען סילווערמאן האט דא באזוכט די תלמוד תורה, אויף 9טע סטריט לעבען פיטצוואטער, אונטער דער אויפ־זיכט פון דר. גארדאן, האט אויך גראדואירט פון סענטראל האי סקוהל, און דערנאך זיך אנגעשלאסען מיט זיין פאטער אין די „ביזנעס", וועלכע ער האלט אן ביז היינט.

האט געהייראט בעסי ווינער, זיי האבען דריי קינדער: בערנים, 20 יאהר אלט, האט גראדואירט פון וויליאם פען האי סקוהל; דזשאזעף, 19 יאהר אלט, סענטראל האי סקוהל, און סטענלי, 13 יאהר אלט, בארטלעט האי סקוהל.

נייטען סילווערמאן איז געווען וויים פרעזידענט פון בני אברהם שוהל, זינט 1924, און זינט דעם טויט פון סעמועל בעראווסקי אין 1934, פארנעמט ער דעם אמט פון פרעזידענט.

אונטער זיין אדמיניסטראציע אלס וויים פרעזידענט איז פארגעקומען דאס פייער אין בני אברהם שוהל, און סילווערמאן האט פיל מיטגעארבייט פאר דער אויפבויאונג פון דער שוהל און אין דעם דורכפיהרען דעם הנוכת הבית, זונטאג, דעם 3טען אפריל, 1927.

אונטער זיין אדמיניסטראציע אלס פרעזידענט איז געסעטעלט געווארען פארן מארטגיידזש פון דער שוהל, און אין 1942 איז דורכגעפיהרט געווארען דער

גרויסער פופציג יעהריגער יובילעאום לכבוד דעם זקן־הרבנים, דוב אריה הכהן לעווינטהאל.

סילווערמאַן איז אויך אַ מיטגליד אין דער בני חיים סאָשעל, און אַ ליבע־ראַלער ביישטייערער צו אַ צאָהל אידישע נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע אנשטאַלטען.

מרס. בעסי סילווערמאַן איז אַ מיטגליד פון דער הדסה, לײדיס אָקזילערי פון קאָנגרעגיישאָן בני אברהם, דאון טאון בית יתומים, און אַ צאָהל אַנדערע אנשטאַלטען.

★

נייטען קאַדראַוו



רעזידענץ, 333 ריעד סטריט. אָפיס, 220 מענטאָן סטריט. קוועיקער מעיד דעירי. געבוירען אין פיעטראַקאַ, רוסלאַנד, דער זוהן פון אברהם און חיה כאַדראַווסקי.

געלערענט אין חדר ביז 15 יאָהר, האָט אויך באַזוכט אַ רוסישע פאָלק שולע. דער פאָטער האָט געהאַנדעלט מיט לעדערוואַרג, און דער יונגער קאַדראַוו האָט זיך אין דער פריהער יוגענט גענומען צו מסחור.

אין 1906 איז ער געקומען קיין אמעריקא, די פאַמיליע איז געבליבען אין דער אַלטער היים. האָט געעפענט אַ מילך סטאָר אין 220 קריסטשען סטריט. דאָס גאַנצע געשעפט האָט ער געקויפט מיט זעכציג דאָלאַר, וואָס ער האָט באַצאָהלט פאַר „גוד־וויל.״ דאָס געשעפט האָט ער אָנגעהאַלטען דריי יאָהר צייט.

שפּעטער האָט ער גענומען בויען אַ מילך פּלענט אונטער דעם נאָמען „קוועי־קער מעיד דעירי,״ און אין דעם דאָזיגען מסחור האָט ער מצליח געווען.

היינט צו טאָג אַרבייטען אין דער קוועיקער מעיד דעירי פופציג אָנגעשטעלטע, וואָס צופיהרען די מילך פּראָדוקטען מיט 12 טראָקס, צעהן וואָגענס איבער אַלע טיילען פון פילאַדעלפיא.

נייטען קאַדראַוו קויפט אויף די מילך פּראָדוקטען פון 250 פאַרמער און זיין פירמע באַזאָרגט מיט מילכיגס עטליכע טויזענד פאַמיליעס אין און ארום פילאַדעלפיא.

נייטען קאַדראַוו פיהרט אָן די מסחרים צוזאַמען מיט זיין זוהן, סעמועל קאַדראַוו, וועלכער איז דער סעקרעטאַר און וויס פּרעזידענט פון דער קוועיקער מעיד דעירי.

עהרען פּרעזידענט פון טאַלנער רבינ׳ס צמח דוד שוהל, אין 1437 ס. 6טע סטריט. איז געווען פּרעזידענט 11 יאָהר. איז אויך אָן אַקטיווער מיטגליד פון קאָנגרעגיישאָן קהלת הדת, 3טע און קריסטשען סטריט. אַ ליבעראַלער אונ־טערשטיצער פון אַלע אידישע נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע אנשטאַלטען.

איזידאָר קלינגהאפער



רעזידענץ—1327 ספרוס סטריט. געשעפטס אדרעס— 515-17 סאוטה סטריט. געבוירען אין פשעמישל, גאַליציען, אין 1890, דער זוהן פון חיים בן ציון און יענטע פריידע קלינגהאפער. געלערענט ביז בר מצוה, און געקומען קיין אַמעריקא אין 1903.

געהייראט סאפיא זינגער. זיי האָבען 3 קינדער— 2 טעכטער, אנעט, מרס. הערי גאָלדבערג; ביעטריס, מרס. דר. ה. י. טאקער, און סידני אסקאר קלינגהאאפער.

איזידאָר קלינגהאפער רעכענט זיך איינער פון די היגע תושבים, וואָס האָבען אַלעמאָל זיך אינטערעסירט מיט אידישער בילדונג, מיט וואוילטעטיגער ארבייט, און ער האָט געווידמעט אַסך צייט פֿאַר דער אויפהאַלטונג פון דער בני ראובן שוהל, 6טע און קעיטער סטריטס, איז אויך איינער פון די אונטערשטיצער פון ישיבת משכן ישראל, און פון נאָרטהערן ליבערטיס האספיטאל.

איז אַן אַקטיווער מיטגליד פון דעם ברית אחים, ברית שלום, באסלאווער בענעפישעל אסס'ן, יעליסאוועטגראדער אונטערשטיצונגס פאראיין, אַ באוואוסטזיניגער ציוניסט, און איז בכלל אַ ליבעראַלער שטיצער פון אַלע נאציאנאַלע און לאָקאַלע אנשטאַלטען.

★

איזידאָר גאָטליעב

1892————1941



איזידאָר גאָטליעב איז געבוירען געוואָרען אין לאָדז, פוילען, אין 1892. אַ זוהן פון אהרן פנחס און טעמע גאָטליעב. דער פאָטער זיינער איז געווען אין אַמעריקע, נאָר ער איז צוריקגעפאָהרען קיין פוילען, און איז דאָרטען געשטאָרבען.

איזידאָר גאָטליעב איז דערצויגען געוואָרען אין אַ חדר, אויך אין אַ ישיבה, און ער האָט אַלעמאָל געשעצט בילדונג און געשטיצט תורה צענטערס און לעהרן אנשטאַלטען.

האָט געהייראט בעסי גאָלדבערג, און האָט איבערגעלאָזט איין זוהן; דזשעק גאָטליעב, האָט דורכגעמאַכט וועסט פילאַדעלפיא האי סקוהל, און יוניווערסיטי אָוו פענסילווייניע, און 2 טעכטער: סעלמאַ און איילין.

איזידאָר גאָטליעב האָט גענומען אַן אַקטיווען אינטערעס אין וואוילטעטיגע אנשטאַלטען. איז געווען אַ ליבעראַלער ביישטייערער צו נאָרטהערן ליבערטיס האָספיטאַל, איז געווען איינער פון די גרינדער פון דעם האָרעיס בוירק מעמאָריאַל

האספיטאל, פון וועלכען עס איז דערנאך אויסגעוואקסען דער פילאדעלפיא פסיכי־אטרישער האספיטאל, אויף מאנומענט עוועניו און פארד ראוד, א מוסטער אנ־שטאלט פאר גייסטיג שוואכע מענשען, וואס קריגען יעדע געלעגענהייט געזונט צו ווערען.

איזידאר גאטליעב איז אויך געווען שטארק פאראינטערעסירט אין דעם וואוילזיין פון דער נארטהערן היברו דעי נוירסערי, דער אפטאון מושב זקנים, דער דאון טאון בית יתומים, און א צאהל אנדערע נאציאנאלע און לאקאלע אנשטאלטען.

געשטארבען נאך א קורצער קראנקהייט דעם 21טען דזשולאי, 1941, און זיין טויט איז שטארק באדויערט געווארען, באזונדערס פון אלע פיהרער פון אידישע אנשטאלטען, וואס האבען אין איהם געהאט אן ערנסטען מענשען און ליבעראלען אונטערשטיצער.

זיין זוהן, דזשעק גאטליעב, פארוואלטעט מיט די געשעפטען, איידיעל שוה קאמפאני, 24 נ. 4טע סטריט, איז א דירעקטאר אין נארטהערן ליבערטים האס־פיטאל, און נעמט אויך אנטייל אין דער ארבייט פון בית אל סינאגאג.

★

שמואל מאלערמאן

1869—1940

געבוירען געווארען אין טאמאשאוו, פוילען, אין 1869, א זוהן פון משה נחמן און חיה פערל מאלערמאן. יחסנישע משפחה, באוואוסטע חסידים און לומדים.

שמואל מאלערמאן האט געלערענט אין אוסיאטי־נער ישיבה ביז דער התונה. האט אויך געקענט רוסיש און פויליש. איז געקומען קיין אמעריקא אין 1911, און זיין גרעסטע פראבלעמע איז געווען ווי אזוי צו מאכען א לעבען פאר דער פאמיליע און ניט דארפען מחלל שבת זיין.

אויף דער עצה פון זיינע פריינט האט ער געעפענט א אידישע בוכהאנדלונג מיט ספרי רו"מל, און דאס האט איהם געגעבען א געלעגענהייט דעם גאנצען לעבען אפצוהיטען שבת.

שמואל מאלערמאן איז געווען פאררעכענט פאר איינעם פון די חשוב'ע אידען אין פילאדעלפיא, און צוזאמען מיט זיין פרוי, רחל (קרעמער) מאלערמאן, האט מען איהם אלעמאל געטראפען ביי יעדער עפענטליכער פארזאמלונג לטובה אידישע אנגעלעגענהייטען. איז געווען באזונדערס טעטיג ארום דער ישיבה משכן ישראל, און אנדערע תורה צענטערס.

איז געשטארבען פלוצלינג אין ניו יארק, נאך א שלאפקייט פון איין טאג, איז געבראכט געווארען קיין פילאדעלפיא פאר בעערדיגונג. האט איבערגעלאזט

אן אלמנה, רחל מאלערמאן, מיט וועמען ער האט אפגעלעבט עטליבע און פופציג יאהר, איבערלאזענדיג 4 זיהן און 5 טעכטער: משה מאלערמאן, דער אייגענטימער פון דער פוירל עמבראידערי קאמפאני; מרס. חיה פערל קריגער; מרס. קיטי אלט־מאן; נחמן מאלערמאן, עמבראידערי פאבריקאנט אין ניו יארק; מרס. סערע גרינ־בערג; בוירני מאלערמאן, אינשורענס ביזנעס; נייטען מאלערמאן, עמבראידערי; היימאן מאלערמאן, צושניידער ביי פרויען קליידער, און מרס. סילוויא גאלדין.

האט אויך איבערגעלאזען 24 אייניקלאך און 6 אור־אייניקלאך. די אלמנה פיהרט אן מיט דער בוכהאנדלונג אויף דעם זעלבען אדרעס, 504 פיין סטריט.

שמואל מאלערמאן איז געווען איינער פון די ערשטע טוער ארום דער פועלי צדק שוהל, א גרויסער ליבהאבער פון דער אידישער פרעסע און פון אידישען בוך.

★

רעוו גדליה שיינפעלד

רעזידענץ, 3138 קאלאמביא עוועניו. סטודיא, בית ישראל טעמפעל, 32טע און מאנטגאמערי עוועניו.

געבוירען אין 1892, אין וואכנאווקע, דער זוהן פון יצחק און רייזעל שיינפעלד. פאטער איז געווען א נאמן אין א וואלד. א בעלי־הבית׳ש׳ער איד, און האט געגעבען גדליה׳ן א גוטע אידישע דערציאונג. פריהער געלערענט ביי די בעסטע מלמדים, דערנאך אין בית המדרש ביז 16 יאהר. געהאט א שיינע שטימע און צו 12 יאהר שוין נעדאווענט פארן עמוד. צו 16 יאהר אוועקגעפאהרען צו חזנים, אין וויניצע געזונגען ביי יאסעלע קאראטשיק, און חזן שפיראן. אויך געווען 5 יאהר אין אדעס ביי באריהמטע חזנים, און אין 1923 אוועקגענומען געווארען אין דינסט, וואו ער איז געווען א מוזיקאנט.

אין 1914, 2 חדשים ערב ערשטער וועלט מלחמה אנגעקומען קיין פילא־דעלפיא, צו זיין אנקעל נח און טאנטע קאהן, פארבליבען ביז זיין חתונה 9 יאהר שפעטער. געזונגען אין ארטש סטריט טעאטער ביי אידעלע בעלזער 4 יאהר, און אין 1918 איז ער אוועקגענומען געווארען אין דער אמעריקאנער ארמיי, אפגעשיקט געווארען קיין פראנקרייך און פארוואונדעט געווארען אין דער היסטא־רישער ארגענוואלד שלאכט.

פארבליבען אין שפיטאל 26 חדשים, און אין אנהויב 1920 צוריקגעקומען קיין פילאדעלפיא, און איז געשיקט געווארען שטודירען אין וואשינגטאנער קאנ־סערוואטאריע, האט אויך שטודירט אין „קומס" קאנסערוואטאריע.

אין 1923 אויפגענומען געווארען אלס חזן אין בית ישראל טעמפעל, און האלט אן די שטעלע שוין 20 יאהר.

געהייראט אסתר מלכה קאטץ, זיי האבען איין טאכטער, שרה לאה, 17 יאהר אלט, ענדיגט גרעטץ האי סקוהל, און שפילט אויך שיין פיאנא.

גדליה שיינפעלד איז דער פרעזידענט פון דעם חזנים פארבאנד, איינער פון די גרינדער און אנפיהרער מיט דעם פארבאנד, ווירקט אז חזנים אהן שטעלעס און עלטערע חזנים זאלען געשטיצט און אויסגעהאלטען ווערען בכבוד.

שיינפעלד האט צו זיין קרעדיט די פארשפרייטונג און פאפולאריזירונג פון דעם אידישען פאלקס ליעד, און באזונדערס די לידער וואס ווערען געשאפען אין ארץ ישראל.

ער איז אויפגעטראטען הונדערטער מאל פאר די ציוניסטישע ארגאניזאציע, פאר דער הדסה, פאר די יעהרליכע געווערקשאפטען קאמפיין „ראליס," און נעמט בכלל א ווארימען אינטערעס אין אידישע געזעלשאפטליכע און קולטורעלע ענינים.

ער איז אויך פארעכענט פאר א שיינעם פאלקס זינגער, און איז באליבט ביי די פאלקס מאסען פאר זיין אנפיהרען מיט געזאנג בציבור, ווען ער טרעט אויף אין זיינע קאנצערטען.

לעצטענס האט ער אלס פרעזידענט פון חזנים פארבאנד אויך דורכגעפיהרט א גרויסען קאנצערט מיט אלע מיטגלידער פון דעם היגען חזנים פארבאנד אין באלטימאר, מערילאנד, און ער איז שטארק געלויבט געווארען פאר דעם אויפטו און איזווארעם באדאנקט געווארען פון די באלטימארער חזנים און שוהל פרעזידענטען.

זיין אמביציע איז צו באזארגען יעדען היגען חזן מיט א שטעלע, און ער זאל אויך ניט פארגעסען ווערען אויף דער עלטער.

מרס. שיינפעלד איז אן עהרענמיטגליד אין דער סיסטערהוד פון בית ישראל טעמפעל און נעמט אויך אן אינטערעס אין וואהלטעטיגער און ציוניסטישער ארבייט.

★

גדליה ראבינאוויטץ

רעזידענץ — 5251 נ. האטשינסאן סטריט. סטודיא: טעמפל בית שלום. געבוירען אין פאגרעבישטשע, קיעווער גובערניע, אין 1888, זיער זוהן פון יהודה ליב און בתיה ראבינאוויטץ, א יחסנישע פאמיליע, פון דער גזע פון דעם קדוש, רב גדליה לינעצער. (גדליה ראבינאוויטץ איז א נאמען נאך רב גדליה לינעצער.)

געלערנט ביז 18 יאהר, האט אויך געהאט א מוזי־קאלישע בילדונג, און האט געענדיגט אלס קאפעלמייסטער.

האט געהייראט בתיה רובינשטיין, זיי האבען 2 קינדער: יהודה ליב, 27, האט געענדיגט טעמפל יוני־

וואָרסיטי, און מרדכי, 22 יאָהר אַלט, גראַדואירט פון פען סטייט קאַלעדזש אָוו אָפטאָמעטריע. איצט מיט דעם נייוועל רעזערוו האָספּיטאַל.

גדליה איז אַ גראַדואירטער פון דער אדעסער קייזערליכער מוזיקאַלישער שולע, און ביי זיין אנקומען קיין אמעריקא איז ער געווען מיט דער אהל יעקב שוהל ביז 1922, זינט דאן, די לעצטע 19 יאהר איז ער דער מוזיק דירעקטאר אין טעמפעל בית שלום, וואו ער פיהרט אן מיט אן אויסגעצייכענטער מוזיקאַלישער טעטיגקייט מיט אַ כאר אין טעמפל, און אין דער זעלבער צייט שאפט ער די גאנצע צייט אויף דעם מוזיקאַלישען געביט און ער האט צו זיין קרעדיט אַ רייהע לידער וואָס ער האָט קאָמפּאָנירט און ארויסגעגעבען. ער איז באקאנט פאר זיינע לידער אין דעם העפט „המזמר", וואס איז ארויסגעגעבען געווארען לכבוד אַ יובילעאום פון דער מחנה משה העס, אויך איז פאפולאר זיין מוזיק צו ביאליק'ס „אל הצפור", און זיין מוזיק צו „ברוך ממאגנעצע" און לעצטענס האָט ער געשאַפען וואונדערליכע מוזיק צו „שובו לבצרון," געווידמעט דר. טשערנאָוויטץ, דעם רעדאקטאר פון דעם העברעאישען זשורנאל „בצרון".

גדליה פיהרט אן מיט דעם הדסה כאר, און מיט דעם כאר פון דעם חזנים פארבאנד, איז געווען דירעקטאָר פון דער מוזיקאַלישער אפטיילונג ביי די עדיו־קיישאנאל צענטערס, און איז איינער פון די חשובסטע און אנערקענסטע מוזיקער און דירעקטארען אין פילאדעלפיא.

האָט אויך געשאַפען אַ סך כאראלע און סינאגאגאלע מוזיק, צייכענט זיך דער עיקר אוים מיט זיין פיינער אינטערפּרעטאציע, באוויזענדיג אַלע מאָל צו קאָמפּאָנירען דעם טעקסט און אויסטייטשען דעם אינהאַלט אין פולער הארמאָניע.

★

קאנטאר אהרן שטיינבערג

רעזידענץ—2444 נ. 54טע סטריט. סטודיאָ—527 פּרע־סער בילדינג, 1714 טשעסטנאַט סטריט.

געבוירען אין קישינעוו, בעסעראַביע, דער זוהן פון אברהם און עלקע שטיינבערג. פאָטער איז געווען אַ חזן, און האָט געשטאַמט פון אַ פאַמיליע פון באריהמטע חזנים דורות לאַנג.

אַ ברודער פון דעם באריהמטען חזנישען גאון, דוד משה שטיינבערג, (נפטר געוואָרען אין נויאָרק, י. חשון, תש"ב.)

אהרן שטיינבערג האָט אָנגעהויבען זינגען ביי דעם פאָטער אין קישינעוו אַלס קינד, און האָט זיך שוין דאן אויסגעצייכענט מיט זיין מתיקות. ער האָט שפּעטער געזונגען ביי זיין באריהמטען ברודער, דוד משה, אויך ביי קלמן קאלאראשער.

אין קישיניעוו האָט אהרן שטיינבערג געענדיגט די גוטער מוזיקאַלישע שולע, שפּעטער האָט ער געלערענט אין אדעס ביי פּראָפעסאָר פאן קאצעבו און ביי

פראפעסאר קאנסטאנטינאוו. פון דארטען איז ער אפגעפאהרען קיין איטאליען, און זיך פארפולקאמט ביי פראפעסאר אנסעלמי און פראפעסאר פאדעסטי.

אין 1927 האט ער אין בודאפעסט באקומען דעם טיטול פראפעסאר איבער געזאנג און אפערא פון דער „סקוואלא סופעריארא דע מוזיקא סי דראמאטיקא.״ איז 6 יאהר געוועזן קעניגליכער סאליסט אין דער רומענישער אפערא, און האט קאנצענטרירט מיט די גרעסטע אייראפעאישע זינגער אין איטאליען, שפאניען, פראנקרייך און אין אנדערע לענדער.

אהרן שטיינבערג איז אלעמאל באוואונדערט געווארען פון מוזיקאלישע קריטיקער, אבער אלס חזן האט ער אין זיך איינגעזאפט דאס מתיקות פון ראזומנין, און נאך היינט, ווען מען הערט איהם דאווענען פארן עמוד, פיהלט זיך ראזומני׳ס טיפער איינפלוס אין זיין נוסח התפלה וואס פארכאפט דעם צושויער און רעגט איהם אן מיט רעליגיעזען פאטאס.

אין אמעריקא זינט 1934, וואו ער איז באלד אנגאזשירט געווארען אין הר ציון טעמפעל, ווינפילד, וואו ער פיהרט אן מיט א כאר פון אכט שטימען און איז זעהר חשוב ניט נאר אין טעמפעל, נאר אין דער אלגעמיינער מוזיקאלישער וועלט.

פיהרט אן מיט א קלאס און אונטעררichtעט פריוואט אין זיין סטודיא פאר געזאנג און שטים בילדונג.

★

דר. חיים ה. הערים

רעזידענץ—2222 נ. 53טע סטריט. געבוירען אין גראנאוו, רוסלאנד, אין 1884, דער זוהן פון נפתלי צבי און ביילע אריה. דער פאטער איז געוועזן רב, שוחט און חזן אין גראנאוו. חיים הערים האט געלערענט ביז 21 יאהר חוץ אידישע לימודים אויך רוסיש, דייטש און פראנצויזיש.

אין 1905 האט ער געהייראט רחל זעלינגער, וואס שטאמט פון דער בארימהטער ווארשאווסקי פאמיליע. חיים הערים האט פריהער אויסגעלערענט שחיטה, דערנאך אויך באקומען סמיכה אויף רבנות פון רב פינחס באראטשין.

אין אמעריקא זינט 1913. טעמפל יוניווערסיטי או פארמאסי, גראדואירט אין 1917. אין 1925 האט ער אויך באקומען טיטול דר. או פארמאסי.

פיר קינדער: שושנה, מרס. פאנקאווסקי, מאן איז א האי סקוהל לעהרער און באקאנטער מאהלער; עין־יה, מרס. דר. ישראל ליוו; זעליג, געהילפס פראפעסאר אין יוניווערסיטי או פענסילוויניע; דר. צבי הערים, מעדיקאל אינכטראקטאר אין יוניווערסיטי או פענסילוויניע.

פרעזידענט פון ארבייטער גרופען פארן נאציאנאל פאנד, מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע פילאדעלפיא ציון דיסטריקט, דירעקטאר אין נאציאנאל פאנד קאונ־

סיל, אקטיוו אין מחנה משה העם, מיטארבייטער אין „מעדיקאל רעקארד" און „אנאלען פון מעדיצינישער געשיכטע. שרייבט אויך אין פילאדעלפיער „טאג," האט געשריבען אין פילאדעלפיער „אידישע וועלט," איצט מיטארבייטער אין בצרון.

דר. הערים איז באקאנט אלס שיינער חזן, האט געהאלטען שטעלען ביי די גרעסטע שוהלען אין פילאדעלפיא, איז אקטיוו אין דער חברותא.

דערפינדער פון א כירורגישען אפאראט פאר מילה און זיין אפהאנדלונג וועגען דער דערפינדונג איז געווען געדרוקט אין „מעדיקעל דזשורנאל ענד רעקארד," און איז אנערקענט געווארען פון גרויסע אויטאריטעטען אין דער פראפעסיע.

★

אלעקס (יצחק אליה) וואלקין

רעזידענץ—5204 לעבאנאן עוועניו. אפיס—60 נ. סעקאנד סטריט. וואלקין פלאש קאמפאני, אינקארפארייטעד.

געבוירען אין פינסק, דעם 15טען אויגוסט, 1885, ז'ער זוהן פון פינחס און רחל לאה וואוואליצקי. פאטער איז געווען א באוואוסטער מלמד אין פינסקער תלמוד תורה.

יצחק אליה וואלקין איז געבליבען א יתום, אנווערענדיג דעם פאטער צו ניין יאהר, און ער האט זעהר יונג אנגעהויבען טראגען אויף זיך דעם עול פון העלפען מפרנס זיין די מוטער. איז פארבליבען אין רוסלאנד ביז דעם פריזיוו, און אין 1905, אין צייט פון דער רוסיש־יאפאנעזישער מלחמה איז ער אוועק קיין אמעריקא.

האט געהייראט רעבעקא גליקהאלטער אין 1918, זיי האבען דריי קינדער: פאול וואלקין, האט גראדואירט פון אווערברוק האי סקוהל, און יוניווארסיטי אוו פענסילווייניא לאא סקוהל, „דעגרי" בעטשלאר אוו סייענס; מרים וואלקין, אווערברוק האי סקוהל און פרענקלין ארט אינסטיטוט; יהושע וואלקין, אווערברוק האי סקוהל.

גרינדער און פרעזידענט פון בני חיים סאשעל, דירעקטאר און הויפט טרעזשורער פון אלע פאנדען אין דאון טאונער אידישען בית יתומים, איז געווען אן אקטיווער טוער אין ברית אחים, ביז דער גרינדונג פון בני חיים סאשעל.

א מיטגליד פון מייסאניק ארדער, אן אקטיווער ציוניסט און א ליבעראלער אונטערשטיצער פון אלע אידישע נאציאנאלע און לאקאלע אנשטאלטען.

מרס. אלעקס וואלקין איז אקטיוו אין דער הדסה, און אין ליידיס אקזילערי פון בני חיים סאשעל.

אלעקס וואלקין פיהרט אן זיינע מסחרים בשותפות מיט א זוהן פון זיין עלטערען ברודער אונטער דער געשעפטס פירמע „וואלקין פלאש קאמפאני, אינק."

בענדזשאמין פאול

רעזידענץ—2013 ס. 7טע סטריט. געשעפטס אדרעס דער זעלבער. געבוירען אין רזשישטשעוו, קיעווער גובערניע, אין 1897, דער זוהן פון חיים און שרה גאָלדע טארנאָ־פאלסקי. פאָטער איז געווען אַ סוחר פון געהילץ, און איהם געהאַלטען אין חדר ביז נאָך בר מצוה.

אין פילאדעלפיא זינט 1921. די ערשטע צייט געווען אַ סיילסמאַן פון דרייגודס. דערנאָך האָט ער געעפענט אַ סטענד אויף ס. 7טע סטריט. שפּעטער איז ער גע־גאַנגען אין „ביזנעס" פאַר זיך און זינט דאַן האַלט ער אַ געשעפט פון קינדער קליידער.

האָט געהייראַט אסתר בלעק, זיי האָבען 3 קינדער: חיים, 18 יאָהר אַלט, האי סקוהל; הירשל, 16 יאָהר אַלט, דזשוניאר האי; און שוירלי, 14 יאָהר אַלט, דזשוניאר האי.

בענדזשאמין פאול איז אויפגעצויגען געוואָרען אין חסידישער סביבה און איז עד היום אינטערעסירט אין וואוילזיין פון די גוטע אידען אין פילאדעלפיא. איז געווען פאָרזיצער פון דער יעהרליכער אונטערנעמונג פון מאנאסטרישטשער רבינ'ס הויז אין 1941, איז דער וויים פרעזידענט פון בני חיים סאָשעל, מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון אידיש נאציאָנאַלען ארבייטער פאַרבאַנד, ברענטש 25, וואו ער איז אריינגעשריבען געוואָרען אין גאָלדען בוך פאַר זיינע לייסטונגען, אקטיוו צווישען די פּועלי ציון, געוועזענער פרעזידענט פון סאוטה 7טע סטריט ביזנעסמענס אסאָסיאיישאַן, מיטגליד אין דאון טאון בית יתומים, מושב זקנים, און אַ ליבעראַלער ביישטייערער צו אַנדערע צדקה אנשטאַלטען.

★

דוד טרייטמאַן

רעזידענץ—2119 ס. 7טע סטריט. געשעפטס אַדרעס—דער זעלבער. געבוירען אין אבאדריווקע, אין 1894, אַ זוהן פון ליפּא און סאסיע טרייטמאַן. פאָטער איז געווען אַ מוכר תבואה'ניק און אַ מעהלשיינקער. האָט געלערענט אין חדר ביז בר מצוה.

אין אַמעריקא זינט 1921. האָט געהייראַט אַ קוזינע, מלכה טרייטמאַן.

גרינדער פון דער בית יעקב שוהל, פון מאנאסטרישטשער רבי'ן, אדו"מר יעקב ראבינאוויטש, און איז עד היום פאַרבליבען אַ הייסער אַנהייננגער און בן בית.

אהרן דאראף



רעזידענץ—5926 קעטהרין סטריט. אָפיס—סילווערמאַנ׳ס דעפּאַרטמענט סטאָר, 6טע און סאוטה סטריטס.

געבוירען אין פּרילוק, פּאָלטאווער גובערניע, אין 1872, א זוהן פון יהודה ליב און דאבע ראאינסקע. פאַטער איז געווען א תבואה הענדלער.

אין אמעריקא זינט 1904. אנטלאָפען צוליב דער רוסיש־יאפּאנעזישער מלחמה.

האָט געהייראט חאסיע בעלסקי, זיי האָבען 4 קינדער: לואי און מאקס דאראף,ביידע באקאנטע לאָיערס אין פילאדעלפיא. מרס. איידא סעמועל, און מרס. מאלי לאנדאו. איז געווען 4 מאָל פּרעזידענט פון הוגא גראסקאפּף לאדזש, אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם, געווען 3 מאָל פּרעזידענט פון יונייטעד רעליף, פּרעזידענט פון דער שוהל אין מאנראוויל, ניו דזשוירזי. א ליבעראלער אונטערשטיצער פון אלע צדקה אנשטאלטען אין פילאדעלפיא.

★

ירחמיאל היימאן

רעזידענץ—613 וואולף סטריט. געשעפטס אדרעס—דער זעלבער. געבוירען אין אומאן, אין 1889, **דער זוהן פון** מרדכי און לאה היימאן. פאָטער (מאטל, דער זוהן פון הירש מעיר חדש) איז געווען א מלמד אין אומאן.

געלערענט ביים פאָטער ביז בר מצוה, דערנאָך זיך אויסגעלערענט צו זיין א שפּאלירער (פּייפּער הייגנער).

געהייראט שרה מארקאָוויטש, זיי האָבען 3 קינדער: הערי; בעסי, מרס. דזשעק סאטען, וועמעס מאן דינט איצט אין דער אמעריקאנער אַרמיי, און לינא היימאן, סינגעל. אלע קינדער זיינען האי סקוהל גראַדואירטע.

ירחמיאל איז אויפגעצויגען אונטער דעם איינפלוס פון חסידות אין אומאן, וואו עס איז יאָהרענלאנג געווען די היים פון דעם מאנאסטרישטשער רבין, און ער איז עד היום געבליבען אן אנהייגנער פון חסידים. איז איינער פון די אקטיווסטע מענשען אַרום דעם מאנאסטרישטשער רבינ׳ס הויז, און אַרום דעם בית יעקב שוהל. מיטגליד פון דער אדווייזארי באָרד פון דער קעי מארקס בענעפישעל אסאָסיאיישאָן.

דער פילאדעלפיער פסיכיאטרישער שפיטאל אין ווינפילד

אז איהר פאהרט ארויס אויף מאנומענט עוועניו און פארד ראוד, ווערט אייער אויג צוגעצויגען צו א מאדערנער געביידע וואס געפינט זיך ארומגערינגעלט מיט א פרעכטיגער לאנקע, וואונדערשיינע בלומען, און אז איהר צופרעגט זיך ביי די ארומיגע וואס דאס איז פאר א פלאץ, דערציילט מען אייך, אז דאס איז דער נייער פסיכיאטרישער שפיטאל פאר נערוועזע און גייסטיג-קראנקע.

מיר לעבען איצט אין א משוגענער וועלט. אונזערע נערוועז זיינען אנגע־צויגען ווי שטריק, און א גרויסער פראצענט פון דער באפעלקערונג וואס דרייט זיך איצט ארום אויף דער פריי, וואלט באמת געמעגט פאלגען דעם דאקטאר, און זיך נעמען א וואקאציע צו בארואיגען די נערוועז.

אבער גאר שלעכט איז דער פאמיליע, ווען עמיצער אין דער משפחה ווערט גייסטיג אנגעגריפען, און מוז שוין פארן לעצטען פאל געהן זיך אפרוהען אין אן אנשטאלט.

דאן פאסירט א מאדנע זאך: א מענש קען זיך אמאל צוברעכען א האנט, אדער א פוס, איז עס א טראגעדיע, אבער ניט אזא גרויסער אומגליק, ווען חלילה עס טרעפט און א מענש ווערט גייסטיג צורודערט.

מען שעמט זיך אויסצוזאגען פון דעם אומגליק, און א פינסטערער וואלקען לעגט זיך אוועק איבער די קעפ פון דער גאנצער פאמיליע.

נאר מיט א פאר יאהר צוריק האט זיך דא דער עיקר איין מענש, סעמועל רעדביל, פאראינטערעסירט מיט דעם שיקזאל פון גייסטיג קראנקע. האט ער פריהער אפגעגעבען זיין צייט און געלט, מיה און ענערגיע פאר דעם הארעים ביירק מעמאריאל האספיטאל. אבער שפעטער האט זיך ארויסגעוויזען אז דאס פלאץ איז ניט געווען גרויס גענוג, און טאקע צו ווייט פון שטאדט.

רעדביל האט מיט א יאהר צוריק צוגעטראכט א בעסערען פלאן. ער האט געשאנקען א שטיק באדען אויף מאנומענט עוועניו און פארד ראוד, און ער האט זינט דאן דארט אויפגעבויט מאדערנע שפיטאל געביידעס, און היינט צו טאג, ווען מען קומט צו דעם טויער, וואלט מען געקענט שווערען, אז דא געפינט זיך א גוט'ס באזיצער אין זיין קאונטרי קלוב.

דאס שפיטאל איז דאס לעצטע ווארט אין מאדערנער דערפינדונג, און די אטמאספערע איז אזא, אז די לופט אליין און די רואיגקייט ווירקט גינסטיג אויף די פאציענטען.

דאס פלאץ איז ניט סעקטאריש, און דער עיקר ווערט געגעבען א מעגליכ־קייט פאר פאציענטען, וואס האבען א געלעגענהייט געזונט צו ווערען, און קומען צוריק צו די פיזישע און גייסטיגע כוחות.

סעמועל רעדביל האט זיכער געשריבען געשיכטע דורך זיינע וואוילטעטיגע

מעשים. דער שפיטאל איז שוין איצט אויך אפיליאירט מיט דער פעדעריישאן און דזשואיש טשאריטיס.

דער פאבליק רילייישאנס מאן איז צבי איינבינדער, וועלכער איז געווען איי־נער פון די ערשטע וואס האט זיך גענומען ארגאניזירען הילף פאר אידישער גייסטיג שוואכע פערזאנען.

אין דעם שפיטאל געפינען זיך 65 בעטען, און א שטאב פון די בעסטע עקספערטען, פסיכיאטרען, ווי דר. נ. ווינקעלמאן, און א צאהל אנדערע וואס האבען זיך ספעציאליזירט אין היילען גייסטיג קראנקע מיט מאדערנע מיטלען, דורך אינסאלין און אנדערע „שאק" טריטמענטס.

דער פילאדעלפיער פסיכיאטרישער שפיטאל ווערט פאררעכענט פאר איינעם פון די מאדערנסטע אין די פאראייניגטע שטאטען.

★

עוזר פאלאק

רעזידענץ, מושב זקנים, 315 ס. 3טע סטריט. געבוירען אין 1854, אין קאדנע, א זוהן פון יצחק און פייגע טילי פאלאק, א בן יחיד. פאטער, א סוחר, האט געהאלטען די פאטשט צווישען בערדיטשעוו און זשיטאמיר.

אין אמעריקא זינט 1900. האט געהאלטען א גראָ־סערי סטאר 26 יאהר. האט געהייראט קלארא פליישמאן, נפטר געווארען מיט 10 יאהר צוריק.

פינף קינדער, 2 טעכטער, 3 זיהן, מרס. פייגע טילי פרעס, וואוינט אין אטלאנטיק סיטי, דר. הערי פאלאק, דענטיסט, פילאדעלפיא, סערע קאופמאן, פילא., טשארלס פאלאק, אטלאנטיק סיטי; לואיס פאלאק, מענעדזשער אין א ציגאר פאבריק, פי־לאדעלפיא.

גרינדער פון חברה משניות אין טאלנער רבינ'ס צמח דוד שוהל, 1437 ס. 6טע סטריט. איז אלע יאהרען געווען א ביישטייערער פאר וואוילטעטיגע אנשטאלטען.

די פארשטארבענע מרס. קלארא פאלאק איז געווען איינע פון די גרינדערינס פון לינת הצדק און מושב זקנים און אין 1904 איז זי געווען א וויס פרעזידענטין פון דעם אנשטאלט.

פיהרער פון פילאדעלפיער אידישע אנשטאלטען

★

דזשאַסטיס
הארעס ד. סטוירן



עלים א. גימבעל

לעסטער היינא

א. מ. גרינפילד

סעמועל רעדביל

מארים וואולף



געבוירען אין פילאדעלפיא, דעם 20טען אויגוסט, 1883. האט באזוכט די וויליאם פען טשארטער סקוהל און גראדואירט אין 1899. דערנאך האט ער שטודירט אין יוניווערסיטי אוו פענסילוויניע לא סקוהל, און האט געענדיגט מיט די העכסטע עהרענצייכענס, (סומא קום לאוד) אין 1903.

נאך דעם פארענדיגען זיין שטודיום איז ער געווארען א שותף מיט הארעס סטוירן, איצט דער דזשאסטיס פון סופרים קאורט אין פענסילוויניע. די פירמע הייסט סטוירן און וואולף. געווען אסיסטענט דיסטריקט אטורני פון פילאדעלפיא קאונטי אונטער דער אדמיניסטראציע פון סעמועל פ. ראטאן, 1909-1910.

דעפיוטי אטורני דזשענעראל אונטער דזשאהן ס. בעל; האט אויך באזוכט דעם טרעינינג קעמפ פאר ערשטע אפיצירען, פארט נאיגארא, אין 1917, איז געווען א קעפטען פאר „פארעין סוירוויס," מיט דעם אמעריקאנער רויטען קרייץ, אין 1917; א מיטגליד פון דער בארד אוו סיטי טראסטס, און איז די לעצטע יאהרען ביז היינט צו טאג דער פרעזידענט פון דער פעדערײשאן אוו דזשואיש טשאריטיס, וויס פרעזידענט פון די יאנג מענס און יאנג ווימענס היברו אסאסי־איישאן, עהרען פרעזידענט פון דעם עלאיד דזשואיש אפיל, א דירעקטאר פון דער זאאלאדזשיקעל סאסייעטי אוו פילאדעלפיא, א טראסטי פון דעם פילאדעלפיא קונסט מוזעאום, וויס פרעזידענט און דירעקטאר פון דער נעשאנאל רעפיודזשי סוירוויס, אינקארפארייטעד.

מארים וואולף איז א מיטגליד פון פען אטלעטיק קלוב, פילמאונט קאונטרי קלוב, לאקוסט קלוב, מיד־דעי קלוב, און ער איז דער פאטער פון עדווין וואולף, דער צווייטער, און ראבערט ב. וואולף.

★

די בעאמטע און מיטגלידער פון דער בארד אוו דירעקטארען פון דער פעדע־ריישאן אוו דזשואיש טשאריטיס זיינען:

האנארערי פרעזידענטען, לואיס וואולף, דזשאסטיס הארעס סטוירן, דזשאס־טין פ. אלמאן, לעסינג דזש. ראזענוואלד, לעא ה. האימערדינגער; פרעזידענט, מארים וואולף; וויס פרעזידענטען, סעמועל ס. פעלס, דזשייקאב סי. גוטמאן; טרעזשורער, האוארד א. וואולף; סעקרעטאר, לעסטער היינא; עקזעקוטיוו דירעק־טאר; מאורים ע. סטוירן, עקזעקוטיוו סעקרעטאר.

דזשאסטין פ. אלמאן, פרענק דזש. בינסוואנגער, ארטהור בלאק, לואיס בלאק, דזשייקאב ה. בראדסקי, לאורענס בראנזוויק, א. מ. בורד, דזשאזעף דראוו, סעמועל ס. פעלז, דאבאי וויליאם ה. פיינשרייבער, ארטור א. פליישער, לאיאנעל פרידמאן, בערנארד פריינקעל, איזאק גערסטלי, עלים א. גימבעל, דזשאזעף דזש. גרינבערג,

אלבערט מ. גרינפילד, דזש. ו. גוטמאַן, דזשאָזעף ה. הייגעדאָרן, לעסטער הייגאָ, לעאָ ה. היימערדינגער, דזשאָזעף הערבאך, סילוועז ה. הוירש, דזשאָרדזש טשארלס קליין, ראַבאַי מאקס ד. קליין, דזשאָרדזש מ. קאָהן, איזידאָר קאָהן, מרס. איזידאָר קאָהן, דזשאָזעף קאָהן, דזשאָרדזש דזשאָזעף קון, דזשאָרדזש לואיס ע. לעווינטהאַל, דר. לעאָן ליוואַי, מייער ליכטענסטיין, אלבערט ה. ליבערמאַן, טשארלס ליפשוטץ, דזשייקאָב ד. ליט, מרס. ארטור לאָעב, האוארד א. לאָעב, הענרי ס. לאוכהיים, דזשעראָם ה. לאוכהיים, פרידריק ר. מאן, קלינטאָן אָ. מייער, לעאָן מערז, קלארענס ל. מייערס, סיימאָן ס. ניומאַן, הערי נוסבאום, סעמועל פיילי, קורט פּאַיזער, הערי פּאַבליקער, סעמועל רעדביל, עמאנועל ראָזענפעלד, לעסינג דזש. ראָזענוואלד, מרס. לעסינג דזש. ראָזענוואלד, מרס. דזשעראָם ראטהשילד, הערי סעקס, דזשאָרדזש דזש. שאָר, מרס. סאל סעליג, ד. העים סאלים-קאָהן, הערי י. סטוירן, דזשאָסטים הארעים סטוירן, מאורים ע. סטוירן, הערי דזשי. סאָנדהיים, לעאָן סי. סאָנסטיין, טשארלס וויינסטיין, מרס. דזשאָזעף וויינסטיין, האוארד א. וואולף, לואיס וואולף, מארים וואולף, ראַבאַי לואיס וואולסי, מאורים ל. וואורצעל.

★

די בעאמטע און מיטגלידער פון דער באָרד און דירעקטאָרען פון דער על־איד דזשואיש אַפּיל זיינען:

האנאראַרי פּרעזידענט, לואיס וואולף; פּרעזידענט לעאָן סי. סאָנסטיין; וויס־פּרעזידענטען, אלבערט ה. ליבערמאַן, דזשאָזעף קאָהן; טרעזשורער, ארטהור א. פליישער; סעקרעטאר, וויליאם ה. סילק; עקזעקוטיוו דירעקטאָר, קורט פּאַיזער; עקזעקוטיוו סעקרעטאר, דייוויד דזש. גאָלטער.

בען אמסטערדאם, דר. מאָזעס בעהרענד, מרס. אסקער דזשי. בענדער, הערי בערגער, ראבערט מ. בערנסטיין, פרענק דזשי. בינסווענגער, דייוויד בראגינסקי, רעימאנד בראנזוויק, מאורים דזשי. קאָהן, סעמועל קוק, סעמועל ה. דאראף, דייוויד וו. איזמאַן, דזש. עמענועל, הערי דזש. עטעלסאָן, פּראָפ. חיים פיינמאַן, ארטהור א. פליישער, וויליאם ב. פליקסטיין, בערנארד ל. פרענקעל, לייאָנעל פרידמאַן, לואים גערסטלי, דזשוניאר, דר. ראלף גאָלדסמיט, ראַבאַי סיימאָן גרינבערג, דזשייקאָב סי. גוטמאַן, לעאָ ה. היימערדינגער, ראַבאַי מאקס ד. קליין, דזשאָזעף קאָהן, דזשאָרדזש דזשאָזעף ל. קון, מרס. דזשייקאָב לאָעב לאנגסדאָרף, ארטהור לעפקאָ, מאקס ה. לעווינסאָן, דזשאָרדזש לואיס ע. לעווינטהאַל, אלבערט ה. ליבערמאַן, האוארד א. לאָעב, פרעדריק ר. מען, מרס. מאקס ל. מארגאָלים, נייטהען י. מילער, סעמועל אטא, סעמועל פיילי, דייוויד ה. פליט, עדוואַרד נ. פּאַלישער, דזשוליען דזשי. פּאלאק, וויליאם פּאַרטנער, מאקס ה. ראאב, מאקס ראָבב, רעימאנד ראָזען, פרעד דזש. ראָזענאו, עמענועל ראָזענפעלד, דזשעראָם דזש. ראטהטשילד, מעטיהו ב. רודאפקער, מאו ל. שניידער, אב. סילווער, דזשעק סאלים-קאָהן, דזשוניאר, הערי י. סטוירן דזשאָסטים הארעים סטוירן, פריינק סטריק, לעאָן סי. סאָנסטיין, וויליאם ה. סילק, דייוויד וועבער, בערנארד וויינבערג, מרס. עלאַיעס וואולף, מארים וואולף.

בעאבאכטער פונ'ם אידישען יוגענט קאמיוניטי: מרס. מילטאָן פרידמאַן, פרענק ע. האן, דזשוניאר, לעאָן ה. מעגיל.

פראטערנאלע און בענעפישעל אָרגאני־זאציעם אין פילאדעלפיא

★

„ברית אחים״—א פעסטע זייל אין פילאדעלפיער אידענטום

די געשיכטע וועגען דעם געבורט פון דעם ברית אחים קלינגט שוין היינט ווי א לעגענדע:

זיבען מענשען האָבען זיך פארזאמעלט אין א קעלער פון א הויז אין א זייטיג געסעל, זיי האָבען זיך צוזאמענגעלעגט זיבען „קוואָדערס,״ און מיט די דאָזיגע פאָנדען איז געגרינדעט געוואָרען דער ברית אחים.

דאָס איז געשעהן דעם 26טען מאי, 1889.

די ערשטע צייט איז דער ברית אחים געווען אנגעשלאָסען אין אַן אָרדען, נאָר גאָר גיך האָט זיך אַרויסגעוויזען אז דער ברית אחים שטרעבט צו זיין א זעלבסטשטענדיגע אָרגאניזאציע, און ער האָט זיך אָפגעריסען פון דעם אָרדען.

אז דער ברית אחים האָט גלייך פון אָנהויב זיך פארנומען אויף אייגענע וועגען, און ער האָט געשטרעבט צו טאָן אַלגעמיינע אידישע וואוילטעטיגע ארבייט, חוץ לייסטען הילף פאר אייגענע מיטגלידער, קען מען זעהן פון דעם, וואָס אין 1891 האָט דער ברית אחים פון זיין אָרימער קאַסע שוין געשטיצט דעם הכנסת אורחים.

אין 1892 האָט א שרעק פאר אַן עפידעמיע ארומגענומען פילאדעלפיא, איז דער ברית אחים ווידער געווען דער ערשטער וואָס האָט צוטיילט צירקולארען וועגען געזונט אויפפאסונג, און אזוי ווי עס איז דאַן געווען א קריזיס אין לאַנד, האָט דער פאראיין אויך געשטיצט די „רעליף עיד סאָסייעטי.״

דער ברית אחים האָט זעהר שנעל באַקומען א גוטען נאָמען אין דער אידישער געזעלשאַפט, די בעסטע עלעמענטען זיינען אריינגעקומען אַלס מיטגלידער.

די ערשטע פרעזידענטען וואָס ווערען דערמאָנט, זיינען סיימאָן לעקערמאַן, יונה בוים, ש. בירענבוים, יוסף לעוויט, נייטען גילס און ש. גודשטיין. דאָס נעמט ארום די עפּאָכע פון די ערשטע צעהן יאָהר, פון 1889 ביז 1899.

אין מאי 1899 האָט דער ברית אחים געפייערט זיין צעהן־יאָהריגען יובי־לעאום מיט א באנקעט און שעהנע רעדעס. דער ברית אחים האָט זיך צובליהט און אין 1901 איז געשאַפען געוואָרען די אדווייזארי באָרד, א קאָמיטעט פון זעקס און דרייסיג פערזאָן, וואָס זאָל ארבייטען אויף פּלענער אריינצובריינגען צו

די זיצונגען. דער דאזיגער פלאן איז זינט דאן אנגענומען געווארען פאקטיש פון אלע אנדערע אידישע ארגאניזאציעס.

אין 1902 האט דער ברית אחים אנגענומען א באשלוס צו קויפען אן אייגענע היים, אבער דער פלאן איז אזוי גיך ניט דורכגעפיהרט געווארען.

די פראטאקאלען ווייזען, אז אין דעם זעלבען יאהר האט דער ברית אחים געשטיצט דעם קויהלען גרעבער סטרייק מיט פופציג דאלאר, און ווען עס איז אנגעקומען די טרויעריגע ידיעה וועגען דעם קישינעווער פאגראם האט דער ברית אחים געגעבען די גרעסטע בייזשטייערונג, חוץ דעם סובסקריפשאן ליסט צו וועלכען די ברית אחים מיטגלידער האבען געגעבען פרייוויליגע בייזשטייערונגען.

די וויטערדיגע פרעזידענטען זיינען געווען דזשייקאב באנאוו, ה. ריקלין, אדאלף וואקס, מאזעס פריהמאן, פ. מילער און טשארלס ליפשיטז. דאס איז געווען צווישען 1904 און 1909.

אין 1904 איז דורכגעפיהרט געווארען א רעפארם: דער אמט פון ניט באצאהלטע אפיסערס איז באשריינקט געווארען אויף צוויי טערמינען. אין יענעם יאהר זיינען אויך געשטיצט געווארען פאלגענדע אינסטיטוציעס: דענווער קאנסאמפטיוו רעליעף, מאונט סיני האספיטאל און די היברו ליטעראטור סאסייעטי.

צווישען 1910 און 1919 זיינען די פרעזידענטען געווען ס. פארטער, מ. גאלדפארב, דזש. באנאוו, פ. מילער, מ. נעמיראוו, און אדאלף וואקס. דורך דער פעריאדע איז געגרינדעט געווארען דער אלד איידזש פאנד, דער ענדאומענט איז פארגרעסערט געווארען צו טויזענד דאלאר פאר מאן אדער פרוי, און אין דער צייט פון דעם גרויסען אידישען חורבן אין אוקראינע האט זיך דער גייסט פון ברית אחים ריכטיג אנטפלעקט ווען צענדליגער טויזענדער דאלארען זיינען בייגעשטייערט געווארען צו לינדערען דעם אידישען חורבן. אן ענליכע שטעלונג האט דער ברית אחים אויך גענומען צו דעם ציוניזם, א דאנק אן אויפרוף פון דר. בן ציון מאזעסאן, וואס איז געבראכט געווארען צו דעם ברית אחים דורך פ. מילער'ן, און דער ברית אחים האט דערנאך אויסגעצאלט ניין טויזענד שקלים פאר זיינע מיטגלידער.

אין 1918 האט דער ברית אחים געגעבען פינף הונדערט דאלאר אויף הוצאות צו דעם אידישען קאנגרעס, און א דאנק פרעזידענט אדאלף וואקס איז געשאפען געווארען א באוועגונג פאר אן אייגענער היים.

לכבוד דעם פערציג יאהריגען יובילעאום פון ברית אחים וואס איז געפייערט געווארען אין 1929, איז ארויסגעגעבען געווארען א פראכטפולער סאוועניר בוך, אין וועלכען מיר געפינען א פולשטענדיגען איבערבליק וועגען די אקטיוויטעטען פון דעם ברית אחים. איבערהויפט געפינען מיר דארט אן איבערבליק וועגען די וויכטיגסטע געשעהנישען אויף וועלכע דער ברית אחים האט זיך אפגערופען, און האט טאקע גענומען א שטעלונג.

אזוי געפינען מיר, אז דעם 17טען פעברואר, 1924, האט דער ברית אחים באשלאסען צו שטיצען דעם אמעריקאנער אידישען קאנגרעס, און גלייכצייטיג האט דער ברית אחים אנגענומען א פראטעסט רעזאלוציע געגען דעם באוואוסטען

דזשאנסאָן אנטיאימיגריישאָן ביל. קאָפּיעס פון דער רעזאָלוציע זיינען געשיקט געוואָרען צו די סענאטארען און קאנגרעסלייט.

דער ברית אחים האָט אויך דעם זעלבען יאָהר געשטיצט די פּיפּלס רעליעף מיט 500 דאלאר. דער ברית אחים האָט אין יענער צייט זיך אויך אָפּגעגעבען מיט א קולטורעלער טעטיגקייט. און יעדען צווייטען זונטאג פלעגען איינגע־אָרדענט ווערען לעקציעס און קולטור אווענטען, און דער ברית אחים איז גע־וואָרען אן אמתער קולטור צענטער.

דער ברית אחים האָט צו זיין קרעדיט, וואָס עס איז שפּעטער געוואָ־רען א דענווער סאניטאריום, צוליב דעם אליין, ווייל דר. חיים ספּיוואק, דער טאַטע פון דעם נאָבעלען אנשטאלט איז געווען א מיטגליד אין ברית אחים, און אויך דער ערשטער מעדיקאל עקזאמינער אין ברית אחים.

פאַרשטייט זיך, אז דר. ספּיוואק'ס איינפלוס האָט זיך אלעמאָל געפיהלט צווישען די מיטגלידער. אין דער צייט פון גרינדונג פון דעם סאניטאריום, האָט דער ברית אחים פריהער אליין געגעבען פינף הונדערט דאלאר פון זיינע פאָנדען, און ער האָט אויך געהאָלפען דורכפיהרען אן אקציע לטובה דעם סאניטאריום.

אין דער זעלבער צייט האָט דער ברית אחים, זייענדיג א שטענדיגער ביי־שטייערער צו דעם קרן היסוד געגעבען א סומע פון 300 דאלאר צו דעם נאציאָנאל פאָנד, אויך האָבען די מיטגלידער געענטפערט אויף חיים ריקלינ'ס אפּיל און זיי האָבען געקויפט צוואנציג און א האלב דונאם לאנד.

אין 1925 האָט דער ברית אחים געשטיצט דריי לאקאלע אנשטאלטען, דעם דאון טאון בית יתומים, די אפּטאון לײדים האום פאַר די איידזשד און דעם נאָרטהערן ליבערטים האספּיטאל, מיט פינף הונדערט דאלאר יעדער.

אין 1925 האָט פּרעזידענט מ. מ. סילווער אויך דורכגעפיהרט א ביל וועגען א בודזשעט קאָמיטע און וועגען אונטערזוכען אלע אַפּילס וואָס קומען אריין פון דרויסענדיגע אנשטאלטען פאָדערענדיג שטיצע פון ברית אחים.

דעם זעלבען יאָהר האָט דער ברית אחים אויך געשטיצט די „האיאס" מיט 500 דאלאר. אין דעם יונייטעד פּאלעסטיין אַפּיל פון 1926 האָט דער ברית אחים געשאַפען אַן אייגענעם טיעם און דער רעזולטאט איז געווען א סומע פון פערציג טויזענד דאלאר געשאַפען פון דעם ברית אחים טיעם, חוץ די צעהן טויזענד דאלאר פאַרן קרן היסוד געזאמעלט פון ברית אחים דורך א פּריוויליגען טעקס צווישען די מיטגלידער. אין 1927 האָט דער ברית אחים געשטיצט די קרבנות פון דער פאַרפלייצונג פון מיסיסיפּי ריווער מיט 100 דאלאר, די היברו ליטעראטור סאָסייעטי מיט 250 דאלאר, אידישע שרייבער מיט 25 דאלאר, ישיבת משכן ישראל, 25 דאלאר, הרב קוק'ס ישיבה אין ארץ ישראל מיט 25 דאלאר, קויהלען סטרייקערס מיט 50 דאלאר, לייבאָר אינסטיטוט מיט 500 דאלאר, פאלעסטינא ארבייטער קעמפּיין מיט 250 דאלאר, האיאס מיט נאָך 200 דאלאר און דעם „איקאָר" מיט 100 דאלאר.

די דאָזיגע פאקטען באווייזען נאָכאמאָל די אלזייטיגקייט פון דעם ברית אחים און דעם אמת'ן פאָלקסטימליכען גייסט.

דער ברית אחים האָט אין פאַרלויף פון דער פאַרגאַנגענהייט בייגעטראָגען צו דער ציוניסטישער באַוועגונג אַן ערך פון הונדערט און פופציג טויזענד דאָלאַר.

אין דער צייט פון דעם היסטאָרישען, בלוטיגען חברונער פּאָגראָם איז דער ברית אחים געגאַנגען און האָט סוספּענדירט די קאָנסטיטוציע, און האָט מעגליך געמאַכט אַז עס זאָל גלייך געגעבען ווערען פון ברית אחים טרעזשורי אַ סומע פון צעהן טויזענד דאָלאַר.

אויף אַ פאָרשלאַג פון סעקרעטאַר ס. ראַדין, איז פון ברית אחים געגעבען געוואָרען אַ סומע פון צעהן טויזענד דאָלאַר צו דעם דענווער סאַניטאַריום, חוץ די „רעספּשאָן רום" פאַר קראַנקע, וואָס געפינט זיך אויף די סאַניטאַריום „גראַונדס." זינט דאַן שטיצט דער ברית אחים דעם דענווער סאַניטאַריום יעדען יאָהר מיט אַ סומע געלט.

דער עלאַיד דזשואיש אַפּיל באַקומט יעהרליך אַן ערך פון זעקס הונדערט דאָלאַר פון דער קאַסע, חוץ וואָס מיטגלידער גיבען זייערע אינדיווידועלע ביישטייערונגען מיט דער ברייטער האַנט.

יונייטעד טשאַריטיס דרייוו באַקומט יעהרליך דריי הונדערט דאָלאַר פון ברית אחים, און אויך ווערען אַלע לאָקאַלע אנשטאַלטען, ווי די מושבי זקנים, בתי יתומים, ישיבות און שפּיטאַלען געשטיצט. צווישען די לאָקאַלע אנשטאַלטען ווערט יעהרליך צוטיילט אַ סומע פון פופצען הונדערט דאָלאַר. קיינער ווערט ניט פאַרקוקט און ניט געקריוודעט.

דער ברית אחים, האָט ווי זיינע ביכער ווייזען, ביז איצט אויסגעצאָהלט מיליאָנען דאָלאַר אין טויטען בענעפיטען און שטיצע צו קראַנקע, און הילף צו נויט-באַדערפטיגע, וואָס זיינען דורך דעם ברית אחים געהאָלפען געוואָרען, און צוריקגעשטעלט געוואָרען אויף די פיס.

היינט צו טאָג פאַרמאָגט ברית אחים אַ גרויסע, אייגענע בילדינג וואָס איז ווערטה 175 טויזענד דאָלאַר, די בילדינג איז פריי פון אירגענד וועלכען מאָרטגיידזש, און חוץ דעם פאַרמאָגט דער ברית אחים אַ קאַפּיטאַל פון 275 טויזענד דאָלאַר, פון וועלכען הונדערט טויזענד דאָלאַר איז אוועקגעלעגט געוואָרען אין אַ רעזערוו צו פאַרשטאַרקען און באַוואָרענען דעם טויטען בענעפיט פאָנד פאַר דער צוקונפט.

לעצטענס האָט דער ברית אחים דורכגעפיהרט זעהר אַ וויכטיגע רעפאָרמע דורכדעם וואָס ער האָט געעפענט אַן אָפּטיילונג פון „געזעלשאַפטליכע מיטגלידער," (סאָשעל מעמבערס). די צאָהלונגען פאַר אַזעלכע מיטגלידער זיינען בלויז זעקס דאָלאַר אַ יאָהר, און דאָס גיט אַ מעגליכקייט אַז פאָטער און זוהן זאָלען געמיינשאַפטליך קענען געהערען צו דעם ברית אחים.

דער צוקונפטיגער היסטאָריקער וועט אויך ניט קענען פאַרבייגעהן דעם פאַקט, אַז דער ברית אחים איז געווען דער ערשטער וואָס האָט דערהערט דעם רוף פון אונזערע העלדישע אידישע קעמפער אין סאָוועט רוסלאַנד, ווען זיי האָבען אויסגעשטרעקט צו די אמעריקאַנער אידען אַ האַנט, פאָדערענדיג פון אונז מלחמה הילף אין דער פאָרמע פון מעדיקאַמענטען.

דער ברית אחים, דורך זיינע באאמטע, באזונדערס דורך ס. ראדין, מ. מ. סילווער, יחיאל גיטמאן, ב. מאפאו, מ. טאלץ, און א צאהל אנדערע, האט געגעבען זיינע צימערען, דער ערשטער זיך אריינגעוואָרפען אין דער גרויסער ארבייט, עס און געווען אין ברית אחים האל וואו עס איז נעהאלטען געוואָרען די ערשטע קאנ־פערענץ פון דעלעגאטען פון אידישע אָרגאניזאציעס צו שאפען הילף פאר די רוסישע מלחמה־ליידענדע.

דער ברית אחים האט געווייזען א נאָבעלען ביישפיל, און איז ארויסגעקומען דער ערשטער מיט דער גרעסטער ביישטייערונג, ביי יענער פאַרזאמלונג, פופצען הונדערט דאלאר. דאס האט געפיהרט צו דעם אז עס איז ביי יענער פאַר־זאמלונג געשאפען געוואָרען א סומע פון אכט טויזענד דאלאר, און וואס עס איז נאָך וויכטיגער, זינט דאן פונקציאָנירט א פערמאנענטער קאונסיל פון אידישע אָרגאניזאציעס פאר „ראשען וואָר רעליעף.״

פינף הונדערט דאלאר איז אויך געגעבען געוואָרען צו דעם רויטען קרייץ.

די גרינדער פון ברית אחים זיינען געווען: מאָזעס פריהמאן, דזשייקאָב באַ־נאף, מ. קאנטער, י. לעווינסאָן, דזש. מאסטין, מ. פיליפס און ס. לעפקאף.

די פרעזידענטען זיינען געווען: מ. פריהמאן, דזש. גרינבערג, דזש. באנאף, מאסטין, דזש. בוים, וויליאם הינדין, ס. לעקערמאן, ד. בירענבוים און דזש. לעוויט, נ. גילעס און י. גאָלדשטיין, דזש. לייענס און חיים ריקלין, פ. מילער, אדאלף וואקס, טשארלס ליפשיטץ, ס. פאָרטער און מ. גאָלדפארב, א. ספיוואק און ס. נעמיראָוו, ב. האבערמאן, יחיאל גיטמאן, ס. סאלאט און מ. מ. סילווער, אייב עפשטיין, דזש. בייבים, ה. זיידענבערג, אייב לעווינטהאל, ס. גליידער, דזש. ריקלין, דזש. ניימאן, ל. טאלץ, ע. ל. ראָזען, און ב. דזש. קראקאוו.

די באאמטע פון ברית אחים איצט זיינען: מ. מ. סילווער, פרעזידענט; סעמועל סטאלאף, וויים פרעזידענט; טשארלס ליפשיטץ, טרעזשורער; סאל ס. ראדין, סעק־רעטאר; וו. פעט, טראסטי; דזש. גאָלדשטיין, טראסטי; מ. סילווערמאן, עהרען מארשאל; מ. גאָלדפילד, אינערוואך; דר. ס. שאָען, מעדיקאל עקזאמינער; דר. ס. ליבערמאן, מעדיקאל עקזאמינער.

אדווייזארי באָרד: ב. מאפאו, פאָרזיצער; וויליאם אפעל, א. בערמאן, א. באָרנשטיין, י. בילעט, מ. מ. בעל, דזש. בייבים, י. בלאט, דזש. באקסמאן, ס. קאָהען, מ. אייזענבערג, אב. עפשטיין, דזש. פארבער דזש. פינקעל, א. גרינבערג, מ. גאָלדמאן, ה. גראבמאן, ב. גלעס, ס. גראבאוו טשארלס גודמאן, ה. הערשמאן, ב. קאזעלמאן, ב. דזש. קראקאוו, דזש. קויפמאן, דזש. לעווינסקי, אייברעהעם א. לעווינטהאל, ה. ל. ניידיטש, וויליאם מ. נידעלמאן, י. ניוטאָן, מ. פרוסין, ס. פוירלמאן, ל. רעטהסמיעל, פ. ראדיס, דזש. ריקלין, ע. ל. ראָזען, י. רוסאקאף, ב. סאקס, ר. שטארק, מ. סטאפמאן, מ. טאפלער, י. וואכנין, ב. וויענער, אדאלף וואקס, אייב וואקס, ב. זיסערמאן, און ה. זובער.

★

ברית אחים ליידיס אָקזילערי

אין 1924 איז געגרינדעט געוואָרען די ברית אחים ליידיס אָקזילערי אויף

דער איניציאַטיוו פון ראוז גליידער, וועלכע רעכענט זיך טאַקע עד היום פאַר דער „מאַמע" פון דער ליידים אָקזילערי.

די אַרבייט פון דער ליידים אָקזילערי באַשטייט אין אָפּגעבען זיך מיט אַלגע־מיינער וואוילטעטיגער אַרבייט, און די אָקזילערי ווערט באַטראַכט אַלס אַ טייל פון דעם ברית אחים.

די מיטגלידער פון דער אָקזילערי זיינען אַלע מיטגלידער אין ברית אחים, קיין דרוייסענדיגע פרויען ווערען אין דער אָקזילערי ניט אריינגענומען.

באַזונדערס גיט זיך די אָקזילערי אָפּ מיט אַרבייט פאַר דער פרויען ציונים־טישער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, הדסה, און מיט דעם ציוניזם אין אַלגעמיין.

די אָקזילערי איז אַלעמאַל טעטיג, און רופט אַרויס אַסך לויב פאַר גוטע אַרבייט

★

דער אינדעפּענדענט אָרדער ברית שלום

דעם 25טען פעברואַר, 1905 האָבען פיער און פערציג אידישע כלל־טוער אין פילאַדעלפיא געגרינדעט דעם אינדעפּענדענט אָרדער ברית שלום. זייער כוונה איז געווען אַ צווייפאַכיגע; ערשטענס צו באַשיצען זייערע אייגענע מיטגלידער, און צווייטענס, צו שאַפען די נויטיגע הילף ביי יעדער געלעגענהייט פאַר דער אידישער באַפעלקערונג, איהרע אינסטיטוציעס דאָ אין שטאָדט, און אויך פאַר דעם אידענטום איבער דער וועלט.

אַלעקס פּ. סטענטאָן

די ערשטע עטליכע יאָהר פון דעם עקזיסטענץ פון ברית שלום, האָט דער אָרדער זיך הויפּטזעכליך אָפּגעגע־בען מיט באַשיצען די מיטגלידער און שאַפען פאַר זיי וואָס מעהר בענעפיטען. דאָס איז הויפּטזעכליך נויטיג געווען צוליב דעם פּראָבלעם פון עמיגראַציע.

אָבער אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, און דער עיקר אין דער לעצטער צייט, ווערט די גאַנצע ענערגיע און פי־נאַנציעלע מאַכט פון דעם אָרדען אָנגעווענדעט אויף וואויל־טעטיגקייט, פילאַנטראָפּיע, און אויך אויף פּאַטריאָטישע אונטערנעמונגען.

אַ צאָהל חשוב'ע אידישע בירגער אין פילאַדעלפיא זיינען געווען די גרענד־מאַסטערס פון דעם ברית שלום. צווישען זיי זיינען געווען ב. פּ. מילער, סעמועל בערקאָוויטץ, סאָל ס. קראוז, ס. רובינסאָן, דזשאָדזש וויליאַם מ. לואיס, עה"ש, און דזשייקאָב גינצבורג. היינט צו טאָג שליסען יונגעלייט זיך אָן אין דעם אָרדען, און זיי הויבען אָן צו פאַרנעמען פאַראַנטוואָרטליכע אַמטען. אַלעקס פּ. סטענטאָן, דער איצטיגער גרענד מאַסטער, און לאָיער לואיס י. גילגאָר, דער איצ־

טיגער גרענד סעקרעטאר, זיינען דער בעסטער באַווייז אַז דאָס איז אַזוי. זיי באַווייזען אַז אין ברית שלום איז דאָ יונגע, אַגרעסיווע פיהרערשאַפט.

דורך די זיבען און דרייסיג יאָהר וואָס דער ברית שלום עקזיסטירט, איז אויסגעצאָהלט געוואָרען מיליאָנען דאלארס אין בענעפיטען און אין שטיצע צו מיטגלידער. חוץ דעם האָט דער ברית שלום געמאכט עטליכע פערמאַנענטע ביישטייערונגען פאַר אידען אין אַלגעמיין און פאַר פילאַדעלפיא בפרט. אַלס ביישפיעל קען אָנגעוויזען ווערען אַז דער ברית שלום האָט געקויפט פינף און זיבעציג אַקער לאַנד אין 1909, און דאָס איז בייגעטראָגען געוואָרען צו דער היגער קאַמיוניטי פאַר דער אויפבויאונג פון דעם דאַן זעהר וויכטיגען קאנסאמפטיוו אנשטאַלט אין איגעלוויל, פּאַ. היינט צו טאָג ווערט דער איגעלוויל סאַניטאריום פאַררעכענט פאַר איינעם פון די וויכטיגסטע אנשטאַלטען אין דער וועלט.

ברית שלום האָט אויך געקויפט אַ קאָלאָניע אין ארץ ישראל דורך דעם אידישען נאַציאָנאַל פאָנד, אין 1935, און היינט צו טאָג איז דאָרט פאַראַן אַ טראַקט לאַנד וואָס איז דאָרט באַקאַנט אַלס „נחלת ברית שלום.“

אין 1936 האָט ברית שלום אויפגעבויעט אַ היים פאַר אַלטע לייט, אַ פאַרווײלונגס צענטער, פאַר די מיטגלידער פון ברית שלום לאָדזשעס, און אויך אַ קעמפּ פאַר קינדער, אין קאַלעדזשוויל. די פאַסיליטעטען פון די 85 אַקער לאַנד זיינען די מאָדערנסטע אין אַמעריקאַ.

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט דער ברית שלום זיך פאַראינטערעסירט אין די סכסוכים צווישען אידען, און אַלס רעזולטאַט דערפון האָט דער ברית שלום עטאַבלירט דעם אידישען אַרביטריישאָן קאורט, אין זיין „האָום אָפיס,“ אין 506-08 פיין סטריט. זינט דאַן איז אַ דאַנק דעם אַרביטריישאָן קאורט דאַרפען אידען זיך ניט שלעפען אין די גערייכט הייזער, און אַסך חילול השם ווערט אויסגעמידען דורכדעם אין פילאַדעלפיא.

גרויסע סומען זיינען דורך ברית שלום בייגעשטייערט געוואָרען פאַר שפּיטאַלען, מושבי זקנים, בתי יתומים, סאַניטאריומס, אַמעריקאַנער רויטער קרייץ, סאַלוויישאָן אַרמיי, אַסאָשיאייט תלמוד תורות, היברו סאַנדעי סקוהלס, די ישיבה־קאַלעדזש, יונייטעד דזשואיש אַפּיל, אידישער נאַציאָנאַל פאָנד, און אַ צאָהל אַנדערע אַגענטורען וואָס אינטערעסירען זיך מיט דעם אידישען פּראָבלעם און זוכען צו לינדערען די אידישע נויט דאָ אין שטאָדט און איבער דער וועלט.

לואיס י. גילגאַר

ברית שלום איז געווען די ערשטע אידישע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט צוגעשטימט און אָנגענומען די באַזעלער פּראָגראַם אין אַ צייט, ווען אַנדערע אידען און אידישע פיהרער האָבען זיך צוריקגעהאַלטען צוצושטימען און צו שטיצען די אידייע פון אַ אידישער היימלאַנד אין ארץ ישראל. ברית שלום איז אַגרעסיוו אַרויסגעקומען אין דער עפענטליכקייט פאַר דעם וועלט אידענטום, שטיצענדיג דעם געדאַנק פון דער באַוועגונג.

כמעט מיט אַ פערטעל יאָהר הונדערט צוריק איז דער ברית שלום אַרויסגעקומען דער ערשטער פאַר דער אידייע פון אַן אַמעריקאַנער אידישען קאָנגרעס,

און עס איז געווען דער ברית שלום וואס האט צוזאמענגערופען די ערשטע קאנפערענץ פון פארטרעטער פון אידישע פראטערנאלע ארגאניזאציעס. די קאנ־פערענץ איז געהאלטען געווארען אין ברית שלום בילדינג. זינט דאן איז דער ברית שלום געבליבען א הייסער אנהיינגער פון דעם אמעריקאנער אידישען קאנ־גרעס, און ער שטיצט עד היום די באוועגונג מיט אלע מעגליכקייטען.

איידער עס האט אויסגעבראכען די צווייטע וועלט מלחמה, האט דער ברית שלום מיט פאנדען פון זיין אייגענער קאסע, אונטערגענומען אן אקציע ארונ־טערצובריינגען א צאהל אידישע פליכטלינג קינדער. ווען די קינדער זיינען אנ־געקומען אהער האט מען זיי געגעבען א היים אין ברית שלום־וויל, און דער ברית שלום האט געהאלפען אז פערציג פון די פליכטלינג קינדער זאלען פאר־אייניגט ווערען מיט זייערע עלטערען און קרובים. די איבעריגע קינדער וואס האבען ניט געהאט קיין עלטערען, זיינען אפגעגעבען געווארען אין „פאסטער־האומס," און נאך היינט צו טאג ווערען די קינדער געשטיצט פון ברית שלום ביז עס ווערט א מעגליכקייט אז די קינדער זאלען פאראייניגט ווערען מיט זייע־רע עלטערען.

נאכדעם ווי עס איז אוועק פון דער וועלט ריכטער וויליאם מ. לואיס, די גרויסע פערזענליכקייט וואס האט געשפילט אזא באדייטענדע ראלע אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון פילאדעלפיא, און וועלכער האט גענומען אזא טיפען אינטערעס אין אידישער דערציאונג אין פילאדעלפיא, האט דער ברית שלום עטאבלירט א וויליאם מ. לואיס מעמאריאל טעקסטבוך פאנד, און אלס רעזולטאט דערפון קענען אידישע קינדער דורך די אסאשיאייט תלמוד תורות אין פילא־דעלפיא באקומען די דאזיגע טעקסטביכער צו באנוצען אין די קלאסען.

זינט דעם אויסברוך פון דער איצטיגער וועלט מלחמה, האט דער ברית שלום אונטערגענומען א צאהל פאטריאטישע פליכטען און ער פיהרט זיי דורך מיט גרויס פאראנטווארטליכקייט. די ברית שלום לאדזשעס און זייערע מיט־גלידער האבען ביז איצט געקויפט פאר מיליאנען דאלאר סטעמפס און באנדס, טויזענדער מיטגלידער פון ברית שלום האבען ביז איצט זיך אנגעשלאסען אין דער ציווילער פארטיידיגונג, און אין די באוואפענטע כוחות פון אונזער לאנד. עס זיינען ארגאניזירט געווארען און עס ווערען אנגעפיהרט „פוירסט עיד" קלא־סען, הונדערטער מיטגלידער האבען געגעבען בלוט צו דעם רויטען קרייץ. א צאהל באוועגליכע פעלד קיכען זיינען בייגעשטייערט געווארען פאר ענגלאנד, אן אנבאט איז געמאכט געווארען פון ברית שלום צו אונזער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען, אז ברית שלום שטעלט זיך צו דינסט דעם לאנד אויב עס זאל נויטיג זיין צו עוואקואירען קינדער פון שטאדט.

אלס א טשארטער מיטגליד פון נעשאנאל דזשואיש וועלפעיר באָרד אין קאאפעראציע מיט יונייטעד סורווים ארגאניזיישאן, האט ברית שלום בייגע־טראגען פינאנציעל און אין מענער־קראפט פאר די אינטערעסען פון דעם לאנד, פאר די מענער אין דער ארמיי און אין דער נייווי און אין אלע אנדערע אפטיי־לונגען.

ברית שלום פארמאגט ארום 120 לאדזשעס, וואס ציילען טויזענדער מיט־גלידער איבערן לאנד. דער גרענד לאדזש האט אנגעפיהרט און פיהרט אן מיט

פראגראמען פאר די מיטגלידער פון די לאדזשעס אויף א נאציאנאלען באזיס סאציאל, קולטורעל, פראטערנאל און אויף דעם געביט פון וואוילטעטיגקייט.

דורך דעם ברית שלום סקאלערשיפ פאנד איז מעגליך געווארען צו גיבען א גרויסע צאהל פרייזען פאר קינדער פון מיטגלידער און פון ניט-מיטגלידער, מאכענדיג מעגליך פאר א גרויסער צאהל סטודענטען צו געווינען יעהרליכע פרייזען וואס גיבען די סטודענטען א מעגליכקייט אריינצוקומען אין אידישע לעהר אנשטאלטען און צו דערגרייכען זייערע אמביציע אין לעבען.

היינט צו טאג ווערט ברית שלום פאררעכענט אלס א פראמינענטער, פראגרעסיווער ארדער, וואס האט א באשטימטען ציעל אויף דער אידישער גאס. דער ברית שלום ווערט פאררעכענט אלס א ליטענדער גייסט, א פיהרענדע קערפערשאפט, היטענדיג די קולטורעלע, און רעליגיעזע רעכט פון דעם אידישען פאלק. דער ברית שלום איז א פיאנער אין דער ציוניסטישער באוועגונג, און א גרויסער ביישטייערער און שטיצער פון אלע ווערטפולע אקטיוויטעטען אין דער „קאמיוניטי,” און טאקע אין דער זעלבער צייט איז דער ברית שלום דער פארטיידיגער פון אמעריקאנער פרינציפען פון דעמאקראטישער רעגירונג.

וואס עס איז שייך פילאדעלפיא, איז דער ברית שלום אן עטאבלירטע אינסטיטוציע וועמענס טראדיציעס און אידעאליסטישע אקטיוויטעטען זיינען אזעלכע אהן וועלכע פילאדעלפיא וואלט אינגאנצען ניט געקאנט אויסקומען.

דער ברית שלום האט געשריבען געשיכטע יעדעס יאהר. יעדעס מאל, ווען עס איז געקומען אן עת צרה, ווען עס איז ארויפגעשוואומען א וויכטיגע אידישע פראבלעם, איז דער ברית שלום דורך זיינע פיהרער געווען דער ערשטער צו שטעלען זיך אין די פאדערשטע רייהען, אנווייזען דעם וועג, און העלפען געפינען א לייזונג פאר דער אידישער פראבלעמע.

און אויך אין דעם איצטיגען מאמענט פיהלען די פיהרער פון דעם ברית שלום, אז מיר שטייען פאר זעהר א בלוטיגער, ערנסטער פראבלעם, סאי פאר אמעריקא, סאי פאר דעם וועלט אידענטום, און דער ברית שלום שטעהט אויף דער וואך. עס וועט שלאגען די שעה, אז ענטפער וועט דארפען געגעבען ווערען, און דער ברית שלום וועט זיכער ניט בלייבען הינטערשטעליג.

★

דער ארבייטער רינג אין פילאדעלפיא

מיטן געבורט פון ארבייטער רינג האט זיך ניט בלויז אנגעפאנגען א הערליכער און גאנץ נייער קאפיטעל אין דער געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין די אידישע אינדוסטריע צענטערען פון לאנד, נאר מען קאן מיט רעכט זאגען א גאנץ נייע עפאכע אין דעם לעבען און קעמפען פון די אידישע ארגאניזירטע ארבייטער מאסען פון לאנד, ווי אויך ביי אונז אין שטאדט.

אין וואס איז באשטאנען די נייע עפאכע, אדער דער נייער קאפיטעל אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג?

כמעט יעדע אידישע ארבייטער ארגאניזאציע איז געווען ניט מעהר ווי א

דעבאטיר־קלוב, א קאמפ׳ס ארענא פאר די פארשידענע רעוואָלוציאָנערע גרופּען, די סאָציאַליסטען און אַנארכיסטען. דאָרט האָט מען זיך געריסען ביי די האָר איבער דעם ווער עס קאָן גיכער ברענגען די סציאַלע־רעוואָלוציע.

טאָג־טעגליכע און נאכט נעכטליכע ווערטער־שלאכטען זיינען אין די אַר־בייטער אָרגאַניזאציעס געפיהרט געוואָרען צווישען די אנהענגער פון „פּראָפּאָ־גאנדע דער טאַט," דאָס מיינט די אַנארכיסטען, און די אָנהענגער פון „שטים־קאסטען," דאָס מיינט די סאָציאַל־דעמאָקראטען.

מיר האָבען דאָן געהאַט סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע גרופּען פון פארשידענע שאַטירונגען, די פיהרער, די טהוער ווי די אנהענגער זיינען געווען בעגייסטערטע אגיטאטאָרען פאר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, טרוימער גרויסע, פייעדיגע ענ־טוזיאַסטען, פאַנאַטיש גלויביגע אין דער מעגליכקייט ארויסצושלעפּען די צוקונפט פון דעם בויך פון דער געגענוואַרט, דאָס זיינען געווען מענשען וועמענס פיס זיינען געשטאַנען אויף דער ערד און וועמענס קעפּ און הערצער האָבען גע־שוועבט אין די הימלען.

מיט דעם פייער פון זייערע רעוואָלוציאָנערע נשמות האָבען זיי ערנסט גע־גלויבט אַז היינט מאָרגען קומט די סאָציאַלע רעוואָלוציע אויף דער וועלט, און אַלע פּראָבלעמען, עקנאָמישע, קולטורעלע, נאַציאַנאַלע, אינטערנאַציאָנאַלע, רע־ליגיעזערע און מאָראַלע וועלען איבער נאַכט געלייזט ווערען. ביי אונזערע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אוטאָפּיסטען און אַפילו ביי די מעהר געמעסיגטע איז די פראגע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע געווען ניט מעהר ווי אַ פראגע פון מאנאטען. נו, פארשטעהט זיך, אַז האָבענדיג דיזען גלויבען האָט מען זיך זעהר ווייניג געקי־מערט וועגען דעם באַלד.

און לאָגיש אין זייער קינדערשען גלויבען אַז מען קאָן דרעהען דאָס ראָד פון דער געשיכטע אַזוי שנעל ווי עס ווילט זיך, זיינען אונזערע סאָציאַל־דעוואָ־לוציאָנערע טרוימער גראָדע געווען, ווארים באמת, אַז אויב היינט מאָרגען קומט די סאָציאַלע רעוואָלוציע צו וואָס זיך „באַדערען" מיט „פּאַליאַטיווע" מיטלען, וועלכע זיינען נאָך גאָר אַ שטער צו דער סאציאַלער רעוואָלוציע? וועמען איז גאָר דאָן אין קאָפּ געלעגען זיך פארנעהמען מיט אַזעלכע „דומהייטען" ווי גרינ־דען הילפס־אינסטיטוציעס פון און פאר די אַרבייטער. קראַנקען בענעפיט־ אינ־שורענס, געגענזייטיגע הילף. דאָס זיינען געווען ווערטער וואָס נאָר „אפּיקורסים," געגנער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע האָבען געקאָנט איינפאַלען, און פאַר אַזעלכע זיינען טאַקע לאַנג בעטראַכט געוואָרען די קליינע גרופּע פּראַקטישע טהוער פון דער ארבייטער באַוועגונג. לאַנג נאכדעם ווי דער אַרבייטער רינג איז שוין געווען געגרינדעט.

אָבער די געשיכטע פרעגט ביי קיינעם קיין קשיות ניט, זי געהט זיך איהר וועג אויף איהר אייגענעם שטייגער, זי לאָזט זיך ניט דיקטירען פון קיינעם, און פיהרט זיך ניט לויט די הייליגסטע פערלאַנגען און ווינשונגען פון אַפילו די פייערדיגסטע אידעאַליסטען. טעג, וואָכען, מאנאטען און יאָהרען זיינען געגאַנ־גען און געקומען און די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז נאָך אַלץ געבליבען אויף יענער זייט פון דער צייט, די אידישע אַרבייטער מאַסען האָבען דערוויי̇ל דער־פיהלט אַז פערלאָזען זיך אין גאַנצען אויף דער הערליכער אונבעקאַנטער געטין

פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע קאָנען זיי ניט, און אז עפּעס מוז דערוויילע געטהון ווערען שוין זייער לאַנגע צו פאַרבעסערען.

שווערע געבורטס־וועהען האָט דער ארבייטער רינג געהאַט. ער איז לאַנג נאָך זיין געבורט באַטראַכט געוואָרען אַלס „ממזר," מען האָט איהם באַטראַכט אלס שטער און אָפּהאַלטער פון דעער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אָבער שליסליך האָט די געזונטע סאָציאַלע פאַרנונפט גובר געווען די סאָציאַלע פאַנטאַזיע און דער ארבייטער רינג איז געוואָרען אַ זעהר וויכטיגער און ווירדיגער מיטגליד פון דער ארבייטער באַוועגונג.

די אידישע יוניאָנס האָבען גענומען איבערגעבויט ווערען און זיינען אוועק־געשטעלט געוואָרען אַלס אמת'ע טרייד יוניאָנס, מען האָט זיך געכאַפּט אַז אי־דישע ארבייטער מוזען אויך און טאַקע מעהר אפשר ווי אַנדערע זיין וויפיעל ניט איז פאַרזיכערט אין צייט פון קראַנקהייט, און אַז אַ אידישער ארבייטער האָט אויך פליכטען צו זיין פרוי און קינדער, אַז ער מוז זיי אויך פאַרזיכערען טאָמער נעהמט דער טויט צו זייער שפּייזער און ברויט געבער.

דער ארבייטער רינג איז אין פילאַדעלפיא געגרינדעט געוואָרען אין דעם יאָהר 1901. דער ערשטער ברענטש אין פילאַדעלפיא איז געווען דער ברענטש צוועלף.

כדי זיך צו שאַפען אַ באַגריף ווי קרום מען האָט דאַן אין דער אידישער ארבייטער גאַס געקוקט אויף דעם ארבייטער רינג וועט זיין גענוג דער פאָלגענדער כאַראַקטעריסטישער פאַקט.

כדי צו קאָנען געזעצליך גרינדען אַ ברענטש פון דעם ארבייטער רינג איז געווען נויטיג ניט ווינציגער ווי פופצעהן מעמבערס. די גרינדונג פון ברענטש 12, איז באַשטימט געוואָרען אויף אַ זונטאַג. צו דיעזען צוועק איז געקומען נאָך פילאַדעלפיא ב. פיינגבוים, דער ערשטער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון ארבייטער רינג. אָבער מעהר ווי פערצעהן מעמבערס האָט מען טראָץ אַלע באַ־מיהונגען ניט געקאָנט צוזאַמענקריגען אין פילאַדעלפיא. עס האָט שוין געהאַלטען דערביי אַז מען זאָל אויפגעבען דאָס גרינדען פון ברענטש, איז אָבער איינער פון די גרינדער געפאַלען אויף אַן המצאה און האָט פאָרגעשלאַגען מען זאָל „אויסלייהען" אַ מעמבער.

מען האָט אַלזאָ געפונען אַ אידען, וועלכער האָט צוגעשטימט צו זיין אַ „במקום מעמבערס" און ברענטש 12 איז אָרגאַניזירט געוואָרען.

צווישען די ערשטע גרינדער פון דעם ברענטש זיינען געווען משה ברעס־מאַן, ה. שטריינברוק, א. סאקאלאוו, מאַקס דאַרעווסקי, בעני מיימאַן, אב. פּרעסער. צווישען די טהעטיגסטע און עלטסטע מעמבערס פון ברענטש 12 זיינען: ב. בי־כאווסקי, דזשאהן קראַנץ, י. פאַקס, אב. זוסמאַן, דר. דזשולאַיס לאוו, ס. וו. דעניס, פריינק שוואַרץ, דזשיי. בראַדסקי, מ. דאַמסקי, מ. פּעפּער, מ. סמאַלאוו, דר. גאָלדבערג, ב. בערקאָוויץ, אַלטמאַן, טייטעלמאַן, ריינבאַרד, עטינגער, דר. טשאַרלס מייזער, ב. פריינקעל און א. ליפּשיץ.

דער ארבייטער רינג האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו זיין דער רויטער קרייץ פון דער ארבייטער באַוועגונג.

דער ארבייטער רינג האט זיך אונטערשיידעט פון אלע אנדערע פראטוירנאל און אונטערשטיצונגס ארגאניזאציעס אויך אידייאיש:—ניט בלויז א פריינד אין נויט איז דער ארבייטער רינג, נאר אויך א קעמפער געגען דער נויט," אזוי איז דער ארבייטער רינג איבערן גאנצען לאנד, ווי אויך אין פילאדעלפיא געווארען גוף און נשמה פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג און צוזאמען מיט איהם די אידישע יוניאנס, די אידישע סאציאליסטישע באוועגונג האט גענומען שטארק וואקסען נאך דער גרינדונג פון ברענטש 12.

עס איז ניט געווען קיין איין פעלד פון טעטיגקייט וואו דער ארבייטער רינג האט זיך ניט באטייליגט. ניט בלויז האט דער ארבייטער רינג גענומען א וויכטיגען און ווירדיגען אנטהייל אין די קאמפפען וואס די היגע ארבייטער באוועגונג האט געפיהרט, אין יעדער הילפס אקציע, אין יעדער סארט בוי־ארבייט פון דער היגער ארבייטער באוועגונג, נאר ער, צוזאמען מיט דער אידישער ארבייטער באוועגונג האט זיך באטייליגט אין יעדער וויכטיגער אקציע פון דער היגער אידישער געזעלשאפט.

אין דער פיפעלס רעליעף האט דער היגער ארבייטער רינג געשפיעלט קאן מען זאגען דעם ערשטען פידעל, דער ארבייטער רינג צוזאמען מיט אלע אנדערע אידישע קערפערשאפטען פון שטאדט האבען זיך באטייליגט אין די גרויסע פראטעסט פערזאמלונגען וואס זיינען געפיהרט געווארען בעת די פוילישע פגראמען. דער ארבייטער רינג האט געשפיעלט א גרויסע ראל אין דער בויאונג פון לייבאר אינסטיטוט, אין אלע געלד זאמלונג־קאמפיינס וואס זיינען פון דער ארבייטער באוועגונג און פון דער אידישער קהלה אין אלגעמיין דורכגעפיהרט געווארען ביי אונז אין שטאדט.

פון די ערשטע 15 מיטגלידער, וועלכע האבען אין 1901 געגרינדעט דעם ברענטש 12, איז ביי אונז אין שטאדט אויסגעוואקסען א גאנץ שטארקע קערפערשאפט פון עטליכע טויזענד מיטגלידער, א נעץ פון אידישע שולען איבער אלע טיילען פון שטאדט, מיט אן אייגענעם קינדער־קעמפ און א שעהנער גרויסער היים וואס איז איצט דאס אייגענטום פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

אין פארלויף פון די 41 יאהר לעבען פון היגען ארבייטער רינג האבען די ברענטשעס ווי די שולען ארויסגעגעבען א צאהל געלעגענהייטס זשורנאלען וואס זיינען גאנץ רייך אין אינהאלט, זיי ענטהאלטען היבשען מאטעריאל מיט וועלכען דער צוקונפטיגער היסטאריקער וועט זיך קאנען באנוצען ביים שרייבען די פאלשטענדיגע געשיכטע פון דער היגער אידישער ארבייטער באוועגונג.

צווישען די וואס האבען געשפיעלט און צווישען די וואס שפיעלען נאך היינט א גרויסע ראלע אין היגען ארבייטער רינג דארפען דערמאנט ווערען די פאלגענדע פערזאנען:

י. ש. פרענאוויטש, דר. ראלף בראדסקי, ב. גאטליב, מ. זעבין, ב. בערקאוויטש, ר. בראדסקי, נ. ע. אלפעראוויטש, דר. דזש. קוטיקאף, טשארלס קאהען, דזשיי. קאזע, ס. זאלא, דזשיי. מענאקער, מר. און מרס. פענזלער, מר. און מרס. לעווינסאן, ל. סוועדלאף, ה. בערגער, מר. און מרס. שאפירא, און א. שארף.

אין דער געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין אונזער שטאדט וועט דער ארבייטער רינג זיכער פארנעהמען א זעהר וויכטיגען קאפיטעל.

דער אידיש נאציאָנאלער ארבייטער פאַרבאַנד

פילאַדעלפיא, א היסטארישע שטאָדט, איז אויך געווען דאָס וויגעלע פון דעם אידיש נאַציאָנאַלען ארבייטער פאַרבאַנד.

דער פּלאַן איז פאַרטראַכט געוואָרען פון מאיר בראון, י. מילער, און דזש. וועקסלער. דער געדאַנק איז געווען צו שאַפען א נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישען אונטערשטיצונגס פאראיין, פון וועלכען עס זאָל זיך אנטוויקלען א נאציאנאלער אָרדען.

דאָס איז פאָרגעקומען אין יולי, 1908. די פּועלי ציון האָבען דאַן זיך ארומגעטראָגען מיט א פּלאַן אריינטרעטען אין דעם אָרדען בני ציון, אָבער די דערמאָנטע דריי זיינען געווען פאר א זעלבסטשטענדיגען אָרדען, האָבען זיי פאררופען א פארזאַמלונג פון פּועלי ציון און אויך טעריטאָריאַליסטען, און גלאַט אומפארטייאישע מענשען, און נאָך יענער פארזאַמלונג האָבען עלף פּערזאָן זיך דערקלעהרט באַרייט אָנצושליסען אין אזא פאראיין.

די גרינדער ווי וויט עס איז באַקאַנט, זיינען געווען: מ. בראון, וועקסלער, מילער, בן עמי, שטאַלבערג, פאַלקאוו, פליקאוו, ראטמאַן און נאָך דריי וועמענס נעמען מען געדיינקט שוין אַפילו ניט.

די פּראָגראַם האָט איינגעשלאָסען קאָנגענזייטיגע פארזיכערונג, שטאַרקען דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין, קעמפען געגען אסימילאַציע, קולטורעלע און דערציאונגס ארבייט, און ארבייטען פאַר א פאַראייניגונג פון די נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. צום צווייטען מיטינג זיינע צוגעקומען ריבקין, וויסמאַן, גרשון, און זאַקס.

א קורצע צייט שפּעטער איז געגרינדעט געוואָרען א בּרענטש אין פּיטסבורג, מיט שמואל סיגעל אַלס סעקרעטאַר, און ער איז א קורצע צייט אויך געוואָרען דער גענעראַל סעקרעטאַר פארן גאַנצען לאַנד.

אין די יאָהרען 1910-11-12 זעהט זיך אין פילאַדעלפיא ניט קיין באַדייטענדער וואוקס, אָבער דער פאַרבאַנד האָט אין דערזעלבער צייט אָנגעהויבען זיך פאַרשפּרייטען איבערן לאַנד, און דאָס אַלעס איז געווען צו פאַרדאַנקען דער קליינער גרופּע וואָס האָט געגרינדעט דעם ערשטען צווייג אין פילאַדעלפיא.

אין אַפּריל, 1914, איז אין פילאַדעלפיא אָפּגעהאַלטען געוואָרען די 2טע קאַנווענשאַן פון פאַרבאַנד, און נאָך יענער קאַנווענשאַן האָט דער פאַרבאַנד דאָ אויפגעלעבט.

ענדע 1915 איז געקומען אהער חבר מיטשעל, וועלכער איז געוואָרען דער אָרגאַניזאַטאָר, דער פאַרבאַנד איז ארויס אויף ברייטע וועגען און האָט געזוכט אריינצובריינגען זיין פּראָגראַם אין פאָלקס אָרגאַניזאַציעס און זיי פאַרוואַנדלען אין ברענטשעס פון פאַרבאַנד.

צוויי סאָסייעטיס, וואָלינער און וואַסילקאָווער, האָבען שפּעטער זיך אָנגע־

שלאָסען און זיינען געוואָרען פארבאנד ברענטשעס. דאָס האָט ממילא געהאט א ווירקונג אויף אנדערע פאָלקס אָרגאניזאציעס.

די פאָרזיצער פון ברענטש 1 זיינען געווען: פּראָפעסאָר חיים פיינמאן, דר. מ. י. קאליש, דר. פ. קעסלער, קוירפּיטש, פאלקאוו, מאסטעראוו, מאזעס, לאפּידא, און דער איצטיגער פאָרזיצער איז מ. שאפּירא.

ברענטש 2 האָט אין זיך אריינגענומען דעם בראהינער ברענטש און אויך די אנשי זשיטאמיר. די איצטיגע באאמטע זיינען סעם האראוויץ, פאָרזיצער; טשארלי ראכווארג, סעקרעטאר.

וואָלינער ברענטש, נומער 3, נעמט אין זיך אריין די וואָלינער עיד סאָסייטי, און וואָלינער פּראָגרעסיוו פאראיין.

דער ברענטש האָט אויך געהאָט אן אייגענע הויז, 329 פּיין סטריט, און האָט דאָרט געעפענט די שלום עליכם פאָלק שול, וואָס איז כמעט אויסגעהאלטען געוואָרען פון דעם ברענטש אליין.

דער ארויסגייענדער פאָרזיצער איז ב. מאפּאו, און די איצטיגע באאמטע זיינען הערים א. גאָלדשטיין, פאָרזיצער; און י. ערקעס, סעקרעטאר.

יהודית קלוב 14 איז געגרינדעט געוואָרען אין 1920. די ערשטע פאָרזיצערין איז געווען לאה קאסאי. די איצטיגע פאָרזיצערין איז רעי פארמאן, און מרס. ריטשמאן, סעקרעטאר.

דער ביאליק ברענטש, 25, איז אלט פינף און צוואנציג יאָהר. איז אקטיוו אין שול ארבייט, ארץ ישראל און אנדערע וויכטיגע ארבייטען. דער ברענטש האָט זיך פאראייניגט מיט ברענטש 26 אין סטראָבערי מענשאָן און צייכט הונ־דערטער חברים.

דער איצטיגער פאָרזיצער איז ב. בעלים, ה. אדאמס איז דער סעקרעטאר.

אדעסער ברענטש, 301, איז אלט צעהן יאָהר. איז אָרגאניזירט געוואָרען פון ה. הערליך און מ. גערמאן. עהרליך איז איצט דער פאָרזיצער. מ. גערמאן, וויצע פאָרזיצער און א. בערקאוויטץ, סעקרעטאר.

ברענטש 310 איז געגרינדעט געוואָרען אין מאי, 1931. דער ערשטער פאָרזיצער איז געווען ה. טארטשאנסקי, און דער סעקרעטאר, א. פען. דער איצטיגער פאָרזיצער איז א. קראקאָוו, און א. פען, סעקרעטאר.

שמריהו לעווין, ברענטש 318, באשטייט פון א גרופּע פּערעיאסלאווער לאנדס־לייט. דאָס האָט געזאָלט זיין א שלום עליכם ברענטש, נאָר די גרופּע האָט שפּעטער זיך פאראייניגט מיט א 2טער גרופּע און עס איז געוואָרען א שמריהו לעווין ברענטש.

דער פאָרזיצער איז מאיר וואלאוו; ב. לעוו, איז וויצע פאָרזיצער; נ. ל. ברען, קאסירער, און א. שערמאן, סעקרעטאר.

פּעריש פרענדשיפּ ברענטש 350 איז אָרגאניזירט געוואָרען אין מארטש, 1935.

אין 1939 האט מיט דעם ברענטש זיך פאראייניגט דער דר. הערצל ברענטש 300. די איצטיגע באאמטע זיינען י. אבדאמסאן, עקס פארזיצער; מאקס לעווין, פאר־זיצער: טילי סורין, וויים טשערלידי; ד. פערים, קאסירער, טילי פרימאן, רע־קארדינג סעקרעטאר; סעם זאר פינאנץ סעקרעטאר; מאקס לאמים, פארזיצער פון דער עקזעקוטיווע.

בראילאווער ברענטש, 351, איז א פאראייניגונג מיט 352. ביידע ברענטשעס האבען עקזיסטירט זינט 1935. דער איצטיגער פארזיצער איז װם. מעדזשעבעוו און דער סעקרעטאר איז א. פרענק.

דער אמאלגעמייטעד ברענטש 364 איז דער ערשטער טרעיד יוניאן ברענטש פון פארבאנד אין פילאדעלפיא. אינסטאלירט געווארען מיט א גרופע פון 17 מיטגלידער. דער ערשטער פארזיצער איז געווען ה. קאהן, און י. זשיטאמירסקע, סעקרעטאר. דער ברענטש איז איינער פון די שענסטע אין שטאדט, און צעהלט איבער הונדערט מיטגלידער. דער איצטיגער פארזיצער איז ה. קאהן און א. טשיי־ווים, סעקרעטאר.

מאקס זאריצקי ברענטש, 371, איז א מילינערי און קאפּענמאכער ברענטש, און צייכענט זיך אוים מיט שאפען גרויסע סומען געלט פארן עלאיד דזשואיש אפיל, געווערקשאפטען און אנדערע וויכטיגע פאנדען.

דער פארזיצער איז ב. קאהן; וויצע פארזיצער ש. לענא; טש. גערשמאן, קאסירער; ר. וואגענפעלד, סעקרעטאר, און ש. לענא, רעקארדינג סעקרעטאר.

אדעסער פרויען ברענטש, עקזיסטירט זינט 1936. די ארגאניזירער זיינען ס. פילער און ר. בעסנאוו. דער ברענטש איז אקטיוו אין אלע אונטערנעמונגען.

וועדזשוואוד ברענטש איז געשאפען געווארען לעצטען יאהר ביי דעם באזוך פון קוירנעל וועדזשוואוד אין פילאדעלפיא. די איניציאטארען זיינען געווען ה. אוכפיטש, איצטיגער פארזיצער; דר. נ. שרף, סעקרעטאר; הענרי פאטער, ע"ה, און ש. י. קרעצאק. ארום דעם ברענטש איז קאנצענטרירט די אידישע אינטע־ליגענץ פון פילאדעלפיא.

ברענטש 385 איז א פאראייניגטער שניידער ברענטש, געגרינדעט אין נא־וועמבער, 1935. דער פארזיצער איז ב. בארנשטיין, און סעקרעטאר איז טשארלס לעווין.

קאניוועער ברענטש איז געגרינדעט געווארען אין 1936. געגרינדעט דורך דעם ארגאניזאטאר, ה. יעלים. די איצטיגע באאמטע זיינען היימאן ניובערג, פארזיצער, און ס. וויינבערג, קאסירער.

יהואש ברענטש אין וועסט פילאדעלפיא איז געגרינדעט געווארען אין 1938. דער ברענטש איז געגרינדעט געווארען ארום דער ביאליק שולע, און האלט זיך נאך אין אנטוויקלען. דער סעקרעטאר איז ז. סילווערמאן.

דר. ארלאזאראוו ברענטש איז געגרינדעט געווארען מיט 5 יאהר צוריק.

דער אנפיהרער פון ברענטש איז דער באקאנטער כלל טוער אב. סילווער.

איהם איז געלונגען צו פאַראייניגען אַ פיינע אינטעליגענטען סביבה פון באַ־וואוסטע אידען אין פילאַדעלפיא.

צו סילווער'ס קרעדיט איז ווערט צוצושרייבען, אַז זינט זיין ברענטש עקזיס־טירט, איז דער געווערקשאַפטען קעמפיין אין פילאַדעלפיא פאַרדרייפאַכט געוואָרען. דער ברענטש אַליין האָט געשאַפען עטליכע טויזענד דאָלאַר פאַרן געווערקשאַפ־טען קעמפיין, אויך אַרום טויזענד דאָלאַר פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד, און זעקס טויזענד דאָלאַר פאַרן עלאַיד דזשואיש אַפּיל.

א. סילווער אַלס פאָרזיצער האָט באַוויזען, אַז מען קען אין דעם פאַרבאַנד מאַן וואונדערליכע נאַציאָנאַלע אַרבייט אויף פאַרשידענע געביטען. יעדער אַקציע מיט א. סילווער'ן בראש, איז אַ גאַראַנטיע פאַר אַ גרויסען דערפאָלג.

מען טאָר אויך ניט פאַרלייקענען, אַז אַסך אַרבייט איז אין פאַרבאַנד אויפ־געטאַן געוואָרען פאַר די פאָלק שולען, פאַר דעם געווערקשאַפטען קעמפיין, פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. קרעדיט פאַר אָרגאַניזירען ברענטשעס קומט צו ה. יעלים'ן, וואָס ווידמעט זיין גאַנצע צייט אַלס אָרגאַניזאַטאָר צו דער דאָזיגער אַרבייט.

אין די דרייסיג יאָהר וואָס דער פאַרבאַנד עקזיסטירט, האָט זיך לחלוטין געענדערט דאָס פּנים פון דער אידישער גאַס. אַ דאַנק דעם פאַרבאַנד איז אויך דער אַרבייטער רינג געוואָרען אַ היפּש ביסעל מעהר אידישלאַך, און מעהר קול־טורעל. אַ דאַנק דעם פאַרבאַנד זיינען שפּעטער אַרויסגעוואַקסען אויך די אַרביי־טער רינג שולען איבערן לאַנד. אַ דאַנק דעם אידיש נאַציאָנאַלען אַרבייטער פאַר־באַנד איז אויך אַנטוויקעלט געוואָרען מעהר קולטור ביי אידען.

די פּיאָנערען און גרינדער האָבען אפשר אַליין ניט געחלומט, אַז פון יענעם געגענזייטיגען פאַראיין אין פילאַדעלפיא, מיט דרייסיג יאָהר צוריק, וועט זיך מיט דער צייט צוּוואַקסען און צובליהען אַזאַ פּרעכטיגער בוים ווי דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבייטער פאַרבאַנד איז היינט איבערן לאַנד, און איז אַזוי אָנ־זעהעוודיג ביי אונז אין פילאַדעלפיא.

★

בני חיים סאָשעל

דזשייקאָב טעקער

די געבורט פון דעם בני חיים סאָשעל איז פאָרגע־קומען אומגעפעהר אַזוי: דזשייקאָב טעקער און וויליאם ר. פיין, אַלטע גוטע פריינט, האָבען זיך אַרומגעטראָגען אַ שטיק צייט מיט אַ געדאַנק צו שאַפען אַ קערפּערשאַפט אין פילאַדעלפיא, פּאַסיג פאַר יעדען אינטעליגענטען מאַן אָדער פרוי, וואָס זאָלען זיך טרעפען געזעלשאַפטליך, זאָלען נעהמען אַנטייל אין דיסקוסיעס וואָס זיינען נוגע זאַכען וואָס באַריהרען די מיטגלידער, ווי אויך אַלע טייל־לען פון אידישען פאָלק.

זיי האָבען שוין דאַן איינזינען געהאַט צו געבען קאָנ־צערטען פון געזאַנג און מוזיק, צו באַפרידיגען דאָס עסטעטישע געפיהל און אויך קומען צו הילף יענע וואָס זיינען אָנגעוויזען אויף אַנדערע.

דעם 8טען מאי, 1936, זיינען די דערמאָנטע פריינט געקומען מבקר חולה זיין אַ דריטען פריינט, חיים ריקלין, און כאָטש דער חולה האָט געפיהלט ניט אמבעסטען, האָבען זיי זיך מיט איהם צוזאַמענגערעדט, אַז אין אַ וואָך אַרום זאָל געגרופען ווערען אַ פאַרזאַמלונג פון אַ קליינער גרופּע צו פּאָרמולירען פּלענער פאַר דער גרינדונג פון אַזאַ קערפּערשאַפט.

דעם 15טען מאי, האָבען די דערמאָנטע געהאַט אַ זיצונג מיט אַלעקס וואָלקין, באָרים פּאול, ב. ד. קאָטלער, לואיס ריקלין, און אַ פּאָר אַנדערע און דער ענטו־זיאַזם איז ביי דער ערשטער ניט אָפיציעלער זיצונג געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט. דאָס איז די פאַרגעשיכטע פון דעם בני חיים סאָשעל. די יסודות ווי זיי זיינען פאָרמולירט געוואָרען דאַן, און וואָס עקזיסטירען נאָך עד היום, זיינען אין קורצען פאָלגענדע:

ווּם. ר. פּיין

אחדות־איינִיגקייט, רעות־ברידערליכקייט און פריינט־שאַפט, נשמה־גייסטיגקייט ; צדקה־וואוילטעטיגע ארבייט און גמילת חסדים מיט די לעבעדיגע און טויטע, — אַ מקום מנוחה פאַר מיטגלידער און זייערע פאַמיליען, און באַצאָהלען די קאָסטען פאַר אַ פולשטענדיגער באערדי־גונג איבער 120 יאָהר.

איין גרונט רעפאָרמע האָט דער בני חיים סאָשעל איינגעפיהרט, נעמליך: אַז איינעמ'ס עלטער זאָל ניט זיין קיין שטער אריינצוקומען אין דער קערפּערשאַפט. איצט, זעקס יאָהר נאָכדעם ווי די קערפּערשאַפט עקזיסטירט, צעהלט דער בני חיים סאָשעל אַ מיטגלידערשאַפט פון זיבען טויזענד, מענער און פרויען פון פאַרשיידענעם עלטער, ארעמע, רייכע און מיטעלמעסיגע, אָרטאָדאָקסען, קאָנסערוואַטיווע, רעפאָרמער און פריידענקער, ציוניסטען און גלאַט אידען, און אַלע צוזאַמען שטעלען פאָר אַ בילד פון איין גרויסער פאַמיליען משפּחה און פאָרמירען אַ פאַראייניגטען פראָנט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אידישע אינ־טערעסען און אויך קולטורעלע ענינים.

די איינִיגקייט פון דער דאָזיגער מיטגלידערשאַפט איז געוואָרען אַ מוסטער אין דער שטאָדט פילאַדעלפיא און איז דער רעזולטאַט פון דער פריינטשאַפט און איבערגעבענהייט פון די מיטגלידער איינער צו דעם אַנדערען, באַזירט אויף דעם ביבלישען פרינציפּ פון: „ואהבת לרעך כמוך.‟

דער פאַרזוך דורכצופיהרען קולטורעלע אָווענטען צוויי מאָל אַ חודש אין טאָון האָל, איז מעהר ווי געלונגען און איז שוין געוואָרען אַ טראַדיציע. די אָווענ־טען טראָגען אַן אמת'ן פאָלקס כאַראַקטער און זיינען אַן אינספּיראַציע פאַר אַלע געסט רעדנער און קינסטלער.

עס ווערען דורכגעפיהרט מוזיקאַלישע קאָנצערטען פון דעם העכסטען סאָרט, מיט דער באַטייליגונג פון די בעסטע ארטיסטען פון דער אידישער ביהנע און ראַדיאָ.

וואָס עס איז שייך צדקה, ווייזען זייערע ביכער, אַז ריזיגע סומען געלט זיינען געזאַמעלט געוואָרען און אויך צוטיילט געוואָרען יעהרליך פאַר וואוילטעטיגע אַנ־

שטאַלטען, ווי בתי יתומים, מושבי זקנים, סאַניטאַריומס, ישיבות און תורה צענטערס, נאַציאָנאַל פאָנד, אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, עלאַיד דזשואיש אַפּיל, „ראָשען וואָר רעליף״ און אסך אַנדערע וואוילטעטיגע אנשטאַלטען.

דאָס וואונדערליכסטע דערביי איז, וואָס די צאהלונגען אין דער בני חיים סאָשעל זיינען די מינימאַלסטע. בלויז פינף דאָלאר א יאָהר פאַר אַ מאַן און פרוי צוזאַמען. קיינע אַנדערע צינזען אָדער טאַקסירונגען.

די אָרגאַניזאַציע האָט ביז איצט שוין געקויפט דעפענס באנדס פאַר דער סומע פון פערציג טויזענד דאָלאַר, און עס איז ניט איבריג צו זאָגען, אַז די מיט־גלידערשאַפט שטעהט הונדערט פּראָצענט מיט דער אַדמיניסטראַציע, און איז אַלעמאָל גרייט ניט נאָר נאכצופאָלגען, נאָר אויספילען אַלע אָנגענומענע פּלענער פאַר דעם וואוילזיין פון דער קערפּערשאַפט.

די איצטיגע באַאַמטע זיינען: חיים ריקלין, עהרענ־מיטגליד, אַלעקס וואָלקין, פּרעזידענט, בענדזשאמין פאול, וויס־פּרעזידענט, דזשאָזעף ב. וואסערמאַן, טרע־זשורער, ה. ב. מיידענבערג, פינאַנץ סעקרעטאַר, דר. אייזיק האָרן, איזראעל ב. ראזענער און אליה דאָרפמאַן, טראַסטיס, באָריס פאול, טשערמאַן מענעדזשמענט קאָמיטע, דזשייקאָב טעקער, טשערמאַן אדוויזאָרי באָרד, הענרי סקלאָף, טשערמאַן מעמבערשיפּ קאָמיטע און אייברעהעם האפערמאַן, קאונסעל און עקזעקוטיוו סעק.

זאָל אויך פאַרצייכענט ווערען, אַז דער ענערגישער יונגער לאָיער און אידי־שער געלערענטער, אייברעהעם האפערמאַן, האָט אָפּגעגעבען דריי יאָהר לייס־טונגען פאַר דער אָרגאַניזאַציע אינגאַנצען פריי. זיין ארבייט, כאָטש זעהר גוט אָפּגעשאַצט, איז זיכער ווערט אסך מעהר ווי דער וועכענטליכער געהאַלט וואָס ער באַקומט.

★

מאטעריאל צו דער געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין פילאדעלפיא

פונקט ווי די גאַנצע אויסגאַבע, וועלכע איהר האָלט איצט אין אייערע הענט מיינט ניט צו זיין קיין פאָלשטענדיגע געשיכטע פון די אידען אין פילאַדעלפיא, אַזוי מיינט די אפטהיילונג ניט צו זיין קיין פאָלשטענדיגע געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין פילאדעלפיא, און טאַקע צוליב די זעלבע טעמים וואָס ווערען אָנגעגעבען אין דער הקדמה צו דער גאַנצער אויסגאַבע.

אַזא ארבייט וואָלט געפאָדערט פיעל מעהר צייט, אסך מיה און אָנשטרענגונג, מעהר ווי איין מענש וואָס זאָל די ארבייט דורכפיהרען. און אודאי אסך מעהר פּלאַץ ווי דער וואָס איז באַשטימט געוואָרען פאַר דער אבטיילונג אין דעם בוך.

כאָטש מען קאָן ניט באַשטימען דעם טאָג און אפילו גענוי באַשטימען דעם יאָהר ווען די אידישע אַרבייטער באוועגונג אין אונזער שטאָדט האָט זיך אָנגע־פאַנגען, מעג אָבער מיט זיכערהייט אָנגענומען ווערען אַז די אידישע ארבייטער באוועגונג אין פילאדעלפיא איז שוין מעהר ווי זעקס צענדליג יאָהר אַלט.

עטליכע און זעכציג יאהר איז באמת ניט מעהר ווי א שפאן אין דעם לעבען פון א פאלק, א לאנד, א שטאדט. ס'איז אבער א היבשער צייט־אפשניט, א גאר לאנגער מהלך אין דעם לעבען פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין אמע־ריקא, וועלכע האט זיך אנגעפאנגען מיט דער גרויסער אידישער וואנדערונג באלד נאך די בלוטיגע צארישע פאגראמען פון די אכציגער יאהרען.

די אידישע ארבייטער באוועגונג אין פילאדעלפיא האט געשאפען א גאנץ רייכע געשיכטע. ס'איז א געשיכטע פון העראאישע קאמפען, פון מורא'דיגע קאמפען און ליידען.

ערנידרונגען, גערולד, אויסדויער פון צער, פיין, פארצווייפלונג און האפנונג, פון שרעקליכען גוראנגעל, אויפברויז, רעוואלוציאנערען פאטאס, פון ערנסטע סכסוכים, שפאלטונגען, טעות'ן, פיהרערשאפט און פארפיהרערשאפט, פאראט און מארטירערײ, פון וואונדערבארען אידעאליזם, פון שאפען, בויען, פון טוען און אויפטוען, פון פעסטיגען די פאזיציעס אין די טריידס און די אינדוסטריען, ביז צו דעם איצטיגען מאמענט ווען די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אונזער שטאדט איז א מאכט מיט וועלכער מען רעכענט זיך, א באדייטענדע פאקטאר אין דעם לעבען פון אונזער שטאדט און אין דעם לעבען פון דער אידישער געמיינ־שאפט פון אונזער שטאדט. מיט איין ווארט, די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין פילאדעלפיא ענטהאלט אלע עלעמענטען וואס יעדער מענשליכע געשיכטע ענטהאלט אין זיך.

ווען די פאלשטענדיגע געשיכטע פון די אידען אין פילאדעלפיא וועט גע־שריבען ווערען וועט די אידישע ארבייטער באוועגונג זיכער בילדען איינע פון די וויכטיגסטע און הערליכסטע קאפיטלען.

אזוי ווי אין דער אבטיילונג וועט גערעדט ווערען פון דער אידישער ארביי־טער באוועגונג פון אונזער שטאדט, וועט, גלויב איך, זיין אין פלאץ צו ווידמען איין קאפיטעל דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג פון שטאדט מיט וועלכער די אידישע ארבייטער באוועגונג איז ענג פארבונדען און צוליב דעם וואס פילא־דעלפיא איז ניט בלויז געווען דאס וויגעלע פון דער אמעריקאנער פרייהייט, נאר אויך דאס וויגעלע, ריכטיגער געזאגט, דער געבורטס ארט פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג.

דא, ביי אונז אין פילאדעלפיא, איז געבוירען געווארען די ערשטע ארבייטער קערפערשאפט, ביי אונז אין שטאדט איז אויסגעבויט געווארען דער ערשטער ארבייטער טעמפעל, ביי אונז אין שטאדט איז ארויסגעגאנגען די ערשטע ארבייטער צייטונג, ביי אונז אין שטאדט איז פארגעקומען דער ערשטער פראצעס געגען ארגאניזירטע ארבייטער אויף דער קלאגע פון „פארשווערונג צו העכערען דעם לוין פון די ארבייטער," ביי אונז אין שטאדט זיינען ארבייטער צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון אמעריקא פארמשפט געווארען פאר זיין ארגאניזירט און אנפיהרען א סטרייק, ביי אונז אין שטאדט איז געגרינדעט געווארען די ערשטע נאציאנאלע ארבייטער קערפערשאפט און ביי אונז אין שטאדט איז געשאפען געווארען די ערשטע פאליטישע ארבייטער פארטיי אין אמעריקא.

★

די געשיכטע פון די ערשטע יוניאָנס אין פילאַדעלפיא

ווי געזאָגט איז פילאַדעלפיא, דאָס וויגעלע פון דער אַמעריקאַנער פרייהייט, אויך געוואָרען דאָס וויגעלע פון דער אַמעריקאַנער טרייד יוניאָן באַוועגונג. צוזאַמען מיט דראַנג נאָך פּאָליטישער פרייהייט איז געגאַנגען דער דראַנג פאַר עקאָנאָמישער גערעכטיגקייט. אַ דאַנק דעם געמיינשאַפטליכען קאַמף וואָס עס איז געפיהרט געוואָרען געגען דער ענגלישער טיראַניי און פאַר דער אונאָבהענגיגקייט פון די קאָלאָניעס האָט דער קלאַסען קאַמף, ווי מיר פאַרשטעהן איהם היינט, זיך ניט אַזוי שטאַרק אויסגעדריקט אין דער קאָלאָניאַל פּעריאָדע, כאָטש עקזיסטירט האָט ער שוין דאַן ביז אַ געוויסער גראַד. ערשט נאָכדעם ווי אַמעריקא האָט זיך באַפרייט פון ענגלאַנדס יאָך, האָבען די אַרבייטערע גענומען דערפיהלען אַז זיי זיינען אַ קלאַס פאַר זיך און אַז אָהן פאַראייניגטע כוחות און אָהן קאַמף וועלען זיי קיין רעכט ניט קריגען. אַזוי איז די מאָדערנע טרייד יוניאָן באַוועגונג געבוירען געוואָרען, און איהר געבורטס אָרט איז געווען אין פילאַדעלפיא.

נאָך אַזוי וויט צוריק ווי אין דעם יאָהר 1724, האָבען שוין די קאַרפּענטערס געגרינדעט אַ טרייד אָרגאַניזאַציע. אמת, דאָס איז ניט געווען אַ יוניאָן אין דעם היינטיגען זין פון וואָרט, אָבער דער קערן פון אַ טרייד יוניאָן איז שוין געלעגען דאָרט. דער הויפּט צוועק פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע איז געווען:

„איינצופיהרען אַ יוניפאָרם סטענדערד פון ווידזשעס און פּרייזען, אַזוי, אַז יעדער איינער זאָל האָבען דעם ווערטה פאַר זיין געלד, און יעדער אַרבייטער דעם ווערטה פאַר זיין אַרבייט." עס איז געווען די קאַרפּענטער טרייד אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אויסגעבויעט דעם היסטאָרישען קאַרפּענטער האָל, אין די דריטע און טשעסטנאַט סטריטס. פון דיזען קאַרפּענטערס טרייד אָרגאַניזאַציע, אָדער די „קאַרפּענטערס קאָמפּאַני" ווי די אָרגאַניזאַציע האָט זיך גערופען, איז אַרויסגעוואַקסען אַן אמת'ע טרייד יוניאָן פון קאַרפּענטערס.

אין דעם יאָהר 1792 איז אין פילאַדעלפיא אָרגאַניזירט געוואָרען אַ יוניאָן פון שיך און שטיוועל מאַכער. דיזע יוניאָן האָט אָנגעפיהרט אַ צאָהל סטרייקס אין שטאָדט. לויט רעקאָרדס וואָס זיינען פאַראַן, ווייסט מען, אַז אין דעם יאָהר 1824, זיינען אין פילאַדעלפיא געווען שוין אַכט עכטע טרייד יוניאָנס.

דער סטרייק פון די שיך און שטיוועל מאַכערס יוניאָן איז געווען פאַר קורצערע שטונדען, מעהר ווידזשעס און בעסערע באַהאַנדלונגען.

ביז דעם ערשטען טייל פון דעם ניינצענטען יאָהרהונדערט זיינען סטרייקס אין אַמעריקא באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ פאַרשווערונג. דאָס איז געווען די איבערבלייבונג נאָך פון די ענגלישע געזעצען.

די ערשטע צו פאַרזוכען דעם טעם פון דיזען געזעץ איז געווען די שיך און שטיוועל מאַכערס יוניאָן. דאָס איז געווען אין 1806, ווען די בעל הבתים האָבען זיך געווענדעט אין קאָורט צו באַשטראָפען די אַרבייטער פאַר אַ פאַרשווערונג געגען די בעל הבתים.

די קלאַגע געגען די אַרבייטער איז געווען אַז זיי האָבען געמאַכט אַ פאַרשווערונג געגען דער אָרדנונג, און וואָילזיין פון דער באַפעלקערונג. וועגען דיזען

טרייעל זיינען פאראן אלע רעקארדס און מען קאן פון זיי זעהן ווי שטארק דעם קלאסענקאמף איז שוין דאן געווען אין אונזער שטאדט . . .

די דזשורי איז געווען אויסשליסליך פון בעל הבתים. איין דזשורי קאנדידאט, וועלכער איז געווען א שוסטער איז צוריקגעוויזען געווארען. די יוניאן איז אלזא נאך איידער דער טרייעל האט זיך אנגעפאנגען, געווען א פארמשפטע.

דער הויפט עדות געגען דער יוניאן איז געווען א שפיאן, וועלכען די בעל הבתים האבען אריינגעשיקט אין דער יוניאן און וועמען עס איז געלונגען צו ווערען א מעמבער פון דער סטרייק-קאמיטע. אלע בעל הבתים פון דער שיך און שטיוועל אינדוסטריע זיינען געווען אין קאורט. קיין אנדערע האט מען כמעט ניט אריינגעלאזט.

די בעל הבתים און זייערע שפיאנען האבען ערקלעהרט, אז די בעל הבתים האבען קיין ארגאניזאציע ניט. זיי פארזאמלען זיך אזוי פון צייט צו צייט און פאר פאטריאטישע צוועקען . . .

„מען וויל אייך איינריידען,—האט דער לאיער פון דער יוניאן ערקלעהרט,—אז די פארפאלגונג געגען די ארבייטער דא אין קאורט און אז דער טרייעל איז דיקטירט געווארען פון ריינע פאטריאטישע מאטיוען, אבער ווען מען זעהט אז דער קאורט איז אנגעפאקט מיט די בעל הבתים און אז ניט די קאסטאמער, וועלכע זיינען גרעסער אין צאהל ווי די בעל הבתים, און נאך מעהר פאטריאטיש ווי די ארבייטער זיינען דא אין קאורט, פאדערען זיך זעהר שטארקע באווייזען אז מען זאל ווערען איבערצייגט אז פאטריאטיזם איז דער מאטיוו געווען."

„דער אמת איז—האט דער לאיער פארגעזעצט—אז דא האנדעלט זיך צי די רייכע בעל הבתים זאלען קאנען אהן שטערונגען הויבען די פרייזען פאר שיך און שטיוועל וויפיל זייערע הערצער גלוסטען און דערביי האבען דאס רעכט צו שניידען די ווידזשעס פון די הארעפאשנע ארבייטער זייערע. עס האט ניט געהאלפען. די דזשורי, וועלכע איז באשטאנען פון בעל הבתים אדער פריינד פון בעל הבתים, האט ארויסגעטראגען א ווערדיקט שולדיג געגען די סטרייקער.

„מיר געפינען די אנגעקלאגטע שולדיג אין א פארשווערונג צו העכערען זייערע ווידזשעס." יעדער פון די אנגעקלאגטע איז באשטראפט געווארען.

פילאדעלפיא איז ניט בלויז געווען דאס וויגעלע פון דער מאדערנער טרייד יוניאן באוועגונג, נאר אויך דאס וויגעלע וואו דער געדאנק פון זעלבסטשטענדיגער ארבייט פאליטיק איז געבוירען און אויספראבירט געווארען.

אין דעם יאהר 1827 איז אין שטאדט אנגעגאנגען א סטרייק פון די קארפענטערס פאר א צעהן שטונדיגען ארבייטס טאג. דער סטרייק האט זיך פארצויגען, עס איז דארום גערופען געווארען א קאנפערענץ פון אלע יוניאנס אין שטאדט וועגען שטיצען די סטרייקער. דער צעהן שטונדיגען ארבייטס-טאג איז שוין דאן געווען דער טרוים פון יעדען אינטעליגענטען ארגאניזירטען ארבייטער פון שטאדט. ביי דיזער קאנפערענץ איז ארגאניזירט געווארען די מעקעניקס יוניאן או טרייד אסאסיאיישאנס.

אין מאי פון 1828, האט די מעקעניקס יוניאן פארגעשלאגען אז די ארבייטער

זאלען ארויסשטעלען אייגענע קאנדידאטען „וואס זאלען פארטרעטען די אינ־טערעסען פון די ארבייטער אין שטאדט קאונסיל און אין דער סטייט לעדזשיס־לייטשור.״ עס איז געגרינדעט געווארען אן ארבייטער פארטיי אין פילאדעלפיא און שפעטער אויך אין ניו יארק און אין אנדערע גרויסע שטעדט. איינע פון די הויפט פאדערונגען פון דער פארטיי איז געווען פרייע בילדונג פאר די קינדער פון ארבייטער. דער קאמף וואס די פילאדעלפיער ארגאניזירטע ארבייטער האבען געפיהרט פאר די פאבליק סקוהלס ווי מיר האבען זיי איצט, איז איינער פון די הערליכסטע קאפיטלען אין דער רייכער געשיכטע פון דער פילאדעלפיער ארביי־טער באוועגונג. נאך א לאנגען קאמף האבען די ארבייטער ענדליך אויסגעפיהרט אז די אלע קינדער אהן אויסנאהמע זאלען קריגען א פרייע בילדונג אין שטאדטישע שולען.

אויך די באוועגונג צו ארגאניזירען די ארבייטער פרויען האט א שטארקען שטויס פאראויס געקראגען אין פילאדעלפיא.

אין 1828, איז מעטיוה קערי, א ליבעראל און ארבייטער פריינד, ארויס מיט א געשריי געגען דעם פארברעכען וואס ווערט באגאנגען געגען די ארבייטער פרויען, ווייל זיי ווערען פון די בעל הבתים מורא׳דיג עקספלואטירט. די ארגא־ניזירטע ארבייטער פון פילאדעלפיא האבען דעם קאמף באלד אויפגענומען.

אויף וויפיעל עס איז באקאנט איז די ערשטע ארבייטער צייטונג אויך ערשינען אין פילאדעלפיא, דאס איז געווען אין 1828, בעת די לייבאר פארטיי האט אנגעפאנגען איהר טעטיגקייט.

די ערשטע נאציאנאלע אמתע טרייד יוניאן קערפערשאפט איז אויך אר־גאניזירט געווארען אין פילאדעלפיא. דאס איז געווען די נאיטס אוו לייבאר (די ריטער פון ארבייט). זי איז ארגאניזירט געווארען אין פילאדעלפיא אין 1869, פון אוריאה סמיטה סטיווענס און אנדערע פיהרער פון די גארמענט ווארקערס. צוערשט איז דאס געווען א לאקאלע ארגאניזאציע, אבער פון איהר איז שפעטער אויסגעוואקסען א נאציאנאלע קערפערשאפט מיט געוואלדיגער מאכט און בא־דייטונג, וועלכע האט דורכגעפיהרט עטליכע גרויסע סטרייקס. אין 1886 האט די נאיטס אוו לייבאר געהאט איבער 700,000 מיטגלידער.

*

לואיס עדווארד ליווי

1846—1920

פארנעמט א היסטאריש פראמינענט ארט אין דער ליטעראטור, אן ארויסגעבער און א דערפינדער וועמען די איצטיגע פרעסע האט צו פאדאנקען, ווייל ער איז געווען דער ערשטער וואס האט דערפינדען דאס וואר מיר רופען היינט „פאטא־ענגרייווינג.״

געבוירען אין סטענאוויטץ, בעהמען, דעם 12טען אקטאבער, 1846, און איז געקומען אהער מיט זיינע עלטערען אלס א קינד פון אכט יאהר.

האט באקומען זיין פריהע דערציאונג אין דעטראיט,

מישיגען, שפעטער האָט ער זיך אַנגעשלאָסען אין אַ פירמע וואָס האָט פאַבריצירט אפּטאמעטרישע און פילאזאפישע אינסטרומענטען, און ער האָט געמאכט אזא ריזיגען פאָרטשריט, אַז די פירמע האָט איהם גאָר אינגיכען צוגענומען פאַר אַ שותף.

ער האָט אָנגעהויבען זיך אָפּגיבען מיט מיקראסקאָפּישע פאָטאָגראפיע, און דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז ער האָט דערפינדען דעם פּראָצעס וואָס מיר רופען „פאָטאָ ענגרייווינג.”

ער האָט דערנאָך זיך באַזעצט אין באַלטימאָר און פון דאָרטען האָט ער איבערגעצויגען קיין פילאַדעלפיא, וואו ער איז זעהר שנעל געוואָרען באַריהמט אין דער וועלט פון דרוקעריי.

עדוואַרד לואיס ליווי איז באַריהמט געוואָרען, ווייל זיינע ענגרייווינגס האָבען אָנגעהויבען דערשיינען אין אַ צאָהל פּראמינענטע צייטונגען איבערן לאַנד.

לואיס עדוואַרד ליווי איז אָבער נאָך וויכטיגער פאַר אידען צוליב דעם ווייל ער איז געווען דער גרינדער פון דער אסאָסיאיישאָן צו באַשיצען אידישע אימיגראַנ־טען. ער האָט פאַרנומען דעם אמט וואָס עס האָט פריהער געהאַלטען אַלפרעד ט. דזשאָנס, און פון יענער סאָסייטי איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסען די היינטיגע האיאַס, און עס איז קיין חידוש ניט, וואָס אין דעם היינטיגען האיאַס אָפיס, אין דער פעדערײשאָן בילדינג, הייננט עדוואַרד לואיס ליווי'ס בילד גאַנץ פּראמינענט.

ליווי איז אויך געווען אַ דירעקטאָר פון דער היברו עדיוקיישאָן סאָייעטי, און האָט גענומען אַ זעהר ערנסטען אינטערעס אין אידישער בילדונג און דער־ציאונג.

זעהר ווינציג פּערזאָנען פאַרנעמען אזאַ פּראמינענטען אָרט אין דער גע־שיכטע פון פילאַדעלפיער אידענטום, ווי עס פאַרנעמט עדוואַרד לואיס ליווי, ע"ה.

די דערפינדונג פון לואיס עדוואַרד ליווי האָט די ערשטע צייט זיך גערופען „ליווי טייפּ.” דאָס מיינט, אַז די דערפינדונג האָט געטראָגען דעם נאָמען פון איהר דערפינדער. היינט צו טאָג קען זיך קיין פּובליקאַציע אין דער וועלט ניט באַגעהן אָהן די פאָטאָגראַפישע גראַווירונגען, ווייל זיי אילוסטרירען די שריפט, און קיין שריפט איז ניט פּולקאָם אָהן פאָטאָ גראַווירטע בילדער. דאָס אַלעס האָבען מיר לואיס עדוואַרד ליווי'ן צו פאַרדאַנקען.

און פונקט אזוי קענט איהר זיך ניט אָפּרייסען פון דעם אימפּאָזאַנטען בילד וואָס הייננט אין האיאַס אָפיס פון דעם גרינדער פון דער האיאַס.

ליווי איז געשטאָרבען אין פעברואַר, 1920.

★

דייוויד ברייען



רעזידענץ — 6202 עלסוואירטה סטריט, געשעפט — האָל־סייל ברענקעטס און לינענס, 10־208 ס. 5טע סטריט. געבוירען אין זלאטאָפאָל, אין 1885, א זוהן פון משה און נחמה בראנאָווסקי. פאָטער געווען אַ סוחר פון פיש. געלערענט אין חדר ביז בר מצוה. שפּעטער איבערגע־צויגען אין יעליסאָוועטגראד און אין 1904 געקומען קיין פילאַדעלפיא.

אין 1930 געהייראט צום צווייטען מאָל טאניע ברעז־ניק. האָט 3 זיהן און 1 טאָכטער. דזשייק און אירווינג האָבען געענדיגט האי סקוהל, און נייטען האָט באזוכט טעמפּעל יוניווערסיטי. אַלע 3 זיהן זיינען מיט'ן פאָטער אין געשעפט. אירווינג און נייטען האָבען פרייוויליג זיך אַנגעשלאָסען אין דער אַמעריקאַנער ארמיי אויף מאָרגען נאָך דער מערדערליכער פּוירל הארבאר אטאקע. די טאָכטער איז מרס. מילטאָן ווערנער און וואוינט אין ניו יאָרק.

דייוויד ברייען איז פאַררעכענט פאַר אַן איבערגעבענעם ציוניסט. האָט אסך בייגעשטייערט אין דער צייט פון קרן היסוד קאמפּיין און איז עד היום אַן אי־בערגעגעבענער ציוניסטישער ביישטייערער. אַ מיטגליד פון די מייסאָנס אין עקוויטי לאָדזש פאַר די לעצטע 29 יאָהר. אויך אַ מיטגליד פון ברית שלום, משה העס קעמפּ, יעליסאַוועטגראַדער פאַראיין, אויך אַ געוועזענער טרעזשורער אין זעלבען פאַראיין.

ברייען איז באקאנט אַלס אַ ליבהאבער פון דער אידישער שפּראך און ליטע־ראַטור און צייכענט זיך אַלעמאָל אויס מיט זיין איבערגעבענהייט און שטיצע פאַר אידישע שרייבער און זייערע ווערק.

אין דער צייט ווען די מאָסקווער „הבימה" איז דאָ אויפגעטראָטען, האָט דייוויד ברייען אסך געטאָן פאַר זייערע פאָרשטעלונגען און ער האָט פאַרשפּרייט בילעטען פאַר הונדערטער דאָלאַר, און עהנליכען ענטוזיאַזם האָט דער זעלבער ארויסגעוויזען ווען די ציוניסטישע פיהרער, נחום סאָקאָלאָוו, ע"ה, און דר. חיים ווייצמאַן זיינען דאָ ארויסגעטראָטען מיט אַפּיעלס פאַר דער ציוניסטישער באַ־וועגונג און איהרע פאָנדען.

ברייען איז פאַררעכענט פאַר אַ ווארימען אידען, און אַ ליבעראַלען ביי־שטייערער פאַר וואוילטעטיגע צוועקען.

★

יהושע חיים פערלשטיין

1881—1925

געבוירען אין פרוזשאן, פוילען, דער זוהן פון פינחס און סימע וועליע פערלשטיין. געקומען קיין אמעריקא אין 1893, און איז געווען א קארפענטער די ערשטע צייט.

שפעטער האט ער געגרינדעט די פירמע פון ה. פערל־שטיין ענד סאנס, און זינט דאן פראדוצירען זיי גלאז.

איז געווען פרעזידענט פון דער בני אברהם שוהל, און איינער פון די ערנסטע אידען וואס ווערט עד היום דערמאנט מיט יראת הכבוד. נפטר געווארען ח׳ שבט, 1925. האט איבערגעלאזען 7 קינדער: 3 זיהן און 4 טעכטער.



נייטען פערלשטיין

נייטען פערלשטיין, מאקס פערלשטיין, רחל, איצט מרס. אייזיק עלמאר, ליליען, איצט מרס. דזשוליוס טראמ־פער, בעלא, מרס. הערי בלאק, לואיס פערלשטיין, דארא, איצט מרס. סילוויא סילווערשטיין.

אלע קינדער און די איידעמס זיינען געבליבען די יורשים, און זיי ארבייטען אין דער זעלבער גלאז פירמע וואס זייער פאטער האט געגרינדעט.

הערי בלאק

עס זיינען פון יהושע חיים פערלשטיין חוץ די קינ־דער אויך פאראנען 27 אייניקלאך און 5 אור אייניקלאך. פיער דורות אידען אין פילאדעלפיא וואס זעצען פאר זייער לעבען אין דעם זעלבען טראדיציאנאלען גייסט.

נייטען פערלשטיין איז דער טשערמאן פון דעם פארק־סאיד ציוניסטישען דיסטריקט. זיין שוואגער, הערי בלאק, איז דער טרעזשורער פון דער בני אברהם שוהל, 527 לאמבארד סטריט.

דער פערלשטיין אפיס איז אן אפענע טיר פאר רבנים און משולחים פון דער וועלט, און קיינער געהט ניט ארוים מיט ליידיגען.

★

סעמועל בלאסענשטיין



רעזידענץ: 342 פארטער סטריט. פרעזידענט פון ליט לאדזש, אינדעפענדענט ארדער, ברית אברהם.

געבוירען געווארען אין 1883, אין גוואזדעיעץ, גא-ליציען, א זוהן פון בערל אנשעל און טויבע בלאסענשטיין. פאטער איז געווען א בעל הבית, א סוחר און האט זיין זוהן געהאלטען אין חדר ביז בר מצוה.

אין אמעריקא זינט 1901. אנגעקומען קיין נויארק, וואו ער האט געוואוינט 6 יאהר. אין 1907 זיך באזעצט אין פילאדעלפיא, וואו ער איז פארבליבען א תושב.

שלמה בלאסענשטיין האט געהייראט מיני פרימעט, און זיי האבען 6 קינדער, 5 זיהן, עמנואל, טביה, בוירני, דזשייקאב און סאול בלאסענשטיין, און 1 טאכטער, מרס. ל. ווינטער.

בלאסענשטיין איז איינער פון די גרינדער און ערשטער פרעזידענט פון דעם טאלנער רבינ'ס שוהל, צמח דוד, אין 1437 ס. 6טע סטריט. געוועזענער פרע-זידענט פון שערי ישראל שוהל, 4טע און פארטער, 3 טערמינען. געווען איינער פון די גרינדער פון דעבארא סאניטאריום אין פילאדעלפיא, אויך געוועזענער 3טער דעפיוטי גרענד מאסטער פון אינד. ארדער ברית אברהם אין פענסילווייניא סטייט. בלאלענשטיין איז א ליבעראלער אונטערשטיצער פון אלע אידישע און אלגעמיינע לאקאלע און נאציאנאלע אנשטאלטען.

★

הרב מאיר כהן

געבוירען אין ירושלים, עיר הקודש, אין 1912, דער זוהן פון רב ישראל און אסתר שמעונאוויטש, הכהן, א פראמי-נענטע משפחה אין ארץ ישראל.

הרב מאיר כהן האט געלערנט און שטודירט אין ישיבת מאה שערים, ער האט אויך געלערנט אין דער וועלט-באַ-ריהמטער סלאבאדקער חברונ'ער ישיבה, אונטער דער פיה-רערשאפט פון דעם וועלט-באריהמטען גאון, הרב משה מרדכי עפשטיין.

הרב מאיר כהן איז א מוסמך פון די גאונים רב איסר זלמן מעלצער, רב יעקב משה הר"לפ, רב הראשי פון תל אביב, רמ" א עמיאל, און אנדערע גאוני הדור.

איז אנגעקומען קיין אמעריקא אין אויגוסט, 1939, און איז גלייך אויפ-גענומען געווארען אלס רב פון בית המדרש הגדול, וועסט פילאדעלפיא. באלד

נאך זיין אנקומען האט ער געגרינדעט די ישיבה תורה מציון, וואס האט אין א משך פון א פאר יאהר געמאכט גרויס פארטשריט.

האט געהייראט הענע פרענקעל, די טאכטער פון דעם פראמינענטען הרב הגאון מנחם מרדכי פרענקל תאומים, דער ראש ישיבה פון משכן ישראל, און זיי האבען 4 קינדערלאך.

הרב מאיר כהן איז א געוועזענער מיטארבייטער פון „היסוד," ארטאדאק־סישער וועלטליכער ארגאן אין תל אביב, און ער האט אויך פארפאלקאמט זיין שטודיום נאך דער חתונה אין „כולל אהל תורה," אין ירושלים, אונטער דער נשיאות פון רב הראשי דר. יצחק אייזיק הלוי, הערצאג, און אויך אין „היכל התלמוד," אין תל אביב.

ער איז א מיטגליד פון אגודת הרבנים דארצות הברית וקענעדע, א חבר אין ועד הרבנים אין פילאדעלפיא, און ער איז אויך פארעכענט פאר א שיינעם דרשן און ליטערארישען רעדנער אין אידיש און העברעאיש.

★

יוסף סיטמאן

רעזידענץ—2037 ס. 7טע סטריט. געשעפטס אדרעס—דער זעלבער. געבוירען אין 1907, אין קאמינקע, פאדאלסק, א זוהן פון חיים און הינדע סיטמאן. דער פאטער איז געוועזען א מעקלער. געלערענט אין חדר און אויך גע־מאכט א רוסישע שולע.

אין אמעריקא זינט 1921. איז באלד געגאנגען אין ביזנעס פאר זיך אליין.

אין 1924 האט ער געהייראט רחל רויזמאן, זיי הא־בען 3 קינדער: הערבערט, 17 יאהר אלט, טעמפעל יוני־ווערסיטי; באזוכט אויך ישיבת משכן ישראל; נארמאן, 12 יאהר אלט, דזשוניאר האי סקוהל, און פריידע, 5 יאהר אלט.

אקטיוו ארום דעם מאנאסטרישטשער ריבנ'ס בית יעקב שוהל, און אין פעשטשאנקער בענעפישעל אסס'ן.

מרס. סיטמאן איז שטארק אינטערעסירט אין ישיבת משכן ישראל, איז געוועזען א לייננגערע צייט די סעקרעטארשע און איצט איז זי טרעזשורער פון דער פאנשיין קאמיטע אין דעם זעלבען אנשטאלט.

יוסף סיטמאן איז געוועזען דער פארזיצער פון דער יעהרליכער אונטערנע־מונג ביי דעם באנקעט פון מאנאסטרישטשער רבין אין 1942.

א טשארטער מיטגליד פון אבאדיוקער פאראיין און איז אויך געוועזען זייער ערשטער טרעזשורער.

מיטגליד אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אין דאון טאון בית יתומים, דאון טאון מושב זקנים, האיאס, און א ליבעראלער אונטערשטיצער פון אלע תורה צענטערס און צדקה אנשטאלטען.

פּ. מילער

רעזידענץ—פּאַרק מענאָר. געבוירען אין באַלטא, פּאָדאָלסק, אין 1873, דער זוהן פון משה זאב און איידעל מילגרוים. פּאַטער איז געווען אַ סוחר פון תבואה. דער יונגער פּינחס האָט געלערענט ביי די בעסטע מלמדים, און ביי פּריוואַטע לעהרער, ביז דער חתונה.

אין אמעריקא זינט 1897, האָט די ערשטע צייט געפּעדלט מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען האנדלען אין „אוקשען" מיט סעקאָנד הענד פּוירניטשור, שפּעטער איז ער געגאנגען אין די „פּוירניטשור ביזנעס," איז געווען פּאַרטנער פון איינע פון די אנגעזעהענסטע פירמעס אין זיין פאַך אין פילאַדעלפיא.

געהייראַט אין 1894 חנה אייבערמאַן, זייערע קינדער זיינען לאָיער דזשייקאָב ק. מילער, נאָרטה אמעריקאַן בילדינג, לואיס און דזשאָרדזש מילער, מיט דעם ברודער אין די „ביזנעס." עס זיינען געווען נאָך 2 קינדער וואָס זיינען געשטאָרבען פאַר דער צייט: דייוויד מילער, נפטר געוואָרען אין 1928, און אדעל לעוויטאַ, אוועק פון דער וועלט יאנואר, 1941. פון דייווידן זיינען געבליבען עסטעל, 19 יאָהר אַלט, טעמפּל יוניווערסיטי; מיטשעל, 16 יאָהר אַלט, אין האַי סקוהל.

פון אדעלן זיינען איבערגעבליבען איימי, 17 יאָהר אַלט, האָט איצט באַקומען אַ פּרייז סקאָלערשיפּ, און לאָורענס, 14 יאָהר אַלט, אינדזשוניאָר האַי סקוהל.

פּ. מילער איז פּאַרעכענט פאַר אַ וועטעראַן פון דער היגער אידישער געזעלשאַפטליכקייט, זייענדיג 46 יאָהר אין פילאַדעלפיא, קען מען זאָגען, אז עס איז לחלוטין ניטאָ קיין איין אידישע פאָלקס אקציע, אין וועלכער מילער האָט זיך ניט באטייליגט אַקטיוו.

חנה מילער

אזוי געפינען מיר איהם שוין ביי דעם געבורט פון דער אמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס באוועגונג, וואו ער האָט אַגיטירט לײדענשאַפטליך צווישען די אידישע אָרגאַניזאַציעס פאַר דער דאָזיגער באוועגונג, און אין צייט פון דער ערשטער אימיגראַציע געפינען מיר איהם ביי דער היברו ליטעראַטור סאָסייעטי, אַלס אַ דירעקטאָר און אָנפיהרער מיט דער קולטורעלער אַרבייט. ער איז אַ געוועזענער פּרעזידענט פון דער דזשואיש קאָנסאַמפּטיוו רעליף סאָסייעטי, פאַר דעם דענווער סאַניטאַריום, און ער איז אַ געוועזענער פּרעזידענט פון די באַסלאָווער בענעפישעל אסס'ן, אַ געוועזענער פּרעזידענט פון די קריוואָזער, דאָס אייגענע פון דעם ברית אחים.

אבער פ. מילער איז ניט פון יענע פערזאנען וואס טראגען אן אמט, קריגען כבוד. מילער איז א טוער, און טאקע פון יענעם מין, וואס קענען זיין פיהרער. ער איז עד היום געבליבען איינער פון יענע וועטעראנען מיט וועמענס מיינונג די אידישע פילאדעלפיע רעכענט זיך.

אזוי, צום ביישפיל, קען מען אנווייזען, אז אין די לעצטע יאהרען געווערקשאפטען קעמפיינס פאר דער הסתדרות אין ארץ ישראל, איז פ. מילער געווען אינ־סטרומענטאל אין דער ארבייט צו שאפען גרויסע פאנדען פאר דער הסתדרות צווישען די לאנדסמאנשאפטען.

עסטעל לעוויטא

דערצו איז פ. מילער באגאבט מיט א שכל הישר, און א געזונטען קאפ אויף די פלייצעס. זיין דערפאהרונג פון א האלבען יאהרהונדערט מיט אידישע ארגאניזאציעס האט געבראכט דער אידישער פילאדעלפיא פראקטישע נוצען.

מילער איז דעריבער היינט צו טאג א פראקטישער כלל־טוער. מען קען איהם מעהר ניט „פארקויפען" קיין שום אידייע וואס האט ניט קיין פראקטישען ווערטה, און קען ניט רעאליזירט ווערען.

פ. מילער איז געווען און איז פארבליבען א זייל אין דעם אידישען געזעל־שאפטליכען לעבען אין פילאדעלפיא.

★

פישער מעמאריאל פארק

דער פישער מעמאריאל בעריעל פארק איז עטאבלירט גע־ווארען אין אנדיינק פון אסתר און אייזיק פישער מיט פינף יאהר צוריק.


אייזיק פישער

דער פראיעקט איז פארטראכט געווארען פון זייערע קינדער: הערי ס. און דזשאזעף דזש. פישער, וואס האבען געוואלט פאראייביגען דעם נאמען פון זייערע עלטערען אויף אזא אופן, אז ארימע פאמיליעס זאלען האבען א גע־לעגענהייט צו באערדיגען זייערע ליבע און טייערע אויף א בכבודיגען אופן, אהן שפיכת דמים, זיי זאלען ניט דארפען אנקומען צו דער חברה קדישא.

און פאר די לעצטע פינף יאהר האט דער פישער מעמאריאל פארק צוגע־צויגען אויף זיך אסך אויפמערקזאמקייט דורך דעם פאקט, וואס ניט נאר ווערען דארטען ארימעלייט באערדיגט בכבודיג, נאר יעדער קבר ווערט אויך באזארגט מיט א מצבה.

די זיהן פון די פארשטארבענע מר. און מרס. פישער האבען אויך בא־

זארגט פרייע אנדערטייקערס, כדי אז אין א טויטענפאל זאלען די געטראפענע פאמיליעס קענען באדינט ווערען פון אנערקענטע, עטאבלירטע אנדערטייקערס.

אסתר פישער

ארימע פאמיליעס קענען זיך ווענדען צו מאריס ראזענבערג, אין פיונעראל פארלאר, אין 2009 נ. בראד סטריט.

די לויה שליסט אויך איין אן ארון, עמבאלמינג און אלע אנדערע נויטיגע אראנזשמענטס, פונקט ווי די פאמיליע וואלט באצאהלט פאר די סוירוויסעס.

די באאמטע פון דעם פישער מעמאריאל פארק זיינען: הערי ס. פישער, פרעזידענט; דזשאזעף דזש. פישער, טרעזשורער, און קארל מ. שווארטץ, סעקרעטאר.

די דירעקטארען זיינען: דזשאזעף בעק, דזשעראם בענעט, סעמועל דאראף, הערי ס. פישער, דזשאזעף דזש. פישער, סעמועל גאלדשטיין, האנארייבל טשארלס קליין, הערי מאף, וויליאם פארטנער, דזשודא ראזענבערג, און קארל מ. שווארטץ.

דער פישער מעמאריאל פארק פראיעקט איז אפיליאירט מיט דעם דזשואיש פעמיליע וועלפעיר קאונסיל.

יעדעס יאהר אין דעם טאג פון דעם יאהרצייט פון אייזיק און אסתר פישער, פיהרען זייערע זיהן, הערי ס. און דזשאזעף דזש. פישער דורך אן איינדרוקספולען מעמאריאל אויף דער מאנטעפיארע סעמעטערי אין אנדיינק פון זייערע עלטערען וועמענס דער פארק פאראייביגט.

★

הערי קרענגעל סייווינג אסאסיאיישאן

די הערי קרענגל סייווינג אסאסיאיישאן איז געגרינדעט געווארען אין 1915, מיט 27 יאהר צוריק, אויף דעם נאמען פון הערי קרענגעל, עליו השלום, וועלכער האט דאן געקויפט דעם נאמען פון דער דאמאלסט ניי־געגרינדעטער געזעלשאפט פאר אן אומבאדייטענדער סומע פון 3 דאלאר.

הערי קרענגעל איז אוועק פון דער וועלט אין דער צייט פון דער „פלו” עפידעמיע, אבער זיין נאמען איז פאראייביגט געווארען דורך דער אסאסיאיישאן, וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהר וואוילטעטיגער ארבייט, צוטיילענדיג גרויסע סומען געלט צווישען די וואוילטעטיגע אנשטאלטען אין פילאדעלפיא.

צווישען די גרינדער געפינען זיך משה טשערקאסקי, דער איצטיגער פרעזידענט; מ. טארנאף, דער פינאנץ סעקרעטאר, און ה. קורטצמאן.

די איצטיגע באאמטע זיינען: משה טשערקאסקי, פרעזידענט; י. לעווין, וויס פרעזידענט, ס .קעלינסאן, טרעזשורער; ס. קאופמאן, סעקרעטאר, און מ. טארנאף, פינאנץ סעקרעטאר. אין דער בארד אוו דירעקטארען געפינען זיך:

ה. קורטצמאן, פ. סינגער, ס. בעיזער, דזש. זוקער, א. וויניקאף, ה. גרינבלאט,

י. ביאלסקי, דזש. זייגערמאן, ה. ווארניק, מ. בעל, דזש. קעלינסאָן, פּ. פינקלשטיין, בענדזשאמין קאָהען, און ד. לאפידא.

די הערי קריינגעל אסאָסיאיישאָן ציילט איצט איבער 300 מיטגלידער.

★

פילאדעלפיא סייווינג אסאָסיאיישאָן

די פילאדעלפיא סייווינג אסאָסיאיישאָן איז געגרינדעט געוואָרען מיט 32 יאָהר צוריק, אין 1912.

איהר ערשטער פרעזידענט איז געוועז מ. טארנאף; און צווישען די גרינדער געפינען זיך משה טשערקאסקי, דער איצטיגער פרעזידענט, און מ. טארנאף, דער איצטיגער פינאנץ סעקרעטאר.

די פילאחעלפיא סייווינג אסאָסיאיישאָן צייכענט זיך אויס די לעצטע יאָהרען דערמיט, וואָס די מייסטע פּראפיטען וואָס די אססיאיישאָן מאכט, ווערען צוטיילט אויף וואוילטעטיגע אנשטאלטען, און קיין אנשטאלט ווערט ניט געקריוודעט.

די אסאָסיאיישאָן ציילט איצט 200 מיטגלידער.

די באאמטע פון דער פילאדעלפיא סייווינג אסאָסיאיישאָן זיינען משה טשער־קאסקי, פּרעזידענט; דזש. ביאלסקי, איינער פון די גרינדער און איצטיגער עהרען פּרעזידענט; ה. גרינבלאט, וויס פּרעזידענט; ב. גרין, טרעזשורער; טשארלס קאופמאן, רעקאָרדינג סעקרעטאר, און מ. טארנאף, ערשטער פּרעזידענט, איצטיגער פינאנץ סעקרעטאר.

די דירעקטאָרען באָרד באשטייט פון י. נאפּטולין, ז. זלאטניקאָף, סעם בעיזער, ס. ראוויטש, ה. ווארניק, סעם קעלינסאָן, דזשייקאב זוקער, וויליאם בעלפערסאן, און מאקס בעל.

★

פּראגרעסיוו בענעפישעל אסאָסיאיישאָן

די פּראָגרעסיוו בענעפישעל אסאָסיאיישאָן איז געגרינדעט געוואָרען אין 1913, און ווי די גרינדער דערציילען, איז דאָס געשעהן צוליב דעם, ווייל עס האָט גע־פעהלט א געזעלשאפט וואָס זאָל ניט נאָר זאָרגען פאַר קרקע, נאָר אויך פאַר גייסטיגע בענעפיטען. דעריבער איז אויסגעקליבען געוואָרען דער נאָמען „פּראָגרעסיוו.” דער נאָמען אליין האָט שוין דערקלעהרט, אז דער פאראיין איז אנדערש פון אלע עקזיסטירענדע ביז דאַן.

ביי דער ערשטער פארזאמלונג אין דער 4טער און קארפּענטער זיינען אנוועזענד געוועזן וו. הינדין, י. בוים, ס. לעקערמאן, מ. פריהמאן, יוסף מוסטין, ס. קאָרנפילד, איזראעל פּולס, הערי פּולס, דזש. פּאקראס, פּ. מילער, און מ. בער[illegible]אן.

ביי יענער פאַרזאַמלונג האָט מען בלויז דעבאַטירט, אָבער די גרינדונגס פאַרזאַמ־לונג איז פאָרגעקומען א וואָך שפּעטער, דעם 12טען יאנואר, 1913.

עם זיינען אנוועזענד געווען כמעט אַלע פריהער דערמאָנטע, און עם זיינען צוגעקומען ש. גודשטיין, יעקב ריקלין, דזש. דובין, ר. אימאַס, און ס. קרעמער.

פּ. מילער האָט דעם „ניי־געבוירענעם קינד געגעבען דעם נאָמען „פּראָגרעסיוו בענעפישעל אסאָסיאיישאָן. און אין זאַל האָט געהערשט גרויס באַגייסטערונג.

די פּרינציפּען פון פּראָגרעסיוו:

פריינטשאַפט און טריישאַפט צווישען די מיטגלידער, פּאַטראָניזירען איינער דעם צווייטען אין טעגליכען געשעפטס פאַרקעהר ווי אויך אין דער ארבייט, געגענ־זייטיגע שטיצע פאַר ליידענדע מיטגלידער און פאַמיליעס פון די פאַרשטאָרבענע, ארויסהעלפען א ברודער אין א נויט און אין קראַנקהייט, אַנטוויקלען דעם גייסט און די מאראַל צווישען די ברידער דורך אָפטע דיסקוסיעס, און לעקציעס איבער צייטליכע, און סאָציאַלע פראַגען.

דער פּראָגרעסיוו האָט אָנגעפיהרט מיט א רייע לעקציעס און באַזונדערס פּאָפּו־לאַר איז אין יענער צייט געווען אונזער דר. מאַקס באַרבאור.

אינטערעסאַנט איז אַז ס. לעקערמאַן איז 4 מאָל דערוויילט געוואָרען אַלס פּרע־זידענט. אויך הינדין איז 2 מאָל דערוויילט געוואָרען פּרעזידענט. איזראַעל פּולס איז 2 מאָל געווען פּרעזידענט, און אַזוי איז די „פּראָגרעסיוו משפחה געוואַקסען און האָט זיך צובליהט אַלס איינע פון די פיינסטע, פּראָגרעסיווסטע בענעפישעל אָרגאַניזאַציעס.

אין 1926 האָט די פּראָגרעסיוו געפייערט א בר מצוה צו דער געלעגענהייט פון איהר 13 יאָהריגער עקזיסטענץ. עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען א שיינער סוּוועניר, מיט אַרטיקלען פון די אנגעזעהענסטע מיטגלידער און באַאַמטע.

אין 1938 האָט דער פּראָגרעסיוו געפייערט א 25־יאָהריגער יובילעאום מיט א שיינעם סוּוועניר, אין וועלכען מיר געפינען א ליד פון אונזער דר. מ. ווײמאַן, אַן אַרטיקעל וועגען די ערשטע 9, פון דר. מ. באַרבאור, א באַגריסונג פון דעם דאַמאַלסדיגען פּרעזידענט פּ. מילער, וועלכער איז אגב, איצט ווידער פּרעזידענט. א האַרציגע באַגריסונג פון סיימאָן לעקערמאַן, אַן אָרגאַניזאַציע מיט א נשמה, גע־שריבען פון נייטען קראַוויטץ, היינט אין שיקאַגאָ, א באַגריסונג פון יעקב איידעלס־בערג, דאַן דער וויים פּרעזידענט, און רעאַקציאָנעלע נאָטיצען, פון אב. הוירש, ע״ה.

איצט, נאָך 30 יאָהר עקזיסטירען, געפינען מיר ביי דעם רודער די זעלבע חשוב׳ע תושבים, אין דעם זעלבען פּראָגרעסיוו. פּ. מילער איז ווידער פּרעזידענט, דר. מ. באַרבאור איז דער טשערמאַן פון דער באָרד, מ. לעסטיק, וויים פּעזידענט, ז. שמוקלער, סעקרעטאַר, נ. גודמאַן, פינאַנץ סעקרעטאַר, פּ. ניוטאָן, טרעזשורער, און אַנדערע מיטגלידער פון דער באָרד זיינען ס. ברווידא, י. בראַנדיס, ה. ברענער, ד. גאָלדין, ס. דובין, ס. ראָזענבלום, און ה. טראַכטענבערג.

די פּראָגרעסיוו איז אַלעמאָל געווען פאַררעכענט פאַר אַן אָרגאַניזאַציע מיט א נשמה. די מיטגלידער האָבען צווישען זיך אַלעמאָל דעמאָנסטרירט דעם גייסט

פון אחדות און פריינטשאפט, און די אָרגאניזאציע האָט זיך אויסגעצייכענט באַזונדערס אויף דעם געביט פון קולטור און ליטעראטור.

די אָרגאניזאציע שטרעבט אָנצוהאלטען דעם גייסט און איהם איבערפלאַנצען צווישען די נייע אריינגעקומענע מיטגלידער.

★

דזשייקאָב טיקאצקי

רעזידענץ—6417 נ. 11טע סטריט. געשעפטס אדרעס: 314 נ. 13טע סטריט, קוטנער ענד דע קאסטא, דרעס מאַנופעקטשורערס.

געבוירען אין סוכאוואליע, גראדנער גובערניע, אין 1893, דער זוהן פון חיים ברוך און הינדע טיקאצקי.

פאָטער איז געווען א פאבריקאנט פון שפינדלען און וועב מאשינען. דער יונגער יעקב איז געהאַלטען געוואָרען אין חדר ביז פערצען יאָהר. האָט אויך געלערענט א פאָר יאָהר אין דובראווער ישיבה.

אין אמעריקא געפינט ער זיך זינט 1910. אין אָנהויב איז ער געוואָרען אַ צושניידער ביי לידיס וועיסט. אין 1926 איז ער געגאנגען אין שותפות מיט קוטנער און דע קאסטא גרינדענדיג די איצטיגע פירמע. זיי באַשעפטיגען אַרום 350 אַרבייטער.

יעקב טיקאצקי איז געווען אין דער אמעריקאנער ארמיי אין דער ערשטער וועלט מלחמה און ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער אין 1919 געהייראט ראוז מוטשניק, זיי האָבען 2 קינדער: סילוויא, איז פארהייראט צו לאָיער ראבערט ברעקער, מיט סילוויען הוירש. סילוויא האָט געמאכט פענסילווייניע יוניווערסיטי, האָט באַקומען אַ סקאָלערשיפ. מעלווין טיקאצקי, 13 יאָהר אַלט, אין דזשוניאָר האַי סקוהל.

יעקב טיקאצקי איז א מיטגליד פון דער באָרד אין קאנגרעגיישאָן בית שלום, אַן אַקטיווער ציוניסט, אַ מיטגליד פון ארלאזאראוו ברענטש, אידיש נאציאָנאַלער אַרבייטער פארבאנד, א דירעקטאָר פון דער פילאדעלפיער וועיסט און דרעס מאַנופעקטשורערס אסאָסיאיישאָן, ער איז אויך אַ מיטגליד אין דעם מייסאָניק אָרדער מיטגליד פון דעם „אמעריקען לידזשאָן," א ליבעראַלער בייששטייערער פון דעם עלאַיד דזשואיש אַפּיל, יונייטעד טשאַריטיס דרייוו, ישיבת משכן ישראל, היברו ליטעראַטור סאָסייעטי, און אַ גרויסער ליבהאבער פון אידישער ליטעראַטור און מוזיק.

טיקאצקי נעמט אַ וואַרימען אינטערעס אין געזעלשאַפטליכע פראַגען, און ער האָט אַ פּראָגרעסיווען קוק אויף דעם לעבען. זיינע סימפּאַטיעס זיינען אַלעמאָל אויף דער זייט פון דעם אַרבייטער און ער האָט אַ באַזונדערען דרך אֶרץ פאַר בילדונג און געלערזאַמקייט. ער אידענטיפיצירט זיך מיט יעדער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער איז שטאַרק פאַרנומען און פאַרמאָגט זעהר ווינציג צייט פאַר געזעלשאַפטליכער אַרבייט.

יוסף פאול



געבוירען אין בענדין, רוסיש־פוילען, אין 1893, א **זוהן** פון אברהם יצחק און שיינדעל פאליוואדע. געגאנגען אין חדר בלויז ביז אכט יאהר, און זעהר פריה אנגעהויבען ארבייטען ביי א פלייש האקער. אין דער צייט פון דער רוסיש־יאפאנעזישער מלחמה געווארען א פליכטלינג און איז געבליבען וואוינען אין גענף, שווייץ, וואו ער איז געבליבען ביז 1914, ערב וועלט מלחמה. אין יוני, 1914, איז ער אנגעקומען קיין אמעריקא אלס ספארט אטלעט, און צוליב דער מלחמה געבליבען געשטראנדעט.

געהייראט ענע שולץ, זיי האבען 1 טאכטער, אסתר, 10 יאהר אלט, באזוכט פאבליק סקוהל און ארבייטער רינג שולע.

יוסף פאול האט גרויסע פארדינסטען צוליב דער רעטונגס ארבייט צווישען פליכטלינגע זינט היטלער איז געקומען צו דער מאכט. האט צו זיין קרעדיט ביז איצט 48 פליכטלינג פאמיליעס וועמען ער האט ארויסגעראטעוועט דורך וויזעס און אויך דערנאך באקומען פאר אלעמען באשעפטיגונג.

צייכענט זיך אויך אויס אלס אטלעט, און איז באקאנט אלס דער אייזען־קעניג. האט געוואונען צעהנדליגע פרייזען אויף אטלעטישען געביט. אין 1926 באקומען ערשטען פרייז פון „ווהייט עיפארן" (מייסאניק) קלוב. אין 1927 באקומען פרייז פון מענ'ס טעמפל קלוב פון דר. קראוזקאפף. אין דזשו, 1926, באקומען פרייז פון מעדיגא פייער קאמפאני נומער 1, פון בעטלעהעם שטאהל קארפאריישאן. סעפטעמבער 10טען, 1928, באקומען „טראפי" פון האיאוואטא קלוב, און אין 1928 פון פעקער'ס בעיזבאל ליגע.

אין 1922 געווען איינער פון די גרינדער פון „קונסטווינקעל" צוזאמען מיט וויליאם ספערלינג, דייוו בען, מאדאם צייטלין, גיטל רובין, יעקב ראזען, מארים האלפערן, ס. האבערמאן, פ. שיינבוים, יצחק סידער, פאולין שפאכנא, אהרן קאניעווסקי, אנא הארן, מאלי קאניעווסקי און מ. סוקאניק.

געשפילט אין פרץ הירשביין'ס „גרינע פעלדער," „יואל," „עולם הבא," שלום עליכם'ס „מענשען," „צוזייעט און צושפרייט," ראזשינקעס מיט מאנדלען," „אויפ'ן נייעם וועג", אנסקי'ס „דיבוק", האט אויך געשפילט מיט מוני וויזענ־פריינד אין ארטש סטריט טעאטער, אנשעל שאר'ס רעזשי. האט זיך אויך בא־טייליגט אין א צאהל יעקב גארדין פיעסען. אין 1941 אויך געשפילט אונטער רעזשי פון אברהם בעל אין „וואי" אודיטאריום.

פאול איז אויך א גרויסער זאמלער פון קונסט אנטיקען און זיין הויז איז פארעכענט פאר א מיניאטור מוזעאום.

★

סעמועל ה. דאראף

פרעזידענט פון קאנגרעגיישאן בני ישורון, און טשערמאן פון עלאיד דזשואיש אפיל, אין 1942. געבוירען אין פילאדעלפיא, דער זוהן פון הערי דאראף, באקאנטער מאַנופעקטשורער פון מענער קליידער. זיין מוטער, עטל, עליה השלום איז געקומען אהער מיט זיין פאטער מיט 45 יאהר צוריק, פון אוקראינע.

האט באקומען זיין דערציאונג אין די היגע סקוהלס און אידישען אונטעררוכט אין אהל יעקב שוהל.

נאך אלס קינד איז ער געווען דער אנפיהרער פון א יוגענט קאנגרעגיישאן, און ער האט שוין דאן ארויסגעוויזען ברייטהארציגקייט און טיפע פארשטענדניס פאר געזעלשאפטליכער ארבייט. א גוטמוטיגער כאראקטער און אויסערגעוויינטליכע פעאיגקייטען.

אננעמענדיג די פיהרערשאפט פון בני ישורון שוהל, האט סעם דאראף׳ס אקטיוויטעטען זיך גענומען אויסברייטערען אויף יעדען געביט פון אידישען לעבען אין פילאדעלפיא.

ערשטער וויים פרעזידענט פון מאונט סיני האספיטאל, טרעזשורער פון די אסאשיאייט תלמוד תורות, עהרען פרעזידענט פון דער „פעסאוער ליגע,״ (שטאטישע מעות חטין קאמיטע), געוועזענער פרעזידענט פון גאלדען סליפער סקוועיר קלוב, וויים טשערמאן פון דער פילאדעלפיער דזשואיש וועלפעיר באָרד, מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פילאדעלפיא.

סעמועל ה. דאראף ווערט פאררעכענט אלס דער אינגסטער שוהל פרעזידענט אין די פאראייניגטע שטאטען. ער איז שטארק באליבט אין אלע געזעלשאפטליכע קרייזען. כאטש אונזערע חכמים האבען געזאגט „בן ארבעים לבינה,״ פארשטאנד קריגט א מענש ערשט צו פערציג יאהר, מעג מען זאגען, אז סעמועל ה. דאראף האט די מדרגה דערגרייכט אסך פריהער אין זיין לעבען.

פילאדעלפיער כלל טוער זיינען שטאלץ אויף סעמועל ה. דאראף, וואס האט זיך דערוואָרבען א שיינעם נאמען אלס כלל טוער, און וואס איז אלעמאל גרייט צו לייסטען זיינע דינסטען דער אידישער און דער אלגעמיינער באפעלקערונג ביי יעדער געלעגענהייט.

סעמועל דאראף איז א מוסטער און אן אינספיראציע פאר דעם איצטיגען דור, אין דער צייט, ווען מיר נויטיגען זיך אזוי שטארק אין פעהיגע פיהרער וואס זאלען זיין גרייט צו טראגען אחריות פאר דער עפענטליכקייט.

(געשריבען פון הרב שלמה ברזל, קאנג. בני ישורון)

★

אב. סילווער

רעזידענץ—5703 וואודקרעסט עוועניו, ווינפילד. אָפיס— 12 ס. 12טע סטריט, פילאַדעלפיא. וועיסט און דרעס מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן.

געבוירען אין קיעוו, 1887, א זוהן פון דוד און קיילע גאָלדפילד. פאָטער איז געווען א איד א גביר, און געהאַלטען אין ערערע מיהלען.

דער יונגער אברהם האָט געלערענט אין חדר ביז 13 יאָהר. האָט אויך געלערענט רוסיש.

אין 1907 געקומען קיין אמעריקא. געווען אין דער וועיסט און דרעס אינדוסטריע א יאָהר צייט. אביסעל שפּעטער האָט פּאַסירט דאָס היסטאָרישע טראַיענגעל פייער, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס לאַנד. אב סילווער האָט אין יענער צייט זיך אריינגעוואָרפען אין דער באַוועגונג צו אָרגאַניזירען די וועיסט און דרעס מאכער יוניאָן, וועלכע האָט געפיהרט צו דעם היסטאָרישען גענעראַל סטרייק. סילווער איז געוואָרען איינע פון די פיהרער פון יענעם סטרייק, און אין 1913 איז ער געוואָרען וויים פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל ל. ג. וו.

אין 1914 האָט די אינטערנעשאנאל ארונטערגעשיט סילווער׳ן קיין פילאַדעלפיא, דאָ צו אָרגאַניזירען די וועיסט און דרעס מאכער יוניאָן. אין 1915 איז דאָ גערופען געוואָרען דער באַריהמטער סטרייק, און אונטער זיין פיהרערשאַפט איז דאָן אויסגעבויעט געוואָרען א שטאַרקע יוניאָן.

דעם אמט האָט סילווער געהאַלטען ביז 1919 און דורך דער צייט האָט ער געשאַפען דעם געדאַנק צו בויען די יוניטי הויז, א זומער היים פאַר אַרבייטער פון דעם טרעיד, וואָס איז דאָן געבליבען א מאָנומענטאַלע אונטערנעמונג וואָס אַרבייטער האָבען געשאַפען. סילווער האָט אויך א חלק אין אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, און אין די מוזיקאַלישע פּראָגראַמען וואָס די אינטערנעשאנאל האָט זינט דאָן דורכגעפיהרט מיט די יוניאָן מיטגלידער.

די שענסטע פינף בליהענדע יאָהרען פון דער אינטערנעשאנאל זיינען געווען די יאָהרען פון 1914 ביז 1919, ווען אב. סילווער איז געווען איינער פון זייערע פיהרער.

ענדערע 1919 האָט סילווער פאַרלאָזען די יוניאָן און ביז 1933 האָט ער געפיהרט א שטיל, צוריקגעצויגען, פּריוואַט לעבען. אין פאַרלויף פון דער פּעריאָדע איז ער אָבער אויך געווען א שטיק צייט דער פיהרער פון א שניידער אָרגאַניזאַציע.

אין 1939 איז סילווער גערופען געוואָרען צו פאַרנעמען דעם אמט פון עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון די פילאַדעלפיער וועיסט און דרעס מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן און אין דעם דאָזיגען אמט איז ער פאַרבליבען ביז היום.

סילווער האָט דאָן איבערגענומען סעמועל שלייען׳ס אמט, און איהם האָט

זיך ביז איצט אלעמאל איינגעגעבען ניט נאר ניט צו דערלאזען צו קיין ערנסטען סכסוך צווישען די בעלי בתים און די וועיסט און דרעס מאכער יוניאן, נאר ער האט אפילו באוויזען צו באאיינפלוסען זיינע בעלי בתים אז זיי זאלען זיך אידענטיפיצירען מיט אלע קולטורעלע און נאציאנאלע טעטיגקייטען פון דעם אידישען פאלק.

אזוי צום ביישפיל איז עס א פאקט, אז א דאנק סילווער׳ס איינפלוס ווערט יעדעס יאהר געזאמעלט גרויסע סומען געלט פאר דעם געווערקשאפטען קאמפיין, פאר דעם נאציאנאל פאנד, פארן עלאיד דזשואיש אפיל, ווייל סילווער האט באוויזען צו געווינען דעם פולסטען צוטרויען פון די חשובסטע מענשען אין דער אסאסיאיישאן, און ער האט צוזמען מיט זיי באאיינפלוסט די מיטגלידער פון דער אססיאיישאן זיך צו שטעלען אויף דעם שטאנדפונקט, אז חוץ דעם וואס זיי זיינען מאנופעקטשורערס, זיינען זיי אויך אידען און טראגען אויף זיך א מאראלען אחריות צו אלע אידישע סאציאלע און קולטורעלע נויטען.

היינט צו טאג איז עס מעהר קיין סוד ניט, אז ביי יעדען שטאטישען דרייוו דארף מען אריינציהען אב. סילווער׳ן אין דער ארבייט, און אויב מען איבערציינט איהם, אז די ארבייט איז וויכטיג, נעמט סילווער איבער א טייל פון דער ארבייט און ער שאפט גרויסע סומען געלט צווישען די מיטגלידער פון דער אסאסיאיישאן.

האט געהייראט סיליע לאסקין, א טאכטער פון איינע פון די פראמינענטסטע הינגע אידישע פאמיליעס. זיי האבען איין טאכטער, דאראטהי, מרס. דר. דזשארדזש בער, גראדואירט פון וואשינגטאן מעדיקאל יוניווערסיטי, און אסאשיאייט צו דר. מייזער, אין מאונטט סיני האספיטאל.

אב. סילווער איז א מיטגליד פון דער בארד פון עלאיד דזשואיש אפיל, אין דער אדוויזארי קאמיטע פון דעבארא סאניטאריום, איז א צייט געווען א דירעקטאר פון נארטהערן ליבערטים האספיטאל, איז איצט פרעזידענט פון ברענטש 396 אידיש נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד, א מיטגליד פון דער סיטי קאמיטע, א מיטגליד פון דער בארד אין דאון טאון אידישען בית יתומים, אפטאון מושב זקנים, ישיבת משכן ישראל, מיטגליד פון דער בארד פון נאציאנאל פאנד אין פילאדעלפיא, דירעקטאר פון דער בארד פון געווערקשאפטען קעמפיין, און שוין עטליכע יאהר ווי ער איז אינסטרומענטאל אין שאפען טויזענדער דאלאר יעדען יאהר פאר דער הסתדרות אין ארץ ישראל. איז געווען טשערמאן פון דעם פארבאנד פון די פוילישע אידען וואס האט דא געשאפען איבער צוואנציג טויזענד דאלאר, האט אויך דערפאלגרייך דורכגעפיהרט די אונטערנעמונג פון דעם „הכח״ סאקער טיעם אין פילאדעלפיא.

אב. סילווער באזיצט אלע אטריביוטען פון א פיהרער, און כמעט אפיציעל איז ער דער דירעקטאר פון דער וועיסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, א קאפיטאליסטישע קערפערשאפט, האט ער אבער קיינמאל ניט פארגעסען, אז ער איז יאהרענלאנג געווען פארבונדען מיט דער אידישער ארבייטערשאפט, און עד היום איז ביי איהם געבליבען איינגעווארצעלט א טיעף, ווארעם געפיהל צו די ארבייטער, און אלע זייערע אונטערנעמונגען.

די לעצטע יאהרען איז ער אויך געווארען אסך נעהענטער צו ארץ ישראל,

און אַלע זיינע כחות ווערען אָנגעווענדעט צו באאיינפלוסען זיינע קרייזען לטובה דעם ציוניזם בכלל און דעם ארבייטער ציוניזם בפרט.

חוץ דעם איז סילווער שטארק פאראינטערעסירט אין אַלע וואוילטעטיגע אנשטאלטען, לאקאלע און נאציאנאלע, און מען געפינט איהם ביי יעדער וויכ־טיגער אונטערנעמונג.

★

דזשאָזעף סעמועל עליקמאַן

רעזידענץ—קענווין אַפּאַרטמענטס. אָפיס: 250 וועסט קעמבריא, דזשאָזעף ס. עליקמאַן ענד קאָמפּאַני.

געבוירען אין טאָלנע, קיעווער גובערניע, דער זוהן פון יהושע און רחל עהרליכמאַן.

דער פאָטער איז געווען אַ סוחר.

דזשאָזעף ס. עליקמאַן איז אין אמעריקא זינט 1903, און איז די ערשטע צייט געווען אַן ארבייטער. עליקמאַן האָט נאָך עד היום די טיפסטע סימפּאַטיעס מיט דעם אַרבייטער קלאַס, און אַלס אינדוסטריאַליסט איז ער גע־שעצט און געאַכטעט צווישען אַרבייטער.

האָט געהייראַט ראַזעלין לאַדזשמאַן, און איז באַקאַנט אַלס אַ כלל טוער וואָס טוט וואוילטעטיגע אַרבייט צווישען פאַרשיידענע אנשטאַלטען. באזונדערס איז ער אַקטיוו פאַרן דעבאָרא סאַניטאַריום, וואו ער איז דער ערשטער נאַציאָנאַלער וויים פּרעזידענט, טשערמאַן פון מענס דיוויזשיאַן, טרעזשורער פון דעם קעמפּיין פון דעם דאַון טאַון בית יתומים, זייענדיג אַ „לאַיף מעמבער,” און אַן עהרען פּרעזידענט, אַ דירעקטאָר פון דער באָרד אין נאָרטהערן ליבערטיס האָספּיטאַל, איז אַ מיטגליד פון מאונט סיני האָספּיטאַל, אַ דירעקטאָר פון דעם עלאַיד דזשו־איש אַפּיל, און נוצט זיין איינפלוס אויף די מיטגלידער פון דער פילאַדעלפיא וועסט און דרעס מאַנופעקטשורערס אַסס'ן צו זאַמלען גרויסע סומען געלט פאַר דעם קעמפּיין יעדען יאָהר.

טרעזשורער פון דער פילאַדעלפיא וועסט און דרעס מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן, פּרעזידענט פון מעיל אָרדער גאַרמענט פּראָדיוסערס אָוו אַמע־ריקאַ, איז אויך דער ערשטער וויים פּרעזידענט פון דער נעשאַנאַל אַסס'ן, פון וועסט און דרעס מאַנופעקטשורערס. עליקמאַן איז אַ פּראָמינענטער מייסאָן, און ער איז ביי זיי געאַכטעט צוליב זיין אויפריכטיגקייט און איינפאַכקייט.

אין נאָוועמבער, 1935, איז דזשאָזעף ס. עליקמאַן פּרעזענטירט געוואָרען מיט אַ בראָנזענעם טאַפעל פון זיינע אַרבייטער און אָנגעשטעלטע, אַלס צייכען פון לאָיאַליטעט און גוטען ווילען.

עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט אַז דזשאָזעף ס. עליקמאַן האָט אין אַלע זיינע

פערציג יאהר וואס ער איז א מאנופעקטשורער כמעט קיינמאל קיין ארבייטער נים אוועקגעשיקט. אלע וואס ארבייטען ביי איהם פיהלען זיך ווי אין אן אייגענער פאמיליע.

דזשאזעף ס. עליקמאן איז א גרויסער ליבהאבער פון דעם אידישען ווארט, פון דער פרעסע און פון בוך, און ער האט מעהרערע מאל דעמאנסטרירט זיין גרויסען דרך ארץ פאר אידישע שריפטשטעלער און זייערע שאפונגען.

אלס נדבן איז ער באקאנט פאר איינעם וואס שטיצט וואוילטעטיגע אנשטאלטען מיט דער פולער האנט, און דערווארטעט נים דערפאר קיין חניפה אדער דאנק.

★

סעמועל פאליי

רעזידענץ—5622 וואודביין עוועניו. אפיס: 3111 וועסט אלעגעיני עוועניו; סעמסאן, פאליי און גודמאן.

סעמועל פאליי איז געבוירען געווארען אין ניעזשין, רוסלאנד, אין 1881, דער זוהן פון דובער און פרומע ריווע פאליי. דער פאטער איז געווען א פארוואלטער פון אן אימעניע. און ער האט זיין זוהן געלערענט חוץ אידיש און העברעאיש אויך דייטש און רוסיש.

אין אמעריקא געפינט ער זיך זינט 1892. די ערשטע פינף יאהר איז סעמועל פאליי געווען אן ארבייטער ביי ליידיס ווייסטס. שפעטער איז ער געווארען א פארמאן אין א פאבריק, דערנאך איז ער געווארען דער פארוואלטער און זייענדיג אן אמביציעזער מענש, פול מיט ענערגיע און פעהיגקייטען האט ער געגרינדעט מיט נאך צוויי שותפים די פירמע סעמסאן, פאליי און גודמאן. זיי האבען מצליח געווען און היינט צו טאג ווערט די פירמע פאררעכענט פאר איינע פון די אנגעזעהענסטע אין לאנד אין דער דרעס אינדוסטריע.

אין דעם סעזאן באשעפטיגט די פירמע נאהענט צו טויזענד ארבייטער. האט געהייראט קלארא סאמערסאן, זיי האבען דריי קינדער: דאראטהי, איצט מרס. הערמאן פוירשיל, בערנארד פאליי, און מרים, איצט מרס. סעמועל וועקסלער.

אלע קינדער האבען גראדואירט פון האי סקוהל, דאראטהי האט אויך באזוכט יוניווערסיטי אוו פענסילווייניע.

סעמועל פאליי נעמט א טיפען אינטערעס אין דעם דאון טאון בית יתומים, וואו ער איז איינער פון די בארד אוו דירעקטארס, און א קא־טשערמאן, א דירעקטאר פון דעבארא סאניטאריום, א וויס פרעזידענט פון ישיבת משכן ישראל, א דירעקטאר אין דער היברו ליטעראטור סאסייעטי, א באדייטענדער אונטערשטיצער פון דעם געווערקשאפטען קאמפיין, עלאיד דזשואיש אפיל, יונייטעד טשאריטיס דרייוו, און איז בכלל אינטערעסירט אין דעם וואוילזיין פון אלע אידישע אנשטאלטען וואס ער שטיצט מיט דער פולער האנט.

ער איז אויך פארערכענט פאר א ליבהאבער פון דעם אידישען בוך און אידישען טעאטער.

סעמועל פאליי איז א מיטגליד אין הר ציון טעמפעל און א מייסאן.

מרס. פאליי איז אקטיוו אין דעם הר ציון טעמפעל סיסטערהוד און אויך אין דער הדסה.

מר. און מרס. פאליי האבען אויך פינף אייניקלאך, הארווי פוירליש, רוטה פוירליש, ריטשארד און דעניעל פאליי און בארבארא וועקסלער.

★

מעקס פיינגאלד

רעזידענץ—5342 לעבאנאן עוועניו. געשעפטס אדרעס: 1236 ארטש סטריט. געבוירען אין רעזשישטשעוו, רוס־לאנד, אין 1882, דער זוהן פון יעקב און שרה פיינ־גאלד. דער פאטער איז געווען א פאבריקאנט און ער האט דעם זוהן געהאלטען אין חדר ביז נאך בר מצוה.

מעקס פיינגאלד איז געקומען קיין אמעריקא אלס א 4 יאהריגער אינגעל ,און ער האט דא געמאכט פאבליק סקוהל. די ערשטע צייט איז ער געווען א שיק־אינגעל, פארקויפט צייטונגען אויף דער גאס. שפעטער איז ער געווארען א ציגאר־מאכער.

איז פאראהייראט צו רעי אייזיקסאן זינט 1913.

פרעזידענט פון דער פילאדעלפיא וועיסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן. גרינדער פון דער בעטיני פראק קאמפאני פאר די לעצטע 12 יאהר. אין 1941 איז ער באעהרט געווארען מיט א טעסטימאניעל דינער אין בראד סטריט מענשאן, אלס צייכען פון אנערקענונג פאר זיין פערציג יאהר אין ביזנעס.

טשערמאן פון דעם יעהרליכען מעינטענענס דראיוו פון דעם אפטאון מושב זקנים, איז איינער פון די גרינדער פון דער בני ישורון קאנגרעגיישאן, איז געווען דער סקוהל טשערמאן און אויך סעקרעטאר א לאנגע צייט. איז אויך איינער פון די גרינדערס פון דער „ביג בראדערס אסס'ן, איז א בארד מיטגליד פון די אסא־שיאייט תלמוד תורות, איז באקאנט פאר א ליבעראלעןביישטייערער אין אלע צדקה אנגעלעגענהייטען, א שטיצער פון דעם עלאיד דזשואיש אפיל, יונייטעד טשאריטים דראיוו, דעבארא סאניטאריום, געווערקשאפטען קעמפיין, און אלע אנדערע נאציאנאלע און לאקאלע אנשטאלטען.

★

סעמועל נעצקי

רעזידענץ — 5747 וואודביין עוועניו. אָפיס: סאָס־קעהענא וועיסט קאָמפּאַני, דזשוניפּער און ווין סטריטס. געבוירען אין קיוואַיע ראָזע, פּאָדאָלסק, מאַרטש 10, 1882, א זוהן פון זאב און שרה טראָסטאַנעצקי. פאָטער איז געווען אַ סוחר פון מעהל, אַ איד אַ למדן, און ער האָט מיט דעם זוהן אליין געלערענט תנ"ך.

אין 1898 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקא. געאַרבייט אין אַ פאַבריק אַלס אַ וועיסט מאַכער, ביז 1917, ווען ער האָט געגרינדעט די סאָסקעהענא וועיסט קאָמפּאַני. געהייראַט חנה זייטלין אין 1909, און זיי האָבען צוויי זיהן: וויליאם, 31 יאָהר אַלט, האָט גראַדואירט פון פּענסילווייניא יוניווערסיטי מיט אַ 4 יאָהר סקאָלערשיפּ. איז מיט'ן פאָטער אין די ביזנעס: דזשאָנא, 27 יאָהר אַלט, האָט באַזוכט די אַרט סקוהל פון פּענסילווייניא יוניווערסיטי.

סעמועל נעצקי איז געווען 5 יאָהר טשערמאַן פון מעינטענענס דרייוו פון דאַון טאַון בית יתומים. איז אויך אינטערעסירט אין דער אויפלעבונג פון דער היברו ליטעראַטור סאָסייעטי; איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון דעם אידישען בוך, און שטיצט אַלעמאָל דאָס אידישע בוך מיט דער פולער האַנט.

נעצקי איז אַ מיטגליד פון טעמפּעל בית אל; נעהמט אַנטייל אין דעם מענ'ס קלוב, און איז אַלעמאָל אינטערעסירט אין אידישער בילדונג אין דער־ציאונג.

מרס. נעצקי איז געבוירען געוואָרען אין רוסלאַנד, האָט באַקומען איהר ערציאונג אין סאַראַטאָוו. לייענט פליסיג עטליכע שפּראַכען; איז אַ פּראָמינענ־טער מיטגליד אין דער הדסה, אין טעמפּעל בית אל סיסטערהוד, און דערמוטיגט איהר מאַן אין זיינע אַרבייטען פאַר אידישע אנשטאַלטען.

✶

דזשאָזעף קאופמאַן

רעזידענץ—5433 לעבאַנאַן עוועניו, געשעפטס אדרעס: 134 נ. 13טע סטריט. פאַראַמאַונט דרעס קאָמפּאַני.

געבוירען אין קיעוו, אין 1896, דער זוהן פון דוד און חיה איטע קאופמאַן. פאָטער איז געווען דער אייגענטימער פון אַ לעדער געשעפט.

דער יונגער יוסף קאופמאַן איז געגאַנגען אין חדר ביז 15 יאָהר אַלט, האָט אויך זיך געלערענט אין אַ רוסישער גימנאַזיע.

אין אַמעריקא זינט 1913, האָט אָנגעהויבען אַרבייטען אַלס צושניידער ביי פרויען קליידער. שפּעטער האָט ער געגרינדעט די פאַראַמאַונט דרעס קאָמפּאַני, אין וועלכער ער האָט מצליח געווען.

האט געהייראט אסתר קאהען, אין 1922, זיי האבען 2 קינדער: ענן, 15 יאהר אלט, אין האי סקוהל, און מארווין קאופמאן, 12 יאהר אלט, אין דזשוניאר האי סקוהל.

דזשאזעף קאופמאן איז א מיטגליד אין דער בני יהושע קאנגרעגיישאן, אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, איז אינטערעסירט אין בילדונג און גיט אפ א סך צייט אויף לייענען ליטעראטור.

מיטגליד פון דער באָרד פון די פילאדעלפיע וועיסט און דרעס מאנופעק־טשורערס אסאסיאיישאן, איז אויך דער טשערמאן פון דער סילק אינדוסטריע, א ליבעראלער ביישטייערער פון דעם עלאיד דזשואיש אפיל, יונייטעד טשאריטיס קעמפיין, געווערקשאפטען קעמפיין, נאציאנאל פאנד, דעבארא סאפניטאריום, דאון טאון בית יתומים, אפטאון מושב זקנים, נארטהערן ליבערטיס האספיטאל, און איז בכלל א גרויסער אונטערשטיציר פון אלע נאציאנאלע און לאקאלע אנשטאלטען.

מרס. קאופמאן איז אקטיוו אין דער סיסטערהוד פון דער בני יהושע קאנ־גרעגיישאן און באטייליגט זיך אין אסך אנדערע וואוילטעטיגע ארבייט.

★

סעמועל וועקסלער לעוויטיעס

רעזידענץ—2324 נ. 50טע סטריט. געשעפטס אדרעס: 1238 קאלאהיל סטריט, אדעלא דרעס קאמפאני.

געבוירען אין רוסלאנד, אין 1899. דער זוהן פון סאלאמאן און בת שבע לעוויטיעס. פאטער איז געווען א קאמיסיאנער, פלעגט צושטעלען אייער קיין אויסלאנד.

אין אמעריקא זינט 1911, האט דא געמאכט פאבליק און האי סקוהל, האט אויך באזוכט יוניווארסיטי או פענסילווייניא.

אין 1922 האט ער געהייראט ראוז קאהען, זיי האבען 1 זוהן, מארווין לעוויטיעס, 18 יאהר אלט, באזוכט איצט יוניווארסיטי או פענסילווייניע.

סעמועל וועקסלער לעוויטיעס איז דער סעקרעטאר פון דער פילאדעלפיא וועיסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, איז א מיטגליד פון הר ציון טעמפל, ווינפילד, פרעזידענט פון דעם מענס קלוב, א פעסט מאסטער פון רייזינג סאן לאדזש, א מיטגליד פון דער באָרד פון נארטהערן ליבערטיס האספיטאל.

מרס. לעוויטיעס איז א מיטגליד פון דער סיסטערהוד, הדסה, פרעזידענט פון קאונסיל או יוניטעס, נארטהערן ליבערטיס האספיטאל.

★

יצחק וואלף אינגבער

רעזידענץ: 2251 נ. 51טע סטריט. געשעפטס אדרעס: בראָד און ליהאַי עוועניו, אינגבער הענד בעג קאָמפּאַני. געבוירען אין ווינקאוויץ, פּאָדאָלסק, אין 1883, אַ זוהן פון אהרן ליב און חנה אינגבער.

דער פאָטער האָט געהאלטען אַ קראָם, איז געווען אַ איד אַ יודע ספר און אַ חסיד, אַ נאָכפאָלגער פון דעם אפטער רב'ס אייניקלאַך. ווינקאוויץ גרענעצט זיך מיט זינקעוו, וואו עס האָבען זיך געפונען די הויפען פון רב. פּינחס'ל און רב. משה'לע, און איז אויך ניט ווייט פון קורילאָוויץ, וואו עס האָט זיך געפונען דאָס הויף פון הרב. יחיאלק'ל.

דער יונגער יצחק וואָלף איז געהאַלטען געוואָרען אין חדר ביז 16 יאָהר ביי די בעסטע מלמדים, ביז עס זיינען פאַר איהם מעהר קיין מלמדים ניט געווען.

אין 1919 איז ער געקומען קיין אַמעריקא, איז געווען אַ מאַשין אפּעריי־טאָר ביי פאַרשיידענע פאַבען, נאָר ער איז אַלעמאָל געווען אומצופרידען.

אין 1907 האָט ער מיט זיין ברודער דייוויד אינגבער אָרגאַניזירט די אינג־בער הענד בעג קאָמפּאַני, און זינט דאַן האָבען זיי מצליח געווען און געפינען זיך אין די זעלבע „ביזנעס" עד היום.

האָט געהייראַט פייגע קופּערמאַן, אַ שוועסטער פון דעם היגען דר. קופּער־מאַן. זיי האָבען 2 קינדער: בערנארד אינגבער, 28 יאָהר אַלט, האָט גראַדואירט פון טעמפּל יוניווערסיטי, דענטאל קאלעדזש, און סעלמא, איצט מרס. דר. מיל־טאָן געלמאַן, האָט גראַדואירט פון ברין מאור קאלעדזש.

יצחק וואלף אינגבער איז געווען דער גרינדער און ארגאניזאטאר פון לאדזש נומער 20, ברית שלום, איז יאָהרענלאַנג געווען אקטיוו, אלס טרעזשורער, פּרעז־זידענט און סעקרעטאַר פון דעם לאדזש, איז אַ געוועזענער דירעקטאָר פון טעמפּל בית שלום, וואו עס געפינט זיך אַ פראַכטפולער טאפל אין אנדיינק פון זיין פאַ־טער, אהרן ליב אינגבער, עה"ש. האָט אויך געגעבען אַ ספר תורה אין בני אהרן שוהל אין אנדיינק פון זיינע שוויגער־עלטערן.

אַ מיטגליד פון הר ציון טעמפּל, און אויך דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער לאַגאַנער שוהל, 10טע און ראַסקאַם סטריטס.

אינגבער איז אַ ליבעראַלער אונטערשטיצער פון דעם עלאיד דזשואיש אַפּיל, יונייטעד טשאַריטיס דרייוו, מאונט סיני האָספּיטאַל, ישיבת, בית יתומים, מושב זקנים, און דער עיקר, ער האָלט פון מתן בסתר, און שטיצט יעדעס מאָל ווען ער געפינט אויס אַז עמיצער איז אין אַ נויט.

איז געווען איינער פון די גרינדער פון דעם הארעים בוירק מעמאָריאל האָס־פּיטאל, היינט אידישער פסיכיאטרישער שפּיטאל).

אינגבער'ס קינדער האָבען באַקומען אַ גוטע אידישע דערציאונג און גייען אין די פוסטריט פון זייערע עלטערן.

מרס. אינגבער איז א מיטגליד פון דער סיסטערהוד פון הר ציון טעמפל, הדסה, און נעמט א ווארימען אינטערעס אין וואוילטעטיגער ארבייט.

די אינגבער'ס האבען אויך איין אייניקעל.

★

חנה אינגבער

געבוירען אין ווינקאוויץ, ביי חסידישע עלטערן, דער פאטער שמואל דוד'יעס, (גאלדשטיין), איז געווען א שם־דבר אין דער אלטער היים, א באלעבאטישער איד, און א יחסן.

האט געהייראט אהרן ליב אינגבער. עס זיינען געבליבען פיער זיהן און 3 טעכטער:

ראסיע, מרס. דר. מאזעס ליפשיטץ; יצחק וואלף אינגבער; ברכה, איצט מרס. מארים אלפערין; דייוויד אינגבער; שלמה אליה אינגבער; דזשעני, איצט מרס. הערי מארדעל, נייטען אינגבער.

חנה אינגבער האט אויך עלף אייניקלאך, און זעקס אור־אייניקלאך, צוזא־מען זיינען די אינגבערס שוין פיער דורות אין אמעריקא, און די גאנצע משפחה וואוינט אין פילאדעלפיא.

חנה אינגבערג איז איינע פון יענעם דור נשים צדקניות, ביי וועמען אמע־ריקא האט ניט אוועקגענומען דעם בטחון און די אמונה אין גאט, און וועלכע טרעט ניט אפ פון דעם ארטאדאקסישען אידישקייט, פונקט ווי זי וואלט נאך עד היום געבליבען אין דער אלטער היים.

חוץ דעם וואס חנה אינגבער איז א גרויסע בעלה צדקה, איז זי דער עיקר פאראינטערעסירט אין דעם וואוילזיין פון גוטע אידען. זי איז א שטארקע אנ־הענגערין פון דעם מאנאסטרישטשער רבין, און פון אלע גוטע אידען, וואס קומען צוגאסט קיין פילאדעלפיא.

זי איז אקטיוו אין יעדען אידישען אנשטאלט אין שטאדט, האט ארגאני־זירט און איז געווען פרעזידענט פון פרויען גמ"ח און פארקסייד.

★

דר. מ. י. קאליש

רעזידענץ, 1420 וועסט דזשיראַרד עוועניו. אפיס: דער זעלבער אדרעס. געבוירען אין אלט קאנסטאנטין, 1890, דער זוהן פון חיים זאב (בוזי) און ליבע קאלוזשני.

פאטער איז געווען א קאמיסיאנער פון תבואה, און ווען דער זוהן איז אלט געווען אכט יאהר, האט די פאמי־ליע זיך איבערגעצויגען קיין טשערנאאסטרע, פאדאל. מנחם האט געלערענט ביי די בעסטע מלמדים און אויך אין א חדר מתוקן ביז 16 יאהר אלט. ער האט זיך אויך געגרייט אפצוגיבען עקזאמען.

אין אמעריקא זינט 1906, האט געטאן כל־ערליי עבודת

פרך, געארבייט אלס צושניידער ביי קעפס, ביי מענער־ארבייט, אויך אין רעסטא־ראן, און שפעטער געווארען א זינגער ניי־מאשין אגענט, אבער לגייכצייטיג האט ער בייגאכט געשטודירט. איינע פון זיינע לעהרערינס אויף וועמען ער איז עד היום שטאלץ, איז געוועז די באריהמטע וואלטערינע דע־קלעיר, א גרויסע פערזענליכקייט אין דעם אנהויב פון דעם יאהרהונדערט.

אנגעקומען אין טעמפל יוניווערסיטי דענטאל סקוהל פון וואנען ער האט גראדואירט אין 1916, מיט דעם טיטול, ד. ד. ס.

האט געהייראט גיטל קאפלאן, אין 1916, און זיי האבען 2 קינדער: אסתר, איצט מרס. סעמועל הייבער, און יהודית. אסתר האט גראדואירט פון טיטשערס קאלעדזש, טעמפל יוניווערסיטי, און יהודית גראדואירט איצט פון גרעטץ האי־סוקהל. ביידע טעכטער האבען גראדואירט פון די אידישע פאלקס שולען און מיטלשולען.

דר. קאליש רעכענט זיך פאר איינעם פון די ערשטע פועלי ציון טוער און ער איז פארבליבען אקטיוו אין דער באוועגונג ביז היינט צו טאג. ער איז דער פארזיצער פון דער צענטראלער פארוואלטונג פון די פאלקשולען, ער האט גענומען א גרויסען אנטייל אין דער באוועגונג ביז היינט צו טאג. ער האט גע־נומען א גרויסען אנטייל אין דער באוועגונג פון דעם אמעריקאנער אידישן קאנ־גרעס, איז געווען וויצע פארזיצער פון דעם היגען קאונסיל פון אידישע ארגא־ניזאציעס פאר דעם אידישען קאנגרעס, 2 טערמינען, געווען פארזיצער פון דעם געווערקשאפטען קעמפיין, אין 1932-1933-1934, ער האט צו זיין קרעדיט די גרינדונג פון דעם ערשטען פיאנערען פרויען קלוב אין פילאדעלפיא, א געוועזענער מיטגליד פון דער גענעראל עקזעקוטיווע פון נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד פון 1936 ביז 1940, איז אויך געווען דער ערשטער וואס האט אינאגורירט די קעמפיינס פאר די פאלקס שולען אין 1922-1923, האט אויך דורכגעפיהרט דעם פלאן פאר א שול־וואך, פון וועלכען עס האט זיך שפעטער אנטוויקעלט דער פלאן פאר א „שול־חודש” איבערן לאנד.

מרס. קאליש איז אקטיוו אין דער פיאנערען־פרויען באוועגונג, זי איז אויך די פארזיצערין פון דער היגער מיטלשולע, און העלפט בכלל איהר מאן אין אלע זיינע געזעלשאפטליכע ארבייטען.

★

יצחק שטאלער

רעזידענץ — 2580 פרענקפארד. געשעפט אדרעס: דראג סטאר אין זעלבער געביידע. געבוירען אין זאליואנש־טשינע, לעבען וויניצע, פאדאלסק, דער זוהן פון משה און וועליע, שטאלער.

פאטער איז געוועז א נאמן ביי בראדסקי'ן אין א צוקער פאבריק, האט דעם זוהן געהאלטען אין חדר און דערנאך ביי פריוואט מלמדים, שפעטער האט ער איהם

געשיקט אין דער זשיטאָמירער ישיבה, וואו ער האָט געלערנט ביז נײַנצען יאָהר אַלט.

אין אמעריקא זינט 1911, געווען די ערשטע צייט אַ לעהרער אין דער צענ־טראַלער תלמוד תורה אויף קעטהרין סטריט, ביז ער האָט אָנגעהויבען שטודירען, און אין 1912 איז ער אַריין אין פּענסילווייניא יוניווערסיטי, פון וואנען ער האָט גראַדואירט אַלס דר. אָוו פאַרמאַסי. האָט געהייראַט נחמה פראַנק, אַ טאָכטער פון איינער פון די אנגעזעהענסטע משפחות אין ווינניצע, און זיי האָבען איין טאָכטער, שושנה.

שושנה האָט גראַדואירט פון טעמפּל יוניווערסיטי מיט די „דעגרים" פון אַרט ענד סייענס, האָט אויך גראַדואירט פון דער פאָלקשולע און איז גוט באַקאַנט מיט דער העברעאישער שפּראַך.

יצחק שטאַלער איז אַ באַוואוסטזיניגער ציוניסט פון זיין פריהעסטער יוגענט, און זינט 1917 איז ער אָנגעשלאָסען אין דער פּועלי ציון פּאַרטיי, איז געווען סעקרעטאַר פון ברענטש 1, און האָט אַלע יאָהרען גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל אין אַלע פּאַרטיי צוזאַמענפאָהרען און קאָנווענשאַנס.

איז געווען אַקטיוו אין דער פאָלקשולען באַוועגונג, געווען פאָרזיצער פון דער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע, איז פאַר די לעצטע 13 יאָהר דער טרעזשורער פון דעם געווערקשאַפטען קעמפּיין, איז געווען אַ דעלעגאַט צום אידישען קאָנגרעס אין צוריך, אין 1936, איז אויך אין יענער צייט געווען אין ארץ ישראל, וואו ער האָט פאַרבראַכט עטליכע וואָכען.

ער איז דער סעקרעטאַר פון דעם פעדעראַטיווען קאָמיטעט און נוצט בכלל אוים זיין איינפלוס אויף אַלע ציוניסטיש סאָציאַליסטישע אַרבייטען דאָ אין שטאָדט.

יצחק שטאַלער איז אַ ליידענשאַפטליכער ליבהאַבער פון העברעאיש, לייענט אַלץ וואָס ווערט געשאַפען אין דער העברעאישער שפּראַך איבער דער וועלט, און ער פאַרמאָגט אַ גאָר פיינע העברעאישע ביבליאָטעק, וואָס איז אַ זעלטענהייט אין שטאָדט.

נחמה שטאַלער איז איינע פון די גרינדערינס פון דער פּיאָנערען פרויען באַוועגונג אין פילאַדעלפיא, וואו זי איז אַקטיוו עד היום. זי איז גלייכצייטיג אַקטיוו אין דעם געווערקשאַפטען קעמפּיין און אַרום די פאָלקשולען.

★

יצחק לוי שטערן

רעזידענץ—503 פיין סטריט. אָפיס דער זעלבער אַדרעס: דזש. ל. סטוירן ענד סאָן, ריעל עסטייט ענד אינשורענס.

געבוירען אין אונגאַרן, אין 1876, דער זוהן פון דובער און מרים שטערן. פאָטער איז געווען אַ סוחר און האָט זיין זוהן געהאַלטען אין חדר ביז 15 יאָהר.

אין 1890 האָט דער פאָטער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקא, האָט באַלד

נאכדעם ארונטערגעבראכט אהער זיין זוהן. די מוטער איז נאך פארבליבען אויף יענער זייט גאנצע זיבען יאהר.

דער יונגער יצחק לוי האט באלד געמוזט געהן ארבייטען און ווי ער דערציילט, האט ער די ערשטע וואך פארדינט פינף און אכציג סענט.

האט געהייראט פייגע ראדוצקי אין 1898, זיי האבען פינף קינדער: אסקאר שטערן; בערטהא שטערן; ליליען, איצט מרס. מילטאן ריבאקאוו; ראזעטע, איצט מרס. האפקין, און ריבא שטערן.

אלע קינדער זיינען האי סקוהל גראדואירטע.

ביז 1913 איז יצחק לוי שטערן געווען א ציגאר מאכער. דערנאך איז ער געווארען דער פארוואלטער אין דזשואיש קאנסאמפטיוו אינסטיטוט, 406 וואהארטאן סטריט ביז 1919, ווען דער אינסטיטוט האט זיך פאראייניגט מיטן איגלוויל סאניטאריום.

געווען סעקרעטאר אין באסלאוער פאראיין 27 יאהר. איז א מיטגליד אין אידיש נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד, אקטיוו אין ווילאו קרעסט קאנוועלעסענט סוירקעל.

דער זוהן, אסקאר שטערן, איז אקטיוו אין עלאיד דזשואיש אפיל, יונייטעד טשאריטים דראיוו, און פארוואלטעט מיט דעם פאטער׳ס געשעפטען.

★

מאיר וואלאוו

רעזידענץ—719 ספרוס סטריט. געשעפטס אדרעס: 12טע און לאמבארד סטריטס.

געבוירען אין פערעיאסלאוו, אין 1885, דער זוהן פון מאניש וועלי גרשונ׳ס, פאטער איז געווען א מלמד, און איז פאראייביגט געווארען אין דער אידישער ליטעראטור פון דעם וועלט-באריהמטען שלום עליכם׳ן, וואס איז געווען זיינער א תלמיד, און שילדערט וואלא׳ס פאטער, אין „פונ׳ם יאריד.״

מאיר וואלאוו האט געלערענט אונטער דער השגחה פון זיין פאטער און אויך ביי אנדערע מלמדים.

איז אין אמעריקא זינט 1906. האט געארבייט א שטיק צייט אין קרעמפס שיפבוי פאבריק אלס שיעט מעטאל ארבייטער.

אין 1900 האט ער געהייראט בלומע מאלאטאפסקי. זיי האבען 3 זיהן: יוסף וואלאוו, 34 יאהר אלט, פארהייראט צו פעני לעוויצקי, לאיער הערי וואלאוו, 32 יאהר אלט, האט גראדואירט פון טעמפל יוניווערסיטי לאא סקוהל, איז פארהייראט צו דאראטהי מייערסאן, און בן ציון וואלאוו, 28 יאהר אלט, איז פארהייראט צו ערנא רוקלין.

מאיר וואלאוו איז דער פרעזידענט פון פערעיאסלאווער פראָגרעסיוו בענעפי־שעל אסאָסיאיישאָן, איינער פון די גרינדער פון דעם פאראיין, מיט 28 יאָהר צוריק.

איז דער טשערמאן פון שמריהו לעווין ברענטש, 318, אידיש נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד, איזאויך געווען איינער פון די גרינדער פון דעם ברענטש, טרעזשורער פון פילאדעלפיער דרייסיג יאָהריגען יובילעאום אידיש נאציאָנאלער ארבייטער פארבאנד, וואס איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין 1942. טרעזשורער פון שטאָדט קאָמיטעט פון א. נ. א. א. פ., קאסירער פון דער צענטראלער פאר־וואלטונג פון די אידישע פאלקשולען אין פילאדעלפיא.

מאיר וואלאוו איז א ליבעראלער ביישטייערער פון געווערקשאפטען קעמפיין, עלאיד דזשואיש אפיל, יונייטעד טשאריטיס דרייוו, און א ליבעראלער אונטער־שטיצער פון אלע נאציאָנאלע און לאָקאלע אנשטאלטען. ער איז באליבט אין דער באוועגונג, ווייל ער איז א „מענש אָהן א גאל" און דינט דער באוועגונג מיט לייב און לעבען.

★

פראמינענטע אידישע פרויען אין פילאדעלפיא

★

הרבנית בלומע שרה לעווינטהאל

געבוירען אין שקוד, די טאָכטער פון הרב הגאון רב בן ציון אריה ציזלינג, א באוואוסטער משכיל, א מוסר'ניק, וואס האט ניט געוואלט אָננעמען קיין כסא הרבנות, איז געווען א ליידענשאפטליכער נאָכפאָלגער פון הרב ישראל סאלאנטער, זצ"ל.

די מוטער, חנה מלכה כאצקעל'ס, האט אויך גע־שטאמט פון א יחסנישער פאמיליע, און איהר פאטער איז געווען באקאנט פאר א צדיק, איש תמים.

די יונגע בלומע שרה האט געהאט גרויס חשק צו שטודירען, נאָר דער פאטער האט איהר געשטערט. זי האט פונדעסטוועגען באזוכט א שולע פאר מיידלאך, אין ליבאו, און האט שפעטער אפילו געהאלטען א שטעלע אלס לעהרערין אין דער ווילנער שולע, „יהודיה," א העברע־אישע שולע פאר מיידלאך. בלומע שרה איז געווען א מיטגליד פון דעם שולען פאקולטעט, צוזאמען מיט די וועלט באריהמטע דראמאטורגען און דיכטער, פרץ הירשביין, ז. אנכי, און דעם העברעאישען משורר, נ. לעווין.

איז געווען אין דער יוגענט פארהייראט צו דר. סעמסאָן. עס איז פון איהם געבליבען איין זוהן, מאיר סעמסאָן, א באוואוסטער בעמיקער אין 1619 ספרוס סטריט, א טאָכטער, לאה, איצט פארהייראט צו ראבאי מאקס געלב, וואס איז פריהער געווען רב אין הערריסבורג, פא., איצט ראבאי אין ווהייט פלעינס, נ. י., נאָך א טאָכטער, רבקה רות, די פרוי פון לאַיער שמואל יחזקאל ליפקאָוויטש, אין נויאָרק.

אין אלול, 1937, האָט זי געהייראט צום צווייטען מאָל דעם היגען פראמי־נענטען גאון הרב דוב אריה הכהן לעווינטהאַל, און עס ווערט אַלגעמיין אנערקענט אַז זי האָט אויפגעבויט זיין „בית שני,״ ניט ערגער ווי עס איז געווען זיין בית ראשון.

זי האָט באזוכט ארץ ישראל, אין תר״פז, האָט דאָרט געהאַט איהרע עלטערען, און אַ צווייטען מאָל האָט זי זוכה געווען צו באַרייזען ארץ ישראל צוזאַמען מיט איהר איצטיגען לעבענס באַגלייטער, הרב לעווינטהאַל, אין תר״צו. הרבנית לעווינ־טהאַל איז פאררעכענט פאַר אַ שיינער העברעערין, פאָלגט נאָך די ליטעראַטור און די פרעסע, נעמט אַ דירעקטען, אַקטיוועו אַנטייל אין דער באַוועגונג פאַר דער אויפלעבונג פון העברעאיש, און דאָ אין שטאָדט איז זי פאַראינטערעסירט אין דער אַרבייט אַרום די ישיבות און אין אַ צאָהל צדקה אנשטאַלטען.

הרבנית לעווינטהאַל איז איינע פון די זעלטענע פערזענליכקייטען אין דער היגער אידישער פרויען וועלט, צייכענט זיך אויס מיט איהר חכמה און קענט־שאַפט, און מיט איהר טיפען אינטערעס צו אַלע צרכי ציבור, און זי איז איינע פון די פראָמינענטסטע אידישע פרויען אין פילאַדעלפיא.

★

דזשעני ה. מילער פייגען

פרעזידענטין פון דער סיסטערהוד פון דער בני ישורון שוהל, רעפּרעזענטירט מיט זיך די אידישע אשת חיל.

באוואוסט אין איהרע אייגענע קרייזען אַלס „ענט דזשעני,״ איז געבוירען געוואָרען אין נויאָרק. איהר פאָ־טער, ישראל כהן, ע״ה, איז געקומען קיין אמעריקא פון ענגלאנד, און איהר מוטער, חנה וואולף, ע״ה, שטאַמט פון פאזען, דייטשלאַנד. האָט געהייראט הערי מילער, ע״ה, אין נויאָרק, און 2 יאָהר שפּעטער האָבען זיי זיך באַזעצט אין פילאַדעלפיא.

אַלס מרס. מילער איז זי געווען אַקטיוו אין אַלע שיכטען פון אידישען לעבען. זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין אייגענע קינדער, אָבער זי ווייסט וואָס דער תלמוד זאָגט: ווער עס לערנט יענעמ׳ס זוהן תורה, איז גלייך ווי ער וואָלט איהם אַליין געבוירען.

עס איז דעריבער גאָרניט איבערטריבען צו זאָגען אַז „ענט דזשעני״ איז די „מוטער״ פון טויזענדער תלמידי חכמים אין אייראָפּא און ארץ ישראל. דאָס אייגענע פון די קינדער אין די היגע מוסדי תורה.

די צדקה וואָס דזשעני מילער פייגען האָט צוטיילט פאַר תורה אנשטאַלטען האָט איבערגעלאָזט טיפע וואָרצלען און אין איהר זכות איז תורה קיינמאָל ניט פאַרגעסען געוואָרען צווישען אידען. די דענוועער תלמוד תורה איז אַ רעזול־טאַט פון איהר בייטראַג. ישיבת רב יצחק אלחנן, נויאָרק, און משכן ישראל, דאָ

אין שטאָדט, ישיבת אהל משה, אין סטראָבערי מענשאָן. מיט איין וואָרט ישיבת און תלמוד תורות זיינען א סינאנים מיט דזשעני ה. מילער פיינגען. זי איז פאַר־טראָטען אין שערי צדק מאטערניטי האספיטאל, בית יתומים דיסקין, אין ירושלים. די „אינפענט שעלטער האום," פון 510 נ. 4טע סטריט, איצט אָנגעשלאָסען אין דער האומוואוד סקוהל, דזשווירמענטאון. די תלמוד תורה, 820 נ. 5טע סטריט, אין גרין לעין פאָסטער האום.

ווען הערי מילער איז געשטאָרבען האָט די בני ישורון זיך געהאַלטען אין בויען. „ענט דזשעני" האָט דאַן מנדב געווען דאָס געלט פאַר דעם מילער צענטער, אַן אנדיינק פאַר איהר ערשטען מאַן. דער „מילער צענטער" בלייבט א בנין עדי־עד.

זי איז דערנאָך געוואָרען די פרוי פון נייטען פיינגען, פרעזידענט פון דער תלמוד תורה אין סטראָבערי מענשאָן און ישיבת אהל משה. נייטען פיינגען איז אויך טשערמאַן פון ועד הכשרות, און צוזאַמען באַטייליגען זיי זיך אין צרכי ציבור באמונה.

מרס. מילער פיינגען איז א טראַדיציאָנעלע פרוי. די שוהל איז איהר צווייטע היים, פונקט ווי איהר הויז איז אַלעמאָל א בית ועד לחכמים און אן אָפענע טיר פאַר אָרימע לייט.

אויב אונזערע נביאים האָבען זיך אויסגעשפּראָכען וועגען דבורה הנביאה „עד שקמתי דבורה שקמתי אם בישראל," קען מען זיך אויסשפּרעכען וועגען „ענט דזשעני'ן" עד שקמתי „ענט דזשעני" שקמתי דודה בישראל.

(געשריבען פון הרב שלמה ברזל, רב דבית הכנסת בני ישורון).

★

דינה ע. וויינשטיין

דינה־עליס וויינשטיין איז א זעהר באַשיידענע פרוי און האָט אפילו מיט אונז געטענה'ט, אַז זי געהערט ניט אין בוך. נאָר א דאַנק וואָס מיר געפינען אין „דשואיש עקס־פּאָנענט" פון דעם 5טען יוני זעהר א וואַרימען אַרטיקעל וועגען איהר, באַנוצען מיר זיך מיט דעם מאַטעריאַל.

דער אמת איז אָבער, אַז דוקא באַשיידענע פּער־זאָנען פאַרדינען פּלאַץ אין אַזא בוך.

דינה איז פון יענע אידישע פרויען וואָס זיינען גע־בוירען געוואָרען צו העלפען לינדערען די נויט, טאָן צדקה און יעדעם מאָל עפּעס אויפטאָן.

דינה איז שוין א לאַנגע צייט אויף דער באָרד פון דער פעדערײשאָן, און אויך אין דער דזשואווענאַיל עיד סאָסייעטי. זי איז א געוועזענע פרעזידענטין פון דעם הכנסת אורחים און מושב זקנים, אין 315 ס. 3טע סטריט, און איז

נאָך דאָרט היינט פונקט אזוי אקטיוו. זי איז אויך פרעזידענט פון דער סטראָ־בערי מענשאָן דעי נוירסערי, און אזוי זעהט איהר, אז די פרוי איז אינטערע־סירט צו העלפען גרויס און קליין.

דינה איז געווען פון יענע וואָס האָבען געהאָלפען אָרגאניזירען דעם ערשטען פעדעריישאָן קעמפיין, האָט פארשטייט זיך שוין געארבייט אין די פארשיידענע קאָמיטעטען און דאָס אייגענע קען מען זאָגען וועגען איהר אָרבייט אין דער הדסה. זי איז געווען צווישען די ערשטע און זי איז איינפאך איבערראַשט ווי אזוי הדסה האָט געמאכט אזא ריזיגען פאָרטשריט.

זי באַדויערט וואָס איהר איז ניט אויסגעקומען ארומצורייזען. איהר גרעסטע אמביציע איז צו זעהן ארץ ישראל. אָבער דינה וויינשטיין איז דאָ צוגעבונדען צו אונזער שטאָדט מיט אַלע פעדים פון איהר נשמה, און יעדען טאָג קען מען טאָן עפּעס גוטעס פאַר אנדערע. די עלים סטודענטען הויז אויף דעם קעמפּוס פון טעמפּל יוניווערסיטי, איז אַ בייטראַג פון איהר פאַמיליע אין אנדיינק פון איהרע עלטערען.

איהר גאַר גרויסע אמביציע איז צו מאכען דאָס לעבען פון אַלטע לייט גליקליכער ווי דאָס איז. איצטער פיהלט זי, אז זי האָט עפּעס דערגרייכט. מען האָט לעצטענס אויפגעבראָכען דעם באָדען אין די „סאבורבס,‟ וואו אלע שטאָ־טישע היימען וועלען געבויעט ווערען אין אַ שורה ווי „קאטעדזשעס‟ און באנ־גאלאָס. נאָך אַ זאַך; נאָך פופציג יאָהר וואָס דער הכנסת אורחים עקזיסטירט ווערען איצט מענער דערוויילט אויף דער באָרד . . . מענער בויען היימען. די איצטיגע היימען האָבען פרויען געבויעט, און ווען מענער און פרויען צוזאמען וועלען אויספּלאַנעווען אַ נייע היים פאַר אַלטע לייט, וועט דאָס זיכער זיין אַ מוסטער.

די סטראָבערי מענשאָן דעי נוירסערי ווערט פאַררעכענט פאַר אַ מוסטער אנשטאַלט, עס פאַרמאָגט פופציג קינדער און העלפט אַרויס די פאַמיליעס אויפ־צוהאַלטען זייער ווירדע.

דינה איז אַ גוואַלטיגע אָנהייגערין פון דער פעדעריישאָן און ווערט קיינמאָל ניט מיעד צו ריידען וועגען איהר.

אָבער אין דער זעלבער צייט איז איהר אינטערעס אין דער אייגענער פאמי־ליע, האָט צוויי דערוואַקסענע פאַרהייראַטע קינדער, און צוויי אייניקלאך, און פיהרט אַ היימיש לעבען. איז שטריינג אָרטאָדאָקסיש, און געהט רעגעלמעסיג אין שוהל.

דינה וויינסטיין איז אַ כבוד פאַר דעם נאָמען עלים, וואָס איז פאַרבונדען מיט פילאַדעלפיער אידישער געזעלשאַפטליכקייט, און איז אַ כבוד פאַר די אנ־שטאַלטען אין וועלכע זי באַטייליגט זיך מיט אמת, אויפריכטיגער ארבייט לטובת הכלל.

★

מרס. גאָלדע נעמיראָווסקי

רעזידענץ, 5416 דיימאָנד סטריט. ווינפילד. געבוירען אין קיעוו, רוסלאנד, די טאָכטער פון משה מיכל און בתיה ריווע. פאָטער איז געווען אַ סוחר פון תבואה און פון וועלדער.

אין אמעריקא זינט 1892. האָט געהייראט שלום נעמיראָווסקי. צוויי זיהן, משה מיכל און פיניע נעמיראָוו־סקי, און 2 טעכטער: בתיה ריווע, מרס. יעקב קאוואק, און עליזאבעטה עטלמאן.

מרס. נעמיראָווסקי איז אַלע איהרע יאָהרען געווען אַקטיוו אין טאָלנער רבינ׳ס לידיס אָקזילערי. האָט גע־האָלפען ארונטערברייינגען דעם רבינ׳ס פאמיליע פון אייראָפּא, האָט אויך געשטיצט די חברה משניות, איז אויך געווען פאַראינטערעסירט אין דעם וואוילזיין פון דער פאמיליע פון הרב נאוואסעלער אין ווינפילד.

זי איז געווען פון די ערשטע טוערינס ארום דעם דאון טאון בית יתומים, דאון טאון דזשואיש דעי נוירסערי, האָט אויך געשטיצט די ישיבה באַוועגונג. האָט פיעל געאָהלפען דער ישיבת משכן ישראל.

די טאָכטער, עליזאבעטה עטלמאן, איז באַקאַנט פאַר איהר וואוילטעטיגער אַרבייט פאַר דער היים פון יתומים מיידלאך אין ירושלים, אין דער הדסה, אין דער סיסטערהוד פון הר ציון טעמפל.

מרס. נעמיראָווסקי׳ס און מרס. עטלמאַנ׳ס הויז איז באַקאַנט אַלס אַ שטרייננ אָרטאָדאָקסישע, כשרה הויז, און איז אַלעמאָל די גאַסטפריינטליכסטע הויז פאַר חשובע רבנים און כלל טוער, ווען זיי קומען קיין פילאַדעלפיא.

★

דאָרא סילווערסטיין

רעזידענץ — 5441 וואָלנאט סטריט. געבוירען אין 1895, אין קישינעוו, בעסאַראַביע, טאָכטער פון יחזקאל און רחל פישמאַן. פאַרלוירען דעם פאָטער צו צוויי און אַ האַלב יאָהר. דערצויגען געוואָרען ביי דער מוטער אין ליווערפול, ענגלאַנד, וואוהין זיי זיינען אָנגעקומען ווען דאָרא איז אַלט געווען 6 יאָהר. די מוטער, אַן אינטעליגענטע פרוי. האָט אויף דאָרא׳ן איבערגעלאָזט אַ טיפען איינפלוס צו טאָן געזעלשאַפטליכע אַרבייט דעם גאַנצען לעבען.

אין אַמעריקע זינט 1907, באַקומען אידישע און אַמעריקאַנער שול דערציאונג. אין 1912 געהייראט דזשאָזעף סילווערסטיין. זיי האָבען 3 זיהן: לאָיער העראָלד סילווערסטיין, לעסטער

סילווערסטיין, פאבליק אקאונטענט, און פרענקלין — מארין אינשורענס. אלע זיהן זיינען גראדואירטע פון פען יוניווערסיטי.

פון די גרינדערינס און פרעזידענטין פון פילא. לידיס אקזילערי פון היים פאר יתומים מיידלאך אין ירושלים. מיטגליד און אקטיוו אין קישענעווער בענע־פיןעל ארגאניזיישאן זינט זי איז אלט געווען 15 יאהר. באקומען א מעדאל פאר זיין ערשטע סעקרעטארשע פון קישינעווער לידיס עיד. פינף יאהר געווען פרעזידענט אין היימאן און סעם סאלצמאן לידיס אקזילערי און טעטיג ביז היינט. אקטיוו פאר דעבארא סאניטאריום און האט געשאפען א צימער פאר׳ן טשעסט קליניק. נעמט א טיכטיגען אנטייל אין דער ארבייט פאר דער הסתדרות אין ארץ ישראל. אויך איינע פון די ערשטע טוערינס פאר׳ן הארעים בוירק מעמאריאל האספיטאל (היינט פילאדעלפיער אידישער פסיכיאטרישער האספיטאל). געווען פיער יאהר טשערליידי פון דער בארד אין סומך נופלים פאראיין. איינע פון די גרינדערינס פון דער דאון טאון דעי נוירסערי. איינע פון די וויס פרעזידענטין פון אידישען קאו נסיל פאר ראשען וואר רעליעף. גרינדערין פון „לידיס פראגרעסיוו" און סעקרעטאר פאר די לעצטע 6 יאהר.

מרס. סילווערסטיין גיט אסך קרעדיט צו איהר מאן, דזשאזעף סילווערסטיין, וואס דערמוטיגט איהר און העלפט איהר ביי יעדער געלעגענהייט דורכצופיהרען אקציעס פאר וואוילטעטיגע אונטערנעהמונגען.

מרס. סילווערסטיין איז א מיטגליד אין א גרויסער צאהל אידישע ארגאני־זאציעס און העלפט שאפען די מיטלען אויסצוהאלטען א צאהל נאציאנאלע אנ־שטאלטען וואס שיקען אהער זייערע פארטרעטער.

(זעה ביגראפיע פון דזשאזעף סילווערסטיין).

★

בעסי (ראטענשטרייך) ברוינשטיין



געבוירען אין יאסי, רומעניען, אין 1879, די טאכטער פון יעקב און סלאווע ראטענשטרייך.

דער פאטער איז געווען א פראמינענטער סוחר, האט געהאלטען האטעלען און איינפאהר־הייזער.

זייענדיג א גרויסער אנהייגער פון בילדונג, האט דער פאטער זיין טאכטער ניט נאר געגעבען א גוטע אידי־שע דערציאונג, נאר אויך א וועלטליכע בילדונג. ער האט זי אפגעגעבען אין דער פראנצויזישער שולע פון די „שוועסטער," און חוץ דעם האט זי געענדיגט די רומענישע גראדואירונג שולע און אויך אלע העברעאישע שולען וואס האבען זיך אין יענער צייט געפונען אין יאסי.

בעסי ראטענשטרייך האט געהייראט אפרים ברוינשטיין, אין יאסי, אין 1904, (זעה ביאגראפיע פון אפרים ברוינשטיין), און אלע זייערע קינדער זיינען געבוי־רען און דערצויגען געווארען אין אמעריקא.

ביי די ברוינשטיינס איז געווען א לעבענס אמביציע פארטצוזעצען די טראַ־דיציע פון זייערע עלטערען: צו דערציהען און בילדען קינדער אויף א בכבודיגען אופן, אין עכט דעמאָקראַטישען גייסט, און זיי זיינען זעהר שטאָלץ אויף דעם פאַקט, וואָס דאָס האָט זיך זיי איינגעגעבען.

מרס. ברוינשטיין איז געווען טשערליידי 2 טערמינען און 1 טערמין וויים טשערליידי פון דער ליידיס אָקזילערי פון דער רומעניען היברו בענעפישעל אסאָ־סיאיישאָן.

זי איז אויך א פראמינענטער מיטגליד אין דער הדסה, אָבער מעהר פאַר אַלץ איז זי געווען פאראינטערעסירט אין דער דערציאונג פון איהר פאמיליע און אין אויסהאַלטען א כשר׳ע היים, און אין שאפען א אידישע, אינטעליגענטע סביבה אַרום איהר פאמיליע.

אפרים ברוינשטיין גיט אסך קרעדיט זיין פרוי, צו וועמען ער שרייבט צו זיין דערפאָלג, ווייל ער האָט אין איהר געפונען אַן אמת׳ן חבר אין לעבען, וואָס באַזיצט די קונסט צו פאַרשטיין, צו שאפען פולשטענדיגע האַרמאָניע אין הויז און אין דער געזעלשאפט אין וועלכער זיי פאַרקעהרען.

★

קלאַרא אווערבאך

געבוירען פורים, 1898. טאָכטער פון הירש בער און ברכה בלובאנד. קומט פון לאדיזשענקע, פאָדאָלסק. געענדיגט א רוסישע שולע און אין אַמעריקע זינט 1923. געהייראַט דוד אווערבאַך, זיי האָבען 3 קינדער. (זעה ביאגראפיע פון דוד אווערבאַך).

גרינדערין און עהרענמיטגליד פון דער פילאַדעלפיער ליידיס אָקזילערי פון דער היים פאַר יתומים און מיידלאַך אין ירושלים, אין 1937, און זינט דאַן האָט די אָקזילערי אין פילאַדעלפיא געשאַפען נאָהענט צו צעהן טויזענד דאָלאַר פאַר דעם אנשטאַלט.

ערשטע טרעזשורין פון הארעיב בוירק מעמאָריאַל האספיטאַל פאַר גייסטיג קראַנקע, אקטיווער מיטגליד אין קישינעווער עיד סאָסייטי, אין סומך נופלים פאַראיין, און העלפט אסך ארוים איהר מאַן אין דער טיכטיגער ארבייט פאַר דער קאנוועלעסענט האוס אין ווילאָו קרעסט.

מרס. אווערבאַך האָט צו איהר קרעדיט וואָס זי איבט אויס איהר איינפלוס אויף איהרע קינדער אַז זיי זאָלען באַקומען א שטריינגע אידישע דערציאונג, און רעדט מיט די קינדער אין הויז א ריינעם אידיש, און די קינדער פיהלען איהר השפעה, און זיינען שוין איצט, קליינערהייט אַריינגעטאָן אין געזעלשאפטליכע ארביים. איבערהויפט זיינען זיי אינטערעסירט צו שאפען הילף פאַר די אידישע קרבנות וואָס ווערען געפייניגט אין נאַצי לאַנד.

ריבא שעסטאק

געבוירען אין האיסין, רוסלאנד, און געקומען קיין אמע־ריקא מיט פערציג יאהר צוריק. ריבא שעסטאק האט זיך אלעמאל צוגעהערט צו די נויטען פון די מאסען, און האט אויך באקומען א אידישע און אלגעמיינע דערציאונג.

אזוי שנעל ווי ריבא איז געקומען קיין אמעריקא האט זי זיך באלד פאראינטערעסירט מיט דעם שיקזאל פון די פאלקס מאסען און איז געווארען א כלל טוערין. זי האט דער עיקר זיך אינטערעסירט מיט די ארימע פרויען וואס זיינען געצוואונגען צו מאכען א לעבען, כאטש זיי האבען קליינע קינדער און דארפען אויפגעפאסט ווערען.

זי האט זיך גענומען ארגאניזירען די דזשואיש דעי נוירסערי, וואס געפינט זיך איצט אין 1518 ס. 6טע סטריט, און זי איז געבליבען פרעזידענטין פאר א משך פון 25 יאהר.

ריבא שעסטאק האט זיך אבער ניט באשריינקט אויף דער דעי נוירסערי, נאר זי האט געהאלפען א צאהל אידישע אנשטאלטען אין פילאדעלפיא.

אלס אילוסטראציע איז כדאי אנצואווייזען אז זי איז א מיטגליד פון דער בארד אין דער האיאס, און פרעזידענטין פאר די לעצטע פופצען יאהר פון דער לידים אקזילערי. גרינדערין און סעקרעטאר פון קישינעווער לידים פרי לאון, צעהן טערמינען פרעזידענט פון קישינעווער לידים בענעפישעל אסס'ן, איינע פון די גרינדערינס פון דעם פילאדעלפיער קאונסיל פון פרויען ארגאניזאציעס, פינף יאהר סעקרעטאר פון בערטא ראוויטץ בענעפישעל אסס'ן, איינינע מאל געווען א דעלעגאט צו דעם אמעריקאנער אידישען קאנגרעס. לעצטענס האט זי אויך ארגאניזירט די דזשוניאר האיאס.

האט געהייראט מאקס שעסטאק, זיי האבען 3 קינדער: לעאן שעסטאק, וועסט פילאדעלפיא האי סקוהל, מארטין וו. שעסטאק, פילאדעלפיא האי סקוהל און לאיער דזשאזעף מ. שעסטאק, גראדואירט פון יוניווארסיטי או פענסילווייניע לאא סקוהל.

✶

סאניע סאבעלמאן

רעזידענץ—5931 ספרוס סטריט. געבוירען אין טווער, פוילען, אין 1893, די טאכטער פון זיסיע און איידעל קרעטשמאר.

סאניע האט באזוכט א גאראדסקאיע אוטשילישטשע, אויך א רעאל שולע. האט געהייראט סעמועל סאבעלמאן אין 1910, זיי האבען 4 קינדער: וויליאם, 30 יאהר אלט, איז אן איינקויפער; קעיט, איצט מרס. דזשאזעף גרינ־בערג; הערי סאבעלמאן, איצט אין דער אמעריקאנער ארמיי; מייער, 21 יאהר אלט.

סאניע סאבעלמאן איז באקאנט אלס געזעלשאפט־

ליבע טוערין, זי איז די סעקרעטארשע פון דעם דאון טאון מושב זקנים, זי איז אויך די סעקרעטארשע פון דעם דעבארא סאניטאריום פאר די לעצטע 7 יאהר, א געוועזענע סעקרעטארשע פון קשר חיים, סעקרעטארשע פון בראהינער ברענטש, דאון טאון מושב זקנים, איז אויך דער סעקרעטאר פון דעם יהודית קלוב, אידיש נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד, און אויך דער סעקרעטאר פון די פילאדעל־פיא סאשעל וואירקערס פאר די הילפלאזע.

שמואל סאבעלמאן איז אקטיוו אין אידיש נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד, א געוועזענער סעקרעטאר, א ליבהאבער פון אידישער ליטעראטור און קולטור.

★

ראוז גליידער

רעזידענץ—445 ס. 57טע סטריט. געבוירען דעם 1טען יאנואר, 1886, די טאכטער פון אייזיק און סערע סאמאראווסקי. געקומען אהער מיט די עלטערען אלס קינד פון 6 חדשים. האט דא געמאכט סקוהל. פאטער איז יאהרענלאנג געווען אקטיוו אין די אינדעפענדענט ארדער ברית אברהם לאדזשעס.

האט געהייראט סעמועל גליידער אין 1905, זיי האבען 3 טעכטער: מעיזי, דזשא־זעפין און מילדרעד. אלע קינדער האבען גראדואירט פון האי סקוהל. מילדרעד איז געווען א פאבליק סקוהל טיטשערין; מעיזי איז מרס. אלבערט זוקערמאן; דזשא־זעפין איז מרס. דזשארדזש דייאמאנד, מילדרעד איז איצט מרס. סטענלי קאמיי־קער. מעיזי וואוינט אין באסטאן, די אנדערע קינדער וואוינען אין פילאדעלפיא. די גליידערס האבען שוין אויך 5 אייניקלאך.

מרס. גליידער איז איינע פון די גרינדערינס פון יעליסאוועטגראד לײדיס אקזילערי בנעפישעל אסס'ן. אין דער ערשטער וועלט מלחמה איז זי געווען אקטיוו אין „רויטען מגן דוד," זייענדיג די פרעזידענטין, שפעטער איז זי אויך געווארען נאציאנאלער פרעזידענט.

זי איז געווען אקטיוו ביי דער גרינדונג פון אידישען קאנגרעס, נאך דער פאראייניגונג פון רויטען מגן דוד מיט דער הדסה איז זי געווארען טעטיג אין הדסה. געווען ראיאן פרעזידענט אין איסטערן פענסילווייניע, וויים פרעזידענט פון פילאדעלפיער הדסה טשאפטער, איז געווען די גרינדערין פון ברית אחים ליי־דיס אקזילערי, און איז אקטיוו אין דער „קאנפערענץ פון אידישע פרויען ארגא־ניזאציעס."

סעמועל גליידער איז א געוועזענער פרעזידענט אין יעליסאוועטגראדער בענע־פישעל אסס'ן, און א געוועזענער פרעזידענט און וויים פרעזידענט פון ברית אחים.

★

באסלאווער בענעפישעל אסס׳ן

די באסלאווער וועלען אין גיכען פייערען א 40־יאהריגען יובל.

דער באסלאווער פאראיין איז געגרינדעט געווארען מיט 42 יאהר צוריק, דעם 3טען דעצעמבער, 1902.

די גרינדער זיינען געווען 4 באגוסלאווער לאנדסלייט: נייטען גייגער, אהרן פאלאנסקי, יצחק בלעקער און דזשייק שמוקלער.

ווי עס ווייזען די פראטאקאלען זיינען זיך די דערמאנטע לאנדסלייט צוזאמענגעקומען אין א שיינעם זונטאג אין 615 ס׳ 3טע סטריט, און זיי האבען ארומגערעדט די שוועריגקייטען וואס זייערע לאנדסלייט האבען אויסצושטעהן ביי דעם אריבערקומען. עס איז ניט געווען צו וועמען זיך צו ווענדען נאך דער מינדעסטער טובה אין אן עת צרה.

די לאנדסלייט האבען זיך צוזאמענגערעדט, אז יעדער איינער פון זיי זאל ארויסשיקען בריעף צו זיינע באקאנטע לאנדסלייט און זיי איינלאדען צו א „גענעראל״ פארזאמלונג וועגען דער גרינדונג פון א באסלאווער פאראיין.

זעכצעהן איינלאדונגען זיינען ארויסגעשיקט געווארען, און ביי יענער פארזאמלונג איז געלעגט געווארען דער ווינקעלשטיין פון דעם באסלאווער פאראיין.

די ערשטע באאמטע זיינען געווען דזשייק נ. שמוקלער, פרעזידענט; אהרן פאלאנסקי, וויים פרעזידענט; נפתלי פאקראס, רעקארדינג סעקרעטאר; אייב פליט, פינאנץ סעקרעטאר; דוד גאלדבערג, טרעזשורער; יצחק בלעקער, א. וו. גאלדבערג, און אייב דובינסקי, ערשטער, צווייטער און דריטער טראסטי, און שלמה קאמינסקי, אינערוואך.

אז דער באסלאווער פאראיין האט געמאכט ריזיגען פראגרעס קען מען שוין היינט ניט צווייפלען. דערויף איז עדות די באסלאווער בילדינג, וואס איז אויפגעשטעלט געווארען נאך אין 1928, צו דעם 25־יאהריגען יובל פון דעם פאראיין. אפצושטעלען זיך אויף אלע אקטיוויטעטען פון דעם באסלאווער פאראיין וואלט נויטיג געווען דורכצובלעטערען פראטאקאלען פון 42 יאהר ארבייט. אבער עס איז גענוג אנצואווייזען, אז דער באסלאווער פאראיין האט דער ערשטער געענטפערט אויף דעם רוף פון די מלחמה קרבנות אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה. דאס אייגענע ווען עס איז געקומען די באוועגונג פאר אן אמעריקאנער אידישען קאנגרעס, און אין דער צייט פון דער „פלו״ עפידעמיע, האט דער פאראיין געטאן וואונדערליכע רעטונגס ארבייט אויף דער אידישער גאס אין פילאדעלפיא.

אסך פילאדעלפיער זיינען אויך געהאלפען געווארען דורך דעם באסלאווער בילדינג און לאון אסאסיאיישאן.

די געוועזענע פרעזידענטען פון דעם באסלאווער פאראיין זיינען געווען: דזש. נ. שמוקלער, י. ל. שטערן, הענרי סענדער, פיליפ מילער, מאריס פאלאנקאפסקי, דייוו קרעוויטץ, אברהם הוירש, מלך גאלדבערג, דוד גאלדבערג, יחיאל גיטמאן, לואיס גייגער, הערי גייגער, לואיס ב. קאהען, סעמועל אלטמאן און בענדזשאמין מאפו.

די איצטיגע באאמטע פון די באָסלאָווער זיינען: ל. טייטעלמאן, פרעזידענט; ד. בלעקער, וויס פרעזידענט; דזש. בלומענטהאל, טרעזשורער; ראבאי מארים הייטאוויטש, סעקרעטאר; דר. ר. ר. פאטאס, מעדיקאל עקזאמינער; י. שוואבסקי, מ. דובין, לואיס מעטקאף און ס. טשערנאפסקי, טראַסטיעס.

טשערליט איבער קאָמיטעס: ד. טאל, פון דער אדוויזארי באָרד; לואיס סמאל, טשערמאן פון דעם גאָלדענעם 40־יאָהריגען יובילעאום קאָמיטעט; ה. גרין, הויז קאָמיטע; י. פּאָרטנער, פון דער בודזשעט קאָמיטע; דזש. ראָזען, קראנקען קאָמיטע; י. זייטלין, קאנטראל קאָמיטע; ד. קראוויטץ; וועיס ענד מיענס קאָמיטע; נ. קוטנער, סעמעטערי קאָמיטע; ה. דינענבערג, טשערמאן איבער מיטגלידער־שאַפט; מ. דובין, וויס טשערמאן איבער מיטגלידערשאַפט.

★

סמילער בענעפישעל אסס'ן

דער סמילער פאראיין אין פילאדעלפיא ווערט די טעג פופציג יאָהר אַלט, און אזא פאראיין האט שוין געווים אונטער זיך א היפש ביסעל געשיכטע.

ווי די פּראָטאָקאָלען און סואווניר ביכער דערציילען, איז דער סמילער פאראיין אין פילאַדעלפיא ארויסגעוואַקסען אַלס רעזולטאַט פון דעם וואָס די טיראנישע רעגירונג אין דער צארישער רוסלאַנד האט אין די ניינציגער יאָהרען פון דעם פריהערדיגען יאָהר הונדערט אָנגעהויבען מאכען בלוטיגע פּאָגראָמען אויף אידען, און די געציילטע סמילער לאנדסלייט האָבען דערפיהלט, אז עס איז ניט געבליבען קיין אַנדער וועג פאר זייערע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים ווי אויסצואוואנדערען קיין אמעריקע.

זיי האָבען דאן פאראויסגעזעהן, אז עס וועט קומען א צייט ווען מען וועט דארפען פאראייניגען זייערע לאַנדסלייט, האָבען געציילטע זיבען פערזאָן דעם 15טען אויגוסט, 1892, געלעגט דעם ווינקעלשטיין פאר א סמילער פאראיין.

זייער אויפגאבע איז געווען צו העלפען זיך אַליין, זיך האלטען צוזאמען, און אויך צו באוואָרענען, אז ווען א גרינער איד פון זייער געגענט וועט אָנקומען אהער, זאָל ער געפינען א היימישע אטמאספערע, באקאנטע און לאנדסלייט, וואָס זאָלען איהם מקרב זיין, און העלפען מיט אן עצה און מיט אַלעם מעגליכעם.

די סמילער האָבען אין משך פון דער גאנצער צייט זיך געהאלטען ביי זייער פּראָגראם און האָבען זיך אויסגעברייטערט אויף אזוי פיעל, אז זיי האָבען זיך ניט באשריינקט בלויז אויף סמילער לאַנדסלייט, נאָר זיי האָבען אריינגענומען מענשען פון די אַרומיגע געגענטען, און אזוי האָבען זיי אויפגעבויעט א שטאַרקע לאַנדסמאַנשאַפט, דורך אָנפיהרען דרייווס פאר מיטגלידער און אויך אין יעדער עת צרה, ווען עס האט זיך געפאָדערט שטיצע פאר זייערע ברידער אויף יענער זייט ים האָבען זיי געשאַפען דעם סמילער רעליף, און דורך איהם געענטפערט אויף דעם רוף פון זייערע ברידער און שוועסטער.

שפּעטער האט דאָס לעבען אין אמעריקא אָנגענומען א נייע ווענדונג, און אידען פון דער גאנצער וועלט האָבען אויסגעשטרעקט הענט צו זייערע אמערי־

קאנער ברידער און שוועסטער, איז דער סמילער פאראיין ווי אסך אנדערע ארויס פון די ענגע לאנדסמאנשאפטען ראהמען, און האט אנגעהויבען אקטיוו זיך באטיילינען אין אלע נאציאנאלע אונטערנעמונגען.

דורך די פופציג יאהר וואס דער סמילער פאראיין עקזיסטירט האט ער אויסגעצאהלט מיליאנען דאלארען אין שטיצע און ער האט זיך אלעמאל אפגערופען מיט שטיצע אויף יענער זייט ים. דער פאראיין האט אויך געשטיצט און שטיצט איצט סאניטאריומס, שפיטאלען, בתי יתומים, מושבי זקנים, האיאס, א. א. וו. עס איז כמעט ניטא קיין איין וויכטיגע אידישע אונטערנעמונג אויף וועלכער די סמילער זאלען זיך ניט אפרופען.

די איצטיגע באאמטע פון דעם סמילער פאראיין זיינען: ה. נאוויק, עקס פרעזידענט און טרעזשורער; מארים רודמאן, פרעזידענט; דזשעק צווערמאן, וויים פרעזידענט; ל. גאלדסטיין, פינאנץ סעקרעטאר; ס. בראנשטיין, טשערמאן פון דער אדוויזארי בארד; טשארלס פריעדמאן, טשערמאן פון מיטגלידערשאפט דרייוו; ד. ריעפסקי, טשערמאן פון אונטערהאלט; לאיער דזש. שאץ, טשערמאן פון פובליסיטי און דרוק ארבייט; ד. דעווערס, טשערמאן פון קראנקען קאמיטע, און כאל טאפקים, סעקרעטאר.

★

אכרעמאווער סאכאטשאווער פאראיין

דער אכרעמאווער פאראיין איז געגרינדעט געווארען אין פילאדעלפיא דעם 2טען אפריל, 1916. די גרינדונג איז פארגעקומען אין הויז פון אייב בראנסטיין, אין 425 וואהארטאן סטריט.

די גרינדער ווי מאיר מאגאזאניק, ניט איבער, זיינען געווען: דזשעיק גאלדבערג, הירשל גאראלניק, הערי גרינבערג, עה"ש, לואים וואלעס, איזי וויינער, עה"ש, אייב לובאר, מאיר מאגאזאניק, אייב סמאלענסקי, איציק קאלטער, אייזיק קאפראוו, סעם קאטלער, לואים ראם, היימי שוטאוו, עה"ש, סעם שוטאוו, און בערל שווארץ.

ביי דער דאזיגער פארזאמלונג איז געלעגט געווארען דער פונדאמענט פון דעם אכרעמאווער פאראיין, וואס איז זיך אזוי שיין צוואוואקסען אין די פארגאנגענע 26 יאהר. ביז דאן האבען די דערמאנטע לאנדסלייט זיך זעלטען געזעהן איינער מיט דעם אנדערען, און זיי האבען זיך געפיהלט שטארק עלענט.

זייער ערשטער פרעזידענט איז געווען דזשעיק גאלדבערג, וועלכער איז נאך היינט אויך געשעצט און געאכטעט ביי אלע מיטגלידער. אברהם ליובאר איז געווען טרעזשורער; לואים ראם איז געווען רעקארדינג סעקרעטאר; הערי קאראלניק, פינאנץ סעקרעטאר. די ערשטע טראסטים זיינען געווען איזי קאטלער און סעם שוטאוו. מאיר מאגאזאניק איז געווען דער אינערוואך.

די נייע באאמטע האבען געארבייט די ערשטע צייט מיט אזא באגייסטערונג, אז ביז זעקס חדשים איז כמעט ניט געבליבען קיין איינציגער לאנדסמאן וואס זאל ניט האבען זיך אנגעשלאסען אין דעם אכרעמאווער פאראיין.

די נוצליכקייט פון דעם פאראיין האט זיך ארויסגעוויזען באלד נאכדעם ווי צו דעם פאראיין איז אין 1917 אנגעקומען די טרויעריגע נייעס פון זייער שטעטעל, אַ סומע געלט איז גלייך נעשאפען געוואָרען און איז אַפּגעשיקט געוואָרען קיין אכרעמאווע. אַ צווייטער פאַל האָט פּאַסירט, ווען איינער פון זייערע חברים, דוד, אברהם־ליב פּעיסיע'ס, איז געבליבען שטעקען אינמיטען וועג, אין סאוטה אמעריקע, האָבען די היגע לאַנדסלייט גוזאמעלט צווישען זיך 350 דאלאר, און דאָס האָט געראטעוועט איהם מיט זיין פאמיליע.

אין 1925 האָט דער אכרעמאווער פאראיין געשריבען אַ ניי קאַפּיטעל געשיכטע, ווען דער פאראיין האָט באשלאָסען זיך צו פאראייניגען מיט די לאַנדסלייט פון סאכאטשאוו.

די ארבייט האָט זיך ארויסגעוויזען פאַר זעהר אַ גרויסען דערפאָלג, וואָס איז אַ זעלטענהייט צו טרעפען.

פאַר דער דאָזיגער ארבייט איז צו פאַרדאַנקען דעם געוועזענעם פּרעזידענט פון די אכרעמאווער סאכאטשאווער, מאיר מאגאזאניק, און דעם סעקרעטאר, אייב עוואנס. עס האָבען אויך מיטגעהאָלפען די גרינדער בעני קאָהען, לואי פוטער, סעם פּערלשטיין, מארים בראד, מארים מאליט, ע"ה, איזראעל בארענשטיין, ע"ה, איזראעל שולמאן, לואיס פישער און הערי סטרילקאווסקי.

דער אכרעמאווער סאכאטשאווער פאראיין האָט ביז איצט זיך אָפּגערופען אויף יעדער אידישער נויט, ווי בית יתומים, מושב זקנים, דעי נוירסערי, סאניטאריום, עלאיד דזשואיש אפּיל, געווערקשאפטען קעמפּיין, ראָשען וואָר רעליעף און יעדע אַנדערע וויכטיגע הילף'ס ארבייט.

★

קאונסיל פון אידישע אָרגאַניזאַציעס פאַר „ראָשען וואָר רעליעף"

דער אינגסטער פון אַלע אָגענטורען וואָס שאַפען געלט מיטלען אויף דער אידישער גאַס אין פילאַדעלפיא, איז דער קאונסיל פון אידישע פראטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס פאַר רוסישער מלחמה הילף (ראָשען וואָר רעליעף).

דער דאָזיגער קאונסיל אין פילאַדעלפיא איז געבוירען געוואָרען ערשט מיט זעקס חדשים צוריק. ווען עס איז קלאָהר געוואָרען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דאָס רוסישע פאָלק איז אויף אַ געמיינעם אופן אטאקירט געוואָרען פון דעם מערדערליכען וועלט־שענדער און גענגסטער, היטלער, און זיין העסליכע פאשיסטישע חברותא, מוסאליני און אַלע אַנדערע נידערטרעכטיגע שלאַנגען, פאשיסטען מכל המינים.

באזונדערס איז עס קלאָהר געוואָרען, נאכדעם ווי עס זיינען אָנגעקומען באריכטען וועגען אונזערע העראָאישע ברידער און שוועסטער אין סאָוועט רוסלאַנד, וואָס האָבען פאַרבונדען זייער גורל מיט די רוסישע פעלקער, און קעמפען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע, געגען נאַציזם און פאשיזם.

און פונקט ווי מיר האבען דא פריהער געשאפען הילף פאר בריטישער מלחמה הילף, גריכישער הילף, כינעזישער הילף, אזוי האבען מיר דערפיהלט, אז מען מוז אונטערטראגען דעם רוסישען מלחמה העלד און קעמפער. מעדיצינישע הילף, געזאמעלט דורך פרייעביישטייערונגען פון יחידים און ארגאניזאציעס.

א דאנק דער אונערמידליכער ארבייט פון דעם אייביג־יונגען וועטעראן און הומאניטאריער, דר. מ. וו. לעאף, און א דאנק דער איניציאטיווע פון די באאמטע פון דעם היגען ברית אחים, האט זיך אנגעהויבען א באוועגונג צו ארגאניזירען א אידישען קאונסיל פון ארגאניזאציעס צו שאפען מעדיצינישע הילף פאר רוס־לאנד, אין דער פארמע פון באנדאזשען, מעדיקאמענטען, קליידער און אזוי ווייטער.

אז דער סענטימענט ביי די אידישע פאלקס מאסען איז געווען א באזונדער ווארימער, האט זיך ארויסגעוויזען גלייך ביי דער ערשטער קאנפערענץ וואס איז גערופען געווארען אין ברית אחים בילדינג, צו וועלכער עס זיינען זיך צוזאמענ־געקומען איבער זעקס הונדערט דעלעגאטען, פארטרעטער פון איבער דריי הונ־דער פראטערנאלע און לאנדסמאנשאפטען ארגאניזאציעס.

ביי יענער פארזאמלונג איז דעמאנסטרירט געווארען די באוואונדערונג און פארעהרונג פון די רוסישע קעמפער, און ווי נאהענט עס זיינען אונז די העלדישע קעמפער, וואס גייען אפ מיט בלוט ניט נאר אויף די שלאכטפעלדער, נאר איבער גאנץ רוסלאנד. עס איז ביי יענער פארזאמלונג געשאפען געווארען אכט טוי־זענד דאלאר. און עס איז אונטערגענומען געווארען אן אקציע צו שאפען אין פילאדעלפיא א פאנד פון הונדערט טויזענד דאלאר פאר מעדיצינישער הילף פאר רוסלאנד.

די עהרען פרעזידענטען, דר. וויליאם ה. פיינשרייבער, און דער זקן־הרבנים, דוב אריה הכהן לעווינטהאל, צוזאמען מיט דעם לאקאלען טשערמאן, דר. דזשיי־קאב ביליקאף, זיינען ביי יענער ערשטער פארזאמלונג ארויסגעטראטען מיט הארציגע אפילס, און זייערע ווערטער האבען אפגעקלונגען אין אלעמענס הערצער.

דער ברית אחים איז געווען דער ערשטער ארויסצוקומען מיט א סומע פון פופצען הונדערט דאלאר. די סמילער מיט טויזענד דאלאר, דאס אייגענע דער בני חיים סאשעל, און נאך זיי זיינען געקומען צענדליגער קלענערע און גרעסערע ארגאניזאציעס מיט געלט ביישטייערונגען און מיט פארשפרעכונגען וואס זיינען שוין זינט דאן טיילוויז ארייננעקומען.

זינט יענער ערשטער פארזאמלונג איז צוגעצויגען געווארען דער פראמינענטער נדבן דייוויד וועבער, אלס טרעזשורער, וועלכער נוצט זיין איינפלוס און קענטשאפט אין דער אינדוסטריעלער וועלט, צו באאיינפלוסען מענשען צו גיבען גרעסערע געלט בייטראגען.

עס ארבייטען אין דעם קאונסיל פון „ראשען וואר רעליעף" א צאהל אנגע־זעהענע פערזאנען. צווישען זיי הרב אפרים אליעזר הכהן יאלעס, מ. מ. סילוועל, אפרים ברוינשטיין, יחיאל גיטמאן, ס. ראדין, אייב האפערמאן, לואיס גראס, ב. עפעלבוים, יוד לאמעד מאלאמוט, ל. טאלץ, דר. מ. וו. לעאף, לאיער יאזעף גראס, י. קאצמאן, און מיט זיי צענדליגע פארטרעטער פון אידישע לאנדסמאנשאפטען און פראטערנאלע ארגאניזאציעס.

זינט דאן איז דורכגעפיהרט געווארען א צווייטע פארזאמלונג מיט דעלע־גאטען, ביי וועלכער עס איז אריינגעקומען א היפשע סומע געלט.

נאר די גרויסע היסטארישע פארזאמלונג איז פארגעקומען מאנטאג אווענט, דעם 22טען יוני, דעם טאג ווען עס איז געווארען א יאהר זינט דאס העראאישע רוסישע פאלק שטייט אין קאמף מיט די בלוטיגע נאצי־הענקער.

דער אקעדעמי אוו מיוזיק איז יענעם אווענט געווען איבערגעפאקט, און אויף דעם אפיל פון די רעדנער איז אויפן ארט געשאפען געווארען איבער זיבען טויזענד דאלאר. חוץ דער איינגאמע פון איבער פופצען הונדערט דאלאר ,וואס איז אריינגעקומען פון די בילעטען ביי דער טיר.

פון אקעדעמי אוו מיוזיק איז געבראדקעסט געווארען צו די אידען אין סאוועט רוסלאנד א מעסעדזש פון דערמוטיגונג.

זינט דאן ארבייט דער קאונסיל פאר „ראשען וואר רעליעף צווישען די אידישע מאסען גאנץ אינטענסיוו, און פאר דעם קומענדען ווינטער סעזאן ווערט געפלאנעוועט א רייע אונטערנעמונגען, אין וועלכע עס וועלען אריינגעצויגען ווערען אלע אידישע ארגאניזאציעס, אלע לאנדסמאנשאפטען, אלע פראטערניטיס, אלע שוהלען און קאנגרעגיישאנס.

דער אידישער קאונסיל פאר מלחמה הילף צו רוסלאנד, וועט ניט אוועקלעגען די ארבייט ביז דער געמיינער וועלט־שונא וועט ניט צושמעטערט ווערען, און אפגעווישט ווערען פון דעם געדעכעניש פון דער וועלט.

דער אידישער קאונסיל איז אפיליאירט מיט דעם „ראשען וואר רעליעף, אינ־קארפאררייטעד,״ וואס איז גוטגעהייסען פון דעם פרעזידענט'ס רעליעף קאמיטע צו אלע פעלקער וואס זיינען אמעריקא'ס „עלאים.״

דער אידישער קאונסיל פאר „ראשען וואר רעליעף״ האט פאקטיש ניט קיינע הוצאות, און אלע געלדער געזאמעלט דורכן קאונסיל ווערען איבערגעשיקט צו דער נאציאנאלע ארגאניזאציע, וואס קויפט מיט די געלט מיטלען מעדיקאמענטען פאר סאוועט רוסלאנד.

דער אידישער קאונסיל פאר „ראשען וואר רעליעף״ איז די איינגסטע, אבער ביי דעם איצטיגען מאמענט. די וויכטיגסטע, לעבענס־נויטיגע קערפערשאפט, און זי בלייבט א פערמאנענטע אינסטיטוציע כל זמן די געפאהר לויערט אויף די רוסישע פעלקער, און דער חלק ליגט אויפן האלז פון מיליאנען אידישע נפשות אין סאוועט רוסלאנד, דארט וואו דער געמיינער מערדערישער אנגרייפער האט ארויפגעשטעלט זיין אייזערנעם קנאפעל.

דער אידישער קאונסיל פאר „ראשען וואר רעליעף״ טוט גרויסע רעטונס ארבייט אין דער איצטיגער מלחמה צייט ,און מוז באקומען די פולע שטיצע פון יעדע אידישער ארגאניזאציע ווי פון יעדען יחיד וואס פיהלט זיך אלס א לעבעדיגער טייל פון דעם אידישען פאלק, ווי פון דער גאנצער דעמאקראטישער וועלט.

★

די קעפ מייקערס יוניאָן

ווען דער היסטאריקער פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג פון פילא־דעלפיא וועט זיך נעהמען שרייבען דעם זעהר רייכען קאפיטעל געשיכטע פון קעפמייקערס יוניאָן וועט ער זיך איבער אָפּשטעלען, פערטראכטען זיך און זוכען אן ענטפער אויף דער פאָלגענדער כמעט אונערקלעהרבארע פראגע:

„ווי קומט עס, וואָס די קעפמייקערס יוניאָן זייענדיג צוזאמענגעשטעלט פון די זעלבע עלעמענטען ווי אַלע אנדערע אידישע יוניאָנס, איז פונדעסטוועגען געבליבען כמעט די איינציגע יוניאָן וואָס האט באוויזען צו פיהרען אן אונאונ־טערבראָכענעם לעבען, וואָס אין די מעהר ווי פערציג יאָהר פון רייכען טהעטיגען לעבען איז זי אפילו קיין איין טאָג ניט פארשווינדען פון דער קאמפפס ארענא.

די פילע גרויסע און קליינע, אינערליכע און אויסערליכע שטורעמס וואָס די קעפמייקער יוניאָן האט דורכגעלעבט האָט זי אין געוויסע ציימען אָפּגעשוואַכט, אָבער קיינמאָל ניט צובראָכען, די יוניאָן, איז פון יאָהר צו יאָהר געוואקסען, געבליהט, געווירקט, געפיהרט גרויסע ערנסטע קעמפּע, געהאט גרויסע ערפאָלגען און קליינע דורכפאַלען.

זאָגאר די ביטערע ערנסטע פארטיי־קעמפּע, וואָס זיינען אין די ערשטע יאָהרען פון אונזער ארבייטער באוועגונג פאָרגעקומען צווישען די פארשידענע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע גרופּען פון דער אידישער גאַס, צוליב וועלכע אַנדערע אידישע יוניאָנס זיינען פארניכטעט געוואָרען, האָבען אָבער אויף דער קעפמייקערס יוניאָן קיין ווירקונג ניט געהאט. פון דעם דאַרף מען אָבער ניט דרינגען אז די קעפ־מייקערס זיינען געווען שטרענגע קאנסערוואטארס, וועלכע האָבען זיך איבער־הויפּט מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען און רעוואָלוציאָנערע טהעטיגקייט ניט אינ־טערעסירט. ניין! סיי די גרינדער, סיי איהרע טהוער פון אַלע צייטען זיינען געווען און געבליבען מענשען וואָס האָבען בעלאַנגט צו איינער אָדער א צווייטער רעוואָלוציאָנערער גרופּע. דער איינציגער ענטפער אויף דער פראגע, וואָס ביי די קעפּמייקערס האָט זיך פון דעם ערשטען מינוט אריינגעלייגט דער אמת טרייד יוניאָניסטישער געדאַנק, אז דער טאָג טעגליכער קאמף צו פאַרבעסערען די לאַגע אין טרייד איז פון גרעסערער באַלדיגער וויכטיגקייט, ווי טויזענד טאָן רעוואָלוציאָנערע רייד און שטרייטיגקייטען וועגען דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און וועגען דער ווייטער צוקונפט, אָט דער פעסטער געדאַנק אַז די גאַנצקייט פון דער יוניאָן איז פון גרעסערער ווירכטיגקייט ווי אַלע טהעאָרעטישע מיינונגס פארשי־דענהייטען צווישען די רעוואָלוציאָנערע גרופּען, איז געווען דער שומר וואָס האָט ניט דערלאָזען אז די קעפּמייקערס יוניאָן זאָל צובראָכען ווערען.

די היגע קעפּמייקערס יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען אין דעם יאָהר 1892. מיט דער אויסנאַהמע פון איינעם אָדער צוויי פון די גרינדער פון דער קעפּמייקערס יוניאָן זיינען קיינע פון זיי שוין ניט מעהר אין טרייד. מאַנכע זיינען געשטאָרבען, מאַנכע זיינען אוועק אין אַנדערע טריידס, אַנדערע ווידער האָבען זיך ארויפגע־ארבייט, אָבער די וואָס זיינען געבליבען מעגען מיט רעכט זיין שטאָלץ אויף דעם הערליכען בנין וואָס זיי האָבען אויסגעבויט.

ווי יעדער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע און בעזאָנדערס א אידישע ארבייטער

אָרגאַניזאַציע, האָט די קעפּמייקערס יוניאָן אויך געהאַט פאַרשידענע צייטען, גוטע און שלעכטע, מאָמענטען הערליכע און גאַנץ פינסטערע, פול מיט גלויבען און צווייפעל, האָפנונג און ענטוישונג, אָבער דער געזונטער פּראָלעטאַרישער גייסט האָט די קעפּמייקערס קיינמאָל ניט געפעהלט, און זיי האָבען אַלע שטורמס און שוועריגקייטען אַריבערגעטראָגען.

די קעפּמייקערס יוניאָן האָט אין די יאָהרען פון איהר עקזיסטענץ געהאַט געפיהרט פיעלע קעמפּפע פאַר איהר עקזיסטענץ, אָבער איינעם פון די גרעסטע סטרייקס וואָס זי האָט געפיהרט און וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט אַ גרויסען זיעג איז געווען אין דעם ווינטער פון דעם יאָהר 1917.

אין פילאַדעלפיא האָט זיך דאַן געפינען די גרעסטע און עלטסטע קאַפּען פירמע פריינק פּ. הייד, זי האָט באַשעפטיגט מעהר קאַפּען מאַכער ווי אַלע אַנדערע שעפּער צוזאַמענגענומען. דיזע פירמע האָט פון קיין יוניאָן ניט געוואָלט וויסען. אָבער די אידישע איינגע'עקשנ'קייט, דער אידישער געדולד און אויס־דויער, האָט שליסליך באַזיגט די „גוישע" פאַרביסענקייט און נאָך אַ סטרייק פון זעקס וואָכען האָט די פירמע נאָכגעגעבען אַלע פאָדערונגען, האָט אויך אַנערקענט די יוניאָן און איז געוואָרען איינער פון די סטריקטע קלאָוזד שאַפּס אין שטאָדט.

אַ גרויסע און וויכטיגע ענדערונג אין טרייד איז פאָרגעקומען אין דעם יאָהר 1919, ווען עס איז איינגעפיהרט געוואָרען דער וואָך־אַרבייט סיסטעם פאַר אַלע ברענטשעס פון טרייד. דאָס איז געווען אַ גרויסער שריט פאָרווערטס און פון גרויס באַדייטונג פאַר די אַרבייטער. די מענער אַרבייטער פון טרייד האָבען געקראָגען 45 דאָלאַר אַ וואָך, און פרויען 30 דאָלאַר. דער וואָך־אַרבייט סיסטעם איז געוואונען געוואָרען נאָך אַ דזשענעראַל סטרייק, וועלכער האָט געדויערט צוויי וואָכען. אין 1920 האָט די יוניאָן אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון אַן אַלגע־מיינעם רייז פון 5 דאָלאַר אַ וואָך פאַר אַלע קלאַסען אַרבייטער. דאָס האָבען די בעלי הבתים נאָכגעגעבען אָהן אַ סטרייק.

אין די מלחמה יאָהרען ווען די ווינטען פון פּראָספּעריטי האָבען געבלאָזען די גאָלד שטויב צו די טהירען פון אַלע אינדוסטריען האָבען די אַרבייטער אויך געפאָדערט און האָבען געקראָגען אַ קליינעם טהייל פון דעם. אָבער נאָך דער מלחמה איז געקומען די רעאַקציע, די פּראָספּעריטי איז פאַרשוואונדען, און די ווייזשעס האָבען אויך גענומען פאַלען. די קעפּ מייקערס האָבען דאַרום אויך געמוזט געהען מיט'ן שטראָם פון דער צייט, אָבער דאָך איז דער יוניאָן אין 1923 געלונגען איינצופיהרען אין טרייד אַ מינימום ווייזש סקייל פון 40 דאָלאַר אַ וואָך פאַר אַלע מענער אַרבייטער, און 27 דאָלאַר אַ וואָך פאַר פרויען אַרבייטער. דאָס איז געוואונען געוואָרען נאָך צוויי וואָכען סטרייק.

ווען די פירמע פריינק פּ. הייד האָט אַרויסגעמופט פון פילאַדעלפיא, האָט דאָס פאַראורזאַכט גרויס אַרבייטסלאָזיגקייט צווישען די היגע קעפּמייקערס.

די קעפּמייקערס יוניאָן האָט אין איהר לאַנגען, רייכען לעבען זיך באַטיי־ליגט אין יעדער וויכטיגער אונטערנעהמונג פון דער אַרבייטער באַוועגונג און אויך אין פילע דרייווס, קאַמפּיינס פאַר אונזערע מלחמה און פּאָגראָם קרבנות. די יוניאָן האָט אויך געשטיצט מיט מאַסען געלד סטרייקערס אייגענע און פרעמדע און מעמבערס, וועלכע זיינען געווען אויסער אַרבייט. צווישען די אנגעזעהענסטע

טהוער פון דער יוניאָן מעגען פאַרצייכענט ווערען מר. סיימאָן לענאָ, מ. שלייפער, אייזיק הינדין, ה. הינדין, און ב. בערקאָוויטז.

איינע פון די וויכטיגסטע געשעהנישען אין דער געשיכטע פון דער היגער קעפּמייקערס יוניאָן איז געווען ווען די היגע פיהרער פון דער יוניאָן, צוזאמען מיט די בעאמטע פון דער העט, קעפּס און מילינערי וואָירקערס אינטערנעשאָנאל איז געלונגען צו אָרגאניזירען די הונדערטער ארבייטער פון דער באריהמטער סטעטסאָן העט קאָמפּאני.

די נענאַנטע פירמע, וועלכע איז די עלטסטע אין לאַנד, איז תמיד געווען אַן אָפּען שאָפּ פירמע, אַלע באמיאונגען צו אָרגאניזירען דעם פּלענט זיינען געווען אָהן דערפאָלג.

אָבער די פיהרער פון דער הינער קעפּ מייקערס יוניאָן האָבען ניט אויפ־געגעבען זייערע באמיהונגען און ענדליך זיינען זיי געקרוינט געוואָרען מיט דערפאָלג.

דאָן האָט מען זיך אויך גענומען אָרגאניזירען די מילינערי ארבייטער פון שטאָדט. דאָס איז אויך געווען אַ גאָר שווערע אונטערנעהמונג, אבער מיט פּרעזידענט רוזוועלטס ערוועהלונג און מיטן איינפיהרען „נירא" איז ענדליך גע־לונגען צו דערגרייכען דאָס, צו וואָס די יוניאָן האָט די אַלע יאָהרען געשטרעבט.

די דריי דאקאלען, די קעפּ מייקער, די העטערס און די מילינערי וואָירקערס, בילדען היינט אַ באַדייטענדען כח אין דער היגער ארבייטער באַוועגונג.

דער אָפּיס פון דער קעפּמייקערס יוניאָן געפינט זיך איצט אין 48 נאָרטה 8טע סטריט.

די בעאמטע זיינען:

סיימאָן לענאו, רעקאָרדינג סעקרעטאר; מאקס ביינדער, פינאנץ סעקרעטאר, און וויליאם שערלעס, טרעזשורער. די ערשטע צוויי זיינען פון דער אַלטער גוואַרדיע, פעהיגע און אויספּרובירטע פיהרער, וועלכע האָבען דורכגעלעבט כמעט די גאנצע געשיכטע פון דעם קעפּ מייקערס יוניאָן און זיינען זעהר באַליעבט.

★

פילאדעלפיער אידישע פרויען אָרגאניזאציאָנס קאָמיטעט

דער פילאדעלפיער אידישער פרויען אָרגאניזאציאָנס קאָמיטעט איז געגרינ־דעם געוואָרען, אָדער בעסער געזאָגט רעאָרגאניזירט געוואָרען, נאכדעם ווי עס האָט שוין פאר פיער יאָהר צייט עקזיסטירט אַ פרויען קאָמיטעט פאר אידישער דער־ציאונג, אַן אָרגאניזאציע פון איינצעלנע פרויען. זייער ארבייט איז באַשטאַנען פון פאַרשפּרייטען דעם געדאַנק פון אידישער דערציאונג פאר אידישע קינדער צווישען זייערע מוטערס. די פרויען האָבען געצאָהלט איין דאלאר אַ יאָהר.

דער פרויען קאָמיטעט פאר אידישער דערציאונג האָט מיט באַגרענעצטע כוחות זיך אונטערגענומען אַ ריזיגע אויפגאַבע.

די פרויען האָבען אויף אַ באַשיידענעם אופן געטאָן זייער ארבייט פאַר עטליכע יאָהר דורכאַנאַנד, אפעלירענדיג אויף יעדען מעגליכען אופן, דורך פער־זענליכען קאָנטאַקט, און דורך אפילס צו די אידישע מוטערס, וועגען דער וויכטיגקייט פון גיבען די קינדער אַ אידישע דערציאונג.

די קאָמיטע האָט געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון די היגע פירער פון דער פעדערײשאָן, וואָס איז די אויפהאַלטערן פון די אַסאָשיאייטעד תלמוד תורות, די אָנפירערן פון דער פרויען קאָמיטע פאַר אידישער ערציאונג מרס. מערי גרינ־בערג, און די גאָטזעליגע הרבנית אנא זווירען, די קאָרעספּאָנדענץ סעקרעטאַרין. האָבען געקראָגען איינלאַדונגען פון דזשאַדזש הארעס סטוירן צו קומען צו אַ קאָנפערענץ, צוזאַמען מיט די אויבענדערמאָנטע צוויי זיינען ביי דער קאָנפערענץ אויך אנוועזענד געוועזען סערע גרינבערג, פּאולין סאַלסבערג, און די פאַרשטאָרבענע ראוז שעכטער.

דזשאַדזש סטוירן, צוזאַמען מיט איינינע פאַרשטייערינס פון דער פעדעריי־שאָן אין אַסאָשיאייטעד תלמוד תורה, האָבען פאַרלאַנגט אַז דער פרויען קאָמיטעט זאָל אָרגאַניזירען אַ „טיעם" צו העלפען אין דעם דאַמלסדיגען קאַמפּיין, די פאַר־טרעטערינס פון דער ערציהונגס קאָמיטע האָבען פאַרלאַנגט אַז אַחוץ די תלמוד תורה'ס זאָלען אויך די אַנדערע אידישע ערציאונגס אנשטאַלטען געהאָלפען ווערען מיט די געלדער פון דעם קאַמפּיין. פון דעם קאָנפערענץ האָט זיך גאָר ניט אויס־געלאָזט ווייל די פאַרשטייער פון דער פעדערײשאָן האָבען זיך ניט פאַרשטענדיגט אויף דעם פאָרשלאַג פון דעם אידישען פרויען ערציהונגס קאָמיטעט.

די ארבייט פון דער פרויען ערציאונגס קאָמיטעט איז געווען אַ שווערע, און האָט ניט געפונען די פאַרדינטע שטיצע מצד דעם ברייטען עולם, און האָט זיך געמייזט אויפלייזען.

מערי גרינבערג האָט אָבער ניט אויפגעגעבען דעם געדאַנק פון אַ פרויען אָרגאַניזאַציע פאַר אידישער דערציאונג, און זי האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן וועגען אַזא מין קערפערשאַפט, אויף אַ ברייטען מאסשטאב; דאָס הייסט אנשטאט איינ־צעלנע פרויען זאָל דער קאָמיטעט באַשטעהן פון גאַנצע פרויען אָרגאַניזאַציעס.

מערי גרינבערג האָט זיך צוזאַמענגערעדט מיט אַ פּאָר פאַרשטייערינס פון דעם פריהערדיגער פרויען קאָמיטעט פאַר אידישער דערציאונג. זיי זיינען באַ־שטאַנען פון אַנא זווירען, ע"ה, ראוז שעכטער, ע"ה, און פּאולין סאַלסבערג, וועמען דער פּלאַן איז זעהר געפעלען געוואָרען, און מען האָט פאַררופען אַ גרינדונגס פאַרזאַמלונג צו וועלכען אַחוץ די פיער דערמאָנטע פרויען זיינען אויך איינגע־לאַדען געוואָרען ראוז גליידער, אסתר גאָלדמאַן, און ריבא שעסטאַק. דעם 30טען אַפּריל, 1928, איז אין הויז פון הרבנית זווירען, 5925 לאַרטשוואוד עווענו, געלעגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון פּילאַדעלפיער אידישע פרויען אָרגאַניזא־ציאָנס קאָמיטעט.

די כללים פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון דאַמאָלס אָן זיינען: אַז יעדע פרויען אָרגאַניזאַציע ביי וועלכער עס איז טייער די אידישע געמיינדע דאָ אין שטאָדט בפרט, און וועלכע איז פאַראינטערעסירט אין דער צוקונפט פון דעם אידישען פאָלק בכלל, קען ווערען אַ מיטגליד פון דעם אידישען פרויען אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטעט, עס מאַכט ניט אויס צו די אָרגאַניזאַציע טוט וואוילטעטיגע ארבייט,

אדער איהר טעטיגקייט איז געגענזייטיגע הילף פאר איהרע מיטגלידער, אדער איז פון ערציערישען און קולטורעלען כאראקטער.

יעדע ארגאניזאציע ווי גרויס אדער קליין זי זאל ניט זיין, איז בארעכטיגט צו דערזעלבער צאהל פון פיער פארטרעטערנס אויסגעקליבען פון דער אייגענער ארגאניזאציע, פון וועלכע איינע דארף באשטימט ווערען אויף דער עקזעקוטיווע באָרד, וועלכע באשטעהט פון אזוי פיעל מיטגלידער וויפיעל ארגאניזאציעס דער קאמיטעט פארמאגט אלס מיטגלידער.

דער קאמיטעט האט אויך איינגעפיהרט א נייע סיסטעמע פון פירערשאפט, אז קיין פרעזידענטין זאל ניט זיין, נאר א פארזיצענדע פון א קאנפערענץ וועלכע ווערט געוויינליך אבגעהאלטען אלע דריי חדשים, זאל צו ענדע פון דער קאנפערענץ אויסגעקליבען ווערען פאר דער צווייטער פארזאמלונג.

אין אנדערע ווערטער מיינט דאס אז די אויסגעקליבענע ווערט די פירערין פאר דער צייט פון איין קאנפערענץ ביז דעם צווייטען. די יעניגע וועלכע ווערען ערוויילט פאר א יאהר זיינען: טרעזשורער, רעקארדינג סעקרעטאר, קארעספאנדענט סעקרעטאר און א סעקרעטאר פאר דער עקזעקוטיוו באָרד.

יעדע ארגאניזאציע צאהלט בלויז צוויי דאלאר א יאהר. ביי דער ערשטער אלגעמיינער קאנפערענץ איז גלייך באשלאסען געווארען אנצופאנגען פראפאגאנדע פאר א אידישער דערציאונג, דורך באשטימען א געוויסען חודש ספעציעל פאר דער ארבייט.

פאלגענדע זיינען ערוועהלט געווארען אלס די ערשטע בעאמטע פון דעם קאמיטעט: מערי גרינבערג, טשערליידי פאר אידישער דערציאונגס ארבייט; ראוז גליידער, טשערליידי פאר ארגאניזאציעס; אנא זווירען, קארעספאנדינג סעקעטאר; ריבא שעפטאק, רעקארדינג סעקרעטאר; פאולין סאלסבערג, טרעזשורער, און ראוז שעכטער, סעקרעטאר פון דער באָרד.

עס האט ניט גענומען לאנג און דער קאמיטעט האט אנגעפאנגען צו קריגען אלץ מעהר און מעהר ארגאנאיזאציעס אלס מיטגלידער, ביז די צאהל האט דערגרייכט 54 פרויען ארגאניזאציעס.

אין עטליכע יאהר ארום האט דער פילאדעלפיער אידישער פרויען ארגאניזאציאנס קאמיטעט ארויסגעקראגען א טשארטער, און די דאזיגע געשעהעניש איז געפייערט געווארען אויף א פאסענדען אופן דורך א באנקעט מיט מוזיק.

דורך דער צייט איז די ארבייט פון פארשפרייטען אידישע דערציאונג אנגעגאנגען יעדען יאהר דורך א חודש פון אויפקלערונג; דורך שיקען רעדנער צו די פרויען ארגאניזאציעס, ביי די קאנפערענצען, דורך די אידישע צייטונגען און דורך דער ראדיא.

שפעטער איז אויך באשטימט געווארען א קולטור קאמיטע מיט טילי בן־עמי אלס טשערליידי.

דער קאמיטעט האט נאכגעפאלגט אלע געשעהענישען אויף דער אידישער גאס, און זעהר פיעל געהאלפען וואו און ווען עס האט זיך גענויטיגט די הילף פון די ארגאניזירטע אידישע פרויען.

ווען גרויסע פראָטעסט מיטינגען זענען גערופען געוואָרען מיט דער הילף פון די אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס ארויסגערופען פון הונדערטער פרויען אין די רייען פון די פראָטעסטירענדע.

אזוי האָט אויך דער פרויען קאָמיטעט רעאגירט אויף יעדער וויכטיגער פאַר־סירונג, ווי דער קאלענדאר עפיזאָד, ווען די אמעריקאנער רעגירונג האָט געוואָלט בייטען די צייט רעכנונג וואָס וואָלט געשטערט די אידישע צייט רעכנונג פאַר שבתים און יום טובים, אויך וועגען די רעדזשיסטריישאָן גזירה האָט דער קאָמיטעט ניט געשוויגען, און געלאָזט הערען דאָס קול פון עטליכע און צוואנציג טויזענט אָרגאַניזירטע אידישע פרויען, וועגען דעם העבּרעאישען און אידישען שפּראַך סכסוך וואָס איז אָנגעגאַנגען אין אַ געוויסער צייט זייער שארף אין ארץ ישראל. אויך וועגען פארבאָט אַז אידען זאָלען ניט טאָרען עולה רגל זיין צום כותל מערבי. האָט דער קאָמיטעט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע און געשיקט צו דער ענגלישער רע־גירונג.

אויף דעם לאָקאַלען געביט האָט דער פרויען קאָמיטעט דורך פאַרשיידענע מיטלען אָנגעווענדעט דעם איינפלוס, כדי דער מאונט סיני האספּיטאל, וואָס געפינט זיך אין הארץ פון דעם אידישען געגענט דאון טאון זאָל איינפיהרען צוויי באַזונדערע קיכען, אַ מילכיגע און אַ פליישיגע, לויט דעם פארלאַנג פון אַ צאָהל פאַרשטייערינס פון דאון־טאונער אָרגאַניזאַציעס.

דער קאָמיטעט האָט אויף דער איניציאַטיווע פון הרבנות אַנאַ זווירען, ע״ה, דורכגעפיהרט אַן אַקציע פון ביכער זאַמלונגען וועלכע זיינען צוטיילט געוואָרען אין פאַרשיידענע האספּיטאלס און אַנדערע אינסטיטוציעס.

ביי יעדער קאַנפערענץ ווערט געגעבען אַ געלעגענהייט צו די פאַרשטייערינס פון מיטגלידער אָרגאַניזאַציעס אויפצוקלערען די אַנדערע וועגען די טעטיגקייטען פון זייער באַטרעפענדער אָרגאַניזאַציע, וואָס פיהרט נאַטירליך צו אַ בעסערער פאַרשטענדניש צווישען די אָרגאַניזאַציעס דאָ אין שטאָדט.

די קאָמיטע פאַר אידישער דערציאונג געהט אָן מיט איהר אַרבייט אונטער דער פירערשאַפט פון מערי גרינבערג, דער באַנער יאָהר פון טעטיגקייט אויף דעם געביט איז געווען דאָס יאָהר אין וועלכען זעקס גרויסע מאַססמיטינגען זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען דורך דעם חודש פון פּראָפּאַגאַנדע.

די מיטינגען זיינען געווען אין דער לינת הצדק שוהל, 60טע און לארטש־וואוד עוועניו, אין סטראָבערי מענשאָן קאָמיוניטי סענטער, אין תקות ישראל שוהל, אין קאמאדאר האָטעל, אין סטענטאָן האָל, אין בני אהרן שוהל, ווינפיעלד.

די מאַססמיטינגען הבען זיך אויסגעצייכענט מיט דער אייגנאַרטיגקייט פון די פּראָגראַמען מיט דער דעמאָקראַטישער צוזאַמענשטעלען פון די רעדנער ליסט וועלכע האָבען רעפּרעזענטירט כמעט יעדער ריכטונג און יעדע גרופּירונג פון אידישער דערציאונג.

די מאַססמיטינגען זיינען געווען זעהר גוט באַזוכט און האָבען אַרויסגערופען פיעל לויב מצד די אידישע צייטונגען, און איבערהויפּט פון די „אידישע וועלט,״ מיט איהר דאַמאָלסדיגען רעדאַקטאָר משה קאַטץ ז״ל, און מיטאַרבייטער משה מלמד.

נאר אט איז אנגעקומען א צייט ווען א בייזע חיה האט זיך ארויסגעלאזט צו פארציקען דאס אידישע פאלק, אויף דעם וועג צו דעראבערען א וועלט און זי פארשקלאפען.

עס איז געקומען א צייט פון אינטענסיווע טעטיגקייטען צו העלפען די וועלכע שטייען צוזאמען מיט אונזער רעגירונג, צו העלפען די דעמאקראטיעס צו פאר־ניכטען פאשיזם און נאציזם.

דער אמעריקאנער אידישער קאנגרעס האט געגרינדעט א אידישע סעקציע פון אן אינטערפעיטה קאמיטע, מיט אן אבטיילונג ביי אונז אין שטאדט, דער פרויען קאמיטעט האט גלייך אונטערגענומען אן אקציע, און ביי א קאנפערענץ דעם 31טען דזשולאי, 1941, איז אונטער דער פירערשאפט פון מערי גרינבערג איבערגעגעבען געווארען צום פרעזידענט פון דעם היגען אינטערפעיטה קאונסיל, סטיווענסאן האל, 650 דאלאר אלס ביישטייערונג פאר דעם בריטיש וואר רעליף, נאכדעם איז די סומע פארגרעסערט געווארען אויף איבער א טויזענד דאלאר וואס די פרויען ארגאניזאציעס האבען בייגעטראגען אויף דעם אפיעל פון קא־מיטעט.

ווען די דאזיגע ציילען ווערען געשריבען פיהרט דער קאמיטעט אן אן אקציע פאר אן אמבולאנס צו פרעזענטירען דער שטאדט פילאדעלפיא, די פרויען ארגא־ניזאציעס האבען זיך ווארים אפגערופען און די נויטיגע סומע איז שוין געשא־פען געווארען (צוויי טויזענט דאלאר).

א „רויטער קרייץ" יוניט וועט אנגעפיהרט פון קאמיטעט מיט דער הילף פון באסלאווער בענעפישעל אסאסיאיישאן, וואס האט געגעבען פריי א צימער אויף צו ארבייטען אונטער דער פירערשאפט פון ריבע שעסטאק און סערע פער־לאף. פילע פרויען קומען אהין צוויי מאל א וואך. זיי נייהען און שטריקען פארן רויטען קרייץ.

די איצטיגע דערוויילטע בעאמטע פון פילאדעלפיא אידישע פרויען ארגאני־זאציאנס קאמיטעט זיינען סערע ראזען, טרעזשורער; קייט וואגאנסקי, קארעס־פאנדענץ סעקרעטאר; סאני סאבעלמאן, רעקארדינג סעקרעטאר, און טילי קאהן, סעקרעטאר פון דער אדווייזארי באארד.

פילאדעלפיער
אידישע אנשטאלטען
און זייערע פיהרער

יאָר־בוך פאר

1942 - 1943

תשרי, ה"תשג

יוד לאמעד מאלאמוט

רעדאקטאר און ארויסגעבער

צווייטער בוך

PHILADELPHIA JEWISH INSTITUTIONS and THEIR LEADERS

JOSEPH L. MALAMUT, Editor

207 South 42nd Street - Philadelphia, Pa.

האיאס אין פילאדעלפיא

ניטאָ ביי אידען אין אמעריקא נאָך איין אָרגאניזאציע וועמענס בלעטער זאָלען זיין אָנגעפּיקעוועט מיט אזוי פיעל דראמאטישען עפּאס ווי עס זיינען די בלעטער אין דער געשיכטע פון דער היברו אימיגראנט עיד סאָסייעטי.

אין פילאדעלפיא געפינען זיך היינט צו טאָג איבער א פערטעל מיליאָן אידישע נפשות. כאפּט אן אירגענד וועלכע פאמיליע און גיט א פרעג ווי אזוי איז זי אריינגעקומען אהער, דורך וועמען האָט מען אויסגעפונען משפחה, קרובים, אדער דורך וועמען זיינען זיי נאטוראליזירט געוואָרען און ארויסגענומען בירגער פּאפּירען, און זיי וועלען אייך האָבען צו דערציילען מערקווירדיגע געשיכטעס אין וועלכע די היברו אימיגראנט עיד סאָסייעטי האָט געשפּילט און שפּילט נאָך איצט א באדייטענדע ראָלע.

אָנהויבענדיג אין די אכציגער יאָהרען אין דעם פריהערדיגען יאָהר הונ־דערט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער ערשטער גרויסער אימיגראנטען שטראָם, נאָך די פּאָגראָמען אין די צייטען פון אלעקסאנדער דעם צווייטען, שוין דאן גע־פינען מיר די געזעלשאפט „אסס'ן פאר פּראָטעקשאָן אָוו דזשואיש אימיגראנטס." פון יענער געזעלשאפט וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פון לואיס עדווארד ליווי, איז שפּעטער ארויסגעוואקסען די היינטיגע האיאס.

האָט זיך א אימיגראנט שוין דערשלאָגען צו דעם אמעריקאנער ברעג, איז ער געווען עלענט, נאקעט, און פארצווייפעלט. אָפט איז ער געוואָרען איינגע־שפּארט אין דעם טרערען אינזעל, דער דאָזיגער אינזעל איז בוכשטעבליך געווען אויסגעווייקט אין טרערען און נאָר א דאנק דער אָרגאניזאציע וועלכע איז מיט דער צייט אנערקענט געוואָרען פון די אימיגראציע באאמטע, זיינען מיליאָנען אידישע נפשות געראטעוועט געוואָרען פון צוריקגעשיקט צו ווערען אין די בלו־טיגע לענדער פון די צארען.

דאָס איז געווען ביז דער ערשטער וועלט מלחמה. אָבער זינט דאן, האָט זיך ערשט די ארבייט פון דער האיאס אָנגעהויבען פארצווייגען בוכשטעבליך איבער אלע קאנטינענטען. פאמיליעס זיינען דורך דער מלחמה צוריסען געוואָרען. קינדער האָבען ניט געהערט פון זייערע עלטערען, און עלטערען האָבען ארומגע־זוכט קינדער, און זייער איינציגער רעטער איז אלעמאָל געווען די געזעלשאפט האיאס, וואָס האָט זיך צעצווייגט מיט ברענטשעס איבעראל וואו עס איז נאָר דאָ א ציוויליזירטער ישוב.

קיין חידוש ניט, וואָס די באליבטע אידישע געזעלשאפט איבעראל ווי ביי אונז אין פילאדעלפיא איז געווען און וועט אלעמאָל פארבלייבען די היברו אימי־גראנט עיד סאָסייעטי, (האיאס).

האיאס איז דער רעטונגס אינזעל, דער אאזיס אין אונזער חרוב געוואָרען

אידיש לעבען. האיאס איז איצט מעהר באשעפטיגט ווי פריהער, צוליב דעם גרויסען חורבן אין דעם אידישען לעבען אין אייראפא און אין אזיע.

האיאס פיהלט די גרויסע אחריות וואס די איצטיגע קריטישע לאגע אין דעם אידישען לעבען האט אויף איהר ארויפגעלעגט, און דער אפיס פון האיאס איז יעדען ארבייטס טאג פארפלייצט מיט צענדליגער פאמיליעס וואס קומען מיט ספעציעלע אימיגראציע פראבלעמען, מלחמה פראבלעמען, אבער יעדעס פראבלעם איז לעבענסוויכטיג, און מארעי לעווין, דער עקזעקוטיוו דירעקטאר, און ב. רובינ־שטיין, זיין געהילף דירעקטאר, און אלע אנדערע אנגעשטעלטע, שטייען גרייט צו דינען דער אידישער באפעלקערונג אין פילאדעלפיא, פונקט ווי די באפעלקערונג איז באדינט געווארען מיט פופציג און זעכציג יאהר צוריק.

קיין חידוש ניט וואס יעדער איד אין פילאדעלפיא, יעדער רב, יעדער כלל טוער איז אזוי שטאלץ אויף זיין מיטגלידערשאפט אין דער האיאס.

באזונדערס אין דער איצטיגער צייט פון יאהר, אין די ימים נוראים פיהלט יעדער איד, אז ער איז שולדיג דעם האיאס א גרויסען חוב. ער איז אליין אריינ־געקומען קיין אמעריקא מיט דער הילף פון דעם האיאס. ער האט זיך מיט זיין פאמיליע ווידער צונויפגעטראפען א דאנק די באמיאונגען פון די האיאס פארטרע־טער איבער דער וועלט. יעדער איד ווייסט, אז האיאס שטייט אויף דער וואך, און וואו עס אז נאר דא א מעגליכקייט פאר דעם אימיגראנט צו עפענען א טיר, און זיין פאר איהם א מליץ יושר, וועט האיאס ניט רוהען, ביז דאס ספעציעלע פראבלעם וועט געלייזט ווערען.

אין אפיס פון דעם פילאדעלפיער האיאס געפינען זיך רעקארדס זינט 1883 פון יעדען אידישען מאן, פרוי און קינד וועלכע זיינען אריינגעקומען אין דעם פילאדעלפיער האפען. מיט די דאזיגע רעקארדס באנוצען זיך אידען פון גאנץ אמעריקא, פון א זיידען ביז אן אור־אור אייניקעל.

די איצטיגע באאמטע פון דער האיאס זיינען:

עהרען פרעזידענטען: האוארד ס. ליווי, לאיער ה. ה. קאהען, הרב דוב אריה הכהן לעווינטהאל; פרעדריק ר. מאן, פרעזידענט; אייברעהעם ס. בווירג, דזשוניאר, אלבערט ה. ליבערמאן, און לייאנעל פ. ליווי, וויים פרעזידענטען; לעאן מעראף, טרעזשורער; דזשייקאב ב. האפמאן, סעקרעטאר; מארעי לעווין, עקזעקוטיוו די־רעקטאר; בענדזשאמין רובינשטיין, אסיסטענט דירעקטאר.

פרעדריק ר. מאַן

רעזידענץ: מעדאָוברוק, פּא., אָפיס: 51טע און גרעים עווענ. געבוירען אין האמעל, רוסלאנד, אין 1903, דער זוהן פון אסקאר און פאניע מאן.

דער פאָטער איז געווען אַ פאַבריקאנט און ער האָט זיין זוהן געהאלטען אין חדר ביז בר מצוה. פרעדריק ר. מאן איז געקומען אהער אַלס קינד פון 2 יאָהר. ער האָט דאָ געמאכט פּאַבליק, האי סקוהל און יוניווערסיטי אָוו פּענסילווייניע, און אין 1924 האָט ער אָרגאניזירט אַ קאמפאניע, איבערנעמענדיג איהרע פריהערדיגע געשעפטען, און זינט דאן איז דאָס געשעפט פון קאָנטעינערס זיך צעוואקסען.

אין 1933 האָט ער געהייראט סילוויא ראָזענבערג, און זיי האָבען 4 קינדער: גילדא, געיל, געי און עלא.

פרעדריק ר. מאן איז טרעזשורער פון קאנגרעגיישאָן מקוה ישראל, באָרד אָוו דירעקטאָר פעדעריישאָן אָוו דזשואיש טשאריטיס, דירעקטאָר עלאיד דזשואיש אפּיל, פּרעזידענט פון פילאדעלפיער האיאס, וויס פּרעזידענט פון דעם נאציאָנאלען האיאס, אַ דירעקטאָר פון דער יאָנג מענס און יאָנג ווימענס היברו אסס'ן, דירעקטאָר מאונט סיני האספּיטאל, דזשואיש וועלפעיר סאָסייטי, אסאָשיאייט תלמוד תורות, פילאדעלפיער פּסיכיאטרישער האספּיטאל, ראבין הוד דעל, פּאַלעסטינער סימפאָנישען אָרקעסטער, און אַ ליבעראלער ביישטייערער צו אַלע נאציאָנאלע און לאקאלע אנשטאלטען.

מרס. פרעדריק ר. מאן איז אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער סיסטערהוד פון מקוה ישראל קאנגרעגיישאָן, און אַ מיטגליד אין דעם פילאדעלפיער טשאפּטער פון דער הדסה.

★

מאָרעי לעווין



5250 ארלינגטאן סטריט. אָפיס: 330 ס. 9טע סטריט. געבוירען אין פּוילען, אין 1886, דער זוהן פון יהושע און שרה לעווין. פאָטער איז געווען אַ סוחר און דער יונגער מארעי איז געבראַכט געוואָרען קיין אמעריקא ווען ער איז אַלט געווען 2 יאָהר. ווען ער איז אַלט געוואָרען זעקס יאָהר האָט דער פאָטער איהם צוריקגעשיקט קיין פּוילען אַז ער זאָל קריגען אַן אמת'ע היימישע דערציאונג. ער האָט געלערענט אין סלאָנימער ישיבה ביז נאָך בר מצוה, דאַן איז ער געקומען צוריק קיין אַמעריקא און ער האָט געלערענט אין דער באראָן דע הירש סקוהל. שפּעטער האָט

ער אויך באזוכט דעם סיטי קאלעדזש אוו נויארק, וואו ער האט באקומען דעם דעגרי בעטשעלאר אוו ארטס.

נאך סקוהל איז לעווין אינטערעסירט געווארען אין סאשעל ווארק און איז געווארען דער סופעראינטענדענט פון באים אקטיוויטעטען אין דער עדיוקיישאנאל אלייענס, נויארק. דאן האט ער דערפיהלט די צרות פון די גרינע אידען און ער איז געווארען דער דירעקטאר איבער „רעקרעאיישאן" אין דער יאנג מען און יאנג ווימענס היברו אסאסיאיישאן, ביז 1917.

אין 1917 איז ער געווארען דער הויפט מיטארבייטער פון דער דזשואיש וועלפעיר בארד מיט דעם אידישען פערסאנעל צווישען די מארינען. ער איז געוועזן זייער טשאפלעין, הויפט ראטגעבער און גייסטיגער פיהרער.

נאכן וואפענשטילשטאנד איז ער צוריקגעקומען און איז אנגעשטעלט געווא־רען אין וואשינגטאן און ער האט געהאט די אויפזיכט צו רעאביליטירען די פאר־וואונדעטע סאלדאטען אין וואלטער ריעד'ס האספיטאל, וואשינגטאן.

אין 1921 איז ער אויף דער איינלאדונג פון דעם פרעזידענט פון דער האיאס אין נויארק געקומען קיין פילאדעלפיא איבערצונעמען דעם אפיס פון האיאס, און זינט דאן איז ער דא פארבליבען אלס דירעקטאר.

לעווין האט זיך חוץ דער האיאס ארבייט אנגעהויבען באטייליגען אין אלע געזעלשאפטליכע ארבייטען, אין דער ארבייטער באוועגונג, איז געוועזן דער אומ־פארטייאישער טשערמאן פון די האטעל און רעסטאראן אינדוסטריעס, מילינערי, ניטוועיר און אנדערע אינדוסטריעס.

לעווין איז אויך געוועזן אקטיוו אין אידישען טעאטער, האט געשריבען און איבערזעצט א צאהל פיעסען אין אידיש און ענגליש, האט אויך אנגעפיהרט מיט א טעאטער גרופע א לייננגערע צייט, האט געשריבען היסטארישע פעדזשענטס, און לעצטענס האט ער זיך אריינגעווארפען אין מלחמה ארבייט, שאפענדיג פעדזשענטס דורך וועלכע ער פראפאגאנדירט די אידייע פון אמעריקאניזאציע און פאטריאטיזם פאר אמעריקא.

מארעי לעווין איז איצט „אסאשיאייט טשערמאן אוו דיסאסטער" פאר „רויטען קרייץ."

האט געהייראט סערע קאהען, באוואוסטע „סאשעל ווארקער" וואס איז געוועזן עקזעקוטיוו דירעקטאר פון די ארפענס גארדיענס. זיי האבען 2 קינדער, דייוויד לעווין, 18 יאהר אלט, אין סטייט קאלעדזש, אפיסערס טרעינינג פאר אינזשענירונג, און דזשענעט, אווערברוק האי סקוהל.

מארעי לעווין איז א מיטגליד אין די בני ברית, ברית שלום, בני אהרן קאנ־גרעגיישאן, א פראמינענטער מייסאן און אן אונטערשטיצער פון אלע לאקאלע און נאציאנאלע אנשטאלטען.

★

ב. רובינשטיין

רעזידענץ: 4420 יאָרק ראוד, אָפיס: 330 ס. 9טע סטריט, האיאס. געבוירען אין בעלאצערקאוו, קיעווער גובערניע, אין 1881, דער זוהן פון שואל און זיסל רובינשטיין. פאָטער איז געווען א סוחר און האָט זיין זוהן דערצויגען אין שטריינגען אָרטאָדאָקסישען גייסט.

ביז בר מצוה איז דער יונגער רובינשטיין דורכגע־גאנגען די גרעסטע טיילען פון תלמוד און נאָך בר מצוה אויך געלערענט פוסקים, אָבער ער האָט זיך באלד א נויג געטאָן צו דער השכלה און בשתיקה אָנגעהויבען לער־נען רוסיש. צו 15 איז ער דורכגעגאנגען גימנאזיע. צו 16 האָט שוין אין איהם אויפגעברויזט דער ציוניסטישער געדאנק, האָט געקענט כמעט דעם גאנצען תנ"ך אויף אויסווענינג. האָט אויסגעלערענט שחיטה, און צו 18 יאָהר, פונקט אין טאָג פון זיין געבורטסטאג האָט מען איהם חתונה געמאכט. האָט געהייראָט מרים ליכטענשטיין, און זיי האָבען 7 קינדער. זייערע קינדער זיינען באזונדערס איבערגעגעבען צו דעם ציוניזם, זיינען ווארעמע אָנהייגער פון דער העברעאישער שפּראך און אינטערעסירט אין דער אויפלעבונג פון ארץ ישראל.

נאָך דער חתונה איז רובינשטיין געוואָרען ענג אין גלות, איז ער אָפּגעפאָה־רען קיין ארץ ישראל און געהאָפט זיך דאָרט עטאבלירען און אריבערברייננגען די פאמיליע. אָבער צוליב קראנקהייט און אַנדערע סיבות האָט ער געמוזט פארלאָזען דאָס הייליגע לאנד איז צוריקגעקומען קיין בעלאצערקאָוו.

ער האָט ניט געקענט פארטראָגען די פארפאָלגונגען פון דער צארישער רעגי־רונג, און אין 4 יאָהר ארום איז ער אָפּגעפאָהרען קיין אַמעריקא. לאנדסלייט האָבען געוואָלט אז ער זאָל אריין אין טעאָלאָגישען סעמינאר און ווערען א ראבאי, אָבער רובינשטיין האָט געהאלטען פון דעם כלל „לא קרדום לחפור בה," ער האָט גע־וואָלט זיין א נהנה מיגיע כפּיו, איז ער ביסלעכווייז אריינגעצויגען געוואָרען מיט 21 יאָהר צוריק אין דער ארבייט פארן האיאס, און אין דער דאָזיגער ארבייט איז ער באשעפטיגט עד היום, אלס אסיסטענט דירעקטאָר.

איז א מיטגליד פון דער קהלת קודש, אנשי שדה לבן, איז געווען זייער גרינ־דער פון דער חברה משניות, וואו ער האָט א שטיק צייט געלערנט מיט זיי, און פאר רעד דאָזיגער לייסטונג איז ער ביי זיי פארשריבען געוואָרען אין זייער פּנקס מיט גאָלדענע בוכשטאבען. ער איז אויך א מיטגליד אין דעם אידישען נאציאָ־נאלען אַרבייטער פארבאנד, אין ברית שלום, אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, א ליבעראלער ביישטייערער פון דעם געווערקשאפטען קעמפּיין פון דער הסתדרות, פעדערייטאָן אוו דזשואיש טשאריטיס, עלאיד דזשואיש אַפּיל, און אלע אַנדערע נאציאָנאלע און לאָקאלע אנשטאלטען.

הערי דאראף

רעזידענץ: 6320 וויסאהיקען עוועניו. אָפּיס: 23טע און וואלנאט סטריטס, הערי דאראף ענד סאנס, קליידער פאברי־קאנטען.

הערי דאראף איז געבוירען געוואָרען אין פרילוק, פּאָלטאווער גובערניע, אין 1871, דער זוהן פון ליב און דאבע דאראף. פּאָטער איז געווען אַ סוחר און ער האָט זיין זוהן געשיקט אין דער וואלאזשינער ישיבה.

הערי דאראף איז געקומען קיין אמעריקא אין 1889, מיט 53 יאָהר צוריק און ער איז איינער פון די תושבים וואָס האָבען אסך געהאָלפען איינשטעלען אַ אידישען שטייגער לעבען אין פילאדעלפיא.

די ערשטע צייט איז הערי דאראף געווען אַ שניידער־קאנטראקטער, און נאכדעם ווי ער איז אָפּגעווען אַ פּאָר יאָהר אין דעם פאך, האָט ער געגרינדעט די קליידער פירמע הערי דאראף, און שפּעטער ווען זיינע זיהן זיינען אונטערגע־וואקסען האָט ער זיי אריינגענומען אַלס שותפים. היינט צו טאָג איז די פירמע הערי דאראף ענד סאָנס איינע פון די אנגעזעהענסטע אין לאנד.

האָט געהייראט עטל סאוויצקי, וועלכע איז אוועק פון דער וועלט, אלול, תרצ״ח. זיינע קינדער זיינען: לואיס דאראף, טשארלס דאראף, איצט מיט דער אמעריקאנער ארמיי, דזשאָזעף דאראף, און סעמועל ה. דאראף, איצט דער פּרע־זידענט פון קאנגרעגיישאָן בני ישורון, איינער פון די פּאָפּולארסטע אידישע יונגע־לייט אין פילאדעלפיא, וואָס נעמט אַ טיפען אינטערעס אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, ווידמענענדיג אסך צייט פאר פילאנטראָפּישער אַרבייט אין פילאדעלפיא, און מייקעל דאראף. אַלע קינדער האָבען געהאט אַ קאָלעדזש בילדונג. חוץ די זיהן זיינען אויך דאָ צוויי טעכטער: ראוז, איצט מרס. אלען קאפּלאן, און עלי־זאבעטה, איצט מרס. אלבערט וואויסען. הערי דאראף האָט אויך עלף אייניקלאך.

הערי דאראף האָט אין דער זעלבער צייט וואָס ער איז געווען פארנומען מיט זיינע געשעפטען אויך אָפּגעגעבען אסך צייט פאר געזעלשאפטליכע ארבייט. ער איז איינער פון די גרינדער פון דער ניעזשינער שוהל, אהבת אחים, וואו ער איז געווען פּרעזידענט 16 מאָל. ער האָט אויך געבויעט די שוהל.

ער איז אויך געווען צווישען די גרינדער פון דעם כרם ישראל שוהל, און בני ישורון קאנגרעגיישאָן, וואו ער איז נאָך אקטיוו עד היום, און האָט ערשט לעצטענס געהאָלפען אויסקויפען דעם מאָרטגיידזש פון בני ישורון. דורך דעם אָפּקויפען דעם מאָרטגיידזש האָט די שוהל זיך איינגעשפּאָרט אַ סומע פון פופציג טויזענד דאלאר.

הערי דאראף איז אַ געוועזענער פּרעזידענט פון דער בני ישורון, און ער איז אויך געווען צען יאָהר דער טרעזשורער.

נעמט אן אקטיווען אנטייל אין ישיבת אהל משה פון סטראבערי מענשאן, איז אקטיוו אינטערעסירט אין דעם אפטאון מושב זקנים, איז א געוועזענער טשער־מאן פון דעם דראייוו אין 1940, ווען עס איז צוגעבויעט געווארען די נייע געביידע.

ער איז א ליבעראלערביישטייערער פון דער פעדערייטשאן אוו דזשואיש טשאריטיס, פון דעם עלאייד דזשואיש אפיל, און אונטערשטיצט אויך אלע נאציא־נאלע און לאקאלע אנשטאלטען.

די פארשטארבענע מרס. דאראף איז געווען אקטיוו אין דעם אפטאון מושב זקנים, אין דעם נארטהאיסטערן בית יתומים, און האט בכלל זיך אפגעגעבען מיט וואוילטעטיגער ארבייט.

★

א. מ. עלים

רעזידענץ: 2400 נ. 52טע סטריט. טשעין טעאטער און טערנעמער און באקאנטער פינאנסיר.

געבוירען אין טעפליק, פאדאל, דעם 6טען אויגוסט, 1880, דער זוהן פון דוד אלימלך און שפרינא אדעלא, (עלפאנט). עלים איז געקומען קיין פילאדעלפיא אין 1891, א אינגעל פון 11 יאהר. ער האט דא געמאכט סקוהל. איז געווען א שותף מיט זיין ברודער קעין עלים, אונטער דעם נאמען עלים ברידער, אלס האזשערי דזשאבערס. אין 1920 האט ער זיך צוריקגעצויגען פון די ביזנעס.

איז געווען דער אייגענטימער פון „ווהערפראוף האזשערי מילס," דזשאבער און מאנופעקטשורערס ביז 1929, מיט פעקטארים אין רעדינג, פא. אויך אין בוירלינגטאן און אין ענפילד, נ. קאראליינא. איז געווען אין סטאק בראקערינג ביזנעס פון 1929 ביז 1932. איז דער אייגענטימער פון א טשעין טעאטערע אין פילאדעלפיא און אין קעמדען זינט 1933.

איז געווען דער פרעזידענט פון דער סענטראל תלמוד תורה פון 1908 ביז 1916. איז היינט דער עהרען פרעזידענט. וויס פרעזידענט פון 1919 ביז 1921, פרעזידענט פון 1921 ביז 1926, און עהרען פרעזידענט אין 1926 פון די אסאשי־אייט תלמוד תורות.

האט געהייראט ראוז, די טאכטער פון אייזיק בארענבוים, דעם 3טען סעפ־טעמבער, 1902. זייערע קינדער: הערמאן מאנועל, מארטין בערנארד, רוטה, די פרוי פון דר. ארטור פוירסט, סידני, העגרי און עדמאנד עלים.

מר. עלים איז פראמינענט אין די בני ברית, קאנגרעגיישאן בני ישורון, פרעזידענט פון 1922 ביז 1926, דירעקטאר אין 1926, ער איז דער אייגענטימער פון א גרויסער פלאנטאציע לעבען תל אביב און פתח תקוה, אין ארץ ישראל.

אייב מ. עלים איז איינער פון די היגע תושבים, וואָס האָבען אַ חלק אין דער אויפבויאונג פון היגע אנשטאַלטען און איז באקאנט פאַר אַ ליבעראַלען ביישטייערער צו אַלע נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע אינסטיטוציעס.

★

אברהם עפשטיין

רעזידענץ—2410 נ. 53טע סטריט. אָפיס: 261 נ. 16טע סטריט. געבוירען אין ראַטנע, וואָלינער גובערניע, אין 1879, דער זוהן פון משה שמואל און מאַכליע עפשטיין. דער פאָטער איז געווען אַן אָקסענהענדלער, און דער יונגער אברהם האָט געלערנט אין חדר ביז בר מצוה.

איז געקומען קיין אמעריקא אין 1899. און ער האָט די ערשטע צייט דאָ געטאָן כל עבודת פרך, ביז ער האָט אין 1902 געעפענט זיין האָלסייל פרוכט געשעפט אין וועלכען ער האָט מצליח געווען. עפשטיין איז שטאָלץ אויף דעם פאַקט, וואָס זיין פרוכט געשעפט שטייט אויף דעם זעלבען אדרעס פאַר די לעצטע פערציג יאָהר.

האָט געהייראַט שרה וויינשטיין, אין 1901, פרוי איז נפטר געוואָרען אין נאָוועמבער, 1941.

עפשטיין איז דער פאָטער פון דריי קינדער: ראָזע, איצט מרס. ראָבערט שניע, עדוואַרד און סאַלים עפשטיין.ביידע זיהן און דער איידעם זיינען מיט דעם פאָטער אין די „ביזנעס."

אב. עפשטיין איז איינער פון די פּיאָנערען אין אידישער געזעלשאַפטליכער אַרבייט. ער האָט אין דער יוגענט געגרינדעט אַ פאַראיין פון זיינע ראַטנער לאַנדסלייט. האָט דער פאַראיין זיך פאַראייניגט מיט דעם זאַנגוויל פּראָיד לאָדזש. ער איז אַ געוועזענער פּרעזידענט פון יענעם פאַראיין.

ער איז פּרעזידענט פון דעם יעליסאָוועטגראַדער בענעפישעל אַסאָסיאיישאָן, און אַ געוועזענער פּרעזידענט פון דעם ברית אחים, אין יאָהר 1926. ער איז שוין 38 יאָהר אַקטיוו אין ברית אחים, און ער פאַרפעהלט עד היום ניט קיין מיטינג.

אין דעם ברית אחים האָט עפשטיין געהאַלטען יעדען אמט. ער איז געווען אַ טראַסטי, טרעזשורער, וויס פּרעזידענט און פּרעזידענט.

ער איז אַ מיטגליד אין הר ציון טעמפּל, אַ ליבעראַלער ביישטייערער פון יונייטעד טשאַריטס דראַיוו, עלאַיד דזשואיש אַפּיל, האָט געהאָלפען שאַפען גרויסע סומען געלט אין צייט פון קרן היסוד, און ער אַליין האָט אויך געגעבען גרויסע סומע געלט אין אַלע דראַיווס.

ער איז אינטערעסירט אין נארטאיסטערן ארפענס האום, אפטאון מושב זקנים, דאון טאון אלד אידזש האום.

מרס. עפשטיין איז געווען טרעזשורער פון דאון טאון בית יתומים, אין ווינפילד סעקשאן. זי איז אויך געווען אקטיוו אין א צאהל אנדערע לאקאלע אנשטאלטען.

★

סענאטאר ישראל שטיעפעל

ישראל שטיעפעל איז געבוירען געווארען דעם 31טען דעצעמבער, 1898, אין אדעסא, רוסלאנד, דער זוהן פון יעקב און עטעל שטיעפעל.

דערצויגען אין דעם שוים פון די שעהנסטע אידישע קולטורעלע טראדיציעס האט ער פארווירקליכט אין זיך דעם טרוים פון זיין פערשטארבענעם פאטער, יעקב שטיע־פעל, און האט דערגרייכט די הארמאנישע קאמבינאציע פון „יפיפותו של יפת באהלי שם.״

ער איז געווען בלויז 15 יאהר אלט ווען ער האט גראדואירט די מיטעלשולע מיט די גרעסטע אויסצייכע־נונגען און איז אריינגענומען געווארען אין דעם אוניווערסיטעט פון טאבריע אין סימפעראפאל.

אבער דער ציוניסטישער אידעאל האט גערופען קיין ארץ־ישראל און וויל די וועלט־מלחמה האט נאך געפלאקערט איז ישראל שטיעפעל אנגעקומען קיין ירושלים און א דאנק זיינע קענטנישען פון שפראכען אריינגענומען געווארען אין דעם אינטע־לעגענץ־דעפארטמענט פון דער ענגלישער ארמיי.

שפעטער האט ער געארבייט אלס א חלוץ אין חולדה און איז אויך געוועזען א שומר אין דער קאלאניע גדרה, וואו עס האבען זיך באזעצט די ביל״ו פיאנערען. מיט יוסף טרומפעלדאר האט ער זיך באטייליגט אין דעם פריהלינג פון 1920 אין דער פארטיידיגונג פון דעם גליל העליון און האט געקעמפט געגען די אראבישע באנ־דיטען אין מטולה, כפר־גלעדי און תל־חי.

פאר צוויי יאהר האט ער געשטודירט אין דעם ירושלים׳ער סעמינאר פאר העברעאישע לעהרער און האט גראדואירט פון דארטען אין דעם יאהר 1922 מיט די העכסטע אויסצייכנונגען.

אויף דער איינלאדונג פון זיין אנקעל מייקעל שטיעפעל איז ער געקומען צו פארזעצען זיין שטודיום אין די פעראייניגטע שטאטען. און איז אריינגענומען געווארען אין 1923 אין דער יוניווערסיטי אוו פענסילווייניע. אין 1925 האט ער גראדואירט פון דעם קאלעדזש פון דעם אוניווערסיטעט, אין 1928 פון דער לאא סקוהל, אין 1932 פון דער גראדואירטער סקוהל און ענדליך האלט ער יעצט ביים באקומען דעם טיטול פון דאקטאר פון פילאסאפיע פון דער פענסילווייניער יוני־ווערסיטי.

זיינע טעטיגקייט אויף דעם געביעט פון העברעאישער קולטור זענען גוט באַ־קאנט צו דעם פילאדעלפיער יודענטום. סיי אלס העברעאישער לעהרער, סיי אלס א פרינסיפאל האט ישראל שטיפעל אויסגעצייכענט זיך מיט דערציהען אונזערע קינדער אין דעם גייסט פון די געזונטסטע אידישע טראדיציעס.

אין 1926 איז ער איינגעלאדען געווארען צו ווערען דער פרינסיפאל פון דער העברעאישער שוהלע אין טשעסטער. און בלויז צוויי יאהר איז איהם געלונגען אויפצובויען איינע פון די אנגעזעהענסטע שוהלען וואס האט געצעהלט 250 קינ־דער און פון וועלכער עס האבען גראדואירט אידישע קינדער דורכגעזאפט מיט א געזונטען אידישען גייסט און איבערגעבענהייט צו אידישקייט.

זייט 1928 פראקטיצירט ישראל שטיפעל אלס א לאיער אין פילאדעלפיא און איז פארעכענט אלס איינער פון די אנגעזעהענסטע מיטגלידער פון דעם פילא־דעלפיער באר אסאסיאיישאן.

אין 1936 איז מר. שטיפעל דערוועהלט געווארען אלס סענאטאר צו דעם פענסילווייניער סענאט און אין יאהר 1940 איז ער ווידער־ערוועהלט געווארען פאר א צווייטען טערמין פון פיער יאהר.

אין דעם סענאט פון פענסילווייניע איז ישראל שטיפעל פאררעכענט אלס א בקי אין אלע ענינים פון טעקסעס און איז געווזען א מיטגליד פון דער דענט טעקס קאמיסיע וואס האט אונטערזוכט די סטרוקטור פון די פענסילווייניער טעקסעס. אלס מיטגליד פון דיזער קאמיסיע האט ישראל שטיפעל פערפאסט זיין מינא־ריטעט־רעפארט וואס האט געמאכט א גרויסען רושם מיט דעם וויסענשאפטליכען מאטעריאל וואס ער ענטהאלט.

בשעת דער לעצטער סעסיע איז סענאטאר שטיפעל אפאינטעד געווארען פון דעם פרעזידענט פון סענאט אלס א מיטגליעד פון א קאמיסיע וואס וועט אנפיהרען מיט דער פייערונג פון דעם 200־יאהריגען יובילעאום פון דעם געבורט פון טהאמאס דזשעפערסאן.

★

בענדזשאמין מ. גאָלדער

רעזידענץ: 2011 נ. 33טע סטריט. אָפיס: 1622 טשעסט־נאט סטריט. בענדזשאמין מ. גאָלדער איז געבוירען גע־וואָרען אין דער קאָלאָניע אלאייענס, ניו דזשוירזי, דער זוהן פון יוסף און מיני גאָלדער.

גאָלדער'ס זיידע, משה אהרן גאָלדער איז געקומען אהער מיט דער פאמיליע פון נאוואיע אושיצא (ליטנא־וועץ), און ער איז געווען אקטיוו ארום דער בני ראובן שוהל יאהרענלאנג ביז זיין טיפער עלטער.

די גאָלדערס זיינען אין דער היים געווען פאררער־כענט פאר א יחסנישער משפחה און זיי זיינען אויך געווען אנגעזעהענע מענשען דאָ צווישען די לאנדסלייט.

בענדזשאמין גאָלדער האָט גראדואירט פון פּאַבליק און האי סקוהל און אויך פון יוניוואַירסיטי אָוו פּענסילווייניע.

האָט געהייראט מארדזשעריע ליע מאסטבאום און זיי האָבען 2 קינדער, דזשאַהאַן און נאָרמא אין „פּרענדס סעלעקט" סקוהל.

מיטגליד פון פּענסילווייניע לעדזשיסלייטשור 1917-1925, א מיטגליד פון יונייטעד סטייטס קאנגרעס 1925-1933, א מיטגליד און דירעקטאָר פון קאנגרע־גיישאָן בני ישורון.

בענדזשאמין גאָלדער איז א ליבעראלער ביישטייערער פון יונייטעד טשארי־טים דראיוו, עלאיד דזשואיש אפּיל, אָן אונטערשטיצער פון די ישיבות, מושבי זקנים, בתי יתומים, און איז בכלל באקאנט פאר זיינע פילאנטראָפּישע באמיאונגען.

★

דייוויד סופּאוויטץ

דייוויד סופּאוויטץ ווערט מיט רעכט פאררעכענט פאר דעם בוימייסטער פון פילאַדעלפיער טעאטער און מאושען פּיקטשור הייזער.

געבוירען דעם 19טען יוני, 1893, אין פילאַדעלפיא, האָט ער דאָ באקומען זיין בילדונג און דערציאונג. פון 1911 ביז 1916 האָט ער זיך געפונען אין יוניוואַירסיטי אָוו פּענסילווייניע סקוהל פון ארכיטעקטור, און מען האָט שוין דאן געזעהן, אז ער איז ניט קיין געוויינטליכער סטודענט, נאָר א צוקונפטיגער בוימייסטער.

אין 1916 האָט ער באַקומען זיין מאסטער דעגרי מיט א פעלאושיפּ, ער איז געווען צווישען 42 וואָס האָבען באקומען דער ארטור ספּעיד ברוק מעדאל.

דערנאָך האָט ער עטליכע זומערען געארבייט מיט דזשאהן ט. ווינדרים, דער פילאַדעלפיער ארכיטעקט אויף וועמען אונזער שטאָדט איז נאָך עד היום זעהר שטאָלץ. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה איז ארכיטעקט סופּא־וויטץ טראנספערירט געוואָרען אין די דראפטינג צימערען פון דער ביורא פון האפענס אין וואשינגטאָן, וואו ער האָט באקומען א דערפאהרונג וואָס איז איהם שפּעטער אלס ארכיטעקט שטאַרק צונוץ געקומען.

נאָך דער מלחמה האָט סופּאוויטץ געעפענט אַן אָפיס מיט סטענלי ניובויער, זיינער א שול חבר. נאָך צעהן יאָהר צייט האָט ניובויער זיך צוריקגעצויגען און סופּאוויטץ איז געבליבען די פירמע. סופּאוויטץ האָט באקומען דעם ערשטען קאָנ־טראקט פאר א טעאטער צו בויען פאר מייקעל שטיפעל, און זינט דאן, איז דער נאָמען סופּאוויטץ געוואָרען א שם דבר אין דער ארכיטעקטור פון טעאטער הייזער.

סופאוויטץ האָט פאַר שטיפּלען אויך איבערגעבויעט דעם גרענד טעאטער, ער האָט געבויעט דאָס דזשעקסאָן טעאטער.

זינט 1917 האָט דייוויד סופאוויטץ געבויעט אָדער רעמאָדעלירט ניט ווינ־ציגער פון 125 טעאטער הייזער, און חוץ דעם איז סופאוויטץ אויך געווען באַ־שעפטיגט ביי אנדערע ארכיטעקטען, געשעפטס הייזער, אָפיס בילדינגס און אפּארט־מענט הייזער, און עס איז אויך כדאי צו וויסען, אז סופאוויטץ האָט אנטייל גענומען אין דעם קריגס מעמאריאל אין שיקאגא, איז געווען איינער פון צען אין קאמ־פּעטיציע מיט 131 באטייליגטע. ער האָט אויך געוואונען די ערשטע פּרייז פאַר דער נייער סקול אָוו ארקיטעקטשור פאַר דער יוניווערסיטי אָוו פּענסילווייניע.

סופאוויטץ איז געווען דער בילדער פון דעם מעיפעיר טעאטער, פּרעזידענט טעאטער, גרענד טעאטער, דזשעקסאָן טעאטער, האליוואוד טעאטער, ראקסי טעא־טער אין לייק העיוועז, פּא., בראָדוועי טעאטער, פּארקסייד טעאטער, ליבערטי טעאטער אין קעמדען, קאלינגסוואוד טעאטער אין קאלינגסוואוד, קאלאניאל טעא־טער, האוארד טעאטער, פערן ראק, עים טעאטער, היפּאדראם טעאטער, ריטץ טעא־טער, טעמפּל טעאטער, איירים טעאטער, דזשאמבא טעאטער, לענאקס טעאטער, קאיוגא טעאטער, קאמעא טעאטער, און אזוי קען מען זעהן, אז סופאוויטץ פאַרדינט מיט רעכט דעם נאָמען „דער אידישער בוימייסטער פון דער טעאטער וועלט אין און ארום פילאדעלפיא.‟

מרס. דזשעני סופאוויטץ, די מוטער פון דעם באריהמטען ארכיטעקט, איז אַן אמת׳ע אשת חיל, ביי וועמען אידישקייט שפּילט אַ גרויסע ראָלע.

מרס. סופאוויטץ איז אַ מיטגליד אין דער „פּועלי צדק‟ קאנגרעגיישאָן, אויף דער 5טער סטריט, און אויך אין דעם „וועסט פילאדעלפיא דזשואיש קאמיוניטי צענטער.‟

זי איז אויך אַ ליבעראַלע אונטערשטיצערין פון די ישיבות, די בתי יתומים מושבי זקנים, און אַלע אנדערע צדקה־אנשטאלטען.

★

שמואל פּערלאָף

רעזידענץ: 3439 רידזש עוועניו. אָפיס: 919 נאָרטה פראָנט סטריט, פּערלאָף בראָדערס, האָלסייל גראָסערס.

געבוירען אין ראיגראד, קיעווער גובערניע, אין 1883, דער זוהן פון ברוך און רחל. דער פאָטער איז געווען אַ סוחר פון תבואה, האָט זיין זוהן געהאלטען אין חדר ביי די בעסטע מלמדים, און דערנאָך האָט ער איהם אויך געשיקט אין דער ישיבה אין קארסאָן, קיעווער גובערניע.

שמואל פּערלאָף איז געקומען קיין אמעריקא אין 1922, זיין ערשטע שטאָדט איז געווען פילאדעלפיא און באלד ווי ער איז געקומען אַהער האָט ער געעפענט

א האָלסייל גראָסערי, האָט געגרינדעט די פירמע: פערלאָף בראָדערס, און זיין אמביציע און ענערגיע האָט געפיהרט דערצו, אז ער איז אין א משך פון א קורצער צייט געוואָרען א מוצלח, און זינט דאַן האָט די פירמע פערלאָף בראָדערס זיך אזוי ריזיג צעוואקסען, אז היינט צו טאָג איז די זעלבע פירמע א שם־דבר, און זי רעכענט זיך פאַר איינער פון די אנגעזעהענסטע האָלסייל גראָסערי הייזער אין פענסילווייניע סטייט.

די פירמע פערלאָף בראָדערס האָט אויך פיער ברענטשעס; חוץ פילאַדעלפיא האָט די פירמע אויך א ברענטש אין ווילקסבערי, אין שענאַנדאָה, און אין טשעסטער, פּא.

די פערלאָף׳ס האָבען 3 זיהן: מאָרים פערלאָף, דער מענעדזשער אין ווילקסבערי און אין שענאַנדאָה ברענטש. מאָרים איז זעהר אַן אנגעזעהענע פערזענליכקייט אין ווילקסבערי, טוט אסך וואוילטעטיגע ארבייט; אוירל פערלאָף, האָט גראַדואירט פון וואַרטאָן סקוהל, יוניווערסיטי אָוו פענסילווייניע, און אויך פון הארווארד לאָ סקוהל, און ער ארבייט איצט פאַר דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

הארווי פערלאָף, האָט גראַדואירט פון פענסילווייניע יוניווערסיטי, אויך פון הארווארד סקוהל אָוו עקאָנאָמיקס, און ער האָט באַקומען א „פעלאָושיפּ" פאַר א קורס אין אָקספאָרד יוניווערסיטי אָוו לאָנדאָן, ענגלאַנד. דערנאָך איז ער געווען א טיטשער א יאָהר צייט אין סיטי קאָלעדזש אָוו נויאָרק. איצט איז ער מיט דער פעדעראַל רעזערוו באָרד אָוו גאָווערנאָרס אין עקאָנאָמישען דעפּאַרטמענט.

הארווי פערלאָף האָט אויך פאַרעפענטליכט אַן ארטיקעל אין דער סאַטורדעי איווונינג פּאָסט, פון דעם 20טען יוני, 1942, וועגען דער פראַגע אויב די רעגירונג זאָל איינפיהרען א סיילס טעקס. דער ארטיקעל האָט געמאַכט א גרויסען רושם איבערן לאַנד.

רוטה פערלאָף, האָט היינטיגעס יאָהר גראַדואירט האַי סקוהל און זעצט פאָר איהר שטודיום, און סילוויא פערלאָף גראַדואירט היינטיגעס יאָהר האַי סקוהל.

שמואל פערלאָף, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז זעהר א פאַרנומענער מענש, געפינט פונדעסטוועגען צייט פאַר געזעלשאַפטליכער ארבייט. ער איז געווען 3 יאָהר וויס פּרעזידענט פון דער בני ראובן שוהל, און 2 יאָהר האָט ער געהאַלטען דעם אמט פון פּרעזידענט. ער איז אויך געווען דער טשערמאַן פון דעם 45־יאָהריגען יובילעאום וואָס די בני ראובן שוהל האָט דורכגעפיהרט.

ער איז אויך א געוועזענער פּרעזידענט פון דער עץ חיים וזכרון יעקב שוהל, 32טע סטריט און קאַמבערלאַנד. ער איז געווען צעהן יאָהר דער טשערמאַן פון דער באָרד אָוו עדיוקיישאָן פאַר דער תלמוד תורה, וואָס רעכענט זיך פאַר איינער פון די שענסטע אין פילאַדעלפיא, און אין 1936 איז ער באַעהרט געוואָרען מיט א טעסטימאָניעל אלס צייכען פון אכטונג און אַנערקענונג פאַר זיין גוטער ארבייט וואָס ער האָט געלייסטעט פאַר דער דערציאונג פון אידישע קינדער.

ער איז א דירעקטאר אין דער האיאס, און יעדען יאהר אין צייט פון דעם האיאס קעמפיין אדרעסירט ער די פארזאמעלטע אין די שוהלען און קאנגרע־גיישאנס, און זיין ארבייט ווערט יעדעס יאהר געקרוינט מיט גרויס דערפאלג.

ער איז אויך געווען דער טשערמאן פון דעם טעסטימאניעל וואס איז מיט דריי יאהר צוריק געגעבען געווארען פאר הרב אפרים אליעזר הכהן יאלעס.

איז געווען דער ערשטער פרעזידענט פון דער אגודת הקהלות ארטאדאקסיע פון פילאדעלפיא, און אויך דער טשערמאן פון דער „שפייז אינדוסטריע,“ אין דעם ערשטען דרייוו פון דעם עלאיד דזשואיש אפיל.

ער איז א ליבעראלערביישטייערער פון דעם יונייטעד טשאריטיס דראיוו, עלאיד דזשואיש אפיל, ישיבת משכן ישראל, און ישיבת אהל משה פון סטראבערי מענשאן.

איז א מיטגליד אין קאנגרעגיישאן בני ישורון, און א ליבעראלער ביישטייערער פון אלע נאציאנאלע און לאקאלע אנשטאלטען.

פערלאף איז געווען איינער פון די גרינדער פון א גמילת חסדים אין דער עץ חיים וזכרון יעקב שוהל מיט עלף יאהר צוריק. ער האט אריינגעלעגט א סומע געלט פון וועלכען מענשען קריגען הלוואות אהן פראצענט, און דער גמילת חסדים האלט פערלאף'ס געלד נאך עד היום. זינט דאן איז דער גמ"ח זיך שיין צעוואקסען און ברייננגט גרויסע נוצען צו די מיטגלידער.

שמואל פערלאף פיהלט זיך אויך העכסט צופרידען, וואס איהם איז געלונגען, נאך שווערע אנשטריינגונגען און לאנגע פארהאנדלונגען מיט דעם מארטגיידזשיר פון עץ חיים וזכרון יעקב צו רעדוצירען דעם מארטגיידזש פון דער שוהל פון 18 טויזענד דאלאר ביז 6 טויזענד דאלאר.

★

קאנגרעגיישאן בית־אל

קאנגרעגיישאן בית־אל, די עלטסטע קאנגרעגיישאן אין וועסט פילאדעלפיא, האט געהאט זעהר א באשיידענעם אנהויב. אין 1907 האט זיך אין וועסט פילא־דעלפיא נאך ניט געפונען קיין איין שוהל. עס איז אויך ניט געווען קיין תלמוד תורה אויף דער אנדערער זייט פון דעם סקולקיל ריווער. אין יענעם יאהר איז דורכגעפיהרט געווארען דורך מרס. ה. וויזאנסקי און מרס. לייאנעל ב. דזשאזעף א הויז־צו־הויז באזוך און זיי האבען געקראגען זעקס אידישע קינדער און האבען זיי אנגעהויבען געבען אידישע אונטעררי‌כט אין זייערע היימען.

דעם 23טען יוני, 1907, האבען אכט מענער און פרויען זיך פארזאמעלט און זיי האבען געגרינדעט די וועסט פילאדעלפיא דזשואיש סאנדעי סקוהל אסא־סיאיישאן, דערוויילענדיג לואיס מ. בלומבערג פאר פרעזידענט; מרס. ה. וויזאנסקי, וויים פרעזידענט; זיגמונד סטראוס, סעקרעטאר, און וויליאם וואולף, טרעזשורער.

ראש השנה און יום כפור פון דעם זעלבען יאהר האט די אסאסיאיישאן גע־דונגען א האל מיט רעוורענד פרעדריק בעקער אלס חזן. עס איז געשאפען גע־ווארען א קאמיטע וואס זאל זיך אפגעבען מיט די סוירוויסעס. די קאמיטע איז באשטאנען פון דר. מייער סאלים קאהען אלס טשערמאן.

די קאָמיטע האָט געדונגען סטינסאָן האָל, אין דער 60טער און דזשיראַרד עוועניו, און דעם 4טען סעפּטעמבער, 1908, האָט מען אָנגעהויבען דאַוונען דאָרט יעדען פרייטאג צונאכטס און שבת אינדערפריה, ווי אויך אַלע ימים טובים. די סוירוויסעס זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען אין העברעאיש און ענגליש פון דזשאָדזש בענעדיקט. עס איז באַנוצט געוואָרען דאָס סידור פון דר. יאסטראָוו. פרייטאג צונאכטס זיינען געהאלטען געוואָרען רעדעס און דרשות פון די פארשיידענע רבנים וואָס זיינען איינגעלאַדען געוואָרען פאַר דעם צוועק. עס פלעגען אויך ריידען אנדערע פּראָמינענטע פּערזאָנען, ניט קיין רבנים. שבת ביים דאַוונען האָט מר. בענעדיקט געהאלטען אַ רעדע און מיס גרעיס גאָלדפארב איז געווען די אָרגאַניסטען. דער כאָר איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון מארים האלבקראם, טענאָר, פּרענציס האַלבקראָם, סאפּראנא, מיס האמבורג, אלטא, מרס. הוגא טשאדאווסקי, מעצא סאפּראנא און מילטאָן וויענער, באַס.

די סאָנדעי סקוהל איז רעאָרגאַניזירט געוואָרען מיט אילאַי בלומבערג אַלס סופּעראינטענדענט.

די אסאָסיאיישאָן האָט געביטען דעם נאָמען אויף קאָנגרעגיישאָן בית־אל אין 1908 און אַ יאָהר שפּעטער איז אַרויסגענומען געוואָרען אַ טשארטער.

דעם 5טען מאי, 1909, איז אינסטאָלירט געוואָרען ראבאי שרייבער אַלס דער ערשטער רב פון דער קאנגרעגיישאָן. גלייכצייטיג האָט זיך ארגאניזירט די ערשטע פּרויען אָקזילערי מיט מרס. לייאנעל ב. דזשאָזעף אַלס פּרעזידענט, און מרס. הוגא שאדאווסקי אַלס סעקרעטאַר.

די יוגענט פון דער קאנגרעגיישאָן האָט געגרינדעט דעם וועסט פילאדעלפיא דזשואיש לייסעאום, דערוויילענדיג ארטור אייבערהעמס פאַר פּרעזידענט און מיס פעני לעווין פאַר סעקרעטאַר. דער לייסעאום האָט אָנגעפיהרט ליטעראַרישע און „סאָשל" איווענטען, דעבאטען און טענץ. די יוגענט האָט אויך אַרויסגעגעבען אַ זשורנאַל „בית־אל נייעס." דער רעדאקטאָר איז געווען לייאנעל ב. דזשאָזעף, עס האָבען אויך מיטגעארבייט רעוורענד עמאנועל שרייבער, מרס. הוגא שאדאווסקי, מיס בעסי האלבקראם, מיס פּרענסיס האלבקראם, מיס פעני לעווין, און דזשאָרדזש דזשי. זאקאראיעז, אסאָשיאייט עדיטאָר. הערי וו. דזשאָזעף איז געווען דער אַדווערטייזינג מענעדזשער.

הערבסט 1909 האָט די קאנגרעגיישאָן געדונגען אַ גרויסען זאַל אין 420 נ. 53טע סטריט, און ראַבאַי לוד־וויג ריידער האָט פאַרנומען די שטעלע וואָס איז ביז דאַן געהאַלטען געוואָרען פון ראבאי שרייבער. שפּעטער האָט די קאנגרעגיישאָן געקויפט אַ הילצערנע הויז פאַר אַ שוהל אין 5720 האַווערפאָרד עוועניו.

ראַבאַי לאַנג

דעם 7טען סעפּטעמבער, 1913, איז ראבאי סעמועל פרעדמאַן אינסטאָלירט געוואָרען אין קאנגרעגיישאָן בית־אל, וואו ער איז פארבליבען ביז זיין טויט אין 1941. מארטש, 1942 איז ראבאי לעאָן ס. לאַנג אויפגענומען גע־וואָרען און ער איז זינט דאַן דער גייסטיגער פיהרער פון בית־אל.

מארים קוירשנער איז געווען חזן פון 1913 ביז 1915, און די קומענדע 2 יאהר איז דער חזן געווען רעווערענד אפרים פאגעל. אין 1918 איז רעווערענד אשער ווינאקור אויפגענומען געווארען אלס חזן און זינט דאן האלט ער אן די שטעלע.

אין 1915 האט עדמונד ד. ראטהשיילד מנדב געווען די שוהל אויף דער 58טער און וואלנאט סטריטס, אין אנדיינק פון זיינע עלטערן. דער חנוכת הבית איז פארגעקומען דעם 5טען סעפטעמבער, 1915, און זיבער יאהר שפעטער האט ראטהשיילד ווידער פרעזענטירט דער קאנגרעגיישאן נאך 2 בילדינגס, א טשאפעל אין אנדיינק פון זיינע פרויען און א לייברערי און סקוהל בילדינג אין אנדיינק פון זיין פארשטארבענעם זוהן.

אין 1925 ווען ראטהשיילד איז געשטארבען האט די קאנגרעגיישאן געעהרט זיין אנדיינק דורך פארגרעסערען די סקוהל געביידע, צוגעבענדיג א 3טען פלאר — דער עדמאנד ל. ראטהשיילד אודיטאריום.

די קאנגרעגיישאן האט א סיסטערהוד און א „מענער קלוב," א סאשעל פארום און יאנג פיפעלס קאנגרעגיישאן. ימים נוראים דאוונען ארום 15 הונדערט דאוונער.

פאלגענדע זיינען געווען די פרעזידענטען: לואיס מ. בלומבערג, פון 1907 ביז 1913, זיגמאנד סטראוס, פון 1913 ביז 1919, עדווין גאלדבערג פון 1919 ביז 1920, דזשאזעף פרעס פון 1920 ביז 1924, דזשייקאב ס. גוטמאן פון 1924 ביז 1927, עדווארד בלענקס פון 1927 ביז 1928, עדווין גאלדבערג פון 1928 ביז 1932, בענדזשאמין האפמאן פון 1932 ביז 1934, הערי גארדאן פון 1934 ביז 1937, דייוויד ה. קאהען פון 1937 ביז 1941, בענדזשאמין האפמאן פון 1941 ביז איצט.

די איצטיגע באאמטע זיינען: בענדזשאמין האפמאן, פרעזידענט; דזשאהן ב. גאלדענבורג, און רודאלף פריד, וויס פרעזידענטען; הערי פישער, טרעזשורער; אייברעהעם דזש. לעאנארד, רעקארדינג סעקרעטאר; סעמועל לארבער, פינאנץ סעקרעטאר; מיס אידא ל. ברין, אסיסטענט סעקרעטאר.

עהרען מיטגלידער: דר. מייער סאלים קאהען, ראבאי טשארלס י. האפמאן, ראבאי לעאן ס. לאנג, גייסטיגער פיהרער, אשר ווינאקור, קאנטאר.

די באָרד אָוו דירעקטארען פון ראטהשיילד מעמאריעל סינאגאג זיינען: סידנע לאענשטיין, טשערמאן; לואיס מ. בלומבערג, דר. מייער סאלים קאהען, בענדזשאמין ראטהשיילד, דזשייקאב ס. גוטמאן, קארל הערמאן, גאס סיקלס, ראבאי טשארלס י. האפמאן, און האוארד לעווי.

עהרען דירעקטארען: לואיס בלומבערג, אבנר בראודי, הענרי וו. בראודי, (נפטר געווארען לעצטען חודש) דזשייקאב ס. גוטמאן, דזשאזעף בראד, עדווין גאלדבערג, הערי גארדאן, איזידאר גאטליעב, קארל הערמאן, בענדזשאמין האפמאן, דייוויד ב. סאלאמאן און דייוויד ה. קאהען.

באָרד אָוו דירעקטארען: דזשעראם דזש. בלענק, דזשאזעף בלענק, דזש. ס. בלעסקי, מאיר י. בלום, מייער טשעירין, די. עדווין פריעד, רודאלף פריעד, סעמועל

א. גרין, מארים האלבקראם, מארים קרישער, דזשולס י. לעוויט, מילטאָן פלע־פינגער, ראובן פילטע, טשארלס פרעסמאן, מארים ריפקין, סעמועל שווארטץ, דזשעק שלייפער, און פרענק סטיינבערג.

ראבאי לאנג איז איצט וויים טשערמאן פון דער דזשואיש וואָר באָרד קאָמי־טעע, איבער ארמי טשאפלעינס. ער איז אויך דערוויילט געוואָרען לעצטענס פאר דירעקטאָר פון אידישען טעאָלאָגישען סעמינאר. ער דינט אויך אַלס ציווילער טשאפלען אין פאָרט דיקס.

★

קאנגרעגיישאָן אוהב צדק

די אוהב צדק שוהל איז באקאנט אַלס די אונגארישע שוהל. ווי איינינע פון די תושבים גיבען איבער, איז די שוהל געגרנדעט געוואָרען מיט 52 יאָהר צוריק.

אין יענער צייט האָט פילאדעלפיא פאַרמאָגט א אידישע באַפעלקערונג פון אַרום פופצען טויזענד. אין סאוטה פילאדעלפיא האָבען זיך שוין געפונען איי־ניגע שוהלען. אָבער די וואָס האָבען געוואוינט אין דער נאָרטה פון פילאדעלפיא האָבען גענדארפט געהן מיילענלאנג ביז זיי האָבען געפונען א שוהל.

מוצאי יום כפור, 1889, האָבען אכט אונגארישע אידען באשלאָסען צו גרינדען א שוהל. די גרינדער זיינען געווען גבריאל פרינץ, עמאנועל פרינץ, עמיל פריעדמאן, ל. האקענבורג, פיליפ קוועלוואסער, מארטין קליין, ד. קומייקער און דזשאָזעף האמערמאן. די זיצונג איז פאָרגעקומען אין קליינ'ס הויז, אין 312 ניו סטריט.

גבריאל פרינץ איז דערוויילט געוואָרען פרעזידענט, עמיל פריעדמאן; וויים פרעזידענט; מארטין קליין. טרעזשורער, און ד. קומייקער, סעקרעטאר.

די קאנגרעגיישאָן האָט געדונגען א צימער איבער א גראָסערי סטאָר, און דאָס איז געווען דער באשיידענער אָנהויב פון דער אוהב צדק שוהל.

פאר די ימים נוראים איז דאָס צימער, פארשטייט זיך, געווען צו קליין, האָט מען געדונגען א האָל אין דער 3טער און דזשיראַרד, אַנאַנדערש מאָל אין דער 3טער און פעירמאונט, און אויך אין לייבאָר לייסעאום, 6טע און בראון, און אזוי האָט אוהב צדק קאנגרעגיישאָן געוואנדערט גאנצע צוואנציג יאָהר.

אין מארטש, 1910, האָט מען געקויפט די איצטיגע שוהל. דאָס איז געווען אונטער דער אדמיניסטראציע פון הענרי שווארטץ. די שוהל איז אָפגעקויפט גע־וואָרען פון דער רעפאָרם מעטאָדיסט טשוירטש פאר 22 טויזענד דאלאר. זינט דאן האָט מען צוגעבויעט א גרויסען בית המדרש און אויך א תלמוד תורה.

אין 1912 איז אויך געגרינדעט געוואָרען א חברה משניות און זינט דאן לערנט מען טעגליך.

אין 1930 איז אָרגאניזירט געוואָרען די סיסטערהוד. די גרינדער זיינען געווען איידא גאזעל, רעבעקא וואקסמאן, מרס. זלמן קאָהען, אסתר וויטקין, און העלען קופערשטיין.

אין 1938 האָט די שוהל אנגאזשירט ראבאי יהושע גליק, פון שיקאגא און זינט דאַן האָט זיך איינגעגעבען צוריקצוברענגען די יוגענט. א דאנק דער פרויען דזשוניאר ליעג, דעם מענ׳ס קלוב און דער סאָנדעי סקוהל. די שוהל האָט אויך א דזשוניאר סינאגאג. אסך קרעדיט פארדינען מארקוס ראָזענבלום, הענריך מאסקאוויטש, מאָזעס וויטקין, אייבערעהעם סימאָן, י. מאזעל, הערמאן פריעדמאן, דייוויד בלום, סעמועל ענגלענדער, עמאנועל מ. ספערא, און דער איצטיגער פרעזי־דענט, הערמאן גראָס. דאָס זיינען א גרופע אידעאליסטען און גרויסע ענטוזיאסטען, וואָס האָבען געפיהלט, אז די אונגארישע אידען דארפען האָבען אַן אייגענעם מקום קדוש און טאקע אַן אָרט וואו זיך אויסצולעבען געזעלשאפטליך.

די באאמטע פון אוהב צדק שוהל זיינען: הערמאן גראָס, פרעזידענט; דזשיי־קאָב פ. מילער, וויס פרעזידענט; דזשאָזעף ראזנער, טרעזשורער; י. מ. ספערא, עהרען פּאָרזיצער; דזשאָזעף דזש. ראָזענבלוטה, סעקרעטאר; לואיס באָקסער, פינאנץ סעקרעטאר.

די באָרד אָוו דירעקטאָרען באשטייט פון דזשייקאָב פ. מילער, טשערמאַן; אדאלף בלאוי, לואיס באקסער, קארל פיש, עמיל פריעדמאן, הערמאן פריעדמאן, הערמאן גראָס, איזאדאר מאסקאוויטץ, אייבערעהעם רייף, דזשאָזעף דזש. ראָזענ־בלוטה, דזשאָזעף ראזנער, איזראעל זעליגמאן, סעם זיגעלמאן, און עמאנועל מ. ספערא, עמיל פריעדמאן, גבאי און מארים גאטליעב, שמש.

דער קאנטאר פון אוהב צדק שוהל פאר די לעצטע אנדערטהאלבען יאָהר איז רעוורענד גרשון מארגאליס, וועלכער איז געווען דער אויבערקאנטאר אין ווינער לעאפאלדשטאט שוהל, פון דער קולטוס געמיינדע.

★

הערמאַן גראָס



רעזידענץ: 1106 וועסט קאלאמביא עוועניו. געשעפטס אדרעס: דער זעלבער. געבוירען אין טשעפּע, אונגארן, אין 1883, דער זוהן פון יוסף און אסתר גראָס. פאָטער איז געווען א סוחר. הערמאן האָט געלערענט אין חדר ביז בר מצוה, און ער איז אין אמעריקא זינט 1912. ער האָט די ערשטע 3 יאָהר געארבייט ביי יענעם און דערנאָך איז ער געגאנגען אין „ביזנעס,״ פאר זיך אליין. ער איז דער אייגענטימער פון פינף און צען סענט סטאָרס.

האָט געהייראט פערל בערגשטיין, אין 1906, אין בודאפעסט, און זיי האָבען איין זוהן, אלעקס גראָס, מיטן פאָטער אין ביזנעס, און 1 טאָכטער, מערי גראָס.

הערמאן גראס איז דער פרעזידענט פון דער אוהב צדק שוהל, 7טע און אקס־פארד סטריטס, פאר די לעצטע צען יאהר, ער איז אויך פרעזידענט פון יונייטעד לאדזש, ברית שלום, און פאר זיינע לייסטונגען אין לאדזש און אין שוהל האט גראס באקומען טעסטימאניעלס אלס צייכען פון אכטונג און אנערקענונג.

הערמאן גראס איז ביי דער לעצטער ברית שלום קאנווענשאן דערוויילט געווארען אלס וויס פרעזידענט פון ברית שלום רעליעף. ער האט באזונדערע פארדינסטען פאר באמיהען זיך צו ארגאניזירען די אונגארישע אידען אין פילא־דעלפיא און ביי יעדער געלעגענהייט איז הערמאן גראס גרייט צו טאן געזעלשאפט־ליכע ארבייט.

★

קאנטאר גרשון מארגאליס

געבוירען אין קאלווארין, ליטע, דער זוהן פון יהושע אריה און דבורה מארגאליס. די מוטער שטאמט פון א באריהמטער חזנישער משפחה. זיינע זיידעס און על־טער זיידעס זיינען געווען באריהמטע חזנים, אויך דער מוטער׳ס ברידער זיינען געווען חזנים אין אונגארן.

האט געהייראט חיה שרה שוחט, פון אזארענעץ, לעבען מאליוו, פאדאלסק, די טאכטער פון הרב שלום מלמד, און א שוועסטער פון דער פרוי פון דעם וועלט באריהמטען חזן, דן פוקס, עליו השלום, וואס איז מיט עטליכע יאהר צוריק נפטר געווארען אין פילאדעלפיא.

חזן מארגאליס האט אין דער יוגענט געלערענט אין דער ישיבה קטנה, מא־ריאמפאל, און דערנאך אויך אין דער סובאלקער ישיבה גדולה. איז שפעטער געקומען קיין וויען שטודירען מוזיק, ביי די פראפעסארען בריל, דעקעפער און אויך ביי זיין פעטער, פראפעסאר וואולף.

האט געזונגען ביי די חזנים צמחזאהן, אייבענשיטץ און אייבערעמסאן. חזן מארגאליס איז א פליט פון איראפא זינט דער היטלעריזם איז געקומען צו דער מאכט. חזן מארגאליס איז געווען 22 יאהר אויבערקאנטאר אין ווינער טעמפל, די באריהמטע לעאפאלדשטאדטער שוהל. ער איז אלע יאהר געווען אקטיוו, אלס ציוניסטישער עסקן, האט געשאפען גרויסע סומען געלט דורך זיינע קאנצערטען פאר דעם קרן קימת און אנדערע ציוניסטישע טעטיגקייטען.

ער איז עטליכע מאל אריינגעשריבען געווארען אין גאלדענעם בוך פאר זיינע גרויסע לייסטונגען. ער איז אויך דער גרינדער פון א חזנים שולע אין וויען, די שולע איז געשטאנען אונטער דער פראטעקציע פון פראפעסאר דר. צבי פרץ חיות, ז״ל. ער איז אויך דער פארפאסער פון א בוך „נגוני תפלה,״ 47 נומערען פאר גאטעסדינסט.

ער איז דער קאנטאר פון אוהב צדק שוהל, 7טע און אקספארד, און ער ווערט פארעכענט פאר איינעם פון די פיינסטע חזנים און שיינע זינגער אין פילאדעלפיא.

★

דוב בער שפירא

רעזידענץ: 1534 דיימאנד סטריט. געשעפטס אדרעס: 278 לאמבארד סטריט.

געבוירען אין מאלאט, ווילנער גובערניע, אין 1870, דער זוהן פון אברהם אבא שפירא. דוב בער שפירא איז געקומען קיין אמעריקא אין 1892, און אין 1904 האט ער אריבערגעבראכט אהער זיין פאטער, אברהם אבא שפירא פון ווילנע, און דער פאטער האט באלד באקומען אן אמביציע צו גרינדען דא א ווילנער שוהל.

אין 1905 האט ער געגרינדעט א ווילנער שוהל אין א געדונגענעם בנין אויף פארקסייד עוועניו, און א פאר יאהר שפעטער האט ער די שוהל געעפענט אין דער 5טער און סאוטה, ביז ער האט זיך דערטראכט צו דער אידייע ווענען אן אייגענער שוהל.

מיט דער הילף פון זיין זוהן, דוב בער שפירא האט אברהם אבא צוזאמען מיט נאך איניגע לאנדסלייט, הורוויץ, פאליעץ און רובין, אין 1915 אפגעקויפט א הויז אין 314 לאמבארד סטריט, דארט איז געלעגט געווארען דער יסוד פאר א ווילנער שוהל.

כדי צוציהען מיטגלידער האט דער אלטער געגרינדעט א גמילת חסדים, ספעציעל פאר די וואס וועלען ווערען מיטגלידער אין דער ווילנער שוהל.

אין 1912 איז אברהם אבא שפירא נפטר געווארען, אבער זיין גוטער נאמען איז געבליבען לזכרון צווישען אלע ווילנער לאנדסלייט.

זיין זוהן, דוב בער שפירא האט צום אנדיינק פון זיין פאטער, עה"ש אין 1921 אויסגעבויט א פרעכטיגען בנין אין 509 פיין סטריט און די שוהל טראגט דעם נאמען: „בית הכנסת של בני אברהם אבא שפירא ואנשי ווילנא."

דוב בער שפירא האט אין 1895 געהייראט שרה לייבאוויטץ, וועלכע איז אוועק פון דער וועלט אין 1918, אין דער צייט פון דער „פלו" עפידעמיע. זי האט איבערגעלאזען פינף קינדער, 2 זיהן און 3 טעכטער: ראוז, איצט מרס. מייערס; יהודה שפירא, דער איצטיגער פרעזידענט פון דער ווילנער שוהל; בלומע, איצט מרס. וויינבערג; ענע, איצט מרס. זילבערמאן, און פיליפ שפירא, איצט א סארדזשענט אין דער אמעריקאנער ארמיי.

די באאמטע פון דער ווילנער שוהל זיינען בערנארד שפירא, עהרען פרעזידענט;

יהודה שפירא, פרעזידענט; פיליפ סניידער, וויס פרעזידענט; אייזיק רובין, עהרען טרעזשורער; אל. ל. סילבערמאן, טרעזשורער; יהודה מילער, עהרען סעקרעטאר, און סעמועל גארדאן, סעקרעטאר.

★

הרב משה שפירא

באמערקונג פון דער רעדאקציע:

צוליב דעם ווייל הרב משה שפירא האט געהאלטען זיין ערשטע רבנות־שטעלע אין פילאדעלפיא, און אויך ווייל ער איז זעקס יאהר צייט געווען דער מנהל פון אונזער ישיבת משכן ישראל, און איז נאך איצט אקטיוו אין פילאדעלפיא, האבען מיר געפיהלט, אז ער האט פארדינט אז זיין ביאגראפיע זאל אריינקומען אין דער געשיכטע פון פילאדעלפיער אידישע אנשטאלטען און זייערע פיהרער.

רעזידענץ: 105 קאלאמביא פלעיס, אטלאנטיק סיטי. געבוירען אין ירושלים עיר הקודש, כ. אדר ב, תר"נד, (1894), דער דריטער דור געבוירען אין ירושלים, זיין פאטער, הרב רב בן ציון איז דער זוהן פון באוואוסטען גאון און צדיק, רב הירש מיכל שפירא, וואס איז גע־בוירען געווארען אין חברון, אין ת"ר (1840). ער האט מעמיד געווען צענדליגע תלמידים גדולי תורה ויראה אין ארץ ישראל און וועמענס ביאגראפיע איז באשריבען אין א באזונדער ספר „צבי לצדיק" פון זיין גרויסען תלמיד, הרב י. מ. חר"לפ.

פון דער מוטער'ס צד איז ער אן אייניקעל פון דער באריהמטער משפחה סטרי־לעצקי, פון איישישאק, קינדער פון רב משה"ל איישישקער, וואס האט געלעבט אין א"י און באוואוסט אין ליטע צווישען די גרויסע חובבי תורה וואס האבען אויפ־געצויגען דורות רבנים.

הרב בן ציון שפירא, זיין פאטער, איז באוואוסט אין ירושלים אלס איינער פון די יחידי סגולה פון די אשכנזישע אידען וואס זיינען גרויס אין חכמת הנסתר אין דער אלטער שטאדט ירושלים.

הרב הירש מיכל, דער זיידע, איז אויך דער דריטער דור אין ארץ ישראל און זיין זיידע, רב זאב חריף, איז געווען א מרביץ תורה אין ארץ ישראל מיט הונדערט יאהר צוריק. הרב הירש מיכל איז געווען אן אידעם פון באוואוסטען ארץ ישראלער ביבליאגראף, הרב נחמן נתן קורניל, פון אמסטערדאם.

הרב שפירא האט אין דער יוגענט געלערענט אין ישיבת תורה חיים, און אין אהל משה, און ווען דער ליובאוויטשער רבי האט געגרינדעט די ישיבה אין חברון, איז הרב שפירא געווען צווישען די וואס זיינען אויסגעקליבען געווארען פון

ירושלים'ער ישיבות און אין תורת אמת, אין חברון האָט ער פאָרטגעזעצט זיינע למודים אין הלכה און אין חסידות, א תלמיד מובהק פון הגאון הרב יעקב משה חרל"פ, וואָס איז איצט דער ראש פון ישיבת הרב קוק, אין ירושלים.

ער האָט באקומען סמיכות פון הרב חר"לפ, הרב צבי פראנק, און אויך פון די מורי הוראה אין ירושלים.

קומענדיג קיין אמעריקא אין 1915 איז ער אריינגעטראָטען אין ישיבת רב יצחק אלחנן צו פארפולקאמענען זיך אין לאנד שפראכען און וועלטליכע למודים.

ער איז געווען פון דער ערשטער גרופע פון אייראָפּעאישע יונגע תלמידי חכמים, וואָס האָבען זיך גרופירט ארום הרב דר. רעוועל, זצ"ל, ווען ער איז אָנגע־קומען אלס מנהל פון דער ישיבה. שפּעטער האָט הרב משה שפירא אויך באקומען סמיכה פון הרב דוב אריה הכהן לעווינטהאל און אנדערע אמעריקאנער רבנים.

אין 1918, ווען הרב לעווינטהאל האָט געוואָלט רעאָרגאניזירען ישיבת משכן ישראל, האָט הרב שפירא אויף דער רעקאָמענדאציע פון דר. רעוועל איבערגענומען די הנהלה פון ישיבת משכן ישראל און אונטער זיין אויפזיכט איז די ישיבה אוועק־געשטעלט געוואָרען אלס א תורה צענטער פאר העכערע לימודים, און אין די זעקס יאָהר וואָס ער איז געווען דער מנהל, זיינען אסך תלמידים פון ישיבת משכן ישראל אוועקגעשיקט געוואָרען אין ישיבת רב יצחק אלחנן פון וואנען איניגע זיינען שפּעטער געוואָרען מוסמכים און זיינען היינט אָנגעזעהענע רבנים אין אמעריקאנער שטעדט.

דורך דער צייט וואָס הרב שפירא איז געווען אין פילאדעלפיא, איז ער אויפ־גענומען געוואָרען אין תר"פא אלס רב פון דער אור החיים שוהל, אין דער 6טער און וואָרטאָן סטריטס, שפּעטער איז ער אויך אויפגענומען געוואָרען פון קאָנ־גרעגיישאָן פועלי צדק, און ביז דעם טאָג פון זיין פארלאָזען פילאדעלפיא, האָט ער געזאָגט א שיעור אין דעם טעגליכען „בלאט" גמרא אין פועלי צדק שוהל און אין זיין צייט איז צום ערשטען מאָל אין סאוטה פילאדעלפיא, איינגעפיהרט געוואָרען פרייטאג־צו־נאכטיגע לעקטשורס, אין אַן אָרטאָדאָקסישער שוהל.

ער איז אויך געווען אקטיוו אין כמעט אלע פילאדעלפיער אידישע אנשטאלטען און באזונדערס אין דער מזרחי באוועגונג.

אין יאנואר, 1924, איז הרב שפירא אויפגענומען געוואָרען אלס רב פון רודף שלום קאנגרעגיישאָן אין אטלאנטיק סיטי, און 3 חדשים שפּעטער איז ער אָפּי־ציעל אויפגענומען געוואָרען אלס דער אָרטאָדאָקסישער רב אין אטלאנטיק סיטי אנצופיהרען די ארבייט פון כשרות פאר דער גאנצער קהלה אין אטלאנטיק סיטי.

ער האָט צו זיין קרעדיט די אקטיוויטעטען אויפן געביט פון חינוך און א דאנק איהם איז די תלמוד תורה אין דער רודף שלום געביידע געוואָרען א שטאָ־טישע אינסטיטוטציע און איז פארעכענט פאר איינער פון די בעסטע תלמוד תורות אין לאנד. עס זיינען פון דאָרטען ארויסגעקומען צענדליגע תלמידים וואָס האָבען דורכגעלערנט תורה און נביאים אין א סיסטעם פון עברית בעברית.

אין 1927 איז די תלמוד תורה רעאָרגאניזירט געוואָרען אלס די אטלאנטיק סיטי „פרי היברו סקוהל" און עד היום אפערירט די תלמוד תורה אונטער א סיס־טעם פון געבען אומזיסט רעליגיעזע דערציאונג צו אידישע קינדער.

אין כשרות אנגעלעגענהייטען האט ער ארגאניזירט די גאנצע שטאדט, וואס שטעהט אונטער זיין שטריינגער פערזענליכער השגחה און ער האט אויך געקראגען די אנערקענונג פון דער שטאדט רעגירונג. א דאנק דער באמיאונג פון הרב שפירא איז אטלאנטיק סיטי דאס איינציגע ארט וואו אלע גרעסטע רעזארט האטעלען שטייען בחזקת כשרות און דאס ציהט די רייכסטע געסט פון אמעריקא. אויך די גאנצע סיסטעמע פון שחיטה און כשרות אין אטלאנטיק סיטי שטעהט אונטער זיין אויפ־זיכט.

אלע געהויבענע געסט האבען דעם גרעסטען צוטרויען צו אטלאנטיק סיטי, א דאנק הרב שפירא׳ס איינפלוס.

זיינע אקטיוויטעטען באגרענעצען זיך ניט נאר אויף שוהלען און כשרות, ער צייכענט זיך אויך אוים אלס לעקטשורער, יעדען ווינטער אין לאקאלען אידישען צענטער, און ביי אלע ציוניסטישע פארזאמלונגען און צוזאמענפאהרען. מען טרעפט איהם אויך אין פילאדעלפיא ביי אלע וויכטיגע פארזאמלונגען.

ער איז דער עהרען פרעזידענט פון דער לאקאלער מזרחי, וויים פרעזידענט פון לאקאלען ציוניסטישען דיסטריקט אין אטלאנטיק סיטי, מיטגליד אין דער לא־קאלער פעדעריישאן, א מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער אגודת הרבנים דארצות הברית וקענעדע.

הרבנית יוכבד שפירא איז די טאכטער פון רב זיידעל מרגלית, איינער פון די באוואוסטע שוחטים אין נויארק, די פאמיליע קומט פון צפת עיר הקודש, און הרבנית שפירא איז באוואוסט אלס אקטיווע טוערין צוזאמענגעבונדען מיטן רבנישען לעבען אין אמעריקא. זי איז די אמת׳ע אשת חיל, און די אשת חבר וואס פאר־שטייט ווי אזוי באהילפיג צו זיין הרב שפירא׳ן אין אלע זיינע אקטיוועטעטען.

דער פאטער פון הרבנית שפירא, רב זיידעל, אויך א געבוירענער אין צפת, איז געווען באליבט ביי ארץ ישראל׳ער אידען, זייענדיג א מקורב אין די חסידישע הויפען פון דעם ריזשענער זצ״ל.

זייערע קינדער: אברהם יונתן, גראדואירט בית המדרש למורים, נ. י., פרינציפאל וועסט פליינס, נויארק; רחל, איצט די פרוי פון הרב יצחק היימאן, סיראקוז, נ. י.; שרה, איצט די פרוי פון הרב דוד וואכטפויגעל, פון דער אוהב צדק שוהל אין פילאדעלפיא; רבקה שפירא, האט גראדואירט אטלאנטיק סיטי האי סקוהל און אטלאנטיק סיטי ת״ת, און נעמט איצט א קאלעדזש קורס; יהושע צבי מיכל, איצט א תלמיד אין ישיבת רב יצחק אלחנן, ישיבה קאלעדזש, און דיוה אין אטלאנטיק סיטי פאבליק סקוהל.

☆

יקותיאל דוב פריעדמאן, עה״ש

1861 — 1938

געבוירען געוואָרען שושן פורים, 1861, אין סרעדניק, קאָוונער גובערניע, דער זוהן פון פרץ און חנה פריעדמאן. דער פאָטער איז געווען אַ בילדער פון הייזער. יקותיאל פריעדמאן האָט געלערנט אין סלאבאדקער ישיבה, און איז געקומען קיין אַמעריקא אין נאָוועמבער, 1881. דאָ איז ער שוין פארבליבען זיין גאַנצען לעבען, און האָט זיך גערעכענט פאַר איינעם פון די פּיאָנערען פון פילא־דעלפיער אָרטאָדאָקסישען אידענטום.

האָט געהייראט מרים, בת הרב יהודה ליב ראבי־נאוויטש, האָט איבערגעלאָזט 3 זיהן און צוויי טעכטער: חיים יצחק פריעדמאן, יונה פריעדמאן, חנה, איצט מרס. סעמועל רובינסאָן, בעלא, איצט מרס. הערי שווארטץ, און אפרים דוב פריעדמאן.

אין 1885 האָט יקותיאל דוב פריעדמאן געגרינדעט די פריעדמאן מצה בעק־קעריי, אין 624 ס. 7טע סטריט. צוויי יאָהר שפּעטער האָט ער אָפּגעקויפט 620-622, נאָך שפּעטער אויך געקויפט 616-618 און זינט דאַן איז אויפגעבויט געוואָרען די איצטיגע מאָדערנע וועלט באַריהמטע פריעדמאן מצה בעקעריי אין פילאדעלפיא.

די פירמע באקט מצות אַ גאַנץ יאָהר נאָכאנאנד און איהרע מצה פּראָדוקטען ווערען גענוצט איבער אַלע טיילען פון דער וועלט.

יקותיאל דוב פריעדמאן איז געווען צווישען די גרינדער און אויך איינינע טערמינען פרעזידענט פון דער רוסישער שוהל, בני אברהם, אין 527 לאָמבארד סטריט; איז אויך געווען צווישען די גרינדער פון ישיבת משכן ישראל, רודף שלום קאנגרעגיישאָן אין אטלאנטיק סיטי, קאמיוניטי צענטער, אטלאנטיק סיטי, און איז בכלל געווען אַ ווארימער אונטערשטיצער פון אַלע נאציאָנאַלע און לאקאלע אנשטאלטען.

אַלע זיינע קינדער זיינען שותפים אין דער פריעדמאן מצה בעקעריי און זיי האַלטען אויף דעם גוטען נאָמען, וואס דער פאָטער האָט איבערגעלאָזט, און זיי שטרעבען אַלעמאָל צו געהן אין די טראדיציעס פון זייער פארשטאָרבענעם פאָטער.

★

דעבארא קאנסאמפטיוו סאניטאריום

דער דעבארא סאניטאריום טרעט איננכען אריין אין דעם צוואנציגסטען יאהר פון עקזיסטענץ. עס איז ניט איבערטריבען צו זאגען, אז אין דעם משך פון די פארגאנגענע יאהרען האט דער דאזיגער סאניטאריום אפגעראטעוועט איבער צוויי טויזענד פאמיליעס פון דער ווייסער פלאג.

קיין חידוש ניט דעריבער, וואס דער דעבארא סאניטאריום ווערט באטראכט פאר דער קרוין פון אידישע אנשטאלטען אין פילאדעלפיא און אין נויארק צוליב גאר אסך אורזאכען.

אמת, אז ביז דער דעבארא סאניטאריום איז געגרינדעט געווארען, זיינען שוין פריהער אויך געווען סאניטאריומס ביי אידען. דער עיקר אין דער וועסט; אין דענוועד און אין לאס אנדזשעלעס. אבער די מעלה פון דעם דעבארא סאניטאריום איז דאס, וואס די פאציענטען געפינען זיך ניט ווייט פון זייער פריהערדיגער היים, פון זייערע ליבע און טייערע, ווערענד ווען א פאציענט ווערט אפגעשיקט קיין דענוועד אדער לאס אנדזשעלעס, איז ער אפגעריסען פון זיינע נאהענטע און ליבע, און ער פיהלט זיך זעהר עלענט און דערשלאגען. די ביינקשאפט אהיים שטערט אסך דער היילונג. עס איז דעריבער געווען זעהר א פראקטישע זאך וואס עס איז געעפענט געווארען דער דעבארא סאניטאריום אין בראונס מילס, ניו דזשוירזי.

אויך נויארק און פילאדעלפיא האבען מיט 25 יאהר צוריק שוין געהאט לאקאלע אנשטאלטען פאר שווינדזיכטיגע, אבער זיי זיינען ניט געווען צופרידענשטעלענד צוליב פארשיידענע אורזאכען:

ערשטענס אויב דער קראנקער איז ניט געווען קיין איינוואוינער פון שטאדט, האט ער ניט געהאט קיין שאנס אריינגענומען צו ווערען.

צווייטענס צוליב דעם וויל לאקאלע אנשטאלטען זיינען בארעכטיגט צו שטיצע פון סטייט, באקומט דער סטייט דאס רעכט צו שיקען אהין קראנקע אהן אונטערשייד פון ראסע, אזוי זיינען די סאניטאריומס אין דער אמת'ן געווען בלויז אידישע סאניטאריומס אין נאמען און ניט מעהר.

דריטענס; פאציענטען וואס האבען געקענט צאהלען זיינען געהאלטען געווארען אין פריוואטע צימערען, און די ארימע האט מען געהאלטען אין „ווארדס." דאס האט געשאפען א קלאס פריוועליגירטע און ניט פריוועליגירטע. דאס האט פארשאפט עגמת נפש צו דעם ארימערען קלאס פאציענטען.

חוץ דעם אלעמען איז בכלל ניט געווען גענוג פלאץ אין די סאניטאריומס פאר אלע אפליקאנטען, און די קראנקע האבען זיך אפט געוואלגערט אין אן ענג צימערל, אויסגעהענדיג פון פארצעהרונג, ווארטענדיג אויף א „נעקסט" אריינגענומען ווערען ערגעץ אין א סאניטאריום.

דער ערשטער טשערמאן פון דער באָרד איז געווען יוסף בארנדעס ז"ל און די

ערשטע פרעזידענטין איז דערוועהלט געווארען דבורה שפירא, וועמענס נאמען דער סאניטאריום טראגט עד היום.

דער סאניטאריום איז אוועקגעשטעלט געווארען אויף פאלגענדע פרינצי־פען: פאציענטען וועלען אריינגענומען אהן אונטערשייד פון וואנען זיי קומען. בלויז ארימע וואס קענען ניט צאהלען, ווערען אריינגענומען, און דריטענס, דינים פון כשרות, טראדיציעס און מנהגים, ווערען שטרענג אפגעהיט.

דער ערשטער קאמפיין פאר א בילדינג פאנד איז פארגעקומען אין פילא־דעלפיא אין 1927, אין ארטש סטריט טעאטער, מיט א. בערקאוויטש, קאמפיין טשערמאן און נייטען פריעד, דירעקטאר.

דער 2טער בילדינג קעמפיין אין פילאדעלפיע איז פארגעקומען אין 1930, און דער ברית אחים האט ביי יענעם קעמפיין בייגעשטייערט א סומע פון צען טויזענד דאלאר.

אין 1931 האט מען אין בראונס מילס אנגעהויבען בויען די נייע געביידע פון פינף פלאר, פאר א פערטעל מיליאן דאלאר, צו מאכען פלאץ פאר נאך 125 בעטען, אבער צוליב דעם קריזיס איז די ארבייט אפגעשטעלט געווארען, און די געביידע איז געבליבען ניט פארענדיגט.

אין 1932 האט דבורה שפירא זיך צוריקגעצויגען פון פרעזידענט אמט, און אויף איהר ארט איז דערוויילט געווארען לאיער מארים דייטשעס, קאמישאנער פאר העברער בילדונג און אברהם שיפלאקאוו, ע"ה איז געוויילט געווארען פאר טשער־מאן פון דער באָרד.

צו דעם סאניטאריום איז יענעם יאהר צוגעצויגען געווארען דער באוואוסטער נעשעפטסמאן איזראעל קאטץ, פון קאלינגסוואוד, נ. דזש., און אין א קורצער

צייט האט ער געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון אלע פיהרער פון דעבארא סא־ניטאריום. זיין ערנסטקייט, טאקט און אינטעליגענץ האט איהם געוואונען גרויס אכטונג, און די באָרד האט איהם דאן דערוויילט אלס טשערמאן פון דער אד־מיניסטראציע.

אין 1934 איז איזראעל קאטץ, אין קאמאדאר האטעל, פילאדעלפיא, געוויילט געווארען פרעזידענט, און לאיער אייברעהעם בערקאוויטץ, טשערמאן פון דער באָרד.

אין 1935 איז קאטץ ווידער דערוויילט געווארען פרעזידענט, אב. בערקא־וויטץ, טשערמאן פון דער באָרד און דייוויד שוהמאן, טשערמאן פון דער אדמי־ניסטראציע.

אין 1935 האבען די פילאדעלפיער לײדיס אקזילערים באשלאסען צו עפענען א „טשעסט קליניק" אין פילאדעלפיא, וואו עס ווערט זינט דאן געגעבען מעדי־צינישע באהאנדלונג צו דער גרויסער צאהל קראנקע וואס דארפען ווארטען אויף דער מעגליכקייט אריינגענומען צו ווערען אין דעבארא סאניטאריום.

די אקזילערים וואס האבען געהאלפען רעאליזירען דעם פלאן זיינען די סאוטה

פילאדעלפיא גרופע, דעבארא פרענדס, נארטה איסט העלפינג הענד, וועסט פילא־דעלפיא גרופע, און די דעבארא דזשוניארס.

דר. דזשאזעף א. לענגבארד איז דער טשיעף פון דעם מעדיקאל סטעף, און דער טשערמאן פון קליניקעל בארד איז לאיער בענדזשאמין פרענק.

דער מעדיקאל סטעף פון דעבארא באשטייט חוץ דר. לענגבארד פון דר. י. מ. וויינבערג, אסאשיאייט דירעקטאר, דר. ב. ס. פאלאק, טשערמאן, דר. נייטען לעווין, סעקרעטאר, און דר. הענרי בארענבלאט, סופעראינטענדענט.

די באאמטע אין 1942 זיינען: איזראעל קאטץ, פרעזידענט; דזשאזעף ס. עליקמאן, ערשטער וויס פרעזידענט; לאיער אייבערהעם בערקאוויטץ, טשערמאן פון דער בארד אוו טראסטיעס; סעמועל קארדאן, נאציאנאלער טרעזשורער; לאיער סיירוס לעווינטהאל, סעקרעטאר; לאיער בענדזשאמין פרענק, אסאשיאייט סעק־רעטאר; מאקס בעלאק, עקזעקוטיוו דירעקטאר.

די אדמיניסטראטיווע בארד באשטייט פון דייוויד שוהמאן, טשערמאן; מייער עדעלמאן, מערי גרינבערג, ביעטרים דזשאזעף, נעטי קאסטינער, אנא ליערפיעלד, און לעא פאזעל.

דער דעבארא סאניטאריום איז א וואונדערליכער ביישפיל פון דעם רחמנות־הארץ ביי די פילאדעלפיער אידען, און די אידישע באפעלקערונג דא ווי אומעטום בענשט די הענט פון די טוער און בויער, די שאפער און פיהרער וואס פארבויגען אלעמאל זייערע פערזענליכע אינטערעסען, און ביי וועמען קיין זאך איז ניט צו שווער אבי דורכצופיהרען די ארבייט אויף אזא אופן, אז דער סאניטאריום זאל אלעמאל פראספּיטירען. דער סאניטאריום איז א מאנומענט אויף וועלכען פילא־דעלפיא קוקט מיט שטאלץ און צופרידענהייט. די ארבייט איז געקרוינט געווא־רען מיט גרויס דערפאלג. דאס אלעס איז דער עיקר צו פארדאנקען די פרויען פון די אקזילערים פון נויארק, נוארק, פילאדעלפיא, טרענטאן, פעטערסאן, ניו בראנזוויק, עליזאבעט, קעמדען, אטלאנטיק סיטי, הארפארד און אנדערע שטעדט.

דער סאניטאריום איז באזונדערס שטאלץ אויף דער נוירסעס האום, וואס האט אפגעקאסט איבער דרייסיג טויזענד דאלאר.

דער ראיאן דירעקטאר איז נייטען פריעד און רות מילער איז דער דירעקטאר איבער סאשעל סוירווים.

✶

איזראעל קאטץ

רעזידענץ: טורעין אפּאַרטמענטס. אָפּיסעס אין נויאָרק און אין בריסטאָל, פּאַ.

געבוירען אין ווילקאמיר, ליטא, אין 1886, דער זוהי פון עמאנועל און אנא (גונסט) קאַטץ.

איז געקומען קיין אמעריקא א אינגעל פון 16 יאָהר, ער האָט בייטאג געאַרבייט און ביינאכט שטודירט. איז געוועזן זעהר א פלייסיגער סטודענט און ער האָט אין א משך פון 1 יאָהר צייט פאַרענדיגט דעם 4־יאָהריגען האַי־סקוהל קורס.

האָט שטודירט אין קאלעדזש אָוו סיטי אָוו נויאָרק, און אין 1911 האָט ער באקומען דעם דעגרי באטשעלאר אָוו סייענס, שפּעטער האָט ער אויך באקומען דעם דעגרי מאסטער אָוו סייענס.

איזראעל קאטץ איז געווען דער רעזידענט אסיסטענט כעמיקער צו פּראָפעסאָר בעסקערוויל אין דעם זעלבען קאלעדזש וואו ער האָט שטודירט, (1911־12) איז דערנאָך געווען כעמישער אינזשעניר פאר סולצבערגער ענד סאָנס קאמפּאני, אין שיקאגא און אין אָקלאָהאָמא סיטי, (1912־14), א מיטגליד פון דער „פּעט אנא־ליסיס קאמישאָן פון דער אמעריקאן קעמיקעל סאָסייטי, (1915־17), דזשענעראל סופּעראינטענדענט אָוו ריפיינעריס און ביי־פּראָדוקטס פאר ווילסאָן ענד קאמפּאני, (1915־17), סופּעראינטענדענט פון 1924 ביז 1926.

געווען דזשענעראל מענעדזשער פון דזש. עוואנסאנס, אינקאָרפּאָרייטעד, זייף מאנופעקטשורערס, אין קעמדען, ניו דזשוירזי.

איזראעל קאטץ איז דער פּרעזידענט פון דעם דעבארא סאניטאריום פאָר שווינדזיכטיגע, און ער איז פון יענע פּרעזידענטען וואָס באקליידען ניט דעם אמט בלויז צוליב כבוד. דער סאניטאריום איז ביי איהם א לעבענס בארוף, און ווי פארנומען ער זאָל ניט זיין, איז ער אלעמאָל גרייט צו דינען דעם אנשטאלט בלב ונפש.

ער איז א געוועזענער פּרעזידענט פון בית אל קאנגרעגיישאָן אין קעמדען, נ. דזש., געוועזענער דירעקטאָר פון דער דזשואיש וועלפעיר באָרד אין קעמדען, א מייסאָן, און געהערט צו דעם קיוואניס קלוב.

ער איז א מיטגליד פון כנסת ישראל קאנגרעגיישאָן אין פילאדעלפיא.

אין 1913 האָט ער געהייראט עטל מאנטאז, און זיי האָבען 3 קינדער: סילוויא, איצט מרס. מיראן באָרד; ראבערט קאטץ, א כעמיקער, וואָס טוט רי־סוירטש אַרבייט פאָר דער אַמעריקאנער רעגירונג. ראבערט איז א גראדואירטער פון מאסאטשוסעטס אינסטיטוט אָוו טעכנאלאדזשי, און די אינגסטע טאָכטער, לואיז, שטודירט איצט אין יוניווערסיטי אָוו פּענסילווייניע.

די אסאָשיאייטעד תלמוד תורה'ס אין פילאַדעלפיא

די געשיכטע פון דער אידישער דערציאונג אין אמעריקא, דאָ ווי אין אנדערע שטעדט, איז פאקטיש איינע און די זעלבע. איידער די אסאָשיאייטעד תלמוד תורה'ס זיינען געבוירען געוואָרען, האָט געהערשט א מורא'דיגער כאאטישער צושטאנד. דער חינוך איז געשטאנען אויף א שפּלדיגען מצב, אידישע טאטעס האָבען אינ־גאנצען פארנאכלעסיגט די אידישע דערציאונג פון זייערע קינדער, און אין בעסטען פאל איז ניט געווען קיין יוניפיצירטע סיסטעם פון דערציאונג.

טאָמער האָט א קינד יאָ שוין געלערנט עפּעס ביי „א מלמד מיט א טייטעל," אָדער אין א קאנגרעגיישאנאל סקוהל, איז געווען גענוג, אז דאס קינד זאָל איבער־ציהען אין אנאנדער געגענט, איז דערנאָך זיין גאנצעס וויסען ניט ווערטה געווען קיין צוויי סענט, מחמת אין דעם נייעם געגענט האָט מען געלערנט דורך אנאנדער סיסטעם.

דעריבער אליין זיינען די פארדינסטען פון די אסאָשיאייטעד תלמוד תורה'ס שוין קאלאסאל, מחמת זיי האָבען געשאפען א געאייניגטע סיסטעם אין א קעיט פון אידישע תלמוד תורה'ס איבער דער שטאָדט.

דאָ אין פילאדעלפיא, וואו די אסאָשיאייטעד תלמוד תורה'ס שטייען אונטער דער אויפזיכט פון דער פעדעריישאָן אָוו דזשואיש טשאריטיס, האָבען לעצטען יאָהר געלערנט 2658 אידישע קינדער, זיי האָבען באזוכט איין און נײנציג קלאַ־סען, אנגעפיהרט דורך 36 לעהרער, און טאָקע קאמפּעטענטע לעהרער. דער דורכ־שניטליכער רעגיסטרירטער באזוך איז געווען 1898.

די דאָזיגע צאָהל קינדער באקומען זייער אידישע דערציאונג אין צעהן סקוהלס, עלעמענטארע. א גרויסער טייל פון זיי באזוכט אויך די העברעאישע הויכשול מיט איהר רעגולארען און עקסטענשאן סקוהל. איינגעשלאָסען אין די עלעמענטארע שולען געפינען זיך אויך דריי סקוהלס וואָס זיינען אפיליאירט מיט דער אסאָשיאייטעד, אָבער די אסאָשיאייטעד טראָגט אויף זיך ניט די פינאנ־ציעלע פאראנטוואָרטליכקייט.

חוץ דער דערציאונג וואָס די קינדער באקומען אין די קלאסען, זיינען אויך אויסגעברייטערט פארשיידענע אקטיוויטעטען פאר די קינדער, ווי קלובען און ימים טובים פייערונגען, אין וועלכע עס באטייליגען זיך פון פינף ביז זעקס טויזענד קינדער, יונגעלייט און מיידלאך און אויך דערוואקסענע.

כדי אנצופיהרען די דאָזיגע דערציהונגס ארבייט, האָט די אסאָשיאייטעד לעצטען יאָהר אויסגעגעבען א סומע פון 70,930 דאלאר.

וואָס זיינען די פונקציעס, און וואָס איז דער ברייטער פּארנעם אין דער פּראָ־גראם פון דער אסאָשיאייטעד, וואָס איז אנגעפיהרט געוואָרען אין דעם משך פון דער צאָהל יאָהרען וואָס די אסאָשיאייטעד תלמוד תורה'ס עקזיסטירען? דערויף קען מען ענטפערען אין קורצען:

1) די אסשיאייטעד האָט ארגאניזירט א באָרד אָוו לייסענס, וועמענס פונק־ציעס איז אוועקצושטעלען א סטענדערד פאר קוואליפיצירטע לעהרער. די לעהרער

ווערען רעגיסטרירט, און דורכדעם ווערט פריהער פעסטגעשטעלט די באציאונג פון לעהרער צו קינדער, און מען ווייסט אלעמאל, איידער א לעהרער ווערט אנגע־שטעלט אויב ער איז קאמפעטענט געגוג צו ווערען באשעפטיגט אין דער פראפעסיע.

2) די אסאשיאייטעד האט אנטוויקעלט א רעגיסטער פון לערער און אן אויס־טויש. דער צענטראלער אפיס נעמט אויף אפליקאנטען פאר פילאדעלפיער און שכנישע שטעדט דורך דעם צענטראלען אפיס, און שטעלט פריהער פעסט אויב די לעהרער זיינען קוואליפיצירט. פון צייט צו צייט רעקאמענדירט די אסאשיאיי־טעד לעהרער צו די קאנגרעגיישאנאל סקוהלס, חוץ דעם וואס זי באפרידיגט איה־רע אייגענע באדירפנישען.

3) עס איז אויך אנטוויקעלט געווארען אן אפטיילונג פאר אינפארמאציע און סוירוויס, און דער דאזיגער דעפארטמענט האט ביז איצט געשאפען 95 טעקסטען און בולעטינס בנוגע סידורים, מנהגים, אינסטיטוציעס, אידישע גע־שיכטע, פייערונגען פון ימים טובים, לויפענדע נייעס, דאוונען פאר קינדער, קלאס־צימערען פראיעקטען, שוהל ארגאניזאציעס, מעטארען ווי אזוי צו לערנען אין די קלאסען, אויסגעברייטערטע אקטיוויטעטען, דאס לערנען פון העברעאיש און אזוי ווייטער.

עס זיינען אין שטאדט באזארגט געווארען וועכענטליכע שוהלען, קאנגרע־גיישאנאל סקוהלס און סאנדעי סקוהלס נית נאר פאר פילאדעלפיא, נאר פאר שכנישע קאמיוניטיס איבערן לאנד.

די אסאשיאייטעד האט אנגעזאמעלט אין איהרע ארכיוון מאטעריאלען וואס זיינען פארעפענטליכט געווארען פון די פארשיידענע עדיוקיישאנאל ביוראס, נא־ציאנאלע עדיוקיישאנאל איידזשענסיס, און די מאטעריאלען זיינען אלעמאל צו דער דינסט פון די פרינציפאלס, טיטשערס, סקוהלס, און אנדערע אידישע ארגא־ניזאציעס אין פילאדעלפיא.

דער צענטראלער אפיס איז געווארען א גוט אויסגעשטאטעטע אגענטור, וואו ווער עס נויטיגט זיך קען באקומען דעם ריכטיגען ראט און די הילף בנוגע אידישער דערציאונג.

4) די אסאשיאייטעד האט אנגעפיהרט א צאהל אויספארשונגען בנוגע דער צאהל אידישע קינדער וואס באקומען א דערציאונג און לעצטענס איז אויך גע־מאכט געווארען אן אויספארשונג בנוגע אידישער דערציאונג אין פילאדעלפיא. דער דירעקטאר פון דער אסאשיאייטעד דינט אלס דער „עדיטאר־אין־טשיעף" פון דעם „דזשואיש עדיוקיישאן מעגעזין," און אלס דער קא־טשערמאן פון דער דזשו־איש עדיוקיישאן סעקשאן פון דעם נאציאנאלען קאונסיל פון דער דזשואיש פעדע־ריישאן אוו וועלפעיר פאנד.

5) נית נעמענדיג אויף זיך די פינאנציעלע פאראנטווארטליכקייט, איז פונ־דעסטוועגען אונטערגענומען געווארען אין א משך פון יאהרען צו ארגאנזשירען און צו האבען די אויבערזיכט איבער די דערציאונגס פראגראמען אין א צאהל שוהלען וואס זיינען נית אנגעשלאסען צו די אסאשיאייטעד. עס איז אויך גע־געבען געווארען אומצאהליגע לייסטונגען צו א צאהל קאנגרעגיישאנאל און קאמיו־

נאלע טעגליכע שולעס דורך פארבעסערטע קוריקולומס, ניט טראגענדיג די פאר־אנטווארטליכקייט פאר דער אויפזיכט איבער אזעלכע שולעס.

6) עס איז אויך אויפגעהאלטען געווארען אן אינסטיטוט, אדער א סעמי־נאר פאר אידישע לעהרער, וואו עס ווערען אנגעפיהרט דעמאנסטרירענדע לעק־ציעס איבער דעם פראבלעם פון לערנען אין די קלאסען און ווי אזוי צו פארוואל־טען מיט א אידישער שולע. די דאזיגע לייסטונגען ווערען געגעבען אויך צו פרינציפאלס און לעהרער פון אנדערע שטעדט.

7) דורך דער העבערעאישער האי סקוהל פאר גראדואירטע קינדער פון עלעמענטארע סקוהלס, און אויך דורך דער עקסטענשאן האי סקוהל, איז עטאב־לירט געווארען א באזיס פון קאאפעראציע, און עס איז אויך איבערגענומען גע־ווארען די פאראנטווארטליכקייט צו דערציהען לעהרער פון די אייגענע סקוהלס ווי אויך פון די קאנגרעגיישאנאל און קאמיונאלע סקוהלס. גראדואירטע פון 9 קאנ־גרעגיישאנאל סקוהלס זיינען איצט רעפרעזענטירט אין דער סטודענטען קער־פערשאפט פון דער היברו האי סקוהל.

8) אויף אן עהנליכען אופן האט די אסאשיאייטעד אויך איינגעשטעלט נע־הענטערע באציאונגען מיט דעם גרעטץ קאלעדזש, שיקענדיג אהין יעדען יאהר א צאהל סטודענטען וואס האבען גראדואירט די היברו האי סקוהל, דאס איז א סארט סטודענטען וואס פארמאגען מעהר בילדונג און זיינען אימשטאנד אויפצונע־מען א בעסערען פיר יאהריגען קורס ווי עס פלעגען סטודענטען אויפנעמען. אין די לעצטע פינף יאהר האט די היברו האי סקוהל צוגעשטעלט צו גרעטץ קאלעדזש פיער פינפטעל פון דער סטודענטען קערפערשאפט. דאס איז דעריבער א גרויסער בייטראג פאר דער דערהויבונג פון דעם סטענדערד פון גרעטץ קאלעדזש.

9) א דאנק די אסאשיאייטעד תלמוד תורה'ס איז דאס פראבלעם פון אי־דישער דערציאונג ארויסגעשטעלט געווארען אין פאדערגרונט פאר דער גאנצער קאמיוניטי, מחמת נאר ווען די גאנצע געזעלשאפט נעמט אויף זיך דאס אחריות פון דערציאונג, און לאזט עס ניט איבער אין די הענט פון יחידים, קענען מיר דערגרייכען די לייזונג פון דעם וויכטיגען פראבלעם. דאס איז איינע פון די אויפ־גאבען וואס די אסאשיאייטעד תלמוד תורה'ס האבען זיך געשטעלט, און זיי פיהרען דאס דורך דערפאלגרייך.

ווען מען פארגלייכט דעם צושטאנד פון אידישען חינוך, פון אמאל מיט דעם היינטיגען מצב, מוז מען צוגיבען, אז עס איז שוין זעהר פיל דערגרייכט געווארען.

די איצטיגע באאמטע פון די אסאשיאייטעד תלמוד תורה'ס זיינען: דזשאזעף קאהן, פרעזידענט; ראבערט מ. בוירנשטיין, דזשאדזש דזשאזעף סלאון, און דייוויד וועבער, וויים פרעזידענטען; סעמועל ה. דאראף, טרעזשורער; דר. דזשוליוס ה. גרינסטאון, סעקרעטאר, און בען ראזען, עדיוקיישאנאל דירעקטאר.

★

די אידישע פאָלק שולען אין פילאדעלפיא

דער מאטעריאל פון די אידישע פאָלק שולען אין פילאדעלפיא איז נאָך ניט אויפגעזאמעלט. ער איז צעוואָרפען אין די סאוועניר ביכער, שול־ביכער פון די פאַרשיידענע פאָלק שולען וואָס עקזיסטירען דאָ פינף און צוואנציג יאָהר. וואָס מיר ווייסען יאָ, איז, אז אין 1926 האָט משה קאטץ, ז"ל צוזאמען מיט משה מלמד רעדאקטירט א שול־בוך, ארויסגעגעבען פון דער היגער צענטראלער פאַרוואלטונג פון די פאָלק שולען.

אין יענער צייט האָט אין פילאדעלפיא עקזיסטירט די יהודה שטיינבערג פאָלקשול אין 5300 ארלינגטאָן סטריט, די יעקב דינעזאָן שולע אין 3952 וועסט דזשיראַרד עוועניו, מענדעלי מוכר ספרים פאָלק שול אין 2345 נ. 30טע סטריט, די י. ל. פרץ פאָלק שולע אין 329 פיין סטריט, חיים נחמן ביאליק פאָלק שולע אין 234 ס. 56טע סטריט, מ. קאטץ פאָלק שולע אין 5178 וויאָלא סטריט, און די מיטלשול אין 4035 וועסט דזשיראַרד עוועניו.

אין דעם זעלבען יאָהרבוך געפינען מיר שוין אן ארטיקעל פון דר. מ. י. קאליש, און פון דעם קען מען זעהן, אז ער איז שוין אין יענער צייט געווען שטארק פאַראינטערעסירט אין דער אידישער מאָדערנער דערציאונג, ווי ער איז דאָס פאַרבליבען עד היום.

נאָוועמבער, 1930, האָט די היגע צענטראל פאַרוואלטונג ווידער ארויסגעגעבען א שול־בוך, איז דאָ געפינען מיר שוין א פּראָקלאמירטע שול וואָך, וואָס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען פון דעם זעלבען דר. קאליש. די אידייע האָט געשלאָגען וואָרצלען, און איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרען איבערן לאַנד.

אין 1938 דערשיינט א שול־בוך לכבוד דעם שולען צוזאמענפאָהר וואָס איז אָפּגעהאלטען געוואָרען טאָקע אין פילאדעלפיא, פרייטאג, שבת, זונטאג און מאנטאג, יוני 3, 4, 5 און 6טען, אין מאדזשעסטיק האָטעל.

ביי יענעם צוזאמענפאָהר איז מ. קאטץ געווען דער עהרען פּרעזיצער, דר. מ. י. קאליש, פּרעזיצער, י. וויינבערג, סעקרעטאר, מ. וואלאוו, קאסירער, דר. פּ. קעסלער, און פּ. הערשטיין פּראָגראם קאָמיטעט, מרים מלמד, י. ירושלמי און וו. שיכמאן, שול־בוך קאָמיטעט, ל. קראל און א. פאלעץ, באנקעט קאָמיטעט.

די דערעפנונג איז פאָרגעקומען אין ברית אחים זאל, די זיצונגען אין מאדזשעסטיק האָטעל.

די מענדעלי מוכר ספרים איז שוין 25 יאָהר אלט און די דינעזאָן שול איז שוין צוואנציג יאָהר אלט, און ביידע שולען האָבען באזונדערע פאַרדינסטען, ווייל זיי האָבען אויסגעטראָטען דעם וועג פּאָפּולער צו מאַכען די אידייע פון אידישער דערציאונג ביי די אידישע פאָלקסמאסען. עס איז ניט איבערטריבען צו זאָגען אז אין די פאָלקס שולען האָבען געלערענט טויזענדער קינדער, און עס איז אין זיי איינגעפלאַנצט געוואָרען די ליבע צו דער אידישער שפּראַך און ליטעראטור, צו דעם אידישען פאָלקס ליד און דעם אידישען ניגון.

באזונדערס איז אונטערגעשטראָכען געוואָרען אין די אידישע פאָלקס שולען

די וויכטיגקייט פון פייערן אידישע ימים טובים, און די אויפבוי ארבייט פון דעם החלוץ אין ארץ ישראל.

א קינד דערצויגען אין א אידישער פאלקס שולע זאפט אין זיך ארייִן אידישע סביבה וואס האלט איהם באהעפט מיט זיין פאלק, און מיט די פאלקס אידעאלען אויף דעם גאנצען לעבען.

דער באוויז איז, אז מען געפינט אין יעדער שטאדט יונגע פראגרעסיווע מענער און פרויען, געוועזענע תלמידים און תלמידות פון די פאלקס שולען, וואס נעמען שפעטער איבער די ארבייט פון די לעהרער און אנפיהרער.

אין אלע פאלק שולען צוזאמען מיט דער מיטל־שולע אין פילאדעלפיא לער־נען זיך נאהענט צו דריי הונדערט קינדער.

אפשר איז דאס דערפאר, ווייל די היינטיגע אידישע דערציאונג בכלל איז אויסגעברייטערט געווארען. מען לערנט היינט אין די תלמוד תורה׳ס און עדיו־קיישאנאל צענטערס אסך בעסער ווי אמאל.

מען מוז אבער פון דער אנדערער זייט צוגעבען, אז אויב מיר האבען היינט גוטע עדיוקיישאנאל צענטערס ביי די אסאשיאייטעד תלמוד תורות, אויב מיר האבען היינט בכלל בעסערע תלמוד תורה׳ס, איז עס א דאנק דעם וואס די אמאליגע נאציאנאל ראדיקאלע שולען האבען אנטוויקעלט דעם מין אידישע פאלק שולע, און דער דאזיגער גייסט האט אויך אונטערגעטריבען אלע אנדערע טוער ארום אידישער דערציאונג צו מאדערניזירען זייערע לימודים אזוי, אז דער אידישער חינוך אלס גאנצער האט דערפון אסך פראפיטירט.

מען דארף אויך איינזינען האבען אז אמאל האבען מיר קיין ארבייטער רינג שולען ניט געהאט. אויך די דאזיגע שולען זענען ארויסגעוואקסען א דאנק דעם וואס די פאלקשולען האבען אלעמאל געשטעלט דעם טראפ אויף דערנעהענ־טערען דאס אידישע קינד צו דעם אידישען פאלק.

די פארדינסטען אלזא פון יענע וואס האבען איבער צוואנציג יאהר צייט זיך אפגעגעבען מיט דער מאדערנער אידישער דערציאונג, זיינען קאלאסאלע, און די געשיכטע וועט זיי דערמאנען מיט א ברכה אויף די ליפען.

זיי האבען אפגעשאפט די אסימילאציע אויף דער אידישער גאס, און זיי האבען צוריק אומגעקעהרט דאס אידישע קינד צו זיינע עלטערען, האבען איהם דערנעהענטערט צו זיין פאלק, און האבען איהם געגעבען א גייסטיגען אינהאלט אין זיין לעבען.

י. דינעזאן פאלק שול:

ש. שווארץ, פארזיצער; ב. הערמאן, וויצע פארזיצער; דר. פ. קעסלער, קאסי־רער; ל. לעווין, לערער; חבר און חברה: הערמאן, מאזעס, מעשמאן, י. זינגער, מ. וויטצעל, פ. זאלאטניצקי, טאבאק, איידעלמאן, טעקסי, נעטים, ח. נארין, אדלער, טשארטקאוו, שווארץ, בלעקמאן, דר. קעסלער, א. פרידמאן.

מענדעלי מוכר ספרים שולע:

י. וויין, פארזיצער; מ. ראזענבערג, סעקרעטאר; חברה פעסטמאן, וויצע פאר־

זיצער; חברה זעווין, קאסירערין; חברה סילווערמאן, פאַרזיצערין פון מוטער'ס קלוב, חברה פעסטמאן, סעקרעטאר; א. טרעזשאנסקי, לעהרער. חבר און חברה ל. קראל, א. אווערבאך, י. לעווין, חברה מיימין, רובינשטיין, מילין, א. וועקסלער.

נחמן סירקין פאָלק שולע:

ר. קאסטין, פאָרזיצער; ש. לאנדאוי, סעקרעטאר; ראובן אייזיקמאן, פינאנץ סעקרעטאר; ל. דאשעווסקי, לעהרער. חבר און חברה ש. שאפּירא, מאיר וואלאוו, נ. קאפסקי, מ. קאָהן, י. האפמאן, ר. קאסטין, ש. לאנדאוי, ר. אייזיקמאן, ל. דאשעווסקי.

חיים נחמן ביאליק שולע:

א. רובין, פאָרזיצער; ל. גאָלדשטיין, סעקרעטאר; י. דאנאץ, קאסירער; וו. שיכמאן, לעהרער. חבר און חברה מעטער, חבר און חברה גאָלדשטיין, חבר און חברה קאפּלאן, חבר און חברה עדעמס, חבר און חברה מ. ספּעקטאָר, חבר און חברה פרידמאן, חבר און חברה רובין.

י. שטיינבערג פאָלק שולע:

דוד לאפּידאָ, פאָרזיצער; סאל לעווינסאָן, וויצע פאָרזיצער; מאריס טשערקאס־קי, קאסירער; מאיר זאיעץ, סעקרעטאר; ש. שאפּיראָ, לעהרער. חבר און חברה ב. סילווער, א. פריצער, ש. בעהרער, מ. פיקער, ל. קאפּלין, י. קרעמער, י. שרייב־מאן, ל. וואלאס, ס. לעווינסאָן, מ. טשערקאסקי, מר. זאיעץ, ד. דינצעס, חברה ב. בערגער, סילווערמאן, יהודית יאנישעווסקי.

מיטל שולע:

גיטל קאליש, פאָרזיצערין; גאָלדע רובינשטיין, סעקרעטארשע; שרה שטערן, קאסירערין. חבר און חברה דר. פ. קעסלער, וו. שיכמאן, ט. שאטקאוו, פעסטמאן, ב. הערמאן, מ. ווייצל, ל. לעווין, און דר. מ. י. קאליש.

צענטראלע קינדער ביבליאטעק:

ס. לעווינסאָן, פאָרזיצער; מ. טשערקאסקי, קאסירער; לעווין, סעקרעטאר.

די באאמטע פון דער צענטראלע פארוואלטונג פון די פאָלק שולען זיינען: דר. מ. י. קאליש, פאָרזיצער פון דער „צענטראלע"; דר. פ. קעסלער, פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיוו; וו. שיכמאן, סעקרעטאר; מ. וואלאוו, קאסירער; ה. בעליס, סעקרעטאר; וויצע פאָרזיצערס: י. ווין, ד. לאפּידא, ד. קאסטין, א. רובין, ש. שווארטץ.

פעדאגאגישע קאָמיסיע: א. טרעשאנסקי, סעקרעטאר; קולטור קאָמיסיע; ל. לעווין, סעקרעטאר. ביבליאטעק קאמיסיע: ס. לעווינסאָן, פאָרזיצער, מ. טשער־קאסקי, קאסירער; ל. לעווין, סעקרעטאר.

די צענטראלע פארוואלטונג האָט לעצטען חודש פראקלאמירט א שול־חודש, געווידמעט דער ווערבירונג פון קינדער פאר די פאָלקשולען. דאָס איז א נייער אויפטו, ווייל ס'איז ניט קיין געלט קאמפּיין, נור אן אויפקלערונג קאמפּיין.

★

די פועלי ציון באוועגונג אין פילאדעלפיא

די אָרגאניזאציע איז געגרינדעט געוואָרען אין פילאדעלפיא אין 1904, מיטן ציעל איבערצובויען דאָס אמעריקאנישע אידישע לעבען אויף ציוניסטישע און סאָציאליסטישע יסודות.

אין די ערשטע 11 יאָהר, (צווישען 1904 און 1915) האָט דער פאראיין געשטרעבט צו רעאליזירען דעם ענדציעל דורך באשאפען אין פילאדעלפיא נייע באציאונגען צו ארץ ישראל, א החלוץ אָרגאניזאציע פאָרצובערייטען די אמעריקאנער אידישע יוגענט פאר באזעצען זיך אין ארץ ישראל. עס זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען זאמלונגען פאר דעם פאלעסטינער ארבייטער פאָנד, בכדי צו קענען גרינדען קאאפעראטיווען אין ארץ ישראל.

עס זיינען אויך געשאפען געוואָרען נייע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, ווי דער „אידיש נאציאנאלער אַרבייטער פאַרבאַנד,“ צו שאפען פארזיכערונג צו די פאמיליעס פון די מיטגלידער, און אין דער זעלבער צייט אויף פאַרטצוזעצען די אידעאלען פון די באוואוסטזיניגע טיילען פון די אידישע פאָלקסמאסען. עס איז אויך געשאפען געוואָרען א פרויען פיאָנערען אָרגאניזאציע אויפצוהויבען דעם קולטורעלען מצב פון דער אידישער פרוי, און אויך פארבינדען דאָס לעבען פון די אמעריקאנער אידישע פרויען מיט דער אויפבוי ארבייט אין ארץ ישראל. עס איז געשאפען געוואָרען א פועלי־ציון יוגנט אָרגאניזאציע, צו אנטוויקלען א סאָציאליסטישען לעבען אין אמעריקא און אין ארץ ישראל.

די פועלי ציון האָבען אויך געשאפען נייע באציאונגען צו אידישער קולטור, דורך א נאציאנאל־ראדיקאלער דערציאונג פאר קינדער. עס איז געשאפען געוואָרען א קאנסטרוקטיווע באציאונג צו דער אידישער און העברעאישער ליטעראטור, א פאזיטיווע באציאונג צו אידישען פאלקלאר, געזאנג און פייערונגען פון אידישע ימים טובים.

אין די נעקסטע 7 יאָהר, 1915-1922, האָט די פועלי ציון אָרגאניזאציע אין פילאדעלפיא געזוכט ארויסצוטרעטען פון ענגע פארטיי גרענעצען און ווערען דער ליטענדער כח פון די אמעריקאנישע אידישע פאָלקסמאסען.

אנשטאט החלוץ אָרגאניזאציע און זאמלונגען פארן פאלעסטינער אַרבייטער פאָנד, האָט די פארטיי אין פילאדעלפיא געזוכט פאפולאר צו מאכען דעם באגריף פון מאסען קאָלאָניזאציע אין ארץ ישראל און האָט באשאפען דעם געציוג קעמפיין.

אנשטאט זיך צו באשריינקען מיט דעם זעלבסטשטענדיגען נאציאָנאלען אַרבייטער פארבאנד, פרויען פיאָנערען און יוגענטליכע אָרגאניזאציעס, האָבען זיך פועלי ציון געשטעלט אין דער שפיצע פון דער קאנגרעס באוועגונג. פילאדעלפיא האָט אונטער דער רעדאקציע פון יהודה קויפמאן ארויסגעגעבען א ספעציעלע קאנגרעס צייטונג, די פועלי ציון האָבען דערוויילט צום קאנגרעס א דריטעל פון פילאדעלפיער דעלעגאטען, און נאָך דער אויפלייזונג פון קאנגרעס, האָט פילאדעלפיא געהאָלפען שאפען א נאציאָנאלע טאג־צייטונג, „די צייט.“

פילאדעלפיא האָט פארוואנדעלט די נאציאנאל ראדיקאלע־טאג־שולעס אין „אידישע פאָלקס־שולען,“ וואָס זיינען געוואָרען א שטאט ענין.

אין די נעקסטע צוואנציג יאהר, (1922־1942), האבען די היגע פועלי ציון מיט גרוים אימפעט זיך אריינגעווארפען אין א רייהע נייע קאנקרעטע אקציעס.

אויף דעם ארץ ישראל געביט איז געשאפען געווארען די ארבייטער באנק, דורך דעם פארקויף פון אקציעס, געהאלפען שאפען דעם געווערקשאפטען קאמ־פיין, פאר דער „הסתדרות העובדים" אין ארץ ישראל, געהאלפען פאפולאר מאכען דעם נאציאנאל פאנד, אלס מיטעל צו מאכען דאס אידישע פאלק פאר דעם אייגענטימער פון זיין אייגען לאנד, געהאלפען אין צייט פון וואהלען צום ציוניס־טישען קאנגרעס פאפולאר מאכען דעם געדאנק אז די אויפבוי ארבייט אין ארץ ישראל דארף אנגעטרויעט ווערען אין ארבייט הענט. די פועלי ציון פארטיי אין פילאדעלפיא האט געצווינגען די מאיאריטעט שטימען ביי די וואהלען צום ציוניס־טישען קאנגרעס.

דער נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד איז פארשטארקט געווארען דורך אריינגעמען אין „פארבאנד" א צאהל אידישע לאנדסמאנשאפטען און פאלקס אר־גאניזאציעס, אנטוויקעלט די פיאנערען פרויען ארגאניזאציע אין א פאלקס באַ־וועגונג, אויפגעבויעט א מעהר פאפולערע יוגענט ארגאניזאציע—די הבונים. עס איז אויסגעברייטערט געווארען די פראגראם פון די אידישע פאלקס שולען, פארטיפט די קולטורעלע באציאונגען צווישען אידישען לעבען אין אמעריקא און דעם נייעם קולטורעלען לעבען אין ארץ ישראל.

דער איינפלוס פון די פילאדעלפיער פועלי ציון קען ניט געמאסטען ווערען בלויז מיט ציפערען פון מיטגלידערשאפט, געלט־זאמלונגען פארן אידיש אמע־ריקאנער קאנגרעס, אדער ציוניסטישען קאנגרעס. ביי איצטיגען מאמענט ציילען די פועלי־ציון אין פילאדעלפיא ביי א דריי טויזענד משפחות. אין דעם משך פון 38 יאהר עקזיסטענץ האבען זיך באטייליגט אין די פארשיידענע צווייגען פון דער באוועגונג איבער צוואנציג טויזענד פערזאן, אחוץ דעם איז די באוועגונג אלעמאל געווען ארומגערינגעלט אומבאוואוסטזיניג פון קרייזען וואס האבען קיין שייכות ניט געהאט מיט דער באוועגונג און איז אפילו געווען גענגעריש געשטימט צום פועלי ציוניזם.

די שטעלונג צום ציוניזם פון די אלגעמיינע ציוניסטען און פאלקסמאסען, האט א דאנק דער פועלי ציון באוועגונג אנגענומען א פראַ־ארבייטער כאראקטער. די אויפבוי ארבייט אין ארץ ישראל ווערט איצט כמעט פון אלעמען באטראכט אלס הויפטזעכליך א קאאפעראטיווער ענין.

אידישע אָרדענס, טיילווייז א דאנק דעם דרוק פון די עפענטליכע פאלקס אקציעס, האבען איצט א מעהר פאראנטווארטליכע שטעלונג צום אידישען פאלקס לעבען און צו ארץ ישראל. דאס אייגענע קען מען זאגען בנוגע אידישע פרויען ארגאניזאציעס.

די דערציאונגס סיסטעם אין תלמוד תורה'ס, ארבייטער רינג שולען, קאנגרע־גיישאנאל סקוהלס, י.מ.ה.א.'ס זיינען אומבאוואוסטזיניג באאיינפלוסט געווארען פון די פאלקס שולען.

די ענדציִלען פון דער פועלי ציון באוועגונג זיינען ווייט ניט דערגרייכט

געוואָרען, און אין דער צוקונפט וועלען זיכער געפונען ווערען נייע מעטאָדען. אָבער דער אימפּעט איבערצובויען דאָס אידישע לעבען אויף סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע יסודות וועט ניט אויפהערען.

(געשריבען פון פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן).

✶

צווישען די פּיאָנערען פון די פּועלי ציון דאַרף מען דערמאָנען פאַר זייערע גרויסע פאַרדינסטען יצבק שטאָלער, פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן, יעקב פאַרבער, דר. מ. י. קאַליש, א. באַלפור און יצחק שוואַרטץ.

אין דער ערשטער נויאָרק גרופּע געפינען מיר אב. גאָלדבערג, עה"ש, א. ליטווין, הורוויטץ, לעוויטאַן, קאַטין און גלייזער. די גרופּע האָט זיך גערופען דער „נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער פאַראיין, פּועלי ציון."

אין יוני 1904 איז געבווירען געוואָרען דער פילאַדעלפיער פאַראיין, פון זיבען: פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן, דר. סלאָנימסקי, יחזקאל עדעלשטיין, (אומגע־קומען טראַגיש אַ פּאָר יאָהר שפּעטער). קורנאַס, מייקעל בראַון, מאיר בראַון און בריק.

צוקערמאַן איז שוין דאַן געווען אַ נויאָרקער, און ער האָט זיך אָנגעשלאָסען און דאָ אין פילאַדעלפיא טשאַרלס שניאור, איבערגייענדיג פון די טעריטאָריא־ליסטען. אין נויאָרק זיינען דאַן אויך צוגעקומען דוד אבערסאָן, אסתר מינץ, ראַזאָווסקי, שולמאַן, און שפּעטער אויך דר. קאַפּעלאָוויטץ און בעלאַ פּעוזנער.

די ערשטע פאַרזאַמלונג האָבען פילאַדעלפיער פּועלי ציון איינגעאָרדענט מיט אב. גאָלדבערגן, וועלכער האָט דאַן באַזיגט די געגנאָסען, וואָס זיינען געקו־מען „צושמעטערען" זיינע אַרגומענטען, נאָר עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען.

די ערשטע פּועלי ציון קאָנווענשאָן איז פאָרגעקומען אין באַלטימאָר, סוף דעצעמבער, 1905. צו דער קאָנווענשאָן זיינען געקומען די דעלעגאַטען א. ש. וואַלדשטיין, ה. עדעלשטיין, אבערסאָן, דר. קאַפּעלאָוויטש, מ. גודמאַן, דר. מאַר־קוס, מאַסטעראָוו, מ. בראַון, דר. ה. זיידעל, הערי כהן, פּעוזנער, א. מינץ, חיים פיינמאַן, א. זעלדין, היטעלמאַן, פינק, ראַזאָווסקי, פינסקי, מערלין, אפּעלבוים און בּאַראָן.

די אמת'ע צוויי שאַפער פון דעם פּועלי ציוניזם וואָס די געשיכטע וועט אַלעמאָל דערמאָנען, זיינען די אונפאַרגעסליכע גרויסע פּערזענליכקייטען דר. נחמן סירקין, און דובער באָראַכאָוו, עה"ש. דער ערשטער האָט פאַרמאָגט דעם כח פון אַ נביא, און פאָלקס טריבון, און דער אַנדערער, אַ וויסענשאַפטליכער באַגרינדער און גרויסער טעאָרעטיקער. די דאָזיגע צוויי דיינקער האָבען געהויבען און געשטאַרקט דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין פון די אידישע אַרבייטער און האָט זיי באַגייסטערט צום קאַמף פאַר דעם אידישען סאָציאַליזם.

עס טאָר אויך ניט פאַרלייקענט ווערען, אַז די פּאַרטיי פּרעסע פון די פּועלי ציון, באַזונדערס דער ערשטער „אידישער קעמפּער," רעדאַקטירט פון קלמן מרמרן,

האט געהאט א טיפע השפעה אויף דער אלגעמיינער טעגליכער אידישער פרעסע, וואס איז ביז דאן געווען טויב און בלינד, און האט ניט געוואלט איינזעהן, אז דער פועלי ציוניזם איז די איינציגע לאגישע תשובה פון דעם אידישען ארבייטער איבער דער וועלט אויף דעם וועלט־פראבלעם־גלות אידענטום.

נאך דער ערשטער וועלט מלחמה האבען אנגעהויבען באוואוסט ווערען די דערגרייכונגען פון די אידישע ארבייטער אין דעם ישוב פון ארץ ישראל, און אפילו אזעלכע ביטערע געגנער ווי עס איז פריהער געווען אב. קאהאן, רעדאקטאר פון „פארווערטס,״ האבען עפענטליך צוגעגעבען, אז אין ארץ ישראל האבען אידישע ארבייטער באוויזען דאס וואס דער סאציאליזם האט אין קיין לאנד ניט געקענט דערגרייכען: קאלאניעס אויף קאאפעראטיווע יסודות, אן ארבייטער באנק, און דער עיקר, ארץ ישראל האט אנטוויקעלט א שטאלצען אידען, וואס האט ליב דאס לאנד, איז צוגעבונדען צו דער ערד, און אז ער באווייזט ממש וואונדער, כאטש נעכטען איז ער נאך געווען א גלות־איד, א לופט מענש . . .

✶

פילאדעלפיער קאונסיל פון דעם אמעריקאנער אידישען קאנגרעס

די געשיכטע פון דעם אמעריקאנער אידישען קאנגרעס וועט ערשט דארפען געשריבען ווערען. אפילו דער מאטעריאל צו דער געשיכטע איז נאך עד היום ניט געזאמעלט און ממילא ניט קאארדינירט.

איינס וועט די געשיכטע פעסטשטעלען, און דאס איז, אז אויך די באוועגונג פאר אן אמעריקאנער אידישען קאנגרעס האט געהאט איהר אורשפרונג דא אין פילאדעלפיא.

עס איז געווען אין פילאדעלפיא וואו עס איז פארגעקומען די פארקאנפערענץ וואו עס איז צום ערשטען מאל דעמאנסטרירט געווארען, אז דאס רוסישע אידענטום אין אמעריקא וויל מעהר ניט געפיהרט ווערען, נאר וויל אליין פיהרען און אנשלאגען א טאן, אוועקשטעלען א לאזונג און טאקע זיך עטאבלירען אלס א נאציאנאלע פאלקס איינינקייט, וואס איז בארופען צו שפילען א ראלע און אוועקצולעגען פרינציפען פאר א פאלקס ארגאניזאציע וואס זאל מיט זיך רעפרעזענטירען אלע שיכטען פון דעם פאלק, דער עיקר טאקע די פאלקס מאסען, וואס האבען געפיהלט, אז עס קומט אן א צייט, ווען דאס אידישע פראבלעם וועט דארפען געבראכט ווערען פאר דער פרידענס קאנפערענץ, און פאדערען אנערקענונג פאר אידישע רעכט איבער דער גאנצער וועלט.

דא אין פילאדעלפיא איז כדאי זיך אפצושטעלען באזונדערס אויף די אקטיוויטעטען פון דעם קאונסיל פון דעם אמעריקאנער אידישען קאנגרעס זינט 1939, ווען דער פילאדעלפיער קאונסיל איז עטאבלירט געווארען. עס איז דאן אנגעשטעלט געווארען אן עקזעקוטיוו דירעקטאר, און זינט דאן האט דער קאונסיל געמאכט גרויס פארטשריט.

דער פּרעזידענט פון דעם היגען קאונסיל אונטער וועמענס אדמיניסטראַציע די גאַנצע אַרבייט איז אָרגאַניזירט געוואָרען איז געווען לאַיער סעמועל י. קרעצאק, וועלכער האָט געהאַלטען דעם אמט צוויי יאָהר צייט, און דערנאָך האָט זיין אמט פאַרנומען לאַיער נייטען י. מילער, וועלכער האַלט דעם אמט נאָך אויך איצט.

אין דעם קאונסיל זיינען פאַרטראָטען איבער צוויי הונדערט אָרגאַניזאַציעס, וואָס צאָהלען אַ יעהרליכען שטייער, וואָס מאַכט מעגליך דעם קאונסיל׳ס אַקטיוויטעטען.

דער קאונסיל האָט אָנגעפיהרט דעם באָיקאָט אויף נאַצי דייטשלאַנד, און ער האָט דאָ אויך עטאַבלירט אַן אַרביטריישאָן קאורט, וואָס טוט גוטע אַרבייט, שטייענדיג בכלל אויף דער וואַך, פאַרהיטענדיג דעם אידישען נאָמען פון שענדונג.

די באַאַמטע פון דעם אמעריקאַנער אידישער קאנגרעס זיינען:

ראַבאַי סטיפען ס. וויז, נאַציאָנאַלער פּרעזידענט; נייטען י. מילער, לאָקאַלער פּרעזידענט; סעמועל י. קרעצאק, טשערמאַן פון קאונסיל; דזשאָזעף אַמינסקי, פאָרזיצער פון אדמיניסטראַטיווען קאָמיטעט; אַלעקס לאַפּאַטין, טרעזשורער; אייבערהעם אַ. לעווינטהאַל, סעקרעטאַר.

וויצע טשערליים: מערי גרינבערג, הרב אפרים אליעזר הכהן יאַלעס, דזשייקאָב ב. האַפמאַן, דר. חיים פיינמאַן, אייבערהעם גערבאַוואַי, עקזעקוטיוו דירעקטאָר.

זינט 1942 איז דער קאונסיל פון דעם אמעריקאַנער אידישען קאנגרעס אַפּיליִירט מיט דעם עלאַיד דזשואיש אַפּיל, פון וועלכען ער באַקומט די פאָנדען פאַר זיין עקזיסטענץ.

דער אמעריקאַנער אידישער קאנגרעס האָט געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָלע ביי דער פרידען קאָנפערענץ נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, און איז זיכער באַרופען צו שפּילען נאָך אַ פיל באַדייטענדער ראָלע בעת עס וועט קומען דער מאָמענט און די דעמאָקראַטישע פעלקער וועלען ניט נאָר געווינען די מלחמה, נאָר אויך דעם שלום.

אין יענעם מאָמענט וועלען די אידישע פאָלקס פאַרטרעטער לאָזען הערען זייער שטימע און וועלען זיכער זעהן באַוואָרענען, אַז עס זאָל מעהר אַזאַ אידישע חורבן ווי דער איצטיגער מעהר ניט קענען פאָרקומען אין דער וועלט געשיכטע.

★

היברו ליטעראַטור סאָסייטי

אַ קליינע גרופּע אינטעלעקטען פון די ערשטע אידישע מזרח אייראָפּעאישע אימיגראַנטען אין פילאַדעלפיא האָבען געזוכט נאָהענטע התקרבות צו פאַרבריינגען די לײדיגע צייט אין אַ ליטעראַרישער סביבה. האָט די דאָזיגע גרופּע זיך פאַרזאַמעלט אין חודש פעברואַר, 1885, אין אַ הויז אויף 111 מאַרגייט גאַס, און דאָרטען פאָרמירט די „ראָשען־אמעריקען אַסאָסיאיישאָן.״ אין דער געזעלשאַפט האָבען זיך

געפונען מארים ליפשיץ, פּאָרזיצער; פיליפּ הינדין, עמנועל לופּין, סאאלמאן באראָוועי, קלארא נאטקין, אברהם גאָלדשטיין, א. פּאמעראַנץ און נאָך עטליכע יונגע לייט. אין אַ פּאָר חדשים ארום איז דער נאָמען געביטען געוואָרען אויף „היברו ליטעראטור סאָסייעטי."

אין דעם זעלבען יהויז האָבען די מיטגלידער געעפענט אַ ביבליאטעק מיט אַן אָנהויב פון 50 ביכער וואָס די חברים האָבען מנדב געווען. די ביבליאטעק איז געווען אָפען צוויי אָווענטען אַ וואָך פון 7 ביז 11 אזייגער.



עדיטאָריעל באָארד פון דער ה. ל. ס.

שטייענדיג: דר. סיימאָן וועגדקאַם, הלל מאלאכאווסקי, דוד ב. טירקעל
זיצענדיג: נייטען גראַיעוו און מארקוס גאָלדמאַן.

אין 1893 האָט זיך די היברו ליטעראטור סאָסייעטי געפונען אויף 322 ביינברידזש סטריט. אין יענער געביידע האָט זיך געפונען אַ שוהל וואו שכנים פלעגען קומען דאוונען יעדען טאָג. אין דעם זעלבען יאָהר האָט דער סטייט פּענסילווייניא באוויליגט אַ טשאַרטער פאר דער היברו ליטעראטור סאָסייעטי.

די פּלאַטפאָרמע פון דעם עלטסטער קולטור אינסטיטוציע איז געווען אַ פרייע. דאָרטען האָבען גערעדט און פּראָפּאָגאנדירט זייערע אידעען ראדיקאלען, אָרטאָ־דאָקסען, ליבעראלען און סתם אידען וועלכע פלעגען קומען הערען אַ קלוג וואָרט פון די באוואוסטע רעדנער אין יענער צייט. אויף דער פּלאַטפאָרמע האָבען גערעדט ריכטער מאיר סולצבערגער, רבי ב. ל. לעווינטאל, דר. ראָסעל ה. קאַנוועל, ראָבערט

עלים טאמסאן, פראפעסאר יצחק הוזיק, און אנדערע געלערנטע אינטעלעקטען וועלכע האבען פארטראטען פארשידענע אנשויאונגען. די צאהל ביכער אין דער ביבליאטעק האט זיך פארגרעסערט און האבען געציילט אין די טויזענטער. די פינף הויפט שפראכען ענגליש, העברעאיש, אידיש, רוסיש און דייטש פלעגען געליענט ווערען יעדען טאג אין דער גרויסער לעזע זאל אין דעם נייעם בילדינג וואס איז אויפגעבויעט געווארען אין 1903.

אין יאהר 1898 האבען די פירער פון דער היברו ליטעראטור סאסייעטי באשלאסען ארויסצוגעבען א יעהרליכען זאמעל־בוך פון א העכערען ליטערארישען ווערט און אין דעם זעלבען יאהר איז ערשינען „דער שטראהל" אין וועלכען עס האבען אנטמייל גענומען פאלגענדע שרייבער: פראפעסאר געצעל זעליקאוויטש, לעאן קאברין, דוד אפאטעקער, הלל מאלאכאווסקי, אפרים לייב וואלפסאן, דר. אדאלף העסס, דוד בער טירקעל, ס. בארוואעי, וויליאם הינדין, דר. נ. ווייסאן, י. ש. פרענאוויטש, דר. מאקס בארבאור, מעקס ריינהארט, נייטען גרייעוו, אברהם רייזין, מ. קאטץ, אב. גאלדבערג, משה הערדער, ה. ש. ראזענגליק, א. מ. שאר־קאנסקי און אנדערע.

די איצטיגע בעאמטע פון דער היברו ליטעראטור סאסייטי זיינען: דוד בער טירקעל, פרעזידענט;; לואיס לעטאווסקי, וויס־פרעזידענט; מארים לאטינסקי, טרעזשורער און לאיער סאל גיטמאן, סעקרעטאר. די לעצטע קאמפעין קאמיטע איז באשטאנען פון פאלגענדע: דזשאזעף עליקמאן, עהרען טשערמאן; סעמועל נעצקי, טשערמאן; דזשאזעף קאופמאן, קא־טשערמאן און סעמועל פאלעי, טרע־זשורער. די עהרען פרעזידענטען זיינען דזשארדזש גאווארד, אדאלף וואקס, דר. דייוויד פעלדמאן, איינרעהעם בערקאוויטץ און יחיאל גיטמאן.

★

דר. מאקס בארבאור



רעזידענץ—1801 ס. בראד סטריט. אפיס: דער זעלבער אדרעס. געבוירען אין פרילוק, פאלטאווער גובערניע, אין 1877, דער זוהן פון צבי הירש און רייזעל צירולניקאוו.

זיין פאטער איז געווען א היימישער שניידער, איז אין די פריהע יאהרען געקומען קיין אמעריקא, און האט שפעטער ארונטערגעבראכט די פאמיליע.

מאקס בארבאור איז געקומען אהער אין עלטער פון 13 יאהר, נאכדעם ווי ער האט אין דער היים געלערנט אין א חדר און אויך אין דער פרילוקער ישיבה.

ער האט גלייך געמוזט געהן ארבייטען און העלפען מפרנס זיין די פאמיליע. אזוי ארום האט ער בייטאג געארבייט און ביינאכט געלערנט. האט באזוכט דעם דרעקסעל אינסטיטוט, שפעטער אויך דעם מעדיקאל

כירורגישען קאלעדזש, וואס איז איצט אן עקסטענשאן פון יוניווערסיטי אוו פענסילווייניע.

האט גראדואירט אין 1898, האט געהייראט אסתר מאסטין אין 1910, זיי האבען 2 טעכטער און 1 זוהן: סילוויא, איצט מרס. בערנארד מערין; דזשאזעפין, איצט מרס. אלבערט שווארטץ, און סעמועל באַרבאור, 19 יאהר אלט, איצט אין יוניווערסיטי אוו פענסילווייניע, נעמט אן עלעקטריק אינזשענירונג קורס.

דר. באַרבאור'ס געזעלשאפטליכע טעטיגקייט איז געווען א פיל פארצווייגטע. מען געפינט איהם אקטיוו אין דער היברו ליטעראטור סאסייעטי, אלס רעדאקטאר פון „ליטעראַרישער שטראהל,” אין אנהויב פון דעם יאהר הונדערט. ער איז אויך אין יענער צייט געווען א פאפולארער רעדנער און לעקטשורער. ער האט אנגעפיהרט מיט קלאסען אין ענגליש פאר אימיגראנטען, און שפעטער, ווען עס אנטשטייט די טעריטאריאליסטישע באוועגונג, געפינען מיר איהם צווישען דער ערשטער גרופע מיט שנייערען, ברוך צוקערמאן, מינענבערג און אנדערע, וואס האבען ארויסגעגעבען „דאס פאלק,” מיט משה קאטץ, אלס רעדאקטאר. דר. באַרבאור איז אין יענער צייט געווען דער טרעזשורער.

שפעטער, ווען עס וועבט זיך אויס דער טעריטאריאליסטישער חלום, און עס אנשטייט דער פאליטישער ציוניזם, וואס הויבט אן מעהר אנגענומען צו ווערען צווישען די אידישע פאלקסמאסען, געפינען מיר שוין דר. מאקס באַרבאור אין די ציוניסטישע רייהען, און דארט איז ער שוין פארבליבען ביז היינט צו טאג.

ער איז פופצען יאהר נאכאנאנד געווען דער פרעזידענט פון דעם ס. פילא־דעלפיער ציוניסטישען דיסטריקט.

דר. באַרבאור האט אויך ליטעראַרישע אספיראציעס, ווי מען קען עס דער עיקר זעהן, ווי ער איז מיט א יאהר צוריק דערמאנט געווארען אלס א מיטארבייטער פון „די צוקונפט,” אין איהר ערשטער פעריאדע.

ער איז דער טשערמאן פון דער עקזעקוטיווע פון די „פראגרעסיוו בענע־פישעל,” אין יאהרענלאנג געווען אקטיוו און די אכטונג צו איהם איז דעמאנסט־רירט געווארען צו זיין זעכציק יאהריגען יובל, מיט 2 יאהר צוריק. ער איז דאן פרעזענטירט געווארען מיט א טעסטימאניאל און מיט א שיינער מתנה פאר זיין אפיס.

ער איז דער סטעף דאקטאר יאהרענלאנג פון דער דאון טאון היברו דעי נוירסערי, ער איז אויך אויף דעם קוירטעסי סטעף פון דעם סעינט אגנוס האס־פיטאל, און לעצטענס ווען עס איז ארגאניזירט געווארען דער קאונסיל פאר הילף צו סאוועט רוסלאנד, האט ער זיך אינטערעסירט מיט דער ארבייט צווישען פרא־טערנאלע און בענעפישעל ארגאניזאציעס.

מרס. דאקטאר באַרבאור איז אקטיוו אין דער ס. פילאדעלפיא הדסה באווע־גונג, און זי פיהרט אויך אן מיט א קולטור קרייז אין ס. פילאדעלפיא.

דער יונגער סעמועל באַרבאור איז יאהרענלאנג געווען איינער פון די אנפיה־רער פון דעם ס. פילאדעלפיער „השומר הצעיר,” און ער גערט אין דעם פאטער'ס דרכים.

בענדזשאמין מאפאו

רעזידענץ—533 פיין סטריט. געבוירען געוואָרען אין קאוונא, אין 1882, דער זוהן פון משה און פרומע מאפאו, פון דער משפחה פון אברהם מאפאו, איינער פון די ערשטע באריהמטע שריפטשטעלער אין דעם פאָריגען יאָהר הונ־דערט. דער פאָטער איז געווען א משגיח אין דער „באינע (שלאכטהויז).

געלערנט ביי מלמדים און אין סלאָבאדקער ישיבה ביז 16 יאָהר אלט. אנגעקומען קיין אמעריקא א יונגערמאַן פון 18 יאָהר, און האָט זיך גלייך אריינגעוואָרפען אין גע־זעלשאַפטליכער ארבייט.

מען געפינט איהם צווישען די ערשטע פועלי ציון, טעריטאריאליסטען און גאָר אין אָנהויב האָט ער אָנגעהויבען איינזעהן, אז עס איז נויטיג אז אונזערע אידישע אימיגראנטען זאָלען זיך אָרגאניזירען פאַר געגענזייטיגער הילף, האָט אָנגעהויבען שפּילען א ראָלע צווישען די לאַנדסמאַנשאַפטען.

ער איז א מיטגליד פון דעם ברית אחים פאַר די לעצטע 39 יאָהר, און איז איצט דער טשערמאַן פון דער עקזעקוטיוו באָרד. איז געווען פּרעזידענט פון דעם באסלאווער בענעפישעל, אין 1927, ווען עס איז דורכגעפיהרט געוואָרען דער חנוכת הבית פון דער באסלאווער בילדינג.

איז איינער פון די ערשטע גרינדער פון דעם ברית שלום, און איז דאָרט געווען אַקטיוו אַסך יאָהרען. איז אויך געווען צווישען די גרינדערס פון דעם מאָונט סיני האספּיטאל.

באזונדערס אקטיוו איז ב. מאפאו געווען אין דער פּעריאָדע ווען עס איז געבוירען געוואָרען אין אמעריקא די אידייע פאַר א אידישען קאָנגרעס. ער איז געווען פון די 20 דעלעגאטען וואָס פילאדעלפיא האָט דערווייל, פון א נאָמינאציע פון 60.

ב. מאפאו געפינט זיך אויך צווישען די גרינדער פון דער פּיפּלס רעליף אין די צייטען פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ער איז א מיטגליד פון דעם אידיש נאציאָנאלען ארבייטער פאַרבאַנד פאַר די לעצטע עטליכע און צוואנציג יאָהר, איז א געוועזענער פּרעזידענט פון ברענטש 3, א. נ. א. פ., איצט איז ער דער פּרעזידענט פון דעם טאראשפּאלער בענעפישעל אסס'ן.

אין דער צייט פון דער אומגליקליכער „פלו" עפּידעמיע, האָט ער געהאָלפען גרינדען א „באערדיגונג געזעלשאַפט," און איז באַשטימט געוואָרען פאַר א דעפּיוטי אָנדערטייקער, טוענדיג אַסך ארבייט העלפענדיג באערדיגען די טויטע און ראַטעווען די לעבעדיגע.

ער איז אויך געווען דער יעניגער וואָס האָט געשטיצט די באַוועגונג צווי־שען לאַנדסמאַנשאַפטען פאַר רוסישע מלחמה הילף היינטיגס יאָהר.

האט געהייראט שרה ראָזענגארטען, אין 1905, זי איז די טאָכטער פון דעם באוואוסטען משכיל, משה ישעיה ראָזענגארטען, פון יארמעלינעץ, פּאָדאָלסק. איהר פאָטער איז געווען דער זוהן פון דעם בארימטען יארמעלינעצער בלינדען חזן.

זיי האָבען 2 קינדער: דר. אברהם מאפּאו, וואָס האט גראדואירט פון טעמפּל יוניווערסיטי מעדיקאל סקוהל, און פרענצים מאפּאו, איצט פארהייראט צו מר. סעמועל טענצער.

ב. מאפּאו איז שוין אקטיוו אין פילאדעלפיער געזעלשאפטליכען לעבען איבער פערציג יאָהר. לעצטענס איז ער אויך אקטיוו אין קאונסיל פון אידישע אָרגאַני־זאציעס פאר „ראָשען וואָר רעליעף."

★

יחיאל גיטמאן

געבוירען 1882, אין זאגניטקאוו, פּאָדאָלסק, ביי אָרימע עלטערן, אָבער יחסנים. פון פאָטער'ס צד, דעם פעס־טשאנקער רב מאיר'צעס אן אייניקעל, און פון מוטער'ס צד הרב נאטע'ס אן אייניקעל און רב שלמה חריף'ס אור־אייניקעל.

צו אכט האָבען זיינע עלטערן עמיגרירט קיין רעזינע, בעסאראביע, נאָר אויך דאָרט האט דאָס מזל פאר זיי ניט געשיינט. קיין מלמד האָט מען צו איהם ניט געקענט האלטען, איז ער געגאנגען לערנען אין דער אלטער קלויז, ביז 13 יאָהר.

ביי יענער צייט האָבען די עלטערן זיך אַרויפגעארבייט, האָט מען איהם אָפּגעשיקט לערנען אין א מאהלעריי שולע אין קישינעוו. זייענדיג א פלייסיגער סטודענט, האָט יחיאל בייטאג געארבייט און ביינאכט געצייכענט און ער האָט געהאט א מעגליכקייט אַליין זיך אויסהאלטען.

אין 1904, איידער ער האָט פארענדיגט זיין שטודיום האָט מען איהם גענו־מען צום מיליטער, איז ער אנטלאָפען פון „סבארנע פונקט" און איז בגנבה צו־ריקגעקומען אין רעזינע, געהייראט רב יצחק לעדערמאנ'ס טאָכטער, און דעם 12טען יאנואר איז ער מיט דער פרוי, עלענטע 2 מענשען אָנגעקומען קיין פילא־דעלפיא. האָט געלערענט זיך זיין א „בייסטער" און נייען קנעפלאך, אָבער אָהן דערפאָלג.

איז אָנגעקומען דערנאָך צו א לאנדסמאן ארבייטען פאר פיר דאלאר א וואָך, און נאָך דעם ערשטען חודש האָט יחיאל אָנגעהויבען ארבייטען פאר זיך אַלס מאהלער, האָט געארבייט פון שטיק, פאר קאנטראקטארס און פארדינט פופצען־צוואנציג דאלאר א וואָך.

מיט דער צייט האָט ער געעפענט א הארדוועיר, פעינט און גלאָז סטאָר, און מיט דער צייט אויך א פעקטאָרי פון פעינט, און אין יענער צייט האָט ער אָפּגע־געבען אסך צייט פאר געזעלשאפטליכער אַרבייט.

אין 1923 איז ער געוואָרען דאָס ערשטע מאָל פּרעזידענט פון ברית אחים, אָנפיהרענדיג דעם גרעסטען מיטגלידערשאַפט קעמפּיין אין דער געשיכטע פון ברית אחים.

זיין לעבען איז איהם אָבער פאַרשטערט געוואָרען דעם 19טען אויגוסט, 1923, ווען זיין פרוי איז אַוועק פון דער וועלט, אין עלטער פון 37 יאָהר און האָט איהם איבערגעלאָזט מיט 3 קליינע קינדער. דאָס זיינען זיינע איצטיגע 2 פאַר־הייראַטע טעכטער, פייגע און העניע, און זיין זוהן שלמה, לאָיער סאָל גיטמאַן, איצט אַ געהילף צו אַטוירני דזשענעראַל.

נאָך דער פרוי'ס טויט האָט ער אויפגעגעבען די פּעינט סטאָר, און איז געוואָרען אַ בילדער און ריעל עסטייט אָפּערייטאָר. האָט געמאַכט גרויס דערפאָלג, נאָר אין די יאָהרען פון 1929 ביז 1933, ווען עס איז געקומען דער קראַך, האָט ער כמעט אַלצדינג פאַרלוירען ווי אַסך אַנדערע ריעל עסטייט לייט.

יחיאל גיטמאַן האָט אָבער געפונען אַ טרייסט אין זיינע לייטישע קינדער, און אויך אין זיין געזעלשאַפטליכער ארבייט אין פילאַדעלפיא, וואָס איז אריינגעוועבט אין די אַנאַלען פון קולטורעלע און פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. ער האָט באמת געהאָלפען בויען דאָס אידישע געזעלשאַפטליכע לעבען אין פילאַדעלפיא, און איז עד היום פאַרבליבען אַ בכבודיגער כלל־טוער.

איז געווען 2 מאָל פּרעזידענט פון ברית אחים, פּרעזידענט אין די באַסלאָוועך, פּרעזידענט פון די אהבת אחים בענעפישעל אסס'ן, איז אויך געווען פּרעזידענט און איז עהרען פּרעזידענט פון דער היברו ליטעראַטור סאָסייעטי, וויצע פּרעזידענט פון דענווער סאַניטאַריום, וויצע פּרעזידענט פון דעבאָראַ סאַניטאַריום, אַ דירעקטאָר פון ישיבת משכן ישראל, דירעקטאָר אין דאַון טאַון בית יתומים, אַ מיטגליד פון אידישען קאָנגרעס, אַ דירעקטאָר אין דער האיאַס, וויס פּרעזידענט פון אידישען נאַציאָנאַלען קאָונסיל פאַר ראַשען וואָר רעליעף.

יחיאל גיטמאַן פאַרעפענטליכט אויך פון צייט צו צייט אַרטיקלען אין דער אידישער טעגליכער און וועכענטליכער פּרעסע און איז איבעראַל געאַכט און געשעצט פאַר זיין עהרליכקייט און ערנסטקייט.

★

מעקס ווייס

רעזידענץ, 5719 מאַלווערן. אָפיס, קיעסטאָון בילדינג, 1321 אַרטש סטריט. געבוירען אין קרעמעניץ, וואלין, אַ זוהן פון משה און חיה ווייסברוט. מעקס ווייס האָט געלערענט ביי זיין זיידען, אברהם וואַטענמאַכער און ביי דעם קיניעווער רב, ביז 18 יאָהר אַלט.

דער פאָטער איז געווען אַ סוחר און האָט געהאַנדעלט מיט אויסלאַנד. מעקס ווייס איז געקומען אין אַמעריקע אין 1912, איז געווען אַ שטריקער ביי סוועטערס, און אין 1917 האָט ער געגרינדעט די „קאַמערשעל האוז ענד ווינדאָו קלינינג," אין וועלכער ער האָט מצליח געווען, און רעכענט זיך היינט איינער פון די אנגעזעהענסטע געשעפטסלייט.

האט געהייראט דזשיען אייבערמאן, און זיי האבען 2 טעכטער: מרס. רוטה בוקמאן און מרס. מעי שוסמאן.

בוקמאן איז מיט זיין שווער אין די „ביזנעס,‟ און שוסמאן איז א דראגיסט.ביידע טעכטער האבען געענדיגט האי סקוהל.

פרעזידענט פון ניי קאנסטאנטינער בענעפישעל אסאסיאיישאן, איז געווען פרעזידענט פון אלע קאמיטעס פאר די לעצטע 25 יאהר. טשערמאן פון דער באָרד אין פילאדעלפיא סאשעל וואירקערס פאר די הילפלאזע, א מיטגליד פון די אד פעלאוס, פאר די לעצטע 20 יאהר, א פראמינענטער מייסאן, שריינער, און א ליבעראלערביישטייערער פאר אלע נאציאנאלע און לאקאלע אנשטאלטען.

מעקס ווייס פארמאגט א דינאמישע נאטור, און אז ער ווערט אינטערעסירט אין געזעלשאפטליכער ארבייט, איז פאר איהם קיין זאך ניט צו שווער. א מעלה האט ער, אז ער טוט די ארבייט ווי א פשוט'ער סאלדאט, ניט אלס פיהרער. אבער אין אלע געזעלשאפטען רעכענט מען זיך מיט איהם ווי מיט א כלל טוער, און ער איז א מוסטער פאר אלע זיינע פריינט, ביי וועמען ער איז באליבט.

ער איז אויך דער גרינדער פון דעם מעקס ווייס פעני פאנד.

מרס. דזשיען ווייס איז ווייס פרעזידענט פון די פילאדעלפיער סאשעל וואירקערס, איז א געוועזענע טשערליידי פון די ניי קאנסטאנטינער לידים אקזילערי, א פראמינענטער מיטגליד אין דער אקזילערי פאר דער היים פאר יתומים מידלאך אין ירושלים, און נעמט א ווארימען אנטייל אין אלע לאקאלע אנשטאלטען אין פילאדעלפיא.

★

דזשיען ווייס

געבוירען אין קרעמענץ, די טאכטער פון אברהם און רחל אייבערמאן, איהר פאטער איז געווען א קאנטראקטאר, און זי איז געקומען קיין אמעריקא אין 1912, באלד נאך דער חתונה מיט מאקס ווייס, און צוזאמען מיט איהר מאן באטייליגט זי זיך אפט אין געזעלשאפטליכער ארבייט.

איז געווען אקטיוו אין דעם סומך נופלים פאראיין, א געוועזענע טשערליידי פון דער לידים אקזילערי פון דער קישענעווער לידים עיד סאסייעטי, איז א מיטגליד פון דער באָרד פון דער לידים אקזילערי פאר דער היים פון יתומים מידלאך אין ירושלים.

איז איינע פון די גרינדערינס פון דער פילאדעלפיער סאשל וואירקערס, פאר די הילפלאזע, און איז די ווייס טשערליידי פון דעם זעלבען פאראיין.

דזשיען ווייס איז אויך יאהרענלאנג אקטיוו אין דעם ניי-קאנסטאנטינער פאראיין, וואו איהר מאן, מעקס ווייס, איז דער פרעזידענט.

איז פאראינטערעסירט אין וואוילטעטיגער ארבייט, אין ראשען וואר רעליף, אין דעם אפטאון און דאון טאון מושב זקנים, אין דעם נארטהאיסטערן און אין דאון טאון בית יתומים, און איז אלעמאל גרייט צו טאן געזעלשאפטליכע ארבייט אויף א באשיידענעם אופן, כדי צו העלפען לינדערען די נויט פון ארימע לייט.

★

דר. פ. קעסלער

רעזידענץ: 4033 דזשיראַרד עוועניו. אָפיס: דערזעל־בער. געבוירען אין כמעלניק, רוסלאנד, אין 1892, דער זוהן פון יעקב משה און מירל קעסלער. פאָטער איז געווען אַן ארבייטער, און האָט זיין זוהן געהאלטען אין חדר ביז 14 יאָהר.

דערנאָך איז דער יונגער אפרים אוועק צו א ברודער אין בערדיטשעוו, און ער האָט זיך ביי איהם געלערענט בוכהאלטעריע. איז אין אמעריקע זינט 1909, האָט די ערשטע צייט געארבייט אלס אפערייטאר ביי העמדלאך, האָט בייטאָג געארבייט און ביינאכט שטודירט.

אין 1916 האָט ער גראַדואירט פון מעדיקא־קאי, מיט דעם „דעגרי" ד. ד. ס., זינט דאן פראַקטיצירט ער אלס דענטיסט.

האָט געהייראט אין 1912 סאָפיא סילניצער, זיי האָבען 3 קינדער: האדעל, איצט מרס. חיים שטערנבערג; האדעל איז געווען א פּאָבליק סקול לעהרערין. די שטערנבערגס האָבען 1 קינד, פערל זיסל, 9 חדשים אלט. יאסעל, 25, האָט פריהער אָנגעהויבען אין טעמפל יוניווערסיטי, האָט געמאכט 3 יאָהר נעשאנאל פארם סקוהל, האָבענדיג אמביציעס פאר ארץ ישראל. האָט אויך באזוכט די פּען אגריקולטור סקוהל, ביז ער איז אוועקגענומען געוואָרען אין דער אמעריקאנער ארמיי.

משה, 17 יאָהר אלט, אין האי סקוהל.

דר. פ. קעסלער איז איינער פון די היגע ערנסטע געזעלשאפטליכע טוער אין דער ציוניסטישער סאָציאליסטישער באוועגונג. זיין טעטיגקייט האָט זיך אָנגעהויבען פון דער צייט, ווען די קינדער האָבען אָנגעהויבען באזוכען די פאָלק שולע. א דאנק זיין אקטיוויטעט זיינען זיינע קינדער אויך צוגעבונדען געוואָרען צו די פאָלק שולען, צו קולטור און אויך צו ארץ ישראל.

געווען פאָרזיצער פון דער צענטראלער שול פארוואלטונג, און איז איצט דער פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון דער צענטראלער שול פארוואלטונג, איז א מיטגליד פון דעם שטאָטישען קאָמיטעט, נאציאָנאלער ארבייטער פארבאנד, און איז אלעמאל אקטיוו אין דעם געווערקשאפטען קעמפּיין.

מרס. קעסלער איז אַקטיוו אין דער פּיאָנערען פרויען באוועגונג. האָדעל איז געווען איינע פון די אנפיהרערינס פון דער יוגענט באוועגונג צוזאמען מיט איהר מאן, חיים שטערנבערג.

דוד לאפּידאָ

רעזידענץ: 5721 ווינדעיל עווענוי. אָפיס: 1537 טשעסט־נאט סטריט. געבוירען אין אסטראָפּאָליע, וואָלינער גו־בערניע, א זוהן פון פּינחס און שרה לאפּידאָ. פאָטער איז געווען אַ וואלד סוחר. דער זוהן האָט געלערנט ביז בר מצוה, און האָט זעהר יונג אָנגעהויבען זיך אינטע־רעסירען מיט מסחרים.

אין אמעריקא זינט 1911, האָט אין אָנהויב געאַר־בייט ביי פּרוכט, שפּעטער אויך געוואָרען אַ האָלסיילער.

אין 1922 איז ער אוועק אַרבייטען מיט דער מעט־ראפּאָליטען לאַיף אינשורענס קאמפּאני, האָט געמאכט גרויס דערפאָלג, און ער איז עד היום מיט דער זעלבער קאמפּאני.

האָט געהייראט חנה מייערסאָן אין 1915, זיי האָבען 2 טעכטער:ביילע און עליזאבעט, איצט מרס. איזידאָר ראַוויטש, ביידע האָבען גראַדואירט פון טעמפּל יוניוואָרסיטי. ביילע איז אַ מוזיק לעהרערין, און עליזאבעט איז אַ סאָשעל וואָירקער.

גרינדער פון דער יעקב דינעזאָן פאָלק שולע, אויך גרינדער פון דעם אסטראָ־פּאָלער פאריין, אַ מיטגליד פון דעם נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד, פאַר די לעצטע 25 יאָהר, אקטיוו אין געווערקשאַפטען קעמפּיין, אַ וויים טשערמאַן פון דער צענטראַלער שול פאַרוואַלטונג. און ער איז צוזאַמען מיט מרס. לאַפּידאָ איינ־געשריבען געוואָרען אין דעם גאָלדענעם בוך פאַר 25 יאָהר ציוניסטישע טעטיגקייט.

ד. לאַפּידאָ האָט צו זיין קרעדיט וואָס ער האָט איבערגענומען די יהודה שטיינבערג פאָלק שולע, איז געווען אינסטרומענטאל אין קויפען פאַר דער פאָלק שולע אַן אייגענע היים. ער איז אויך דער טשערמאַן פון דער יהודה שטיינבערג פאָלק שולע.

★

לואיס סמאָל

רעזידענץ—6255 אָלד יאָרק ראָוד. געשעפט אדרעס—עלפטע און וואָלנאַט סטריטס. געבוירען אין סמילע, קיעווער גובערניע, אין 1882, דער זוהן פון יהושע עוזר און רחל סמאלאנסקי. פאָטער איז געווען אַ בעל מלאכה.

לואיס סמאָל איז געקומען קיין אמעריקא אלס 9 יאָהריגער אינגעל. עלטערען האָבען זיך באַזעצט אין פּראָ־ווידענס, ראָוד איילאנד, וואו לואיס איז אוועק אין פּאָב־ליק סקוהל. נאָך סקוהל האָט ער פארקויפט צייטונגען.

ווען ער איז אַלט געווען 15 יאָהר האָבען די על־טערען געצויגען קיין נויאָרק.

אין 1906 האָט ער געהייראַט ענעע קרוטשעווסקי, זיי האָבען 3 זיהן: פיליפּ, האוארד און סידני, וועלכער איז איצט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

לואיס סמאָל איז אַ געוועזענער פּרעזידענט פון די באַסלאַווער, און אונטער זיין אַדמיניסטראַציע זיינען די צאָהלונגען אין די באַסלאַווער רעדוצירט געוואָרען פון 26 דאָלאַר אַ יאָהר צו בלויז 12 דאָלאַר. אין יענער צייט זיינען אויך צוגעקומען הונדערטער נייע מיטגלידער.

איז געוועזען 4 מאָל פּרעזידענט ביי דעם סמילער פאַראיין. מיט 26 יאָהר צוריק געוועזען ערשטער וויס פּעזידענט ביי די סמילער. סמאָל איז איצט דער טשערמאַן פון אידישע אָרגאַניזאַציעס אין דעם היגען נאַציאָנאַל פאָנד קאָמיטעט. ער איז אויך אַ מיטגליד פון דעם אַדמיניסטראַטיווען קאָמיטעט פון נאַציאָנאַל פאָנד, נויאָרק. איז געוועזען אַ דעלעגאַט צו דעם אידישען קאָנגרעס קאָנפערענץ אין שיקאַגא, אין 1942.

לואיס סמאָל האָט גרויסע פאַרדינסטען אויף דעם געזעלשאַפטליכען געביט, אַזוי אַז ווען ער האָט איבערגענומען דעם פּרעזידענט אַמט אין די סמילער פאַרן 2טען טערמין, האָט דער פאַראיין פאַרמאָגט 440 מיטגלידער. אָנפיהרענדיג אַ דרייוו פאַר נייע מיטגלידער זיינען צוגעקומען 600 מיטגלידער דורך זיין צייט אין אַמט. די קאַסע פון די סמילער אין דאַן רייכער געוואָרען מיט זעכציהן טויזענד דאָלאַר. דאָס איז געוועזען דער גרעסטער דרייוו וואָס די סמילער האָבען ווען דורכגעפיהרט.

ער איז אויך דער טשערמאַן פון דעם פערציג יאָהריגען יובילעאום ביי די באַסלאַווער, וואָס דאַרף היינטיגען ווינטער דורכגעפיהרט ווערען.

מרס. סמאָל איז געוועזען 3 מאָל טשערליידי פון דער באַסלאַווער ליידיס אָקזילערי, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין איהר הויז, אין 1505 איסט מאַיאַמענסינג עוועניו. זי איז אויך די גרינדערין פון דער סמילער ליידיס אָקזילערי, אין 1917.

צווישען די אַלע אידען אין פילאַדעלפיא וואָס גיבען זיך אָפּ מיט געזעלשאַפטליכע אַרבעט אין אידישע אָרגאַניזאַציעס און סאָסייעטיס, וועט איהר ניט געפינען נאָך איין אידען וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכען מיט לואיס סמאָל, דעם באַוואוסטען כלל־טוער, און געזעלשאַפטליכען אַרבייטער, געוועזענער פּרעזידענט פון די סמילער, און פון די באַסלאַווער, אַ איד, וואָס האָט אוועקגעלעגט אַזוי פיעל געזונט, צייט, מיה, ענערגיע און געלט, אַבי אַוועקצושטעלען דאָס אידישע אָרגאַניזאַציאָנס לעבען אויף אַ בעסערען מצב, מעהר טאָלק, מעהר סיסטעמע, און כדי צו שאַפען מעהר פּראָגרעס צווישען אידישע פּראַטערנאַלע און בענעפישעל אָרגאַניזאַציעס אין פילאַדעלפיא.

לואיס סמאָל איז איינער פון אונזערע מאָדערנע אידען, וואָס יאָגען זיך ניט נאָך כבוד, און וואָס דאַרפען ניט די סאָסייעטיס צוליב „ביזנעס.” אָבער לואיס סמאָל איז אַן ערנסטער כלל טוער, ער איז אינטערעסירט אַז די סאָסייעטיס, וועלכע ער האָט אַליין געבויעט און געשאַפען, זאָלען פּראָגרעסירען, וואַקסען און געדייען. איז ביי איהם ווערטה, אַז עס זאָל איהם קאָסטען צייט, געלט און מיה, אַבי די אָרגאַניזאַציעס זאָלען ברייגגען פּרוכט, זאָלען זיך שאַפען אַ נאָמען אויף

דער אידישער גאס, און היינטיגעס יאהר, האט לואיס סמאל זיך אונטערגענומען צו ווערען דער טשערמאן פון דעם פערציג יאהריגען יובילעאום פון דער באס־לאוער בענעפישעל ארגאניזאציע, און ער איז איבערצייגט, אז דאס וועט זיין דער שענסטער יובילעאום וואס א אידישע בענעפישעל ארגאניזאציע האט ווען עס איז דורכגעפיהרט אין פילאדעלפיא.

לואיס סמאל איז איבערצייגט אז אידען לעבען ניט נאר פאר דער איצטיגער צייט, נאר אז זיי האבען א מיסיע, און ער ווייסט, אז אין פופציג יאהר פון איצט, וועלען אונזערע קינדער נאך אלץ זיין מיטגלידער אין די באסלאווער, און אז דעריבער איז ביי איהם ווערטה, אז מיר זאלען איבערלאזען אונזערע קינדער, אונזער צוקונפטיגען דור, א רייכע ירושה, אז אויך זיי זאלען האבען פארוואס זיך צו באגייסטערען.

לואיס סמאל איז א באגייסטערטער איד, און ביי איהם איז דער באסלאווער פאראיין א אידעאל, און ער האפט, אז דאס וועט אויך זיין א אידעאל ביי זיינע און אונזערע קינדער.

לואיס סמאל האט זיך פאראייניגט אין דער געשיכטע פון אידישע בענע־פישעלס אין פילאדעלפיא, און דערפאר איז ער אזוי געשעצט און געאכט ביי אלע וואס קענען איהם און ארבייטען מיט איהם צוזאמען יאהרענלאנג אין פילא־דעלפיא.

מר. און מרס. לואיס סמאל זיינען באזונדערס שטאלץ אויף זייערע דריי זיהן. דער עלטסטער זוהן, פיליפ סמאל, האט גראדואירט פון טעמפל יוניווערסיטי, און איז מיטן פאטער אין די ביזנעס.

דער צווייטער זוהן, האווארד סמאל, האט אויך גראדואירט פון טעמפל יוני־ווערסיטי, איז א סוירטעפייד פאבליק אקאונטענט, און אויך ער איז מיטן פאטער אין די ביזנעס.

דער אינגסטער זוהן, סידני סמאל, האט געענדיגט אין טעמפל יוניווערסיטי אויף א טיטשער, און פאר די לעצטע אכט חדשים געפינט זיך סידני מיט דער פעלד ארטילעריע פון אנקעל סעם׳ס באוואפענטע כוחות אין האנאלולו.

★

מאקס שוסטערמאן

רעזידענץ: 318 ס. 12טע סטריט. געשעפטס אדרעס: דער זעלבער. מאקס שוסטערמאן איז געבוירען געווארען אין וואנקאוויץ, פאדאלסק, אין 1888, דער זוהן פון יעקב און רבקה שוסטערמאן.

פאטער איז געווען א סוחר פון אויבסען. פלעגט אויסקויפען די פרוכט סעדער און ארונטערנעמען די פירות.

דער יונגער שוסטערמאן איז געגאנגען אין חדר ביז נאך בר מצוה, און איז אלס יונגערמאן געקומען קיין אמעריקא אין 1909. זיין ערשטע שטאט איז געווען פילא־דעלפיא, און דא איז ער פארבליבען עד היום.

אין 1908 האָט ער געהייראט זיינע אַ פלימעניצע פון ווינקאָוויץ, טשארני פרעסמאן, זיי האָבען 3 קינדער: דייוויד שוסטערמאן, 31 יאָהר אַלט, איז פאַר־הייראַט צו סערע קוירלין, פון אטלאנטיק סיטי; ריבא שוסטערמאן, איצט פאַר־הייראט צו וועסלי סטיינמאן, און בעני שוסטערמאן.

גרינדער און אָרגאַניזאַטאָר פון ווינקאָוויצער זינקעווער פאראיין, איז אויך געווען פרעזידענט 3 טערמינען. איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער לינת הצדק שוהל, 58טע און לארטשוואוד, אַ פראמינענטער מיטגליד אין דער קאנגרעגיישאָן קהלת קודש, אנשי שדה לבן, און איז געבליבען אַקטיוו די גאַנצע צייט אין דעם ווינקאוויצער־זינקעווער פאראיין.

שוסטערמאן איז אַ באוואוסטזיניגער ציוניסט, אַ ביישטייערער פון דעם עלאַיד דזשואיש אַפּיל, יונייטעד טשאריטיס דראַיוו, דאון טאון בית יתומים, מושב זקנים, האיאס, מאונט סיני האספיטאל, נאָרטהערן ליבערטיס האספיטאל, ישיבת משכן ישראל, און אַ ליבעראַלער אונטערשטיצער פון אַלע נאַציאָנאַלע און לאָקאלע אנשטאלטען.

✶

דזשעי. סי. גאַטמאַן

רעזידענץ: 5102 אָווערברוק. אָפיס, 12 ס. 12טע סטריט. געבוירען אין קיעוו, רוסלאנד, אין 1890, דער זוהן פון בארנעט און עטטא (רובין) גוטמאַן. דער פאָטער איז געווען אַ פאבריקאנט פון קליידער, און איז געקומען קיין אמעריקא אין 1895, ווען דזשעי. סי. איז אינגאַנצען אַלט געווען פינף יאָהר.

דזשעי. סי. גאַטמאַן האָט דאָ געמאַכט פּאַבליק סקוהל און איז אויך געגאַנגען אין חדר. ער האָט אויך געמאַכט איווינינג האי סקוהל, און צו 16 יאָהר איז ער געגאַנגען ארבייטען.

אין 1914 האָט ער געהייראט איידא פרעסמאן. זיי האָבען 3 קינדער: פלאָ־רעין, איצט מרס. דר. נארמאן סלאון; אלווין גאַטמאַן, האָט גראַדואיט פון דארט־מאטה קאלעדזש, ניו העמפשייער, איז מיטן פאָטער אין די ביזנעס, און דזשעראם גאַטמאַן, 17 יאָהר אַלט, באזוכט איצט אַ פּריוואטע סקוהל.

דזשעי. סי. גאַטמאַן, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער איז געקומען קיין אמעריקא אַ קינד פון פינף יאָהר, איז געבליבען עד היום אַ באוואוסטזיניגער איד, אפשר דערפאַר, ווייל זיין פאָטער איז געווען דער גרינדער פון ישיבת משכן ישראל, און דער דאָזיגער איינפלוס איז איבערגעגאַנגען צו דעם יונגען גאַטמאַנען, וועל־כער איז באַזונדערס אינטערעסירט אין אידישער בילדונג און דערציאונג.

דזשעי. סי. גאַטמאַן איז דער פרעזידענט פון דער אַסאָסיאיישאָן פאַר אי־דישע קינדער, זינט די פארשידענע קינדער אגענטורען זיינען פאראייניגט געוואָ־

רען אין איין קערפערשאפט. ער איז אויך געווען פרעזידענט פון דעם דזשואיש קאנסאמפטיוו אינסטיטוט וואס איז פאראייניגט געווארען מיט דעם איגלוויל סאַ־ניטאריום.

ער איז אַ געוועזענער וויס פרעזידענט פון קאנגרעגיישאָן בית־אל. שפּעטער איז ער אויך געווען פרעזידענט פינף יאָהר. איצט איז ער עהרען פרעזידענט. אַ מיטגליד פון דער באָרד אין דער פעדעריישאָן אָוו דזשואיש טשאריטיס, מיט 15 יאָהר צוריק, און מיט 3 יאָהר צוריק איז ער אויך געווען דער סעקרעטאר. איצט איז ער אַ וויס פרעזידענט אין דער פעדריישאָן, איז אויך געווען סעקרעטאר פון דעם עלאַיד דזשואיש אַפּיל.

אַ דירעקטאָר אין דער יאָנג מענס און יאָנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן, מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון פילאדעלפיער ברענטש פון טעאָלאָגישען סע־מינאר אין נויאָרק, און א טראָסטי פון סעמינאר אין נויאָרק, אַ מיטגליד פון דער אַמעריקאן דזשואיש קאָמיטע, פארטרעטענדיג פילאדעלפיא.

מיטגליד אין לאקוסט און פילמאנט קלוב, פראמינענטער מייסאָן, בני ברית, אַ ליבעראלער אונטערשטיצער פון אלע לאקאלע און נאציאנאלע אנשטאלטען.

מרס. גאטמאן נעמט אנטייל אין דער סיסטערהוד, איז אַ געוועזענע טרע־זשורער, און שטיצט איהר מאן אין אַלע זיינע געזעלשאפטליכע און פילאנטראָ־פּישע אונטערנעמונגען.

★

דזשייקאָב ראליק

רעזידענץ: 6228 וואשינגטאָן עוועניו. אָפיס, קאנסאלי־דייטעד מיעט מארקעט, 36טע און גרעיס פערי עוועניו.

געבוירען אין רעקשנא, ליטע, אין 1868, דער זוהן פון משה און חנה ראליק. דער פּאָטער האָט זיין זוהן געהאלטען אין דער טעלזער ישיבה ביז 17 יאָהר, און אין 1890 איז יעקב ראליק געקומען קיין אמעריקא, איז די ערשטע צייט געווען אַ שוחט, און אַ גרויסער נאָכפאָלגער פון דעם דאמאָלסדיגען יונגען גאון און גרויסען געלערנטען, אונזער איצטיגער זקן־הרבנים, דוב אריה הכהן לעווינ־טהאל.

אויף דער עצה פון הרב לעווינטהאל איז דזשייקאָב ראליק שפּעטער געגאנ־גען אין די האָלסייל פלייש ביזנעס אין וועלכער ער איז פארבליבען עד היום.

האָט געהייראט ראשע לאה בעקער און זיי האָבען 2 קינדער: הערי ראליק, מיט פאָטער אין דער האָלסייל פלייש געשעפט און אַ טאָכטער, אנא ראליק.

דזשייקאָב ראליק איז געווען פרעזידענט 2 טערמינען פון דער בני ראובן שוהל, אויך אַ געוועזענער פרעזידענט פון קאנגרעגיישאָן לינת הצדק, וועסט פילאדעלפיא, ער איז איינער פון די גרינדער און ער שטיצט עד היום די ישיבת

משכן ישראל, א ליבעראלערביישטייערער צו די בתי יתומים, מושבי זקנים, און אלע אנדערע נאציאנאלע און לאקאלע אנשטאלטען.

זייער זוהן, הערי, איז א פראמינענטער מייסאן און איז אין אלגעמיין אינטערעסירט אין אלץ וואס האט א שייכות מיט אונזער אידיש געזעלשאפטליך לעבען, גייענדיג אין די דרכים פון זיין פאטער, וואס האט אין דער יוגענט געקראגען א גייסטיגע דערציאונג אין די אייראפעאישע ישיבות.

★

ב. קערמאן

רעזידענץ: 33 ס. איאווא, אטלאנטיק סיטי. אפיס: 21-815 ארקטיק עוועניו. געבוירען אין קאדאווא, פאדאלסק. דער זוהן פון נפתלי הירץ און אסתר קערמאן.

פאטער איז געווען א קאמיסיאנער און אייגענטימער פון אן אכסניה. קערמאן האט געלערענט אין דער היים ביז 14 יאהר אלט, האט געלערענט מוזיק, און געשפילט שיין פידעל.

אין אמעריקא זינט 1899, האט געוואוינט 2 יאהר אין הארטפארד, קאנ., איז געווען א פענטס מאכער, געווארען אקטיוו אין דער טרעיד יוניאן באוועגונג, איז געקומען קיין פילאדעלפיא, און האט אנגעהויבען ארגאניזירען די פארשיידענע טרעידס, אבער ער האט קיינמאל ניט געמאכט דערפון קיין פראפעסיע.

איז געווען יאהרענלאנג אקטיוו אין דער סאציאליסטישער באוועגונג, ביז 1928, ווען ער איז אנטוישט געווארען און איז איבערגעגאנגען צו דער ציוניסטיש-סאציאליסטישער באוועגונג. ער איז דערנאך אפגעפאהרען אין אטלאנטיק סיטי, און דארט האט ער צו זיין קרעדיט די גרינדונג פון דער יהואש פאלק שולע, נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד, איז געווען אקטיוו אין דעם געווערקשאפטען קעמפיין, איז נאך היינט אקטיוו אין דער לאקאלער פעדערישאן און דזשואיש טשאריטיס, ער איז דער ארביטרייטאר פאר די יוניאן בעקערס און א דאנק איהם געווינט ער אלע זייערע סכסוכים פאר זייערע אינטערעסען.

מרס. קערמאן איז געווען אקטיוו אין דער פראגרעסיוו לייברערי, אין פילאדעלפיא, און איז די אינספיראציע פאר אלע קערמאנ'ס אקטיוויטעטען.

האט געהייראט פערל ראפאפארט, קינדער: דר. עדווארד קערמאן, 33, אין מערילאנד סטייט האספיטאל, גראדואירט פילא. קאלעדזש אוו פארמאסי, צו 18 יאהר, אויך פון יוניווערסיטי אוו פענסילווייניע מעדיקאל קאלעדזש, אין 1935, אין 1940 גראדואירט פון דזשאהן האפקינס קאלעדזש, און צייכענט זיך אויס אלס מארך ספעציאליסט. איין טאכטער: ראוז, האט גראדואירט פילא. קאלעדזש אוו פארמאסי, וואוינט אין באלטימאר.

די קערמאנס האבען אויך 1 אייניקעל, דעבארא, 1 יאהר אלט.

מאקס ראָם

רעזידענץ—5240 פארקסייד, אָפיס— 5420 מארקעט סט., געבוירען דעם 9טען אפריל, 1894, אין באסלאוו, אוקראינע, דער זוהן פון חזן משה און רייזעל ראם.

אלס קינד האט די פאמיליע אים געבראכט אין קיעוו, וואו דער פאטער איז געווען חזן אין דער גרויסער שוהל אויף דמיעווקע. נאָך דעם פּאָגראָם אין 1905 האָט די פאמיליע ארויסגעוואנדערט קיין אמעריקא. זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט אין בראד און אין קראקע, און בערלין ביז דעצעמבער, 1906, ווען זיי זיינען אָנגעקומען אהער.

מאקס ראָם האָט אַלס יונגער אימיגראנט זיך גענומען צו פארשיידענע פּראָפעסיעס ביז ער איז געוואָרען אן אימפרעסאריא פון באריהמטע חזנים, ווי יאָסעלע ראָזענבלאט, זאנוויל קווארטין, פינטשיק, שטיינבערג און אנדערע.

זייענדיג פארבונדען מיט דער טעאטער וועלט, האָט ער אויך געהאַט אַן אייגענעם טעאטער אין באַלטימאָר, און איז אויך געווען פארבונדען פינף יאָהר צייט מיט דער ראדיאָ קאָרפּאָריישאָן אָוו אמעריקא, אין קעמדען, וואו עס זיינען רעפּראָדוצירט געווען אלע אידישע רעקאָרדס פון באריהמטע חזנים און קינסטלער. איז געווען ד'ער פארטרעטער פון אַלע אידישע פילם קאמפאניעס אין פענסילוויינע סטייט.

דער פאָטער פון מאקס ראָם, חזן משה ראָם, עה"ש, האָט זיך גערעכענט פאַר איינעם פון די חשוב'ע חזנים פון דעם עלטערען דור, האָט פארמאָגט אַ זיסע טענאָר שטימע, אין 1891 איז חזן משה ראָם ארונטערגעבראַכט געוואָרען פון שפּאָלא, אוקראינע קיין פילאדעלפיא און איז געווען חזן אין דער בני יעקב שוהל, איצטיגע קשר ישראל. דערפאר וייל מרס. ראָם האָט ניט געוואָלט איבערלאָזען איהרע עלטערען אין באסלאוו, איז חזן ראָם צוריקגעפאָהרען קיין רוסלאַנד. ער איז דאָן געוואָרען חזן אין קיעוו.

מאקס ראָם האָט געהייראַט אסתר נארים אין 1916, זיי האָבען אַ טאָכטער, בערניס, 20 יאָר אַלט, גראדואירט פון טעמפּל יוניווערסיטי און ניו יארק יוניווערסיטי.

★

יהושע גרובער

רעזידענץ: 728 ס. 3טע סטריט. געבוירען אין ברעסטיטשקא, וואלינער גובערניע, אין 1869, דער זוהן פון אלחנן און צפרה גרובער. פאָטער איז געווען אַ גוטסבאַזיצער, און האָט זיין זוהן געהאלטען אין שולעס ביז 17 יאָהר אַלט. יהושע האָט גערעדט און געשריבען פליסיג אויף רוסיש און דייטש.

יהושע גרובער איז געקומען קיין אמעריקא אין 1899, און די ערשטע זעקס יאָהר האָט ער געוואוינט אין נויאָרק.

דורך אַ געלעגענהייט האָט גרובער זיך דאָרט באַקאנט מיט אידישע טעאַטערלייט, און ער איז מיט דער

צייט אַנגעשטעלט געוואָרען ביי דער טיר אין פינקל'ס טעאטער, און אזוי ארום איז גרובער פאראינטערעסירט געוואָרען אין אידישען טעאטער.

אין 1907 איז ער געקומען קיין פילאדעלפיא, איז געווען 2 יאָהר דער אייגענ־טימער פון ארטש סטריט טעאטער, און ער איז גאָר שנעל פאָפולאר און באַ־ליבט געוואָרען ביי דעם טעאטער עולם, און ביי די אידישע סאָסייעטיס וואָס פלעגען קומען נעמען בענעפיט פאָרשטעלונגען. ער איז דערנאָך אויך געווען אינ־טערעסירט אין נעשאנאל טעאטער און ביז היינט צו טאָג איז גרובער פארבליבען אינטערעסירט אין אידישען טעאטער, פאר וועלכען ער האָט גרויסע פארדינסטען.

יהושע גרובער האָט געהייראט איידא ראָזענפעלד, און זיי האָבען איין טאָכ־טער, מירעלע גרובער, די באוואוסטע דראמאטיסטין אין נויאָרק. מירעלע גרובער האָט וואהרשיינליך צו פאַדאנקען איהר טעאטער קאריערע, א דאנק דעם וואָס זי איז אויפגעצויגען געוואָרען ביי א פאמיליע פון טעאטער אונטערנעמער, וואָס זיינען אַלעמאָל געווען ארומגערינגעלט מיט טאלאנטפולע ארטיסטען, און מירעלע האָט קליינערהייט איינגעזאפט די אידישע טעאטער אטמאָספערע, און דורכ־דעם אנטוויקעלט אין זיך א נייגונג צו שוישפיל.

יהושע גרובער איז דעם 2טען מאָל פארהייראט צו עליזאבעט זאגער. ער איז א מיטגליד אין ברית שלום, אויך אין דייוויד ליט לאדזש, אינדעפענדענט אָרדער ברית אברהם, און אין בני חיים סאָשעל. א ליבעראלער אונטערשטיצער פון אלע אידישע אנשטאלטען.

★

דזשאָזעף י. בעקער



רעזידענץ: 1445 טשו סטריט, אָפיס: קונארד בילדינג. גע־בוירען אין רוסלאנד, אין 1893, דער זוהן פון אברהם און העסיע בעקער. פאָטער איז געווען א מוזיקער. דזשאָזעף י. בעקער איז געקומען קיין אמעריקא זעהר יונג, און ער האָט דאָ געמאכט פאָבליק, האי סקוהל און טעמפל יוני־ווערסיטי.

אין 1926 איז בעקער אינטערעסירט געוואָרען אין טעאטער, ער איז געוואָרען דער לעסיע פון דעם וואלנאט סטריט טעאטער, ער האָט פאר א לייננגערע צייט פראָדו־צירט ענגלישע פיעסען, און אין 1936 האָט ער זיך פאר־אינטערעסירט מיט דעם אידישען טעאטער וואָס ער האָט דאָ אויפגעהאלטען ביז 1940.

דזשאָזעף י. בעקער איז זינט דאן געוואָרען א ריעל עסטייט בראָקער און פינאנסיר, מיט וועלכען ער באשעפטיגט זיך נאָך עד היום.

האָט געהייראט דיאנא מאליץ אין 1937, זיי האָבען איין קינד, הארוועי, 4 יאָהר אלט.

בעקער איז א מיטגליד אין דער פילאדעלפיא ריעלטי באָרד, ער איז א פראָמינענטער מיטגליד צו דעם יוניטעד טשאריטיס דראיוו, עלאיד דזשואיש אפיל, און בכלל אן אונטערשטיצער פון אלע נאציאָנאלע און לאקאלע אנשטאלטען.

★

אייב האַפּערמאַן

געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1909 אין רוסלאַנד. געקומען אין אמעריקא אין עלטער פון 12 יאָהר, האָט דער יונגער אברהם דורכגעמאכט פּאַבליק סקוהל אין א משך פון קארגע צוויי יאָהר. ער איז באלד אריין אין האי סקוהל וואו ער האָט זיך אויסגעצייכענט אין אלע לימודים און האָט געמאכט שנעלע פּראָגרעס.

זיינע עלטערן שלום און חיים האפּערמאַן, האָבען זיך אָבער אויך געזאָרגט פאר דעם פּאַרטזעצען פון זיינע אידישע לימודים, אין די ישיבה משכן ישראל, די עלטסטע תורה אינסטיטוציע ביי אונז אין שטאָדט איז געוואָרען זיין צווייטע היים. דאָ פונקט אזוי ווי אין היי־סקוהל האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין שאַרפען מח, אזוי אז אין יאָהר 1926 איז ער באעהרט געוואָרען מיט א פרייער סקאלערשיפּ אין דער ישיבה ד׳רבנו יצחק אלחנן, ז״ל אין נויאָרק. נאכדעם ווי ער האָט דאָרט פארבראכט א שטיק צייט בין כתלי בית המדרש, איז האפּערמאַן אריין אין טעמפּל יוניווערסיטי, וואו ער האָט דערפאָלגרייך דורכגעפיהרט דעם קורס פאר היי סקוהל לעהרער, און אין דערזעלבער צייט איז ער אויפגענומען געוואָרען אלס לעהרער אין דער ישיבה משכן ישראל, וואו ער האָט זיך דערוואָרבען א נאָמען אלס אידישער דערציער און פּעדאגאָג.

אין יאָהר 1931 האָט האפּערמאַן געקראָגען א סקאלערשיפּ אין דער יוניווערסיטי אָוו פּענסילווייניא לאָו סקול, פון וואנען ער האָט גראַדואירט אין 1934 אלס לאָיער און האָט דעמזעלבען יאָהר דערפאָלגרייך דורכגעמאכט די באר עקזאַמיניישאָנס פון פּענסילווייניא סטייט און געקראָגען דאָס רעכט צו פּראקטיצירען לאָו.

אין 1935 איז האפּערמאַן געוועזען א דעלעגאַט צום ציוניסטישען וועלט קאָנגרעס אין לוצערן, שווייץ, און האָט געמאכט א לענגערע רייזע איבער ענגלאַנד, פראַנקרייך, שווייץ, איטאליען און האָט באזוכט אונזער הייליג לאַנד, ארץ ישראל.

האפּערמאַן האָט זיך געשאפען א גלענצענדען רעקאָרד אלס לאָיער און האָט זיך דערוואָרבען פילע פריינד, א דאנק זיין הארציגער באציאונג און געניאַלער פערזענליכקייט.

זיין פּראקטיק אלס לאָיער האָט איהם אָבער ניט געשטערט צו נעמען אן אקטיווען אנטייל אין קולטורעלע און וואוילטעטיגע צדקה אינסטיטוציעס. ער איז געוועזען פּרעזידענט פאר א לאַנגער צייט פון דער יוגענט אָרגאַניזאַציע „תפארת יוסף"; וויס פּרעזידענט פון פילאדעלפיא דזשואיש יוטה קאונסיל; מיטגליד פון

דער עקזעקוטיוו קאמיטע פון אמעריקאנער אידישער קאנגרעס; וויים פרעזידענט פון דער אידישער אפטיילונג פון ראַשיאַן וואָר רעליעף סאָסייטי; פאַרנעמט די שטעלע פון קאונסעל און עקזעקוטיוו סעקרעטערי פון דער גרויסער בני חיים סאָשעל. ער האָט זיך אויך דערוואָרבען פיעלע פריינד אלס ראדיאָ קאמענטאַטאר פאַר די לעצטע פינף יאָהר, אלס רעדנער און לעקטשורער.

אין 1939 האָט האפערמאן געהייראט מיט מים פוירל טאדער און ער איז דער פאָטער פון א טעכטערל, חיה שיינע.

האפערמאן איז אַן אָרטאָדאָקסישער יונגערמאן און שבת און יום טוב איז זיין קאָו אָפיס געשלאָסען.

★

דר. בענדזשאמין ה. קעידעס

געבוירען אין שובאט, קורלאנד, אין 1893, א זוהן פון צבי חנוך און בת שבע קדוש. פאָטער האָט געהאנדעלט מיט מיהלען און וועלדער. געלערענט ביז בר מצוה, אויך פרעמדע שפּראכען.

אין אמעריקא זינט 1906. האָט אָנגעהויבען געהן אין סקוהל, אין דער 10טער און קארפענטער, אונטער אויפזיכט פון מאיר סולצבערגער, דער ברודער פון ריכטער סולצבערגער. האָט געאַרבייט בייטאָג און געלערענט ביינאכט ביז קאלעדזש. האָט באזוכט מעדיקאל כירורגישען קאלעדזש און גראדואירט אין 1916, מיטן טיטול ד.ד.ס.

האָט געהייראט סערע בוירד, זיי האָבען 1 טאָכטער: גלעדים, 19 יאָהר אַלט, האָט גראַדואירט אלני האי סקוהל און באזוכט איצט א ביזנעס קאלעדזש.

פרעזידענט פון זאנגוויל פּראיד בענעפישעל אסס'ן, פאר די לעצטע 5 יאָהר, איז אויך געווען אקטיוו אין הענריך היינע לאדזש, נאיטס אָוו דזשאָזעף, איז געווען צווישען די גרינדער פון דער אמעריקאנער אידישער קאנגרעס באוועגונג און איינער פון דעם אדמיניסטראטיווען קאָמיטעט אין פילאדעלפיא, מיטגליד אין עדת ישורון קאנג., פּרעזידענט פון בני ובנות ציון אפטאון תלמוד תורה, 990 נאָרטה 7טע סטריט, אקטיוו אין דער ציוניסטישער באוועגונג, און איז אינטערעסירט אין חינוך.

מרס. דר. קעידעס איז אקטיוו אין דער הדסה און שטיצט איהר מאן אין אלע זיינע געזעלשאפטליכע ארבייטען.

★

דזשאָזעף סילווערסטיין

רעזידענז 5441 וואלנאט סטריט. געשעפטס אדרעס: 509 ס. 5טע סטריט. היברו מאסטער בייקערס אסאָסיאיישאַן.

געבוירען אין באטאשאן, רומעניען, אין 1891, דער זוהן פון אסתר און רבקה זילבערשטיין.

דער פאָטער איז געווען אַן ארבייטער אין א מיהל, און ער האָט דאָס אינגעל געהאַלטען אין חדר בלויז ביז עלף יאָהר אַלט.

אַלס זעכצעהן יאָהריגער אינגעל איז דזשאָזעף סילווערסטיין געקומען קיין אַמעריקא, און ווי ער אליין דערציילט, האָט ער זיך אַ שטיק צייט זעהר שטארק געפּלאָגט, און האָט מיטגעמאַכט דעם אייגענעם גורל פון צענדליגער טויזענדער אַנדערע אימיגראַנטען, וואָס זוכען זיך צו עפּעס צוצושלאָגען און ווערען פארשוואַרצט.

שפּעטער האָט ער זיך אויסגעלערענט דעם קלאוק טרייד, און איז אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג.

אין 1913, ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער באַרימטער סטרייק, איז סילווערסטיין שוין געווען דער טשערמאַן פון די האַלס וואו די סטרייקער פלעגען זיך פאַרזאַמלען. איז אויך געווען טשערמאַן פון לאָקאַל 2, קלאָוקמאַכער יוניאָן, א מיטגליד פון דער דזשאָינט באָרד ביז 1922.

שפּעטער איז ער אוועק אין די גראָסערי און דעליקאַטעסען ביזנעס, און ער האָט דערפיהלט אַ פאָדערונג צו אָרגאַניזירען די גראָסערילייט. אַלס רעזולטאַט פון יענער אַרבייט איז אַרויסגעוואַקסען די היינטיגע מיוטשעל גראָסערס אַסס'ן, און די פּען מיוטשעל גראָסערי קאָמפּאַני. סילווערסטיין איז געווען דער פּרעזידענט און ביזנעס מענעדזשער דריי יאָהר צייט אינגאַנצען אָהן אַ געהאַלט. ער האָט אויך געוווירקט אַז עס זאָל איינגעפיהרט ווערען אַז גראָסערילייט זאָלען 3 מאָל אַ וואָך צושליסען די סטאָרס 8 אַזייגער אין אָווענט.

אין אַ צייט אַרום האָט סילווערסטיין געקויפט אַ בעקעריי בשותפות מיט זיינעם אַ שוואָגער. ער איז אָבער אויך דערביי ניט געבליבען, און איז געוואָרען אַ סיילסמאַן פון הייווען, און אין 1935 איז ער געוואָרען דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דער היברו מאַסטער בייקערס אַסאָסיאיישאָן.

סילווערסטיין איז אַ מיטגליד אין היימאַן און סעם סאַלצמאַן לאָדזש, אַ ליבעראַלער אונטערשטיצער פון עלאַיד דזשואיש אַפּיל, יונייטעד טשאַריטיס דראַיוו, געווערקשאַפטען קעמפּיין, און איז פאַררעכענט פאַר איינעם פון יענע כלל-טוער, וואָס זיינען אַלעמאָל גרייט צו נעמען אַ וואַרימען אַנטייל אין געזעלשאַפטליכער און קולטורעלער אַרבייט. (זעה ביאָגראַפיע פון דאַרא סילווערסטיין).

★

פילאַדעלפיאַ אָקזילערי פאַר דער היים פון יתומים מיידלאך אין ירושלים

די אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרען דעם 26טען מאַרטש, 1938, נאָכדעם ווי דאַרא סילווערסטיין און קלאַראַ אָווערבאַך זיינען איינגעלאַדען געוואָ-

רען פון הרב צבי הירש מאנישעוויטש קיין נויארק, און הרב מאנישעוויטש האט די פילאדעלפיער פרויען באקאנט מיט דער ארבייט פון דעם אנשטאלט אין ירושלים.

דער ערשטער לאנטשעאן איז פארגעקומען אין מאדזשעסטיק האטעל, און דארט איז געלעגט געווארען דער יסוד פאר אן אקזילערי אין פילאדעלפיא.

מר. און מרס. דייוויד אווערבאך זיינען דערוויילט געווארען עהרען מיטגלי־דער; דארא סילווערסטיין איז געווען דער ערשטער פרעזידענט, און איז נאך איצט אויך אין אמט. וויים פעזידענט, עליזאבעטה ליווי; מרים סודאק, טרעזשו־רער; מרס. ענע קעסאף, ערשטער וויים פרעזידענט; מרס. דזש. קעניג, טשעפלעין; רעי קאהן, טשערליידי פון מיטגלידער קעמפיין.

די אקזילערי האט ביז איצט איבערגעשיקט טויזענדער דאלארס פאר דער היים פון יתומים מידלאך אין ירושלים, און היינטיגעס יאהר האט די אקזילערי אויך בייגעשטייערט 500 דאלאר פאר דעם קאונסיל פון אידישע ארגאניזאציעס פארן ראשען ווער רעליף.

די באאמטע איצט זיינען: דארא סילווערסטיין, פרעזידענט; מרים סודאק, טרעזשורער; רעי קאהן, טשערליידי פון דער באָרד; ענע קעסאף, 1טע וויים טשער־לידי; ראוז קעלער, 2טע וויים טשערלידי; ראוז ב. ליווי, פינאנץ סעקרעטאר, אנ־דערע מיטלידער פון דער באָרד זיינען: מר. און מרס. ראסקאף.

☆

מרים קאדראָוו, עה״ש

די ערשטע פרוי פון נייטהען קאדראוו, אייגענטימער פון דער קוועיקער מעיד, איז אוועק פון דער וועלט זיבען טעג אין אייר, 1940.

מרים קאדראָוו איז געווען א באשיידענע פרוי, וואס האט זיך איהר גאנצען לעבען אפגעגעבען מיט דערציהען איהרע קינדער, און ווען עס איז איהר איבערגעבליבען פרייע צייט, האט זי זיך אפגעגעבען מיט מתן בסתר, גיבען צדקה אויף דעם אמת׳ן, היימישען שטייגער.

מרים קאדראוו איז געווען אן איבערגעבענע מוטער צו איהרע קינדער, און א געטרייע פרוי צו איהר מאן, וועלכער ווידמעט אסך צייט דער אויפהאלטונג פון דער טאלנער רבינ׳ס שוהל, צמח צדק, און איז אויך א ליבעראלער אונטערשטיצער פון אלע פילאדעלפיער לאקאלע אנשטאלטען.

מרים קאדראוו׳ס טויט איז שטארק באדויערט געווארען פון אלע איהרע שכנים, גוטע פריינט און לאנדסלייט.

איהר נאמען וועט לאנג לעבען ביי אלע וואס האבען זי געקענט.

הערי מאף

געבוירען אין סלאנים, אין 1901, דער זוהן פון גרשון און פייגע ריווע מאף. איז דערצויגען געווארען אין דער נאָווארדיגער ישיבה אונטער דער השגחה פון עלטערען ברודער, ישראל מאף, וואס איז איצט דער ראש ישיבה ערגעץ אין סיביר. האט געלערנט ביז 14 יאהר, און איז אין אמעריקע זינט 1914, ערב דער וועלט מלחמה.

הערי מאף איז איינער פון די סאשעל וואירקערס וואס מאכען א לעבענס בארוף פון זייער ארבייט. איז געווען אסיסטענט סופעראינטענדענט פון דער פאסטער האום פאר אידישע יתומים, אין 700 טשוירטש לעין, דזשוירמענטאון, איז אויך געווען סופעראינטענדענט פון דעם דאון טאון בית יתומים, אויף דער 9טער און שאנק סטריט. זינט 1936 איז ער סופעראינטענדענט פון מושב זקנים, און אויך דער טשעפלעין אין איסטערן פעניטענשערי.

אלס סופעראינטענדענט פון דעם הכנסת אורחים און מושב זקנים, אין 315 ס. 3טע סטריט, האט ער איינגעפיהרט אסך נייאינקייטען אין דער היים. ער האט דורכגעפיהרט א רייהע אונטערנעמונגען צו פייערען די ימים טובים מיט אלע געסט אין דער היים. די סדרים און סוכות פייערונגען טראגען אן אמת'ן פאלקס כאראקטער. ער האט אויך ארגאניזירט פאר די אלטע לייט א חברה משניות. אלע ימים נוראים איז מאף אליין דער בעל תוקע. ער איז בכלל דער מענש וואס בינדט צוזאמען אלע „פיטשורס" אין דעם אנשטאלט, און ער איז ביי אלעמען זעהר פאפולאר.

האט געהייראט סידי ריקמאן אין 1936, א געוועזענע טעקנישען אין סקין ענד קענסער האספיטאל.

הערי מאף איז א מיטגליד אין די בני־ברית, פענאניע לאדזש, עקוויטי לאדזש, מייסאן, איז א באוואוסטזיניגער ציוניסט און א געוועזענער טרעזשורער פון קרן קימת, אין ברוקלין, נויארק, איז אביישטייערער פון דעם יונייטעד טשאריטים דראיוו, עלאיד דזשואיש אפיל, און אויך צו אלע נאציאנאלע און לאקאלע אנשטאלטען.

מרס. מאף איז א מיטגליד אין דער בני־ברית ווימענס אקזילערי, א פעסט מייטראן פון איסטערן סטאר, און אקטיוו אין דער ארבייט פארן אמעריקאנער רויטען קרייץ.

★

פילאדעלפיא סאשעל וואירקערס

די ארגאניזאציע איז געגרינדעט געווארען מאי 1940 אין הויז פון לואיס און עטל שופאק, 517 ס. 3טע סטריט. דער צוועק פון דער ארגאניזאציע איז צו העלפען ארימע, הילפלאזע מענשען אויף א בכבודיגען אופן.

צווישען די גרינדער זיינען געווען מר. און מרס. שופאק, שרה זיידענבערג, מר. און מרס. לייקין, מר. און מרס. מאקס און דזשיען ווייס, סאניע און שמואל סאבעלמאן, מר. און מרס. סעמועל פריעדמאן, מר. און מרס. סיגעל, און מרס. גראסער, מר. שטיינבערג און מרס. פארמאן, מר. און מרס. אסטראוו.

סעמועל פריעדמאן איז באשטימט געווארען פאר צייטווייליגען טשערמאן, און שפעטער איז סעמועל פריעדמאן באשטימט געווארען פאר פערמאנענטען טשערמאן און ער האלט דעם אמט נאך ביז איצט. דזשיען ווייס איז דערוויילט געווארען ווייס טשערמאן, לואיס שופאק טרעזשורער. מאקס ווייס, טשערמאן פון דער באָרד, און סאניע סאבעלמאן, רעקארדינג סעקרעטאר.

זינט דאן האט די ארגאניזאציע אויפגעטאן אסך גוטע ארבייט. דעם ערשטען יאהר האט די ארגאניזאציע דורכגעפיהרט א פורים דינער פאר דעם דאון טאון מושב זקנים, האט געשאפען א סומע געלט פאר דעם אנשטאלט. עס איז אויך צוטיילט געווארען מעות חטים צו ארימע פאמיליעס און זינט דאן האבען די פילאדעלפיער סאשעל ווארקערס זיך דערווארבען א שיינעם נאמען אין פילאדעלפיא צוליב זייער וואוילטעטיגער ארבייט וואס באגרענעצט זיך שוין ניט מעהר בלויז אויף טשאריטי, נאר זיי געבען זיך אויך אפ מיט שטיצען אידישע אנשטאלטען.

אזוי ווערט יעהרליך געשטיצט דער דענווער סאניטאריום, און א צאהל אנדערע אנשטאלטען.

אין דעם פארגאנגענעם יאהר האבען די פילאדעלפיער סאשעל ווארקערס גענומען אן אקטיווען אנטייל אין דעם קאונסיל פון אידישע ארגאניזאציעס פאר ראשען ווער רעליעף, געווערקשאפטען קעמפיין, און אין א צאהל אנדערע אנשטאלטען.

★

הערי טראכטענבערג

רעזידענץ: 853 נ. 7טע סטריט. **אפיס:** 1531 דזשויב-מענטאון עוועניו. געבוירען אין אלעקסאנדריע, וואלינער גובערניע, אין 1898, דער זוהן פון שמואל און רייזעל טראכטענבערג. דער פאטער איז געווען א סטאליער, און האט זיין זוהן געהאלטען אין חדר ביז נאך דער בר מצוה.

הערי טראכטענבערג איז געקומען קיין אמעריקא אין 1913, א אינגעל פון 15 יאהר. די ערשטע פינף יאהר האט ער געלעבט אין נויארק. די לעצטע 24 יאהר וואוינט ער אין פילאדעלפיא און איז אין די פלייש ביזנעס.

דריי קינדער: פעי טראכטענבערג, 17 יאהר אלט, אין האי סקוהל; סעמועל, 14 יאהר אלט, דזשוניאר האי סקוהל, און מארטין, 11 יאהר אלט, פאבליק סקוהל.

הערי טראכטענבערג איז אקטיוו אין דער אינדעפּענדענט ראַונער בענעפישעל אסאָסיאיישאָן, א מיטגליד פון דער אדוויזארי באָרד פון דער פּראָגרעסיוו בענעפישעל אסאָסיאיישאָן, פאַר די לעצטע 4 יאָהר צייט.

הערי טראַכטענבערג איז באזונדערס שטאָלץ אויף זיינע קינדער און ער ווידמעט זיך זייער דערציאונג, זייענדיג זיי איבערגעבען מיט ליב און לעבען.

★

דזשעק יוהר

רעזידענץ: 509 ס. 5טע סטריט. געשעפטס אדרעס: דער־זעלבער. געבוירען אין פּוילען, אין 1893, דער זוהן פון בערל און יהודית יוהר. דער פאָטער איז געווען דער אייגענטימער פון אן אייזען געשעפט. האָט זיין זוהן געהאַלטען אין חדר ביז נאָך בר מצוה.

דזשעק יוהר איז געקומען קיין אמעריקא אין 1911, און ער איז באַלד געגאנגען אין די רעסטאראַן ביזנעס, אין וועלכע ער איז פארבליבען ביז איצט, זייענדיג איינער פון די פּאָפּולארסטע קייטערער פאַר חתונות, בר מצוה'ס און געזעלשאפטליכע אונטערנעמונגען און באנקעטען.

אין 1915 האָט ער געהייראט לינא שווארטץ, זיי האָבען 3 קינדער: סילוויא, ארבייט פאַר דער אמעריקאנער רעגירונג; בערנארד, איצט אין דער אמעריקאנער ארמיי, און מרדכי יוהר, אין דזשוניאר האַי סקוהל.

דזשעק יוהר איז אַ מיטגליד אין ברית אחים, ברית שלום, באסלאווער פאראיין, ארבייטער רינג, נאציאנאַלער ארבייטער פארבאנד, רומעניען היברו, פּרוזשאנער־שערשעווער פאראיין, און אין דעם זלאטשעווער פאראיין.

מרס. יוהר איז אקטיוו אין דער מערי גרינבערג שוועסטער ליגע, אסתר לאדזש און אין אַ צאָהל וואוילטעטיגע אנשטאלטען.

★

לײדיס אָקזילערי קאנגרעגיישאָן בני יהושע

די לײדיס אָקזילערי פון קאנגרעגיישאָן בני יהושע איז געגרינדעט געוואָרען אין 1928, אויפן נאָמען פון דער פארשטארבענער טאָכטער פון גאָלדע נעמיראווסקי, חיה, עליה השלום. די עהרען טשערליידי איז גאָלדע נעמיראַווסקי, וועלכע איז געווען די גרינדערין.

די איצטיגע באאמטע זיינען מרס. שעכטער, טשערליידי; מרס. פרידמאן, עקס פּרעזידענטין; מרס. פּסח וויס, מרס. רחל סיגעל, יעהרליכע טרעזשורער; בעסי סיגעל, אונטערנעמונג טרעזשורער; מרס. אסטראָף, סעקרעטאר; מרס. קליימאן,

טרעזשורער פון בלומען; מרס. שאפראן, טשערליידי פון דער באָרד; זעלדע בערשאד, פון די ערשטע מיטגלידער און מרס. עטל טובין.

אסך קרעדיט פארדינען פאָלגענדע מיטגלידער: מרס. קעסלער, מרס. ראבינאָ־וויטץ, מרס. לאה קאפלאן, מרס. בערגער, מרס. טשערקאסקי, מרס. פארבער, מרס. פאָגעל, מרס. דאָגלאס, מרס. קאדראנסקי, מרס. זאץ און מרס. זיסל זיגעל.

די גבאים פון קאנגרעגיישאן בני יהושע זיינען לעאן סיגעל, פסחיה פאול, און הענרי דזשייקאָבסאָן פון דער חברה משניות.

★

ס. (ישעיה) הימעלשטיין

רעזידענץ, קאָרנער ס. פינפטע און לאמבארד סטריט, גע־שעפט (רעסטאראן) דער זעלבער.

געבוירען אין פעסאטשנע, מינסקער גובערניע, אין 1885, א זוהן פון עוזר און ברכה הימעלשטיין. דער פאָטער איז געווען א קאלאניסט, האָט געהאט פעלדער און זיי באארבייט, און האָט ישעיהן געהאלטען אין חדר ביז פערצעהן יאָהר, וואו ער האָט געלערענט תנ"ך און אויך רוסיש.

אין 1904, אין דער צייט פון דער רוסיש יאפאנעזישער מלחמה, איז הימעלשטיין אנטלאָפען פון רוסלאַנד און איז געקומען קיין נויאָרק, וואו ער האָט דריי יאָהר געארבייט אַלס אפערייטאָר ביי קלאוקס. דערנאָך איז ער געקומען קיין פילאדעלפיא, און האָט געקויפט א רעסטאראן. א געשעפט וואָס ער האָט שפעטער דערפאָלגרייך ארויפגעארבייט און איז געבליבען איינער פון די פאפולערע קייטערערס פאַר התונות, באנקעטען, פאַר פּריוואטע פאמיליעס, און אויך פאַר סאָסייעטיס. זיין ערשטער רעסטאָראן איז געווען אין 622 ס. 5טע סטריט.

האָט געהייראט ליליען געלער אין 1912, זיי האָבען דריי קינדער: ברכה ארדער, די פרוי פון אלבערט א. ארדער, וועלכער האָט שטודירט זעקס יאָהר אין וויען, עסטרייך, דר. מעדיצין, מרס. ארדער האָט א מוזיקאלישע נייגונג און האָט אמאָל אָנגעפיהרט מיט א טאנץ סטודיאָ; מארים הימעלשטיין, א דר. וועטערינאָר, האָט שטודירט אין לענסינג, מישיגען, איצט איז ער אין סיו, ס. דאקאטא, ארבייט פאַר דער רעגירונג; מילדרעד הימעלשטיין, גראַדואירט איצט פון סטייט קאלעדזש, דר. אָוו אפטאמעטריע.

הימעלשטיין איז א מיטגליד פון דעם בני־ברית, באסלאווער בענעוואלענט אסאָסיאיישאָן, אכרעמאווער סובאטשאווער פאראיין, און איז בכלל א ליבע־ראַלער אונטערשטיצער פון אַלע נאציאָנאלע און לאקאלע אנשטאלטען.

די פיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע

די פיאָנערען פרויען אָרגאַניזאַציע ציהט איהר געשיכטע פון די יאָהרען גלייך נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה. א שטראָם אידישע אימיגראַנטען האָט זיך דעמאָלט אוועקגעלאָזט פון דער האלב־חרוב'ער אייראָפּע קיין ארץ־ישראל אויפצובויען דאָס לאַנד. די אידישע חלוצות צווישען זיי האָבען דערפילט די נויטווענדיגקייט זיך אויסצוטיילען אין באַזונדערע קבוצות און פרויען קאָלעקטיווען. גלייך נאָכדעם האָבען זיך געשאַפען די ערשטע פרויען קבוצות און אגריקולטור שולן פאַר מיידלעך.

די אידישע פרויען פון אמעריקע און קאנאדע האָבען דערפיליט די וויכטיגקייט פון העלפען דער דאָזיגער באַוועגונג פינאַנציעל און מאראליש און האָבען פאַר דעם צוועק געגרינדעט די ערשטע פיאָנערען פרויען קלובען.

אין 1926 איז אויף דער איניציאַטיווע פון די חברות: שיינדל האפמאַן, גיטל קאליש, אלבערשטאַט, גראָס און פארבער (און אויך טילי מאגיל און זשעני פיינמאַן, ע"ה), געגרינדעט געוואָרען דער ערשטער פיאָנערן פרויען קלוב אין פילאדעלפיא מיט חברה אלבערשטאַט אלס סעקרעטאַר. די גרינדונגס פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין הויז פון דר. און חברה קאליש, שפּעטער זיינען צו דער איניציאַטיוו גרופּע צוגעשטאַנען די חברות: נ. סטאלער, פ. מילער און טילי בן עמי.

אין פאַרלויף פון די 16 יאָהר איז פון דער קליינער גרופּע חברות אין פילאדעלפיא אויסגעוואַקסען א גרויסע און פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע. פילאדעלפיא פאַרמאָגט איצט זעקס פיאָנערען פרויען קלובען מיט א מיטגלידערשאַפט קרוב צו 300. די קלובען זיינען פאַראייניגט דורך אַן אַלגעמיינעם קאונסיל אונטער וועמענס אויפזיכט די גאַנצע אַרבעט ווערט דורכגעפירט. די קלובען געפינען זיך אין די פאָלגענדע געגענטען: קלוב איינס, אין צענטער פילאדעלפיא; רחל קלוב, אין סטראָבערי מענשאָן; לאגאנער קלוב; ווינפילדער קלוב; סאוט פילא. קלוב און דער וועסט פילא. קלוב, וואָס געפינט זיך אין סאוט־וועסט פילאדעלפיא.

די פיאָנערן פרויען קלובן פון פילאדעלפיע חוץ זייער אַרבעט פאַר דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, נעמען אויך אַן אַקטיווען אַנטייל אין דער אידישער געזעלשאַפטליכער אַרבעט דאָ אין לאַנד. זיי זיינען פאַרטראָטען אין אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס ווי: דער אידישער קאנגרעס, די אידישע פאָלק שולען, ציקאָ, פאַראייניגטער אידישער אפּיל, א. א. וו. די פיאָנערן פרויען האָבען זיך אויך געשטעלט אלס זייער אויפגאַבע צו אַנטוויקלען און צו דערהויבען די אידישע פאָלקס פרוי, און געבען איהר א מעגליכקייט צו קומען צום אויסדרוק. א ברייטע קולטורעלע טעטיגקייט ווערט אָנגעפיהרט צווישען די חברות. ס'ווערען דורכגעפירט לעקציעס, אָפטע סעמינאַרן, ענגי־שבת, ימים־טובים פייערונגען און סימפּאָזיומס.

די פיאָנערן קלובען פון פילאדעלפיע זיינען א טייל פון דער גרויסער פאַרצווייגטער פיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע פון אמעריקע און קאנאדע וועלכע זיינען

אַן אינטעגראַלער טייל פון דער מעוצות־הפעולות (אַרבייטאַרינס־ראַט) אין ארץ־ישראל.

אין פאַרלויף פון די אַלע יאָהרען האָבען די פּיאָנערן פרויען געזאָרגט פאַר די צענדליגער טויזענטער נייע־אַריבערגעקומענע פרויען און מיידלאַך קיין ארץ־ישראל און זיי געהאָלפען זיך צופּאַסען צום אָרטיקען לעבען דורך בויען און אויפהאַלטען פאַך־שולן, קאָלעקטיווע ווירטשאַפטען, אַגריקולטורעלע שולן, קינדער־היימען, דעי־נוירסעריס, בתי־החלצות, א. ז. וו.

די איצטיגע וועלט מלחמה האָט געבראַכט מיט זיך אַ סך נייע געפאַהרען און אויך פּראָבלעמען וועלכע דאַרפען געלייזט ווערען. אַ גרויסע צאָהל מענער האָבען זיך אַנגעשלאָסען אָן דער ענגלישער אַרמיי, זייערע פּאָסטענס אין די פאַבריקען און אויף די פעלדער זיינען פאַרביטען געוואָרען דורך חברות. זייערע פאַמיליעס האָבען געמוזט פאַרזאָרגט ווערען. די דאָזיגע אַרבעטען און זאָרגען האָט אויף זיך גענומען דער מעוצות הפעולות (אַרבייאָרינס קאָונסיל) אין ארץ ישראל. די דאָזיגע קאָלאָסאַלע אַרבעט פאָדערט זעהר אַ סך ענערגיע און פאַרגרעסערטע פינאַנציעלע מיטלען. די פּיאָנערן פרויען פון אַמעריקע און קאַנאַדע העלפען זיי טראָגען די פאַראַנטוואָרטליכקייט, און אַ טייל פון די דאָזיגע התחיבותן פאַלט אויך אויף די פּיאָנערן פרויען קלובן פון פילאַדעלפיע.

ס'איז ווערט דערמאָנט צו ווערען אַז 2000 חלוצות פון ארץ ישראל האָבען וואָלונטירט אין דער ענגליישער אַרמיי אַלס אַ באַזונדערע פרויען אַפּטיילונג. זיי זיינען געשיקט געוואָרען אויף אַלע פראָנטען פון דעם נאָענטען מזרח. זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט געוואַנטקייט, פּינקטליכקייט און אינטעליגענץ, און אַ סך מאָל געהאָלפען אין געווינען שלאַכטען. מיט זייער אַנוועזנהייט אויפן פראָנט האָבען זיי אויך געשטאַרקט די מאָראַל פון די ענגלישע סאָלדאַטען און די ענגלישע העכסטע קאָמאַנדע האָט שטאַרק געלויבט און באַגריסט די דאָזיגע אידישע פרויען גרופּען.

די פּיאָנערן פרויען פון אַמעריקע באַטייליגען זיך אַקטיוו אין דער אַרבעט פון רויטען קרייץ, פאַרקויפען מלחמה־סטעמפּס און באָנדס און נעמען אויך אַן אַנטייל אין דער ציווילער פאַרטיידיגונג.

די פילאַדעלפיער פּיאָנערן פרויען קלובען פאַרנעמען אַ חשובען פּלאַץ צווישען די אידישע אָרגאַניזאַציעס און האָבען אַ געוויסע השפעה אויף דער אידישער גאַס.

די באַאַמטע פון די קלובן זיינען:

קלוב איינס: סאָניע קאָרעסטאַף, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר; מ. ראָזען, פינאַנץ סעקרעטאַר; גיטל קאַליש, קאַסירערין.

סאַוט פילאַ: סילוויא דאַשעווסקי, סעקרעטאַר; אַוערבאַך, פינאַנס סעק.; לאַנדוי, קאַסירערין.

רחל־קלוב: חברה סימקין, סעקרעטאַר; סטיינינג, פינאַנס סעק; בורשטיין, קאַסירערין.

לאַגאַנער קלוב: פעני מילער, סעקרעטאַר; חברה רובין, פינאַנס סעק.; געלמאַן, קאַסירערין.

וויננפילד קלוב: חברה סאליס, סעקרעטאר; חברה גראָס, פינאנס סעקרעטאר; גאָלדשטיין, קאסירערין.

וועסט פילא. קלוב: חברה שרה קאָען, סעקרעטאר; חברה ראָזענבלאט, קאסי־רערין; חברה קופער, פאָרזיצער.

קאונסיל באאמטע: רחל פוירל, לאה וויינבערג, קאונסיל סעקרעטאריאט; חברה פעסיקאף, קאסירערין.

★

די אידישע דעי נוירסערי

די אידישע דעי נוירסערי איז געגרינדעט געוואָרען אין יאנואר, 1914, ווען מר. סעמועל ראבינסאָן האָט צוזאמענגערופען די ערשטע זיצונג אין קאָלאָניאל קאפיי. די זיצונג איז געעפענט געוואָרען פון פ. מילער. ביי יענער זיצונג זיינען אנוועזענד געווען יעטא ברענער, ראוז שוואפסקע, מרס. ריבא שעסטאק, פעני דזשייקאָבס, סעמועל ראבינסאָן, פ. מילער, בעסי ראבינסאָן, נעדי לודערמאן, ראוז שאטץ, דר. לואיס פאול, מרס. לואיס פאול, דר. ארענשטיין, מרס. ליט, מרס. ליפשיטץ, סאפיע וויזעלמאן, ראוז גאלען, אסתר סילימסקע, נייטען פליישער, וואָס איז דאן געווען דער רעדאקטאר פון דער „ווארהייט,” אין פילאדעלפיא, און ש. פרענאוויטץ פון דעם היגען „פאָרווערטס.”

ביי יענער זיצונג זיינען געוויילט געוואָרען צייטווייליגע באאמטע: בערטא פאול, טשערלידי; אסתר סילינסקי, סעקרעטאר; דר. ארענשטיין, טרעזשורער, און ראוז שאטץ, פינאנץ סעקרעטאר. אין 2 וואָכען צייט האָט די גרופע געשאפען 500 מיטגלידער, דערנאָך איז פאררופען געוואָרען אַ פאָרזאמלונג אין דער 6טער און מארים סטריט שול, וואו עס זיינען דערוויילט געוואָרען פערמאנענטע באַ־אמטע.

ריבא שעסטאק איז דאן דערוויילט געוואָרען ערשטע פרעזידענטין, און זי האָט דעם אמט געהאלטען 25 יאָהר. עס איז געדונגען געוואָרען די הויז אין 1538 ס. 6טע סטריט, און די גרינדער האָבען ניט גערוהט ביז זיי האָבען ניט פאָרזיכערט די עקזיסטענץ פון דער דעי נוירסערי.

די טשערליידי פון די קעמפיינס אין דער פארגאנגענהייט זיינען געווען איז־ראעל קאָהן, אסיסטענט דיסטריקט אטורני אייבערהעם בערקאוויטץ. ארום דעם 20־יאָהריגען יובילעאום פון דער דעי נוירסערי זיינען געווען אקטיוו אלס קאָ־טשערליידיס, טרעזשורערס און מיטארבייטער: אסתר קלינגהאפער, דר. מייער וועגדקאָס, סילוויא גאָסמאן, מר. איזידאָר וואלאזשין, דזשאָזעף זשיטאָמירסקי, מרס. ראוז פאגאטש, מרס. קלארא אווערבאך און רובין וואלדער. דער דערפאָלג פון דעם יובילעאום איז געווען צו פאַרדאנקען מר. און מרס. דוד אווערבאך, מר. און מרס. פריינק קוירבים, רובין וואלדער, סעמועל ראבינסאָן און מ. מענעקער. די דערמאָנטע האָבען געזאָרגט אַז דער באַנקעט זאָל קיין געלט ניט קאָסטען.

דר. מאקס בארבאור האָט גרויסע פאָרדינסטען פאַר לייסטונגען צו דעם אנ־שטאלט, זייענדיג די גאַנצע צייט דער דאקטאר פון די קינדער דעי נוירסערי.

די היים האט ביז איצט דערצויגען טויזענדער קינדער, א דור יתומים, וואס זיינען אויסגעוואקסען נוצליכע און ווירדיגע בירגער, א דאנק דער דערציאונג וואס די קינדער האבען געקראגען קליינערהייט אין דעם אנשטאלט.

די איצטיגע באאמטע זיינען ריבא שעסטאק, עהרען פרעזידענטין; סיליע סיוועד, עקס פרעזידענטין; ראוז פאגאטש, פרעזידענטין; ראוז עסקאוויטץ, און בעסי דעלינסקי, וויס פרעזידענטינס; מינע ברענער, טרעזשורער; עלען פרימאן, רעקארדינג סעקרעטאר; מרס.ס נייטען ראם, פינאנס סעקרעטאר; ראוז גראסמאן, פעני סקווערסקי, און אסתר באגדאנאף, טראסטים; מערי טשעסנער, הויז טשער־לידי; אנא בלאק, טשערליידי פון לינענס; סאפיע זאסלאווסקי, טשערליידי פון סאשעל פאנד; מר. לעפינסקי, טשערמאן פון רעסיטס; רעי יאריש, טרעזשורער פון סאשעל פאנד; מאקס שעסטאק, אוידיטאר.

★

אינד. קריוואזער בענעפישעל אסס׳ן

די קריוואזער האבען זיך געגרינדעט דעם 19טען מארטש, 1911, מיט דעם ציעל צו פארשפרייטען פריינטשאפט און ליבע צווישען מיטגלידער, אין לייד און אין פרייד. אלע זייערע פארהאנדלונגען ביי די זיצונגען ווערען געפיהרט אין אידיש, אפילו זייערע ביכער.

זייער געשיכטע אין קורצען:

מיט איין און דרייסיג יאהר צוריק זיינען אריבערגעקומען פון קריוואזיר א גרופע אימיגראנטען, געטריבענע און געיאגטע דורך פאגראמען. די גרינדער זיינען געוועזן מארים סאל, ס. גאלד, א. גאלד, ס. גודמאן, רובין וויינער, הערי סאל, ה. קראוויטץ, ס. גידער, א. פיינסטיין, ס. גרין, וו. ספעקטאר, מ. ספיוואק, אייב ליט, דזש. קאהן, ב. קאפלאן, ס. אינגערמאן, דזש. ספיוואק, א. ראזען, א. נידעלמאן, יוסף האפמאן און בערל ליט.

די ערשטע פארזאמלונג איז געהאלטען געווארען אין הויז פון אייק גאלד, און דערנאך ביי רובין וויינער. דער צוזאמענשטעל פון מיטגלידערשאפט באשטייט פון ארבייטער און מיטלקלאס מענשען, און ביי יעדער געלעגענהייט פון אן אר־בייטער קאמף האבען די קריוואזיר זיך אפגערופען ווארעם מיט זייער שטיצע און סימפאטיע. דער פאראיין האט אויך אלעמאל א ווארימען באציה צו נאציא־נאלע אידישע אינטערעסען.

די ערשטע באאמטע אין 1911 זיינען געוועזן סעמועל גרין, פרעזידענט, יונה קאהן, וויס פרעזידענט, רובין וויינער, טרעזשורער, רפאל וויינער, רעק. סעק., און וויליאם ספעקטאר, פינאנץ סעקרעטאר.

עס איז כמעט ניטא איין נאציאנאלע אדער לאקאלע קערפערשאפט וואס איז ביז איצט געקריוודעט געווארען פון די קריוואזיר.

די באאמטע הייגט צו טאג זיינען: מארים סאל, עקס פרעזידענט, סעמועל גרין, עהרען פארזיצער, מארים באלטשער, פרעזידענט, אייב ליט, וויס פרעזידענט,

היימען שווארטץ, טרעזשורער, הערי גארדאן, רעקארדינג סעקרעטאר, נייטען סאל, פינאנץ סעקרעטאר, טראַסטים: וויליאם ספעקטאַר, וויליאם שווארץ און הענרי סאל. אינערוואך: דזשעק קושניער. לאַיער אייב האפערמאן, פאַרזיצער פון קעמפּיין.

אדווייזארי באַרד: בענדזשאמין ריטנער, פאַרזיצער פון דער באַרד, נייטען סאל, סעקרעטאר פון דער באַרד. אנדערע מיטגלידער אין דער באַרד: מאָרים סאל, סעם ליט, דזשאָזעף פישער, בענדזשאמין אייזען, ב. פינקעלסטיין, מאָרים גרין, היימי סעלעקצי, א. ספּיוואק, ד. פיינסטיין, בעני נעסטאר, סעמועל לערנער, מ. דינערמאן, ל. רייזמאן, מ. זעפין, וו. ווייס, מ. קעוועלעס, בערל ליט, דזשייק טשיזיק, א. יעלענבערג און בעני בראון.

★

דירעקטאָרי פון שוהלען און קאנגרעגיישאָנס אין פילאדעלפיא

אגודת אחים — — — — — — — — — — 60־טע און קעטרין סטס.
אגודת אחים אנשי וויטעבסק — — — — — — — 1921 ס. 6טע סט.
אהבת אחים אנשי נעזשין — — — — — — — — 771 ס. 2טע סט.
אהבת אחים תלמוד תורה — — — — 80טע און איסטוויק עוו.
אהבת חסד — — — — — — — — — — 29 איסט ריטענהויז סט.
אהבת חסד אנשי שאוועל — — — — — — 322 בייברידזש סט.
אהבת ישראל — — — — — — — — — — 39טע און בראון סטס.
אהבת ישראל — — — — — — — — — 6735 נ. 16טע סטריט
אהבת ישראל אנשי קענזינגטאָן — — — — — 2302 נ. מעשער סט.
אוהל יעקב — — — — — — — — — — 7טע און קאָלאָמביא עוועניו
אוהב שלום — — — — — — — — — — 5164 קאָלאָמביא עוו.
אוהר יעקב — — — — — — — — — — 7טע און קאָלאָמביא עוועניו
אוהל יצחק — — — — — — — — — 2440 ס. 9טע סטריט
אור החיים — — — — — — — — — 517 טעסקער סטריט
אחדות בני ישראל — — — — — — — — 540 אירי עוועניו
אטיק מאהליוועך — — — — — — — — 922 ס. 4טע סטריט
אמונת ישראל רודף שלום אנשי אונגארן — — 5טע און געסקיל סטס.
אנשי הייסין — — — — — — — — — 1729 ס. 6טע סט.
אנשי ווילנא — — — — — — — — — 509 פיין סטריט
אנשי קופּילער — — — — — — — — — 2016 נ. 32טע סט.
אנשי שלום — — — — — — — — — 1924 דזשווירמענטאון עוו.
ביאליסטאצקי׳ס מנין — — — — — — — — 1410 ס. 5טע סט.
בית אברהם — — — — — — — — 3040 נ. 22טע סטריט
בית אל — — — — — — — — — — 58טע און וואלנאט סטס.
בית אמת — — — — — — — — 52טע און וואודלאנד עוו.
בית הכנסת של ר׳ הערשיל — — — — — — — — 417 מאנרא סט.
בית הכנסת תלמוד תורה — — — — — — 30טע און יאָרק סטס.
בית המדרש הגדול אנשי רומעניא — — — — 426 ספּרוס סט.

בית המדרש הגדול דוועסט פילאדעלפיא — — 6010 לארטשוואוד עוו.
בית יהודה — — — — — — — — — — 54טע און סענסאם סטס.
בית יעקב — — — — — — — — — — — 4008 פאפלאר סט.
בית יעקב — — — — — — — — — — — 1708 סאוטה סטריט
בית יעקב — — — — — — — — — — — 6027 טשעסטנאט סט.
בית יעקב דאדמו״ר ממאָנאסטרישץ — — 6טע און וואולף סטס.
בית ישראל — — — — — — — — — — 40טע און פאועלטאָן עוו.
בית עם — — — — — — — — — — — 58טע און וואַרינגטאָן עוו.
בית שלום — — — — — — — — — — בראָד און קאָרטלאנד סטס.
בית שלום — — — — — — — — — — — 7טע און קארטלאנד סטס.
בית שמואל — — — — — — — — — — — 607 ריטנער סט.
בני אברהם אנשי רוסיא — — — — — — 6טע און לאמבארד סטס.
בני אהרן — — — — — — — — — — 53טע און יוקליד עוועניו
בני אהרן אָוו פארקסייד — — — — — — — 1713 נ. 42טע סט.
בני האלבערשטאם — — — — — — — — 6טע און גרין סטס.
בני יהושע — — — — — — — — — — 5343 בוירקס סט.
בני יעקב — — — — — — — — — — — 1929 נ. 30טע סט.
בני יצחק — — — — — — — — — — 528 איסט רוזוועלט בולעווארד
בני ישורון — — — — — — — — — — 33טע און דיימאָנד סטס.
בני ישראל — — — — — — — — — — — 1709 נ. 22טע סט.
בני ישראל — — — — — — — — — — — 10טע און ראסקאמב סטס.
בני ישראל אנשי פוילען — — — — — — 324 פיצוואָטער סט.
בני ישראל אף אלני — — — — — — — — 307 טייבער ראוד
בני ישראל אף פעירמאונט — — — — — — 2233 וואלעס סט.
בני משה — — — — — — — — — — — 1711 ס. 5טע סט.
בני מנשה — — — — — — — — — — 31טע און אריזאנא סטס.
בני נחמן — — — — — — — — — — 16טע און פרענטש סטס.
בני ראובן — — — — — — — — — — — 6טעאון קייטאר סטס.
בני שלום — — — — — — — — — — — 4858 נ. 7טע סטריט
בעסאראביער תלמוד תורה — — — — — 6טעאון מאונטען סטס.
ברית ישראל — — — — — — — — — ד. און רוזוועלט בולעווארד
ברית שלום — — — — — — — — — — — 871 נ. 5טע סט.
ברית שלום — — — — — — — — — — 69טע און פעסקיל עוו.
גאולת ישראל, אנשי ספרד — — — — — — — 843 נ. 7טע סט.
דארבי קאנגרעגיישאָן — — — — — — — — דארבי, פא.
דורשי טוב — — — — — — — — — — — 924 ניו מארקעט סט.
דורשי שלום — — — — — — — — — — 3050 בוירקס סט.
הר ציון — — — — — — — — — — — 54טע און וואודקרעסט עוו.
וועסט פילאדעלפיא קאמיוניטי סענטער — — 63טע און לאדלאו סטס.
זכרון יעקב תלמוד תורה — — — — — — 3012 קאמבערלאנד סט.
זקני ישראל — — — — — — — — — — — 428 דיקינסאָן סטריט
חברה אנשי לובאוויטש נוסח האר״י — — — 951 נ. פרענקלין סט.
חברה משניות — — — — — — — — — 1028 וו. וויאָמינג עוו.

חברה משניות אנשי ספרד — 446 נ. מארשאל סט.
חברה קהלת ישראל — 520 מארים סטריט
חברה שומרי שבת — 922 ס. 3טע סטריט
חברה שומרי שבת — 442 דזשעקסאָן סטריט
חברה תהלים — בני ישראל — טוליפ און אויבערן סטס.
חברה תהלים ומשניות — 873 נ. 6טע סט.
כנסת ישראל אנשי ספרד — מארשאל און דזשיראַרד עוו.
כרם ישראל — 32טע און מארם סטס.
כתר תורה — 335 קריסטשען סטריט
לינת הצדק — 60טע און לארטשוואוד עוו.
לינת הצדק אנשי פעירמאונט — 2טע און פעירמאונט עוו.
לינת הצדק אנשי פרוזשין — 5543 קווין סטריט
מגידי תהלים — 2027 ס. 6טע סט.
מגן אברהם — 1715 ס. 4טע סט.
מחזיקי הדת — 1336 נ. 7טע סט.
משכן ישראל — 1926 דיקינסאָן סט.
עדת ישורון תלמוד תורה — 6טע און קענטראל סטס.
עדת משה מאנטעפיארע — 2911 נ. 8טע סט.
עדת ציון — 4334 פאול סט.
עטרת ישראל — 6טע און מארים סטס.
עטרת ישראל — 84טע און הארלי סטס.
עמנואל קאנגרעגיישאָן — 1524 טשעמפלאסט סט.
עץ חיים — 4166 ווייאלא סט.
עץ חיים זכרון יעקב — 32טע און קאמבערלאנד סטס.
פאסטאווער קאנגרעגיישאָן — 6טע און סיגעל סטס.
פועלי צדק שארית ישראל — 1011 ס. 5טע סט.
פורת יוסף — 754 ס. 3טע סט.
צמח דוד דאדמו"ר מטאלנא — 1437 ס. 6טע סט.
צעירי ישראל — 335 קריסטשען סט.
קהל עדת ישראל — 3טע און קריסטשען סטס.
קהלת קודש אנשי שדה לבן — 2024 ס. 5טע סט.
קשר ישראל — 412 לאמבארד סט.
רעים אהובים אנשי ספרד — 59טע און סידער עוו.
רעים אהובים אנשי קאלקער — 5טע און דאדלי סטס.
שבטי ישורון — 1015 ס. 4טע סט.
שומרי אמונה אנשי קעלם — 4טע און וואָרטען סטס.
שערי אליהו — 8טע און פאָרטער סטס.
שערי יצחק — 2033 איסט אליגהעני עוועניו
שערי ישראל — 4טע און פאָרטער סטס.
שערי צדק — 52טע און קאלאמביא עוו.
שערי צדק אָוו רעזישטשעוו — 1013 ס. 3טע סט.
שערי שמים — 23טע און וואָרטען סטס.
שערי תורה — 728 וו. מאָיעמענסינג עוו.

תורת ישראל — — — — — — — — — — פיליפ און פארטער סטס.
תפארת ישראל אנשי זשיטאמיר — — — — — 6טע און דיקינסאן סטס.
תפארת ישראל אנטי ליטא — — — — — — 827 נ. 4טע סט.
תפארת ישראל אנשי פארקסייד — — — — — 40טע און דזשיראַרד עוו.
תקות ישראל — — — — — — — — — — 11טע און ווייאלא סטס.

★

אדו״מר משה׳לע ליפשיטץ

הרב משה׳לע ליפשיטץ, געפינט זיך אין פילאדעלפיא איבער 27 יאהר צייט, און די וואס קענען איהם דערציילען, אז ער איז חוץ א רבי אויך א געזעלשאפטליכער טוער, א מליץ יושר פאר אידען ביי דער רעגירונג, און ביי יעדער עת צרה, איז ער גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאר מענשען.

צו הרב משה׳לע ליפשיטץ קומען אידען, ווען דער חלף ליגט זיי אויפן האלז, און ער שטעלט זיי צוריק אויף די פיס. ווען עס האט זיך געהאנדעלט אפצולאזען אידישע ארבייטער אויף ימים נוראים אדער ערשטען טאג פסח, איז עס אלעמאל געווען הרב משה׳לע ליפשיטץ, וואס האט זיך איינגעשטעלט ביי דעם גאווערנאר.

הרב ליפשיטץ איז אויך איינגעלאדען געווארען פון יונייטעד סטייטס דיסטריקט ריכטער, דזשאדזש א. וועלש, צו גיבען זיין ברכה ביי א נאטוראלירונגס צערעמאניע וואו 172 אימיגראנטען זיינען איינגעשוואוירען געווארען אלס אמעריקאנער בירגער. אין 1934 האט ער אינטערוועניערט ביי גאווערנאר פינשאט צו בייטען די זיצונגען פון דער אסעמבלי וואס האט געזאלט פארקומען ביידע טעג ראש השנה.

יעדעס מאל ווען עס טרעפט אן עת צרה, איז אדו״מר משה׳לע ליפשיטץ דער ערשטער צו שטעלען זיך אין די פאדערשטע רייהען מיט די פילאדעלפיער אידען.

דעם 14טען יוני, 1936, האבען פילאדעלפיער אידען געעהרט הרב משה׳לע ליפשיטץ פאר זיין 25-יאהריגער געזעלשאפטליכער טעטיגקייט אין פילאדעלפיא. מען האט דאן געקענט זעהן באשיינפערליך דעם גרויסען אינטערעס פון פילאדעלפיער אידען וואס זיינען געקומען צו דער פייערונג אין דער „יאנג מענס היברו אסס׳ן,״ געביידע.

אלע שיכטען פון דער פילאדעלפיער באפעלקערונג האבען זיך באטייליגט אין דעם יום טוב. עס האבען זיך אויך באטייליגט א צאהל שטאטסלייט, ווי ווארען בארבור, סענאטאר פון ניו דזשוירזי, סענאטאר בארא, אלפרעד קאהען, פרעזידענט פון די בני ברית, סענאטאר דייוויס, גאווערנאר אוירל, מעיאר ס. דייוויס ווילסאן, אטוירני דזשענעראל דייוויד ווילענץ, ווי אויך א רייהע רבנים, רעליגיעזע פיהרער פון אמעריקא.

עס איז לכבוד דעם יום טוב ארויסגעגעבען געווארען א ספעציעל בוך „א פערטעל יאהר הונדערט," מיט דער באטייליגונג פון א רייהע שרייבער וואס האבען געשילדערט די פערזענליכקייט, הרב משה'לע ליפשיץ.

געבוירען אין 1893, אין וועליפאליע, מערב גאליציען, האט אין דער יוגענט אויסגעוואנדערט מיט זייע עלטערען קיין ארץ ישראל. נאך בר מצוה איז ער אריין אין ישיבה אהל משה אונטער דער אויפזיכט פון ראש הישיבה, רב יעקב אורענשטיין, ז"ל.

צו פופצען יאהר חתונה געהאט מיט חיה ליכטמאן, שפעטער אריין אין ישיבת חיי עולם, און צו 18 יאהר באקומען סמיכה. קומענדיג קיין אמעריקא איז ער אויפגענומען געווארען אלס רב פון דער קהלה „אור חיים," אין שיקאגא, שפעטער האט מען איהם אויפגענומען אין דער קהלה „בני אברהם," אין סעינט לואיס, און זינט 1918 געפינט ער זיך אין פילאדעלפיא.

די פאמיליע באשטייט פון 4 זיהן און 2 טעכטער, אלע געהן אין די וועגען פון זייערע עלטערען. צוויי פון די זיהן זיינען רבנים מוסמכים.

די ברידער פון הרב ליפשיטץ זיינען באקאנט אין ירושלים אלס גדולי תורה און דער פאטער, בר"זל, אין ירושלים, איז א שם טוב אין גאנץ ארץ ישראל.

★

יוסף מאגיל

(מאגילניצקי יוסף יוזל)

באמערקונג פון דער רעדאקציע:

צו שרייבען די געשיכטע פון אידען אין אידען אין פילאדעלפיא, און ניט אריינפיהרען די משפחה מאגילניצקי, וואלט בפירוש דאס בוך ניט געווען פולקאם.

דער טעם דערפאר איז א פשוטער, פאר די לעצטע פופציג יאהר געפינט זיך אין פילאדעלפיא, דער באוואוסטער פעדאגאג, יוסף מאגילניצקי, וואס האט באמת מעהר ווי אירגענד ווער אפגעגעבען זיין לעבען פאר דעם אידישען חינוך, פאר דער דערציאונג פון דעם אידישען יונגען עלעמענט, דורכדעם וואס ער האט פאר אידען איבערזעצט דעם סידור, ווי אויך דעם חומש אויף אזא אופן, ווי עס האט נאר געקענט טאן א יוסף מאגילניצקי. ער האט אונז אונטערגעטראגען אונזערע תפלות, און אונזער ביבעל אין אזא פארם, וואס אפילו דער גרעסטער עם-הארץ, און אויך דער עכטער אמעריקאנער, אויב ער האט אין דער אמת'ן געוואלט האבען א באגריף וואס ער זאגט ביי דעם „דאווענען" און וואס עס שטייט אין דער תורה הקדושה, האט ער געמוזט באנעמען און פארשטיין, וועגען וואס עס האנדעלט זיך.—רעדאקציע.

יוסף מאגיל (מאגילניצקי) איז געבוירען געוואָרען אין ראסיין, קאוונער גובערניע, פורים, 1870, אין אַ חשובער משפחה, און ביז 14 יאָהר האָבען איהם די עלטערען געהאלטען אין חדר, שפּעטער אויך אין ישיבות.

ווען דער יונגער מאגילניצקי איז אַלט געוואָרען 16 יאָהר, האָט ער בסוד אָנגעהויבען לערנען העברעאיש און רוסיש. אָבער גלייכצייטיג האָט איהם דער געדאנק אונטערגעזאָגט, אז מען דאַרף ניט אוועקלעגען אין אַ זייט די גמרא מיט פוסקים. האָט ער געלערענט יורה דעה, און געשריבען מאמרים אין „המליץ," און אין „יודישען פאָלקסבלאַט."

ווען ער איז אַלט געוואָרען 19 יאָהר, איז ער געקומען אין מיטאווע, און ער איז געווען אַ הויז-לעהרער ביי זיין פעטער, דעם גביר, מנחם מענדעל. דאָרט האָט ער געלערענט דייטש, און פון דאָרט איז יוסף מאגילניצקי אָפּגעפאָהרען קיין ליבאווע, וואו ער האָט זיך באקענט מיט די משכילים פון יענער צייט, צווישען זיי זלמן קושילעוויטש, און יעקב מארק. דאָרט האָט יוסף זיך אָנגעהויבען לערנען ענגליש, און ער האָט אפשר אַליין ניט געוואוסט, אז דאָס וועט איהם העלפען דערצו, אז ער זאָל קענען אמעריקאנער אידען מזכה זיין מיט אַ סידור און אַ חומש, אויף ענגליש, וואָס זאָל זיי דערנעהענטערען צו זייער פאָלק.

אין 1890 קעהרט זיך דער יונגער יוסף אום צו זיין געבורטס אָרט, און ער ווערט אַ לעהרער פון דער חברה „בנות ציון," ביז 1892, ווען ער האָט אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, און ער באַזעצט זיך אין פילאדעלפיא.

ביי אונז אין פילאדעלפיא איז יוסף מאגילניצקי זינט דאַן געוואָרען אַ שם־דבר. מען האָט באלד דערקענט איהם אַלס אַ וואונדערליכען פעדאגאג, און ער האָט טאקע געגרינדעט די שולע „בני ציון," וואָס האָט דערצויגען אַ דור באוואוסטזיניגע אידען.

אין 1895 האָט ער אָנגעהויבען ארויסגעבען אַ וואָכענבלאַט, „יודישעס פאָלקסבלאַט," וואָס האָט עקזיסטירט אַ יאָהר צייט. אָבער חוץ דער צייטונג האָט דער באַריהמט־געוואָרענער פעדאגאג זיך גענומען צו גאָר גרויסע, ערנסטע ארבייטען. ער האָט פאַרפאַסט אַ חומש פאַר סקוהל און אַן „עוזר למורה ותלמיד". אויך אַ „מגילת אסתר לבתי ספר ולעם," אַן הגדה פאַר קינדער, פאַר דער הויז און פאַר דער שולע. אויך אַ „רע לילדים," „אַ קבץ שירי ציון," „אַ חומש למתחילים," אַ „מורה התורה והשפה," אַן „עברית כרצון איש ואיש," „אַ סדור לבית ספר ולעם," אַ „רע הנערים," „אַ רע הבר מצוה," און אַ רייע אַנדערע ספרים.

וועגען יוסף מאגילניצקין איז אסך געשריבען געוואָרען אין דער אידישער און העברעאישער פרעסע איבער דער וועלט, און פילאדעלפיא האַלט עס פאַר אַ זכות, וואָס ער איז דאָ פאַרבליבען ביז זיין טיפען עלטער, און האָט דאָ געלאָזען אַ טיפע השפעה.

★

מאיר מאגיל

רעזידענץ: 3219 ווינפילד עוועניו. אָפיס: 410-416 רעיס סטריט. געבוירען אין ראסיין, קאָוונער גובערניע, אין אַ יחסנישער משפחה. מאיר מאגיל איז דער אינגערער ברודער פון יוסף מאגיל (מאגילניצקי) וועלכער איז געקומען אַהער אין 1892. אַ יאָהר שפּעטער האָט יוסף אַרונטערגעבראכט דעם אינגערען ברודער קיין פילאדעלפיא.

ווען מאיר מאגילניצקי איז געקומען אַהער אין 1903, איז ער געוואָרען אַ דרוקער ביי דעם עלטערען ברודער, און דריי יאָהר שפּעטער איז ער געוואָרען דער אייגענטימער פון דער דרוקעריי.

אין 1903 האָט מאיר מאגילניצקי געעפענט אַ פּאַפּיר הויז, אין 138 ס. 6טע סטריט, אויף דעם אָרט שטייט איצט די קוירטיס בילדינג. דאָרט האָט מאיר מאגילניצקי געגרינדעט די פירמע „פען קארד און פייפער האוז." ער האָט אָנגעהויבען זעהר באַשיידען, און דעם „סטאק" האָט מען צופיהרט מיט אַ פּושקארד. היינט צו טאָג איז מאיר מאגילניצקי'ס פּאַפּיר געשעפט איינע פון די אנגעזעהענסטע אין פּענסילווייניע.

האָט געהייראט ראוז גראדזענסקי, די טאָכטער פון ליב גראדזענסקי, איינע פון די אנגעזעהענסטע אידישע פאמיליעס אין ברוקלין.

זיי האָבען דריי זיהן, ראובן יעקב מאגיל, איצט ראבאי פון בית אל, אין העריסבורג, פּאַ. ראבאי מאגיל האָט גראדואירט פון יוניווערסיטי אָוו פּענסילווייניע לאָ סקוהל, ער האָט אויך געוואונען אַ סקאלערשיפּ אין דער זעלבער יוניווערסיטי. שפּעטער האָט ער באזוכט קאָלאָמביא קאלעדזש אין נויאָרק, דערצו האָט ער אויך גענומען פּריוואטע לעקציעס אין תלמוד. ער האָט געהאלטען זיין ערשטע שטעלע אין בראנקס, איידער ער האָט גראדואירט. דערנאָך איז ער געווען 3 יאָהר ראבאי אין ספּרינגפילד, מאס., אין „קדימה." פון ספּרינגפילד איז ראבאי מאגיל ארויסגערופען געוואָרען קיין באפאלא, נ. י., וואו ער האָט געהאלטען די שטעלע אין בית אל, ביז ער איז אויפגענומען געוואָרען פאַר דעם גייסטיגען פיהרער אין העריסבורג, פּאַ.

אין העריסבורג איז ראבאי מאגיל דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, ער איז אויך אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דעם ראבינאט.

ראבאי מאגיל האָט אויך געוואונען אַ סקאלערשיפּ אין דעם טעאָלאָגישען סעמינאר. ער איז פאַרהייראט צו סעלמא דיסקין, און זיי האָבען 3 קינדער: יהודית, רות און דוד.

דער צווייטער זוהן, לאַיער אליהו מאגיל, האָט גראדואירט פון פּענסילווייניע יוניווערסיטי, האָט באקומען די גאון פעלאושיפּ פּרייז, אַ סומע פון 2 טויזענד דאלאר, און דער פּרייז האָט איהם געגעבען אַ מעגליכקייט צו פאַרברייגגען אַ יאָהר צייט אין אייראָפּא. ער האָט אויך באזוכט ארץ ישראל, וואו ער האָט פאַר-

בראכט צען וואָכען. איצט איז אליהו מיט סטוירלינג און וויליג קאָמפּאני. ער איז אַ געוועזענער מיטגליד פון דער פענסילווייניע קאמפּענסיישאָן באָרד, איז אַ געוועזענער פּרעזידענט פון דער בני ברית, איז אַ גראַדואירטער אויך פון גרעטץ קאַלעדזש, און ווידמעט אסך צייט פאַר אידישע כלל אינטערעסען.

דער אינגסטער זוהן, לעאָן מאגיל, איז אַ גראַדואירטער פון טעמפּל יוני־וואַרסיטי, האָט געוואונען אַ סקאָלערשיפּ, האָט אויך באזוכט גרעטץ קאַלעדזש, ער איז אַ געוועזענער פּרעזידענט פון דער יאַנג פּיפּלס ליעג, טשערמאַן פון דער „וואהאי" פאָרם, איז געוועזן דער גרינדער פון דער דזשואיש קאַמיוניטי יוטה, איז געוועזן 2 יאָהר דער אָנפיהרער פון דער יוטה דיוויזשאָן, אין עלאַיד דזשואיש אַפּיל, איז אַן עקזעקוטיוו מיטגליד פון דער „וואהאי," און די לעצטע פינף יאָהר איז ער מיטן פאָטער אין די „ביזנעס."

לעאן מאגיל איז פארהייראט צו מילדרעד גאָלדמאַן, זיי האָבען אַ טאָכטער, רחל, 2 יאָהר אַלט.

מיט רעכט שטאָלצירט מאיר מאגיל אויף זיינע זיהן, ווייל זיי האָבען אַלע געהאט אַ גרויסען חשק צו בילדונג, און זיינען בכלל באוואוסטזיניגע אידען, טראַגענדיג אחריות פאַר אידישע נויטען, און זיי געבען זיך אָפּ מיט קולטור און מיט פילאַנטראָפּיע, פּונקט ווי זייער פאָטער.

מאיר מאגיל איז אַ געוועזענער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאציע אין סטראָבערי מענשאָן, אַ דירעקטאָר אין הר ציון טעמפּל, טשערמאַן פון דער הר ציון סקוהל באָרד, אַן עקזעקוטיווער מיטגליד פון דעם ליטווישען פאַרבאַנד, אַ מיטגליד אין דער בני ברית, אין ברית שלום, און מעהר פאַר אַלעמען איז מאיר מאגיל באקאנט פאַר אַ נדבן, שטיצענדיג מיט דער פולער האנט יעדע אידישע אינסטיטוציע נאַציאָנאַל און לאָקאַל.

מרס. מאיר מאגיל, איז א געבוירענע אין רוסלאנד פון אַ זעהר חשובער פאַמיליע, איז געקומען קיין אמעריקא, ווען זי איז אלט געוועזן פיער יאָהר.

זי איז אַן עקזעקוטיוו מיטגליד פון דער הדסה, איז אַקטיוו אין דער הר ציון סיסטערהוד, און איז שטארק פאראינטערעסירט אין אַלע צדקה אנשטאַלטען אין פילאַדעלפיא. מרס. מאגיל באַגנוגענט זיך קיינמאָל ניט דערמיט וואָס איהר מאַן איז אַ גרויסער ביישטייערער צו אַלע צדקה אנשטאַלטען, און זי אַליין גיט צדקה ביי יעדערע געלעגענהייט לויט אַלע איהרע מעגליכקייטען.

★

היימאן בראָדסקי

רעזידענץ, 5821 וואָדביין עווענו. אָפיס: 3טע און ליהאַי עווענו. געבוי־רען אין 1884, אין שפּאָלע, קיעווער גובערניע, דער זוהן פון מאיר צבי און עטל בראָדסקי.

דזשייקאָב בראָדסקי, דער עלטערער ברודער, איז געקומען אַהער פריהע־

אין 1889, און פינף יאהר שפעטער האט ער ארונטערגעבראכט די עלטערן און אויך אינגערע קינדער.

היימאן בראדסקי איז די ערשטע צייט דא געגאנגען ארבייטען און אין אווענט האט ער באזוכט א נאיט סקוהל.

אין 1904 האבען דריי ברידער, דזשייקאב, היימאן און בען בראדסקי גע־עפענט א פלאץ וואו מען ארבייט אוים פעל און וואל אין דער 3טער און נאבל סטריטס. דארטען זיינען זיי געשטאנען ביז 1917. די ברידער האבען דערנאך זיך צוטיילט. דזשייקאב איז געגאנגען אין ביזנעס פאר זיך, היימאן איז געבליבען א שותף מיט בען בראדסקי, ביז בען איז נפטר געווארען אין 1938. זינט דאן רופט זיך די פירמע היימאן בראדסקי ענד סאן. האט געהייראט א 2טע קוזינע, ענע קאזער. זיי האבען 1 זוהן, הערבערט, גראדואירט פון יוניווערסיטי און פענסילווייניע, איז מיטן פאטער אין די ביזנעס; סילוויע, איצט מרס. דייוויד לאנדע; רוטה, איצט מרס. לואיס ליכטענשטיין, און נעטי בראדסקי, באזוכט איצט טעמפל יוניווערסיטי.

היימאן בראדסקי איז א מייסאן, שריינער, און איז באזונדערס פאראינטע־רעסירט אין דער באוועגונג פאר א אידישער ארמיי. מיט א יאהר צוריק איז ער אריינגעצויגען געווארען אין דער דאזיגער באוועגונג, און ער האט פאר איהר בייגעשטייערט א פארמעגען.

זיין זוהן, הערבערט בראדסקי, איז דער סעקרעטאר פון דעם פילאדעלפיער ברענטש פון דער קאמיטע פון א אידישער ארמיי, וואס האט איהר אונטערשטי־צונג צווישען פראמינענטע שטאטסלייט און איינפלוסרייכע קרייזען.

היימאן בראדסקי איז א מיטגליד פון הר ציון טעמפל, און אין זיין הויז, איז פארגעקומען די ערשטע זיצונג פאר דער גרינדונג פון הר ציון טעמפל.

היימאן בראדסקי איז אלעמאל געווען פון יענע אידען וואס זוכען ניט קיין כבוד און שטופען זיך ניט צום פראנט. ער איז שטארק באשעפטיגט אין זיינע געשעפטען און באנוגענט זיך דערמיט וואס ער קען געבען גרויסע ביישטייערונגען.

★

איזידאר לאפעיר

רעזידענץ: 2229 נ. 53טע סטריט. אפיס: 805 ארטש סטריט. געבוירען אין קרעסלאווע, וויטעבסקער גובערניע, אין 1896, דער זוהן פון מרדכי און סלאווע לאה לאפעיר. דער פאטער איז געווען א פאבריקאנט פון מאנופעקטור. איזידאר האט באקומען א אידיש וועלטליכע בילדונג און איז געקומען אהער מיט זיינע עלטערן אין 1913. דער פאטער האט געגרינדעט די איצטיגע פירמע אין 1918. איצט רופט זיך די פירמע לאפעיר ברידער.

איזידאר לאפעיר האט באזוכט סענטראל האי סקוהל און טעמפל יוניווערסיטי. האט געהייראט קלארא גער־

בער אין 1919. זיי האָבען 4 קינדער: לעאָנארד, 22 יאָהר אַלט, האָט געמאכט
האַי סקוהל און איז איצט מיטן פאָטער אין די ביזנעס; טעאָדאָר (צבי יעקב) 15
יאָהר אַלט, אין האַי סקוהל; אסתר, 12 יאָהר אַלט, אין דזשוניאר האַי, און גלאַריא,
10 יאָהר אַלט, אין סקוהל.

איזידאָר לאפעיר איז באקאנט פאַר זיינע ציוניסטישע אקטיוויטעטען, איז
טרעזשורער פון נאציאָנאל פאָנד אין ווינפילד דיסטריקט, איז אַ מיטגליד פון הר
ציון טעמפל, טעמפל מענס קלוב, בני־ברית, איז אויך געווען איינער פון די
גרינדער פון אחדת ציון, אין נאָרטה פילאדעלפיא.

מרס. לאפעיר איז די טשערליידי פון דעם הדסה טשעפטער אין ווינפילד, איז
אַ מיטגליד אין דער סיסטערהוד, פון הר ציון טעמפל, און זי האָט צוזאמען מיט
איהר מאַן געווידמעט אסך צייט פאַר דער אידישער און וועלטליכער דערציאונג
פון זייערע קינדער.

די עלטערען האָבען אין זייערע קינדער אנטוויקעלט אַ ליבע צו אידיש און
העברעאיש, און די קינדער צייכנען זיך אויס אין אַלע זייערע לימודים.

★

יעקב ישראל בייפעלד

רעזידענץ: 5307 לעבאנאן עוועניו. אָפיס: 135 ס. 8טע
סטריט. געבוירען אין טשערקאס, קיעווער גובערניע, דער
זוהן פון הירש און פעסיע ריווע בייפעלד. געקומען אהער
מיט די עלטערען אין 1901. פאָטער איז געווען אין ריעל
עסטייט. איז אוועק פון דער וועלט ח" אדר, א. תר"פז.
מוטער לעבט מיט איהרע טעכטער אין פילאדעלפיא.

י. י. בייפעלד האָט געהייראט אין 1907 איידא גאָלד־
מאַן. זיי האָבען 2 זיהן: לעאָנארד און סידני בייפעלד.
ביידע זיינען מיטן פאָטער אין די ביזנעס, מיטגלידער פון
דער בייפיעלד דזשועלרי קאָמפּאַני.

מיטגליד אין הר ציון טעמפעל, טעמפעל מענ'ס קלוב, הר סיני לאדזש, בני
ברית, מאונט מארייא לאדזש, אריענטאל טשאפטער, מייסאָן, מיטגליד פון דער
ציוניסטישער אָרגאניזאציע, טעלענשטשער סאראקער בענעפישעל אסס'ן, מיט־
גליד אין דער בראָדערהוד אסס'ן, וואָס דער פאָטער האָט געגרינדעט.

לעאָנארד בייפעלד איז פארהייראט צו סילוויא פישמאן, זיי האָבען אַ טאָכ־
טער, 1 יאָהר אַלט, סידני איז פארהייראט צו דאריס קאָהען, זיי האָבען אַ זוהן,
6 חדשים אַלט.

מרס. בייפעלד איז אַ מיטגליד פון הר ציון סיסטערהוד, און פילאדעלפיער
ליידיס אָקזילערי פאַר יתומים מיידלאך אין ירושלים, אַקטיוו אין דער הדסה.

מרס. פעסיע ריווע בייפעלד, די מוטער פון י. י. בייפעלד, איז אַ מיטגליד פון

קאנג. בית־עם, אויך אין דער סיסטערהוד, זי איז באהאווענט אין אידישע פראגען האט הנאה פון שיינער מוזיק, ליענט אידישע צייטונגען און איז נאך גאנץ אקטיוו, ניט קוקענדיג דערויף וואס זי איז א זקנה פון 86 יאהר. מרס. בייפעלד האט 9 קינדער, 5 זיהן און 4 טעכטער, 15 אייניקלאך און 9 אור־אייניקלאך.

★

ראובן אייזיקמאן

רעזידענץ, 5טע און טעסקער סטריטס. אפיס, זעלבער אדרעס.

געבוירען אין פאפאלאן, לעבען שאוול, ליטע, אין 1891, א זוהן פון הירש און שיינע באשע אייזיקמאן. דער פאטער איז געווען א וואלד סוחר.

געלערנט אין חדר ביז 17 יאהר, האט אויך באזוכט די ישיבה אין שקוד, און אויך געלערנט פאר זיך.

אין אמעריקא זינט 1909, האט די ערשטער צייט גע־לערנט בוכהאלטעריע און זיך דערמיט באשעפטיגט. אין 1918 איז ער געדרעפטעט געווארען, און איז אפגעשיקט געווארען אין א מיליטערישען קעמפ אין נארטה קאראליינא.

געהייראט אסתר הענדעלמאן, זיי האבען א בן יחיד, דניאל, 17 יאהר אלט, גראדואירט איצט ס. פילאדעלפיא האי סקוהל. דניאל האט אויך באזוכט א העברעאישע שולע און קריגט אויך פריוואטע אונטערריכט.

אייזיקמאן איז א געענדיגטער פארמאצעפט פון טעמפעל יוניווערסיטי, איז געווען אקטיוו אין העברי הצעיר, איז דער גרינדער פון דער נחמן סירקין פאלק שולע אין ס. פילאדעלפיא, נעמט א ווארימען אנטייל אין דער פועלי ציון בא־וועגונג און אין די פאלק שולען.

מרס. אייזיקמאן איז אקטיוו אין דער פיאנערן פרויען באוועגונג, פועלי ציון, און איז אינטערעסירט אין אידישער דערציאונג.

★

מ. פישער

רעזידענץ: 6244 לארדטשוואוד עוועניו. אפיס: 308 מאר־קעט סטריט. געבוירען אין סערניק, פינסקער גובערניע, אין 1895, דער זוהן פון ביניש און בתיה פישער. האט געלערנט אין חדר ביז בר מצוה. איז אין אמעריקא זינט 1913, און דער גרינדער פון א זאקען געשעפט, זינט 1932. האט געהייראט פעסיע סווידלער, אין 1924, זיי הא־

בען צוויי קינדער, עלענאָר, 16 יאָהר אַלט, באַזוכט וועסט פילאַדעלפיא האַי סקוהל, און בערנארד, 13 יאָהר אַלט, אין דזשוניאר האַי.

מייק פישער איז דער גרינדער פון ישיבה תורה מציון, אין וועסט פילאַדעלפיא, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען מיט דריי יאָהר צוריק, און וועלכע שטייט אונטער דער לייטונג פון דעם יונגען ארץ ישראלער רב, הרב מאיר כהן.

די ישיבה האָט אין דעם משך פון איהר עקזיסטענץ זעהר אסך אויפגעטאָן פאַר דער אידישער דערציאונג אין וועסט פילאַדעלפיא, און לעצטען יאָהר איז די ישיבה אנערקענט געוואָרען פון ישיבה משכן ישראל, וועלכע האָט אַריינגע־נומען די תורה מציון ישיבה אַלס אַ בראַנטש.

וויס פרעזידענט פון קאנגרעגיישאָן בית המדרש הגדול, וועסט פילאַדעלפיא, זינט 1940, מיטגליד פון ברית שלום, קאַרדאזא לאדזש, מיטגליד פון בני־ברית, ברית אחים, און אַ ליבעראַלערביישטייערער צו אַלע צדקה אנשטאַלטען.

מרס. פישער איז דער טרעזשורער פון דער לידיס אָקזילערי פון בית המדרש הגדול, נעמט אַן אנטייל אין דער ארבייט פון דער ישיבה תורה מציון, און איז בכלל פאַראינטערעסירט אין אַלע אידישע אנגעלעגענהייטען.

★

וויליאם מעדזשעבאוו

רעזידענץ—5741 וואודקרעסט עוועניו. אָפיס—910 וואלנאט סטריט. פענסילווייניא אָפיס פּוירניטשור קאמ־פּאני.

געבוירען אין בראאילעוו, פּאדאלסק, אין 1890, דער זוהן פון יוסף און מאסיע מעדזשיבאוסקי. פאָטער איז געוועזן אַ פּאַרוואַלטער ביי קעלבערן אין געשעפט. גע־לערנט אין חדר ביז בר מצוה.

אין אַמעריקא זינט 1910, איז געווען אַ „קעבינעט מייקער.” האָט געהייראט בערטא בערליאַנט אין 1912. זיי האָבען 4 קינדער: אײדא, איצט מרס. סעם שליאַמ־טשיק; מאַלי, איצט מרס. לואיס עוועלאוו; אוירווינג מעדזשעבאוו, אין דער אַמעריקאַנער ארמיי, איז פאַרהייראַט; ענע, איצט מרס. מארטאן לעווין. אַלע וואוינען אין פילאַדעלפיא.

וויליאם מעדזשעבאוו איז דער טשערמאַן פון בראאילעווער פרענדשיפ בראַנטש, אידיש נאַציאָנאַלער ארבייטער פאַרבאַנד, איז אויך אַקטיוו אין נאַציאָ־נאַל פאָנד קאָמיטעט, איז דער פרעזידענט פון אַ פאַמיליען סוירקעל וואָס טראָגט זיין נאָמען, געגרינדעט אין 1937; איז דער גרינדער פון דער סטיינמאַנ׳ס מיוז־

טשעל לאאן אסאסיאיישאן; אויך דער פרעזידענט פון וויליאם מעדזשעבאו סאשעל קלוב זינט 1938, פארמאגט 60 מיטגלידער וואס טוען ארבייט פארן רויטען קרייץ.

אין 1913 האט ער מיט דער פרוי באזוכט אייראפא, און פארבראכט א שטיקעל צייט אין זיין געבורט ארט.

איז עד היום געבליבען א געטרייער מיטגליד אין דער יוניטעד בראדערהוד אוו קארפענטערס ענד דזשאינערס יוניאן, אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר, און כאטש ער איז א געשעפטס מאן, גייען זיינע סימפאטיעס אלעמאל מיט די אר־בייטער מאסען.

★

שלמה קאופמאן

רעזידענץ: ווירדזשיניע עוועניו, קאופמאנ׳ס האטעל, אטלאנטיק סיטי. געבוירען אין יוראוויטש, מינסקער גו־בערניע, דער זוהן פון יצחק יעקב און יודאשע קאופמאן. האט געהייראט ציפע פרידקין, אן אייניקעל פון רב איציע־לע, זצ״ל, נפטר געווארען י״ז כסליו, תש״ב. מרס. קאופ־מאן איז געווען די גרינדערין פון דער דאון טאון היברו דעי נורסערי.

אין אמעריקא זינט 1907, איז געווען אין פילאדעל־פיא ביז 1920. האט געהאלטען א בוטשער שאפ אין 645 פארטער סטריט.

קאופמאן איז געקומען נאך די פאגראמען אין רוסלאנד מיט די ליידיגע הענט, האט געהאלטען א סטענד פון „לשנה טובה׳ס" און ער האט אויך געדאווענט ימים נוראים און שטארק אויסגענומען. שפעטער האט ער גענומען דעם ניו אודיטאריום אויף סניידער עוועניו און געהאט גרויס דערפאלג.

ביז 1917 האט ער געמאכט א פארמעגען אין ריעל עסטייט אבער האט אלצדינג פארלוירען און געדארפט נאכאמאל אנפאנגען פון אנהויב. שפעטער האט ער ווידער געמאכט פערציג טויזענד דאלאר, האט ער אפגעקויפט דעם האטעל אין אטלאנטיק סיטי, און איז שוין דארט פארבליבען.

קאופמאן איז דער פרעזידענט פון דער אטלאנטיק סיטי פרי היברו סקוהל, און נעמט אן אקטיווען אנטייל אין געזעלשאפטליכע ענינים.

קינדער: יצחק יעקב קאופמאן; חוה, איצט מרס. סמאגער; בעלא, איצט מרס. אב. היימאן; דארים, מרס. בערנארד רעיקאף; בנימין קאופמאן; רייזעל, איצט מרס. מארים בארדמאן; טייבעל, איצט מרס. מילטאן סאסניק; יוסף און שמואל קאופמאן.

אלע קינדער וואוינען אין אטלאנטיק סיטי. קאופמאן איז אויך געבענשט מיט עלף אייניקלאך און 3 אור־אייניקלאך. מר. און מרס. קאופמאן זיינען בא־

עהרט געווארען מיט א צימער אויף זייער נאמען אין דער פילאדעלפיער דאון טאון היברו דעי נוירסערי, פאר זייערע לייסטונגען, מרס. קאופמאן איז אויך געווען טרעזשורער פון דער אטלאנטיק סיטי היברו פרי לאאן סאסייעטי.

בנימין קאופמאן און דארים רעיקאף זיינען שותפים מיטן פאטער אין די האטעל ביזנעס אין אטלאנטיק סיטי.

★

בענדזשאמין י. לייבאוו

רעזידענץ: 212 אדריאטיק. אפיס דערזועלבער, אין אטלאנטיק סיטי. געבוירען אין פילאדעלפיא, אין 1888, דער זוהן פון אייזיק און סערע לייבאוו, האט אין פילאדעלפיא געמאכט פאבליק און האי סקוהל, און דרעקסעל אינסטיטוט, מעקעניקעל אינזשענירונג, און סקוהל אוו ארט אין 1903. האט געהאט זיין ערשטע שטעלע מיט פאבליק סורוויס קארפארייש אן אוו ניו דזשוירזי פון 1905 ביז 1908. טשיף דרעפטסמאן פון פלעטבוש געז און עלעקטריק קאמפאני, ברוקלין, אין 1919 זיך פארבונדען מיט דעם יו. עס. נייווי דעפארטמענט אוו יארדס און דאקס.

אין אטלאנטיק סיטי זינט 1922, איז געגאנגען אין היטינג און פלאמבינג ביזנעס.

האט געהייראט ראוז מאסקאוויטץ אין 1909, זייערע קינדער זיינען: מילטאן לייבאוו, 33 יאהר אלט, האט גראדואירט פון אטלאנטיק סיטי פאבליק סקוהל, וואקיישאנאל סקוהל, עלעקטריק קורס, פלאמבינג קורס, אין קארנעגי טעק, אויך דורך אינטערנעשאנאל קארעספאנדינג סקוהל, און אירווינג לייבאוו, 27 יאהר אלט, האט געענדיגט פאבליק און האי סקוהל, טעמפל יוניווערסיטי, היטינג ענד פלאמבינג, ווענטילייטינג און עיר קאנדישענינג.ביידע זיהן זיינען מיטן פאטער אין די ביזנעס. גרינדער און געוועזענער פרעזידענט, און טרעזשורער פון דער אטלאנטיק סיטי היברו שעלטערינג און אלד אידיש האום, א געוועזענער פרעזידענט פון מאסטער פלאמבערס אסאסיאיישאן, אטלאנטיק סיטי, טראסטי פון ניו דזשוירזי סטייט מאסטער פלאמבערס אסאסיאיישאן, אטלאנטיק סיטי, פראמינענטער מייסאן, אין ברוקלין עקסעלשיאר קאנסיסטערי, קרעסענט טעמפל, שריינער, „טאל סידערס אוו לעבאנאן," אקטיווער ציוניסט, דירעקטאר פון קאמיוניטי סינאגאג, מיטגליד פון ציוניסטישען דיסטריקט.

מרס. לייבאוו איז אקטיוו אין דער הדסה, אין דער לידיס אקזילערי פון קאמיוניטי סינאגאג, מאנטעפיאר טרו סיסטערס, לינק און אנדערע וואוילטעטיגקייטען.

די לייבאווס האבען שוין אויך 3 איניקלאך.

★

דזשוליוס גרינבערג

געבוירען אין מינסק אין 1872, דער זוהן פון משה ליב און שרה גרינבערג. איז געקומען קיין אמעריקא אין 1894, האט געהייראט סיידי מילער אין 1898, איז אוועק פון דער וועלט, אלול, תש"ב.

דזשוליוס גרינבערג האט 2 זיהן, לואיס גרינבערג, געוועזענער רעדאקטאר פון דער דעילי פרעס און איווינינג יוניאן, אטלאנטיק סיטי, און סעמועל גרינבערג, אינסטראק־טאר אין אטלאנטיק סיטי קאמיוניטי סענטער. סעמועל האט געענדיגט סקוהל און געארבייט ביי דר. סאלאסען, איז אויך געווען דער בוכהאלטער פון דער לאקאלער פע־דערײשאן. האט געוואונען נעשאנאל טשעמפיאנשיפ פאר בעסקעט באל אין 1933. לואיס גרינבערג האט גראדואירט פון פילאדעלפיא קאלעדזש אוו פארמאסי, אין 1919. איז א מיטגליד פון קאנגרעגיישאן קאמיוניטי סינאגאג, אטלאנטיק סיטי פרעס קלוב, און איז איצט מענעדזשער פון ס. מארטימער אווערבאך, אייגענטימער פון דעפארטמענט סטארס.

דזשוליוס גרינבערג איז געווען דער ערשטער פרעזידענט פון דער אטלאנטיק סיטי שעלטערינג האום פאר זקנים און זקנות.

חוץ די זיהן האט ער אויך א טאכטער ענע ראוז, איצט מרס. בענדזשאמין ראזען, פון פאסעיק, ניו דזשורזי, איז געווען פראמינענט אלס סעקרעטאר צו דער אטלאנטיק סיטי פעדערײשאן אוו דזשואיש טשאריטיס.

דזשוליוס גרינבערג איז געווען פון די גרינדער פון דעם דענווער סאניטא־ריום, אין דער צייט ווען דר. חיים ספיוואק האט געוואוינט אין פילאדעלפיא, אויך דער גרינדער פון דער ארקטיק עווענין שוהל און פרעזידענט 25 יאהר. אויך א געוועזענער פרעזידענט פון אינדעפענדענט ארדער ברית אברהם, האט ארגאניזירט די אינדעפענדענט ביזנעסמענס אסאסיאיישאן, גרינדער פון ברענטש 98 נאיטס אוו פיטיעס, גרינדער פון „הילף פאר קליינע געשעפטסלייט" און נאך היינט זייער פרעזידענט.

★

לואיס לעטאפסקי

רעזידענץ—811 ס. 3טע סטריט. געשעפטס אדרעס—דער זעלבער. געבוירען אין באגוסלאוו, קיעווער גובערניע, אין 1883, דער זוהן פון בערל און לאה לעטאפסקי. פאטער האט געהאט אן אכסניה און איז אויך געווען א סוחר פון בהמות.

האט געלערענט אין חדר ביז 14 יאהר, האט אויך באזוכט א רוסישע שולע.

אין אמעריקא זינט 1903, אין דער צייט פון דער רוסיש־יאפאנעזישער מלחמה.

אין 1904 האט ער געהייראט גיטל פיאטעצקי, זיי

האָבען 5 קינדער: ראוז, מרס. לואי האפמאן, אַ סיילסמאן; הערי לעטאפסקי, אין די „האָזשערי" ביזנעס; טאניע לעטאפסקי בענדזשאמין, איצט אין אויסטראַליע, מיט דער אַמעריקאנער ארמיי, און דזשאָזעף לעטאפסקי, אין די זעלבע ביזנעס.

לעטאפסקי איז איינער פון די גרינדער פון די באסלאווער און איז געווען דער טרעזשורער פון דעם 25טען יובילעאום קאָמיטעט.

נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה איז ער אויך געווען אַקטיוו אין דעם אוקראַינער פאַרבאַנד און האָט אין פילאַדעלפיא געהאָלפען שאַפען גרויסע סומען געלט פאַר די אידען אין אוקראַינע. אין 5 יאָהר צייט איז פון פילאַדעלפיא איבערגעשיקט געוואָרען די סומע פון אַכצען טויזענד דאָלאַר.

איז געווען אַקטיוו פאַר די פאָלקס שולען אין פילאַדעלפיא, אין ברית שלום, אין נאַציאָנאַלען ארבייטער פאַרבאַנד, און אין דער היברו ליטעראַטור סאָסייעטי, איז איצט אַקטיוו ארום דער בני ראובן שוהל און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

גיטל לעטאפסקי איז איינע פון די גרינדערין פון דער באסלאווער לײדיס אָקזילערי, געווען 2 יאָהר פרעזידענטין פון לײדיס אָקזילערי ארום דער קהל עדות ישראל שוהל, נעמט אַן אַקטיוון אנטייל אין דער הדסה, און צייכענט זיך אויס מיט איהר גאַסטפריינדליכקייט, באַזונדערס פאַר ליטעראַרישע מענשען און כלל טוער, וואָס געפינען אַלעמאָל אין זייער הויז אַ וואַרימע סביבה.

★

בענדזשאמין שענדער

רעזידענץ: 5601 ווינפילד עוועניו. אָפיס 22טע און אַרטש סטריט. געבוירען אין עסטרייך, גאַליציען, דעם 2טען נאָוועמבער, 1885, דער זוהן פון דוד און גאָלדע שענדער. האָט געלערענט אין חדרים און שולען ביז 17 יאָהר אַלט.

אין אַמעריקא זינט 1901, האָט געהייראַט חיה ני־רענבלאַט, פון בעלז, בעסאַראַביע, און זיי האָבען 2 זיהן: לעאָן דזש., 31 יאָהר אַלט, האָט געענדיגט האַי סקוהל, און די וואַרטאָן סקוהל, און סידני, 26 יאָהר אַלט, האָט געמאַכט האַי סקוהל און אַ ביזנעס קורס.

בענדזשאמין שענדער איז אַ מיטגליד פון הר ציון טעמפל, איז אַקטיוו אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַלע זיינע יאָהרען, איז אַ פראָמינענטער מייסאָן, אַ מיטגליד פון גאָלדען סליפער, און ברית אחים. מרס. שענדער איז אַקטיוו אין דעם איסטערן סטאַר, און צוזאַמען מיט איהר מאַן נעמט זי אַנטייל אין יונייטעד טשאַריטיס דראַיוו, עלאַיד דזשואיש אַפיל, אין נאָרטה־איסטערן היברו אָרפענס האוס, און אַ צאָהל אַנדערע וואוילטעטיגע אנשטאַלטען.

★

סעמועל פריעדמאן

רעזידענץ—2217 נ. 31טע סטריט. געבוירען אין וויניצ־גראד, קיעווער גובערניע, א זוהן פון אברהם און מלכה פריעדמאן.

נאך בר מצוה האט ער זיך געלערנט ארבייטען ביי קירזשענעריי, האט שפעטער מיטגעמאכט די כוואליע פון פאגראמען אין אוקראינע און האט זיך געראטעוועט קיין אמעריקא מיט דער פאמיליע אין 1922.

אין 1894 האט ער געהייראט שרה לוריק, זיי האבען 4 קינדער: מרס. לאה באקסענבוים; בתיה, מרס. ל. פריעד־מאן; אברהם פריעדמאן, איינענטימער פון א לאנדרי; און [illegible], מרס. קובער.

איינער פון די גרינדער און פרעזידענט פון די פילאדעלפיא סאשעל וואיר־קערס, גרינדער פון ברענטש פאר הארעים בוירק מעמאריאל האספיטאל, (היינט, פילאדעלפיא פסיכיאטרישער האספיטאל), פרעזידענט פון בוקיער בענעפישעל אסס'ן, טרעזשורער פון קאנגרעגיישאן בני מנשה און פאר די לעצטע 19 יאהר טרעזשורער פון בראדערהוד בענעפישעל אסאסיאיישאן.

מרס. פריעדמאן איז א געוועזענע וויס טשערליידי פון דער סיסטערהוד פון קאנגרעגיישאן בני מנשה.

★

מאיר מאקאדאנסקי

רעזידענץ—2336 ביולא סטריט, געשעפטס אדרעס—דער זעלבער. געבוירען אין קאניעוו, פאדאלסק, אין 1878, דער זוהן פון הלל און חיה מאקאדאנסקי. פאטער איז געווען א מוכר תבואה'ניק.

געלערנט אין חדר ביז 15 יאהר, דערנאך זיך גע־לערנט א מלאכה ביי א קארעטניק.

אין אמעריקא זינט 1907. באשעפטיגט זיך מיט „פעינטען" הייזער.

האט געהייראט איטא שניידערמאן. זיי האבען 5 קינדער: וועלוועל מאקאדאן; ענע, מרס. בען סילווער; הערי מאקאד'אן; ראוז, מרס. ניק האלענדער, און זלמן מאקאדאנסקי.

וויס פרעזידענט פון מאנאסטרישטשער רבינ'ס בית יעקב שוהל; פרעזידענט פון עדת ישראל פראטעקטיוו לאדזש; אקטיוו אין סאוטה פילאדעלפיא מיוטשועל ביזנעס אסאסיאיישאן.

דער בייטראג פון אידישע זיהן פון פילאדעלפיא אין דעם איצטיגען קאמף פאר א דעמאָקראטישען נצחון

(פאָרן צוקונפטיגען היסטאריקער)

עס וועט קומען א צייט אין דער נאָהענטער צוקונפט, און עס וועט אָנגעזאָגט ווערען די שעה פון נצחון, דער מאָמענט, ווען די ארמייען און אַלע אַנדערע באוואפענטע כוחות אין דער לופט, אויף די זיבען ים'ן, און אונטער די וואסערען, וועלען אָפּהאַלטען זייער וואונדערליכען זיעג איבער די פינסטערע שונאים פון דער גאַנצער וועלט.

אין יענעם מאָמענט וועלען געשיכטע שרייבער פאָרשען און זוכען. זיי וועלען באַקראַנצען מיט לארבער בלומען די העלדען פון דער געשיכטע, און זיי וועלען מיט רעכט געבען קרעדיט צו די אַלע העלדען, וואָס האָבען זיך מוסר נפש געווען פאַר דער דעמאָקראטיע און דער פרייהייט פון דער וועלט.

פיהלען מיר, אַז דער היסטאריקער וועט נישטערען און זוכען אונזער אידי־שען בייטראג, און ווי אַזוי מיר האָבען געענטפערט אויף דעם רוף פון דעם גרעס־טען מענשען פון אונזער דור, אונזער פיהרער, פרענקלין ד. רוזוועלט.

האָפען מיר, אַז ער וועט ווייט ניט דאַרפען זוכען. אויך דאָס דאָזיגע בוך „אידישע אנשטאלטען און זייערע פיהרער," וועט דעם היסטאריקער לייסטען זעהר וויכטיגען מאטעריאל. אידען האָבען די ערשטע געענטפערט אויף זיין רוף.

שוין אין אָנהויב פון אונזער בוך געפינען מיר אַן ארטיקעל געשריבען פון דעם זעהר חשובן מיטארבייטער, דר. מייער סאלים קאָהען, זעהען מיר, אַז אונזערע אידען האָבען שוין געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע נאָך פאַר דער אַמעריקאַנער רעוואָ־לוציע. דר. מייער סאלים קאָהען גיט אונז אַ בילד פון זיבען דורות אידען אין אמעריקא, וואָס האָבען געקעמפט פאַר אַמעריקאַ'ס פרייהייט גלייך ביי דעם געבורט פון דעם געדאנק פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציע, זעהען מיר, אַז מיר ווייסען אַלעמאַל ווי צו שעצען פרייהייט.

אונזער אידישער בייטראג צו דעם בירגער קריעג קאמף פון אמעריקא, און וואָס מיר האָבען געלייסטעט אויף אַלע פראָנטען, איז געשריבען מיט בלוט אויף די בלעטער פון דער געשיכטע פון אַמעריקאַ.

וואָס פאַר אונז איז וויכטיג אין דעם איצטיגען מאָמענט, איז דער בייטראג פון אונזערע ברידער, אידען, אין דעם איצטיגען שווערען קאמף פאַר דעמאָקראטיע. די געשיכטע האָט אונז געשטעלט צום נסיון, און מיר האָבען אויסגעהאַלטען . . .

דאַרף דעריבער דאָ פאַרצייכענט ווערען, אַז פונקט ווי אין אַלע מלחמות פון אמעריקא, האָבען מיר בייגעטראָגען אונזער חלק בלוט, אונזער שטייער גלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער, און פראָפּאָרציאָנעל, אפשר גאָר אַ גרעסערען חלק, ווי מען האָט פון אונז געדאַרפט דערוואַרטען, אַלס אַ מינאָריטעט אין אַמעריקאַ.

שוין גלייך אין דער ערשטער שעה פון דעם יאפאנעזישען מערדערליכען, נידערטרעכטיגסטען פאררעט, אין דער שעה, ווען אונזער רעגירונג איז געזעסען אין וואשינגטאן, האט פארהאנדעלט מיט די געמיינע יאפאנאצים, וועגען שלום, און זייערע באנדיטען זיינען אונז באפאלען אין „פוירל הארבאר," האבען אונזערע פילאדעלפיער אידישע זיהן, פעלדמאן און לואיס באצאהלט מיט זייערע לעבענס, און זיינען אומגעקומען פארטיידיגענדיג אמעריקא'ס עהרע.

לואיס און פעלדמאן שיינען ארויס ווי צוויי העלע שטערן אין דער פינסטערער נאכט. און זינט דאן, איז גענוג צו בלעטערען די זייטען פון דעם דאזיגען בוך „פילאדעלפיער אידישע אנשטאלטען און זייערע פיהרער," און מען וועט ניט געפינען כמעט קיין איין אידישע פאמיליע וואס האט ניט א זוהן, און זעהר אפט, צוויי און דריי אויף אלע פראנטען פון אמעריקא, איבער דעם גאנצען גלאבוס. איהר וועט געפינען סידני סמאל, דעם זוהן פון לואיס סמאל, אין האנאלולו, דאס געפערליכע פלאץ זינט דעם אויסברוך פון דעם קריעג. מיר געפינען אויך צוויי זיהן פון דייוויד ברייען, און דעם בן יחיד פון דעם רעדאקטאר פון דעם בוך, א סארדזשענט מיט א באמבארדיר עסקאדראן, דניאל מאלאמוט, אין עגיפטען, אנגעשלאסען נאך איידער די מלחמה האט אויסגעבראכען. ער געפינט זיך איצט אונטער דער מערדערליכער היטץ, אין פיבער און אין דער גרעסטער געפאהר, און ער איז אן אינספיראציע פאר אנדערע.

און אזוי אויף וועלכע זייט פון דעם בוך דער לייענער וועט זיך קעהרען און ווענדען, וועט ער געפינען אז אונזערע אידען האבען בייגעשטייערט מעהר ווי זייער חלק צו העלפען אמעריקא און די פאראייניגטע פעלקער אין זייער העלדישען קאמף.

מיר געפינען די אייניקלאך פון דעם זקן־הרבנים, דוב אריה הכהן לעווינטהאל, מיר געפינען ראביי סיימאן גרינבערג אלס טשאפלעין, ראבאי שלמה אריה לאנג, אלס טשאפלעין, מיר געפינען אויך מאיר און צבי טווערסקי, 2 זיהן פון אדו"מר משה צבי טווערסקי, אין דער אמעריקאנער ארמיי, כאטש אלס גייסטליכע זיינען זיי געווען בארעכטיגט אויסגעלאזען צו ווערען.

איהר געפינט אין דער ארמיי דעם זוהן פון פראפעסאר חיים פיינמאן, פיהרער פון די היגע פועלי ציון' און דעם זוהן פון אפרים און בעסי בוירנשטיין, פרעזידענט פון דער רומעניען היברו, וואס האט וואלונטירט פאר דער אמעריקאנער נייווי.

דער זוהן פון קאנטאר גדליה ראבינאוויטץ, אליין א גרויסער יחסן, און א מיטגליד פון דער מאנאסטריסטשער דינאסטיע, איז איצט מיט דעם נייוועל רעזערוו האספיטאל. צוויי זיהן פון באקאנטען פועל־ציון, יצחק שווארטץ און דער איידעם פון הערי בערגער, מענעדזשער פון „פארווערטס."

הערי היימאן, דער בן יחיד פון ירחמיאל היימאן, און זיין איידעם, הערי סאטען, געפינען זיךביידע מיט די באוואפענטע כוחות פון דער אמעריקאנער ארמיי.

בלעטערט די „פיידזשעס" פון ברית אחים, ברית שלום, ארבייטער רינג, נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד, בני חיים סאשעל, באסלאווער, סמילער און א'ע

אנדערע אָרגאניזאציעס, די אברעמאוווער־סאכאטשאווער, דעם אסתר לאדזש, בערטא ראוויטץ לאדזש, מערי גרינבערג שוועסטער ליגע, און אזוי ווייטער, וועט איהר געפינען אז מיר האָבען געליסטעט הונדערטער און טויזענדער מיטגלידער פאַר דער ארמיי, פאַר דער נייווי, פאַר די מארינען און די סובמארינען.

סאניע און שמואל סאבעלמאן האָבען זיהן אין דער אמעריקאנער ארמיי, און אזוי קענט איהר בלעטערען אלס „פיידזשעס" פון אונזער בוך, און זיי וועלען זאָגען עדות, אז מיר אידען אין פילאדעלפיא, ווי איבער גאנץ אמעריקא, האָבען ניט פארנאכלעסיגט אונזער חוב, און האָבען בשמחה רבה זיך אָפּגעזעגענט מיט אונזערע זיהן, און זיי פרייוויליג אָפּגעגעבען אין דיענסט אונזערע פריי לאנד, אמעריקא.

האָפען מיר, אז די קרבנות אונזערע וועלען אָנגענומען ווערען לרצון און אז מיר וועלען אינגיכען דערלעבען די צייט, ווען די גאנצע וועלט וועט ווערען פריי, אונזערע געמיינע שונאים וועלען באזיגט ווערען, און די ממשלת זדון וועט פאַר־טיליגט ווערען אויף אייביג, און פונקט ווי די תורה הקדושה האָט אונז אָנגע־זאָגט: „מחה תמחה את זכר עמלק, מתחת השמים לא תשכח." אזוי וועט די וועלט געדיינקען אז עס טאָר ניט בלייבען קיין זכר און קיין שמץ פון קיין נאצי, פון קיין פאַשיסט, און פון געלען יאפּאנאצי, נאָר אז די וועלט מוז ווערען פריי. דער קיום פון דער ציוויליזאציע מוז ווידער פארזיכערט ווערען, און דערנאָך וועלען מיר ווידער ווערען אַ פריי פאָלק אין דער משפּחה פון אלע פעלקער אויף דער ערד.

עס וועלען מקוים ווערען די רייד פון אונזערע געטליכע נביאים:

„לא ישא גוי על גוי חרב".

„קיין פאָלק וועט מעהר ניט הויבען קיין שווערד געגען אנאנדער פאָלק."

זאָלען די בלעטער אין אונזער בוך עדות זאָגען, אז מיר האָבען געטאָן אונזער חוב צו אונזער לאנד, און האָבען געמאכט אונזער פולען בייטראג פאַר דעמאָ־קראַטיע.

★

„מערי גרינבערג שוועסטער ליג"

די אָרגאניזאציע, די „מערי גרינבערג שוועסטער ליג," צייכענט זיך אויס מיט דער אייגענארטיגקייט פון איהר פיעל זייטינער פּראָגראם אויף דעם געביט פון וואוילטעטיגקייט פאר לאקאלע אינסטיטוציעס, און הילף פאר נאציאָנאלע באוועגונגען. די דאָזיגע פּראָגראם איז אָנגעצייכענט געוואָרען אויף דער איני־ציאטיווע פון דער פרוי וועמענס נאָמען די אָרגאניזאציע טראָגט, און ווערט אויסגעפיהרט דורך די צוויי הונדערט פרויען וועלכע זיינען אָנגעשלאָסען אין דער קערפּערשאַפט היינט צו טאָג.

די אָרגאניזאציע איז געגרינדעט געוואָרען דעם 28טען מארטש, 1935, אין הויז פון מרס. רעי פישמאן, 5449 מאָרס סטריט, ווינפיעלד, וואו עס זיינען געווען אנוועזענד די פאָלגענדע צוועלף פרויען.

סערע קאהן, רעי פישמאן, אנא גליקמאן, אנא דזשענאף, ווירא דזשאפע, ראוז פייסאק, דזשעני רובין, דארא ראסעט, אנא סאלאמאן, מערי סטיין, דארא טראכ־טענבערג און קייט וואגאנסקי.

אין דער פארדערע זאגען די גרינדער וואס האט זיי באוואויגען צום געדאנק צו ארגאניזירען אזא קערפערשאפט. אט זענען זייערע ווערטער:

צו געבען קרעדיט און פארגעניגען צו א פערזאן וואס האט דאס עהרליך פארדינט, צו א פערזאן וואס האט יאהרענלאנג אינספּירירט אונז, און אנדערע פרויען, געגעבען אמביציע און געפלאנצט אידעאלען צו טאהן ארבייט פאר דער היגער געמיינדע, פאר דעם אידישען פאלק בכלל, און פאר ארץ ישראל בפרט.

מיט גרויס פארגעניגען און כבוד גרינדען מיר די דאזיגע ארגאניזאציע צו עהרען די גוט־באוואוסטע און באליעבטע אידישע פרוי מערי גרינבערג. גאט זאל אונז געבען געזונט און מעגליכקייטען אז מיר זאלען קענען טוהן די נאבעלע ארבייט וואס מיר האבען זיך אונטערגענומען, און מיר זאלען זוכה זיין צו האבען אונזער עהרען מיטגליד מערי גרינבערג מיט אונז פאר פיעלע יאהרען.

די סטאטוטען פאר דער ארגאניזאציע לויטען ווי פאלגט: צו פארשפרייטען און דורכצופיהרען צווישען די מיטגלידער קולטור, וויסען און אידעאלען; צו אינספּירירען און פארברייטערן א געפיהל פון שוועסטערליכע ליבע און פאר־שטענדניש צווישען די מיטגלידער.

צו ענטוויקלען און פארברייטערן א געפיהל פון געזעלשאפטליכער פאר־אנטווארטליכקייט; צו העלפען אין קאאפערירען אין אלערליי ארבייטען פון געזעל־שאפטליכען כאראקטער, צו אינספּירירען און צו פארברייטערן דעם גייסט פון באהילפיג צו זיין, און דעם לוסט אנטייל צו נעמען פון די מיטגלידער אין וואויל־טעטיגער און הומאניטארער ארבייט אין דער געמיינדע, צו זאמלען א קאפיטאל דורך מיטגלידערשאפט אפצאהל, און ספּעציעלע אונטערנעמונגען וואס זאל בא־נוצט ווערען צו העלפען ווען נויטיג פאר די מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע אין צייט פון נויט אדער קראנקהייט.

יעדע אידישע פרוי וועלכע איז איינשטימיג מיט די אויבענדערמאנטע פרינ־ציפען, קען ווערען א מיטגליד פון דער דאזיגער נאבעלער ארגאניזאציע פאר דעם אפצאהל פון בלויז דריי דאלאר א יאהר.

אלס די ערשטע פרעזידענטין פון דער ארגאניזאציע איז איינשטימיג ער־וועהלט געווארען אנא דזשענאף, און אלס סעקרעטארין קייט וואגאנסקי, און אלע גרינדער זיינען אריין אין דער עקזעקוטיווע וועלכע איז באשטאנען פון 19 מיט־גלידער.

די ערשטע גרויסע אונטערנעהמונג איז געווען א פורים באל מיט יעטא דזשווירמען אלס טשערלידי. ביי דעם באל איז די שענסטע פילאדעלפיער אידישע מיידעל צווישען די וואס האבען אנטייל גענומען אין קאנטעסט, געקרוינט געווארען אלס אסתר המלכה.

די קרוינונג פון דער מיידעל איז פארגעקומען דעם זעלבען אווענט פון דער אונטערנעהמונג אין דער אנוועזנהייט פון א פאר טויזענט צושויער, אונטער

דער אויפזיכט פון א דזשורי וועלכע איז באשטאנען פון פראמינענטע היגע כלל טוער, צייטונגסלייט, ארטיסטען און סקולפטארען.

די געקרוינטע אסתר המלכה, אנא שווארטץ, איז פרעזענטירט געווארען מיט א גאלדענעם זייגערל באזעצט מיט דימענטען. די איינגאהמע פון דער דאזיגער אונטערנעהמונג איז געווען ארום זעכצען הונדערט דאלאר. דאס געלט איז צו־טיילט געווארען צווישען די פאלגענדע אנשטאלטען.

דעבארא סאניטאריום, ווילא קרעסט קאנוועלעסענט האום, געווערקשאפטען קאמפיין, פאלקס שוהלען, נאציאנאל פאנד, און אנדערע אינסטיטוציעס, און באוועגונגען.

ביי דער געלעגענהייט איז ארויסגעגעבען געווארען א סואווענירבוך, אונטער דער פיהרערשאפט פון סערע ליפשוץ.

דורך דעם יאהר זיינען נאך אנדערע אונטערנעהמונגען דורכגעפיהרט גע־ווארען ווי א ראפעל, א ראמעדזש סייל, און אזוי ווייטער. דער פראפיט פון די אונטערנעהמונג איז אוועקגעגעבען געווארען פאר וואהלטעטיגקייטען.

דאס צווייטע יאהר געפינען מיר יעטא דזשוירמען אלס טשערליידי פון דער „ליג" און עטעל מילער אלס טשערליידי פון דעם פורים באל, און ליליען לוקאס אלס טשערליידי פון דעם סואווענירבוך.

ביי דעם באל האבען די פאלגענדע פראמינענטע בעל הבתים געדינט אלס דזשורילייט אויסצוקלייבען די שענסטע מיידעל אלס אסתר המלכה.

מר. הענרי מאסקאוויץ, א מאהלער, אלס טשערמאן; מר. איזראעל קאטץ, פרעזידענט פון דעבארא סאנאטאריום; מר. סורא, מענעדזשער פון פרענק און סידערס דעפארטמענט סטאר; אברהם גערבאוואי, געוועזענער פרעזידענט פון די „אידישע וועלט"; מר. וואן־סטראטען, פרעזידענט פון דעם נארטהערן ליבערטיס האספיטאל; מרס. ל. סקלאר, די סופעראינטענדענט פון ווילא קרעסט קאנוועלעסענט האום; מר. סיזער וואלפי, פאטאגראפער; מר. משה מלמד, מיטארבייטער פון די „אידישע וועלט"; הערי בערגער, פילאדעלפיער פארטרעטער פון „פארווערטס"; דייוויד ב. טירקעל, דער פילאדעלפיער פארטרעטער פון „טאג"; דזשייקאב סאמער־סטיין, פילאדעלפיער פארטרעטער פון „מארגען זשורנאל"; מ. הענרי פאטער, ז"ל, עדיטאר ענגלישער אפטיילונג פון די „אידישע וועלט" און מר. הערמאן דזש. גאלדבערג, דירעקטאר פאבליק רילײשאנס פון נארטהערן ליבערטיס האספיטאל.

די פירער פון פרענק און סידערס דעפארטמענט סטאר האבען געגעבען דער געקרוינטע אסתר המלכה, פלארענס האפמאן, א גאנצען אויסשטייער פון א קאוט, א העט, ביז זאקען און שיך אינגאנצען פריי.

די דאזיגע אונטערנעהמונגען האבען ארויסגערופען א גרויסען בייפאל אין שטאדט מיט דעם אידישליכען כאראקטער און מאדערנעם שטייגער פון פאראינ־טערעסירען אידישע יונגעלייט און מיידלאך אין אזעלכע ימים טובים וואס טראגען אויך א אידיש נאציאנאלען כאראקטער.

דאס דריטע יאהר איז עטעל מילער ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענטין פון דער „ליג," און ליליען סניידער אלס טשערליידי פון דעם פורים באל, און

ווערא דזשאפע, טשערליידי פון דעם סאוועניר בוך, מיס לואיז סטוירן איז אויס־געקליבען געוואָרען אלס אסתר המלכה ביי דיזען באַל.

די „ליג" האָט זיך אונטערגענומען צו עטאבלירען אַ ספּעציעלען עמוירדזשענסי פאָנד פאַר נויטליידענדע מיטגלידער, און פאַר דעם צוועק ווערען דורכגעפיהרט דאנאר לאָנטשאָנס יעדען יאָהר, און די הכנסה געהט צו דעם פאָנד.

די פערטע פּרעזידענטין פון „ליג" איז ערוועהלט געוואָרען ליליען סניי־דער, און רעי פישמאן, טשערליידי פון באַל, דזשעני רובין, טשערליידי פון סאוועניר בוך, מיס פאולין גארדאן איז אויסגעקליבען געוואָרען אלס אסתר המלכה.

די פינפטע פּרעזידענטין פון דער „ליג" איז געווען רעי פישמאן, און דאָרא טראכטענבערג, טשערליידי פון באַל און ראוז קימעלמאן, טשערליידי פון סאוועניר בוך, מיס מארדזשארי דזשאספען איז ביי דעם באַל אויסגעקליבען געוואָרען אלס אסתר המלכה.

אין 1940 איז ליליען לוקאס געוואָרען פּרעזידענטין פון דער „ליג", און דארא טראכטענבערג, טשערליידי פון דעם באַל, וועלכער איז דאָס מאָל שוין מעהר ניט געווען קיין פורים באַל, נאָר אַ פאָרשטעלונג און טאנץ און איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכער דערפאָלג, ווייל די אונטערנעהמונג האָט אריינגעבראכט איבער צוויי טויזענט דאלאר פּראפיט. דער סאוועניר בוך איז געווען ארויסגע־געבען אונטער דער פירערשאפט פון ראוז קימעלמאן.

די „ליג" האָט עטאבלירט אַ רויטען קרייץ יוניט, מיט דזשין ווײַלדער, טשער־ליידי, און ריבא בוירגער אלס קאָ-טשערליידי.

אין 1941 איז דארא טראכטענבערג געוואָרען די פּרעזידענטין פון דער „ליג" און יעטא דזשווירמען, טשערליידי פון באַל; דארא קאצען, טשערליידי פון סוא־וועניר בוך.

אין 1942 איז מיני ראוזמאן באשטימט געוואָרען אלס פּרעזידענטין פון דער „ליג" און קייט וואגאנסקי, דינט ביז היינט צו טאָג אלס די סעקרעטארן פון דער אָרגאניזאציע.

דער רויטער קרייץ „יוניט" טהוט זעהר גוטע ארבייט, נאָהענט צו דריי טוי־זענט אַרטיקלען זיינען פון די מיטגלידער פון דער „ליג" אויפגענעהט געוואָרען און איבערגעגעבען געוואָרען צום רויטען קרייץ, אויך איז פון דער קאסע בייגע־שטייערט געוואָרען אַ געוויסע סומע געלט פאַר דעם צוועק.

פון דעם געלט אין דעם עמוירדזשענסי פאָנד איז פאַר טויזענט דאלאר געקויפט געוואָרען מלחמה באנדס, און די „ליג" האָט באאיינפלוסט פיעל מיטגלידער אויך צו קויפען באנדס און סטעמפּס.

די „ליג" האָט דורך די יאָהרען פון איהר עקזיסטענץ עטאבלירט צוויי בעטען אין דעם דעבארא סאניטאריום פאַר די אָרימע קראנקע, און דאָס זעלבע אין דעם נאָרטהערן ליבערטים האספּיטאל. די „ליג" האָט אויך געגעבען פינף הונדערט דאלאר צו ווילאַ קרעסט קאנוועלעסענט האום פאַר אויפצובויען אַ שפּיל פּלאַץ פאַר קראנקע קינדער, אויך האָבען זיי עטאבלירט אַ צימער אין אפּטאון מושב זקנים, און געגעבען דריי הונדערט דאלאר צו דער פילאדעלפיער סעקציע פון

אונטערפעיטה קאָמיטע, עטאבלירט פון דעם אמעריקאנעם אידיעשן קאנגרעס, און געשיקט עטליכע הונדערט דאלאר צו קויפען וויטאמינען פאר די אָרימע קינדער אין ענגלאנד, אויסגעהאלטען א שומר פאר זעקס מאנאט אין ארץ ישראל, און בייגעשטייערט צוויי הונדערט דאלאר צו די פילאדעלפיער אידישע פרויען אָרגאניזאציאָנס קאָמיטעט פאר דעם אמבולאנס וועלכען זיי האָבען פרעזענטירט צו דער שטאָדט פילאדעלפיא.

די „ליג" אַלס מיטגליד פון אידישען נאציאָנאַל פאָנד האָט פארגרעסערט איהר קוואטא היינטיגס יאָהר פון פינף הונדערט דאלאר, און די קוואטא איז דורך דער אינטענסיווע ארבייט פון די מיטגלידער פון דער „ליג" פיעל איבערגעשטיגען צוליעב דעם 40-יאָהריגען יובילעאום פון אידישען נאציאָנאַל פאָנד.

יעדעס יאָהר אָרגאניזירט די „ליג" ספעציעלע טיעמס פאר די קאמפיינס פון דעבאָרא סאנאטאריום, געווערקשאפטען קאמפיין, נאָרטהערן ליבערטים האספיטאל, נאָרטהערן היברו דעי נוירסערי, און אנדערע.

★

מערי גרינבערג

מערי גרינבערג שטאַמט פון באגוסלאוו, קיעווער גובערניע. זי איז א פלימעניצע פון דעם פארשטאָרבענעם שריפטשטעלער, מיטארבייטער פון „טאגעבלאט" און „מאָרגען זשורנאל," חיים מאַליץ. איהר זיידע, רפאל פליט, אַ איד אַ משכיל, איז געווען אַ קאזיאָנער פעלשער אין דער רוסישער אַרמיי אין צייט פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה מיט אַ זיבעציג יאָהר צוריק און איז באַעהרט געוואָרען פון דעם צאַר פאר זיינע וואונדערליכע אויפטוען אויפ'ן שלאַכטפעלד דורך ראַטעווען סאָלדאַטען פון אַן עפּידעמיע. ווען דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער קריג איז אָנגעגאַנגען, האָט איהר זיידע איינגעזעהן, אַז מען נעמט וועטעראַנען, איז ער אנטלאָפען קיין אמעריקע.

מערי גרינבערג, וועלכע האָט דורכגעמאַכט זעקס קלאַסען גימנאַזיע אין דער אַלטער היים, האָט דאָ פאָרטגעזעצט צו לערנען אין די נאַיט־סקוהלס. ווי אַ סך אידישע אינטעליגענטען אין יענער גרינער עפּאָכע אין פילאדעלפיא, האָט זי געפונען איהר גייסטיגע אַרענע אין דער באַרימטער „היברו ליטעראַטור סאָסייטי," איינע פון די ערשטע קולטורעלע אָרגאניזאַציעס אין לאַנד, וואָס עקזיסטירט נאָך ביז היינטיגען טאָג. דאָ אין דער „היברו ליטערארי סאָסייעטי" האָט די אידישע אינטעליגענץ זיך פאַרזאַמעלט און זיך דערהויבען צו שעהנערע וועלטען און פלאַנעטען דורך דער וועלטליכער און אידישער ליטעראַטור און געקעמפט פאר אַ שעהנערער וועלט, אַ וועלט פון הויכער מאָראַל און עטיק, אָט דאָ האָבען די יונגע אַרבייטער און אַרבייטאָרינס נאָך אַ טאָג אין פאַבריק אָדער ביי פעדלעריי זיך אויסגעלעבט. דאָ האָט די זעכצען־יאָהריגע מערי שוין אָנגעהויבען איהר־

קאריערע אין אידישען לעבען. דא האט זי אויך באגעגענט איהר מאן, סעמועל גרינבערג, אן אימיגראנט פון עסטרייך, וועלכער האט זיך פארבונדען מיט דער געשעפטס-אפטיילונג פון דעם „מארגען-זשורנאל" און שפעטער מיט דער „פילאדעלפיער אידישע וועלט."

מערי גרינבערג איז געגאנגען מיט דעם שטראם פון דער אידישער גאס, זיך אנגעשלאסען אין די קליינע קערפערשאפטען, וואס האבען אנגענומען מיט דער צייט נאציאנאלע פראפארציעס, איז געווארען א מיטגליד פון דער „נאציאנאלער אדמיניסטראציע" פון אמעריקאנער „אידישען קאנגרעס," וויצע-פרעזידענט פון פילאדעלפיער „געווערקשאפטען," מיטגליד פון דעם „קרן קימת קאונסיל." די אלע יאהרען האט זי אנגעהאלטען איהר טעטיגקייט אין דער לאקאלער „אסתר לאדזש," וואו זי האט געדינט פאר 14 יאהר אלס סעקרעטארשע און שפעטער אלס פרעזידענטין. זי איז אן אקטיווע טוערין אין דער גרויסער „אפטאון נויר-סערי" און אין נאך אנדערע ארגאניזאציעס.

שפעטער האט א גרופע פרויען איהר באעהרט און געגרינדעט א סאסייעטי, וועלכע טראגט דעם נאמען „מערי גרינבערג סיסטער ליגע."

איין טעטיגקייט איז איהר אבער גאר ליב און טייער, ווייל דאס איז אן „אייגען קינד," ס'הייסט דאס קינד פון פילאדעלפיער פרויען. מיט 15 יאהר צוריק האט מרס. גרינבערג, צוזאמען מיט א צאהל קאלעגינס, געלייגט דעם פונדאמענט פאר דער „פעדעראציע פון אידישע פרויען ארגאניזאציעס פון פילאדעלפיע," א פאראייניגונג פון העכער פופציג פרויען-קערפערשאפטען, מיט דעם הויפט צוועק צו פארשפרייטען אידישע דערציהונג.

★

אסתר לאדזש

די ארגאניזאציע פון פרויען פאר פרויען איז געגרינדעט געווארען דעם 20טען אויגוסט, 1902. די גרינדער זיינען געווען: אסתר סלאנימסקי, קלארא לעוויצקי, בעקי היידער, סערע פיין, און דער נאמען איז פארבליבען אסתר לאדזש.

די ערשטע פרעזידענטין איז געווען קלארא לעוויצקי, די סעקרעטארשע, אנא ליפשיץ; וויס פרעזידענטין, מאלי פעלדשטיין, און בעקי היידער, טרעזשורער.

די ערשטע זיצונג איז געהאלטען געווארען אין הויז פון אסתר סלאנימסקי, 937 ס. 3טעם טריט. צוויי יאהר צייט זיינען די זיצונגען פארגעקומען אין הויז פון אנא ליפשיץ, 229 קארפענטער סטריט.

ערשט ווען די ארגאניזאציע איז אלט געווארען 3 יאהר איז פארפאסט גע-ווארען און אפגעדרוקט געווארען איהר קאנסטיטוציע. דער שטייער איז געווען 4 דאלאר א יאהר. אבער ווי ארעם די ארגאניזאציע איז געווען, האבען די גרינדער כמעט אין דער זעלבער צייט געשאפען די „מאטו רניטי עיד סאסייעטי," א געזעלשאפט צו שטיצען ארימע קימפעטארינס, און די ארגאניזאציע האט געטאן א שטיק צייט וואונדערליכע ארבייט אויף דעם געביט.

די צווייטע פרעזידענטין איז געווען אסתר סלאנימסקי, און די פראקטאקאלען פון יענער צייט ווייזען, אז די אסתר לאדזש האט געשטיצט דעם קאנסאמפטיוו אינסטיטוט, דעם בית יתומים, מושב זקנים, הכנסת אורחים, און אנדערע וויכטיגע אנשטאלטען.

די דריטע פרעזידענטין איז געווען קלארא לעוויצקי, און די פערטע פרע־זידענטין, לינא בלומשטיין. אנא ליפשיץ איז געבליבען סעקרעטאר ביז 1909, נאך איהר איז אסתר סלאנימסקי געווען איינינע יאהר סעקרעטאר, און די 5טע פרעזידענטין איז געווען מרים קווירשנער.

אין 1911 איז די פרעזידענטין געווען איוואַ עסקין, און יענעם יאהר איז דורכגעפיהרט געווארען א באשלוס, אז א פארגעשלאגענער מיטגליד מוז אנגיבען די יאהרען און אויך א באשלוס, אז א מיטגליד אין אסתר לאדזש קען אריינקומען ביז פערציג יאהר. דאס פארמעגען פון יענער צייט איז באשטאנען לויט די ביכער ווייזען, פון 529 דאלאר מיט 80 סענט.

יענעם יאהר זיינען די דיוס אויך געהעכערט געווארען פון 4 אויף 5 דאלאר א יאהר, דער עקסטרא דאלאר איז געגאנגען פאר רעליעף. אויך איז דאן אנגע־נומען געווארען אז א באאמטער קען בלייבען בלויז 2 טערמינען. בלויז דער סעקרעטאר קען בלייבען לענגער אין אמט.

אין 1912 איז די פרעזידענטין געווען מרים קווירשנער, אין 1913, ראוז שעכטער׳ אין 1914, איוואַ עסקין, און סעקרעטאר, אנא פעטשין פינקעלשטיין, און אזוי ווי דאס איז געווען דאס ערשטע יאהר פון דער ערשטער וועלט מלחמה, האט זיך אויך אנגעהויבען די טעטיגקייט אין אסתר לאדזש פאר די מלחמה קרבנות.

אין 1915 איז די פרעזידענטין געווען פעני שומאן, און דאס פארמעגען אין דער קאסע איז שוין באשטאנען פון 853 דאלאר, נאר אלע אויסגאבען און די שטיצע וואס איז צוטיילט געווארען. יענעם יאהר אין אפריל, האבען די פרויען געהערט די ערשטע לעקציע וועגען פרויען שטימרעכט. אסתר לאדזש האט אין יענער צייט אויך זיך שוין באטייליגט אין דער פאר־קאנפערענץ צום אידישען קאנגרעס.

אין 1916 איז די פרעזידענטין געווען קלארא היימאוויטץ, און אין 1917 איז ראוז שעכטער ווידער דערוויילט געווארען פרעזידענטין. דאס פארמעגען פון לאדזש איז שוין באשטאנען פון נאהענט צו טויזענד דאלאר. אין יענער צייט האט אסתר לאדזש שוין געציילט 210 מיטגלידער.

אין 1918 איז די פרעזידענטין געווען לינא בריל, און נאך א לעקציע וועגען ציוניזם פון חיים ריקלין, וואס האט אגיטירט פארן ציוניזם און פארן שקל, האבען 30 פרויען זיך פארשריבען פאר מיטגלידער אין דער ציוניסטישער אר־גאניזאציע.

דעם 3טען נאוועמבער, 1918, איז געשטארבען אסתר סלאנימסקי, גרינדערין, און אויך סעקרעטאר אין יענעם יאהר, און איהר נאמען איז פאראייביגט געווארען מיט א בילד אין דעם לאקאל. 1918 האט זיך געשלאסען מיט א מיטגלידער־שאפט פון 238, און מיט א פארמעגען פון 1,688.50 דאלאר.

באלד נאך דער ערשטער וועלט מלחמה הויבט אן דער אסתר לאדזש צו פארצווייגען זיינע אקטיוויטעטען אויף פארשיידענע געביטען, א דאנק דעם פרישען בלוט וואס עס איז צוגעקומען פון א גרעסערער מיטגלידערשאפט.

אין 1919 איז די פרעזידענטין געווען קלארא היימאוויטץ, און דער לאדזש האט זיך אקטיוו באטייליגט אין קעמפיין פון דער פעדעריישאן אוו דזשואיש טשאריטיס, וואס האט אנגעהויבען פונקציאנירען אויף א ברייטען מאסשטאב אין יענער צייט. דער אסתר לאדזש האט דאן זיך אויך באטייליגט אקטיוו אין דער גרויסער פראטעסט פארזאמלונג געגען די פאגראמען אין די מלחמה־לענדער

אין 1920 איז די פרעזידענטין געווען מערי גרינבערג, און יענעם יאהר האט דער לאדזש אויך געשיקט דעלעגאטען צום אידישען קאנגרעס, וואו עס איז גע־לעגט געווארען דער יסוד פאר א פערמאנענטען אידישען קאנגרעס.

אין 1921 איז די פרעזידענטין געווען פאולין סאלסבערג, און יענעם יאהר האט אסתר לאדזש געמאכט א ביישטייערונג פון טויזענד דאלאר צום קרן היסוד, אויסצוצאהלען אין 2 יאהר צייט. אין 1922 איז די פרעזידענטין געווען אנא פינקעלשטיין, און אין 1923 איז די פרעזידענטין געווען אנא סאלאמאן, און יענעם יאהר האט אסתר לאדזש געפייערט א 20־יאהריגען יובילעאום. אין 1924 איז ראוז שעכטער ווידער געוויילט געווארען פרעזידענט, און מערי גרינבערג אלס סעקרעטאר.

אין מארטש איז געשיקט געווארען א פראטעסט בריעף צו סענאטאר פעפער געגען דעם דזשאנסאן אימיגריישאן ביל. אין 1925 איז לינא בריל געווארען פרעזידענט, און די אסתר לאדזש האט זיך באטייליגט אין דעם 60־יאהריגען יובל פון דעם שריפטשטעלער מ. קאטין.

אין 1926 איז סאפיע ברעסלאו געווארען פרעזידענט, די לאדזש האט זיך באטייליגט אין דעם חיים נחמן ביאליק קבלת פנים, אין דעם פאלקסשולען קעמפיין, אין פעדעריישאן דרייוו, און אין פאראייניגטען ציון אפיל, אין האיאס קעמפיין, אין קעמפיין פארן דענווער סאניטאריום, און אויך אין דער קולטור קאנפערענץ.

אין 1927 איז די פרעזידענטין געווען אנא סאלאמאן, און די לאדזש האט געשיקט 7 דעלעגאטען צו דער קאנפערענץ וואו עס זיינען געוויילט געווארען דעלע־גאטען צו דעם אידישען קאנגרעס. פארן פאראייניגטען ארץ ישראל אפיל איז גשאפען געווארען יענעם יאהר 3 טויזענד דאלאר.

1923 איז געווען דער יובל יאהר פון דער אסתר לאדזש. עס זיינען אפ־געשלאסען געווארען פינף און צוואנציג יאהר טעטיגקייט, און פון יעדען יאהר שיינען ארויס גאלדענע בלעטער פון פיל פארצווייגטער טעטיגקייט, וואס דער־ציילען פון אמת'ער פיאנער ארבייט וואס אידישע פרויען, מוטע־ס און טעכטער, האבען אין א משך פון א פערטעל יאהר הונדערט אומדערמידליך געארבייט פאר דעם וואוילזיין פון זייערע שוועסטער און ברידער, מיט ליבע, ברייטהארציגקייט, סיי פאר נאציאנאלע אינסטיטוציעס, ווי אויך פאר לאקאלע אנשטאלטען.

די באאמטע פון 1928 זיינען געווען ראוז שעכטער, פרעזידענט; דזשעני סילווער, וויים פרעזידענט: סערע דענענבערג, טרעזשורער; סאפיע ברעסלאו,

טשערלי־ידי פון 25־יאָהריגען יובילעאום; בעסי סיראטא, פינאנץ סעקרעטאר; ראוז גארפילד, אסיסטענט פינאנץ סעקרעטאר; מערי גרינבערג, סעקרעטאר, און רעדאקטאר פון דעם יובל בוך, פון וואנען עס איז גענומען געוואָרען דער מא־טעריאל צו דער געשיכטע פון אסתר לאדזש ביז 1928. דאָס פאַרמעגען פון אסתר לאדזש אין יענער צייט האָט באטראָפען 8,972.28 דאלאר.

אין 1929 איז ראוז גליידער דערוויילט געוואָרען פרעזידענט און מערי גרינ־בערג צום 9טען מאָל אלס סעקרעטאר.

ווערא דזשאפע איז דערוויילט געוואָרען פרעזידענטין אין 1930, קעיט וואַ־גאנסקי אין 1931, דזשעני רובין אין 1932, און אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ שווערע צייט, האָבען די איבערגעבענע טוערינס אָנגעווענדעט אַלעם מעגליכעם אויפצו־האַלטען די אָרגאניזאציע אויף דער געהעריגער הויך.

צווישען די יונגע פרויען האָבען זיך איבערהויפט אויסגעצייכענט קעיט וואגאנסקי, מעי שאפירא, און ראוז לעסאוואי, וואָס האָבען אסך געהאָלפען אין דער אַרבייט.

אין 1933 איז יעטא קאהען געוואָרען פרעזידענט, אין 1934 איז רעי פישמאַן געוויילט געוואָרען פרעזידענט, אין 1935 איז קעיטי פאַרבער געוואָרען פרעזידענט, און מערי גרינבערג האט אויפגעגעבען איהר אמט, נאָך איבערגעבענע לייסטונגען פון פערצען יאָהר צייט. אין 1936 איז סערע נידעלמאַן געוויילט געוואָרען פרע־זידענט, און אַנאַ גאָלדשטיין איז געוואָרען פרעזידענט אין 1937, סאפיא ברעסלאו אין 1938, און ראוז לעסאוואי איז געוואָרען סעקרעטאר.

אין 1939 איז קעיטי פארבער ווידער געוואָרען פרעזידענט, אין 1940 יעטא קאָהען, אין 1941, מיני ראוזמאַן, און דערנאָך נאָכאמאָל קעיטי פאַרבער. דורך די אַלע יאָהרען האָט די אָרגאניזאציע וועלכע קלייבט זיך שוין צו פייערען אַ פערציג יאָהריגען יובילעאום, פאַרנומען אַ גאנץ פראמינענטען אָרט צווישען די פיהרענדע אָרגאניזאציעס אין פילאדעלפיא.

★

וועסט פילאדעלפיא דזשואיש קאמיוניטי סענטער

דער צענטער איז געגרינדעט געוואָרען אין 1924, נאָך עטליכע יאָהר פּלאַ־נעווען. די גרינדער זיינען געווען וועסט פילאדעלפיער תושבים, וואָס די מייסטע פון זיי זיינען שוין איצט אויף דער אמת'ער וועלט.

דער חנוכת הבית איז פאָרגעקומען אין יוני, 1927.

דער וועסט פילאדעלפיא דזשואיש קאמיוניטי סענטער איז איינע פון די גרעסטע שול געביידעס אין פילאדעלפיא, און די איינציגע אין שטאָט וואָס פאַר־מאָגט, חוץ דער שוהל, און די סקוהל, אויך אַ פולען אויסגעשטאטעטען „דזשימנאַ־זיום," אַ „סווימינג פּול," און צוליב דעם ווייל דער צענטער פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָהל צימערען, דינט דער צענטער אויך פאַר מיטינג לאָקאלען פאַר דער אידי־שער באפעלקערונג אין וועסט פילאדעלפיא.

די בילדינג פאַרמאָגט אַ שוהל מיט 1440 „סיטעס,״ 9 רעגולאַרע קלאַס ציממערען, און אויך אַ „טשאַפּל,״ (בית המדרש) און אַ פּרעכטיגע ביבליאָטעק, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אהרן בערמאַן לייברערי,״ אין דריי שפּראַכען: אידיש, העברעאיש און ענגליש.

דער ערשטער ראבאי פון צענטער איז געווען יהושע ס. קאָהן. זינט סעפּטעמבער 1929 איז דער גייסטיגער פיהרער ראַבאַי קלמן דוד מעט. דער חזן פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר איז קאַנטאָר יוסף מאַן.

חוץ וואָס ימים נוראים ווערען די סוירוויסעס אָנגעפיהרט פון ראַבאַי מעט, דעם קאַנטאָר און כאָר, ווערען געהאַלטען וועכענטליכע סוירוויסעס יעדען פרייטאג אוונט, אַ פערטעל נאָך אכט, מיט אַ סוירמאָן אין ענגליש, שיינע מעלאָדיען פון דעם קאַנטאָר און זיין כאָר, און דאָס פּובליקום איז אלעמאָל וועלקאמען.

אין פאַרלויף פון דעם יאָהר גייען אָן פאַרשיידענע אַקטיוויטעטען וואָס טראָגען אַ דערציהערישען און פאַרוויילערישען כאַראַקער, אַזוי אַז דער צענטער ברייננגט גרויסע נוצען דער אידישער באַפעלקערונג אין וועסט פילאַדעלפיא.

די באַאמטע פאַר דעם יאָהר 1942-43 זיינען: לאָיער הענרי י. סקאַראָף, פּרעזידענט; דר. טעאָדאָר מעלניק, 1טער וויים פּרעזידענט; לואיס מ. סיעווער, 2טער וויים פּרעזידענט; לאָיער דזשעראָם קעסקי, רעקאָרדינג סעקרעטאַר; סעמועל קראָון, פינאַנץ סעקרעטאַר; דזשייקאָב ק. ראַטהמאַן, טרעזשורער; לאָיער בערנאַרד דזש. סעגאַל, סאָליסיטאַר. דזשאָזעף רובין איז דער טשערמאַן פון דער עקזעקוטיוו באָרד.

מיט דעם צענטער זיינען אויך אַפיליאירט פאָלגענדע אָרגאַניזאַציעס:

די פרויען אָרגאַניזאַציע, מרס. דזשאָזעף רובין, פּרעזידענט; מענס קלוב, סעמועל מייזיעס, פּרעזידענט; דזשוניאָר סיסטערהוד, יאָנג פּיפּלס ליעג, דזשוניאָר יאָנג פּיפּלס ליעג, און אַ באָים סקאַוט טרופּ.

די ווערטה פון דעם צענטער און דעם באָדען אי 750 טויזענד דאָלאַר.

★

דאָס איצטיגע הר ציון טעמפּעל

אין הערבסט 1939, האָט די באָרד באַשלאָסען צו נעמען שריט צו פאַרגרעסערען דאָס הר ציון טעמפּל, כדי צו קענען נאָכקומען די פאָדערונג וואָס איז אַרויסגעוואַקסען אלס רעזולטאַט פון דעם וואָס די באַפעלקערונג איז געוואָרען גרעסער אין ווינפילד און עס האָט אָנגעהויבען ווערען ענג.

אָהן רעש איז געמאַכט געוואָרען אַ פאַרזוך צו שאַפען אַ סומע פון הונדערט טויזענד דאָלאַר, און געשאַפען געוואָרען איז דאָס געלט איינס און צוויי. די דירעקטאָרען האָבען אָבער דאַן באַשלאָסען ניט צו שטעלען זיך בויען ביז זיי וועלען זיכער זיין באַוואָרענט מיט גענוג געלט, און זיי זאָלען ניט דאַרפען אַריינפאַלען אין חובות.

אין פריהלינג פון 1941 איז דער ציעל דערגרייכט געוואָרען.. ס. ה. לעווין

נאָרטהאיסטערן בית יתומים

די געשיכטע פון דעם אנשטאלט הויבט זיך אָן מיט 22 יאָהר צוריק, אין 1918, אין דער צייט פון דער „פלו" עפידעמיע, ווען אידישע יתומים האָבען זיך פארמעהרט און זיי זיינען געבליבען עלענט ווי אויפן וואסער, צוליב דעם ווייל אַ גרויסע צאָהל יונגע מאַמעס און טאַטעס זיינען געפאַלען קרבנות פון דער עפּידעמיע.

די נאָרטה איסטערן אָרפענס האום האָט געענטפערט דעם רוף, און האָט געקראָגען די איצטיגע געביידע, אין 1728 נ. 7טע סטריט, און באַלד נאכדעם טאַקע אוועקגעשטעלט גלייך אַ פּערמאַנענטע היים פאַר יתומים.

זינט דאַן זיינען צוגעבויעט געוואָרען נאָך פיער געביידעס, און עס איז אויך באַזאָרגט געוואָרען באָדען פאַר אַ פּלעיגראונד, און אנשטאט דארמיטאריעס זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען קאטעדזשעס, און היינט צו טאָג איז דער בית יתומים אַ מוסטער היים און די קינדער ווערען באַזאָרגט מיט אַלעם מעגליכען ביז זיי דער־גרייכען דעם עלטער און קענען שטיין זעלבסטשטענדיג אויף אייגענע פיס.

די מעטאָדע וואָס דער דאָזיגער בית יתומים באַנוצט איז „שפּייז אַ יתום־קעמפּיין," איינמאָל אַ יאָהר, וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרען זינט 1922.

די אידישע באַפעלקערונג פיהלט זיך אַרום דעם אנשטאלט ווי אַרום אַן אייגענעם קלוב, וואו יעדער איינער האָט אַ געלעגענהייט בייצושטייערן אַ סומע פון 6.90 דאלאר, אָדער 13.00 דאלאר, און אַזוי אויך פיעל גרעסערע סומען, לויט יעדען איינעמס מעגליכקייטען. דאָס גיט דער היים אַ געלעגענהייט אויפגע־האַלטען צו ווערען אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע אינסטיטוציע, אויף וועלכער די פילאַדעלפיער אידישע באַפעלקערונג איז שטאָלץ מיט רעכט.

אין פאַרלויף פון די יאָהרען האָט די היים דורכגעמאכט פאַרשיידענע צייטען. אָבער אַלעמאָל איז די היים ארויסגעקומען פון דעם קריזיס, נאָך שטאַר־קער און געזיכערטער ווי פריהער.

אַרום דעם אנשטאלט זיינען גרופּירט אַ גרויסע צאָהל בכבודיגע מענער און פרויען, וואָס באַטראַכטען עס אַלס אַ גרויסע פּריוועליגיע צו זאָרגען פאַר די יתומים אין דעם אנשטאלט.

ביז איצט האָט דער אנשטאלט אויפגעצויגען איבער דריי הונדערט יתומים, און אַ דאנק דעם אנשטאלט זיינען הונדערטער אלמנות דערפרייט געוואָרען, ווייל זייערע קינדער האָבען באַקומען אַ פולשטענדיגע דערציאונג, אַ פיזישע און גייס־טיגע, און די מוטערס האָבען דערלעבט צו זעהן גרוים נחת אין זייערע קינדער, וואָס זיינען זייערע איינציגע טרייסט אין לעבען.

די איצטיגע באַאַמטע פון דעם אנשטאלט זיינען: מרס. ל. טאבין, פּרעזידענט; מרס. מ. ריבאק, און מרס. ס. לודוויג, וויים פּרעזידענטען; וויליאם ה. קרעמען, רעקאָרדינג סעקרעטאר; סעמועל בווירש, פינאַנץ סעקרעטאר, און נייטען ראבין, טרעזשורער.

ענד קאמפאני האָט באקומען דעם קאנטראקט דורכצופיהרען די פּלענער וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרען פון אייבערהעם דזש. ליווי, פון דער פירמע סילווער־מאן ענד ליווי, מיט דער קאאפּעראציע פון דער הר ציון בילדינג קאָמיטע, מיט מאריס ל. מילער אלס טשערמאן.

אין מארטש, 1941, האָט מען זיך געשטעלט בויען, און ניט קוקענדיג אויף אַלע שוועריגקייטען, איז אין הערבסט פון דעם זעלבען יאָהר מעגליך געווען צו האָבען סוירוויסעס אין דעם „מעין" טעמפּל, אין דעם אוידיטאָריום און אין דעם בית המדרש. די שוהל איז פאַרגרעסערט געוואָרען מיט 328 זיץ פּלענער, דער אוידיטאָריום איז פּאקטיש פארטאָפּעלט געוואָרען, און עס איז אויך צוגעבויעט געוואָרען אַ נייע סקוהל בילדינג, וואָס האָט אויך אַ בית המדרש וואו מען דאַווענט טעגליך. עס זיינען אין דער סקוהל געביידע פאראן צען גרויסע, מאדערנע קלאַס צימערען, מיט אַ בעיסמענט וואָס פארמאָגט צוויי גרויסע צימערען פאַר אַ קלוב און פאַר אַ שפּיל פּלאַץ, און אויך צימערען פאַר אַ קיך.

★

ראבאַי אהרן דעקטער שליסט זיך אָן אין אָנקעל סעם'ס אקטיווער דיענסט

ראבאי אהרן דעקטער, דער גייסטיגער פיהרער פון קאָנ־גרעגיישאָן בית ישראל, האָט באקומען דערלויבעניש פון זיינע בעלי בתים, אַז ער זאָל זיך אָנשליסען אין אקטיווער דיענסט מיט די באוואפענטע כחות פון דער אמעריקאנער רעגירונג. ראבאי דעקטער האָט פרייוויליג געבעטען, אַז מען זאָל איהם שיקען אַלס טשאַפּלעין מיט די באוואפענטע כחות אין דעם מיטל־מזרח.

ארום דעם ערשטען יאנואר, 1943, וועט דער ראבאי אָפּפאָהרען אויף זיין מיסיע.

ראבאי אהרן דעקטער, און זיין פרוי, דבורה קאטץ דעקטער, זיינען זינט דעם דערשיינען פון ערשטען בוך געבענשט געוואָרען מיט אַ זוהן, אבי־יצחק, אַ נאָמען נאָך מרס. דעקטער'ס פאָטער, יצחק מ. קאטץ, וועלכער איז געשטאָרבען אין ארץ ישראל און איז באערדיגט געוואָרען אין תל אביב.

ביי דער לעצטער ציוניסטישער קאנווענשאָן, וואָס איז געהאלטען געוואָרען אין נויאָרק, איז ראבאי דעקטער ווידער דערוויילט געוואָרען אַלס מיטגליד פון דעם אדמיניסטראטיווען קאונסיל פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע.

דער ראַבאַי גרייט איצט צו אַן אָריגינאַלע פּרייז עסעי אין בוך פאָרם. די טעמע פון דער עסעי איז: טעאָלאָגישע באַגריפען איבער תרגום ירושלמי.

★

... [illegible]

עליזה גרינבלאַט, און פֿײַן לעבן, די [illegible]

[illegible] און [illegible]

זאָל [illegible] דיר, עליזה, [illegible]

לעבן [illegible] ווי די [illegible]

[illegible]

[illegible]

2-7-43

נאַציאָנאַלע ייִדישע ביכער צענטראַלע
National Yiddish Book Exchange

964

די טראַסטיעס זיינען: מרס. ס. סטיינברוק, מרס. דזש. פרענקעל, מרס. פ. ענענדארף, מרס. ל. אידעלמאַן, מרס. מ. טשייקין, מרס. נ. ניומאַן, און מרס. נ. ראבין.

די באָרד אָוו דירעקטאָרען זיינען: מאורים ס. ארלאוויטץ, טשערמאַן פון דער באָרד; יהושע לאנדאוי, וויים טשערמאַן; נייטען ניומאַן, וויים טשערמאַן, און לאָיער לואים וועיבער, קאונסעלאר פאר דעם אנשטאלט.

דער אנשטאלט פארמאָגט אויך אַ מעדיצינישען סטעף פון עטליכע און צוואַנ־צינ פּראָמינענטע דאקטוירים, און דריי דענטיסטען.

ווען די פולשטענדיגע געשיכטע פון דעם אנשטאלט וועט אמאָל געשריבען ווערען, וועט זיך ערשט דאמאָלס ארויסווייזען די גרויסע, נאבעלע ארבייט פון די אלע פערזאָנען וואָס זיינען אין דעם משך פון די 22 יאָהר געווען פארבונדען מיט דעם אנשטאלט, און וואָס פאר אַ גרויסע קרבנות זיי האָבען געבראַכט, ביז זיי האָבען דערפיהרט דעם אנשטאלט צו דער איצטיגע מאָדערנער שטופע אויף וועלכע די היים געפינט זיך.

★ ★ ★

אויסבעסערונגען

★

דאון טאון מושב זקנים

די בעאַמטע פון דעם דאון טאון מושב זקנים פאר 1942 זיינען: סערע אלפּאר, פרעזידענט; בעסי אסטראף, 1טע וויים פרעזידענטין; סערע ראָזען, 2טע וויים פרעזידענטין; דאָרא טאפּעל, טרעזשורער; סאָניע סאבעלמאַן, רעקאָרדינג סעקרע־טאר; גלעדים סטריקען, פינאַנץ סעקרעטאר; פיליפּ אסטראף, טרעזשורער פון סוירפּלוס פאָנד; אייברעהעם קאהאנער, טשערמאַן פון אדמישאַן; פיליפּ דייטש־מאַן, הויז טשערמאַן; מארים ראָזען, טראַסטי פון סוירפּלוס פאָנד; בענדזשאמין קלעבאנאוו, טשערמאַן פון דער באָרד; אסקאר אסטער, וויים טשערמאַן; דר. סע־מועל וו. קאטלער, סעקרעטאר; ראוז גריבער, עקזעקוטיוו סעקרעטאר.

אנדערע מיטגלידער פון דער באָרד זיינען: אוירווינג ה. בערנעט, זעלדא בערשאד, בעסי דייווים, איידא דייטשמאַן, נייטען בראסנער, סערע פּאמילאַנט, בערטא פעלדמאַן, אַנא פרענק, סעמועל פוירמאַן, מארים גאלדבערג, סיליע האוז, אַנא ליערפיעלד, בעטי לעפּקאָוו, פעני ליטמאַן, אַנא מאלאוויטץ, לינא מוירקין, סיידי נייטענזאָן, קלארא אסטער, היימאַן ראבינאוויטץ, דזשעק שאכמער, דייוויד שווארטץ, נייטען שעפּרין, פרענק סקווערסקי, און סעמועל טאלסטאנאָג.

דר. וויליאם דע טשערני אונדר. יהושע לעוויצקי זיינען די מעדיקאל דירעק־טאָרען. געבריעל בוירק איז דער לאָיער פאר דעם מושב זקנים.

אין דער געשיכטע פון דעם דאון טאון מושב זקנים איז אויסגעלאָזט געוואָ־רען דורך אַ פארזעהן דער פאָלגענדער זאַץ:

אין דעם חנוכת הבית האָט זיך אויך באַטייליגט דער דזשוניאָר ברענטש.

די ערשטע טשערלײדי פון דזשוניאר ברענטש איז געווען אנא מאלאוויטץ; צווייטע טשערלײדי, בערטא פעלדמאן, און די פייער עסקייפּס פאר דעם אנשטאלט זיינען בייגעשטייערט געוואָרען פון דעם דזשוניאר ברענטש.

אין דעם יעהרליכען דראַיוו פאר 1942 איז מרס. אנא ליערפילד געווען די טשערלײדי פון דער פרויען דיוויזיע, און סעמועל פוהרמאן איז געווען דער טשערמאן פון דער מענער דיוויזיע.

די היים האט איצט פלאַץ פאר 26 זקנים און זקנות און פּלענער ווערען געמאכט אויסצוברייטערען דעם אנשטאלט, אז עס זאָלען קענען אויפגעהאַלטען ווערען פופציג זקנים און זקנות.

דער אנשטאלט איז דער עיקר אינטערעסירט צו געבען א היים פאר אזעלכע אַלטע לייט, וואָס זיינען עלענט, היימלאָז און קענען ניט געשטיצט ווערען פון קינדער אָדער קרובים. די לעצטע צייט זיינען אריינגענומען געוואָרען אייניגע אַלטע לייט וואָס האָבען ניט געהאט וואו זיך אהינצוטאָן.

די היים ווערט פאררעכענט אלס מאדערנע אין פולען זינען פון וואָרט. ארום דער היים איז אויך פאראַן א שיינער גארטען און א לאנקע.

אכרעמאווער־סאכאטשאווער

די באאמטע פון די אכרעמאווער סאכאטשאווער אין 1942 זיינען:

מאיר מאגאזאניק, עקס פרעזידענט; דזשא גערשענזאן, פרעזידענט; סעם שאטאוו, וויס פרעזידענט; נייטען סמאלען, טרעזשורער; אייב עוואנס, סעקרעטאר; אדאלף מילער, פינאנץ סעקרעטאר; סעם סטיין, אינסייד גארד; אייב סקאלניק, מארשאל.

טראַסטיעס: אייב ליובער, לואיס וואלעס, און סעם זייפערט.

אדווייזארי באָרד: דזשייקאָב גאָלדבערג, טשערמאן; אדאלף מילער, סעקרעטאר; לואיס ראם, דזשאָ ראָם, סעם האפערמאן, דוד קאָהען, לואי פאטער און סעם ליובער.

די באסלאווער בענעפישער אסאָסיאיישאָן

אין דער געשיכטע וועגען די באסלאווער איז אויסגעלאָזען געוואָרען דער פאָלגענדער זאַץ:

די פרעזידענטען זינט 1928 ביי דעם באסלאווער פאראיין זיינען געווען די פאָלגענדע:

איזראעל לעווין, ב. ס. הארט, דייוויד טאל, דעניעל ביודאף, לואיס סמאָל, מ. טארטאק, י. ל. סטיירן און הערמאן דענענבערג.

די פערציג יאָהריגע יובילעאום קאָמיטע באַשטייט פון פאָלגענדע פּערזאָנען:

לואיס סמאָל, דזשענעראל טשערמאן; פעני בראנשטיין, קאָ־טשערמאן; פיליפ רובין, טרעזשורער; דזשעני ליס, אסיסטענט טרעזשורער; י. ל. שטערן, רעדאקטאר

פון זשורנאל; ראבאי מ. האיטאוויטץ, טשערמאן פון פובליסיטי; לאיער הערמאן טאל, ליגעל אדוויזאר; דזשאזעף טשערנאף, טשערמאן פון פינאנץ; טילי גאינגער' קא־טשערמאן פון פינאנץ; מייקעל טאל, טשערמאן פון פרינטינג; אנא דינענבערג, קא־טשערמאן פון פרינטינג; היימאן גרין, טשערמאן פון פלאר קאמיטע; איזראעל ה. סיטלין, סעקרעטאר פון יובילעאום; הערמאן דינענבערג, טשערמאן פון זשורנאל; אידיטה יאכניטץ, קא־טשערמאן; מאריס יאכניטץ, טשערמאן פון באנקעט; סערע רובין' קא־טשערמאן פון באנקעט; לואיס עהרנבערג, טשערמאן פון אונטערהאלט; אנא סמאל, קא־טשערמאן; רעבעקא טאל, טשערמאן פון רעפעפשאן; מאריס דובין, טשערמאן פון סופלאיס; יעטא קוטנער, קא־טשערמאן פון סופלאיס; דזשייקאב ראזען, טשערמאן פון רעפרעשמענטס; אנא סעיטלין, קא־טשערמאן; איזידאר פארטנער, טשערמאן פון דער מיוזיק קאמיטע, און לינא סעטיען, קא־טשערמאן.

אין דער ביאגראפיע פון דזשאזעף אמינסקי דארף זיין רעזידענץ: 3912 וועסט דזשירארד עווענױ. אנשטאט 3812 וועסט דזשירארד עווענױ.

מרס. אמינסקי איז א מיטגליד פון דער תפארת ישראל קאנגרעגיישאן לײדים אקזילערי' און א געוועזענע טשערליידי פון דער הדסה.

אין דער ביאגראפיע פון דזשייקאב טעקאצקי דארף זיין: מאנופעקטשורער פון דעקאריישיוו בלאוזעס און ספארטסוועיר.

די טאכטער סילוויא, האט אין האי סקוהל באקומען א 4־יאהריגע סקאלערשיפ, האט גראדואירט פון פענסילווייניא יוניווערסיטי מיט עהרען אויסצייכנונגען, און איז דערוויילט געווארען א מיטגליד פון פאי בעטא קאפא סאראריטי

אין דער ביאגראפיע פון יהושע לאנדאוי דארף זיין: געבוירען אין מעמעל, פרייסען, אין 1897, אנשטאט 1797.

★ ★ ★

אידישע צייטונגען אין פילאדעלפיא

די געשיכטע פון אידישע צייטונגען אין פילאדעלפיא, וואלט געקענט כאראקטעריזירט ווערען מיט דעם לעגענדארישען: אמאל איז געווען . . . מחמת ביים היינטיגען טאג איז אין פילאדעלפיא לחלוטין אפגעווישט געווארען יעדער שפור פון אידישער פרעסע. איהר קענט שוין אפילו ניט געפינען קיין זכר, קיין סימן פון א אידישער צייטונג, וואס איז ערשט מיט א יאהר צוריק אונטערגעגאנגען.

אבער געשיכטע פארצייכענט דאס וואס עס איז געווען, און געווען זיינען בעלי חלומות אין פילאדעלפיא, מענשען וואס האבען אלעמאל געפיהלט, אז פילאדעלפיא האט אייגענע אינטערעסען, וואס פאדערען אז דער אידישער לייענער דא אין שטאדט זאל האבען אן אייגענע, א לאקאלע צייטונג.

די ערשטע פּראָבע צו שאַפען אין פילאַדעלפיא אַן אייגענע אידישע צייטונג איז געמאכט געוואָרען נאָך אין 1888, ווען אַ גרופּע היגע משכילים האָבען באַשלאָסען דאָ אָנצוהויבען ארויסגעבען אַ אידישע צייטונג מיט געצל זעליקאָוויטש, אַלס רעדאקטאר. זעליקאוויטש האָט געוואוינט אין פילאַדעלפיא.

אָבער פון דעם פּלאַן איז גאָרניט געוואָרען. נויאָרק האָט אויסגעכאפּט זעליקאָוויטשן, און מיט זעליקאָוויטשעס ארויספאָהרען פון פילאדעלפיא איז אויפגעגעבען געוואָרען דער פּלאַן וועגען אַ אידישער צייטונג דאָ אין שטאָדט.

דריי יאָהר שפּעטער האָט מאָזעס פריהמאַן, עה"ש ווידער אויפגעלעבט דעם פּלאַן, און ער איז ארויס מיט אַ קול קורא צו די פילאַדעלפיער אידען, און ער האָט געטענהט, אַז אין נויאָרק געפינען זיך שוין עטליכע אידישע צייטונגען, באַלטימאָר, שיקאגא, און פּיטסבורג האָבען אידישע צייטונגען, איז פּאַרוואָס זאָל אַזאַ צייטונג אויך ניט קענען עקזיסטירען אין פילאַדעלפיא, אין יענער צייט שוין אַ שטאָדט מיט אַ אידישער באַפעלקערונג פון צוואַנציג טויזענד.

אָבער אויך פריהמאַנ'ס אפּיל איז געבליבען אַ קול קורא במדבר.

מאָזעס פריהמאַן

דריי חדשים שפּעטער האָט אַ היגער געשעפטסמאַן, מאַרים ראָזענבוים, פון 609 ס. 3טע סטריט, ריזיקירט מיט זיין פּריוואַטען געלט, און ער האָט אָנגעהויבען פינאַנסירען אַ אידישע וואָכענבלאַט, „דאָס ליכט," מיט דר. מאָזעסאָן אַלס רעדאקטאר. אָבער מעהר ווי 35 נומערען זיינען ניט דערשינען. ראָזענבוים האָט אויפגעהערט פינאנסירען די אונטערנעמונג און דאָס אידישע „ליכט" איז אויסגעלאָשען געוואָרען.

און דאָ דאַרף ווידער דערמאָנט ווערען מאָזעס פריהמאַן. איהם האָט ניט אָפּגעשראָקען ראָזענבוים'ס דורכפאַל, און נאָך דעם אונטערגאַנג פון „דאָס ליכט" האָט פריהמאן ווידער אָנגעהויבען אַרבייטען וועגען אַ צייטונג, און דעם 26טען אויגוסט, 1892, האָט פריהמאַן אָנגעהויבען ארויסגעבען „די אידישע פּרעסע" מיט יאהאַן פּאַלעי אַלס רעדאקטאר, פריהער אין 4 זייטען וועכענטליך, שפּעטער אין זעקס, און דערנאָך טאָקע אין גאַנצע אכט זייטען.

אין דער „פּרעסע" האָבען מיטגעארבייט י. זעווין, (תש"רק,) פּראָפעסאָר זעליקאָוויטש, ז. ליבין, מאַרים ראָזענפעלד, נ. מ. באַבאַד, א. שאַרקאַנסקי, עוזר סמאָלענסקין, חיים מאַליץ, א. טענענבוים, דר. חיים ספּיוואק, י. ש. פּרענאָוויטש, מ. זייפערט, אהרן הירש פרענקל, מאקס פרענקל, יוסף מוסטין, וויליאם הינדין, און מאָזעס פריהמאַן.

די צייטונג האָט עקזיסטירט 84 וואָכען, אָבער נאָך שווערע מאַטערנישען, איז זי ווי די פריהערדיגע אַוועק אויפן עולם האמת. דעם 23טען מאַרטש, 1894. אָבער נאָך איידער די „אידישע פּרעסע" איז אונטערגעגאַנגען האָט אָנגעהויבען אין פילאַדעלפיא דערשיינען אַ צווייטע אידישע צייטונג, „דער פּאָלקסוועכטער."

ווי עס שיינט האָט דער „פּאָלקסוועכטער" זיך געשאַרט צו דעם אפּטאָון,

און דעריבער האָט ער געהאט די שטיצע פון די יאהודים, און סיימאָן מיור, זעהר א רייכער איד אין יענער צייט, ווי אויך דזשאָדזש מאיר סולצבערגער, עה"ש, האָבען געשטיצט די צייטונג.

אָבער פיער חדשים נאָך דעם אונטערגאנג פון „די אידישע פרעסע" האָט דער „פאָלקסוועכטער" געהאט דעם אייגענעם טרויעריגען סוף.

עס זיינען געמאכט געוואָרען נאָך פארזוכען, אָבער איידער דער עולם האָט באוויזען זיך צו באקענען מיט די אויסגאבען, האָבען זיי זיך צוגעמאכט.

מען דארף אָבער דערמאָנען, אז אין פילאדעלפיא האָט אויך אָנגעהויבען דערשיינען דער ערשטער „אידישער קעמפער," פון די פועלי ציון, און „דאָס פאָלק," פון די טעריטאריאליסטען.

די לעצטע צוויי אויסגאבען זיינען געווען ליטעראריש אין פולען זינען פון וואָרט, און זיי האָבען טאקע געהאט מיטארבייטער מיט וועלכע די פרעסע האָט דאן שטאָלצירט.

אין „דאָס פאָלק" האָבען מיטגעארבייט ז. קאטלער, לעאָן עלבע, אב. גאָלד־בערג, דר. הלל זאלאטאראף, און דער רעדאקטאר איז געווען משה קאטץ, עה"ש, וועלכער איז טאקע זינט דאן געוואָרען א פילאדעלפיער תושב.

דער „אידישער קעמפער" איז צום ערשטען מאָל רעדאקטירט געוואָרען פון קלמן מרמר, און ער האָט געהאט די חשוב'סטע שריפטשטעלער פאר מיטארבייטער. צווישען די מיטארבייטער פון „קעמפער" איז געווען א. וואלינער, וועלכער האָט אין יענער צייט געשאפען זיינע באריהמטע פעליטאנען „שטיקלאך און ברעקלאך," חוץ א גאנצע רייהע מיטארבייטער פון נויאָרק, ווי אויך פון אייראָפא.

וואָס עס איז שייך פילאדעלפיא, דארפען דערמאָנט ווערען י. ש. פרענאוויטש, א. ל. וואלפסאָן, דר. מ. נ. ווייסאן, לאַיער יוסף גראָס, משה מלמד, לעאָן קאברין, און פון ראדיקאלען לאגער זיינען שפעטער ארויסגעוואקסען יוסף קאָהן, און בעני אקסלער.

פרענאוויטץ, וואלפסאָן, קאברין, יוסף קאָהן און בעני אקסלער זיינען שפע־טער אפגעפאָהרען קיין נויאָרק, אָבער זיי זיינען פארבליבען אנערקענטע שריפט־שטעלער.

אָבער ווערענד די אָלע דערמאָנטע אויסגאבען האָבען געהאט קיצור ימים, און זיינען שוין לאנג פארגעסען געוואָרען, איז אין 1914 אין פילאדעלפיא ארויס־געקומען א גרויסע טעגליכע אידישע צייטונג, „די אידישע וועלט," און די דאָזיגע צייטונג האָט אין דער אמת'ן זיך געקענט פארגלייכען מיט אירגענד וועל־כער נויאָרקער אידישער צייטונג.

אונטער דער רעדאקציע פון דעם פריהער דערמאָנטען משה קאטץ, האָט די צייטונג פארמאָגט א גרויסען, רייכען שטאב מיטארבייטער, ווי ב. ריווקין, משה נאדיר, דייוויד גאָלטער, מרים קארפילאָוו, אב. זוסמאן, וויקטאָר מירסקי, הלל וויכנין, עה"ש, לאַיער יאָזעף גראָס, דזשייקאָב פעפער, י. מאלין, און אין די שפע־טערדיגע יאָהרען, ה. גאָטעספעלד, נייטען פליישער, ס. רעגענסבערג, נייטען קרא־

וויטץ, משה מלמד, י. רויטבערג, ס. ראטענשטיין, א. טאבאטשניק, אשר פען, יוד לאמער מאלאמוט, י. טעפליצקי און א צאהל אנדערע.

די ארויסגעבער, וויליאם ב. ליעף און דזשייקאב גינצבורג זיינען געווען דערפאהרענע צייטונגסלייט, און זיי האבען געהאט זעהר גוטע כוונות, און האבען אויך געוואוסט וואס די לעזער ווילען און וואס מען דארף זיי געבען אין א אידי־שער טעגליכער צייטונג.

אבער אויך די „אידישע וועלט" האט געהאט זעהר א שווערען קאמף פאר איהר עקזיסטענץ. וויליאם ב. ליעף האט זיך צוריקגעצויגען גלייך נאך די ערשטע פינף יאהר, און דזשייקאב גינצבורג האט נאך אנגעהאלטען די טעגליכע צייטונג קנאפע צוויי צענדליג יאהר, און דער סוף איז געווען, אז די צייטונג האט זיך צוגעמאכט, און אפילו נאכדעם ווי די מיטארבייטער און זעצער האבען ווידער אי־בערגענומען די צייטונג, און זיך געפלאגט ארום איהר, איז עס אבער געווען א געמוטשעטער עקזיסטענץ.

מיטארבייטער זיינען געגאנגען חדשים לאנג אהן שכירות, האבען געבראכט די גרעסטע קרבנות, אבער די לעצטע פאר יאהר האט די קאאפעראטיווע אויך גע־מוזט צושליסען די צייטונג.

עס זיינען געמאכט געווארען אומצאהליגע אנשטריינגונגען די צייטונג ווידער צו עטאבלירען. אידישע ארגאניזאציעס האבען בייגעשטייערט קלענערע און גרע־סערע סומען געלט, אבער די גאנצע מיה איז געווען אומזיסט.

מאי, 1942, האט די „אידישע וועלט," א וואכענבלאט אויך געמוזט ליק־ווידירען די געשעפטען, און ביי דעם היינטיגען טאג איז אין פילאדעלפיא אינגאנ־צען ניטא קיין אייגענע אידישע צייטונג, און דער אידישער לייענער איז פונקט ווי אמאל ווידער אנגעוויזען אויף נויארקער אידישע צייטונגען פונקט ווי ביי דעם סוף פון לעצטען יאהר הונדערט.

★

וויליאם ב. ליעף

1875 — 1938

געבוירען אין בערדיטשעוו, דעם 24טען פעברואר, 1875, דער זוהן פון רב לייבוש און חיה. דער פאטער איז געווען א זייד פאבריקאנט און האט זיך גערעכענט פאר איינעם פון די חשובסטע בעלי בתים אין בערדיטשעוו.

וויליאם ב. ליעף איז געקומען קיין אמעריקא א יונגער בחור פון 16 יאהר, אין 1891. ער האט אין דער היים געמאכט א רוסישע „נאראדנאיא אוטשילישטשע," און אין אמעריקא האט ער אנגעהויבען שטודירען, האט בדעה געהאט צו ווערען א דענטיסט, אבער ווי עס שיינט איז דער שטודיום ניט געווען שטארק אינטערעסאנט, און ער האט שנעל אויפגעגעבען.

מענשען וואס האבען געקענט וויליאם ב. ליעף'ן, האבען אלעמאל געפיהלט, אז ער וואלט געווען א בריליאנטענער לאיער, וויל דער מענש האט פארמאגט א שארפען מח, און אן אייזערנע לאגיק, און ער האט אלעמאל געקענט געווינען מענשען אויף זיין זייט, אפילו געגנער.

אין אמעריקא האט וויליאם באלד ווי ער האט זיך אויסגעגרינט זיך אריינגעווארפען אין דער סאציאליסטישער באוועגונג. ער איז געווען צווישען די גרינדער פון דעם „פארווערטס," און ערשט ביי דעם געבורט פון דער „ווארהייט," איז ער אריבערגעקומען קיין פילאדעלפיא און איז געווארען דער מענעדזשער פון די „ווארהייט." ער האט דאן געבראכט מיט זיך אהער דעם באוואוסטען אידישען שריפטשטעלער הלל וויכנין, וואס האט דא צוזאמענגעשטעלט די פילאדעלפיער אויסגאבע פון די „ווארהייט."

ער איז זעהער שנעל געווארען פראמינענט אין פילאדעלפיא, ביז אין 1914 האט ער איינגעזעהן, אז פילאדעלפיא קען אמבעסטען באדינט ווערען דורך אן אייגענער אידישער טעגליכער צייטונג, האט ער צוזאמען מיט דזשייקאב גינצבורג'ן געגרינדעט די „פילאדעלפיער אידישע וועלט."

ער איז געשטאנען מיט דער צייטונג עטליכע יאהר, דערנאך האט ער זיך צוריקגעצויגען.

אין די שפעטערדיגע יאהרען האט ער געגרינדעט די הר ציון סעמעטערי, און ער איז געבליבען ביי דעם זיין גאנצען לעבען.

די אלמנה, איידא ליעף, פיהרט איצט אן די זעלבע אפעראציעס אויף דעם זעלבען בכבודיגען אופן ווי וויאליאם ב. ליעף האט דאס געשעפט עטאבלירט. חוץ דער אלמנה זיינען געבליבען 4 טעכטער, עלינאר, איצט מרס. אלווין ביבער, עליס, איצט מרס. בערנארד מילער, רות, איצט מרס. אלען גארדאן, הילדא, איצט מרס. אסקאר פעלדמאן, און 1 זוהן, וויליאם ב. ליעף, דזשוניאר.

זייער רעזידענץ איז אין 6233 קריסטיען סטרים.

וויליאם ב. ליעף איז אוועק פון דער וועלט דעם 14טען דעצעמבער, 1938, אבער דער איצטיגער דור וועט איהם אזוי שנעל ניט פארגעסען. עס איז ניט איבעריג צו זאגען, אז וויליאם ב. ליעף איז געווען פון יענע מערקווירדיגע פערזענליכקייטען וואס זיינען געווען בויער און שאפער. ער האט אוועקגעלעגט א שטיק ארבייט פאר דער באוועגונג פון דעם אמעריקאנער אידישען קאנגרעס, פאר וועלכער ער וועט לאנג ניט פארגעסען ווערען. ער איז אויך געווען פאררעכענט פאר איינעם פון די אינטעליגענטסטע און לייטישסטע אידען וואס פילאדעלפיא האט פארמאגט. ער האט קיינמאל זיך ניט געשטופט צו דעם אויבנאן, אבער וואוהין ער איז נאר געקומען, האט מען איהם אפגעגעבען דעם געהעריגען כבוד און רעספעקט. מען האט זיך אלעמאל גערעכענט מיט זיין מיינונג, און זיינע אן עצה איז אלעמאל אויסגעפאלגט געווארען ווי א געבאט.

*

דזשייקאָב גינצבורג

רעזידענץ—5015 ספּרוס סטריט, אָפיס: פיידעליטי פילא־דעלפיא בילדינג.

דזשייקאָב גינצבורג איז געבוירען געוואָרען אין 1870, דער זוהן פון נחמיה גינצבורג און שרה דבורה מילנער. דער פאָטער איז געווען אַ באַוואוסטער סוחר און אַ איד אַ למדן.

איז געגאַנגען אין חדר און דערנאָך אין דער ישיבה ביז 16 יאָהר אַלט, האָט געלערענט גמרא מיט תוספות און יורה דעה, איז געווען אַ תלמיד מובהק פון דעם וועלט באַריהמטען רב יצחק אהרן קוק, אין פּאַניעוועזש. הרב קוק איז שפּעטער געווען באַריהמט אַלס איינער פון די גרעסטע פּערזענליכ־קייטען פון אונזער צייט.

אין אַמעריקא זינט 1892, האָט אָנגעהויבען אַלס רייזענדער אַגענט פון „פאָלקס פריינט," אין פּיטסבורג, שפּעטער איז ער געוואָרען דער פּאַרטנער פון „פאָלקס־אַדוואָקאַט," און „יידישע גאַזעטען," אַרויסגעגעבען פון כתריאל צבי שרהזאָן, ביז 1888, ווען ער האָט זיך עטאַבלירט אין פילאַדעלפיא אַלס ברענטש מענעדזשער פון „פילאַדעלפיער אבענדפּאָסט," און אַלס רעזולטאַט דער־פון איז ער געוואָרען איינער פון די אנגעזעהענסטע אידישע צייטונגסלייט.

אין 1914 האָט דזשייקאָב גינצבורג געגרינדעט די „פילאַדעלפיער אידישע וועלט," צוזאַמען מיט וויליאַם ב. ליעף, מיט וועמען ער האָט די צייטונג אַרויס־געגעבען ביז 1919, דערנאָך האָט ליעף זיך צוריקגעצויגען פון דער צייטונג, און דזשייקאָב גינצבורג איז געבליבען יאָהרענלאַנג דער איינציגער אַרויסגעבער פון דער איינציגער טעגליכער אידישער צייטונג אין פילאַדעלפיא.

די „אידישע וועלט" האָט געהאַט אַלס מיטאַרבייטער די אנגעזעהענסטע שריפטשטעלער אין אַמעריקא, צווישען זיי הלל וויכנין, ב. ריווקין, אַ פרומקין, משה קאַטץ, משה נאַדיר, י. מאַלין, אב. זוסמאַן, דוד גאָלטער, משה מלמד, און אין די שפּעטערדיגע יאָהרען נייטען קראַוויטץ, ס. רעגענסבערג, אב. גערבאָוואָי, יוד לאַמעד מאַלאַמוט, א. טאַבאַטשניק, ש. ד. זינגער, לואיס עפּראַן, מערי גרינ־בערג, לאַיער יאָזעף גראָס, א. ל. בערקאָוויץ, מ. העגרי פּאַטער, אשר פּען און אנדערע.

דזשייקאָב גינצבורג אַליין האָט זעהר אָפט געשריבען די לייט אַרטיקלען, און געשריבען האָט ער זיי ווי אַן אמת'ער פאַכמאַן, ניט ווי אַ פּראָווינציעל, און מען האָט זיי אָפט ציטירט אין דער טעגליכער אידישער פּרעסע איבערן לאַנד.

האָט געהייראַט ענע מאַצקין, און זיי האָבען איין זוהן, נאָרמאַן דזשיי., אַ פּראָמינענטער קאָמענטאַטאָר אויף דער ראַדיאָ, און דער אַרויסגעבער פון דער ענגליש־אידישער וואָכענבלאַט, „דזשואיש עקספּאָנענט."

דזשייקאָב גינצבורג איז געווען איינער פון די 44 פּראָמינענטע אידען וואָס האָבען מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר צוריק געגרינדעט דעם אינדעפּענדענט

אָרדער ברית שלום, און ער איז פאַרבליבען אַ לייטענדער גייסט אין דעם זעלבען אָרדען עד היום. ער איז אויך איינער פון די דירעקטאָרען פון „האיאס.״

איז איינער פון די ערשטע חובבי ציון, און אויף איהם מעג מען זאָגען, אַז ער איז געווען אַ ציוניסט נאָך איידער דר. טעאָדאָר הרצל, ז״ל איז געקומען צו דעם ציוניזם.

איז אין דער יוגענט געווען אַ פּראָמינענטער העברעאישער דיכטער און האָט אַרויסגעגעבען אַ זאַמלונג שירים „כנף רננים,״ איז אויך געווען אַ חשובער מיטאַרבייטער אין העברעאישע צייטונגען און זשורנאַלען אין יענער צייט.

איז געווען אַ מיטגליד אין דער פילאַדעלפיער סקוהל באָרד, פון ערשטען דיסטריקט, אויך אַ מיטגליד פון דעם היגען קאָמאָן קאַונסיל.

דזשייקאָב גינצבורג האָט גרויסע פאַרדינסטען וואָס ער האָט געלייסטעט פאַר דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס באַוועגונג. ער איז אויך געווען צווישען די גרינדער פון מאונט סיני האָספּיטאַל, נאָרטהערן ליבערטיס האָספּיטאַל, איינער פון די נאַציאָנאַלע דירעקטאָרען פון דער סענטראַל רעליעף אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה. איז געווען אַ דירעקטאָר פון „אָרט,״ געווען אַ דירעקטאָר פון דער פעדעריישאָן אָוו דזשואיש טשאַריטיס.

לעצטענס איז דזשייקאָב גינצבורג פאַרבונדען מיט דער עקוויטעבל לאַיף אַשורענס סאָסייעטי, אין פאַרבינדונג מיט דעם אָפיס פון מאָריס ה. מיטניק, איידזשענסי מענעדזשער.

★

הערי בערגער

געבוירען אין מינסק, אין 1886, ביי רעליגיעזע עלטערען, איז געקומען קיין ניו יאָרק מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר צוריק, און איז באַלד געוואָרען אַ מיטגליד פון דער „פאָרווערטס אַסאָסיאיישאָן.״

איז געווען איינער פון די גרינדער פון דעם סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד, מיט 27 יאָהר צוריק. אין פילאַדעלפיא איז ער אָנגעקומען מיט אכצעען יאָהר צוריק, אלס דער פאַרטרעטער פון היגען „פאָרווערטס.״ זינט דאַן שטייט ער מיט לייב און לעבען אויף זיין פּאָסטען אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אין 1936 איז דאָ געפייערט געוואָרען זיין פופציג יאָהריגער יובילעאום, און לכבוד דעם יום טוב איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ שיין בוך מיט אָפּשאַצונגען און באַגריסונגען פון אַ גרויסער צאָהל אנגעזעהענע פערזאָנען פון גאַנץ אַמעריקאַ.

אין די לעצטע יאָהרען ווען עס איז געשאַפען געוואָרען דער עלאַיד דזשואיש

אפיל, איז הערי בערגנער צוגעצויגען געווארען צו דעם אפיל. און ער ארבייט מיט אין די דראייווס, העלפענדיג קאארדינירען די לאקאלע אנשטאלטען וואס זיינען אנגעשלאסען אין דעם דראיוו, און דורכדעם ווערט פארמיידעט אסך דופליקי־רענדע ארבייט.

די מינסקער לאנדסלייט זיינען באזונדערס שטאלץ אויף הערי בערגנערן, דער עיקר, צוליב דעם, ווייל נאך דער ערשטער וועלט מלחמה, האבען זיי איהם דעלע־גירט אז ער זאל אריבערפאהרען אין דער אלטער היים און צוטיילען די געזא־מעלטע געלדער.

בערגנער האט זיין שליחות דורכגעפיהרט געוויסענהאפט, און ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער אין א סעריע ארטיקלען געשילדערט אין „פארווערטס" די אמת'ע לאגע פון די לאנדסלייט.

★

דוד בער טירקעל

פון די אידישע אימיגראנטען וועלכע זיינען געקומען אין די נייינציגער יאהרען פון לעצטען יאהרהונדערט איז דוד בער טירקעל, איינער פון די פאפולערסטע און בעקאנטסטע אין פילאדעלפיא. ער איז געקומען מיט זיינע עלטערען דעם ערשטען אויגוסט, 1893. זיין פאטער אהרן פישל, וועלכער איז געוועזן א בראנפען־ברענער אין א דארף, בארוווקא, פאדאליער גובערניע, ניט ווייט פון מאהילעוו ביים דניעסטער, וואו זיין בן יחיד, דוד בער איז געבוירען געווארען, האט געבראכט זיין פאמיליע קיין אמעריקא נאך דעם ווי די רוסישע רעגירונג האט איהם ארויסגעוויזען פון לאנד צוליב דעם, ווייל ער איז געוועזן אן עסטרייכישער אונטערטאן. די מוטער פון דוד בער איז געוועזן רחל גארדע, אן אור־אייניקעל פון דר. אהרן גארדע, דער הויף־דאקטאר פון דער פרייסישען קעניג פרידריך דעם גרויסען.

דער יונגער אימיגראנט האט געלערנט אין חדרים אין דער אלטער היים. קומענדיג קיין פילאדעלפיא, האט ער דא פארבראכט אין פאבליק סקוהלס און שפעטער האט ער אויך געלערנט אין טעמפל קאלעדזש. טראץ דעם וואס ער האט אנגעהויבען נאך אלס יונגער איינגעל אין דער מסחר וועלט איז אבער זיין נייגונג געוועזן מעהר צו ליטעראטור און צו קהל'שע ענינים דא אין שטאדט.

אין יאהר 1904 ערשיינט טירקעל'ס ערשטע העברעאישע זאמלונג שירים אונטער דעם נאמען „שירי דוד"; אין יאהר 1934 ערשיינט ווידער א געשיכטליכע מאנאגראפיע פון דעם אידישען און העברעאישען חנוך אין פילאדעלפיע, און

אין יאָהר 1941 האָט די היברו ליטעראַטור סאָסייעטי ארויסגעגעבען טירקעל'ס א בוך אונטער נאָמען „די „יוגענטליכע בינע." ביים מחבר דוד ב. טירקעל געפינען זיך נאָך צוויי ביכער אין מאנוסקריפּט: „לידער און לעגענדען," „עדיטאָריעלס און עסייען."

אין די ערשטע יאָהרען פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט ווען די אימיגראַציע פון מזרח אייראָפּא איז געווען אם גרעסטען און אידישע צייטונגען האבען אָנגעהויבען צו ערשיינען אין ניו יאָרק, פילאַדעלפיע און אין אַנדערע גרויסע שטעדט, האָט טירקעל אויפגענומען די זשורנאליסטישע פּראָפעסיע. ער ווערט רעדאקטאר פון „פילאַדעלפיער אמעריקאַן," א וויכטיגע וואָכען בלאַט פאַר אידישע און שטאָדט אנגעלעגענהייטען. ער רעדאקטירט דעם „ליטעראַרישען שטראַהל," א מאנאַט־שריפט פאַר ליטעראַטור און וויסענשאַפט. ער גיט ארויס א יאָהר־בוך, דער „שטערן," א ציוניסטישע זאמעל־בוך, און נעמט אַנטייל אין דעם „פילאַדעלפיער אידישען העראָלד," אין דער „פילאַדעלפיער מאָרגען צייטונג" און אין אַנדערע צייטונגען, זשורנאַלען און פּעריאָדיקלס.

אין יאָהר 1913 ווערט ער דערוויילט פאַרוואַלטער פון דעם ציוניסטישען וואָכענבלאַט „דאָס אידישע פאָלק."

אין נאָוועמבער, 1914, ווען דער „טאָג" איז ערשינען אין ניו יאָרק, האָט טירקעל איבערגענומען די פּארטנערשאַפט אין פילאַדעלפיא, וואו ער איז ביז היינטיגען טאָג דער סיטי עדיטאָר און מענעדזשער פון דער פילאַדעלפיער אויסגאַבע פון „טאָג." דער שאַפענדער גייסט לאָזט איהם ניט רוהען. ער וואַרפט זיך אריין אין קהל'שער טעטיגקייט און נעמט אַנטייל אין דער אויפבויאונג פון ערשטען אידישען בית יתומים; פון אידישען קאָנסאָמפּטיוו אינסטיטוט; פון דער נייער סענטראַל תלמוד תורה און ישיבת משכן ישראל, פון וועלכער ער איז געווען א צייט סעקרעטאַר, פון דער באַניטער היברו ליטעראַטור סאָסייעטי; פון דער אויפבויאונג פון דער שוהל און הויז פון מאניסטריסטשער רבי'ן, אדו"מר ר' יעקב ראַבינאָוויטש און אַנדערע קלענערע און גרעסערע שטאָדטישע אנשטאַלטען.

מיט פערציג יאָהר צוריק ווען פּראָפעסאָר הערמאַן שאַפּירא האָט געגרינדעט דעם אידישען נאַציאָנאַל פאָנד, האָט דער יונגער טירקעל זיך אָנגעשלאָסען אין דעם ערשטען פאַריין פון דעם אידישען נאַציאָנאַל פאָנד אין פילאַדעלפיע און האָט געהאָלפען אין דער זאמלונג פון נאַציאָנאַל פאָנד געלדער יעדעס יאָהר. ער איז געווען דער ארגאַניזירער און דער ערשטער פּרעזידענט פון דעם יוגענטליכען ציוניסטישען פאַריין „אגודת המכבים" און האָט כמעט זיין גאַנצען לעבען פאַרבראַכט טוענדיג וויכטיגע ציוניסטישע ארבעט.

אין יאָהר 1916 האָט דוד ב. טירקל געהייראַט מיט אסתר גינזבורג מיט וועלכער ער האָט ערצויגען איינע פון די שענסטע אידישע פאַמיליעס אין פילאַדעלפיע. די קינדער זיינען דר. אוירנעסט שלום, מרס. דאַרים וואָלף און אַרנאָלד פישל טירקעל, בעגאַבטער יונגער קינסטלער און מאָהלער.

★

יעקב זאַמערשטיין

רעזידענץ: 49טע סטריט און מאנומענט ראוד. געבוירען אין זבארעזש, גאליציע, דעם 30טען דזשון, 1896. איז אַ זוהן פון ישראל און מלכה זאמערשטיין, וועלכע זענען געווען אָנגעזעהענע סוחרים אין זבארעזש. איז דערצויגען געוואָרען אין חדר, שטאַטישע פאָלקס שולען, האנדעלס־אקאדעמיע, אין וויען, וואו ער האָט געהייראט מיס גוירטרוד סטרייט.

אין אַמעריקע איז ער געקומען מיט זיין פרוי אין יאָר 1926. האָט אָנגעפאַנגען אַלס מענעדזשער אין פילאַדעלפיער „מאָרגען זשורנאל" אין חודש נאָוועמבער פון יאָהר 1927. איז אַקטיוו אין פילאַדעלפיער אידיש־געזעלשאַפטלעכען לעבען און איז אַ מיטגליד פון אַ ריי קולטורעלע, פילאנטראָפּישע און פראטערנאלע אָרגאנזאציעס אין שטאָט.

★

מ. הענרי פאַטער

1900 — 1942

מיכאל הירש פאַטער, געבוירען אין לאדז, פוילען, אין 1900, אַ זוהן פון לואיס און הילדא פאַטער. איז געבליבען אַ יתום אָהן אַ מוטער, ווען ער איז אַלט געווען 4 יאָהר. איז געקומען קיין אמעריקא אין 1906, ווען ער איז אַלט געווען זעקס יאָהר.

דער פאַטער האָט אין 1906 ווידער געהייראט בעסי קאָהען, וואָס האָט אריבערגעבראַכט הענרי'ן קיין אמעריקא. הענרי האָט באזוכט די סקוהלס אין דער פערטער און קעטהרין, און די תלמוד תורה אין דער דריטער און קעטהרין. האָט גראַדואירט פאַבליק סקוהל צו 14 יאָהר, איז אריין אין סענטראל האי סקוהל, האָט גראַדואירט צו 16 יאָהר. אין יענער צייט האָט ער באזוכט נאָרטה איסטערן היברו סקוהל. צו 15 האָט ער פון דאָרט גראַדואירט. דר. מעדאף האָט איהם אין יענער צייט אָנגעשטעלט אַלס לעהרער אין דער היברו סקוהל. האָט געהאלטען דעם אמט 2 יאָהר, און איז אריין אין גרעטץ קאַלעדזש, נאַיט סקוהל.

זיין ערשטע שטעלע איז געווען „סיטי רעפּאָרטער" אין „נאָרטה אמעריקאַן," אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה.

אין יענער צייט האָט דער אמעריקאנער אידישער קאנגרעס אָפּגעהאלטען אין פילאדעלפיא דעם ערשטען צוזאמענפאָהר. הענרי איז געקומען „דעקען" דעם קאנגרעס פאר דער ענגלישער צייטונג, דאָרטען האָט ער זיך באקאנט מיט דזשייקאָב גינצבורג, איינער פון די ארויסגעבער פון די „אידישע וועלט." גינצבורג האָט גלייך איינגעזעהן הענרי'ס פעאיגקייטען, און ער האָט איהם איינגעלאַדען צו קומען איהם זעהן אין דער רעדאקציע פון די „אידישע וועלט."

גינצבורג האָט געוואָלט וויסען ווי אזוי הענרי איז דערצויגען געוואָרען, און ער האָט איהם דערקלעהרט, אז ער האָט זיין דערציאונג צו פארדאנקען זיין מאַמען, וואָס האָט איהם דערצויגען, כאָטש זי איז ניט די מאַמע וואָס האָט איהם געבוירען.

מ. הענרי פאטער האָט געהייראט צו 21 יאָהר מיט טילי שווארטץ, און ער האָט חוץ דער אלמנה געלאָזען 2 קינדער: דזשודיטה, 21, און ווארען, 17 יאָהר אלט.

פאטער איז אוועק פון דער וועלט דעם 9טען דזשולאַי, 1942, נאָך אַ הארץ אטאַקע אין מאונט סיני האספיטאל.

מ. הענרי פאטער האָט געהאט אין זיך גרויסע פעאיגקייטען אלס רעדנער, און איז געווען גאנץ פאפולאר ביי די ענגליש שפרעכענדע פאָלקסמאסען. ער האָט זיך אויך אויסגעצייכענט אלס גאסט רעדנער אויף באנקעטען און אלס ראדיאָ קאמענטאטאר.

ער האָט יאָהרענלאנג רעדאקטירט די ענגלישע פיידזש פון די „אידישע וועלט," און די לעצטע יאָהרען האָט ער געמאכט מעהר ווי איין פארזוך צו רעארגאַניזירען די „אידישע וועלט" ווען די צייטונג האָט זיך איניגע מאָל געמוזט אָפּשטעלען.

חוץ זיין פרוי און קינדער טרויערען היינטיגעס יאָהר נאָך פאטערן דער פאָטער, לואיס, אין 413 איסט דזשיראַרד עוועניו, די מוטער וואָס האָט איהם דערצויגען, בעסי פאטער, 2 ברידער, אברהם און בערנארד פאטער, און 4 שוועסטער, אנאַ, סערע, דזשעני און גערטרוד.

★

ב. עפּעלבוים

געבוירען דעם 25טען סעפּטעמבער, 1887, אין וואוקין, לעבען ראַזין, שעדלעצער געגענט. דער פאָטער איז געווען איינער פון די קאצקער חסידים און אַ שוחט. האָט געלערנט ביז 15 יאָהר און גע'שמ'ט פאר אַן עילוי.

האָט אָנגעהויבען ארויסוויזען נייגונג צו שרייבען גאנץ יונג.

צו 18 יאָהר איז ער אוועק קיין ווארשע און זיך שטארק געפּלאָגט, אין אַ האַלב יאָהר ארום געמוזט אַהיימפאָהרען צום פאָטער. דריי יאָהר שפּעטער איז ער צוריקגעקומען קיין ווארשע, זיך גענומען צו פארשיידענע ארבייטען, אין ווארשע און אין לאָדז.

אין 1912 דעבוטירט מיט א דערציילונג „צוויי דורות," אין לאדזער „טאגע־בלאט," דערנאך אנגעהויבען שרייבען חסידישע מעשיות, די ערשטע „דער כח פון א מצווה" געדרוקט אין „אונזער לעבען." זינט דאן האט ער פארעפענטליכט אסך מעשיות אין „פריינט," אין „היינט," און אין אנדערע צייטשריפטען.

נאכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה אויסגעוואנדערט קיין אדעס, דארט מיטגעארבייט אין פארשיידענע צייטונגען, ביז סוף 1922, ווען ער איז געקומען קיין נויארק. האט מיטגעארבייט אין „טאגעבלאט," דערנאך אין „מארגען זשורנאל," וואו ער איז געבליבען א שטענדיגער מיטארבייטער.

זיינע ביכער ביז איצט זיינען „פינסטערע וועגען," (ראמאן) „וואנדערער," „מישקע יאפאנטשיק," אין וועלכער ער שילדערט די איבערגאנגס פעריאדע נאך דער רעוואלוציע, דעם בירגער קריעג, די שוידערליכע פאגראמען, דעם באנדיטיזם, און די קאמפען צווישען די פארשיידענע מאכטען. „אין געוויטער," נאוועלען. „אויפברויז," ראמאן, „אויפ'ן שוועל," ראמאן, „דערלייזונג," ראמאן, „ברידער," נאוועלען, „דעם זיידענ'ס שקיעה," וועגען מענדעל'ן, און „שיידוועג."

ב. עפעלבוים איז דער גרויסער מייסטער פון דער קורצער סקיצע און פון דער נאוועלע, און ווערט גערעכענט פאר איינעם פון אונזערע אנגעזעהענסטע בעלעטריסטען, וואס פארנעמט א בכבודיגען ארט אין דער אידישער ליטעראטור.

ער האט אוייך באזונדערע פארדינסטען אלס איבערזעצער פון העברעאיש. אויסגעצייכענט זיינען זיינע איבערזעצונגען פון אברהם מאפו'ס ביבלישע ראמא־נען ווי „אהבת ציון," און „אשמת שומרון," ער האט אויך איבערזעצט פרץ סמא־לענסקי'ס „התועה בדרכי החיים," מיט דער ביאגראפיע פון סמאלענסקין, געשרי־בען ספעציעל פון ראובן בריינין.

וועגען ב. עפעלבוים איז אסך געשריבען געווארען אין לאדזשער „טאגעבלאט," אין „ביכער־וועלט," אויך בעל מחשבות אין „וואכענבלאט."

ב. עפעלבוים וואוינט אין פילאדעלפיא.

★

הלל וויכנין, ע״ה

1879 — 1942

געבוירען אין דרויע, ווילנער גובערניע, דעם 17טען אקטא־בער, 1879, דער זוהן פון ישראל און עטא גאלדע וויכנין. פאטער איז געווען א סוחר און א שיינער בעל תפלה, און האט דעם יונגען הלל'ן געהאלטען אין חדר און דער־נאך אויך געשיקט אין רעזשיצער ישיבה. ער האט אויך געלערענט אין ראמאלע'ס קלויז. אלס אינגעל האט הלל וויכנין שוין זיך אפגעגעבען מיט דרוקען ביכלאך און אין מאכען איבערזעצונגען. לערנענדיג האט ער בשתיקה זיך אפגעגעבען מיט לערנען ספרים חצונים.

איז געקומען קיין נויאָרק אין 1904, אביסעל שפּעטער איז ער אָנגעקומען אין „פאָרווערטס,״ וואו ער האָט מיטגעארבייט 5 יאָהר צייט.

נאָך דעם דורכפאל פון שרייבער סטרייק אין נויאָרק, האָט וויליאם ב. ליעף וויכנינ׳ען אריבערגעבראַכט קיין פילאדעלפיא, וואו ער האָט צוזאמענגעשטעלט די היגע אויסגאַבע פון דער „ווארהייט.״

דאָרט איז ער געבליבען ביז וויליאם ב. ליעף האָט צוזאמען מיט דזשייקאָב גינצבורג׳ן אָנגעהויבען ארויסגעבען די „פילאדעלפיער אידישע וועלט.״ וויכנין איז אָנגעקומען אין דער ניי־געגרינדעטער צייטונג, אין 1914, און אין דער „אידישע וועלט״ איז וויכנין געווען דער נייעס רעדאקטאָר, האָט געשריבען פארשידענע אַרטיקלען, נאָר דער עיקר איז ער געווען אָנגעזעהן און חשוב אַלס מוזיק רעדאק־טאָר און קריטיקער.

הלל וויכנין האָט 1 זוהן, ישראל וויכנין, אַ פּראָמינענטער פּיאניסט, וואָס איז באַריהמט געוואָרען נאָך אַלס קינד. ער איז זעהר יונג אויפגעטראָטען אַלס קאָנצערט פּיאניסט, האָט שטודירט אין בערלין און אין וויען, וואו ער איז אויך אויפגעטראָטען צוזאַמען מיט די גרעסטע ארטיסטען פון יענער צייט און איז זעהר וואַרים אויפגענומען געוואָרען פון דער קריטיק.

איזראעל וויכנין האָט אויך קאָנצערטירט איבער אמעריקא און די לעצטע יאָהרען טרעט ער אויף אויף קעי וואי דאָבעלי ראַדיאָ סטיישאָן, מיט קלארענס פורנעס אָרקעסטער.

איזראעל וויכנין האָט לעצטענס געהייראט מאדאם סאָניע מינטשין, אַ פּראָמינענטע פּאריזער זינגערין, וואָס איז מיט 2 יאָהר צוריק געקומען קיין פילאדעלפיא, אַ פליכטלינג פון נאַצי־לאַנד. מאדאם מינטשין האָט 1 טאָכטער, איירען, 13 יאָהר אַלט.

איירען איז אַ באַגאַבטע טענצערין, און אַ דאַנק איהרע אמביציעס און טאַלאַנט, איז זי אויפגענומען גע־וואָרען אַלס פרייע סטודענטקע אין דער ליטלפילד טאַנץ סטודיאָ.

הלל וויכנינ׳ס פארדינסטען אין פילאדעלפיא זיינען גרויס, ווייל ער האָט אין אַ משך פון איבער אַ פערטעל יאָהרהונדערט געבילדעט די לעזער פון די „אידישע וועלט,״ און זיי געהאַלטען אינפאָרמירט וועגען אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער מוזיקאַלישער וועלט.

ער האָט ביי דעם אידישען לעזער אנטוויקעלט אַ ליבשאַפט צו מוזיק און ער וועט בלייבען געשעצט אין דער אידישער שרייבער וועלט אין אמעריקא פאַר זיין ערנסטקייט און אויפריכטיגקייט.

וויכנין איז אַוועק פון דער וועלט, דעם 2טען טאָג ראש השנה תש״ג. אין דעם בוך האָט ער נאָך אַליין געשריבען די ביאָגראַפיע פון עדווין א. פליישער.—רעד.

★

יוד לאמעד מאלאמוט



געבוירען דעם 15טען סעפטעמבער, 1886, דער זוהן פון דניאל און מינדל (בערמאן) מלמד, אין סניטקאוו, פאָדאָלסק. פאָטער, אַ הייסער חסיד און מקורב אין קורילאוויצער הויף, פון אדו"מר הרב יחיאל'קעל, אַן אייניקעל פון דעם אפּטער רב.

דערצויגען אין חסידישער סביבה אין קורילאוויצער הויף און געבליבען אונטער דער השפעה דעם גאנצן לעבען. האָט דעבוטירט אין לאָנדאָנער „ארבייטער פריינט," מיט סקיצען צוגעשיקט פון נויאָרק, וואו ער האָט זיך געפונען זינט 1903.

אין 1905 אָפּגעפאָהרען קיין לאָנדאָן, ענגלאנד, און דאָרט מיטגעארבייט אין „ארבייטער פריינט," „דזשואיש וואָירלד," ענגלישע וואָכענבלאט, מיט אידישער ביילאגע, אויך „עקספּרעס," און „זשורנאל," צוויי טעגליכע צייטונגען אין יענער צייט.

אין 1907 צוריקגעקומען קיין נויאָרק, מיטגעאַרבייט אין „פאָרווערטס," „צייט-גייסט," און אין „טאגעבלאט."

דורך די יאָהרען 1911-12-13-14 געוואוינט אין קענעדע, מיטגעארבייט אין „קענעדער אדלער," אונטער דער רעדאקציע פון ראובן ברייני, שפּעטער מיטגעארבייט אין „טאראנטער זשורנאל," „קענעדער איד," וויניפּעג, וואו ער האָט אויך רעדאקטירט די „קענעדער אידישע וועלט."

אין 1915 צוריקגעקומען פון קענעדע קיין שיקאגא, האָט צוזאמענגעשטעלט די שיקאגא'ר אויסגאַבע פון נויאָרקער „פאָרווערטס," מיטגעארבייט אונטער רעדאקציע פון קלמן מרמר אין דער „אידישער ארבייטער וועלט" און „קונסט-פריינט," אַ זשורנאל פאַר קונסט און ליטעראטור.

האָט אויך אין יענער צייט אָנגעשריבען צוויי דראמען „ביים רבין אין הויף," און „דער עגאָאיסט," די ערשטע פּיעסע איז געשפּילט געוואָרען דערפאָלגרייך אין קענעדע אונטער דער אויפפיהרונג פון ראובן ברייני, און די לעצטע איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין גערטנער'ס טעאַטער אין שיקאגא, מיט דער באטייליגונג פון מוני ווייזענפריינט (היינט פאול מוני), לייזער ראזענשטיין, פּאולין האפּערמאן, אדאלף און דזשעני גערטנער און אנדערע.

אין 1920 געגרינדעט און רעדאקטירט אין דעטראָיט אַ וואָכענבלאט, און שפּעטער אַ טאָג-צייטונג „דער וועג."

אַ יאָהר שפּעטער אָפּגעפאָהרען קיין קאליפאָרניע, וואו ער האָט רעדאקטירט אַ טאָג צייטונג „די צייט," שפּעטער אויך רעדאקטירט דעם לאס אנדזשעלעסער „בולעטין," און די „קאליפאָרניער אידישע שטימע," פריהער טעגליך און דערנאָך וועכענטליך.

האט געגרינדעט און רעדאקטירט דעם חודש זשורנאל „זונלאנד," מיט דער באטייליגונג פון ה. רויזענבלאט, מ. מ. דאליצקי, דוד גיסנעט, אסתר עסעלין, ברכה קודלי, יוסף קוצענאגו, און אנדערע.

איז אויך געווען דער רעדאקטאר און ארויסגעבער פון „האליוואוד," ערשטער און איינציגער אידישער פילם זשורנאל. רעדאקטאר פון צוויי בענדער „סאוט־וועסט דזשורי," היסטארישע און ביאגראפישע מאטעריאלען וועגען די אידישע פיאנערען אין קאליפארניע.

האט אויך רעדאקטירט אן ענליך בוך „סאוטהערן דזשורי," וועגען די אידען אין מעמפיס, טענעסי.

זיינע אידישע ווערק זיינען „מעשה'לאך פאר אידישע קינדער," ארויסגע־געבען אין סט. לואיס, א באנד הומארעסקען ארויסגעגעבען אין באסטאן, „קינ־דער־יאהרען," חדר מעשיות, און „סניטקאוו, מיין שטעטעל," רעציטאציעס און אימפראוויזאציעס, און „איסט בראדוויי און ראיאל קאפיי." פון די אלע ביכער זיינען דערשינען פיר אויפלאגעס.

האט אויך פארעפענטליכט צוויי מיניאטור ביכעלאך מיט איבערזעצונגען און פאראדיעס. לידער פון ענגלישען לאר, פון נעגער־לאר און פון אנדערע שפרא־כען. מיטארבייטער פון פילאדעלפיער „אידישע וועלט" זינט 1936, געשריבען ראמאנען, דערציילונגען, ארטיקלען, און הומארעסקען, ביז דעם אונטערגאנג פון דער צייטונג.

איז איצט דער רעדאקטאר־ארויסגעבער פון „פילאדעלפיער אידישע אנשטאל־טען און זייערע פיהרער," אויך נייעס רעדאקטאר פון „פילאדעלפיער מארגען זשורנאל."

האט געהייראט בערטא לעווין, זייערע קינדער: ליע לאמאנט, מעריען לינק און דניאל, איצט א סטעף סארדזשענט מיט א באמבארדיר סקאדראן אין עגיפטען; אויך רעדאקטאר פון „עגמת נפש," א וויץ בלאט אין מדבר.

✱

עליזה גרינבלאט

געבוירען אין אזארענעץ, פאדאלסק, אין 1889, די טאכטער פון אברהם און ברכה בת ציון אהרענזאן. אין אמעריקא זינט 1900, האט באזוכט אן אווענט שולע און איז אוועק ארבעטען. האט געהייראט איזידאר גרינבלאט, אין 1908, און זיך דערצויגען אונטער זיין איינפלוס.

האט אנגעהויבען שרייבען לידער זעהר יונג, און איהר ערשטער בוך „לעבען מיינס," איז דערשינען אין 1935. זינט דאן פארעפענטליכט זי לידער אין פארשיי־דענע צייטונגען און זשורנאלען. איז באזונדערס פאפו־לאר דורך איהר ליעד: חלומן חלומות, מוזיק פון סאלא־מאן גאלוב, פישער ליעד און „פון אלע צארטע בלומען."

האט זינט דאן פארעפענטליכט צען לידער מיט מוזיק, וואס האבען שטארק אויסגענומען ביי די פאלקסמאסען.

איהר מאן, איזידאר גרינבלאט איז געווען פון די פיאנערען, וואס איז נאך דער ערשטער וועלט מלחמה געפאהרען קיין ארץ ישראל, און האט זיך באמיהט איינצופיהרען אינדוסטריע.

זייערע קינדער: אברהם יהושע, איצט אן אפיציר אויף אן אמעריקאנער שיף, אין 1936 האט דער זוהן געעפענט די ערשטע מארין שולע אין ארץישראל, ווייל ער האט געפיהלט אז אידען טארען זיך ניט פארטרויען אויף די אראבער. דער 2טער זוהן, דוד משה, איז אן אינזשעניר אויף אן אמעריקאנער שיף, ביידע האבען גראדואירט פון דער סקולשיפ „אנאפאליס,” אין פילאדעלפיא. גיסיע, איצט מרס. דוד מייזיע, איהר מאן איז פראפעסאר אין קאלאמביא, מיזורי, און ערשטער לוטענאנט. גיסיע האט געענדיגט די ווימענס סקוהל אוו דעזיין, מיטן דעגרי „בעטשעלאר אוו ארט.”

חנה, איצט מרס. דזשאזעף מייזיע, א גראדואירטע פון נעיבארהוד פלעי־האוז, איצט מיט דער מארטהא גרעהעם טאנץ גרופע. חנה'ס מאן איז א מעטאלור־גיסט מיט דער אמעריקאנער רעגירונג אין פרענקפארד ארסענאל. דער אינגסטער, בן־אביב, 21 יאהר אלט, גראדואירט איצט פון קאלאמביא, מיזורי, אלס מעטאלור־גיסט. אלע קינדער האבען באקומען סקאלערשיפס, און צייכנען זיך אויס פונקט ווי זייערע עלטערן אלס געטרייע איבערגעבענע זיהן און טעכטער פון דעם אידישען פאלק, מיט א הייסער ליבע צו ארץ ישראל און צו קולטור און קונסט.

★

נייטען ב. פליישער

רעזידענץ: סילוויינא האטעל. אפיס: דאבעליו די עי עס סטודיא. געבוירען אין לאדז, פוילען, אין 1888, דער זוהן פון אלתר און גיטל פליישער. פאטער איז געווען א סוחר פון תבואה. האט געלערענט אין חדר און דער־נאך זיך זעלבסט געבילדעט. שפעטער געקומען אין בערן שווייץ, און דארט געהערט פרייע לעקציעס פינף יאהר צייט.

אין אמעריקא זינט 1906, האט אנגעהויבען מיטאר־בייטען אין „צייט גייסט” „צוקונפט,” שפעטער געווארען מענעדזשער פון „קיבעצער,” און דערנאך געווארען א מיטארבייטער פון „דיווארהייט.”

אין פילאדעלפיא זינט 1914. געקומען אהער אלס מענעדזשער פון די „ווארהייט,” איינינע יאהר שפעטער אנגעקומען אין די „אידישע וועלט.” דורך דער צייט איז ער געווען מיטארבייטער, ארויסגעבער, רעדאקטאר און מענעדזשינג עדיטאר פון דער צייטונג. האט געשריבען נייעס, פאליטישע ארטיקלען, ראמאנען

אונטער אַ פסעוודנים. אַלע אַנדערע אַרטיקלען זיינען דערשינען אונטער אייגענעם נאָמען.

זינט 1936 אַנגעקומען אין דער ראַדיאָ סטודיאָ אַלס קאָמענטאַטאָר און רעכענט זיך היינט צו טאָג דער פּאָפּולאַרסטער קאָמענטאַטאָר אין פילאַדעלפיא, באַזונדערס זינט דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה.

נייטען פליישער האָט איין טאָכטער, עלענאָר, איצט מרס. דר. וויליאַם סעמבערג.

★

דר. לעאָ (אריה ליב) קעסנער

געבוירען אין 1887, אין טשערנאָוויטץ, בוקאָווינאַ, דאַן אַ טייל פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אימפּעריע. פאָטער איז געווען אַ רייכער סוחר, תלמוד חכם און שפּראַכקענער, אליעזר קאַסנער. האָט איהם דערצויגען צו ווערען אַ ראַבינער, נאָר דער זוהן האָט זיך געפּלאַנעוועט אַנאַנדער לעבענס וועג.

נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט גימנאַזיום אין ראַדאוויץ, (בוקאָווינאַ) און באַקומען טיטול „דר. פילאָזאָף," אין ווינער אוניווערסיטעט, האָט ער זיך גענומען צו דייטשער שריפטשטעלעריי, פאַרפאַסט הונדערטער דערצעהלונגען און סקיצען, און אַפילו 3 דראַמאַטישע ווערק.

פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה געווען פאַרבונדען אַלס זשורנאַליסט מיט דער באַוואוסטער ווינער טאָג צייטונג „נייע פרייע פּרעסע." די מלחמה האָט ביי איהם אַרויסגערופען אַ ווידער־ווילען צו דער דייטשער קולטור, און קומענדיג קיין אַמעריקאַ האָט ער צוליב חיונה געאַרבעט עטליכע וואָכען אין דער דייטשער „שטאַט־צייטונג." דערנאָך איז ער אינגאַנצען איבערגעגאַנגען צו דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור. ביז דאַן איז ער מיט אידיש געווען גאָר ווייניג באַקאַנט.

אין די ווייטערדיגע יאָהרען מיטגעאַרבעט אין „קונדס," „פרייע אַרבעטער שטימע", און אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלען אין נויאָרק.

מיט 13 יאָהר צוריק זיך פאַרבונדען מיטן „פאָרווערטס," פאַר די לעצטע עלף יאָהר דער נייעס רעדאַקטאָר פון „פילאַדעלפיער פאָרווערטס."

קעסנער האָט געשריבען אַסאַך קונדייסישע לידער, מייסטענס אויף צייט פראַגען, הומאָריסטישע סקיצען, געדרוקט אין „קונדס," אויך אין „פאָרווערטס" אונטערן נאָמען „כמעט אַ גאַליציאַנער." האָט אויך פאַרפאַסט אַ גרויסע צאָהל ערנסטע עסעען און ליטעראַרישע קריטיקען, אונטערן נאָמען „דער מענשען פרעסער." האָט אויך געשריבען אונטערן אייגענעם נאָמען קונסט קריטיקען, טעאַטער רעצענזיעס, אויך וועגען מוזיק, שרייבט אויך פּובליציסטישע און זשורנאַליסטישע אַרטיקלען אונטערן נאָמען „ל. לעדערער." זיין אמת'ן נאָמען געברויכט ער נאָר ביי געוויסע געלעגענהייטען.

פון אַלע זיינע ארבייטען איז ביז איצט דערשינען בלויז איין בוך, „געטראכט און געלאכט," ארויסגעגעבען פון דער פילאדעלפיער אידישער ארבייטער באוועגונג לכבוד זיין פופציג יאהריגען יובילעאום.

★

אברהם גערבאַוואַי

פסעוודאנים אברהם סירא

איז געבוירען געוואָרען אין באברינעץ, כערסאנער גובערניע, רוסלאנד, דעם 2טען יאנואר, 1898, זיינע עלטערען אָרטאָדאָקסישע אידען, האָבען איהם געגע־בען אַ טראַדיציאָנעלע אידישע דערציאהונג, אָבער דערביי אויך ניט פאַרנאַכלעסיגט זיין וועלטליכע דערציהונג.

אין 1911 איז ער אריבערגעקומען מיט זיין פאמיליע קיין אמעריקא, זיך באַזעצט אין פילאדעלפיא, וואו ער האָט פאָרטגעזעצט זיין שטודיום אין טעמפעל יוניווערזיטי און אין דער פענסילווייניא אוניווערזיטעט.

אברהם גערבאַוואַי האָט אין זיין פריהער יוגענער ארויסגעוויזען אַ נייגונג צו ליטעראטור און צו שרייבען און אין 1917 האָט ער, אונטער דעם פסעוודא־נים, א. סירא, אָפּגעדרוקט די ערשטע לידער און פאראדיעס אין דעם „קונדס."

אין 1917 שליסט ער זיך אָן אין דעם אידישען לעגיאָן און דינט אין ארץ ישראל ביז דעם סוף 1919, ווען ער קעהרט זיך אום קיין פילאדעלפיא. איידער ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אין לעגיאָן, האָט ער פאַר עטליכע יאָהר פאַרנומען דעם פּאָסטען פון ביבליאָטעקער אין א ביבליאטעק אין 505 ריד סטריט און איז אַ לענגערע צייט געווען פאַרבונדען מיט דעם היגען אָפיס פון דער טעגליכער צייטונג „דער טאָג."

נאָך זיין צוריקקעהרען זיך פון דעם אידישען לעגיאָן, פאַרבינדט ער זיך אין אָנפאנג 1920 מיט דער פילאדעלפיער „אידישע וועלט" וואו ער האָט מיטגע־אַרבייט ביז 1939, ווען ער האָט איבערגענומען דעם פּאסטען פון עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דעם אמעריקאנער אידישען קאנגרעס אין פילאדעלפיא.

אין דער צייטונג האָט ער בייגעטראָגען אויף פאַרשידענע געביטען, געשריבען איבער אַלגעמיין אידישע פראגען, איבער פּאָליטישע פּראבלעמען, איבער וויסענ־שאפט, אָנגעפיהרט א טעגליכען קאלום אונטער'ן נאמען „לויט מיין מיינונג" און האָט פאַרעפענטליכט אַ לענגערע אַרבייט, די לעבענס געשיכטע פון פרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט.

אין 1934 האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בוך לידער אונטער דעם נאָמען „צו דיר."

★

די פיהרער פון דעבארא סאניטאריום

ישראל קאטץ
נאציאנאלער
פרעזידענט

דזש. ס. עליקמאן
ערשטער
ווייס פרעזידענט

דוד שומאן
טשערמאן פון
אדמיניסטראטיווען
קאמיטעט

שמואל קאַרדאָן
נאציאנאלער
טרעזשורער

לאָיער א. בערקאָוויץ
טשערמאן
באָרד אָף טראָסטיס

עדווין איי. פליישער

אין אן אנדער פלאץ אין דעם דאזיגען בוך איז דא א קורצע ביאגראפיע פון איינעם פון די פראמינענטסטע אידען פון פילאדעלפיא—דעם מעצענאט סעמועל ס. פליי־שער.

דא ווערט אין קורצען איבערגעגעבען די גרויסע אויפ־טואונגען פון נאך א אידישען מעצענאט פון פילאדעלפיא, עדווין איי. פליישער, וועלכער איז צופעליג א ברודער פון דעם פריהער דערמאהנטען מעצענאט.

סעמועל ס. פליישער האט פאר זיינע אויפטואונגען אויפן געביט פון אויפהאלטען דעם גרעפיק סקעטש קלאב און לערנען יונגע לייט מאלעריי געקראגען דעם כשר־פארדינטען באק־געשאנק, די גרעסטע באלוינונג וואס די שטאדט האט צו געבען איינעם פון איהרע בעסטע זיהן. עדווין איי. פליישער האט נאך אונפארשטענדיכער ווייז די דערמאהנטע באלוינונג ניט געקראגען, אבער זיין סימפאני קלוב וואו ער האט געלערענט יונגע לייט ווי אזוי צו שפילען אין א סימפאנישען ארקעסטער האט צוגעשטעלט פעהיגע שפילער אין כמעט יעדען גרויסען סימפאנישען ארקעסטער איבערן לאנד.

עפענט אויף א פראגראם־ביכעל פון א סימפאנישען קאנצערט אין אירגענד וועלכער שטאדט פון לאנד, און איהר וועט זיכער געפינען צווישען די וויכטיגסטע מיטגלידער פון די ארקעסטערס איינעם אדער עטליכע וועלכע האבען זייערע ערש־טע קענטנישע ווי צו שפילען אין אן ארקעסטער געקראגען אין עדווין איי. פליי־שער'ס סימפאני קלוב אין 1235 פיין סטריט. באזונדערס איז עס דער פאל מיט די מוזיקאנטען פון דער פילאדעלפיא ארקעסטרא—עס וועט ניט זיין איבער־טריבען צו זאגען אז גאר א גרויסער טייל פון אונזער איינענעם סימפאנישען ארקעסטער באשטעהט פון עדווין איי. פליישער'ס קלוב'ס סטודענטען.

עדווין איי. פליישער האט זיך מיט יאהרען צוריק אויך אפגעגעבען מיט שטיצען פינאנציעל איינצעלנע מוזיקאלישע טאלאנטען, צאהלענדיג פאר זייער אונטעררריכטונג און שיקענדיג זיי קיין אייראפא.

די שטאדט פילאדעלפיא וועט באזונדערס געדענקען עדווין איי. פליישער פאר דער גרויסער מוזיקאלישער מתנה וואס ער האט איהר געגעבען, אוועקשיי־קענדיג איהר די גאנצע מוזיקאלישע ביבליאטעק וואס האט זיך אנגעזאמעלט יאהרען לאנג אין זיין סימפאני קלוב. די ביבליאטעק איז איינע פון די גרעסטע

אין לאנד און פארנעהמט א באזונדער צימער אין דער הויפט שטאדטישער פאב־ליק לייברערי, אויף פארקוועי, און טראגט דעם נאמען „פליישער־רום.״

עדווין אדלער פליישער איז געבוירען געווארען אין פילאדעלפיא, דעם 11טען דזשולאי, 1887, דער זוהן פון סיימאן ב. און סיליע (האפענהיימער) פליישער. האט באקומען זיין בילדונג אין וויליאם פען טשארטער סקוהל און אין 1899 האט ער באקומען דעם „דעגרי״ ב. א. פון הארווארד יוניווערסיטי.

איז געווען טרעזשורער און דירעקטאָר פון דער ס. ב. און ב. וו. פליישער קאמפאני פון 1902 ביז 1925. דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעצויגען און זיך געווידמעט פילאנטראָפּישער ארבייט. ער האָט אָרגאניזירט דעם סימפאנישען קלוב צו גיבען פרייע מוזיקאלישע בילדונג צו אָרימע סטודענטען.

ער איז אַ מיטגליד פון כנסת ישראל קאנגרעגיישאָן. זיין היים איז אין 2220 גרין סטריט און זיין אָפיס אין 1616 וואלנאט סטריט, פילאדעלפיא.

פון דער רעדאקציע: דאָס איז דאָס לעצטע ארטיקעל וואָס דער באוואוס־טער שריפטשטעלער און מוזיק קריטיקער, הלל וויכנין, האָט געשריבען פאר אונז, אַ טאָג איידער ער איז פארשלאפט געוואָרען. צום באדויערען האָט ער שוין ניט דערלעבט צו זעהן דאָס בוך פארענדיגט.

★

ארטור א. פליישער

געבוירען אין פילאדעלפיא, דעם 8טען אקטאָבער, אין 1876, דער זוהן פון בענדזשאמין וו. און איידא מאריע (טעלער) פליישער.

איז דערצויגען געוואָרען אין וויליאם פען טשאר־טער סקוהל, היינט שוין אַ צוריקגעצויגענער געשעפטס־מאן.

א דירעקטאָר פון נאָרטהערן טראַסט קאמפּאני, אלייענס אינוועסטמענט קאמפּאני, ארטור א. פליישער איז דער פּרעזידענט פון דזשואיש האספּיטאל, דאָס עלט־סטע האספּיטאל וואָס פילאדעלפיער אידען האָבען גע־בויעט אין פארגאנגענעם יאָהרהונדערט. ער איז אויך דער פּרעזידענט פון דזשו־איש טשאאוטאקווא סאָסייעטי, אַ מיטגליד פון דעם אדווייזארי קאונסיל פון די מיידלאך סקאוטס, אַ עהרען דירעקטאָר פון דער יאַנג מענס און יאַנג וויִמענס היברו אסאָסיאיישאָן, אַ דירעקטאָר פון דער פעדעריישאָן אָוו דזשואיש טשא־ריטיס, טשיילד גאידענס קליניק, דירעקטאָר פון ווילא קרעסט קאנוואלעסינג האוס, דזשוואווענייל עיד סאָסייעטי, עהרען דירעקטאָר פון רודף שלום קאנגרעגיישאָן, און איינער פון די באקאנטע פילאנטראָפּען וואָס זיינען פאראינטערעסירט אין דעם אלגעמיינעם וואוילזיין פון דער אידישער, ווי פון דער אלגעמיינער באפעל־קערונג.

★

דר. וויליאם ה. פיינשרייבער

דער גייסטיגער פיהרער פון קאנגרעגיישאן כנסת ישראל. געבוירען אין סט. לואיס, מיזורי, דעם 21טען פעברואר, אין 1880, א זוהן פון הערמאן און הענריעטא (בראון) פיינשרייבער. האט באקומען „דעגרי א. ב. אין 1909 און אין יוניווערסיטי אוו סינסינעטי, „בעטשלאר אוו היברו" אין 1896. האט גראדואירט אלס ראבאי פון היברו יוניאן קאלעדזש אין 1900, מיט עהרען טיטול „דאקטאר אוו דיווינעטי. האט אויך גראדואירט פון טעמפעל יוניווערסיטי.

איז געווען ראבאי פון טעמפעל עמאנועל אין דעווענפארט, אייאווא, פון 1900 ביז 1911. אין קאנגרעגיישאן, טשילדרען אוו איזראעל, אין מעמפיס, טענעסי, פון 1911 ביז 1924. איז געווען ארביטרייטאר פון בעקערס סטרייק אין 1929. איז באשטימט געווארען פון פרעזידענט רוזוועלט, טשערמאן פון פענסילווייניע סטייט אדזשאסטמענט בארד פאר דיספיוטען איבער נ. ר. א. אין 1932. מיטגליד פון סענטראל קאנפערענץ אוו אמעריקאן ראבאים.

דזשואיש טשאטאקוא סאסייטי אוו אמעריקא ,דירעקטאר, אמעריקאן דזשואיש מיניסטערס פון פילא., אמעריקאן אקעדעמי אוו דזשואיש ריסוירטש, אמ. סיוויל ליבערטים יוניאן, אל-פילא. קאנפערענס אוו סאשעל ווארק. (וויס טשערמאן).

עהרען פרעזידענט פון אידישען קאונסיל פאר ראשען וואר רעליף."

האט געהייראט מעי ס. וואלערשטיין. זייערע קינדער זיינען: האוארד וויליאם, וויליאם האוארד, דזשוניאר, און זיין היים איז אין 1916 ריטענהאוז סקווער. אפיס: 1717 נ. בראד סטריט.

★

ראבאי מארטימער דזשעי. קאהען

געבוירען אין נויארק, 1טען מארטש 1894. דער זוהן פון דזשאזעף א. און רייטשעל (לעווין) קאהען. האט באקומען א „דעגרי" א. ב. אין 1915, אין קאלעדזש סיטי אוו נויארק.

האט גראדואירט אלס ראבאי אין 1919 פון אידישען טעאלאגישען סעמינאר פון אמעריקא אין נויארק אין 1919.

האט באקומען א „דעגרי" פון דראפסי קאלעדזש, דאקטאר פילאזאפיע.

ער איז דער גייסטיגער פיהרער פון בית שלום קאנ־גרעגיישאָן אין פילאדעלפיא זינט 1920.

דר. מאָרטימער דזשעי. קאָהען איז אַ דירעקטאָר פון די אסאָשיאייטעד תלמוד תורות, יאָנג דזשודעא, אַ מיטגליד פון דער „נעשאנאל ראביניקאל אסעמבלי אָוו אמעריקאן ראבאיס," געוועזענער פּרעזידענט פון פילאדעלפיער ברענטש, באָרד אָוו דזשואיש מיניסטערס, פּאי בעטא קאפּא.

האָט געהייראט העלען ד. מארים קאליקמאן, אין 1925. זייערע קינדער זיינען חדוה רעי און לאָרנא ליע.

זיין גרעסטע הנאה איז: שרייבען.

זיין היים איז אין 1624 לינדלי עווניו. סטאָדי: בית שלום טעמפּעל, בראָד און קאָרטלאנד סטריטס.

★

דר. נ. וו. ווינקעלמאן

געבוירען אין פילאדעלפיא, דעם 28טען אקטאָבער, 1891, דער זוהן פון פרענק נייטען און פרידא (קאָהן) ווינ־קעלמאן. האָט גראדואירט פון יוניווערסיטי אָוו פּענ־סילווייניע, מעדיקאל קאלעדזש אין 1914. איז געווען רעזידענט פיזישען פון אלעגעני דזשענעראל האספּיטאל, 1914 און 1915. סיטי האספּיטאל, 1915 ביז 1916 אין פּיטסבורג, פּא. פּראָפעסאָר אין טעמפּל יוניווערסיטי מעדיצין סקוהל, 1928 ביז 1936, פּרעזידענט פון אַ גרופּע וואָס האָט באקומען אַ מתנה פון 16 אקער לאנד פאר אַ טשאריטי האספּיטאל פאר גייסטיג קראנקע.

דר. ווינקעלמאן האָט געלעקטשורט פאר מעדיצינישע געזעלשאפטען איבער גאנץ אמעריקא און קענעדע, איז באקאנט פאר איינעם פון די פּראמינענטסטע פּסיכיאטרען אין אמעריקא. איז דער אויטאָר פון אַ צאָהל ביכער וועגען מעדיצין און באזונדערס וועגען מעטאָדען ווי צו באהאנדלען גייסטיג קראנקע פּאציענטען.

דר. ווינקעלמאן האָט צו זיין קרעדיט די גרינדונג פון דעם ערשטען האס־פּיטאל פאר אידישע קראנקע, פון וועלכען עס איז ארויסגעוואקסען דער איצטי־גער פילאדעלפיער פּסיכיאטרישער האספּיטאל, אין וועלכען ער איז דער טשיעף מעדיקאל דירעקטאָר און עקזאמינער.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה איז דר. ווינקעלמאן געווען אין דער נורא־פּסיכיאטרישער אפּטיילונג מיט דער אמעריקאנער ארמיי.

האָט געהייראט לילי, די טאָכטער פון לואיס גייבעל, אין 1919, און זייערע קינדער זיינען נעטעניעל וויליאם, דזשוניאר, און אליען גייבעל (די טאָכטער איז אומגעקומען אין דעם פייער פון באָסטאָנער „קאָקאָ־נאָט גראָוו" קלוב., נאָוו. 28, 1942). דר. ווינקעלמאן האָט זיין אָפיס אין 1911 ספּרוס סטריט.

פראָפעסאָר ארטור וואָלף

געבוירען אין אזארענעץ, פאדאל, אין 1885, א זוהן פון שלום שוחט, און איז אויפגעצויגען געוואָרען אונטער דער ספעציעלער אויפזיכט פון דעם פראסקוראוועער רב, וועלכער האָט אויך געלערענט מיט די קינדער פון דעם אזארענעצער רבי׳ן, רב ברוך מאיר׳ל.

די פאמיליע האָט געשמט מיט איהרע חזנים, ווי מרדכי שוחט, שטאט חזן אין סניטקאָוו, דאָס געבורט אָרט פון דעם רעדאקטאר פון „פילאדעלפיער אידישע אנשטאלטען און זייערע פיהרער,״ פון דער זעלבער פאמיליע האָט געשטאַמט דן פוקס, שפעטער ווינער אויבערקאנטאר, וועלכער איז אויף דער עלטער געקומען א יורד קיין פילאדעלפיא, און איז דאָ נפטר געוואָרען. א שוואָגער פון דן פוקס איז דער היגער קאנטאר גרשון מארגאליס, פון ווינער לעאָפאָלד־שטאט טעמפל, איצט חזן אין אוהב צדק שוהל, פילאדעלפיא.

פראָפעסאָר וואָלף איז געקומען קיין וויען א אינגעל פון פופצען יאָהר, און האָט שטודירט מוזיק. ער האָט פארמאָגט א לירישען באס, און דערצו האָט דן פוקס וואָלפ׳ן געשיקט שטודירען געזאנג און קאמפאזיציע, אין ווינער קאנסערוואטאריע. שפעטער האָט ער גראַדואירט פון ווינער קאנסערוואטאָריע און ער האָט אָנגעהויבען זיך אינטערעסירען מיט שטים בילדונג, און ער האָט זיך דורכדעם דערוואָרבען א גרויסען נאָמען.

פראָפעסאָר וואָלף האָט באקומען זיין טיטול פאַר מוזיקאלישע ווערק אייבער „קריטיק דער איינזייטיגער געזאנג,״ און „גימנאסטיק פון דעם געזאנג אפּאראט.״ פראָפעסאָר וואָלף האָט יאָהרענלאנג געארבייט האַנט און האַנט מיט דר. חיות, און ער האָט געהאָלפען אַנטוויקלען א רענעסאנס פון אידישער מוזיק אין וויען.

פראָפעסאָר וואָלף איז געטראָפען געוואָרען דורך דעם אומגליקליכען אנשלוס וואָס היטלער האָט ארויפגעצוואונגען אויף עסטרייך, און דער פראָפעסאָר האָט זיך געראַטעוועט ווי דורך א נס.

היינט צו טאָג האָט ער סטודיאָס אין נויאָרק און אין פילאדעלפיא, ווייל ער איז געקומען אַהער מיט א וועלט־נאָמען.

צווישען זיינע שילער געפינען זיך אַזעלכע פערזענליכקייטען ווי ארמאנד טאָקאַטי, דער איצטיגער טענאָר פון דער נויאָרקער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז, און אַנדערע.

★

ישראל שאַר

געבוירען שבעה עשר בתמוז, 1885, אין סניטקאוו, פאָ־דאָלסק, דער זוהן פון וועלוויל און שרה שאַר. פאָטער איז געווען א לעהרער און איינער פון די חשובסטע אידען און ער האָט אלע זיינע קינדער אליין געלערענט תלמוד און תנ"ך, און אין דער זעלבער צייט אויך א שטיקעל חובת הלבבות און דעם „התוע בדרכי החיים."

צו 17 יאָהר איז ישראל אוועק קיין אדעס, און האָט זיך געגרייט צום עקזאמען. ער האָט אָבער דערפיהלט די קאלאסאלע שטערונגען פאר א סניטקאווער אינגעל אָנצו־קומען אין אַן אוניווערזיטעט, און ער האָט שוין דאַן באַ־שלאָסען, אַז זיינע קינדער זאָלען אונטער אלע אומשטענדען קריגען א העכערע בילדונג, און דאָס האָט ער אויך באוויזען דאָ אין פילאדעלפיא.

איז געקומען קיין אמעריקא אין 1906 אין דער שטורמדיגער צייט ווען ניקאלאי האָט דערטרונקען די ערשטע רוסישע קאנסטיטוציע אין טייכען בלוט, און באלד ביי זיין אָנקומען אין ישראל שאר געוואָרען א „שוירט מייקער," און ממילא זיך אָנגעהויבען באטייליגען אין די ארבייטער קאמפען, און אין די פראָ־טעסטען וואָס זיינען דאַן געפיהרט געוואָרען געגען דער מאיער העיוואוד און פעטיבאן קאנספיראציע.

האָט זיך אָנגעהויבען באטייליגען אין דער אנארכיסטישער און סאָציאליס־טישער באוועגונג, האָט אנטייל גענומען אין די פארשיידענע פאלעמיקעס, דאָס, צוזאמען מיט דעם היסטארישען שוירט מייקער סטרייק האָט ביי איהם אוועק־גענומען 3 יאָהר צייט און נאכדעם ווי ער, און זיין צוקונפטיגע פרוי זיינען באָיקאטירט געוואָרען אין די שעפּער פאר זייער רעוואָלוציאָנערע און טרעיד יוניאָ־ניסטישע אקטיוויטעטען, האָבען זיי ביידע פארלאָזען דעם שאפּ.

ישראל שאר איז דערנאָך אוועק ארבייטען פאר דער מעטראפאליטען לאַיף און געמאכט א פארזוך צו אָרגאניזירען די אינשורענס אגענטען.

אָבער סעמועל גאמפערס, דער דאמאלסדיגער פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, האָט דאמאָלס די אגענטען אָנגערופען „פאראזיטען," און ניט אריינגענומען זיי אין דער פעדעריישאָן.

דערנאָך האָט ישראל שאַר אויפגענומען פארמאסי, האָט געענדיגט אין 1917, און זינט דאַן איז ער געבליבען א פארמאצעפט עד היום.

אָבער ניט קוקענדיג וואָס ער איז א פארנומענער מענש, איז ישראל שאר אלעמאָל אינטערעסירט אין ליטעראטור, און גראד אין דער צייט פון דעם לעצטען קריזיס האָט ער צוזאמען מיט נייטען קראוויטץ, דר. קאגאן, א. ל. בערקאוויטץ און ז. באלאבאן, געשאפען א שפינאזא קלוב, וואָס פלעגט זיך צוזאמענקומען 2 מאָל א וואָך, שטודירען שפינאזא'ס עטיקס, און קאנט'ס „ריינער פארנונפט." די דאָזיגע צוזאמענקונפטען האָט די גרופע געמאכט פארגעסען דעם עקאָנאָמישען

קריזיס. דער קלוב איז אָבער צופאַלען געוואָרען צוליב פערזענליכער קנאה, אָבער די יאָהרען וועלען בלייבען אינטערעסאַנט ביי די אַלע מיטגלידער וואָס האָבען זיך אין קלוב באטייליגט.

אַ באַזונדערען אינטערעס האָט ישראל שאר ארויסגעוויזען אין 1924, ווען עס איז אָנגעקומען קיין פילאַדעלפיא זיין לאַנדסמאַן, דן פוקס, דער וועלט באַריהמטער חזן פון וויען. ישראל שאָר האָט געקענט פוקס'ן טאַקע פון וויען, ביי וועמען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין רייזע קיין אמעריקא. דאָרט איז דן פוקס געווען פאַררעכענט פאַר אַ געניאַלען חזן און טאַקע פאַר זעהר אַ ליבנס־ווירדיגען מענשען, וואָס האָט געשטיצט יונגע מוזיקער, ארויסגעהאָלפען אימי־גראַנטען אויף זייער רייזע.

דאָ איז שוין דן פוקס געקומען אַ יורד, און ישראל שאָר האָט איינגעלעגט די וועלט פוקסן מקרב צו זיין. ער האָט איהם געהאַלטען ביי זיך אין הויז, האָט פאַר איהם איינגעאָרדענט קאָנצערטען און אויפטריטען, אָבער קיין נחת האָט שאָר אין זיין טאַלאַנטפולען לאַנדסמאַן שוין ניט געהאַט.

דאָ האָט דן פוקס פאַרלוירען זיין פרוי, און אין 1928 איז אויך דא דן פוקס געשטאָרבען אַן עלענטער, נאָכדעם ווי שאָר האָט געצאָהלט די בילס אין שפיטאַל און דעסטגלייכען.

ישראל שאר האָט אויך געמאַכט אַ פאַרזוך צו גרינדען דאָ אַ פאַרלאַג „קדימה,״ צוזאַמען מיט נייטען קראַוויטץ'ן. זיי האָבען איינגעשטעלט אַ דרוקעריי מיט זעץ מאַשינען און פאַר דער קורצער צייט וואָס דער פאַרלאַג האָט עקזיסטירט, האָבען זיי ארויסגעגעבען איניגע ביכער, ווי עליזא גרינבלאַט'ס „לעבען מיינס,״ אַ בוך לידער, עפּלבוים'ס „שיידעוועג,״ זיי האָבען אויך געדרוקט אַ ספר פאַר הרב לעווינטהאל און פאַר הרב מנחם מרדכי פרענקל. אָבער אויך דער פאַרלאַג האָט קיין קיום ניט געהאַט, אפשר דערפאַר, ווייל ישראל שאר האָט ניט געקענט ווידמענען קיין סך צייט צו דעם פאַרלאַג, און זיין שותּף, איז געווען אַ ליטעראַרישער מענש, אָבער ניט קיין סוחר . . .

ישראל שאר האָט געהייראַט אין 1909 סאָפיע סיוועה, און זיי האָבען אויפגעצויגען דריי אינטעליגענטע קינדער, אויף וועלכע זיי מעגען מיט רעכט שטאָלץ זיין. זיין בן יחיד, שמעון שאר, האָט גראַדואירט פון פרי־מעדיקאַל טעמפּל יוניווערסיטי, און אויך פון האנעמאַן מעדיקאַל קאַלעדזש. ער איז איצט מיט דער אמעריקאַנער ארמיי; איזאַבעל, וועלכע איז איצט מרס. סאל גיטמאַן, דער זוהן פון דעם באַוואוסטען כלל־טוער, יחיאל גיטמאַן, האָט גראַדואירט פון יוני־ווערסיטי אָוו פּענסילווייניע, און איז איצט אַ האַי סקוהל לעהרערין. די אינגסטע טאָכטער, ראַזאַליע, האָט גראַדואירט מיט אַ סקאָלערשיפּ פון יוניווערסיטי אָוו פּענסילווייניע, איז אַ לעהרערין אויף מאַטעמאַטיקס אין האַי סקוהל.

ישראל שאר איז איינער פון יענע בעלי חלומות וועמען דאָס טרוקענע מאַטע־ריאַליסטישע לעבען שטעלט קיינמאָל ניט צופרידען. עד היום איז ער אַ פלייסיגער לייענער פון צייטונגען און זשורנאַלען, ער איז אויך אינטערעסירט אין דער וועלט ליטעראַטור, נאָכפאָלגענדיג גלייכצייטיג די וועלט פאָליטיק און איז גוט באַהאַוונט אין אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט דעם לעבען און מיט דער געזעלשאַפט.

דער אנהויב פון ציוניזם אין פילאדעלפיא

באמערקונג:

די שורות ווערען געשריבען אין דעם מאמענט ווען די צייטונגען האבען געדרוקט דעם צופרידענשטעלענדען סטייטמענט פון סעקרעטאר או סטייט קארדעל האל צו א רבנישע דעלעגאציע בנוגע ארץ ישראל, אלס אידישע היימלאנד פאר דעם מארטירערישען אידישען פאלק, ווען שלום פארהאנדלונגען נאך דער בלוטיגער מלחמה וועלען זיך אנהויבען.

דער שרייבער האט ניט אין זין צו רעדען וועגען דעם פאליטישען כאראקטער פון ציוניזם אין די נאהענטע צוקונפט. דער שרייבער האט אין זינען עטליכע באמערקונגען וועגען דעם געגענווערטיגען ציוניזם. און מעהר וועגען דער פאר־גאנגענהייט פון דעם נאבעלען אידעאל פון „ושבו בנים לגבולם," וועלכער האט פארנומען א גרויסען פלאץ אין די הערצער פון יחידי סגולה פון דעם פארגאנ־גענעם דור אין פילאדעלפיא. דערמאנען מאנכע עפיזאדען׳ אין נאמען פון גייס־טער, וועלכע האבען זיך ממש מקריב געווען פאר דעם ציוניזם־רעדאקציע.

מיט יאהרען צוריק, ווען שרייב מאשינען האבען אין די אפיסעם ניט גע־קלאפט, נאר נאבעלע הערצער האבען געקלאפט צום טאקט, מיט האפנונג און פאנ־טאזיע פון דער צוקונפטיגער וועלט, מיט פולער איבערצייגונג אז דער חלום פון „שיבת ציון" וועט זיכער מקוים ווערען, האבען איידעלע נשמות געזעעט דעם באדען און דאס פעלד פון „ציון" מיט א וואונדערבארע זריעה. געזונטע, פולע, זאממען וועלכע האבען אין א צייט פון א גאנצען דור אויסגעשפראצט ווי בלומען׳ אדער בעסער געזאגט זיך צעוואקסען אין א שיינעם בוים, מיט וואונדערבארע צווייגען. אין יענעם דור, איז אויסשליסליך דערמאנט געווארען דער ציוניזם אלס א שטרעבונג. אהן פארטייען און שאטירונגען. אין 1904, ווען דער שריי־בער איז אנגעקומען אין אמעריקא, און וועלכער האט געבראכט זיין „באגאזש" פון רוסלאנד, פון דער שטאט קיעוו, די בעסטע „ציוניסטישע סחורות וועלכע זיינען דאן נאך פאבריצירט געווארען אין גייסטיגע פאבריקען פון דר. מאנדעלשטאם, ז"ל, הלל זלאטאפאלסקי, מארק ווארשאווסקי, שלום עליכם׳ און נאך חכמי קיעוו, וואס דער שרייבער האט געהאט דעם זכות צו קענען. דער שרייבער האט דעם „באגאזש" געבראכט דאן אין „בית ציון," 249 פיין סטריט, און געמאכט מסחר „וקנין" מיט די פילאדעלפיער ציוניסטען, און איז ב"ה געבליבען א שותף ביז היינטיגען טאג. דאן איז אפיציעל געווען אין עקזיסטענץ די איינציגע סאסייטי „אוהבי ציון," וועלכע האט אפילו געציילט חברים אין די הונדערטער, אבער זעהר א קליינער צאהל זיינען געווען טהעטיג, מיט מסירת נפש. א גרויסער טייל זיינען אפגעקומען מיט באצאהלען די קליינע יאהרליכע דיוס, אדער מיט באצאהלען דעם שקל, און האבען די „קרן הקימת" פושקע. אן אומבאדייטענדער צאהל חברים זיינען געווען אין דער בחינה פון „כולו קורש," וועלכע זיי׳ און דער ציו־ניזם, איז געווען „חד," זיי זיינען געווען די „גופים," און דער ציוניזם, די „נשמות," לײדער דער גרעסטער טייל פון נאבעל לייט, זיינען שוין בצל שדי און דער שרייבער האט בדעה לעגען „קראנצען" אויף זייערע קברים, מיט דעם המשך פון זיין שריי־בען. אן אומבאדייטענדער צאהל לעבען נאך ב"ה, וועלכע האבען זוכה געווען

זעהן די ענטוויקלונג פון ציוניזם מיט איהר צושפרייטונג קולטורעל, עקאנאמיש, און פאליטיש. איך וועל דערמאנען זייערע נעמען לשבח, פארשטענדליך אין די ערשטע שורה, „מזכיר נשמות" די פארשטארבענע, זכרם לברכה.

מיר איז אונמעגליך געדענקען די עלטערשאפט וועמען מקדים זיין אין מיין „הזכרה," זיי וועלען מיר זיכער ענטשולדיגען, ווייל יעדענפאלס איז מיין כונה צו גוטען, און זיכער לכבודם.

ביי מיר איז ניטא גענוג ווערטער צו שילדערען די פערזאן, יוסף דזשאזעפסאהן, ע"ה, דאס איז געווען א רעטעניש, ער איז געווען די פארקערפערונג פון ציוניזם׳ ער איז געווען דער סעקרעטאר פון פאראיין. ער איז געווען דער קאלעקטאר, דער „דזשעניטאר," דער ביבליאטעקאר, דער שיק־אינגעל. דער ארגאניזאטאר, דער קנאי—וואס איהר ווילט איז ער געווען. געגעסען מיטן ציוניזם, און אין שלאף האט ער געזעהן דעם חלום פון „שיבת ציון." דאס איז געווען יוסף דזשאזעפסאהן, זכר ציוני לברכה.

מיט יראת הכבוד דערמאן איך אויך חנוך ניומארק, א שוחט, א איד מיט אן הדרת פנים, א פאטריארכישער פרצוף, ער איז אלעמאל געווען דער באנער טרעגער פון די „אוהבי ציון."

נאך איהם דארף מען דערמאנען מ. גאלדמאן, א מענש וואס האט אלעמאל געהאט א ליבליכען שמייכעל אויפן געזעיכט׳ און וואס האט פאקטיש קיינמאל ניט פארפעלט צו קומען צו א מיטינג. זיין „ליבלינג" איז געווען דער נאציאנאל פאנד. חנוכה, פורים, ביי פארשיידענע געלעגענהייטען, פלעגט ער זיך אליין ארויסכאפען און זאמלען פארן נאציאנאל פאנד.

פאר מיינע אויגען שוועבט אויך דאס געשטאלט פון א. קריגער, איינער וואס האט באפעסטיגט דעם ציוניסטישען געדאנק דורך פסוקים און מאמרים, און דורך דער צייט וואס ער איז געווען א גראסערימאן, פלעגט ביי איהם אפט טרעפען, אז ווען איהם איז אין גראסערי איינגעפאלען עפעס א פסוק וואס פאסט זיך פארן ציוניזם, האט געמעגט זיין א פולער סטאר מיט קונים, האט ער איבערגעלאזען די קונים אין גראסערי, און אליין איז ער געלאפען צו זיך אין צימערזוכען דעם „פנים," דעם אויסדרוק פון דעם פסוק.

מיט יראת הכבוד דארף מען אויך דערמאנען יעקב בערמאן, עה"ש. דער פרעזידענט פון פאראיין פאר א צאהל טערמינען.

אין מיינע אויערען קלינגט מיט נאך זיין זיסע שטימע, ביי דעם דערעפנונג פון די זיצונגען, אויך מיט א פסוק פון „אהבת ציון." בערמאן איז געווען אקטיוו אויף דעם געביט פון קרן קימת.

מ. סטארעל איז געווען דער ציוניסטישער פילאזאף. דער אפיציעלער רעדנער ביי אלע פארזאמלונגען. באזונדערס האט ער זיך אויסגעצייכענט ימים נוראים, לטובת דעם קרן קימת. זיינע דרשות זיינען געווען גאנץ גלאטע, און ספעציעל האט ער ליעב געהאט זיך צו פארטיפען אין דער דרשה יום כיפור צו מנחה מיט דער פילאזאפיע פון „יונה במעי הדגה."

ס. פרענק, דער שטענדיגער טרעזשורער פון דעם פאראיין, האָט ניט נאָר אַלעמאָל אַליין בייגעשטייערט צו דעם נאציאנאל פאָנד, נאָר אויך געזאַמעלט געלט׳ און גלייכצייטיג געהאט אָפט א קריטיש וואָרט פאר דער ציוניסטישער אדמיניסטראציע.

יבדלו לחיים פון יענעם דור ציוניסטען וועלכע לעבען נאָך און זאָלען מאריך ימים זיין, דאַרף מען געבען קרעדיט דוד סאק, יעקב צוזמער, יוסף און מאיר מאגיל, דר. אהרן בראוו, ס. סלאט, דר. מאקס בארבאור, מאריס סען, דוד בער טירקל, און דער שרייבער פון די שורות, מ. קוק.

דער אָפיציעלער „בית ציון" איז געווען אין 294 פיין סטריט. שפּעטער האָט דער פילאדעלפיער ציוניזם זיך אריבערגעצויגען אין אַן אייגענער הויז, 1514 ס. 6טע סטריט. דאָס איז געווען דער „ציון אינסטיטוט." דאָרט האָבען זיך פאַרזאַמעלט די „אוהבי ציון" און אַנדערע ציוניסטישע אָרגאניזאציעס.

א באַדייטענדען פּלאַץ האָט פארנומען די יוגענט אָרגאניזאציע, „המכבים," און אויב מיין זכרון דינט מיר, איז די אָרגאניזאציע אָרגאניזירט געוואָרען דורך ד. ב. טירקל, אין זיינע בחור׳שע יאָהרען. ער האָט נאָך דאַן געטראָגען דעם נאָמען „משורר," און ארויסגעגעבען זיינע „שירי דוד," און זיינען ביי דעם פאראיין איהם פאַררעכענט געוואָרען לשבח.

די אָרגאניזאציע פועלי ציון האָט פארנומען א בכבודיגען אָרט אין פילאַ־דעלפיא און האָט געלייסטעט אסך ארבייט פאר ארץ ישראל.

דאָס אַלעס איז אָבער געווען ביז דער באַלפור דעקלאראציע. דערנאָך איז געקומען די „דיסטריקט סיסטעמע," דער באַליבטער „אוהבי ציון" פאראיין איז אויפגעלעזט געוואָרען, דער ציון אינסטיטוט איז אוועק צו דעם מאָרטגיידזשירער, די אַלטע חברים זיינען אויסגעשטאָרבען, דער נייער ציוניזם האָט אָנגעהויבען ציהען אין די „הויכע פענסטער" און פארגעסען איז געוואָרען דער „מקום קדוש" פון די ציוניסטען, מאדערנע צייטען זיינען געקומען.

חדשים מקרוב באו, ואין זכרון לראשונים.

★

ישיבה תורה מציון, וועסט פילאדעלפיא

ישיבה תורה מציון, אין 530 ס. סאלפאָרד סטריט, וועסט פילאדעלפיא, איז געגרינדעט געוואָרען מיט דריי יאָהר צוריק פון דעם יונגען ארץ ישראל׳ער רב, הרב ר׳ מאיר כהן, אַן אײדעם פון אונזער חשובן געלערנטען, און „דיען" פון ישיבת משכן ישראל, הרב הגאון מנחם מרדכי פרענקל תאומים.

הרב כהן האָט פארטראכט די אידייע וועגען א ישיבה פאר וועסט פילאַ־דעלפיא גלייך ווי ער איז אָנגעקומען על כסא הרבנות אין דעם בית המדרש הגדול, לאַרטשוואוד עווניו.

די ערשטע צייט איז די אַרבייט דאָרט ניט געגאנגען אַזוי גלאַט, און א ישיבה אין יענעם געגענט האָט אויסגעקוקט פאַר אסך מענשען ניט אַזאַ נויטיגע זאַך.

אָבער מיט דער הילף פון די איינזיגע חשוב'ע בעלי בתים, און מיט דער באַמיהונג פון מאיק פישער, וועלכער איז דער פּרעזידענט פון די ישיבה, האָט די ארבייט גענומען פּראָגרעסירען.

אין אָנהויב האָט די ישיבה געלערנט אין איין צימער פון בית המדרש הגדול וועמען עס קומט א ישר כח, אָבער דאָס האָט געמאכט זעהר ניט באקוועם פאַר ביידע לעהרער.

היינטיגעס יאָהר האָט די ישיבה געקויפט אן אייגענע היים, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר אַ סקוהל געביידע, און דערצו איז די ישיבה איצט אַנערקענט געוואָרען פון ישיבת משכן ישראל, אלס וועסט פילאדעלפיער ברענטש, און ווערט געשטיצט טיילוויז, אזוי אַז עס איז געמאכט געוואָרען היינטיגעס יאָהר גרויס פאָרטשריט.

אינטערעסאנט איז, וואָס די ישיבה פארנאַכלעסיגט אויך ניט דעם לימוד אין אידיש. דאָס נעמט שטאַרק אוים סאַי ביי די עלטערען און אויך ביי די קינדער.

עס איז שוין אַוועק די צייט ווען אמעריקאנער עלטערן האָבען געבראַכט אַ קינד אין תלמוד תורה בלויז צוליב דעם, ווייל ער „דאַרף אינגיכען" ווערען בר מצוה . . . און מען מוז דאָס אינגעל אויסלערנען א „ספּיטש."

אין דער ישיבה דערוויסען זיך די עלטערען, אז עס איז א חוב אַ קינד בכלל צו דערציהען. מיט קיין „ספּיטש" אַליין קען מען דאָס קינד צו אידישקייט ניט צובינדען.

אין ישיבה תורה מציון קריגט דאָס קינד אַ סיסטעמאטישע אידישע דערציאונג. עס באַקענט זיך מיט אונזערע טראַדיציעס, מנהגים, דינים און אידישען שטייגער לעבען.

עס באקענט זיך אויך מיט דעם אידישען ניגון, מיט אונזערע תפלות און זמירות, און מיט דער צייט ווערט דאָס אידישע קינד אַ באַוואוסטזיניגער איד, און ער ווייסט פאַרוואָס מיר ליידען, פאַרוואָס מיר זיינען אַלעמאָל געגאַנגען אויף קידוש השם מיט מסירת נפש. ער פאַרשטייט אונזער לאַגע איבער דער וועלט, און די ראָלע וואָס אַ איד איז באַרופען צו שפּילען אין אַמעריקא אין דער איצטיגער צייט.

די ישיבה קען זיך באַריהמען, אַז עס קומען אַריין תלמידים וואָס הויבען אָן פון אלף בית און ענדיגען מיט אַ בלאַט גמרא. דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסער אויפטו.

אַרום דער ישיבה ארבייט אַ לֵיידיס אָקזילערי. די טשערליידי איז מרס. גאָלדע שטיינבערג, עהרען טשערליידי איז מרס. ברכה הייסין.

★ ★ ★

חסידיזם אין פילאדעלפיא

דער חסידיזם אין פילאדעלפיא האָט געשלאָגען וואורצלען. ער האָט זיך דאָ איינגעבירגערט, און ווען עס קומט א שבת אָדער אַ יום טוב, איז כדאי אריינצוקור־מען אין אַ חסידישער קלויז, בייוואוינען א דאוונען, ווער שמועסט א רבינ׳ס א טיש, און עס איז גענוג צו איבערצייגען זיך, אַז חסידיזם איז דאָ אַ באוועגונג, נים אוועקצומאכען מיט דער האנט.

אפשר טאקע דערפאר, ווייל דער רעדאקטאר־ארויסגעבער פון „אידישע אנ־שטאלטען און זייערע פיהרער,״ האָט זעהר אַ נאָהענטע שייכות מיט דעם חסידיזם, די ערשטע, גרעסטע דעמאָקראטישע באוועגונג ביי אידען, פיהלט ער, אַז עס דארף דעם חסידיזם געווידמעט ווערען אַ קאַפּיטעל, כדי צו פארצייכנען פאַר די קומענדע דורות, אַז פילאדעלפיא, דאָס וויגעלע פון דעמאָקראטיע אין אמעריקא, האָט אויך געמאכט פּלאַץ פאר אַ פּאָר פון אונזערע חסידישע רביים, אָדער רבי׳ס, ווי דאָס פּאָלק זאָגט, און די רבי׳ס האָבען איבערגעלאָזט אַן השפעה אויף דעם איצטיגען דור, וואָס זוכט געוויינטליך קינסטלערישע סביבה, אטמאספערע וואָס זאָל אָנ־רעגען, און משפיע זיין פאַר דער געפליגעלטער פאנטאזיע.

ווילען מיר זיך אָפּשטעלען דאָ כאָטש מעהר אָדער ווינציגער אויף אונזער׳ע גוטע אידען אין פילאדעלפיא.


דער מאנאסטרישטשער רבי אדומ״ר יעקב ראבינאָוויטש

דער מאנאסטריסטשער רבי, אדומ״ר הרב יעקב ראבינאָ־וויטש, איז ניט גלאַט אַ גוטער איד מיט אַ שטריימעל, (כאָטש אוודאי טראָגט ער אויך אַ שטריימעל) נאָר באמת אַ גוטער איד, וואָס נאָר די צייט האָט גורם געווען, אַז ער זאָל מגולגל ווערען קיין אמעריקא.

אדומ״ר הרב יאנקעלע האָט זיכער געמעגט זיין אויך אַ גוטער איד אין אומאן, און אין מאנאסטרישטש, וואו זיין גרויסער פאָטער, דער עילוי, דער גאון, דער שיינער שריפטשטעלער און אוהב ישראל, הרב יהושע׳קעלע האָט געפיהרט אַ מלוכה.

דאָס גלייכווערטעל: דער זוהן איז אַ פוס פון דעם טאטען, איז בפירוש אויסגעהאלטען, ווען עס רעדט זיך פון דעם היינטיגען פילאדעלפיער מאנאסטרישטשער, וועלכער איז אַ גרויסע בעל משפיע אויף פילאדעלפיער אידען, חסידים ,אנשי שלומינו, אויך אויף שריפטשטעלער און פּאָעטען.

עס איז גענוג צו קומען צו דעם מאנאסטרישטשער׳ס טיש אין אַ שבת אָדער יום טוב, הערען זיינע אַ תורה ,אַ מעשה, א ניגון אָדער אפילו זיין שיחות חולין, אַז מען זאָל דערפיהלען, אַז ער, זאָל לעבען, פארמאָגט אסך תמימות, וואָס גיט זיך איבער צו די יעניגע וואָס קומען און וואָס ווילען נהנה זיין מזיו השכינה.

עס איז גענוג צו הערען זיינעם אַ מוסף, ווער רעדט, אַ ימים נוראים׳דיגען

דאווגען, און מען זאל דערפיהלען, אז פילאדעלפיא פארמאגט ביי זיך א גוטען אידען, א בן תורה, א יחסן, און א איד וואס איז מסוגל אייך צו אינספירירען און אייך אוועקטראגען אויף זיינע פליגעל און אייך אריינברייננען אין התלהבות.

דערויף זיינען עדות ניט נאר זיינע חסידים, די אנשי שלומינו, נאר די צאהל מקורבים, אידען, אינטעליגענטען, שריפטשטעלער און ארטיסטען, וואס קומען זיך אנווארימען אונטער דעם דאך פון דעם מאנאסריסטשער'ס הויז.

דער מאנאסטרישטשער רבי איז געקומען אהער אין 1913 פון אומאן, וואו זיין פאטער, זצ"ל האט געפיהרט א הויף, נאך מאנאסטרישטש, און זינט דאן האט דער חסידיזם דא געשלאגען ווארצלען.

דער טאלנער רבי אדומ"ר משה צבי טווערסקי

דאס צווייטע חסידישע הויף דא אין פילאדעלפיא איז פון דעם היגען טאלנער רבין, אדו"מר הרב משה צבי טערווסקי.

דער טאלנער רבי איז דא כמעט אזוי לאנג ווי דער מאנאסטרישטשער רבי. אויך דער טאלנער האט זיך דא זעהר פיין איינגעבירגערט. אן אייניקעל פון דעם גרויסען הרב דוד'ל טאלנער, און אן איידעם פון דעם זעהר קלוגען גוטען אידען, אדו"מר הרב יחיאל'קל קורילאוויצער, אגב, דער גוטער איד, וואס האט משפיע געווען אויף די אידען פון פאדאל דורות לאנג, און האט געלאזען א באזונדערען טיפען איינדרוק אויף דעם שרייבער פון די שורות, וואס איז דערצויגען געווארען אין קורילאוויצער הויף, דער טאלנער האט אויך א גרויסע נאכפאלגערשאפט.

קומט שבת אדער יום טוב, רעשט עס אין טאלנער רבינ'ס הויז, אין קלויז, וואס איז צוזאמען מיט דער הויז, אין פאדער גרונט, און אנשי שלומינו פיהלען זיך ביי דעם טאלנער אין הויז, פונקט ווי זייערע אבות-אבותינו האבען זיך געפיהלט אין דער היים, אין טאלנע.

און דאס מערקווירדיגע דערביי איז, וואס בײדע גוטע אידען קאנקורירען ניט צווישען זיך, נאר אדרבא, לעבען בשלום ושלוה, גייען איינער צום צווייטען מיט־יום טוב „ביטען," אויף שמחות, און לעבען אין גרוים התקרבות צווישען זיך. פארברייננט א חסיד ביים טאלנער א פאר שעה, פונדעסטוועגען, איידער ער פאר־ענדיגט די שמחה, כאפט ער זיך נאך אויך אריין צו דעם מאנאסטריסטשער רבי'ן, און דאס אייגענע פארקעהרט.

האבען ביידע גוטע אידען א טיפען השפעה, באזונדערס אויף דעם דאון טאונער אידענטום, מחמת עס איז דאך ניט שייך, יום טוב, אדער שבת, קענען דאך אידען מעהר ווי א תחום שבת ניט געהן, און אזוי ווי ביידע דערמאנטע גוטע אידען וואוינען, אין א שטח, ווינציגער ווי א תחום, נוצט מען אוים די געלעגענהייט, און אז מען איז שוין ביי איין גוטען אידען, געהט מען שוין אויך צו דעם צווייטען.

מען קען ניט פארבייגעהן און ניט דערמאנען אויך ביידע רבי'צינ'ס. דעם מאנאסטרישטשער'ס רבי'צין, ביילעניו, א טאכטער פון דעם קאנטעקוזעווער,

אדו"מר הרב פנחס'ל, שטאמט פון דער גזע פון דעם טשערנאבעליער, פון הרב. לוי יצחק בערדיטשעווער, און איז אין דער אמת'ן אויך א יחוס עצמה.

די אנדערע רביצין, דעם טאלנער'ס רבקה'לע, איז אן אייניקעל פון דעם פריהער דערמאנטען אדו"מר הרב יחיאל'קל קרילאוויצער. דאס מיינט אויך אן אייניקעל פון דעם אפטער רב, אדו"מר אברהם יהושע העשל, דער „אוהב ישראל."

פארשטייט זיך, אז אזעלכע רבי'צינס פארדינען אסך קרעדיט, מחמת זיי האבען גאר א גרויסען חלק אין דער סביבה, וואס עס דארף געשאפען ווערען אין א גוט־אידישער הויז, מחמת ביי גוטע אידען האלט מען דאך פון דעם „עבדו את ד' ברנה." געזאנג קומט דאך מיט שטימונג, און שטימונג שאפט זיך דאך ביי א רבינ'ס טיש ביי דער סעודה מצוה, און דאס איז דאך שוין אן ענין, וואס רבי'צינס דארפען צוגרייטען. עס איז ממש פארבונדען מיט אסך ארבייט, מיט געשמאק, מיט אויסשטאטונג, און מיט גרויסע הכנות.

רבי'צינס דארפען זיין צוגעגרייט, אז ווען עס קומען אורחים, חסידים, מקורבים, דארף מען זיי אויפנעמען, דערלאנגען ניט נאר כיבוד, נאר טאקע זעצען זיי צו דעם רבינ'ס טיש, און טאקע קיינעם ניט פארטיילען, אלעמען נוהג כבוד און מהנה זיין.

און דאס פארשטייען זעהר גוט אונזערע רבי'צינס.

און דעריבער האבען מיר געפונען פאר נויטיג, אז אויך זיי, די רבי'צינס זאלען דא דערמאנט ווערען לשבח.

ביידע דערמאנטע רבי'ס ווערען אויך זעהר אפט איינגעלאדען אויף שבת אין אנדערע שוהלען אין פילאדעלפיא. אין אזעלכע שבתים איז כדאי אריינצוקומען אין א שוהל וואו דער רבי, זאל לעבען, האלט שבת. עס איז גאר אנאנדער סביבה, אנאנדער שטימונג. דער געוויינטליכער עולם איז זיך מחיה. מען הערט אנאנדער דאוונען פארן עמוד, אנדערע זמירות, און טאקע א תורה, און דער געגענט ווערט באלעבט.

הרב משה'לע ליפשיטץ

הרב משה'לע ליפשיטץ רופט זיך דער פילאדעלפיער רבי. אפשר דערפאר, ווייל ער איז דא לייגגער. הרב משה'לע ליפשיטץ איז שוין דא גאר אן אלטער תושב. ער געפינט זיך שוין דא קרוב צו דרייסיג יאהר. דערצו געפינט ער זיך אין אנאנדער געגענט, אויף נארטה די זעקסטע, און דארטען איז הרב משה'לע ליפשיטץ אריינגעטאן אין כל צרכי ציבור.

הרב משה'לע ליפשיטץ איז פון אנאנדער שניט גוטער איד.

ער איז זיך עוסק אין דברים שבצדקה, און אין פדיון שבוים, און גיט אפ אסך צייט, ווען עס האנדעלט זיך אין שתדלנות. טאמער חלילה איז א איד נכשול געווארען, און מען דארף לויפען, זוכען תחבולות, בעטען פאר יענעם, זיין א מליץ יושר, איז הרב משה'לע ליפשיטץ אלעמאל גרייט, אפילו אין מיטען דער נאכט.

און אויב מען קען זיך אויסדריקען, אַז דער טאַלנער און דער מאנאסטריש־טשער רבי קעניגען דאָרטן טאַון אין פילאדעלפיא, האָט הרב משה'לע ליפשיטץ זיך אַפגענומען דעם אפטאון, און דאָרטען איז ער עד היום פארבליבען דער פילא־דעלפיער רבי.

צו זיין 25־יאָהריגען יובל אין פילאדעלפיא איז פאר הרב משה'לע ליפשיטץ ארויסגעגעבען געוואָרען אַ שיין סאוועניר בוך, „אַ פערטעל יאָהר הונדערט," מיט אַ צאָהל ארטיקלען פון באוואוסטע שרייבער אין אמעריקא און פון פילאדעלפיא, און עס איז דעם רבין אויך צוגעטיילט געוואָרען גרויס כבוד ביי אַ טעסטימאניעל דינער, אלס צייכען פון אנערקענונג פאר זיינע גוטע לייסטונגען לטובת הכלל.

★ ★ ★

דזשאָזעף ליבערמאן

רעזידענץ: 5201 בוירקס סטריט. אָפיס: 915 ס. 11טע סטריט. געבוירען לעבען ביאַליסטאָק, אין 1885, דער זוהן פון אייזיק און שרה ליבערמאן. פאָטער איז געווען אַ שניטקרעמער. האָט געלערענט אין חדר ביז בר מצוה.

אין אָמעריקא זינט 1921. איידער ער איז געקומען קיין אמעריקא איז ליבערמאן געווען זינט 1915 אַ רייזענ־דער. איז אַ מאַנופעקטשורער פון „בראַשעס," און איינער פון די דערפאָלגרייכסטע אין לאַנד.

האָט געהייראט גיטל שאפּיראָ אין 1908, זייערע קינדער זיינען: אייזיק ליבערמאן, 33 יאָהר אלט, מיטן פאָטער אין די ביזנעס; אהרן ליבערמאן, האָט גראַדואירט פון פענסילווייניע יוני־ווערסיטי מיט עהרען צייכנונגען; סעמועל און טעאדאר (אַ נאָמען נאָך טעאָדאָר הערצל).

דזשאָזעף ליבערמאן איז אַ מיטגליד פון הר ציון טעמפּל, פון דער ציוניס־טישער אָרגאניזאציע, אַ ליבעראלער ביישטייערער פון דער פעדריישאָן אָוו דזשואיש טשאַריטיס, עלאיד דזשואיש אפּיל, און בכלל אַ ליבעראלער ביישטייערער צו אַלע נאַציאָנאַלע און לאקאלע אנשטאלטען.

דזשאָזעף ליבערמאן איז אַ ליבהאבער פון דער אידישער ליטעראטור, נעמט אַ ווארימען אינטערעס אין דעם אידישען בוך, און איז בכלל אַ שטיצער פון קולטור. ער איז באזונדערס אינטערעסירט אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, האָבענדיג געמאכט אַ גרינטליכען שטודיום אין דער פראַגע.

מרס. ליבערמאן איז דער טרעזשורער פון דער ביקור חולים אין ווינפילד, אַ מיטגליד פון דער סיסטערהוד, און אַזוי ווייטער.

אַלס סטודענט פון פּאָליטישער עקאנאמי האלט ליבערמאן, אַז אַ לאַנד וואָס איז אַזוי רייך אין נאטירליכע אוצרות, דאַרף אינגאנצען זיין ריין פון אָרימקייט.

דער הויפט אומגליק, האלט ער, איז דאס, וואס אין לאנד איז ניטא קיין נארמאלע צירקולאציע פון דעם לאנד'ס קאפיטאל.

געלט איז פונקט דאס אייגענע וואס בלוט איז אין א מענשליכען קערפער. ווען דאס בלוט צירקולירט ניט, ווערט דער קערפער פארגליווערט, און דער מענש פאראליזירט.

ליבערמאן איז אן אנהיינגער פון דער טעאריע פון אדאם סמיטה און אנדערע עקאנאמיסטען' און ער איז זיכער, אז פריהער אדער שפעטער, וועט די וועלט זיך ארומזעהן, געפינען בעסערע לעבענס באדינגונגען פאר אלעמען.

אינטערעסאנט איז אויך, וואס ליבערמאן נעמט א שטעלונג צו דער פראגע וועגען א קאמיטע פאר א אידישער ארמיי.

ער האט וואס אפצואווענדען.

עס איז אמת, זאגט ער, אז עס איז דער וואונש פון אלע אידען אויף דער וועלט, סאי ארץ ישראל און סאי אין חוץ לארץ, צו ענטוויקלען אין זיך א כח וואס זאל קענען שטעהן אויף דער וואך און באשיצען ארץ ישראל.

אבער די פראגע וועגען א אידישער ארמיי אין דעם איצטיגען מאמענט לאזט זיך דיסקוטירען.

די פראגע איז צי איז דאס ווינשענסווערטה ביי דעם איצטיגען מאמענט?

ווי גרוים קען זיין אונזער אידישער ארמיי, און צי קען מען זי רעקרוטירען פון ארץ ישראל?

ערשטענס פרעגט זיך, ווער וועט זיך אפגיבען מיט דער ארמיי און זעהן זי באזארגען? לאמיר אננעמען אן ארמיי פון אכציג טויזענד מאן, דארף מען דאך זי אויסהאלטען, באקלײדען און באשיצען.

צווייטענס, וואו וועט מען פאר איהר נעמען אמוניציע, אז די אלאאירטע האבען קוים גענוג אמוניציע פאר זיך אליין ביי דעם היינטיגען טאג.

נאכדעם ווי מען וואלט שוין אויפגעבויעט אזא ארמיי און זי צוגעגרייט און אויסגעשטאטעט, וואלט מען דאך זי אוועקגעשיקט ערגעץ אין אויסלאנד, צו אנדערע פראנטען; פרעגט זיך, ווערט וואלט איבערגעבליבען אין ארץ ישראל אויפצוהאלטען דעם שלום נאך דער מלחמה?

ליבערמאן, ווי מיר אלע, איז זיכער אז מיר וועלען האבען א פולשטענדיגען זיעג איבער אונזערע שונאים' אבער ער זעהט שוין פאר זיך א פראבלעם וואס צו טאן מיט אונזערע סאלדאטען פון די אלע חרוב געווארענע לענדער נאך דער מלחמה. וואו וועלען זיי זיך אהינטאן? זיי וועלען דאך מעהר ווי חורבות ניט טרעפען אין דער היים?

ליבערמאן גלויבט אויך, אז נאך דער מלחמה וועט בלייבען א גרויסער ארסענאל אמוניציע, און דאס וועט געבען א מעגליכקייט צו אנטוויקלען א שטארקען לעגיאן, און דאס וועט אויך העלפען אז מיר זאלען אנטוויקלען אונזער היימלאנד אומזיסט.

די דאָזיגע געדאנקען האָט ליבערמאַן ארויסגעזאָגט אין אַן ארטיקעל נאכדעם ווי עס האָט זיך אָנגעהויבען די באוועגונג פאַר אַ קאָמיטע פאַר אַ אידישער אַרמיי.

מען זעהט בכלל, אַז דאָס איז אַ דיינקענדער מענש, אַ איד וואָס גיט זיך די מיה און אינטערעסירט זיך מיט אידישע ענינים וואָס האָבען אַ שייכות צו אונזער נאַציאָנאַל, סאָציאַל עקאָנאָמיש לעבען.

★

דר. בערנארד טאנסקי

רעזידענץ: 5254 לעבאנאָן עוועניו. אָפיס: דערזעלבער אדרעס. אויך אַ ברענטש אָפיס אין 706 נ. 5טע סטריט. געבוירען אין באגוסלאוו (באסלאוו) אין 1882, דער זוהן פון מאיר זאב און פיגע מיקיטאנסקי. געלערנט אין חדר, אויך אין דער ישיבה פון קארסון. אין אמע־ריקא זינט 1904, אַן אנטלאָפענער פון דער רוסיש־יאפאנעזישער מלחמה.

איז געווען אַ העברעאישער לעהרער אין דעם בית יתומים אויף ביינברידזש סטריט. שטודירט אַ יאָהר אין דזשעפערסאָן קאלעדזש, דערנאָך גראַדואירט פון מעדיקאל קאלעדזש אין מערילאנד אין 1911.

האָט געהייראט אין 1915 בת שבע גאָלדשטיין. זייערע קינדער זיינען רות, 16, אווערברוק האי סקוהל; צפורה, 15, די זעלבע האי סקוהל, און מרים, 11 יאָהר אַלט, דזשוניאר האי סקוהל. אַלע קינדער לערנען העברעאיש און זיינען פאררעכענט פאַר מתמידות.

באזונדערס צייכענט זיך אויס די אינגסטע, וועלכע האָט געהאַלטען אַ לעקציע וועגען הלכה און אגדה, לערנט גוט אַ בלאַט גמרא.

★

מיכל סילווערמאַן

דער גרינדער פון דעם דעפּאַרטמענט סטאָר: מ. סילווערמאַן און זוהן. געקו־מען אהער פון זשיטאָמיר, רוסלאנד, אין 1886, אַן אימיגראַנט פון דעם אַלטען שניט, אַ איד מיט אַ גרויסער באָרד, און די פרוי, מינדעל, אַ אידענע מיט אַ שייטעל.

די ערשטע פינף יאָהר האָט מיכל סילווערמאַן געפעדעלט, געטראָגען אַ פּאַק אויף די פּלייצעס. שפּעטער האָט סילווערמאַן גענעפענט אַ דרייגודס סטאָרקע אויף דעם זעלבען אָרט וואו עס שטייט איצט סילווערמאַנ׳ס דעפּאַרטמענט סטאָר.

די סילווערמאַנס האָבען מיט זיך געבראַכט אַ גרויסע פאַמיליע: וויליאם

סילווערמאן, געשטאָרבען לעצטען פעברואר אין לאס אנדזשעלעס, קאליפאָרניע; רעבעקא, איצט מרס. גארטמאן; פעני, איצט מרס. קאפלער; טשארלס; אייברעהעם און דייוויד סילווערמאן.

מיכל סילווערמאן איז אוועק פון דער וועלט אין 1921. די פרוי, מינדעל איז געשטאָרבען אין 1926. די זיהן און די טעכטער, זיינען געבליבען די איי־גענטימער פון דעם דעפּארטמענט סטאָר.

די סילווערמאנס זיינען געווען מיטגלידער אין קאנגרעגיישאָן מקוה ישראל. זייערע קינדער זיינען עד היום פאַרבליבען מיטגלידער פון דער זעלבער קאנ־גרעגיישאָן, און זיינען ביישטייערער צו אַלע נאציאָנאלע און לאקאלע אנשטאלטען.

★

מאקס עהרליך

רעזידענץ: 5248 בוירקס סטריט. **אָפיס:** 226 נ. 10טע סטריט. געבוירען אין אדעס, אין 1903, דער זוהן פון שבתי און ביילע עהרליך. דער פאָטער איז געווען א „סטאראסטע."

דער יונגער עהרליך איז געבליבען א יתום צו 9 יאָהר, און האָט גענדארפט העלפען זעהר יונג שפייזען די מוטער, די אלמנה, וואס איז געבליבען מיט זעקס קליינע קינדער.

אין אמעריקא איז מאקס עהרליך זינט 1913. האָט אָנגעהויבען אלס אפערייטאָר ביי מאטראצען, זייענדיג א בעל מלאכה אין זעלבען פאך פון דער היים. די ערשטע זעקס חדשים האָט ער געארבייט ביי יענעם, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען אַרבייטען פאר זיך אליין.

אין 1914 האָט ער צוזאמען מיט א ברודער געגרינדעט די עהרליך בעדינג קאָמפּאני אין 215 לאָמבארד סטריט. אין 1923 האָבען די ברידער זיך צוטיילט און מאקס עהרליך האָט געגרינדעט די איצטיגע פירמע: דע לוקס בעדינג קאָמ־פּאני. איז פארהייראט צו ציגע בראון.

מאקס עהרליך איז דער גרינדער און פּרעזידענט פון אדעסער ברענטש, אידיש נאציאָנאלער אַרבייטער פאַרבאַנד, ברענטש 301, איז געווען איינער פון די אקטיווע מיטגלידער פון אדעסער אינדעפּענדענט בענעוואלענט אסאָסיאיישאָן, איז געווען אקטיוו אין קריוואָזער פאראיין, ביי די באסלאווער, סמילער, איז א געוועזענער מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו פון אמעריקאנער אידישען קאנגרעס אין פילאדעלפיא, איז איצט אקטיוו אין דעם גוואורקשאפטען קעמפּיין, עלאיד דזשואיש אַפּיל, און ווידמעט בכלל זעהר אסך צייט צו געזעלשאפטליכער אַרבייט.

★

איזידאָר שובין

רעזידענץ: 177 איסט רוזוועלט בולווארד. אָפיס: 508 סאוטה סטריט. געבוירען אין קאראף, טשערניגאווער גו־בערניע, אין 1885, דער זוהן פון שמואל און ליבע שובין. פאָטער איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישער איד, אַ סוחר און אַ חזן.

דער יונגער שובין האָט געלערנט אין חדר ביז נאָך בר מצוה. איז געגאנגען דערנאָך אין „ביזנעס," און קיין אמעריקא איז איזידאָר שובין געקומען אין 1905. האָט די ערשטע צייט געפעדלט, און אין 1907 האָט ער עטאבלירט אַ מעבעל געשעפט. האָט געמאכט גרויס דערפאָלג, און ער האלט אַן אַ לאזונג: „קויפט וואו אייערע עלטערען האָבען געקויפט."

האָט געהייראט איידא באראש אין 1910, זייערע קינדער זיינען: עלענאָר, איצט מרס. בענדזשאמין סענז, באקאנטער לאָיער אין נויאָרק; רוטה, איצט מרס. לאָיער אהרן מילער, אין פילאדעלפיא, האָט גראדואירט פון פענסילווייניע יוני־ווערסיטי לאָ סקוהל, האָט זיין אָפיס אין מארקעט סטריט נעשאנאל באנק בילדינג. אהרן שובין, איז אין ביזנעס מיטן פאָטער, איז אַ גראדואירטער פון גרעטץ האַי סקוהל, און איז זעהר פאפולאר אין דעם גע־שעפט און אויך אין דער געזעלשאפט. זיין אינגערער ברודער, סימאָר שובין, איז אַ סטודענט אין טעמפל יוניווערסיטי, נעמט איצט אויף זשורנאליזם און גראדו־אירט דאָס יאָהר. סימאָר שובין איז אויך דער רעדאקטאר פון דער „אול," אַ פראטערניטי זשורנאל.

אהרן שובין

איזידאָר שובין איז פון די גרינדער און אויך אַ דירעק־טאָר פון קאנגרעגיישאָן ברית ישראל, אַ פראמינענטער מיט־גליד פון ברית שלום, און איינער פון די גריגדער פון לאדזש נומער איינס, און מיטגליד פון עלקס.

שובין איז אַ באוואוסטזיניגער ציוניסט, אַ שטיצער פון דער פעדערייישאָן, עלאיד דזשואיש אפיל און אַ ליבעראלערביישטייערער צו אלע נאציאָנאלע און לאָקאלע אנשטאלטען.

★

לואיס גערסאָן

אַרויסגעבער. געבוירען אין ווילקאמיר, ליטע, דעם 15טען מאַרטש, 1871, דער זוהן פון אברהם און שרה גוירש. איז געקומען קיין אמעריקא אין 1885.

האָט באקומען דעגרי ל. ל. ב. אין 1898 אין שיקאגא יוניווערסיטי.

איז געווען א מיטארבייטער פון אידישע צייטונגען אין שיקאגא. האָט מיטגעארבייט אין דער „ווארהייט" און „אבענד־פּאָסט" פון 1890 ביז 1902.

איז געווען סופּערווייזער און טענעמענט אינספּעק־טאָר אין נויאָרק פון 1902 ביז 1914. מענעדזשינג עדי־טאָר פון „פילאדעלפיער מאָרגען זשורנאל" פון 1914 ביז 1923. דזשענעראל מענעדזשער און טרעזשורער פון נויאָרקער „טאָג" אין 1924.

איז דער ארויסגעבער פון „אמעריקאנער" זינט 1925 און האָט געמאכט א גרויסען דערפאָלג.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה געווען א קוירנעל פון מארין קאָרפּוס פון מאקאבעער רעגימענט. איז א דירעקטאר פון דער „הרצליה".

האָט געהייראט אוגוסטא, די טאכטער פון מייקעל קאָהען, אין 1889.

זיין היים איז אין פילאדעלפיא. אָפיס: 77 באוערי, נויאָרק.

★

דר. יצחק אונטערמאַן

דר. יצחק אונטערמאַן איז געבוירען געוואָרען אין 1890, אין א חסידיש־רבנישער פאמיליע. ער איז אַן אָפּשטאַם פון דער קאזשעניצער גזע און אַ נאָהענטער קרוב פון די באריהמטע סטאלינער, קארלינער, קאזשעניצער, ווארקער און אמשטשענאווער רביים.

זיינע יונגע יאָהרען האָט ער פארבראכט אין די ליט־ווישע ישיבות פון סלאבאדקע, וואלאזשין, מיר און טעלז, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גרויסער בקיאות און חריפות. צו זיבעצעהן יאָהר איז ער שוין געווען א מוסמך פון גרויסע גאונים. ער האָט זיך אָבער דאמאלט פארנומען מיט וועלטליכער וויסענשאפט, זיך פארטיפט אין אידיש־נאציאנאלע און סאָציאלע פראגען און געוואָרען טעטיג אין דער העברעאיש־ציוניסטישער באוועגונג. אין א משך פון א קורצער צייט האָט ער זיך פריוואט צוגעגרייט צום

עקזאמען פון זעקס קלאַסען גימנאזיע און טאַקע אויך אריינגעטראָטען אינ'ם איינציגען רעגירונג'ס אנערקענטען לערער סעמינאר אין ווילנא.

אָנגעהויבען שרייבען האָט דר. אונטערמאן נאָך אַלס אַ אינגעל אין דער ישיבה. פריהער, נאטירליך, אין העברעאיש און שפעטער ווען אין ווארשא האָט זיך געגרינדעט אַ אידישע פרעסע, איז ער גלייך געוואָרען אַ שטענדיגער מיטאַר־בייטער. ווען די אידישע טעגליכע צייטונג „דער מאָמענט" האָט אָנגעהויבען דערשיינען אין ווארשא, איז ער געוואָרען אַ שטענדיגער מיטגליד אין דער רעדאקציע.

קיין אמעריקא איז ער געקומען אין 1911, און אַריינגעטראָטען אינ'ם ציוניס־טישען אָרגאן „דאָס אידישע פאָלק," אונטער דער רעדאקציע פון אב גאָלדבערג. עטליכע חדשים שפעטער האָט ער אויפגעגעבען די צייטונגס אַרבייט און זיך פאַר־נומען מיט פעדאגאגיק. אַלס פרינציפאל־לערער האָט ער פאַרנומען די סאַמע אָנגעזעהענסטע שטעלעס אין לאַנד, און אומעטום געווען אַ גרויסער דערפאָלג.

אין 1916, האָט דר. אונטערמאן געדרוקט זיין ערשטען בוך: „אידישע און אלגעמיינע דערציאונג," וואָס איז פאַרשפרייט געוואָרען אין נאָהענט פון צעהן טויזענט קאפיעס אלס פרעמיום צום „טאגעבלאט" און „דאָס אידישע פאָלק"— דאמאָלט האָט ער אויך געדרוקט זיין ערשט ענגליש בוך: „דהי פיעסט אָף אסתר," וואָס איז פאַרקויפט געוואָרען דורך די בלאך פאָבלישינג קאָמפאניע.

דר. אונטערמאן גיט זיך על פי רוב אָפ מיט חכמת ישראל, אידישער פאָר־שונג און וויסענשאפט. אָבער ער איז אויך אַ פילזייטיגער טאלאנט און שרייבט אַ סך פובליציסטיק, לידער און דערציילונגען אין אידיש, העברעאיש און ענגליש.

דר. אונטערמאן האָט זיך אויך פאַרפאָלקאמט אין העכערע שטודיעס, און איז אַ גראַדאוירטער פון אנגעזעהענע אמעריקאנער אוניווערזיטעטען מיט צוויי דאקטאר דיגרים: פילאזאפיע און יוריספרודענץ.

★

פרענק ליפענהאָלץ

רעזידענץ: 514 ס. 5טע סטריט. אייגענטימער פון קאלאַ־ניאל קאפיי. געבוירען אין גלובאאוקע, ווילנער גובערניע, אין 1890. איז געקומען קיין אמעריקא אין 1908, און אין 1915 האָט ער געעפענט די קאָלאָניאל קאפיי.

דאָס פלאַץ איז פאפולאר אַלס אַ צענטער פאַר אידישע אָרגאניזאציעס וואָס פראַווען דאָרטען זייערע שמחות, באַנקעטען, יובילעאומס. עס איז אויך באַקאַנט פאַר אַ צענטער פאַר צוזאַמענקונפטען, ראַלים פאַר קעמפיינס פאַר אידישע אנשטאלטען און אַ פאַרוויילוגס אָרט פאַר פריינט און באַקאַנטע.

פרענק ליפּענהאָלץ האָט געהייראַט ראוז קרעמער, אוןביידע ווידמענען אסך צייט פאַר דער אויפזיכט איבער דער קאָלאָניאַל קאפּיי.

ליפּענהאָלץ איז אַ מיטגליד אין ברית שלום, ברית אחים, בני חיים סאָשעל, אינדעפּענדענט וואָלינער בענעוואָלענט אסאָסיאיישאָן, און אַביישטייערער צו אידישע אינסטיטוציעס.

★

אשר פּען (י. א. פּענעס)

געבוירען אין 1909 אין הייסין, פּאָדאָליער גובערניע, דער זוהן פון שלום פּענעס, אַ פּאָדריאַטשיק,״ צוגעשטעלט פּראָוויאנט צום מיליטער. מוטער שטאַמט פון למדנ׳ישער פאַמיליע.

די ערשטע ליד געדרוקט אין „יונגוואלד,״ סאָוועטיש־אידישער זשורנאל פאַר דער יוגענט, אין מאָסקווע.

געקראָגען די עלעמענטארע דערציאונג אין אַ אידי־שער ארבעטער שול. געלערנט פריוואַט ביי מלמדים.

אין 1923 אָנגעקומען קיין האוואנא, קובא. פון 1927 ביז 1930 שטודירט אין האוואנער אוניווערזיטעט אויף ציווילען אינזשיניר און ארכיטעקט. געדרוקט לידער און דערציילונגען אין די ערשטע אידישע אויסגאבען אויפ׳ן אינזעל קובא: אין „די יונגע שפּראָצונגען,״ אין „אויפגאנג.״

אין 1932 געגרינדעט די אידישע וואָכנצייטונג אין קובא „האוואנער לעבן.״ רעדאקטירט די וואָכנשריפט ביז 1935. די צייטונג עקזיסטירט נאָך היינט צו טאָג.

ארויסגעגעבען צוויי ביכער אין אידיש: אַ לענגערע פּאָעמע „האטואיי״ און אַ בוך מעשה׳לעך און פערזען „דער גאָלדענער פאַנטאָן.״ די פּאָעמע „האטואיי,״ וועגען אַן אינדיאַנישען פריהייטס קעמפער, איז אויך דערשינען אין שפּאניש. פון 1932 ביז 1935 געווען ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס״ פון קובא און אַ ריי צענטראל אמעריקאנער לענדער. די קאָרעספּאָנדענצען האָבען זיך אויך געדרוקט אין דער אידישער פּרעסע פון ארגענטינע, פון פּוילען און אויך אין ארץ ישראל.

פון 1935 געפינט זיך אשר פּען אין פילאדעלפיא, וואו ער האָט אין 1937 ארויסגעגעבען אין משך פון אַ האַלב יאָהר דעם הומאָריסטישען זשורנאל „דער שטיפער.״ געווען פאַרבונדען מיט דער פילאדעלפיער „אידישע וועלט״ זייט 1938 אַלס נייעס רעדאקטאר און אַלס רעדאקציע סעקרעטאר. אין 1941 ארויסגעגעבען

א בראשור „אידיש אין אמעריקא מוז געהן בארג ארויף," וועלכע האָט ארויסגערופען א הייסע דיסקוסיע אין דער אידישער פרעסע.

געהייראט אין 1937 סילוויע הערים, א געבוירענע פון פילאדעלפיע, וועלכע פאַרפאַסט פּאָפּולערע לידער מיט מוזיק.

★

אליעזר שערמאן

געבוירען אין יאָהר תרמ"ד, אין קריוואָזער, פּאָדאָליער גו־בערניע. באקומען א טראַדיציאָנעלע אידישע דערציאונג. שפּעטער באקערט געווארען צו דער השכלה ריכטונג.

אין אָנהויב פון דעם יאָהרהונדערט זיך אָנגעשלאָסען אין דער ס. ס. פּאַרטיי, אין וועלכער ער איז געווען אַן אַקטיווער חבר אין באַלטע און אדעס, וואו ער האָט אויך בייגעוואוינט א שוידערליכען פּאָגראָם אין יאָהר 1905.

פון פינפטען ביזן צענטען יאָהר געווען טעטיג אין דער אידישער קולטור באוועגונג אין זיין שטעטל קריוואָזער.

געקומען קיין נויאָרק אין 1910, וואו ער האָט גע־וואוינט פאַר א קורצער צייט און נאכדעם באזעצט זיך אין נוארק, נ. דזש., וואו ער איז געווען א אידישער לערער, א קולטור טוער, א מיטארבייטער פון דעם „נוארקער וואָכענבלאט" און אויך אַן אַקטיווער חבר אין דער פ"צ פּאַרטיי.

אין יאָהר 1918 זיך אָנגעשלאָסען אין אידישען לעגיאָן מיט וועלכען ער איז אָפּגעפאָהרען קיין ארץ ישראל. נאך זיין באפרייאונג פון דער ארמיי, זיך באזעצט אין תל־אביב, וואו ער איז געווען א חבר פון דער הסתדרות, א חבר פון צ. ק. פון די לינקע פועלי־ציון, אויף וועמענס וואל־ליסטע ער איז 2 מאָל אויסגעקליבען געוואָרען אלס ראטמאן אין תל־אביבער שטאָט־ראט.

דאָרטען פאַרעפענטליכט זיין בוך „הירשלה אוסטרופוליר," אין העברעאיש, און אויך מיטגעארבייט אין פאַרשידענע העברעאישע צייטונגען, ווי „הארץ," „כתובים," וכדומה.

אין יאָהר 1934 זיך צוריקגעקערט קיין אמעריקע און באזעצט זיך אין פילא־דעלפיע, וואו ער האָט פאַרעפענטליכט 2 ביכער: „דער מענש ביאליק" און „שעפער און בויער," וואָס זענען זעהר גינסטיג אויפגענומען געוואָרען פון דער אידישער קריטיק. אין דער זעלבער צייט באטייליגט ער זיך אויך אין פאַרשידענע אידישע שריפטען. לעצטענס זיך אָנגעשלאָסען אין נאַציאָנאַלען ארבעטער פאַרבאַנד.

★

דזשייקאָב ביליקאָף

פראמינענטער כלל־טוער, געבוירען אין ווילנע, רוסלאנד, דעם 1טען יוני, 1883, דער זוהן פון לואיס און גליקא (קאצענעלנבויגען) ביליקאָף. געקומען קיין אמעריקא אין 1897. האָט גראדואירט פון ריטשמאנד קאלעדזש, ווירדזשיניע, טיטול ל.ל.ד. אין 1928. פּ.ה.ב. אין 1903 יוניוו. אָוו שיקאגא, האָט שטודירט אין סקוהל אָוו פילאנטראָפּיע, נויאָרק, 1905. סופּעראינטענדענט פון דזשואיש סעטלמענט אין סינסינעטי, 1904-05, סופּעראינטענדענט, יונייטעד דזשאוויש טשאריטים, מילוואָקי, 1905-07, סופּעראינטענדענט, יונ. דזש. טשאריטים, אין קענזעס סיטי, 1907-09. פּרעזידענט מיזורי סטייט קאנפערענץ אָוו טשאריטים, 1911-12. גרינדער פון קענזעס סיטי באָרד אָוו פּאָבליק וועלפעיר, געוועזענער וויס פּרעזידענט, קענזעס סיטי באָרד אָוו „פּארדאָנס און פּאראָל,“ לעקטשורער איבער סאָציאלאָגיע און עאָקאנאמיע אין יוניווערסיטי אָוו מיזורי, 1907-09.

עקזעקוטיוו דירעקטאָר, דזשאָינט דיסטריביוּשאָן קאָמיטע פאר דעם 25 מיליאָן דאלאר קאמפּיין פאר אידישע מלחמה קרבנות, 1917-18. דירעקטאָר, דזשאָינט דיסטריביוּשאָן קאָמיטע, זינט 1917. עקזעקוטיוו דירעקטאָר פעדערײשאָן אָוו דזשואיש טשאריטים אין פילאדעלפיא, 1919-35.

אונטער דער צייט האָט ער רעאָרגאניזירט די פעדערײשאָן און אריינגעבראכט א צאָהל זעלבסטשטענדיגע אינסטיטוציעס אין דער פעדערײשאָן. פּרעזידענט נעשאנאל קאנפערענץ אָוו דזשואיש סאָשעל װאָירקערס. קאָ־עקז. דירעקטאָר נעשאנאל קאָארדינייטינג קאָמיטע פאר הילף פאר דייטשע פליכטלינגע זינט 1936. אומפּאַטייאישער טשערמאָן פאר דער מענער קליידער אינדוסטריע אין נויאָרק 1924-32. אומפּארטייאישער טשערמאָן רידזשענאל לייבאָר באָרד אין פילאדעלפיא, 1933-36. טשערמאָן פון דער באָרד פון דער קליידער ארבייטסלאָזען פאָנד אין ניו יאָרק. וויס פּרעזידענט אמעריקאן אסס'ן פאר סעקיוריטי פאר אלטע לייט. מיטגליד פון פּענסילווייניע סטייט וועלפעיר קאָמישאָן. מיטגליד פון דער באָרד פון בענדזשאמין פרענקלין מעמאריאל אין פילאדעלפיא. געוועזענער טראָסטי פון זשורנאל „ניישאָן.“ איצט א טראָסטי פון „סוירוועי.“ א טראָסטי פון האוארד יוניווערסיטי. א מיטגליד פון באָרד אָוו גאָווערנאָרס פון העברעאישען יוניווערסיטעט אין ארץ ישראל, זינט 1921. א מיטגליד פון פּאי אלפא, אלפא רא זעטא.

האָט געהייראט רוטה, (געשטאָרבען), די טאָכטער פון דעם בארימטען פארשטאָרבענעם לואיס ד. מארשאל, פעב. 23טען, 1920, אין ניו יאָרק. קינדער: פלארענס מארשאל און דייוויד מארשאל. זיין היים איז אין מעלראוז פּארק, פּא. אָפיס: בענקערס סעקיורטי בילדינג, פילאדעלפיא.

דר. לואיס גערשענפעלד

באריהמטער באקטעריאלאג. געבוירען אין פילאדעלפיא, דעם 25טען דעצעמבער, 1895. דער זוהן פון דזשארדזש און דזשעני (סטופ) גערשענפעלד, דאקטאר אוו פארמאסי אין 1915. בעטשעלאר אוו סייענס, 1917, האט גענומען ספעציעלען קורס אין דזשעפערסאן מעדיקאל קאלעדזש, און יוניווערסיטי אוו פענסילווייניע. דירעקטאר פון באקטעריאלאגיע און כעמישער לאבאראטארי, זינט 1917. פראפעסאר זינט 1920. כעמיקער און באקטעריאלאג אין דאון טאון בית יתומים, אויך אין אפער דארבי העלטה דעפארטמענט זינט 1934.

ער איז דער פראפעסאר פון טעקסט ביכער איבער באקטעריאלאגיע זינט 1929. א ווערק איבער יורין און יורין־אנאליז אין 1933. „דער איד אין וויסענשאפט,” געדרוקט ביי דער דזשואיש פאבליקיישאן סאסיטי אין 1934. איז א מיטארבייטער אין אמעריקאנער און אויסלענדישע מעדיצינישע זשורנאלען. טשערמאן, פינאנץ קאמיטע און מיטגליד פון דער באָרד אוו גאווערנארס פון נארטהערן ליבערטיס האספיטאל. דער סעקרעטאר פון „אמעריקאנער פריינט פון העברעאישען אוניווערסיטעט. א דירעקטאר פון נעשאנאל דזשואיש האספיטאל אין דענווער, דירעקטאר פון אסאשיאייטעד תלמוד תורות, טשערמאן פון קאאפעראטיווען קאונסיל פון היברו האי סקוהל, אין צייט פון ערשטער וועלט מלחמה געווען דירעקטאר פון לאבאראטאריס פון מעדיצין און סאניטאציע פון א קארפוס פון עמוירדזשענסי קאמיטע, אין האג איילאנד, פא., מיטגליד פון דזשענעראל אלאמנאי, פילא. קאלעדזש אוו פארמאסי ענד סייענס.

האט געהייראט בעטא, די טאכטער פון בענדזשאמין מילער אין 1918, פילאדעלפיא. זייערע קינדער: דזשארדזש און מארווין איירא. געוועזענער פרעזידענט פון בני־ברית, דיסטריקט נומער 3, מיטגליד פון קאנג. מקוה ישראל, פרעז. פון מקוה ישראל אסס'ן, זיין היים איז אין ספרוסמאנט, 16טע און ספרוס סטריטס.

*

דוד י. גאלטער

געבוירען אין ביאליסטאק, אין 1890. איז געקומען קיין אמעריקא ווען ער איז נאך געווען א קינד. האט באזוכט די הינע פאבליק סקוהלס, אויך האי סקוהל אין פילאדעלפיא, און האט דערנאך גענומען ספעציעלע קורסען אין יוניווערסיטי אוו פענסילווייניע.

האט באקומען זיין אידישע דערציאונג פון פריוואטע לעהרער און אויך פון זיין איינענעם פאטער, וואס איז געווען א איד א למדן, א באוואוסטער תלמודיסט. האט אויך באזוכט ישיבת משכן ישראל, וואס זיין פאטער האט געהאלפען גרינדען. ער האט אויך גראדואירט פון גרעטץ

קאלעדזש. איז געווען צווישען דער גרופע אידישע יונגעלייט וואס האבען גע־לערנט ביי דעם היגען זקן־הרבנים, דוב אריה הכהן לעווינטהאל.

האט אנגעהויבען זיין זשורנאליסטישע קאריערע אין דעם פילאדעלפיא „פאב־ליק לעדזשור,״ איז געווען 7 יאהר אויף פולער צייט אויף דעם „לעדזשער״ סטעף, און די נעקסטע צעהן יאהר איז ער געווען א ספעציעלער מיטארבייטער, האט יאהרענלאנג געשריבען א וועכענטליכען איבערבליק איבער ביכער.

ווען די „אידישע וועלט״ האט אנגעהויבען דערשיינען, האט ער זיך אנגע־שלאסען אין רעדאקציאנס סטעף, און האט מיטגעארבייט אויף פארשיידענע גע־ביטען. איז געווען נייעס רעדאקטאר, „פיטשוריסט,״ האט געשריבען לייט אר־טיקלען, פארבייטענדיג דעם הויפט רעדאקטאר, מ. קאטץ, עה״ש. האט יאהרענ־לאנג געפיהרט א קאלום „פון טאג צו טאג,״ אונטער דעם פסעוודאנים: א היגער־מאן. האט 4 יאהר צייט רעדאקטירט א וועכענטליכע אויסגאבע „אידישע לויפענ־דע נייעס,״ פאר קינדער. איז אויך געווען דער קארעספאנדענט א צאהל יאהרען פאר דער אידישען טעלעגראפען אגענטור.

איז געווען א רעדאקציאנס מיטגליד פון דעם „דזשואיש עקספאנענט״ אן ערך פון 25 יאהר. פיער יאהר צייט איז ער געווען דער ארויסגעבער און רעדאקטאר. האט געשריבען ספעציעלע ארטיקלען וועגען צייט פראגען אין פארשיידענע אויס־גאבען.

איז אקטיוו פארבונדען מיט דעם ציוניזם, און ער געפינט זיך אין דער באוועגונג פון קינדהייט אן.

דייוויד גאלטער איז דער עקזעקוטיוו סעקרעטאר פון דעם עלאיד דזשואיש אפיל, און דער פאבליסיטי דירעקטאר פון דער פעדעריישאן אוו דזשואיש טשא־ריטיס.

★

לאיער אברהם א. לעווינטהאל

אפיס: ביינקערס סעקיוריטי בילדינג. רעזידענץ: 2401 נ. 54טע סטריט. געבוירען אין פילאדעלפיא, דעם 25טען מאי, 1895, דער זוהן פון הרב הגאון דוב אריה הכהן און מינא (קליינבערג) לעווינטהאל.

האט גראדואירט פון טעמפל יוניווערסיטי לא סקוהל, אין 1918, מיטן „דעגרי״ ל.ל.ב.

אברהם לעווינטהאל איז באשטימט געווארען פאר אסיסטענט סיטי סאליסיטאר פאר דעם טערמין פון 1929 ביז 1932. ער איז דערנאך נאכאמאל באשטימט געווא־רען פאר דעם זעלבען אמט ביז נאוועמבער 1936.

איז א געוועזענער פרעזידענט פון ברית אחים בענעפישעל אסס׳ן, אויך א געוועזענער פרעזידענט פון חברה ביקור חולים, איז א מיטגליד אין ברית שלום,

ברית אחים, פּראָגרעסיוו אָרדער אָוו די וועסט, געוועזענער מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, מיטגליד פון דער הר ציון טעמפּל, בני אברהם קאנגרעגיישאָן, איז אַקטיוו אין דעם אמעריקאנער אידישען קאנגרעס, ציוניסטישע אָרגאַניזאציע, נאַציאָנאל פאָנד, און ווידמעט בכלל זעהר אסך צייט צו אידישער וואוילטעטיגער און קולטורעלער אַרבייט.

האָט אויך צו זיין קרעדיט די אָרגאַניזירונג פון דעם ליטווישען פאַרבאַנד אין פילאַדעלפיא.

✶

לאַיער סיירוס לעווינטהאל



רעזידענץ: 1321 ספּרוס סטריט. אָפיס: ביינקערס סעקיוריטיס בילדינג. געבוירען אין פילאַדעלפיא, אין 1900. דער זוהן פון הרב הגאון דוב אריה אכהן און מינא (קליינבערג) לעווינטהאל.

האָט באזוכט סענטראל האַי סקוהל, גראדואירט פון יוניווערסיטי אָוו פּענסילווייניע, האָט באקומען „דעגרי" בעטשעלאָר אָוו סייענס, האָט אויך באזוכט נויאָרק יוניווערסיטי און סעינט קעטהרינ'ס קאלעדזש, אין קיימברידזש, ענגלאַנד, וואו ער האָט באקומען דעם „דעגרי" ל.ל.ב.

האָט געהייראט ליליען וויינטראוב, זיינע קינדער זיינען: דזש. דזשי., און מירנא א. לעווינטהאל. דזש. דזשי. באזוכט קארנעגי טעק.

סיירוס לעווינטהאל איז דער נאציאנאלער סעקרעטאר פון דעבארא דזשואיש טובערקולאזיס סאָסייעטי, אַ מיטגליד פון דער באָרד פון אמעריקאן „אַרט" פעדערייציאָן, און אַ מיטגליד פון קאנגרעגיישאָן בני אברהם.

לאַיער סיירוס לעווינטהאל איז אויך אַ מיטגליד פון דער באַר, פון נויאָרק סטייט.

✶

מאָוריס ע. (אליהו) לעוויק

רעזידענץ: 5847 קריסטשען סטריט. אָפיס: מארקעט סטריט נעשאנאל בילדינג.

געבוירען אין פילאדעלפיא, אין 1889, דער זוהן פון אליהו און זיסל לעוויק. עלטערען זיינען געקומען אהער פון סמילע, קיעווער גובערניע.

מאָוריס לעוויק האָט דאָ געמאכט חדר, ניעווענדזשער פּריימערי סקוהל, סענטראל האַי, און יוניווערסיטי אָוו פּענסילווייניע, גראדואירענדיג אין 1911, מיט דעם טיטול ל.ל.ב.

האָט געהייראט פּערל פּודער, אין 1913, זייערע קינ־

דער זיינען: עלענאָר, האָט גראַדואירט פון פענסילווייניע יוניווערסיטי, איצט איז זי מרס. הערבערט פערלמוטער, נוארק, נ. דזש. 1 זוהן, מיקי, 5 יאָהר אַלט, סילוויא, גראַדואירט יוניווערסיטי אָוו פענסילווייניע, און מערעל, איצט אין האַי סקוהל.

לאַיער לעוויק איז אַ מיטגליד פון וו. פילא. דזשואיש קאמיוניטי צענטער, ברית שלום, און פרעזידענט פון דאון טאון בית יתומים, אין דער 9טער און שאַנק סטריטס, פאר די לעצטע 14 יאָהר.

אלס פרעזידענט פון דעם אנשטאַלט האָט זיך לאַיער לעוויק באַליבט גע־מאכט ביי אַלעמען מיט וועמען ער קומט אין באַריהרונג, און די וואָס אַרבייטען מיט מיט איהם פיהלען, אַז לעוויק איז געוואָרען אַ טייל פון דעם אנשטאַלט, און דער אנשטאַלט איז ביי איהם אַ טייל פון זיין לעבען.

געוועזענער אסיסטענט סיטי סאליסיטאר פון 1918 ביז 1921, געוועזענער מיטגליד פון סיטי קאונסיל, רעפּרעזירענדיג וועסט פילאדעלפיא 3 טערמינען (12 יאָהר) פון 1924 ביז 1936, דורך די אדמיניסטראַציעס פון די מאַיאָרען קענדריק, מאַר און מעקיע. איז אַ צאָהל יאָהרען געווען דער „לידער" פון רעפּובליקאַנער 46טען וואָרד אין דער סיטי קאָמיטע.

לאַיער מאורים ע. לעוויק אַז אַ 32 „דעגרי" מייסאָן און אַ שריינער.

★

סעמועל נעצקי

רעזידענץ: 5747 וואודביין עוועניו. אָפּיס: סאַסקעהענע וועיסט קאָמפּאַני, דזשוניפּער און ווין סטריטס.

געבוירען אין קריוואזע, פּאָדאָלסק, דעם 10טען מאַרטש, 1882, דער זוהן פון זאב און שרה טראַסטענעצקי, פּאָטער איז געווען אַ סוחר, און אַ גרויסער למדן, און ער האָט מיט דעם זוהן אַליין געלערנט, באַזונדערס דעם תנ"ך, וואָס האָט אויף סעמועל נעצקי'ן איבערגע־לאָזט אַ טיפע השפעה אויף זיין גאַנצען לעבען. דאָס האָט ביי סעמועל נעצקי'ן אנטוויקעלט אַ וואַרימען באַציה צו סאָציאַלען יושר.

אין 1898 האָט נעצקי אויסגעוואַנדערט קיין אמעריקא, האָט ביז 1917 גע־אַרבייט אין אַ פאַבריק אַלס וועיסט מאַכער, און אין 1917 האָט ער געגרינדעט די סאַסקעהאַנא וועיסט קאָמפּאַני.

האָט געהייראַט חנה זייטלין אין 1909, און זיי האָבען 2 זיהן: וויליאַם, 31 יאָהר אַלט, האָט גראַדואירט פון פענסילווייניע יוניווערסיטי מיט אַ 4־יאָהריגער סקאָלערשיפּ און איז מיטן פאָטער אין די „ביזנעס."

דזשאָנאַה, (יונה) 27 יאָהר אַלט, האָט גראַדואירט די וואָרטאָן סקוהל אָוו פענסילווייניע יוניווערסיטי, האָט אויך געענדיגט אַ קונסט שולע, איז אויך מיט'ן פאָטער אין די „ביזנעס."

מרס. נעצקי איז געבוירען געוואָרען אין רוסלאנד, האָט באקומען איהר דערציאונג אין סאראטאָוו, לייענט פליסיג עטליכע שפראכען, איז א פראמינענטער מיטגליד פון דער הדסה, הר ציון סיסטערהוד, און דערמוטיגט איהר מאן פאר געזעלשאפטליכער ארבייט, באזונדערס פאר דעם דאון טאון בית יתומים, וואו ער איז דער אָנפיהרער פון דעם „מעינטענענס דראיוו" פאר די לעצטע פינף יאָהר.

סעמועל נעצקי האָט ערשט פארענדיגט דערפאָלגרייך דעם דראיוו פון 1942, און ער איז שוין אויך דערוויילט געוואָרען אלס טשערמאן פארן דראיוו פאר קומענדען יאָהר.

סעמועל נעצקי איז א גרויסער ליבהאבער פון דעם אידישען און העברעאישען בוך, און ער ווערט פאררעכענט פאר א סטודענט פון אונזער תנ"ך.

ער ציטירט נאָך עד היום אין זיינע רעדעס גאנצע קאפיטלעך פון ישעיה, איוב אדער משלי, מיט אזוי פיעל פרישקייט און פינקטליכקייט, פונקט ווי ער וואָלט ערשט נעכטען פארבויגען דאָס לערנען.

אלס טשערמאן פון דעם מעינטענענס דראיוו פאר דעם דאון טאון בית יתומים האָט סעמועל נעצקי גרויסע פארדינסטען, צוליב זיין איינפלוס וואָס ער נוצט אויס אויף זיינע „אסאָשיאייטס" אין דער געשעפטס וועלט, און די ארבייט איז ביי איהם א גאנץ ערנסטער ענין, און ניט נאָר צוליב כבוד וועגען.

נעצקי איז א מיטגליד אין הר ציון טעמפל, ווינפילד, אין דעם טעמפל מענ'ס קלוב, ער איז וואָרשיפפול מאסטער" פון „רייזינג סטאר" מייסאניק לאדזש, וועלכער ציילט איבער 800 מיטגלידער.

★

דזשאָזעף קאופמאן

רעזידענץ—5433 לעבאנאן עוועניו, געשעפטס אדרעס: 134 נ. 13טע סטריט. פאראמאונט דרעס קאמפאני.

געבוירען אין קיעוו, אין 1896, דער זוהן פון דוד און חיה איטע קאופמאן. פאָטער איז געווען דער אייגענטימער פון א לעדער געשעפט.

דער יונגער יוסף קאופמאן איז געגאנגען אין חדר ביז 15 יאָהר אלט, האָט אויך זיך געלערנט אין א רוסישער גימנאזיע.

אין אמעריקא זינט 1913, האָט אָנגעהויבען ארבייטען אלס צושניידער ביי פרויען קליידער. שפעטער האָט ער געגרינדעט די פאראמאונט דרעס קאמפאני, אין וועלכער ער האָט מצליח געווען.

ער איז אויך פאררעכענט פאר א ליבהאבער פון דעם אידישען בוך און אידישען טעאטער.

געהייראט אסתר קאהען, אין 1922, זיי האבען 2 קינדער: ענן, 15, אין האי סקוהל, און מארווין, 12, דזשוניאר האי סקוהל.

מיטגליד אין בני יהושע קאנגרעגיישאן, אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, איז אינטערעסירט אין בילדונג, גיט אפ אסך צייט אויף ליטעראטור.

באָרד אָוו דירעקטאָר פילאדעלפיא וועיסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן, טשערמאן פון דער סילק אינדוסטריע, ליבעראלערביישטייערער פון עלאיד דזשו־איש אפיל, פעדעריישאן, געווערקשאפטען קעמפיין, און בכלל א גרויסער אונטער־שטיצער פון אלע נאציאנאלע אנשטאלטען.

מרס. קאופמאן איז אקטיוו אין דער סיסטערהוד פון בנ"י יהושע קאנגרעגיי־שאן, און באטייליגט זיך אין אסך וואוילטעטיגע ארבייט.

★

הרב דוד שלמה נאוואסעלער



אין דער ביאגראפיע פון הרב דוד שלמה נאוואסעלער, פון קאנג. בני יהושע, אין ווינפילד, איז צום באדויערען אויסגעלאזען געווארען פאלגענדער פאראגראף.

הרב נאוואסעלער האט צו זיין קרעדיט דאס וואס אין ווינפילד פונקציאנירט איצט א צווייג פון דער מזרחי, ציו־ניסטיש ארטאדאקסישע ארגאניזאציע. דער רב נאוואסע־לער איז געווען דער גרינדער פון דער ארטיגער מזרחי אין ווינפילד. הרב נאוואסעלער האט אויך געהאלפען גרינדען דעם אפטאון הכנסת אורחים, אין 751 נ. 5טע סטריט.

★

דזשייקאב טיקאצקי

רעזידענץ—6417 נ. 11טע סטריט. געשעפטס אדרעס: 314 נ. 13טע סטריט, קוטנער ענד דע קאסטא, דעקא־רעיטיוו בלאוזעס און ספארטסוועיר.

געבוירען אין סוכאוואליע, גראדנער גובערניע, אין 1893, דער זוהן פון חיים ברוך און הינדע טיקאצקי.

פאטער איז געווען א פאבריקאנט פון שפינדלען און וועב מאשינען. דער יונגער יעקב איז געהאלטען געווארען אין חדר ביז פערצען יאהר. האט אויך געלערענט א פאר יאהר אין דובראווער ישיבה.

אין אמעריקא געפינט ער זיך זינט 1910. אין אנ־הויב איז ער געווארען א צושניידער ביי לידים וועיסטס. אין 1926 איז ער גע־גאנגען אין שותפות מיט קוטנער און דע קאסטא גרינדענדיג די איצטיגע פירמע. זיי באשעפטיגען ארום 350 ארבייטער.

יעקב טיקאצקי איז געווען אין דער אמעריקאנער ארמיי אין דער ערשטער וועלט מלחמה און ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער אין 1919 געהייראט ראוז מוטשניק. זיי האבען 2 קינדער: סילוויא, אין פארהייראט צו לאיער ראבערט ברעקער, מיט סילוויען הוירש. סילוויא האט געמאכט פענסילווייניע יוניווערסיטי, האט באקומען א סקאלערשיפ. מעלווין טיקאצקי, 13 יאהר אלט, אין דזשוניאר האי סקוהל.

יעקב טיקאצקי איז א מיטגליד פון דער בארד אין קאנגרעגיישאן בית שלום, אן אקטיווער ציוניסט, א מיטגליד פון ארלאזאראוו ברענטש, אידיש נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד, א דירעקטאר פון דער פילאדעלפיער וועיסט און דרעס מא-נופעקטשורערס אסאסיאיישאן, ער איז אויך א מיטגליד אין דעם מייסאניק ארדער מיטגליד פון דעם „אמעריקען לידזשאן,״ א ליבעראלער ביישטייערער פון דעם עלאיד דזשואיש אפיל, יונייטעד טשאריטיס דרייוו, ישיבת משכן ישראל, היברו ליטעראטור סאסייעטי, און א גרויסער ליבהאבער פון אידישער ליטעראטור און מוזיק.

טיקאצקי נעמט א ווארימען אינטערעס אין געזעלשאפטליכע פראגען, און ער האט א פראגרעסיווען קוק אויף דעם לעבען. זיינע סימפאטיעס זיינען אלעמאל אויף דער זייט פון דעם ארבייטער און ער האט א באזונדערען דרך ארץ פאר בילדונג און געלערזאמקייט. ער אידענטיפיצירט זיך מיט יעדער פראגרעסיווער באוועגונג, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער איז שטארק פארנומען און פארמאגט זעהר ווינציג צייט פאר געזעלשאפטליכער ארבייט.

אדאלף (אברהם אבא) וואקס



רעזידענץ — 5405 וואודקרעסט עוועניו. געבוירען אין ראזאוואדוף, גאליציען, אין 1873, א זוהן פון משה און פרימעט וואקס. געלערענט אין חדר ביז 12, אויך דייטש און פויליש. אין אמעריקא זינט 1880. געווען אן אייער-קענדלער, שפעטער געגאנגען אין די זעלבע ביזנעס און איז פארבליבען ביז ער האט זיך צוריקגעצויגען אויף דער עלטער.

אין 1916 געהייראט דארא שער. זיי האבען פיער קינדער: לאיער איזידאר וואקס, גראדואירט פון יוניווערסיטי אוו פענסילווייניא; בעני, פלארענס, מרס. בען בעקער, און מעי, מרס. אב. מעדאף, א גראדואירטע פון טעמפעל יוניווערסיטי.

אדאלף וואקס איז א פיאנער פון געזעלשאפטליכער ארבייט אין פילאדעלפיא. איז געווען צווישען די גרינדער פון האיאס, היברו ליטעראטור סאסייעטי, געוועזענער פרעזידענט פון ברית אחים, צווישען די גרינדער פון הר ציון טעמפעל, וויינפיעלד, תפארת ישראל שוהל, דירעקטאר פון דזשואיש וועלפעיר בארד פון דער פעדעריישאן, אן אקטיווער ציוניסט, וואס גיט זיך אפ מיט קרן היסוד און קרן קימת, און א שטיצער פון אלע וואוילטעטיגע אידישע געזעלשאפטען.

מרס. אדאלף וואקס איז אקטיוו אין דער סיסטערהוד פון הר ציון טעמפעל, ברית אחים, הדסה, נאציאנאל פאנד, און העלפט איהר מאן אין אלע געזעלשאפטליכע ארבייטען.

דייוויד ברייען

רעזידענץ — 6202 עלסוואָירטה סטריט. געשעפט — האָל־סייל בלענקעטס און לינענס, 308-10 ס. 5טע סטריט. געבוירען אין זלאטאפאָל, אין 1885, א זוהן פון משה און נחמה בעראנאָווסקי. פאָטער געווען א סוחר פון געזאַל־צענע פיש. געלערענט אין חדר ביז בר מצוה. שפּעטער איבערגעצויגען אין יעליסאָוועטגראַד און אין 1904 גע־קומען קיין פילאדעלפיא.

אין 1930 געהייראט צום צווייטען מאָל טאניע ברעז־ניק. האָט 3 זיהן און 1 טאָכטער. דזשייק און אירווינג האָבען געענדיגט האַי סקוהל, און נייטען האָט באַזוכט טעמפּעל יוניווערסיטי. אַלע 3 זיהן זיינען מיט'ן פאָטער אין געשעפט. אירווינג און נייטען האָבען פריוויליג זיך אָנגעשלאָסען אין דער אמעריקאנער ארמיי אויף מאָרגען נאָך דער מערדערליכער פּוירל האַרבאָר אטאקע. די טאָכטער איז מרס. מילטאָן ווערנער.

דייוויד ברייען איז פאַררעכענט פאַר אַן איבערגעגעבענעם ציוניסט, האָט אַסך בייגעשטייערט אין דער צייט פון קרן היסוד קאמפּיין און איז עד היום אַן אי־בערגעגעבענער ציוניסטישערביישטייערער. א מיטגליד פון די מייסאָנס אין עקוויטי לאָדזש פאַר די לעצטע 29 יאָהר. אויך א מיטגליד פון ברית שלום, משה העס קעמפּ, יעליסאָוועטגראַדער פאראיין, אויך א געוועזענער טרעזשורער אין זעלבען פאראיין.

ברייען איז באַקאַנט אַלס א ליבהאָבער פון דער אידישער שפּראַך און ליטע־ראַטור און צייכענט זיך אַלעמאָל אויס מיט זיין איבערגעגעבענהייט און שטיצע פאַר אידישע שרייבער און זייערע ווערק.

אין דער צייט ווען די מאָסקווער „הבימה" איז דאָ אויפגעטראָטען, האָט דייוויד ברייען אַסך געטאָן פאַר זייערע פאָרשטעלונגען און ער האָט פאַרשפּרייט בילעטען פאַר הונדערטער דאָלאַר, און עהנליכען ענטוזיאַזם האָט דער זעלבער אַרויסגעוויזען ווען די ציוניסטישע פיהרער, נחום סאָקאָלאָוו, ע"ה, און דר. חיים וויצמאַן זיינען דאָ אַרויסגעטראָטען מיט אַפּיעלס פאַר דער ציוניסטישער באַ־וועגונג און איהרע פאָנדען.

ברייען איז פאַררעכענט פאַר א וואַרימען אידען, און א ליבעראַלען ביי־שטייערער פאַר וואוילטעטיגע צוועקען.

דער אידישער נאציאָנאַל פאָנד אין פילאַדעלפיא

דער אידישער נאציאנאל פאָנד אין פילאַדעלפיא האָט געשריבען מעהר ווי איין גאָלדען בלאט פאר דער געשיכטע פון דעם אידישען ישוב אין ארץ ישראל.

ווען מען וואָלט אפילו בלויז קאטאליגירט די נעמען פון מענער און פרויען, וואָס פילאַדעלפיא האָט אריינגעשריבען אין דעם גאָלדענעם בוך, וואָלט דאָס פאר־נומען אומצאָהליגע זייטען. עס איז דעריבער ניט מעגליך דאָ צו שרייבען די געשיכטע פון אידישען נאציאנאל פאָנד אין פילאדעלפיא, און מיר וועלען זיך דעריבער מוזען באנוגענען כאָטש אנצואווייזען אויף די פארדינסטען וואָס די נאציאָנאל פאָנד טוער אין פילאדעלפיא האָבען פאר דעם פארגאנגענעם יאָהר, דאָס יאָהר וואָס האָט אָפּגעשלאָסען פערציג יאָהר ארבייט פאר דעם נאציאָנאל פאָנד.

באזונדערס האָט די ארבייט פאר דעם נאציאָנאל פאָנד אָנגעהויבען פולסירען ריכטיג זינט לאָיער סעמועל קרעצאק האָט איבערגענומען דעם פרעזידענט אמט, און סאלאמאן שטיין איז אָנגעקומען אהער אלס עקזעקוטיוו דירעקטאָר.

דאָס פילאדעלפיער אידענטום איז געוואָרען, א דאנק דער ארבייט פון דעם פרעזידענט און דירעקטאָר, נאציאָנאל פאָנד באוואוסטזיניג. עס ווערען פארטיילט מעהר נא־ציאָנאל פאָנד באקסעס צווישען יחידים אין זייערע הייזער, און צווישען אָרגאניזאציעס.

אין פארגלייך מיט פריהערדיגע יאָהרען האָט דער נאציאָנאל פאָנד געזאמעלט אין פילאדעלפיא אין משך פון לעצטען יאָהר מיט אַן ערך פופצען טויזענד דאלאר מעהר.

די פערציג יאָהריגע פיערונג איז דורכגעפיהרט געוואָרען אויף זעהר אַן אימ־פּאָזאנטען אופן, און כאָטש מען קען ניט פארלייקענען די גרויסע פארדינסטען פון חנן ירדן, דעם פריהערדיגען דירעקטאָר, דארף אָבער זעהר פיל קרעדיט צוגעשריבען ווערען צו דעם איצטיגען דירעקטאָר, פאר דערפאָלגרייכער ארבייט וואָס האָבען גע־בראַכט מעהר ממשות׳דיגע רעזולטאטען.

די באאמטע פון דעם נאציאנאל פאָנד קאונסיל זיינען הרב לעווינטהאל, עהרען פּרעזידענט; לאָיער ראבערט מ. בערנשטיין, דר. חיים פיינמאן, ראבאי סיימאן גרינ־בערג, דזשייקאָב ב. האפמאן, דזשאָדזש לואיס ע. לעווינטהאל, מרס. מ. דזש. לואיס, מרס. דייוויד פוירל, איזידאָר סטאלער, עהרען וויים פּרעזידענטין, ראבאי סעמועל בליינדער, דר. מ. ד. קושנער, מאיר לעוויין, יצחק שווארטץ, מרס. הערי ל. ראָזען, מרס. מארים ראָזען, און מרס. סאול שאפּיראָ, וויים פּרעזידענטען, איזי־דאָר לאפעיר, טרעזשורער, לאָיער הערמאן לאזארוס, סעקרעטאר, און מרים אלטאר, רעקאָרדינג סעקרעטאר.

די עקזעקוטיוו באָרד באשטייט פון ראבאי אהרן דעקטער, טשערמאן, לאה בערנשטיין, פרענק בראון, בערט קאָהען, מרס. רובין קאטלער, מרס. מערי גרינ־

בערג, מרס. אייבערהעם גראַסמאַן, דר. חיים הערים, סעמועל לאַנדוי, פּאולין מעטים, מרס. פּרעד פּערלמוטער, א. סילווער, דזשייקאָב מ. סינגער, בת שבע טעי־לאָר, און י. מ. ווענדקאָס.

קרעדיט פאַר דער דערפאָלגרייכער ארבייט פאַרן נאַציאָנאַל פאַנד דאַרף צוגעשריבען ווערען צו דער אינספּיראַציע פון ראַבאַי סיימאַן גרינבערג, פּרע־זידענט פון פילאַדעלפיער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט באאיינפלוסט אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַרשידענע געגענטען פון פילאַדעלפיא, ווי אויך די הדסה טשאַפּטערס און די 18 ברענטשעס פון דעם נאַציאָנאַלען אר־בייטער פאַרבאַנד.

*

מ ז ר ח י

דער מזרחי אין פילאַדעלפיא איז צום ערשטען מאָל געגרינדעט געוואָרען אין 1917 דורך הרב לעווינטהאַל, מיט דער פּערזענליכער באַטייליגונג פון הרב מאיר בערלין. אין די ערשטע יאָהרען האָט דער מזרחי דאָ געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג. אָבער גלייך נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה האָט זיך דער מזרחי צו־ביסלאַך צוריקגעצויגען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען אין שטאָדט און איז איינגעשרומפּען געוואָרען ביז כמעט צו נול. אין אַ משך פון איבער 10 יאָהר פון (1927—1938) איז דער מזרחי דאָ אינגאַנצען פאַרגעסען געוואָרען. עס האָט ניט עקזיסטירט קיין אגודות המזרחי.

ערשט דורך די התעוררות און מיט דער ענערגישער איניציאַטיוו פון „הרב אפרים אליעזר הכהן יאַלעס (אין חנוכה תרצ"ט) האָט דער מזרחי אידעאַל אָנ־געפאַנגען צוריק אויפצולעבען אין פילאַדעלפיא.

הרב יאַלעס האָט ניט געשפּאָרט קיין צייט און קיין מיה און איז אַליין ערשי־נען אין די גרעסטע שוהלען אין אַלע געגענדען פון שטאָדט און האָט גערעדט און געוועקט די אידען זיי זאָלען זיין אָרגאַניזירט פאַר אַ רעליגיעזער טעטיגקייט פאַר ארץ ישראל, און אַזוי האָט הרב יאַלעס אָרגאַניזירט די מזרחי מיט ברענטשעס אין אַלע הויפּט געגענדן פון שטאָדט.

הרב יאַלעס איז עטליכע מאָל ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט. ער האָט אָנגעהאַלטען דעם אמט ביז חול המועד פסח 1942.

וועהרענד דיזע צייט האָט די מזרחי געשאַפען גרויסע סומען פאַר „יער בערלין" פאַר „נחלת הערצוג" און פאַר דעם עמוירדזשענסי פאַנד פון די „הגנה" אין ארץ ישראל.

*

דער געווערקשאַפטען קעמפּיין אין פילאַדעלפיא

דער געווערקשאַפטען קאַמפּיין אין פילאַדעלפיא האָט שוין אונטער זיך אַ געשיכטע פון אכצען יאָהר טעטיגקייט.

ווי אומעטום זיינען אויך דא געווען די אנפיהירער פון דער באוועגונג, די פועלי ציון טוער, אנפיהרער פון דעם נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד, צוזאמען מיט דער פיאנערען פרויען ארגאניזאציע. ביסלעכווייז זיינען צוגעצויגען געווארען די פארשטייער פון אידישע פאלקס ארגאניזאציעס, טרעיד יוניאן פיהרער, און איינציגע טוער ארום דעם ארבייטער רינג.

זאל דא דערמאנט ווערען, אז דער פארשטארבענער חשובער שריפטשטעלער, משה קאטץ, עה"ש, האט געלייסטעט אסך ארבייט דורך זיין איינפלוס אין דער פילאדעלפיער „אידישע וועלט," און א דאנק איהם זיינען צוגעצויגען געווארען אסך אינטעליגענטע כחות.

אין די ערשטע יאהרען איז פ. קרוזא געווען דא דער עקזעקוטיוו דירעקטאר. מיט א יאהר צוריק האט נחום מאקסאן דורכגעפיהרט דעם יעהרליכען דראיוו.

אבער גרויסע פארדינסטען אין פילאדעלפיא האט דער איצטיגען דירעקטאר, וויקטאר הענדעלמאן, וועלכער איז ביז א יאהר צוריק געווען דא ביי דער זעלבער ארבייט, און אין יענע יאהרען האט ער דא באוויזען צו פאראינטערעסירען כמעט אלע לאנדסמאנשאפטען, און א גרויסע צאהל טרעיד יוניאנס און ארבייטער רינג ברענטשעס.

היינטיגעס יאהר האט דער געווערקשאפטען קעמפיין שוין ביז איצט דורכ־געפיהרט זעהר א געלונגענע אונטערנעמונג אין אקעדעמי אוו מיוזיק פאר אן אמבולאנס פאר ארץ ישראל, און דער קעמפיין פאר 1943 פארמעסט זיך גאר אויף א גרויסען פאלקס שטייגער ארומצונעמען אלע שיכטען פון דער אידישער באפעלקערונג אין פילאדעלפיא, אליץ א דאנק וויקטאר הענדעלמאן.

פראפעסאר חיים פיינמאן איז דער פארזיצער פון דעם געווערקשאפטען קעמ־פיין אלע יאהרען. בלויז דורך דער צייט וואס דער פראפעסאר איז געווען אין ארץ ישראל, איז די ארבייט אנגעפיהרט געווארען פון דר. י. מ. קאליש.

די באאמטע אין פילאדעלפיא פארן געווערקשאפטען קעמפיין זיינען: פרא־פעסאר חיים פיינמאן, פארזיצער; די וויצע פארזיצער זיינען: בענדזשאמין פריד־מאן, מערי גרינבערג, מרס. ל. הערמאן, פ. מילער, ראבאי מאיר לאסקער, סעמועל אטא, דזשארדזש רובין, סענאטאר ישראל שטיפעל.

דער טשערמאן פון דעם אדמיניסטראטיווען קאמיטעט איז אייב סילווער; יצחק שטאלער, איז דער קאסירער, און וויקטאר הענדעלמאן, איז דער עקזעקו־טיוו דירעקטאר.

דער עקזעקוטיוו קאמיטעט באשטייט פון: דר. לואיס מ. בליס, בען קאהען, טשארלס גערשמאן, סעמועל לאנדאוי, דר. דזשאזעף לעוויט, דייוויד פוירל, דזשא־זעף ראבינאוויטץ, מרס. ר. ווייגבערג, און ה. יעליס.

פארבאנד פון ליטווישע אידען אין פילאדעלפיע

אומגעפעהר מיט זעקס יאהר צוריק האבען עטליכע ליטווישע אידען באשלאסען אז אזא שטאט ווי פילאדעלפיא דארף און זאל האבען א ליטווישען פארבאנד. געזאגט און געטאהן. עטליכע זיצונגען זיינען אפגעהאלטען געווארען אין פריוואטע הייזער, און עס איז באשלאסען געווארען צו רופען א מיטינג אין באסלאווער בילדינג. דער ערשטער מיטינג איז געווען א גרויסער ערפאלג. דעם אווענד זיינען אריינגעקומען נייע מעמבערס. ווען עס איז געקומען צו באצאהלען פארן האל, האבען די גרינדערס געמוזט באצאהלען פון זייערע אייגענע קעשענעס. דאס האט קיינעם ניט אפגעשראקען פארטצוזעצען די ארבייט.

דאס ערשטע וואס זיי האבען געטאהן, זיך ווענדען צו פילאדעלפיער אידישע צייטונגען, זיי זאלען זיי העלפען. זיי האבען זייער פליכט געטאהן הונדערט פראצענט. די זיצונגען זיינען געווארען ערפאלגרייך. יעדער מיטינג האט געבראכט נייע מיטגלידער, מעהר באגייסטערונג, און אין קאסע איז געווארען היימליכער. דאן האבען זיי אנגעפאנגען טראכטען ווי אזוי צו פארטיילען דאס געלט. עס איז באשלאסען געווארען צו שיקען אויף פסח צו 40 ליטווישע שטעט געלט. אויך צו שיקען קליידער. שווערע טויזענדער זיינען איבערגעשיקט געווארען. אין קעש און קליידער קיין ליטע. יעדער פסח האבען זיי געטאהן דאס זעלבע, נאר מיט גרעסערע סומען געלט. ווען עס איז געווארען אונמעגליך צו שיקען, האט דער פארבאנד געגעבען דעם דזשאינט טויזענד דאלאר פאר די פליטים וואס זיינען געווען אין יאפאן, מיט וויזעס צו קומען אין אמעריקא, און איצט, ווען נאר זיי קענען צוקומען צו העלפען אונזערע ברידער, ווערט עס געטאהן. דער פארבאנד צעהלט העכער פינף הונדערט מיטגלידער, איבערגעבענע מיט הארץ און נשמה. דער פארבאנד, כן ירבו, איבערהויפט אונזערע פרויען מיטגלידער, פאר זיי איז קיין זאך ניט שווער, און צו שפעט. ווען עס האנדעלט זיך וועגען שאפען געלט פארן פארבאנד. די איבערגעבענהייט וואס עקזיסטירט אין פארבאנד איז זעלטען. קיינע פאליטיק איז נישטא. אלע גלייך. יעדער סענט ווערט אפגעהיט ווי וויית מעגליך. אונזער טרעזשורי וואס באשטייט איצט אין די טויזענדער איז אינוועסטעט אין יונייטעד סטייטס באנדס.

און איצט א פאר ווערטער צו אלע אידישע ארגאניזאציעס, די גרינדער פון פארבאנד האבען זיך געשטעלט די די אויפגאבע: ערשטענס, פאראייניגען אלע ליטווישע אידען אין פילאדעלפיע אין איין פארבאנד; צוויי: אלע געלדער וואס ווערט געזאמעלט, מוז און זאל געהן פאר די אידען אין יוראפ און ניט פאר קיין אנדער זאך; דריטענס: צו העלפען געווינען פאליטישע פרייהייט ווען די צייט וועט קומען פאר אונזערע ברידער אין דער ליטע.

מיר בעטען אלע ארגאניזאציעס ניט צו פאדערען קיינע פלעדזשעס פון אונזער טרעזשורי. מיר ליטווישע אידען גיבען איבעראל, און מיטן פולען האנד. ווען די צייט וועט קומען וועלען מיר פאדערען פון די גרויסע ארגאניזאציעס אונז צו העלפען.

די באאמטע פון ליטווישען פארבאנד אין פילאדעלפיא זיינען: ראבאי ב. ל. לעווינטהאל, עהרען פרעזידענט; אהרן שולמאן, פרעזידענט; דזשייקאב דייווים,

דזשאָזעף לעוועלסטיין און עלא בעירס, וויס פּרעזידענטען. דייוויד פּראַנסקי, טרעזשורער; לואיס זוסמאַן, פינאַנץ סעקרעטאַר; ס. ב. קאַמענעצקי, רעקאָרדינג סעקרעטאַר; קאַנטאָר יוסף מאַן און י. לאַיט, מוזיק דירעקטאָרען.

די באַאמטע פון דער עקזעקוטיוו זיינען: דזשייקאָב דייוויס, פּאָרזיצער; מרס. ס. בעירס, מרס. א. בערמאַן, מרס. דזש. בערמאַן, מרס. מ. בוירטש, דר. ס. בוירטש, מר. דזשעי כאַיעט, מרס. פּ. קאָהן, מרס. י. דייוויס, מרס. פּ. דייוויס, מרס. ר. אייזמאַן, מר. נ. עסקאָוויטש, מר. ל. פיינבערג, מרס. י. פיינסטיין, מרס. ב. פעלד־מאַן, מרס. דזשעפערסאָן, מר. דזשעי פרידענבערג, מר. דזש. גינזבורג, מר. א. גאָלדסטיין, מרס. ס. גאָלדסטיין, מר. פּ. העריסאָן, מר. ה. אייזיקמאַן, מר. י. יאַפע, לאָיער אב. לעווינטהאַל, מ. ליבערמאַן, י. לאַיט, מרס. ל. מאַגיל, מרס. מ. מאַגיל, קאַנטאָר יוסף מאַן, ראַבאַי ק. ד. מעט, ב. פּ. מילער, נ. פּעק, מרס. ר. פּאַלעטץ, מ. פּערעלמאַן, ד. פּראַנסקי, מרס. ל. ראַק, א. רובין, ה. סעקס, ל. סעקס, ס. סענדלער, דר. א. מ. שאַטץ, מרס. פּ. שער, מרס. י. שער, דזש. סטראַוס, מרס. זוסמאַן, מרס. ד. טאַקיף און מרס. וויקטאָר, די לעצטע צוויי פון אַלענטאַון, פּא.

★

דער קאָמיטעט פאר א אידישער ארמיי

דער קאָמיטעט פאר א אידישער ארמיי פון ארץ ישראל'ער און שטאַט־לאָזע אידען, איז געגרינדעט געוואָרען אין וואַשינגטאָן דעם 4טען דעצעמבער, 1941. פּיער וואַן פּאַסען, דער באַריהמטער פראַנצויזישער שריפטשטעלער, איז דערוויילט געוואָרען אַלס נאַציאָנאַלער פּאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט.

די אויפגאַבע פון דעם קאָמיטעט איז צו פאָרמירען דורך לעגאַלע מיטלען אין איינקלאַנג מיט די אמעריקאַנער געזעצען, א אידישע ארמיי, באַשטייענד פון אידען פון ארץ ישראל, פון שטאַטלאָזע לענדער און אויך פון נייטראַלע לענדער.

אַזאַ ארמיי, באַזירט אין מיטל־מזרח, וואָלט קעמפען זייט ביי זייט מיט דער ארמיי פון די פאַראייניגטע שטאַטען, ענגלאַנד און די אַנדערע אַלאַאירטע פעלקער. די קאָמיטע באַשטייט פון פּראָמינענטע מענשען פון אַלע טיילען פון לאַנד, און דער אָפיס פון דער פּענסילווייניער דיוויזיע געפינט זיך אין 716 וואָלנאַט סטריט.

די ארבייט אין פילאַדעלפיע איז מעגליך געוואָרען דורך דער גרויסער באַ־מיהונג פון דעם לאָקאַלען פּאָרזיצער, אַלעקס וואָלף, אַן אַמעריקאַנער יונגערמאַן, ארום 38 יאָהר אַלט, וואָס גיט אוועק זעהר אסך צייט, כאָטש ער איז א פּאַרנומע־נער געשעפטסמאַן. אָבער איהם איז טייער די אידייע פון אַ אידישער ארמיי. די אַלע נאָכפאָלגער אין פילאַדעלפיא האָבען וואָלף'ן צו פאַרדאַנקען זעהר פיל.

וואָלף ווערט אסך ארויסגעהאָלפען פון זיין געהילפס סעקרעטאַר און עקזעקוטיוו דירעקטאָר, מאָריס ריפקין, וועמען פילאַדעלפיא קען גוט, זינט ער האָט גענומען מיט יאָהרען צוריק זיך באַשעפטיגען מיט א רייזענדער ביורא פאַר טור־ריסטען קיין אויסלאַנד.

ביידע מענער האבען געטאן פיינער ארבייט פאר דער באוועגונג, זיי האבען גערופען פארזאמלונגען, ארראנזשירט לעקציעס, פארלאר זיצונגען און האבען געשריבען ארטיקלען אין די צייטונגען און פארשפרייט די אידייע דורך דער ראדיא, אזוי אז דער קאמיטעט איז היינט צו טאג גוט באוואוסט אין פענסילוויניא.

דער קאמיטעט האט אין אנהויב באגעגענט גרויסע שוועריגקייטען מצד די געגנער, אבער די לעצטע צייט זיינען אסך מענשען צוגעשטאנען. באזונדערס איז פאראינטערעסירט געווארען דזשייקאב ס. ריטשמאן, א פראמינענטער לאיער, וועלכער איז איצט דער טשערמאן פון דער עקזעקוטיוו באַרד פון דער פענסילווייניער דיוויזיע און א צאהל אנדערע פראמינענטע אידען און קריסטען וואס שטיצען די באוועגונג פינאנציעל און מאראליש.

★

נ. מאסקאוויטש, ע״ה

דעם 20טען אפריל, 1942, איז אוועק פון דער וועלט נייטען מאסקאוויטש, א באקאנטע פערזענליכקייט, א כלל טוער, און דער סעקרעטאר פון דער באסלאווער בענעפישעל אסאסיאיישאן.

מאסקאוויטש האט לאנג געליטען פון אן אומהיילבארער קראנקהייט, אבער ער האט זיך קיינמאל ניט באקלאגט, און האט געטאן זיין ארבייט ביי די באסלאווער מיט ליבע און איבערגעבענקייט, און ער איז געווען חשוב און באליבט ביי אלע וואס זיינען מיט איהם געקומען אין געזעלשאפטליכער באריהרונג.

חוץ דעם וואס עס איז א גרויסער פארלוסט פאר זיין פרוי און קינדער, איז מאסקאוויטש'עס טויט א גרויסע געזעלשאפטליכער שאדען, וואס קען ניט אומגעקעהרט ווערען.

מאסקאוויטש איז געווען א קינסטלער א קאליגראף, און זיינע טעסטימאניאלס באשיינען ווי א קרוין צענדליגער ארגאניזאציעס, וואס האבען דורך מאסקאוויטשן אויסגעדרוקט זייער ליבע אויף א טעסטימאניעל צו די אנגעזעהענסטע פערזענליכקייטען אין פילאדעלפיא.

זאל דא אויך אויסגעדריקט ווערען אנערקענונג און אכטונג פון די באסלאווער באאמטע און זייערע מיטגלידער צו זייער סופעראינטענדענט, מאקס טאקער, וועלכער איז פאקטיש דער גאנצער פארוואלטער פון דער באסלאווער בילדינג.

מאקס טאקער איז אלעמאל גרייט צו דינען ניט נאר די באסלאווער, נאר אויך אלע ארגאניזאציעס וואס האבען זייערע זיצונגען און אונטערנעמונגען אין דער בילדינג.

ביי טאקערן קריגט מען אלע נויטיגע אינפארמאציעס און אויך אלע סאווענירען וואס א אידישע ארגאניזאציע האט ווען אויסגעגעבען ביי דער פייערונג פון זייערע ימים טובים אין דער באסלאווער בילדינג.

דר. אהרן בראוו

געבוירען אין אונגארן, אקטאבער 19, 1875. האט גראַדואירט פון יוניווערסיטי אָוו פענסילווייניע אין 1902, איז באוואוסטער אפטאמאלאגיסט, (אויגען דאקטאר). ער איז דער אויגען דאקטאר פון דזשואיש האספיטאל, נאָרטהערן ליבערטיס האספיטאל, דזשואיש סייקאיאטריקעל האספיטאל (שפיטאל פאר גייסטיג שוואכע).

דר. בראוו איז אַ מיטגליד פון דער אמעריקאן מעדיקאל אסאָסיאיישאָן, פענסילווייניע סטייט מעדיקאל און פילאדעלפיא קאונטי מעדיקאל אסאָסיאיישאָן.

עקזעקוטיוו מיטגליד פון גרעטץ קאלעדזש, מיטגליד פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, און פון די גרינדער און אויך ערשטער וויס פרעזידענט פון די „אוהבי ציון," די ערשטע ציוניסטשע אָרגאניזאציע אין פילאדעלפיא. וויס פרעזידענט פון דעם פילאדעלפיער ברענטש פון אידישען טעאָלאָגישען סעמינאַר אין נויארק, איז דער גרינדער פון פּראָפעשאנאל סוירקל, מיטגליד פון קאנגרעגיישאן מקוה ישראל.

דר. בראוו איז דער אויטאָר פון אַ בוך „אויגען קראנקהייטען אין דער תלמודישער ליטעראטור", און „אידישע דאקטוירים אין דער ליטעראטור," אַ בוך „מעדיצינישע לעגאַלע פּראבלעמען אין תלמוד," „וועגעסעקציע אין תלמודישער ליטעראטור," און „גלאקאמא צווישען אידען," אויך „עין־הרע ביי אידען." און „ביבלישע סאניטארישע כללים צו פארמיידען אנשטעקענדע קראנקהייטען."

האט געהייראט סאפיא סולצבערגער פאלאק, זיי האָבען 3 קינדער: דר. סאלאמאן בראוו, גראדואירט פון טעמפל יוניווערסיטי, איצט אַן אויגען דאקטאר אין דער ארמיי, אַ צווילינג מיידלאך: רעבעקא בראוו, ארבייט פאר דער רעגירונג, און סעסיל, אַ האי סקוהל לעהרערין.

איז אויך דער אויטאָר פון „די עטישע צוואה," פון יהודא איבן טיבן, און אויך פון „פסיכא אנאליטיק, אין ליכט פון רעליגיעזער דערפאהרונג."

✡

אויסבעסערונגען

אין דער ביאגראפיע פון קאנטאר אהרן שטיינבערג, אין ערשטען בוך, דארף זיך לייענען: אין 1927 האט ער אין בוקארעסט (אנשטאט בודאפעסט) באקומען דעם טיטול פּראָפעסאר איבער אפערא און געזאנג פון דער „סקוואלא סופעריארא דע מוזיקא סי דראמאטיקא."

זיין ברודער, דער באריהמטער חזן דוד משה שטיינבערג, איז נפטר געוואָרען מ"ה כסליו, ה'תשב, (אנשטאט וואס אין ערשטען בוך ווערט אָנגעגעבען: י. חשון).

קאנטאר שטיינבערג'ס סטודיא האט זינט דאָס דערשיינען פון ערשטען בוך געצויגען פון 1714 טשעסטנאט סטריט, און געפינט זיך איצט אין 5316 ספּרוס סטריט.

אהרן יעלים



אפיס: 707 וואלנאט סטריט, נאצאנאלער ארבייט פאר־באנד. געבוירען אין בראווארי, טשערניגאווער גוב., אין 1887, דער זוהן פון בן ציון און דבורה יעליסקעוויטש. פאטער איז געווען א וואלד סוחר און א בן הרב. דער זיידע איז געווען רב אין באריפול און אין אהלאוו.

האט געלערנט אין חדר ביז 14 יאהר, און איז געקומען קיין אמעריקא אין 1907. איז א שטיק צייט געווען דער פארטרעטער פון דעם לאס אנדזשעלעסער סאניטאריום אין נויארק, ביז 1937. זינט דאן איז ער דער ארגאניזאטאר פון דעם אידיש נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד איבערן לאנד און די לעצטע יאהרען באזונדערעם אקטיוו אין פענסילוויניע, מערילאנד, ניו דזשוירזי און ווירדזשיניא.

האט צו זיין קרעדיט דאס ארגאניזירען פון 15 פארבאנד ברענטשעס אין פילאדעלפיא, און אויך צענדליגער אנדערע ברענטשעס איבערן לאנד, ווי אויך אין קענעדע.

האט געהייראט גאלדע נאכאטאוויטש אין 1908, 5 זיהן און 2 טעכטער. 2 זיינען מיט די באוואפענטע כחות פון אמעריקא. איינער איז אין אויסטראליע.

★

מ. (מענדל) חמיץ

רעזידענץ: 4823 נ. 9טע. אפיס: פיידעליטי פילאדעלפיא בילדינג. געבוירען אין בריסק, ליטע, אין 1892, דער זוהן פון אברהם יצחק און חיה חמיץ. פאטער איז געווען א סוחר, האט געהאלטען זיין זוהן אין חדר און ישיבות ביז 14 יאהר.

מ. חמיץ איז גאר יונג אריינגעטראטען אין דער פועלי ציון באוועגונג, איז דערנאך אפגעפאהרען שטודירען אין וויען, האט זיך דארט געטראפען מיט ב. בארוכאוו, קאפ־לאנסקי'ן און אנדערע פיהרער פון די פוע"צ. אבער די פאליציי האט איהם נאכשפיאנירט און נאך 2 יאהר צייט אין וויען, איז ער אנטלאפען קיין אמעריקא.

געקומען אהער אין 1913, און איז באלד פארבונדען געווארען מיט דר. פארנבערג'ס אידישען פארלאג, איז דורכגעפאהרען גאנץ אמעריקא, אלס פאר־שפרייטער פון אידישען בוך, און האט צו זיין קרעדיט דאס איינשטעלען פון אומצאהליגע ביבליאטעקען אין אמעריקא. איז אלע יאהרען אקטיוו אין דער

פועלי ציון באוועגונג, אין די אידישע פאָלק שולען און אין נאציאנאלען ארבייטער פאַרבאַנד, אין דער קאָנגרעס באַוועגונג, און אין אידישער קולטור אין אלגעמיין.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה איז ער געווען אַ „גארד" אין דזשאָרדזשיא, היטענדיג די אינטערנירטע דייטשען. האָט זיינע איינדרוקען גע־שילדערט אין לאדזשער „טאָגעבלאט," וואו ער איז געווען אַ קארעספּאָנדענט ביז דעם אונטערגאנג פון דער צייטונג. האָט אויך פאַרעפענטליכט זאַכען אין נויאָרקער „טאָג."

האָט מיטגעארבייט אין פילאדעלפיער „אידישע וועלט," אַלע יאָהרען.

אין 1920 געגרינדעט דעם פעדעראטיווען קאָמיטעט און איז געווען דער ערשטער סעקרעטאר. איז אַ מיטגליד פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע פון דער פּארטיי פועלי ציון.

געהייראט שרה קאלמאנאוויטש אין 1918, זיי האָבען 2 זיהן: דוד, האָט גראדואירט פון טעמפּעל יוניווערסיטי, און משה, גראדואירט איצט פון סענטראַל האי סקוהל.

✶

ש. ד. (שמואל דוד) זינגער

רעזידענץ: 3225 סאַסקעהאנא עוועניו. געבוירען אין 1904, אין טאמאשאוו, פּוילען, דער זוהן פון מרדכי און איטע רייזעל זינגער.

געלערנט אין חדר און אין דער ישיבה פון טאמאשאוו ביז 16 יאָהר.

אין אמעריקא זינט 1929. האָט אָנגעהויבען שריי־בען אין דער „פרייע ארבייטער שטימע," אין 1925, און זינט דאַן מיטגעארבייט און פאַרעפענטליכט קריטישע עסייען און איבערזיכטען וועגען אַ גרויסער צאָהל אידישע שרייבער. צווישען אַנדערע האָט ער געשריבען אָפּהאַנד־לונגען וועגען דוד בערגעלסאָן, משה קולבאַק, א. ראבאָי, י. י. סיגאל, ברוך גלאַז־מאַן, זישא לאַנדוי, יעקב גלאַטשטיין און אַנדערע.

ש. ד. זינגער צייכענט זיך אויס מיט אַן אימפּרעסיאָניסטישען סטיל און לי־רישען טאָן אין זיינע קריטיקען.

גרייט איצט צו אַ בוך עסייען וועגען אידישע דיכטער און נאָוועליסטען. האָט ביז איצט מיטגעארבייט אין „די פעדער," „אויפקום," „קולטור," „בריקען," „קול־טור און דערציאונג," און אין דער „צוקונפט."

אבא יוסף זוסמאן

געבוירען געוואָרען אין בראָד, גאַליציע, 9טען אויגוסט, 1878, אלס איינער פון זיבען קינדער. זיין פאָטער, משה מרדכי, א טהע הענדלער, איז געווען א שטרענגער מתנגד, כאָטש געשטאמט האָט ער פון א חסידישער משפחה. זיין מוטער גיטעל האָט געשטאמט פון א ספרדישער משפחה, וועלכע איז מיט קארגע צוויי הונדערט יאָהר צוריק גע־קומען פון האָלאנד.

ביז 16 יאָהר האָט ער געלערנט אין חדר און אין דער אידישער פאָלקס־שול, וועלכע איז אויסגעהאלטען געוואָרען פון דער עסטרייכישער רעגירונג, אָבער פאר־וואלטעט געוואָרען פון דער אידישער קהלה.

צוליב דעם וואָס זיין פאָטער איז קראנק געוואָרען האָט ער געמוזט פארלאָזען דעם חדר און די שול, און געהן ארבייטען. ער האָט באנוצט די פרייע שטונדען ווייטער צו לערנען דייטש, פויליש, אלגעמיינע און אידישע געשיכטע און סאָ־ציאַלע וויסענשאפט.

ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען האָט ער פארלאָזט בראָד, געוואנדערט איבער גאַליציען, עסטרייך, אונגארן, דייטשלאנד און האָלאנד. אין 1895 איז ער געקומען נאָך אמעריקא. ער איז באלד אָנגעקומען אין א וואָל פאבריק אין בריסטאָל, פענסילווייניא, דאָרט האָט ער פארבראכט איבער א יאָהר צייט לערנענ־דיג ענגליש, אמעריקאנער געשיכטע און זיך באקענט מיט דער אמעריקאנער לי־טעראטור.

שפּעטער איז ער צוריקגעקומען נאָך פילאדעלפיא, וואו ער האָט געארבייט אין א שאַפּ אלס אפּערייטאָר. ער איז באלד אריינגעטראָטען אין דער דעמאָלסדיגער טשילדרען דזשעקעט מייקערס יוניאָן, אין דער אידישער סאָציאַליסטישער ארביי־טער באוועגונג פון פילאדעלפיא, וואו ער איז געוואָרען טהעטיג מיט שריפט און וואָרט.

זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט האָט זיך אָנגעפאנגען טאקע אין פילאדעלפיא, וואו ער האָט פון צייט צו צייט מיטגעארבייט אין דער „שטאָט צייטונג,” א וועכענטליכע אויסגאבע ארויסגעגעבען פון אָזאר בראָדערס, אונטער דער רעדאק־ציע פון דעם פארשטאָרבענעם זשורנאליסט „מליץ יושר.”

אין 1906 האָט ער אָנגעפאנגען שרייבען אין „צייט־גייסט,” די וועכענטליכע אויסגאבע פון „פאָרווערטס,” וועלכע איז רעדאקטירט געוואָרען פון דר. ש. פעס־קין. שפּעטער איז ער געוואָרען דער שטענדיגער קאָרעספּאָנדענט פון דער שיקאגאָר „ארבייטער וועלט,” אונטער דער רעדאקציע פון דר. קארל פאָרנבערג און ש. זאקס.

ער איז געווען איינער פון די אָרגאניזירער פון דער אידיש סאָציאַליסטישער אגיטאציאָנס־ביוראָ, א פאראייניגונג פון די אידישע סאָציאַליסטישע ברענטשעס

אין לאנד. אין 1909 איז ער געוואָרען איהר נאציאנאלער אָרגאניזער. ער האָט עטליכע מאָל דורכגערייזט די פאראייניגטע שטאאטען און קענעדע, האלטענדיג רעפעראטען איבער סאָציאליזם, טרייד יוניאָניזם און אנדערע סאָציאל־פּאָליטישע פראגען.

אין 1910 איז ער געקומען נאָך וויניפּעג, קענעדע, וואו ער האָט ארויסגע־געבען א צוויי־וועכענטליכע צייטונג „דער וויניפּעגער קוריער.״ די צייטונג איז אונטערגעגאנגען נאָך דער שפּאלטונג אין צוליב דער שפּאלטונג אין דער קענעדער סאָציאליסטישער פּארטיי.

סוף 1913 איז ער אָנגעקומען אין מאנטרעאל אלס אָרגאניזער פון דער דאָרטיגער פּענטס מייקערס יוניאָן, און באלד אָנגעפאנגען ארויסגעבען און רע־דאקטירען א וועכענטליכע צייטונג, „דער אידישער ארבייטער.״ באלד נאָכ'ן אויסברוך פון די וועלט־מלחמה איז די צייטונג אָפּגעשטעלט געוואָרען צוליב דער שטעלונג וואָס זי האָט גענומען צו דער מלחמה.

אין אויגוסט, 1914, איז ער אָנגעקומען אלס לייבאָר עדיטאָר אין דער פילא־דעלפיער „אידישע וועלט,״ און געארבייט דאָרט ביז די צייטונג איז אונטערגע־גאנגען.

אחוץ וועגען ארבייטער און סאָציאלע פראגען האָט ער אויך געשריבען פּע־ליטאָנען, סקיצען, לידער און ראָמאנען.

ער האָט אויך אָנגעשריבען צוויי מעלאָדראמעס און צוויי איין־אקטערס, וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרען אין ארטש סטריט טעאטער.

*

סאָפיא קלינגהאפּער

די פרוי פון איזידאָר קלינגהאפּער, אקטיוו ארום נאָרטהערן ליבערטיס האָספּיטאל, איז די עהרען פּרעזידענטין פון דער ליידיס אָקזילערי, ווידמענענדיג זעהר אסך צייט פאַר דעם נאָבעלען אנשטאלט.

מרס. קלינגהאפּער איז אויך א געוועזענע פּרעזידענ־טין פון דעם אָרדער אָוו דהי גאָלדען טשעין, מייסאָניק. זי איז אויך אקטיוו אין דער הדסה, אין בני ברית אָקזילערי, און ארום דער סיסטערהוד פון דער קאנגרעגיישאָן בני ראובן, 6טע און קייטער סטריטס.

מרס. קלינגהאפּער פאַרדינט אויך אסך קרעדיט פאַר דערמוטיגען איהר מאַן, איזידאָר קלינגהאפּער, וועלכער ווידמעט זעהר אסך צייט פאַר אידישע אנשטאלטען אין פילאדעלפיא, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער איז זעהר א פּארנומענער מענש. (זעה ביאגראפיע פון איזידאָר קלינגהאפּער).

לואיס גראָס

רעזידענץ — לענקעסטער קאורט אפארטמענטס. אָפיס: דאַבעליו. ה. א. ט., געבוירען אין זאמאשטש, פוילען, אין 1896, זוהן פון שלמה און יוכבד גראָפען שפייזהענדלער.

געלערענט אין חדר ביז בר מצוה. אין אמעריקא זינט 1910, ערשטע צייט געלערענט א פאַך, שפּעטער געוואָרען דער אָרגאניזאטאר פון די סוועטער מאכער. אין 1919-1920 געווען אַן אינשורענס אגענט, און אין 1924 מיטגעארבייט אין דער רעדאקציע פון פילאדעלפיער „טאָג." פון 1917 ביז 1920 געדאווענט אלס חזן אין בלומפילד, נ. דזש. גראָס האָט שוין אלס איגעל געדאַ־ווענט פאר'ן עמוד.

אין 1926-1927 געווען סעקרעטאר צו דר. חיים ספּיוואק, פון דענווער סאני־טאריום, מיטגעארבייט אין פארשיידענע צייטונגען, און אין 1927 געשיקט געוואָרען אלס דעלעגאט פון דענווער צו ריידען אויף קאנווענשאן אין ברעיקער'ס האָטעל אין אטלאנטיק סיטי. האָט רעדאקטירט חודש זשורנאל אין בראונס מילס, „אונ־זער לעבען," אויך „התקוה," זשורנאל, אין דענווער. מיטגעארבייט אין די „אידישע וועלט" און די לעצטע יאָהרען געווען אַ ראַדיאָ אנאונסער אויף דאַבעליו פּי אי ען. איצט מיט דאַבעליו עיטש עי טי.

אין 1940 געשריבען א קאלום „דער שפּיגעל פון לעבען," און ביז ניט לאַנג צוריק סעקרעטאר פון אידישען קאונסיל פאר הילף צו רוסישע מלחמהליידענדע.

★

ש. (סיי) פעלדשטיין

געבוירען אין ליפּאוועץ, קיעווער גובערניע 28טען יוני 1887, דער זוהן פון אהרן פעלדשטיין, וואוינט איצט אין דזשעמייקא, נויאָרק. די מוטער פעסיל, איז געשטאָרבען דעם 31טען יאנואר, 1912.

האָט געהייראט קאטיא קריוואָנאָס דעם 23טען דע־צעמבער, 1911. זיי האָבען צוויי טעכטער, פּריסילא, פארהייראט צו קלמן קאופמאן, און ווערא.

איז געקומען קיין נויאָרק דעם 25טען יולי 1906. געווען א העברעאישער לערער אין בראנזוויל, גרינדער פון אגודה דוברי עברית און האָט שטודירט פּריוואט. געווען א ציטווייליגער מיטארבייטער אין דער „ווארהייט" און פאר א קורצער צייט ארויסגעבער פון א וויץ־בלאַט.

פארלאזט נויארק אין 1917 אלס רייזענדער פארטרעטער פון יוניווערסאל פילם קאמפאני, פארטראטען פאטהע פילם קאמפאני אין וואשינגטאן, די. סי. געקומען קיין פילאדעלפיא אין 1923 אלס פארשטעהער פון עדיוקיישאנאל פילמס ביז 1931.

זיך פארבונדען מיט „אידישע וועלט" אדווערטייזינג דעפארטמענט, גע־שריבען סעריעס ארטיקלען ביז 1935. ארויסגעגעבען פאמיליען זשורנאל, 1935־1936, אנאונסער און פראגראם דירעקטאר ראדיא סטאנציע דאבעליו די עי עס.

★

אהרן יוסף קאניעווסקי

רעזידענץ: 136 פעירמאונט עוועניו. געבוירען אין רע־זשישטשעוו, קיעווער גובערניע, 1890, דער זוהן פון יהושע גרשון און מאליע קאניעווסקי. פאטער איז געווען א סוחר פון תבואה, און שטאמט פון רבנים און שוחטים.

באקומען א אידישע טראדיציאנעלע דערציאונג, געלערנט אין דער ארטיגער ישיבה, שפעטער זיך באטיי־ליגט אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג.

אין אנהויב 1908 געהייראט רחל סטראט. באלד אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא.

זיך אין דער יוגענט אינטערעסירט מיט אידישען טעאטער, איבערהויפט גאלדפאדען'ס היסטארישע פיעסען. איז געבליבען אונ־טער דער ווירקונג פון אונזערע קלאסיקער, פרץ, שלום עליכם, מענדעלי און אנדערע.

דורכגעמאכט א שוידערליכען פאגראם אין קיעוו, אין 1905, האט אנגע־הויבען שרייבען אין 1921, דעבוטירט אין „טאג" מיט אן ארטיקעל וועגען דרא־מאטישע געזעלשאפטען, און האט איבער צוואנציג יאהר געשריבען ארטיקלען איבער טעאטער, געהאט א צאהל ארטיקלען אין די „אידישע וועלט," פילאדעלפיא, אויך אין ברית אחים בולעטין. געשריבען אונטער פסעוודאנימען: אהרן מאליעס און ארקאניעוו.

געווען אקטיוו אין דער ליטערארישע דראמאטישער געזעלשאפט. געווען רעזשיסאר, און איז אויך אליין אויפגעטראטען. פון די ערשטע טוער פון די פאלק שולען, דערנאך אין די ארב. רינג שולען. טעטיג געווען אין היברו ליטערעאטור סאסייטי, איינער פון די גרינדער פון דעם היגען צווייג „קולטור געזעלשאפט." א מיטגליד פון אידישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט, און אנדערע קולטור געזעל־שאפטען. אפיציעל געווען באפולמעכטיגט פון „איווא" צו זאמלען מאטעריא־לען. געווען אקטיוו אין פארשפרייטען דאס אידישע בוך. מדריך געווען די איינציגע טאכטער מאלי, אין אידישליכען גייסט. חוץ אלגעמיינע קאלעדזש ביל־

דונג אז זי איז אויך א מאהלערין, געענדיגט א קונסט שולע דורך א סקאלערשיפ. איז אויך געווען א לעהרערין אין די ארב. רינג שולען אין ניו יארק.

זי איז אויך באקאנט אלס טאלאנטפולע דעקלאמאטארין. איצט מרס. הערי סילווער, נ. י. כעמישער אינזשעניר. קאניעווסקי טרעט אליין אויך אויף אויף ליטעראַרישע אווענטען אלס רעציטאטאר.

★

אברהם בעל

רעזידענץ: 2219 נ. 30טע סטריט. געבוירען אין אומאן, רוסלאנד, אין 1886, דער זוהן פון יצחק און צירל. געלערנט אין א חדר, באזוכט א פאלק שולע און אויך געמאכט 3 קלאסען גימנאזיום. אין אמעריקא זינט 1940.

האט געהייראט שיינדעל לאה קעניגסבערג. זייערע קינדער: **מרדכי, צירל, שרה בלומע און בערנארד.** אלע קינדער האבען געמאכט א שולע. אברהם בעל איז דער גרינדער פון דעם אידישען שוישפילער פאראיין אין וויען, עסטרייך, און איז אנטלאפען פון עסטרייך צוליב די היטלער רציחות. האט זיך באטייליגט אין געזעלשאפטליכער אר־בייט אויף יענער זייט ים, און אין פילאדעלפיא האט ער געמאכט א פארזוך צו גרינדען א געזעלשאפט צו שטיצען אידיש טעאטער.

האט דורכגעפיהרט דא א צאהל פארשטעלונגען אונטער אייגענער רעזשי.

★

ה. י. (הירש יצחק) שייפער

רעזידענץ: 210 איסט שעלדאן סטריט. געבוירען אין באדזשאנאוו, פוילען, אין 1888, דער זוהן פון אסתר דבורה און מרדכי סטאליער.

געלערנט אין חדר בלויז ביז 9 און א האלב יאהר, דערנאך געלערנט זיך שניידעריי ביי וואס ער איז פאר־בליבען דעם גאנצען לעבען.

צו 14 יאהר געקומען קיין פילאדעלפיא. אנגעהוי־בען ארבייטען און גלייכצייטיג גענומען זיך לייענען פלייסיג די אידישע פרעסע און ליטעראטור, און כאטש אליין האט ער בלויז פארעפענטליכט עטליכע זאכען, האט ער אבער קאלאסאלע פארדינסטען דערפאר, ווייל ער זאמעלט שוין איבער צוואנציג יאהר אלץ וואס אידישע שרייבער האבען געשאפען. זיין מעטאד איז צו זאמלען אויסשניטען, זיי קלייבען און אנזאמלען גענוג פאר א בוך.

דערנאָך בינדט ער די אויסשניטען און מאכט 2 ביכער. איין בוך פּרע־זענטירט ער דעם שרייבער, און דאָס צווייטע בוך לאָזט ער ביי זיך, אלץ וואָס ער פאָדערט פון דעם מחבר איז אן אויטאָגראף פאר זיך.

אזוי געפינען זיך ביי שייפער'ן געזאמעלטע שריפטען פון כמעט יעדען אידי־שען שרייבער, ווי לייוויק, ניגער, לוצקי, רייזען, זשיטלאווסקי, גלאטשטיין, ב. ריווקין, ס. מרמר, מ. אלגין, משה קאטץ ב. עפלבוים, א. ליטווין, עליזה גרינ־בלאט, ב. גלאזמאן, און הונדערטער אנדערע.

ביי שייפער'ן געפינען זיך אויך א צאָהל בריעוו פון שריפטשטעלער, וואָס זיינען זיכער א בייטראג צו א אידישען מוזעאום.

וועגען שייפער'ן איז אסך געשריבען געוואָרען פון ב. ריווקינ'ען, מ. מלמד, א. רייזען, יוד לאמעד מאלאמוט און א צאָהל אנדערע. זיינע פאָרדינסטען זיינען אלגעמיין אנערקענטע פאר אונזער פּרעסע און ליטעראטור. מעהר ווי איין שריפט־שטעלער האָט דורך שייפער'ן באקומען געוואונשטען אייגענעם מאטעריאל וואָס דער שרייבער אליין האָט ניט באוויזען אויפצוהיטען.

די שייפער ביבליאָטעק איז אן אמת'ער אוצר, און פארמאָגט איבער דריי טויזענד ביכער און אויך טויזענדער אויסשניטען געבונדען און אויפגעהיט.

שייפער'ס זוהן, דזשעק שייפער, איז איינער פון די נייעס רעדאקטארען אין נויאָרק „דזשורנאל־אמעריקאן."

★

ארבעטער רינג שול טעטיקייט אין פילאדעלפיע

די ארבעטער רינג שולן אין פילאדעלפיא זיינען געגרינדעט געוואָרען מיט א יאָהר שפעטער ווי די שולן אין ניו־יאָרק.

אין ווינטער פון דעם יאָהר 1920 ווערט ביים פילאדעלפיער דיסטריקט קאָ־מיטעט פון ארבעטער רינג אויסגעקליבען א קאָמיטעט פון 3 מיטגלידער: מ. שאַ־פירא, ז. עטינגער און י. נעכאוויטש, אנצוהייבען צו ארגאניזירען די ארבעטער רינג שולן אין פילאדעלפיא. די פריינט: מ. שאפירא און ס. עטינגער זיינען געווען פון די ערשטע פיאָנערן פון דער ארבעטער רינג שולן באוועגונג אין פילאדעלפיע און דינען נאָך מיט מסירת נפש דער באוועגונג ביז היינטיגען טאָג.

די ערשטע שול ווערט געעפענט אין מערץ, 1920, באלד נאכדעם א צווייטע און א דריטע. אין 1921 ווערען נייע שולן געעפענט אין פארשיידענע טיילען פון שטאָט. אין פארלויף פון 15 יאָהר זיינען געגרינדעט געוואָרען א רייע נייע שולן. איצט פונקציאָנירען אין פילאדעלפיא 12 עלעמענטארע שולן און איין מיטלשול. א צאָהל שולן האָבען זיך צוליב אומגינסטיגע אומשטענדען ניט לאנג געהאלטען. עלטערען האָבען אויסגעפונען אז מען לערנט אָן היטלען; אז דאָס אידישקייט פון די שולן איז ניט אזוי ווי זיי האָבען דערוואַרט; מען לערנט ניט קיין עברי, דאַוונען, קדיש זאָגען, און באזונדערס פעלט דאָרט דער מאָמענט אין אמעריקאנער אידיש לעבען — דאָס צוגרייטען צו בר מצוה. געבליבען אין די

שולן זיינען קינדער פון די עלטערן, ביי וועמען די פּראָגראַם איז געווען אין איינקלאַנג מיט זייערע אנשויאונגען. האָבען זיך טאקע אין די געגענטען וואו עס וואוינען ראַדיקאַלע עלטערן, באוואוסטזיניגע אידישע ארבעטער, די שולען איינגעפונדעוועט און געוואָרען וויכטיגע אינסטיטוציעס אין די באַטרעפענדע געגענטען.

בודזשעט

דעם ערשטען יאָהר איז דער בודזשעט געבויט געוואָרען אויף פאָלגענדיגען באזיס: אַ געוויסע סומע איז באַשטימט געוואָרען פון נאַציאָנאַלען בילדונגס קאָמיטעט פון ארבעטער רינג אַלס סובסידיע; 25 סענט אַ וואָך איז באַשטימט געוואָרען אַלס שכר לימוד פון יעדען תלמוד און דאָס איבעריגע האָט מען גע־דאַרפט דעקען פון אונטערנעמונגען. אָבער שוין צום ענדע פון ערשטען יאָהר האָבען זיי איינגעזעהן אַז דער דאָזיגער בודזשעט־פּלאַן איז ווייט ניט גענוג צופריי־דענצושטעלען אונזערע באַדערפעניששען. ביי דער ערשטער קאָנפערענץ ווערט ארויסגעבראַכט די דאָזיגע פּראָבלעם און צו דער גרעסטער צופרידענהייט, נעמט די קאָנפערענץ אָן אַ באַשלוס צו טאַקסירען אַלע פילאַדעלפיער מיטגלידער מיט 15 סענט אַ קוואַרטאַל. אַלע ארבעטער רינג בראַנטשעס, אָהן אויסנאַהם נעמען אָהן דעם דאָזיגען שטייער און אויך דער שכר לימוד ווערט געהעכערט פון 25 סענט אַ וואָך אויף 50 סענט.

די דאָזיגע באמת ברייטע שטיצע פון דער ארבעטער רינג מיטגלידערשאַפט און דער געהעכערטער שכר לימוד גיט אַ מעגליכקייט פיל אויסצוברייטערען און פאַרפעסטיגען די פּאָזיציעס. אָבער אויך מיט דער פאַרגרעסערטער הכנסה קומט מען ניט אויס. די דעפיציטען צום אויסגאַנג פון יעדען יאָהר וואַקסען און ביי אַ קאָנפערענץ ווערט אָנגענומען אַ באַשלוס צו העכערען דעם לאָקאַלען שטייער פון 15 סענט אויף 25 סענט אַ קוואַרטאַל. אויך אין דעם פאַל האָבען די ארבעטער רינג מיטגלידער דורך זייערע בראַנטשעס ארויסגעוויזען זייער גרייטקייט צו העלפען אויפצוהאַלטען און איינפונדעווען די ארבעטער רינג שולען דאָ אין שטאָט.

ארבעטער רינג מיטל־שולן

אין יאָהר 1924 האָבען גראַדואירט פון די עלעמענטאַר שולן די ערשטע גרופּע תלמידים. די צאָהל פון גראַדואַנטען איז געווען נישט קיין גרויסע, אינגאַנצען ניינצען. עס איז אָבער געווען אַ מערקווירדיגע גרופּע פון בחורים און מיידלאַך. זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַן אויסערגעוויינלאַכער איבערגעבענהייט און ליבע צו דער שול. זיי האָבען פּשוט ניט געקאָנט זיך אָפּרייסען פון אונזער שול־סביבה. זיי האָבען פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלען עפּעס טאָן, זיי זאָלען קענען בלייבען מיט אונז און פאָרטזעצען די לימודים. די לערער און טוער זיינען, פאַרשטייט זיך, אליין אויך געווען פאַראינטערעסירט אין אַזאַ פּלאַן און ניט קוקענדיג אויף די פאַראויסגעזעהענע שוועריגקייטען, איז באַשלאָסען געוואָרען צו עפענען אַ מיטל־שול.

אין דער מיטל־שול זיינען פאָרטגעזעצט געוואָרען די פריערדיגע לימודים ווי אידיש, ליטעראַטור, געשיכטע, עס זיינען אויך איינגעפירט געוואָרען נייע לימודים: קולטור געשיכטע, געשיכטע פון סאָציאַליזם, און פּאָליטישע עקאָנאָמיע. דאָס

לערנען איז געפירט געוואָרען אויף אַ ברייטען מאסשטאב און עס האָט זיך גע־פאָדערט פון די תלמידים אסך מי און אנשטרענגונג. די „מיטל־שולניקעס" אבער האָבען אונז איבערראשט מיט זייער פליים און איבערגעבענהייט און די „מיטל־שול" איז געוואָרען פאר אונז אַ קוואל פון באגייסטערונג פאר אונזער אנגע־שטרענגטער אַרבעט.

אין 1927 זיינען אָנגעקומען שלעכטע צייטען פאר אונזער מיטל־שול. עס האָט זיך אָנגעהויבען די „שפאלטונג־מגפה" און דער פאָליטישער שטורעם האָט אויך ניט דורכגעלאָזט אונזער מיטל־שול. עס איז געווען אַ גאנצע גרופע קינדער פון לינקע עלטערן. די לינקע האָבען זיך שפעטער אָפּגעשפאלטען פון די שולן און געגרינדעט אַן אייגענע מיטל־שול. האָבען זיי ארויסגענומען זייערע קינדער, און די מיטל־שול איז באדייטענד פארקלענערט געוואָרען.

וואָס איז געוואָרען פון די גראַדואירטע מיטל־שולניקעס?

מען קאָן זיי געפינען אין די יוגענט קלובען, אין די „איפּסלס," אין ארבעטער־רינג כאָר, אין דער ארבעט אַרום די שולן, א. ז. וו. אומעטום קאָן מען זיי דער־קענען דורך זייער ערנסט, איבערגעבענהייט און אין דער באגייסטערונג מיט וועל־כער זיי טוען זייער אַרבעט. דאָס האָבען זיי אַלץ געקראָגען אין און דורך דער מיטל־שול. דאָס איז דער שול'ס ווירקונג און דער שול'ס ירושה.

אונזערע שול אינסטיטוציעס

די פילאדעלפיער ארב. רינג שולן האָבען אין פארלויף פון זייער עקזיסטענץ, אָנגעפיהרט מיט געוויסע טעטיגקייטען, וועלכע זיינען געוואָרען שטענדיגע, חשוב'ע יערליכע אינסטיטוציעס. די ערשטע אנגעזעענע אינסטיטוציעס ארום אונזערע שולן איז דאָס ארויסגעבען יערלעך דעם „קינדער רינג (אין 1935 דעם שול־אל־מאנאך). דער „קינדער רינג" דערשיינט יעדען יאָר, פון זינט 1922. אין דעם דאָזיגען בוך ווערט אָפּגעשפיגעלט דער וואוקס פון דער שול באוועגונג און אויך די קולטור און סאָציאליסטישע טעטיקייטען ביי אונז אין שטאָט. אַ באזונדערע, זעהר לעבעדיגע אפטיילונג אין דעם „קינדער רינג," זיינען די קינדער שאפונגען. דאָס ליד, די פאָעמע, די דערציילונג, די ערנסטע אָפּהאנדלונג, געשריבען פון די תלמידים פון די עלעמענטארע שולן און באזונדערס פון דער מיטל־שול, זיינען אַן אויסגעצייכענעטער באַראָמעטער פון פּראָגרעס וואָס איז געמאכט געוואָרען אויפן געביט פון אידיש־סאָציאליסטישער קינדער דערציאונג.

אַ צווייטע, ניט קיין ווייניקער חשובע אינסטיטוציע איז דער יעהרליכער פרילינגס און פסח קאנצערט. ביי דעם דאָזיגען קאָנצערט באווייזען זיך די קינדער פאר דער ברייטער ראדיקאַלער אידישער עפענטליכקייט מיט געזאנג, שפּיל און טענץ, צוגעגרייט און דורכגעפיהרט פון די לערער און תלמידים.

די ארבעטער רינג שולן זיינען אַ סימבאָל פון דעם פּראָדוקטיווען כח פון די אידישע מאסען וואָס שפינען און שאפען דאָס אידישע לעבען.

די צענטראַלע פארוואַלטונג פון די ארבייטער רינג שוהלען באשטייט פון פאָלגענדע: ד. רעוויזן, פּרעזיצער; ז. עטינגער, סעקרעטאר און קאסירער; נ. מ. בערמאן, רעקאָרדינג סעקרעטאר. אַנדערע מיטגלידער אין דער פארוואלטונג

זיינען דזש. בוימאן, פ. אקראך, ה טייטעלמאן, מ. שאפירא, סעקרעטאר פון סיטי און דיסטריקט קאמיטע, ב. מאסטאוואי, פעני שיינקער, ב. סילווער, דזש. גאלאנ־טער, ל. לעווינסאן, ה. סיגעל, מרס. מילער, מרס. פאליקאוו, מרס. שאפירא, ליליען ראבינאוויטש, ל. קאהען, מ. שווארטץ, מרס. נייבאוער, מרס. גאלדין, דזש. עפ־שטיין, מרס. דזש. עפשטיין, אנא אווערבאך, מרס. שאר, א פישמאן, מרס. קאלקער, דזש. פאול, אהרן קאניעווסקי, דזשאזעף זאבלין, אסתר פינקעלשטיין, און מרס. סאניע פישמאן.

די לעהרער פון די ארבייטער רינג שולען זיינען ווי פאלגט: ה. ה. קאזשדאן, פ. סימאן, ג. ברעסלער, ש. ד. זינגער, ה. בארקאן, לאה וועוויצערס, ס. קלאיט, ב. דזשייקאבסאן און פ. הערשטיין. דער געזאנגס לעהרער איז מ העלזנער.

★

די ליידיס וויסט און דרעסמאכער יוניאן אין פילאדעלפיא

די געשיכטע פון דער דרעס און וויסטמאכער יוניאן הויבט זיך אן אין 1898. אין יענער צייט איז כמעט אינגאנצען דא ניט געווען קיין וויסט און דרעס אינדוסטריע. די קימאנא און ראפער אינדוסטריע האט דאן געשפילט דא די ערשטע פידעל. דער טרעיד איז ניט געווען ארגאניזירט, כאטש עס זיינען אין איהם געווען באשעפטיגט די אינטעליגענטע אידישע אימיגראנטען. די ליידען פון די ארבייטער זיינען געווען אומדערטרעגליכע, און ריידען וועגען א יוניאן האט געמיינט געשטעלט ווערען אויף א שווארצען צעטעל און בלייבען ארבייטסלאז.

עס זיינען אבער שוין דאן געווען בראווע קעמפער, און די ערשטע פינף וואס דארפען דערמאנט ווערען זיינען געווען דזשעק בלומענטאל, דזשוליוס בערגער, מ. קראסנאף, הערי (היינט דאקטאר) האפמאן, און מיס ווילענסקי.

דער אימיגראציאנס שטראם האט געבראכט נאך א מעהר רעוואלוציאנערען עלעמענט אין די שעפער, און סוף 1904 האט א באס באשלאסען אנצושטעלען א פארמאן וואס האט געהאט זעהר א שלעכטען נאמען, און די ארבייטער האבען דאס ניט געוואלט דערלאזען.

עס זיינען גערופען געווארען שאפ מיטינגען, און דאן איז געגרינדעט געווא־רען די דרעס און וויסט מאכער יוניאן.

אין 1905 האט די יוניאן באשלאסען א גענעראל סטרייק, די סימפאטיע מיט די ארבייטער איז געווען גרויס, און געצוואונגען די בעלי בתים איינצוגעהן אויף א קאנפערענץ.

עס איז געשלאסען געווארען אן אגרימענט פון וועלכען די ארבייטער האבען דאן אסך געוואונען. עס איז אפגעשאפט געווארען דאס צאהלען פאר בעלטס, סטיעם, נאדלען, מאשינען, און דעסט גלייכען. דער זיעג האט ארויסגערופען אסך באגייסטערונג, און ארבייטער אין טרעיד האבען אנגעהויבען אויפהויבען די קעפ.

אין 1909 האָט אין נויאָרק אויסגעבראָכען דער גרויסער סטרייק ביי דער טרייענגעל קאָמפּאַני, און די פיהרער האָבען געהאט אַ חשד, אַז די ארבייט פאר דער טרייענגעל ווערט געמאכט ארויס פון שטאָדט. פיהרער פון נויאָרקער סטרייק זיינען געקומען קיין פילאדעלפיא, און ווען עס איז באשטעטיגט געוואָרען דער פארדאכט, האָבען די פיהרער געפאָדערט אַז די פילאָדעלפיער דרעס און ווייסט מאכער יוניאָן זאָל דערקלעהרען אַ גענערעאל סטרייק, און דעם 20טען דעצעמבער, 1909, איז אין פילאדעלפיא דערקלעהרט געוואָרען אַ גענעראל סטרייק.

אלס ענטפער האָבען די בעלי בתים זיך אָרגאניזירט אין אַן אסאָסיאיישאָן. דאָס איז געווען די ערשטע אססאָסיאיישאָן פון ווייסט און דרעס מאנופעקטשו־רער אין פילאדעלפיא.

נאָך צעהן וואָכען פון אַ ביטערען סטרייק, איז מען איינגעגאנגען אויף ארביטריישאָן, און דער אויסגאנג איז געווען אַ שטאַרקע אנטוישונג פאר די ארבייטער. די יוניאָן איז אָפּגעשוואכט געוואָרען.

די אויפגאבע צו רעאָרגאניזירען און באַלעבען די יוניאָן האָט די דזשענעראל באָרד פון דער אינטערנעשאנאל איבערגעגעבען צו אב. סילווער'ן, אַ מיטגליד פון לאקאל 25, נויאָרק, וואָס האָט זיך שוין דאַן ארויסגעוויזען פאר אַ גאנץ פּראַק־טישען טרעיד יוניאָן טוער מיט גוטע אָרגאניזאציאָנס פעהיגקייטען.

אין 1915 איז סילווער געקומען קיין פילאדעלפיא און ער האָט פארשטאנען צוצוציהען צו דער ארבייט אלע אידישע וויכטיגע טוער אין דער ארבייטער בא־וועגונג. ער האָט אויך געוואונען די סימפּאטיע פון דער פרעסע, און זיין ארבייט איז געקרוינט געוואָרען מיט דערפאָלג.

נאָך עטליכע וואָכען צייט איז די יוניאָן ווידער געוואָרען שטארק און עס האָט אויך געשטיגען דער מוט און די באגייסטערונג פאר דער יוניאָן.

עס האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן צו פארבעסערען די לאַגע אין דעם טרעיד. די דזשענעראל באָרד האָט דאַן געהאט אַ זיצונג אין פילאדעלפיא, אַ קאָמיטע האָט אונטערזוכט דעם צושטאנד אין דעם טרעיד אין פילאדעלפיא. בענדזשאמין שלעזינגער, פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל איז אַליין געקומען קיין פילאדעלפיא, אַ קאָנפערענץ איז געהאלטען געוואָרען אין אָרבייטער רינג לייבאָר לייסעאום, 505 ריעד סטריט. שלעזינגער האָט גוט־געהייסען אַ גענעראל סטרייק, אויב די מאנופעקטשורערס וועלען זיך אָפּזאָגען איינצוגעהן אויף אַ פריעדליכען אָפּמאך.

קאָנפערענצען נאָך קאָנפערענצען זיינען געפיהרט געוואָרען. דעם מעיאָרס אָפיס האָט זיך ארייגעמישט און אַ סטרייק איז פארמידען געוואָרען, אָבער ווען די אסאָסיאיישאָן האָט שפּעטער געשטעלט פאָדערונגען צו רעדוצירען די פּרייזען, שניידען 25 פּראָצענט פון די ווידזשעס, האָט די יוניאָן דעם 30טען אויגוסט דערקלעהרט אַ גענעראל סטרייק, וואָס האָט זיך געצויגען 26 וואָכען. דאָס איז געווען איינער פון די ביטערסטע קאמפען אין דער געשיכטע פון דער טרעיד יוניאָן באוועגונג אין פילאדעלפיא.

דער סטרייק איז פארלוירען געגאנגען און עס איז געווען א שרעקליכער קלאפ פאר דער יוניאן.

ווידער זיינען געפיהרט געלארען קאנפערענצען פון מעיאר'ס אפיס, אבער אהן ממשות'דיגע רעזולטאטען. אבער אויך די אסאסיאיישאן איז אפגעשוואכט געווארען. פון איהרע 125 מיטגלידער זיינען אין דער אססאסיאיישאן בלויז גע־בליבען פינף און פערציג. די איבעריגע זיינען געבליבען זעלבסטשטענדיג. די יוניאן האט ווידער דערקלעהרט א סטרייק און אין צעהן טעג ציט איז דער סטרייק געוואונען געווארען.

דער סטרייק איז געשליכטעט געווארען דורך ארביטריישאן, כאטש די ארביי־טער זיינען פאר דעם „זיעג" ניט געווען באגייסטערט.

אונטער דער פיהרערשאפט פון אב. סילווער איז די יוניאן געווארען א מאכט. אונטער זיין פיהרערשאפט איז געשאפען געווארען דער קראנקען בענעפיט, עס איז איינגעפיהרט געווארען א ביבליאטעק, לעקציעס, קאנצערטען און אן אייגענע זומער־היים אין ארווילא, פא. די וויסט און דרעס מאכער יוניאן איז געווארען דער שפיגעל און דער שטאלץ פון דער היגער ארבייטער באוועגונג. אבער צום באדויערען האט די גאלדענע עפאכע לאנג ניט אנגעהאלטען.

ניט אידישע עלעמענטען האבען אנגעהויבען אריינשטראמען, און אויך די קאמוניסטען האבען זיך אריינגעריסען און אנגעהויבען זייער צושטער ארבייט אין דער אינטערנעשאנאל, די יוניאן איז אפגעשוואכט געווארען, און וואס די פריהער־דיגע האבען געבויעט, האבען די אנגעקומענע, אנגעלאפענע, צושטערט.

נאך סילווער'ס אוועקגעהן פון דער יוניאן האבען אנדערע ארגאניזאטארען זיך באמיהט, אבער קיין סאך האבען זיי ניט באוויזען אויפצוטאן.

עלייעס רייזבערג האט אויך קיין האניג ניט געלעקט, אבער מיט דער צייט האט זיך איהם איינגעגעבען איינצושטעלען בעסערע באדינגונגען מיט די מאנו־פעקטשורערס.

דאן איז געקומען דער נאך דער מלחמה קריזיס און ווידער איז די יוניאן אפגעשוואכט געווארען. עס האט אויסגעקוקט, אז די אינטערנעשאנעל וועט ארונטער פון דער סצענע, אבער באלד איז א גרויסער וואונדער געשעהן:

פרענקלין דעלאנא רוזוועלט איז דערוויילט געווארען פרעזידענט, ער האט איינגעפיהרט די „ען אר עי" (נירא), דאס האט געגעבען נייעם לעבענס כח דער ארבייטער באוועגונג אין לאנד, און ממילא אויך דער אינטערנעשאנאל.

רייזבערג'ס פלאץ האט פארנומען סעמועל אטא, אן אמעריקאנער אידישער יונגערמאן, מיט באדייטענדע פעהיגקייטען און א מענש מיט א פראקטישען בליק.

זינט דאן הערשען פריינטליכע און יושרדיגע באציאונגען צווישען דער אסא־סיאיישאן און דער יוניאן. ביידע קערפערשאפטען פיהרען א חבר'שען לעבען.

די פיהרער פון ביידע קערפערשאפטען זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז חוץ הויכע וויידזשעס און קלענערע שטונדען מצד די ארבייטער און גרויסע

פראפיטען מצד די בעלי בתים, האָבעןביידע צדדים איין געמיינשאפטליכען אינ־טערעס; און דאָס איז, אז דער טרעיד זאָל וואקסען און זיך אויסברייטערען.

פריהער רייזבערג, און דערנאָך סעם אטא, דער איצטיגער מענעדזשער פון דער יוניאָן, אב. סילווער, איצטיגער עקזעקוטיוו סעקרעטאר פון דער אסאָסיאיישאָן, און דזשאָזעף ס. עליקמאן, איינער פון די פעסטע זיילען פון דער אסאָסיאיישאָן, און אַ מענש מיט אַ האַרץ, וואָס איז טיעף ווי דער ים, און ברייט ווי די הימלען, אַ דאַנק די אַלע דערמאָנטע פערזאָנען, און זייערע מיטארבייטער אין ביידע קער־פערשאפטען, האָבען מיר איצט אידעאַלע באַציאונגען צווישען דער אסס׳ן. און דער יוניאָן, וואָס ציילט איצט זיבען לאקאלען מיט אַ מיטגלידערשאפט פון איבער צעהן טויזענד.

די איצטיגע באאמטע זיינען: סעמועל אטא, מענעדזשער פון דער דזשאָינט באָרד; אלבערט עטקאוויטש, ביזנעס אגענט פון לאקאל 11; דזשאזעפין ספיקא, ביזנעס אגענט פון לאקאל 15, איזידאָר מעלאמעד, ביזנעס אגענט פון לאקאל 50; מאקס סיגעל, ביזנעס אגענט פון לאקאל 45; מארים פישמאן, ביזנעס אַגענט פון לאקאל 88; אלבערט גערבער, ביזנעס אגענט פון לאקאל 218; הערמאן סעקזא־וויטש, ביזנעס אגענט, לאקאל 219, און בען פעלדמאן, ביזנעס אגענט פון די קאטאן קאנטראקטינג שעפער. מ. בלומפילד איז דער דירעקטאָר פון עדיוקיי־שאנאל דעפארטמענט.

★

די קלאוקמאכער יוניאָן אין פילאדעלפיא

די קלאוקמאכער יוניאָן איז איינע פון די עלטסטע אין פילאדעלפיא, און איז געגרינדעט געוואָרען אין 1892. אָבער נאָך 14 יאָהר לעבען און מאטערניש האָט זי געמוזט אויפגעבען איהר עקזיסטענץ.

די אורזאך וואָס האָט געפיהרט צו דעם אונטערגאנג איז געווען פארלוירענע צוויי גרויסע סטרייקס. איין סטרייק ביי סטראברידזש און קלאָדהיער, האָט אָנ־געהאלטען פערצען וואָכען און איז פארלוירען געגאנגען. דער אנדערער סטרייק איז געווען ביי סליעפין און איטמאן, האָט זיך געצויגען צוועלף וואָכען און האָט געהאט אַ שרעקליכען סוף.

פון 1907 ביז 1913 האָט דער טרעיד קיין גרויסע סטרייקס ניט געהאט. ערשט אין 1913 האָט די יוניאָן זיך געפיהלט געצוואונגען צו דערקלעהרען אַ גענעראל סטרייק.

זיבען און צוואנציג וואָכען פון דיסציפלין, איבערגעבענהייט און טרייהייט צו דער יוניאָן האָבען געקאָסט זעהר טייער ביידע צדדים. אין דעם סטרייק זיינען געווען פאַרוויקעלט פיער טויזענד קלאוקמאכער. אַן איבערגעבענער טוער, אב. קאפלאן, איז אין יענעם סטרייק געטויטעט געוואָרען פון אַ סטרייק ברעכער.

אויך יענער סטרייק איז פארלוירען געגאנגען. אָבער די יוניאָן איז געבליבען לעבען, און האָט געזאמעלט כחות פאַר דער צוקונפט. עס זיינען געפיהרט געוואָ־רען פארהאנדלונגען מיט די באַסעס, נאָר עס איז פון דעם גאָרניט געוואָרען.

נאך 2 חדשים שטילשטאנד איז באשלאסען געווארען ווידער צו באנייען דעם סטרייק. די בעלי בתים האבען דערפיהלט, אז די יוניאן מיינט ערנסט, און אז נאך א סטרייק מיינט א רואינע פארן קלאוק טרעיד, האבען די בעלי בתים געלאזט וויסען, אז זיי וועלען מאכען אן אגרימענט מיט דער יוניאן. די ארבייטער האבען דאן געוואונען דעם פונקט: קאלעקטיוו בארגענינג. דאס איז געווען א גרויסער זיעג פאר דער יוניאן אין 1914, דער ערשטער קאנטראקט וואס די קלאוק־מאכער האבען אונטערגעשריבען מיט דער יוניאן.

דער נעקסטער גרויסער סטרייק איז פאגעקומען אין 1920. דער נעקסטער גרויסער זיעג פאר די ארבייטער איז געווען אין פעברואר, 1923, א סטרייק געגען די דזשאבערס און קארפארייישאן שעפער.

די קלאוקמאכער האבען אויך אנטייל גענומען אין אלע וויכטיגע ארבייטער אונטערנעמונגען, ווי אין דעם היסטארישען קאר סטרייק פון 1910. זיי זיינען געבליבען אין סימפאטיע ביז דער סטרייק איז געוואונען געווארען.

די קלאוקמאכער יוניאן האט געהאט איהרע העדקוואטערס אין דער 11טער און רעיס, אין 38 נ. 9טע סטריט, אין 244 ס. 8טע סטריט, אבער די לעצטע יאהרען האט די קלאוקמאכער יוניאן געקויפט איהר אייגענע היים, אין 223 ס. 9טע סטריט.

די קלאוקמאכער יוניאן האט זיך באטייליגט אין דער הילף פאר מלחמה קרבנות, און אין דעם גרויסען היסטארישען טרויער פאראד אין צייט פון די פוילישע פאגראמען. אלס גרינדער דארפען דערמאנט ווערען פאלגענדע:

מאקס אמדור, די ברידער צאהן, די ברידער גאלד, משה דאמסקי, בעני קארפ, דזשארדזש רובין, מארים לעווין, דער באליבטער פארשטארבענער אגיטאטאר חיים וויינבערג, מאקס ליווי, לואיס בולקין, בעקי שטיין, סערע גרינבערג, ראזא ליפמאן, סעם אימבער, ב. שעהן, אב. שניידער, און י. בראונשטיין.

די איצטיגע באאמטע פון דער יוניאן זיינען: הערי דארדיק, מענעדזשער פון דער דזשאינט בארד; מארים לעווין, טשערמאן פון דער דזשאינט בארד; ס. דיי־ווידסאן, סעקרעטאר; פריעדמאן, טשערמאן פון לאקאל 2; ס. לעווין, סעקרעטאר; ס. דייווידסאן, טשערמאן פון לאקאל 53; ב. שניידער, סעקרעטאר; מאלי קא־וואדלא, טשערמאן פון לאקאל 69; סערע גרינבערג, סעקרעטאר; דזש. בארניק, טשערמאן פון לאקאל 71, און י. איזראעל, סעקרעטאר.

★

די בעקער יוניאן אין פילאדעלפיא

די פילאדעלפיא בעקער יוניאן איז געבוירען געווארען מיט דריי און פערציג יאהר צוריק. דאס איז דאס איצטיגע לאקאל 201. די לאגע פון די אידישע בעקער איז אין יענער צייט געווען א שוידערליכע.

די בעקערייען האבען זיך געפונען אין פינסטערע, דושנע, לופטלאזע, קויטיגע קעלערען. מיט רעכט האט מען די בעקערייען דאן גערופען די אכטע אפטיילונג פון גיהנום.

די בעקער יוניאָן איז געקומען אויף דער וועלט מיט א פעסטען באַשלוס צו מאכען א סוף צו דעם קלעגליכען צושטאַנד. ניט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען די ארבייט. עס האָט די יוניאָן געקאָסט בלוט און גאָלד ביז עס זיינען אויסגעקעמפט געוואָרען מעהר מענשליכערע באַדינגונגען פאַר די בעקער ארבייטער.

די ערשטע בעקער יוניאָן האָט ניט לאַנג געלעבט. עס איז בכלל דאַן געווען א צייט ווען יוניאָנס זיינען אויפגעקומען און אונטערגעגאַנגען.

אָבער א דאַנק דער עקשנותדיגקייט פון איבערגעבענע בעקער אַרבייטער און דעם פאַרשטאָרבענעם רעוואָלוציאָנערען ארבייטער פיהרער, חיים וויינבערג איז געלונגען צו באַפעסטיגען א בעקער יוניאָן.

דערנאָך האָבען די אַרבייטער און די פיהרער זיך דערטראַכט צו דעם פּלאַן פון גרינדען א קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי, דאָס האָט געצוואונגען די בעלי בתים זיך צו מוזען רעכנען מיט דער יוניאָן.

זינט דאַן איז די בעקער יוניאָן געוואָרען א פאַקטאָר ניט נאָר אין דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג, נאָר אין דעם אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען פון שטאָדט אין אַלגעמיין.

עס איז ניטאָ קיין איין וויכטיגע געזעלשאַפטליכע אונטערנעמונג אויף וואָס די בעקער יוניאָן זאָל זיך ניט אָפּרופען ביי יעדער געלעגענהייט.

אויב די קאָאָפּעראַטיווע בעקערייען זיינען ניט פאַרבליבען, האָבען זיי יעדענפאַלס באַוויזען, אז די בעקער קענען האָבען א וואָפען געגען זייערע בעלי בתים, און די בעלי בתים מוזען ווילענדיג ניט ווילענדיג אַנערקענען די יוניאָן.

די איצטיגע באַאמטע פון דער בעקער יוניאָן זיינען: סעמועל סאַסין, פּרע־זידענט; וויליאַם עפּשטיין, וויס פּרעזידענט; דייוו ראַטער, רעקאָרדינג סעק־רעטאַר; מאָריס קאַטץ, פינאַנץ סעקרעטאַר; דייוויד לערנער, טרעזשורער; אייב לעווין, לייבאָל מענעדזשער; מ. וואַלדמאַן, אינסייד גאַרד; דזש. פיינמאַן און ווס. קאַליץ, ביזנעס אגענטען; מאָריס גאָרנבערג, פיליפּ צעלט, דזש. מאָסקאָוויטץ, טראַס־טיעס.

*

די ברויט סיילסמאַן יוניאָן

דאָס צופיהרען פון אידישע געבעקסען אין די גראָסערים פון פילאַדעלפיא איז געווען און געבליבען א וויכטיגער טייל פון דעם אידישען בעקער טרעיד. אָבער ביז 1919 זיינען די דרייווערס פון די ברויט וואָגענס געווען מעהר אונטער דעם איינפלוס פון די בעלי בתים ווי פון דער יוניאָן.

עס זיינען אָבער געווען שוין דאַן א צאָהל דרייווערס וואָס האָבען אויך געוואָלט זיין מיט מענשען גלייך, האָט די בעקער יוניאָן באַשלאָסען צו העלפען די דרייווערס, און אַזוי איז אין פעברואר פון יענעם יאָהר אָרגאַניזירט געוואָרען די ברויט־סיילסמאַן יוניאָן, לאָקאַל 10.

דער אידישער ברויט טרעיד האָט זיך געהאלטען אין אוםשפּרייטען און עס איז נויטיג געוואָרען צו פאַרגרעסערען די דעליוועריס. די צאָהל פון דרייווערס האָט זיך פאַרמעהרט, און דאָס האָט געגעבען א גרעסערע מעגליכקייט צו אָרגאַניזירען פון די סיילסליוט א יוניאָן.

עס איז דער יוניאָן געלונגען צו געפינען א זעהר פעהיגען מענשען אין דער פערזאָן פון א. מאטיס, איינער פון די פיהרער פון דער קלאוקמאכער יוניאָן, און ער האָט מיט גרויס דערפאָלג דורכגעפיהרט זיין אויפגאבע.

די ברויט־סיילסמאן יוניאָן איז א וויכטיגער פאקטאר אין דער ארבייטער באַוועגונג.

די ברויט סיילסמאן יוניאָן ווערט געפיהרט אין דעם העכסט אידישען אַרבייטער גייסט, פונקט ווי די בעקער יוניאָן.

די איצטיגע באאמטע זיינען: א. מאטיס, ביזנעס אגענט; היימאן דיקשטיין, פרעזידענט; הערי מאריס, וויס פרעזידענט; ס. קאָהן, טרעזשורער, און אב. שאַפּירא, סעקרעטאר.

★

שטאָט און דיסטריקט קאָמיטעט נו. 4, אידיש נאצ. ארבעטער פארבאנד

ב. פרידמאן, טשערמאן; מ. וואלאוו, קאסירער; י. אבראמסאן, ה. בעלים, ל. קראל, ה. קאָהן, טש. גערשמאן, י. ערקעס, דר. חיים פיינמאן, י. סטאלער, א. ה. גאָלדסטיין, ה. יעלים, ר. גאפמאן, ה. ראפאפּאָרט, א. סילווער, י. סטיין, י. שווארץ, מ. שאפּירא, מ. שאפּירא, וו. סילבערמאן, י. אונטערמאן, פ. קעסלער, י. שערמאן, ה. הארוויץ, פ. זאלאט, מ. הערליך, מ. ראָזענבערג, וו: מעדזשעבאוו, א. סיידעל, י. סינגער, א. מאנדעל, וו. גרינבערג, מ. דווארין, מ. ווערצקי, ה. גימפּעלמאן, י. אבארבאנעל, ל. שילינג, נ. טאש, ז. הענקין, מ. סטיפעל, מ. גרינבערג, ד. לעווין, י. קאראלסקי, י. סעלדיס, ש. קעסלער, ה. פיין, ש. פאלאק. מ. בראָט, מ. רובין, ה. ראפּפּאפּארט, באָלטימאָר, ה. גאָס.

שטעט פארטראָטען אין דיסטריקט

פילאדעלפיע, קעמדען, טשעסטער, אטלאנטיק סיטי, רעדינג, ריטשמאנד, נאָרפאָלק, וואשינגטאָן, באלטימאר און ווילמינגטאָן.

★

אויסבעסערונגען

אין דער ביאגראפיע פון לאָיער אברהם האפּערמאן אויף זייט 274 דאַרף זיך אָנהויבען לייענען דער צווייטער פאראגראף.

„זיינע עלטערען, שלום און חיה האפּערמאן, האָבען זיך (און אזוי ווייטער).

אין דער ביאגראפיע פון מאיר וואלאוו, אויף זייט 194, דאַרף זיך אָנהויבען לייענען דער צווייטער פאראגראף ווי פאָלגט:

געבוירען אין פּערעיאסלעוו, אין 1885, דער זוהן פון מאניש און וועלי וואלאוו.

אנשטאט אין 1900 האָט מאיר וואלאוו חתונה געהאט אין 1905. אַלע איבעריגע דאטען זיינען קאָרעקט.

יהודה מאסקאוויטץ ע"ה

געבוירען אין רומעניען, אין 1887, דער גרינדער פון דער ערשטער חברה קדישא אין פילאדעלפיא, אין 809 ס. 5טע סטריט. אין יענער צייט איז ניט געווען קיין איינציגע אידישע פיונעראל פארלאר וואס זאל דורכפיהרען אידישע לויות לויט די טראדיציעס און מנהגים.

דער עיקר האט מאסקאוויטץ ניט געקענט צוזעהן דעם חילול השם ווי אידישע נפטרים ווערען באערדיגט ניט באקומענדיג די טראדיציאנעלע טהרה. צוליב דעם דאזיגען ענין האט מאסקאוויטץ אנגעהויבען ווערען א פיאנער און האט געגרינדעט די חברה קדישא, וואו א אי־דישער ארימאן באקומט א בכבודיגע לויה און ווערט באערדיגט אומזיסט.

געשטארבען מאי 17, 1936, האט איבערגעלאזט 4 קינדער. זיין זוהן, הערי מאסקאוויטץ, איז דער איצטיגער אנפיהרער פון דער אינדעפענדענט חברה קדישא, וועלכער האט אין 1939 רעמאדעלירט די גאנצע געביידע און האט אויפגעבויעט א נייעם טשאפעל כדי מעגליך צו מאכען בכבודיגע לויות פאר מיטגלידער פון אידישע פאמיליעס.

✶

שרה מאסקאוויטש, ע"ה

1865 — 1939

געבוירען אין וואלקאווינעץ, פאדאלסק, די טאכטער פון ישראל גרשון און איטע לאה קאופמאן. פאטער איז געווען א מלמד, האט געהייראט יהושע מאסקאוויטש, פון יאלטושקאוו, פון וואנען זיי האבען איבערגעצויגען קיין וואלקאווינעץ, האט איהם געבוירען 5 זיהן, 2 האבען זיך געפעהלט, איז געבליבען אן אלמנה מיט 3 קינדער, דאס זיינען די איצטיגע ברידער מאסקאוויטש, באקאנטע בע־קערים אין פילאדעלפיא.

דער עלטסטער, ישראל מאסקאוויטש, אין 2609 ס. 7טע סטריט, איז פארהייראט צו סאניע בערגער, זיי האבען 3 קינדער: ענע, איצט מרס. ארטשי געלפאנד; איידא, מרס. סעם אייזמאן, און עוועלין, 14 יאהר אלט, אין סאוטה פילאדעלפיא האי־סקוהל.

דער 2טער זוהן, אשר מאסקאוויטש, אין 2600 ס. האטשינסאן סטריט, און דער אינגסטער זוהן איז דזשוליוס מאסקאוויטש, אין 503 ס. 4טע סטריט.

שרה מאסקאוויטש, ע"ש, איז געווען א מיטגליד אין וואלקאווינעצער פאריין, אויך אין וואלקאווינעצער בענעפישעל, מיטגליד אין שערי אליהו שוהל,

שערי ישראל, אין דאון טאון בית יתומים, סומך נופלים פאראיין, און אין 1928 איז זי באעהרט געוואָרען מיט א טעסטימאניעל פאר איהר איבערגעבענער ארבייט פאר צדקה אנשטאלטען. זי איז געווען באקאנט אלס „די מוטער שרה" פאַר איהר גוט הארץ, באזיצענדיג אַלע פיינע מדות פון אַן אמת'ער אידישער טאָכטער, טוענדיג גמלת חסדים, און אַלעמאָל קומען אָרימעליים צו הילף אויף דעם אמת'ן אידישען אופן פון מתן בסתר. שרה מאסקאוויטש איז נפטר געוואָרען מיטוואָך, דעם 6טען דעצעמבער, דעם ערשטען טאָג חנוכה, שנת ת"ש (1939).

אַלע 3 זיהן זיינען מיטגלידער אין די זעלבע אנשטאלטען און זיי זעצען פאָר די גוטע מדות פון דער „מוטער שרה."

★

לאה אייבערעמסאָן ליפשיטץ

די גרינדערין פון דער דזשואיש דעי נוירסערי. איז אויך געווען אקטיוו פארן דאון טאון בית יתומים, נאכדעם ווי זי האָט ביי זיך אין הויז, צוזאמען מיט נאָך 2 פרויען געלעגט דעם פונדאמענט פאר דעם איצטיגען דאון טאון בית יתומים, 9טע און שאָנק סטריטס.

א טאפעל אין אנדיינק פון לאה אייבערעמסאָן ליפשיטץ געפינט זיך אין דעם דאון טאון בית יתומים.

לאה ליפשיטץ איז געווען די מוטער פון חנה מילער, די פרוי פון דעם באקאנטער כלל טוער, פ. מילער, פון פארק מענאר, 40טע און דזשיראַרד עוועניו.

חנה מילער איז געבוירען געוואָרען אין קריוואָזע, אין 1875, די טאָכטער פון קאפל און לאה אייבערעמסאָן. פאָטער איז געווען א באוואוסטער תלמודיסט און אַ סוחר. חנה האָט דורכגעמאכט זעהר א טרויעריגע יוגענט. אין אמעריקע 45 יאָהר, (זעה ביאגראפיע פון פ. מילער).

מרס. מילער איז אידיש סאָציאַליסטיש געזאנען. יאָהרענלאנג אקטיוו אין דער פועלי ציון באוועגונג, פיאָנערען פרויען אָרגאניזאציע, נאציאָנאל פאָנד, געווערקשאפטען קעמפיין, און אַן איבערגעבענע, באוואוסטזיניגע, אינטעליגענטע טוערין פאר אידישער קולטור.

פון דער רעדאקציע

מיר ווילען דא געבען עפענטליכע אנערקענונג צו די אלע וואס האבען אונז געהאלפען זאמלען און צושטעלען דעם מאטעריאל פאר דעם דאזיגען בוך.

דעם ערשטען דאנק פארדינט דר. מייער סאלים קאהען, וועלכער האט אונז צוגעשטעלט דעם מאטעריאל וועגען אידען אין אמעריקא פאר דער רעוואלוציע. דער זעלבער האט אונז אויך געגעבען דעם מאטעריאל וועגען קאנגרעגיישאן בית־אל, וועסט פילאדעלפיא.

אב. זוסמאן האט אונז געהאלפען זאמלען און שרייבען די קאפיטלאך וועגען דער ארבייטער באוועגונג און דעם ארבייטער רינג. מערי גרינבערג האט אונז צוגעשטעלט דעם מאטעריאל וועגען אייניגע פרויען ארגאניזאציעס.

לאה וויינבערג האט אונז צוגעשטעלט דעם מאטעריאל וועגען דער פיאנערען פרויען ארגאניזאציע.

פראפעסאר חיים פיינמאן פארדינט אנערקענונג פאר זיין מאטעריאל וועגען דער פועלי ציון באוועגונג אין פילאדעלפיא.

מ. קוק האט אונז בייגעטראגען דעם מאטעריאל וועגען דעם אנהויב פון דעם ציוניזם אין פילאדעלפיא. (דער פארשטארבענער הלל וויכנין האט געשריבען וועגען עדווין א. פליישער.)

★

דער שטילער שותף

זאל מיר דא אויך דערלויבט ווערען צו מאכען באקאנט, אז דער שטילער שותף צו דעם דאזיגען בוך, איז דאס מאל געווען מיין ווירדיגע לעבענס באגלייטערין, בערטהא (לעווין) מאלאמוט.

דער שיקזאל האט געוואלט, אז די „אידישע וועלט" זאל אונטערגיין, פונקט ווען מיר האבען געהאלטען אינמיטען פון ארויסגעבען דאס בוך, האט זיך פשוט געפאדערט א גרויסער קרבן מצד דער פרוי מאלאמוט, און נאר א דאנק איהר דערמוטיגונג און טאקע פערזענליכע אויפאפערונגען, באזונדערס אין די חדשים, ווען איך בין געווען זעהר קראנק, איז מעגליך געווארען די דערשיינונג פון „פילאדעלפיער אידישע אנשטאלטען און זייערע פיהרער."

פיהל איך דעריבער, אז אויב איך באקום דעם קרעדיט פאר רעדאקטירען דאס בוך, פארדינט זי באמת דעם קרעדיט פאר דער ארויסגעבונג. דעריבער דערקלעהר איך איהר דא פאר א פול בארעכטיגטען שותף.

מיר באדויערען אויב דאָ און דאָרט וועט דער לייענער געפינען אַ טעות, אָבער איז דען דאָ אַ בוך וואָס זאָל באמת זיין ריין פון טעות"ן?

דאָס דאָזיגע בוך, האָפען מיר, וועט יעדענפאלס דינען דעם נייעם אָנגעקומענעם אין פילאדעלפיא צו האָבען אַ באַגריף וועגען אונזער אידיש געזעלשאפטליך לעבען, און וואָס מיר האָבען דאָ געשאפען. אפשר וועט עס אויך אמאָל דינען אלס מאטעריאל צו דער געשיכטע פון די אידען אין פילאדעלפיא. דער היסטאריקער וועט שוין אליין וויסען ווי ארויסצושיילען די יאדרע און אָפּצוואווארפען די קאָרע.

מיט אַ באזונדערען דאנק צו אונזערע חשובע בעלי בתים, אבאנענטען וואָס האָבען בייגעשטייערט מיט דער ברייטער האנט און האָבען מעגליך געמאכט דאָס בוך „אידישע אנשטאלטען און זייערע פיהרער."

א באזונדערען דאנק קומט ראבאי סיימאָן גרינבערג, פון הר ציון טעמפעל, דייוויד וועבער'ן, דזשאָזעף ס. עליקמאן, סעמועל נעצקי'ן, דזשאָזעף קאופמאן, י. טיקאצקי'ן, דזשייקאָב און היימאן בראדסקי, דזשאָזעף ליבערמאן און קורט פּאיזער פארביישטייערען מיט דער פולער האנט.

יוד לאמעד און בערטא מאלאמוט, רעדאקטאר און ארויסגעבער

אינהאלט:

ערשטער בוך

דאָס אידישע געזעלשאפטליכע לעבען אין פילאדעלפיא 3
אידען אין פילאדעלפיא פאר דער אמעריקאנער רעוואָלוציע 9
שוהלען און טעמפלען 13
קאנגרעגיישאָן מקוה ישראל 14
קאנגרעגיישאָן רודף שלום 18
בית ישראל קאנגרעגיישאָן 19
כנסת ישראל 22
קאנגרעגיישאָן בני אברהם 23
חברה אהבת אחים ניעזשינער שוהל 26
קאנגרעגיישאָן כרם ישראל 30
קאנגרעגיישאָן בני ישורון 31
חברה בני ראובן אנשי ספרד 33
הר ציון טעמפל 35
קאנגרעגיישאָן בני יהושע, ווינפיעלד 39
טעמפל דזשודעא 40
דער דראפסי קאלעדזש אין פילאדעלפיא 47
ישיבת משכן ישראל און צענטראלע תלמוד תורה 50
ישיבת אהל משה ותלמוד תורה, סטראָבערי מענשאָן 52
פעדערייש‎אָן אָוו דזשואיש טשאריטיס 54
עלאיד דזשואיש אפיל 57
הכנסת אורחים און מושב זקנים 59
אפטאון מושב זקנים 62
דאון טאון מושב זקנים 63
נאָרטהערן ליבערטיס האספיטאל 65
פילאדעלפיער רבנים און גייסטיגע פיהרער 70
הרב דוב אריה הכהן לעווינטהאל 71
דר. אברהם א. ניומאן, ראבאי 73
דר. שלמה גרינבערג, ראבאי 75
הרב אפרים אליעזר הכהן יאלעס 76
הרב מרדכי שלמה ברזל 79
אדו״מר משה צבי טווערסקי (טאָלנער רבי) 79
אדו״מר יעקב ראבינאָוויטש (מאנאסטרישטשער רבי) 80
הרב דוד שלמה נאוואסעלער 81
הרב שלום צבי שניידערמאן 83
ראַבאַי שלמה אריה לאנג 84
ראַבאַי מאיר לאסקער 84
הרב אברהם אריה פאפקא 85
ראַבאַי לואיס וואולסי 86
ראַבאַי אהרן דעקטער 86

די אידישע פילאדעלפיא מיט פערציג יאָהר צוריק 88
דזשאָסטים הארעיס סטוירן 92
דזשאָדזש לעאָפאָלד ס. גלעס 92
דזשאָדזש לואיס ע. לעווינטהאל 93
ריכטער וויליאם מ. לואיס 94
דזשוליוס הלל גרינסטאָון 96
אלבערט מ. גרינפילד 97
סעמועל ס. פליישער 98
לעסינג ראָזענוואלד 99
עלים א. גימבעל 99
סעמועל ס. פעלז 100
דייוויד סטוירן 101
אייברעהעם וו. ראָזענבאך 101
קורט פאַיזער 102
פראָפעסאָר חיים פיינמאָן 103
דייוויד וועבער 104
דזשייקאָב בראדסקי 106
אדאלף וואקס 108
יעקב ראָזענבלום 109
נייטען (ניסן) פייגען 109
דייוויד אווערבאך 110
קאנגרעסמאן לעאן סאקס 111
דזשאָזעף אָמינסקי 112
מ. מ. סילווער 113
דר. לייב סטיינבערג 115
בענדזשאמין פ. מילער 115
חיים ריקלין 116
דר. אייזיק באקמאן 117
היימאן לואיס 118
פרענק בראון 119
לאָיער אלחנן ראָזען 119
יצחק שריידער 120
ראַבאַי קלמן דוד מעט 121
משה טשערקאסקי 122
מעדזשיסטרייט דזשייקאָב דאגאל 122
קאונסילמאן לואיס שווארטץ 123
טשארלס ליפשיטץ 125
יהושע (הערמאן) לאנדאוי, ... 126
נייטען פעלדמאן 127
דייוויד פעלדמאן 127
אברהם קארסאָן 128
לואיס שופאק 129
אפרים ברוינשטיין 131

נייטען קאדראוו 133
איזידאָר קלינגהאפער 134
איזידאָר גאטליעב 134
שמואל מאלערמאן 135
רעווערענד גדליה שיינפעלד 136
גדליה ראבינאוויטץ 137
קאנטאר אהרן שטיינבערג 138
דר. חיים הערים 139
אלעקס וואלקין 140
בענדזשאמין פאול 141
דוד טרייטמאן 141
אהרן דאראף 142
ירחמיאל היימאן 142
פילאדעלפיער פסיכיאטרישער שפיטאל אין ווינפילד 143
עוזר פאָלאק 144
בילדער פון דזשאָסטים סטוירן, עלים גימבעל, לעסטער היינא,
א. מ. גרינפילד און סעם רעדביל 145
מארים וואולף 146
ברית אחים בענעפישעל אסס׳ן 148
אינדעפענדענט אָרדער ברית שלום 153
דער ארבייטער רינג אין פילאדעלפיא 156
דער אידיש נאציאָנאלער ארבייטער פארבאנד 160
בני חיים סאָשעל 163
מאטעריאל צו דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג 165
די געשיכטע פון די ערשטע יוניאָנס 167
לואיס עדוואַרד ליווי 169
דייוויד ברייען 171
יהושע חיים פערילשטיין, נייטען פערילשטיין, און הערי בלאק 172
סעמועל בלאסענשטיין 173
הרב מאיר כהן 173
יוסף סיטמאן 174
פ. מילער, חנה מילער, אדעל מילער 175
פישער מעמאריאל פארק 176
הערי קריינגעל סיווינג אסס׳ן 177
פילאדעלפיא סיווינג אסס׳ן 178
פראָגרעסיוו בענעפישעל אסס׳ן 178
דזשייקאָב טיקאצקי 180
יוסף פאול 181
סעמועל ה. דאראף 182
אב. סילווער 183
דזשאָזעף סעמועל עליקמאן 185
סעמועל פאליי 186
מעקס פיינגאָלד 187

סעמועל וועקסלער לעוויטיעס 189
יצחק וואולף איגגבער 190
חנה איגגבער 191
דר. מ. י. קאליש 191
יצחק לוי שטערן 193
מאיר וואלאוו 194
הרבנית בלומע שרה לעווינטהאל 195
דינה ע. וויינשטיין 197
מרת גאָלדע נעמיראווסקי 199
דארא סילווערסטיין 199
בעסי (ראטענשטרייך) ברוינשטיין 200
קלארא אווערבאך 201
ריבא שעסטאק 202
סאניע סאבעלמאן 202
ראוז גליידער 203
באסלאווער בענעפישעל אסס'ן 204
סמילער בענעפישעל אסס'ן 205
אכרעמאווער סאכאטשאווער פאראיין 206
קאונסיל פון אידישע ארג. פאר „ראָשען וואָר רעליף" 207
די קעפ מייקערס יוניאָן 210
פילא. אידישע פרויען אָרגאניזאציעס קאָמיטעט 212

★

צווייטער בוך

האיאס אין פילאדעלפיא 219
פרעדריק ר. מאן 221
מארעי לעווין 221
ב. רובינשטיין 223
הערי דאראף 224
א. מ. עלים 225
סענאטאר ישראל שטיפעל 227
בענדזשאמין מ. גאָלדער 228
דייוויד סופאוויטש 228
שמואל פערלאף 230
קאנגרעגיישאָן בית-אל (בילד פון ראבאי לאנג) 232
קאנגרעגיישאָן אוהב צדק 235
קאנטאר גרשון מארגאלים 237
דובער שאפירא 238
הרב משה שפירא 239
יקותיאל דוב פריעדמאן 242
דעבארא קאנסאמפטיוו סאניטאריום 243
איזראעל קאטץ 246
אסאָשיאייטעד תלמוד תורה'ם אין פילאדעלפיא 247

די אידישע פאָלק שולען אין פילאדעלפיא 250
די פועלי ציון באוועגונג אין פילאדעלפיא 253
פילאדעלפיער קאונסיל פון אידישען קאנגרעס 256
היברו ליטעראטור סאָסייעטי 257
דר. מאקס בארבאור 259
בענדזשאמין מאפאו 261
יחיאל גיטמאן 262
מאקס וויים 263
דזשיען וויים 264
דר. פ. קעסלער 265
דוד לאפידאָ 266
לואים סמאָל 266
מאקס שוסטערמאן 268
דזשעי סי. גאטמאן 269
דזשייקאָב ראליק 270
ב. קערמאן 271
מאקס ראָם 272
יהושע גרובער 272
דזשאָזעף י. בעקער 273
לאָיער אברהם האפערמאן 274
דר. בענדזשאמין ה. קעידעל 275
דזשאָזעף סילווערסטיין 275
פילא. אָקזילערי פאר דער היים פון יתומים מיידלאך אין ירושלים 276
מרים קאדראָוו 277
הערי מאף 278
פילאדעלפיא סאָשל וואָירקערס 278
הערי טראכטענבערג 279
דזשעק יוהר 280
ליידים אָקזילערי קאנג. בני יהושע, ווינפילד 280
ס. (ישעיה) הימעלשטיין 281
פיאָנערן פרויען אָרגאניזאציעס 282
די אידישע דעי נוירסערי 284
אינד. קריוואָזער בענעפישעל אסס'ן 285
דירעקטאָרי פון שוהלען און קאנגרעגיישאָנס אין פילאדעלפיא 286
אדו"מר משה'לע ליפשיטץ 289
יוסף מאגיל (מאגילניצקי) 290
מאיר מאגיל 292
היימאן בראדסקי 293
איזידאָר לאפעיר 294
יעקב ישראל בייפילד 295
ראובן אייזיקמאן 269
מ. פישער 296
וויליאם מעדזשעבאוו 297

שלמה קאופמאן (אטלאנטיק סיטי) 298
בענדזשאמין י. לייבאוו 299
דזשוליוס גרינבערג 300
לואיס לעטאפסקי 300
בענדזשאמין שענדער 301
סעמועל פריעדמאן 302
מאיר מאקאדאנסקי 302
דער בייטראג פון אונזערע זיהן צו דעם איצטיגען קאמף פאר א
דעמאָקראטישען נצחון 303
מערי גרינבערג שוועסטער ליעג 305
מערי גרינבערג 309
אסתר לאדזש 310
וו. פילא. דזשואיש קאמיוניטי צענטר 313
הר ציון 314
ראבאי דעקטער 315
נאָרטהאיסטערן בית יתומים 316
דאון טאון מושב זקנים (אויסבעסערונגען) 317
אכרעמאוער־סאכאטשאווער, באסלאוער 318
אידישע צייטונגען אין פילאדעלפיא 319
ווס. ב. ליעף 322
דזשייקאָב גינצבורג 324
הערי בערגער 325
דוד בער טירקל 326
יעקב זאמערסטיין, מ. הענרי פאטער, עה"ש 328
ב. עפלבוים 329
הלל וויכנין, עה"ש, איזראעל (עדמאנד) וויכנין 330
יוד לאמער מאלאמוט 332
עליזה גרינבלאט 333
נייטען ב. פליישער 334
דר. לעאָ (אריה ליב) קעסנער 335
אברהם גערבאָוואי 336
די פיהרער פון דעבאָרא סאנאטאריום 337
עדווין א. פליישער 338
ארטור א. פליישער 339
דר. ווס. ה. פיינשרייבער, ראבאי מארטימער י. קאָהען 340
דר. נ. וו. ווינקעלמאן 341
פראפ. ארטור וואולף 342

ישראל שאָר 343
דער אָנהויב פון ציוניזם 345
ישיבה תורה מציון, וועסט פילאדעלפיא 347
חסידיזם אין פילאדעלפיא 349
דזשאָזעף ליבערמאַן 352
דר. בערנארד טאנסקי, מיכל סילווערמאַן, מאקס עהרליך 354
איזידאָר שובין, ל. גערסאָן, דר. יצחק אונטערמאַן 356
פרענק ליפּענהאָלץ, אשר פּען 358
אליעזר שערמאַן 360
דזשייקאָב ביליקאָף 361
דר. ל. גערשענפעלד, דייוויד י. גאָלטער 362
לאָיער אב. לעווענטהאל 363
סירום לעווענטהאל, מאורים ע. לעוויק 364
סעמועל נעצקי 3 5
דזשייקאָב קאופמאַן 366
דזשייקאָב טיקאצקי 367
אדאלף וואקס 368
דייוויד ברייען 369
איד. נאציאָנאל פאָנד 370
מזרחי, געווערקשאַפטען קעמפּיין 371
פארבאנד פון ליטווישע אידען 373
דער קאָמיטעט פאר א אידישער ארמיי 374
נ. מאסקאָוויטש 375
דר. אהרן בראוו 376
אהרן יעלים, מ. חמץ 377
ש. ד. (שמואל דוד) זינגער 378
אב. (אבא יוסף זוסמאַן 379
סאָפיא קלינגהאָפער 380
לואיס גראָס, ש. (סיי) פעלדשטיין 381
א. (אהרן יוסף) קאניעווסקי 382
אברהם בעל, א. י. שייפער 383
ארבייטער רינג שול טעטיגקייט 384
לידיס וועיסט און דרעס מאכער יוניאָן 381
קלאוקמאכער יוניאָן 390
די בעקער יוניאָן 391
די ברויט סיילסמאַן יוניאָן 392
שטאָט און דיסטריקט קאָמיטעט, נאציאָנאלער ארב. פארב. 393
יהודה מאָסקאָוויטש, שרה מאסקאָוויטש, ע"ה 394
לאה אייבערעמסאַן ליפשיטץ, ע"ה 395
פון דער רעדאקציע: יוד לאַמעד און בערטא מאלאמוט 396
אינהאלט 398

★ ★ ★ ★